ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

## — ב —

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

●

מכבוד קדושת

אדמו"ר מנחם מענדל שליט"א
שניאורסאהן
מליובאַוויטש

ספר ראשון — כרך שני

**במדבר, דברים**

— הוצאה חדשה ומתוקנת עם הוספות —

הוצאה ששית

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ושתים לבריאה
הי' תהא שנת נפלאות בכל
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א

# מפתח כללי

הקדמת המו״ל ........................... III
לוח המפתחות ........................... IX

## לקוטי שיחות

במדבר ........................... 293
דברים ........................... 357

## הוספה א: שיחות

בראשית ........................... 443
שמות ........................... 487
ויקרא ........................... 539
במדבר ........................... 557
דברים ........................... 615

## הוספה ב: מכתבים

בראשית ........................... 657
שמות ........................... 665
ויקרא ........................... 678
במדבר ........................... 684
דברים ........................... 694

ב"ה.

# הקדמה

## צו דער ערשטער אויסגאַבע

מיט אינערלעכער פרייד און שבח להשי"ת גיבן מיר אַרויס דעם צווייטן באַנד פון די „לקוטי שיחות", אויף די חומשים במדבר און דברים, פון כ"ק אדמו"ר שליט"א.

דער ערשטער באַנד, אויף די חומשים בראשית, שמות און ויקרא, איז דערשינען צום זעכציקסטן יום הולדת פון כ"ק אדמו"ר שליט"א, י"א ניסן היי־יאָר.

ווי שוין געזאָגט אין דער הקדמה פון ערשטן באַנד, זיינען די דאָזיקע שיחות דערשינען צום ערשטן מאָל — אין אַ מימיאָגראַפישער פאָרם — אין איינצלנע, וועכנטלעכע קונטרסים, לויט די סדרות פון די וואָכן, אין פאַרלויף פון יאָר: חג השבועות תשי"ח — חג השבועות תשי"ט.

אַלס צוגאָב צו די דאָזיקע שיחות גיבן מיר דאָ אויך אַנדערע שיחות קודש אין אידיש פון כ"ק אדמו"ר שליט"א, — וואָס זיינען דערשינען אין מימיאָגראַף אָדער אין דרוק, — אין פאַרשידענע צייטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די פרשיות השבוע.

די אַלע שיחות זיינען פאַרצייכענונגען („הנחות") פון פאַרלעסלעכע צוהערער („חוזרים"), וואָס האָבן עס פאַרשריבן ווי זיי האָבן עס געהערט פון רבי'ן שליט"א, און הגם דער אינהאַלט פון די שיחות קודש איז ריכטיק איבערגעגעבן, זיינען עס אָבער ניט קיין ווערטערלעכע פאַרצייכענונגען. דאָס מאַכט פאַרשטענדלעך וואָס אין געוויסע ערטער אַנטשפּרעכן ניט די „הנחות" דעם פיין־געבויטן שפראַך־סגנון און דעם טיף־קלאָרן צוזאַמענבונד פון ענינים, מיט וועלכע די רייד פון כ"ק אדמו"ר שליט"א צייכענען זיך אויס, מינדלעך און שריפטלעך.

* * *

מיר גיבן דאָ אויך צו אַ צאָל בריוו פון כ"ק אדמו"ר שליט"א, וועלכע באַרירן ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פרשיות השבוע (אַ טייל פון די דאָזיקע פאַרעפנטלעכטע בריוו זיינען ניט גענומען פון זייער אָריגינאַל, נאָר פון פאַרשידענע העתקות).

אין די בריוו וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן פאַר יו"ד שבט תש"י, וואו עס ווערט דערמאָנט כ"ק אדמו"ר שליט"א, איז געמיינט כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נבג"מ זי"ע.

פאַר דעם נוצן פון די לערנער־לייענער זיינען אויך צוגעגעבן געוואָרן: אונטערן טעקסט, מראי־מקומות צו די פאַרשידן־געבראַכטע ציטאַטן און אויך קורצע דערקלערונגס־באַמערקונגען.

* * *

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר דערמאָנען אונזער חבר לדעה הרה״ח ר׳ אוריאל ב״ר אברהם צימער ז״ל (נפטר געוואָרן ט׳ כסלו תשכ״ב אין לאָנדאָן), וואָס האָט אָפּגעגעבן צייט און כוחות (צוזאַמען מיט אַנדערע פון אונזערע חברים לדעה, יבדלו לחיים טובים) צו רעדאַגירן די דאָזיקע שיחות, חכות הרבים תלוי בו.

* * *

אונזער שטאַרקסטע האָפענונג להשם יתברך, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועלן מיר זוכה זיין צום דערשיינען פון מאמרים — דרושי חסידות — און פיל אַנדערע שיחות פון כ״ק אדמו״ר שליט״א, אויף וועלכע עס וואַרטן מיט אומגעדולד טויזנטער אידן, און באַזונדערס חסידים, איבער דער גאַנצער וועלט.

כ׳ מנחם אב, ה׳תשכ״ב, ברוקלין, נ. י.

## להוצאה רביעית

אין צוזאמענהאנג מיט דעם יובל החמישים פון דער חתונה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א (י"ד כסלו תרפ"ט).

דרוקן מיר איבער די ערשטע פיר בענדער פון ,,לקוטי שיחות" וואס שוין א משך זמן זיינען זיי ניטא צו באקומען.

**ועד להפצת שיחות**

ר"ח כסלו, חודש הגאולה, ה'תשל"ט, ברוקלין, נ.י.

ב"ה.

# להוצאה החמישית

באשר ההוצאה הקודמת של ספר לקוטי שיחות חלק ב' אזלה מן השוק,

הננו מוציאים לאור בזה הוצאה חדשה, ונתתקנו בה כמה מטעויות הדפוס שנפלו בהוצאה הקודמת.

**ועד להפצת שיחות**

עשק"מ אדר ה'תשמ"ה.
ברוקלין, נ.י.

# להוצאה ששית

באשר הוצאה הקודמת של לקוטי שיחות חלק ב׳ אזלה מן השוק, ולקראת יום הבהיר ראש־חודש כסלו, הבעל״ט, הננו מוציאים לאור בזה הוצאה חדשה.

**ועד להפצת שיחות**

אדר״ח כסלו, ה׳תנש״ב (הי׳ תהא שנת נפלאות בכל)
שנת הצדי״ק לכ״ק אדמו״ר שליט״א
ברוקלין, נ.י.

# מפתח


**במדבר** ............................................ 293
מניך מצ״ע אינו כלום אבל הוא „כלי״ לחשיבות, דבר שבמנין לא בטל, קשר דכמות ואיכות ועד שריבוי כמות משנה איכות .......... ס״א
בנין המשכן במדבר דוקא ומעלת הנשים בזה .......... ס״א
ש״פ במדבר – הכנה למ״ת, זמן התעוררות באהבת ישראל ושלום ... ס״ג
ההסברה בקשר דאהבת ישראל למ״ת; פתגמי הבעש״ט, הרב המגיד ואדמו״ר הזקן בענין אהבת ישראל וחידוש דכ״א מהם .......... ס״ד

**חג השבועות** ............................................ 301
השייכות דמ״ת לחודש **השלישי** – שלום בין נפרדים, אחדות בתוך הריבוי .......... ס״א
מעלת שבועות על פסח וסוכות; ב׳ מעלות בקו האמצעי בחגה״ש ובתורה; לימוד התורה לשם התורה עצמה, גם בזמן שמצד הדין פטורים ..... ס״ה
שבועות – זמן מסוגל לחיזוק בתקנת שיעורי חת״ת .......... ס״ז
נתינת התורה במדבר דוקא – הוראה .......... ס״ח
„אם פורת רגלך על העני ועל המצוה נתקיים עליך ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך״ (דא״ז פ״ט), מעלת קב״ע .......... סכ״א

**נשא** ............................................ 311
הקשר ד„אין אדם עובר עבירה אא״כ נכנס בו רוח שטות״ לענין „כי תשטה אשתו״ דוקא

**בהעלותך** ............................................ 314
בהפטרה – „ראיתי והנה מנורת זהב כולה גו״, אלה ישראל, ענין אהבת ישראל, דרכו של אהרן ונשיאי ישראל בכלל .......... ס״א
אופן הפצת המעיינות חוצה נלמד מדרך עבודתו של אהרן המדליק את נרות המנורה; (א) הדלקה כשרה בזר (ב) הטבה בכהן דוקא (ג) מקום המנורה בהיכל – בעבודת האדם .......... 316

**שלח** ............................................ 320
הטעם שביקש משה על יהושע דוקא „י־ה יושיעך מעצת מרגלים״ ... ס״א
טעם שמצות ציצית דוקא היא זכרון על כל המצוות .......... ס״ו
פירוש הכתוב „אני ה׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארמ״צ״ – בעבודה. ס״ז

**קרח** ............................................ 326
הקשר דמצוות מתנות כהונה, „כל חלב לה׳״, לביטול טענת קרח „כי כל העדה כלם קדושים כו׳״

**חוקת** ............................................ 331
הקשר דמן למשה ענני הכבוד לאהרן ומים למרים, בעבודת האדם, וכולן חזרו בזכות משה

**בלק** ........................................ 337
"ברע שכב כארי וכלביא גו״ – גם בזמן הגלות ישראל הם כארי וכלביא ס״א
הקשר דבלעם ועמלק, לשניהם יש יחוס; בעבודת האדם: התורה עיקר וצ״ל מיוסדת על אהוי״ר ........ ס״ג
"כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו״, אבות ואמהות, ביטול טענת לבן "הבנות בנותי גו״; בעבודת האדם ........ ס״ד

**פינחס** ........................................ 342
הוראה ממסירת נפשו של פינחס "צעיר שבחבורה״ – לצעירים בדורנו . ס״א
"קנאות״ דפינחס אף שהלכה ואין מורין כן; הוראה לזמננו – בדרכי נועם . ס״ד
הטעם שחלוקת ארץ ישראל היתה בגורל דוקא ........ ס״ו

**מטות ומסעי** ........................................ 348
ההוראה ממ״ב המסעות בעבודה — הליכה תמידית ולא להתייאש גם כשנמצאים במדריגה פחותה; הקשר דפ׳ מטו״מ לבין המצרים .......... ס״ז

**דברים** ........................................ 357
פתגם ר׳ לוי יצחק מבארדיטשוב שבשבת חזון מראים לכ״א את ביהמ״ק; הקשר לענין הכניסה לארץ שהיא ירידה לכאורה לגבי דור המדבר ומ״מ היא עליה ........ ס״א
עצבות דבין המצרים אסורה בשבת; הביאור בפנימיות ........ ס״ב
הטעם שבברית בין הבתרים, תוקף אהבה עצמית, נאמר לאברהם ע״ד ד׳ הגלויות; בזמן החורבן כרובים מעורים כו׳; משל לגלות מהשפעת הרב לתלמיד; ההוראה ........ ס״ג

**ואתחנן** ........................................ 363
עניני ערי מקלט עיקרם ברוחניות (מדברת בעליונים ורומזת בתחתונים; סיפור עם אדמו״ר (רש״ב) נ״ע ע״ד גיד במוח שנתגלה כו׳); "דברי תורה קולטין״; כשם שבערי מקלט הי׳ שלט בצידי הדרכים "מקלט מקלט״ כך צ״ל ברוחניות; שליחות המל״ח; סיפור מילדים שרצו לראות חסיד

**עקב** ........................................ 371
הקשר דפ׳ עקב ל"שבעה דנחמתא״ — בפסוק "המדבר הגדול והנורא גו״; בעבודה

**ראה** ........................................ 375
סימני בהמות טהורות לא רק סימנים אלא גורמים; ביאור ענין "מפרסת פרסה״ ו"מעלה גרה״ בעבודת האדם ........ ס״א
חודש אלול כמשל המלך בשדה; ר״ת לה׳ ויאמרו לאמר אשירה ........ ס״ח

**שופטים** ........................................ 380
אלול – עיר מקלט; ובזה צ״ל "שופטים ושוטרים״, גם בחו״ל; בכ״א לפי ענינו

**תצא** ........................ 384
"כי תצא למלחמה גו' ונתנו" – **היציאה** לבד מספיקה, ועי"ז "ושבית שביו" ........ ס"א
הטעם שמברכים על "מעקה" (אף שאין מברכים על מצוה שמשום סכנה) כי "ולא תשים דמים" הוא ענין שני; בעבודה ........ ס"ב
ענין מלחמת עמלק בעבודה ........ ס"ה
ענינו של **ח"י אלול** ........ ס"ט

**תבא** ........................ 390
הוראה מ"ביכורים" בעבודת ה' ........ ס"א
טעם קריאת התוכחה לפני ר"ה וההפרש בין התוכחה שבפ' תבא והתוכחה שבפ' בחוקותי ........ ס"ב
ההפרש בין "כל דעביד רחמנא לטב עביד" ל"גם זו לטובה" ........ ס"ד
אלול – הכנה לתשרי, ר"ת שלו – תורה תפלה גמ"ח תשובה וגאולה. ס"ח
בסליחות: "לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים" ........ ס"ט

**נצבים** ........................ 398
טעם קריאת נצבים בשבת לפני ר"ה – כריתות ברית, אהבה עצמית, כולכם כאחד ........ ס"א
"יבחר לנו"; סיפור אדמו"ר הזקן ור' הלל מפאריטש ע"ד לימוד מס' "ערכין" ........ ס"ד
הקשר דאלול **לצדקה** דוקא, בגשמיות ורוחניות ........ ס"ה
סיפור אדמו"ר הצמח צדק ואדמו"ר הזקן בענין גמ"ח לפני התפלה .. ס"ז

**ראש השנה** ........................ 405
"מצות היום בשופר", צעקת בן קטן "אבא הצילני"; נקודה למטה ונקודה למעלה

**וילך (שבת שובה)** ........................ 407
בקודש הקדשים הונחו לא רק לוחות (אותיות החקיקה) אלא גם ס"ת (אותיות הכתיבה) ........ ס"א
תשובה תפלה וצדקה – בלה"ק ובלשונות הגוים, ההפרש ביניהם .... ס"ה
בקדש הקדשים ביוהכ"פ – דוקא בגדי לבן, ומזה הוראה בעבודה ... סי"א

**האזינו** ........................ 415
שמים וארץ משועבדים לישראל ........ ס"א
ההפרש בין משה וישעי' גבי שמים וארץ; הוראה בעבודה ........ ס"ב

**סוכות** ........................ 417
טעם שנק' היו"ט ע"ש הסוכה ולא הד"מ ........ ס"א
"ושאבתם גו' ממעייני הישועה"; מעלת המעיין, קשור למקור ........ ס"ה
פירוש "מי שלא ראה שמחת ביה"ש לא ראה שמחה מימיו" ........ ס"ח
הקשר דסוכות עם ר"ה, יוכ"פ וד' הימים שבינתיים ........ סט"ז
ההפרש בין ניסוך היין שהוא חובת הזבח וניסוך המים שהוא חובת היום סי"ח
פירוש סיפור הגמ' (סוכה מח, ב) "ורגמוהו כל העם באתרוגיהם" ... סכ"ו
ושמחת בחגך, שיורגש בבשר לב הגשמי ........ סל"ב

**שמע"צ ושמח"ת** ........................ 433
"קשה עלי פרידתכם" ........ ס"א
ענין הריקודים ברגלים ........ ס"ג
סיום התורה – "לעיני כל ישראל" ........ ס"ד
הקשר דלעיני כל ישראל ופ' ברכה להתחלת התורה בראשית ברא, ולשמח"ת ס"ח

# הוספות

## שיחות


**בראשית** ........................ 443
ביאור לשון אדמו״ר ריי״צ במכתבו (סה״מ תשי״א ע׳ 48) „וכעין השלמה ותוספות אור כי טוב בשבת בראשית״; בשבת זו – שלימות בכל עניני תשרי ........ ס״א
ביאור הפתגם שפ׳ בראשית היא פרשה ארוכה (במספר השנים הנכללים בה) ........ סי״ט

**נח** ........................ 452
המבול נק׳ מי נח כי לא התפלל על דורו; ההוראה

**לך לך** ........................ 453
פ׳ לך – התחלת המס״נ דאברהם, מילה, לך לך מארצך כו׳ יציאה מכל ההגבלות; בעבודה ........ ס״א
ט׳ חדשים מהסתלקות אדמו״ר ריי״צ, ענין הלידה בכלל ........ סי״א

**חיי שרה** ........................ 462
„בת ק׳ כבת כ׳ ובת כ׳ כבת ז׳״ – בעבודת האדם

**י״ט כסלו** ........................ 463
ביאור הלשון (במכתב אדמו״ר רש״ב נ״ע) ע״ד י״ט כסלו – „אור וחיות נפשנו ניתן לנו״ ........ ס״א
ענין התגלות החסידות בזמן המתאים ........ ס״י
ההתעוררות בשבת בראשית לקרב מנין יהודים לקיום התומ״צ במחשבה דיבור ומעשה עד י״ט כסלו ........ סט״ו
ההכרח והחובה בזה על כל אחד ........ סי״ט
גילוי הבעש״ט – לעורר את עם ישראל מהתעלפות ........ סכ״ב
חסידות ומוסר – עשה טוב וסור מרע ........ סכ״ח
המעלה בחסידות חב״ד דוקא ........ סל״א
פעולת החסידות בחינוך הילדים; השפעתה בבית בתורה עבודה וגמ״ח. סל״ה

**וישב** ........................ 478
התחלת הגלות – „מאלמים אלומים בתוך השדה״, והכוונה שיהי׳ „ותשתחוינה לאלומתי״; בעבודה

**חנוכה** ........................ 481
תוכן נרות חנוכה ומעלתם על נרות המקדש; היונים טמאו כל השמנים ונצחון החשמונאים; בעבודה ........ ס״א
ההפרש בין חנוכה ופורים – העלם וגילוי, שמן ויין ........ ס״ז
יסוד תומכי תמימים שיהיו התלמידים „נרות להאיר״ ........ סי״ב

**שמות** ........................ 487
שבט לוי לא נשתעבדו כי לא ויתרו על שום דבר; ההוראה בזמננו

**בא** ........................ 489
ביאור דברי השל״ה שבל חודש ניסן כראש חודש ........ ס״א
טעם השם „ראש חודש״ ולא „תחלת החודש״; מנהגי ר״ח ........ ס״ד

**יו"ד שבט** ........ 494
היארצייט הראשון; אם יש זמן לאחר מיתה ........ ס"א
קיום שליחויות בעל ההילולא ........ ס"ה
קבלת הנשיאות ........ סי"ב
סיום הש"ס במשנה, מח' ב"ש וב"ה בענין חלות דבש, ב"ש אזלי בתר מחשבה,
ולע"ל הלכה כמותם ........ סי"ד
קבלת נשיאות בחסד וברחמים ........ סט"ז
ב' אופנים בימי הילולא, מרירות ושמחה ........ סי"ח
סיפורים ע"ד אדמו"ר ריי"צ:
תוארים שכתב במכתביו ........ סכ"א
קיבל סטירה מאביו כו' ........ סכ"ב
הי' מעתיק כתבי אדמו"ר מהר"ש ........ סכ"ג
אביו אדמו"ר הרש"ב נ"ע ציוהו לפעמים להכנס לחדרו וללמוד
כמה הנהגות ........ סכ"ד
היה כותב מכתבי אביו אדמו"ר נ"ע ........ סכ"ה
היה טלפון בין חדרו לחדר אביו אדמו"ר נ"ע ........ סכ"ו
היה בביהכנ"ס דמהר"ל בפראג ........ סכ"ז
בשנת האבילות היה אומר שורות תניא אחר משניות ........ סכ"ח
אמר שבתפילות שאין אומרים תחנון אין מכים על החזה בסלח לנו. סכ"ט
פעם קנה לו אביו אדמו"ר נ"ע מתנה כו' ........ ס"ל
בענין הנחת ד' זוגות תפילין ........ סל"א
ציצית מכונה ........ סל"ב
לא דייק לומר על השל"ה „הקדוש" ........ סל"ג
סיפר מהצדיק מרוזין אודות חלום יעקב שאין משיבין על החלום... סל"ד
מעלתו של אדמו"ר הריי"צ על שאר גדולי ישראל ........ סל"ה
ביו"ד דחתי"ק בשנה לפני הפטירה – בכתב אשורי ........ סל"ו
בגמרא „בשעת פטירתו של רבי אמר כו' נר כו' במקומו כו'" ........ סל"ז
רצונו של אדמו"ר הריי"צ לנסוע לא"י ........ סמ"ד
חסיד כשבא לרבי הוא שבת אצלו ........ סמ"ה
הכל (ההסתלקות) רמוז בהמשך ההילולא ........ סמ"ו
הצעה לחזור המאמר דיום ההילולא ........ סמ"ז

**י"ג שבט** ........ 514
העתקת כתבי אדמו"ר מהר"ש (ואדנ"ע) שלא מדעתו והביאור בזה ........ ס"א
הזכרת שם הבעש"ט וכו' בהמאמר ........ ס"ד
פתגם הבעש"ט שהי' יכול לעלות השמימה כאליהו; ההפרש בין הבעש"ט
לאליהו; בעבודה ........ ס"ה
זמן תחית המתים דיחידים ........ ס"ט
תשובה בשעתא חדא ........ סיו"ד

**ט"ו בשבט** ........ 518
„האדם עץ השדה" – עושה פירות

**בשלח** ........ 519
„הם הכירוהו תחלה", מעלת עוללים ויונקים ........ ס"א
מנהג שהנהיג מהר"ל מפראג שהתינוקות יזרקו גרעינים וזרעונים לציפורים
בשבת שירה; בעבודה ........ ס"ח
ענין קרי"ס בעבודת האדם ........ סי"ד
הפטרת שבת שירה – שירת דבורה (ולא שירת דוד); מעלת נשי ובנות
ישראל ........ סי"ח

**משפטים** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 529
„ורפוא ירפא" – רשות, „והשבותו לו" – חובה; בעבודת האדם . . . . . . ס"א
פירוש הבעש"ט על „כי תראה חמור שונאך גו'" . . . . . . . . . . . . . . . ס"ה

**ויקהל־פקודי** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 532
טעם האריכות ב„ויקהל פקודי", אף שכבר נאמר בציווי – מעלת „בפועל" על „בכח"

**פורים** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 533
הוראה נצחית מפורים – „אל תבטחו בנדיבים" אלא רק בתורה ויר"ש ס"א
מצוה להרבות במתנות לאביונים, ביטוי האחדות דפורים . . . . . . . . . . ס"ט
קביעת „מגבית" בפורים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"א

**פסח** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 539
„קדש ורחץ" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"א
„מעשה בר"א כו'" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ב
„וירד מצרימה אנוס ע"פ הדיבור" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ד
פסח מצה ומרור . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"י
לשנה הבאה בירושלים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . סי"ג
ענין יצי"מ בכל יום . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . סי"ד
ניסן ותשרי, פסח ור"ה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . סט"ז
ימים אחרונים דפסח . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . סי"ז
פסח הכנה לשבועות; שייכותו לנשים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . סי"ט
חדשי הקייץ וחדשי החורף . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . סכ"א

**בהר** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 547
הוראה ממצות שמיטה, בטחון; הקשר לענין מלוה מלכה . . . . . . . . . ס"א
עוד הוראה משמיטה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ה

**ל"ג בעומר** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 553
הוראה מר' עקיבא . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ב
הוראה מתלמידיו . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ג
ענין ימי הספירה בכלל ול"ג בעומר בפרט . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ה

**במדבר** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 557
ענינו של שבט לוי; „צדיק כתמר גו' בארז גו'" . . . . . . . . . . . . . . ס"א
במנין בנ"י הכל שווים, ואעפ"כ מעלה בשבט לוי; בנינו עורבים אותנו . ס"ה

**שבועות** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 560
ענין מ"ת – חיבור מעלה ומטה; הכל מודים דבעינן לכם; יש תורה בגוים אל תאמין; קירוב בני ישראל כו' . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"א
פתגם אדמו"ר הזקן על „ועשית חג שבועות", לעשות מימות השבוע חג. ס"ו
המצוה הראשונה אחר מ"ת – „לא תעשון אתי אלקי כסף גו'" ותורת אדמו"ר הזקן בזה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ז
פירוש „מתן תורה", נותן התורה ל' הווה . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ח
הוראת אדמו"ר הריי"צ שלכ"א יהי' שיעור בגמ' לעיוני; ההוראה מזה – לימוד החסידות שייך לכ"א . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ס"ט

דוד מת בעצרת; הוראות מעניננו של דוד ........ סי"א
שמחה מיוחדת במ"ת ........ סט"ו
„בנינו עורבים אותנו" ........ סט"ז
„בנינו עורבים אותנו" — ע"פ „דרוש" ........ סי"ז
„לבית יעקב אלו הנשים"; חינוך הילדים בלי פשרות ........ סכ"ב
הנהגת הבעל תלוי באשה ........ סכ"ד
הוראה לנשי ובנות ישראל ........ סכ"ו
עוד הוראות לנשים ובנות – חלה נדה הדלקת הנר ........ סל"א
מעלת אשה על איש בצדקה ........ סל"ה

**שלח** ........ 581
טענת המרגלים „וטפינו יהיו לבז" והמענה „וטפכם אשר אמרתם גו'" – מעלת תינוקות ........ ס"א
מצות חלה; אחדות בישראל, אבל לפעמים צריך מחיצה והבדלה ..... ס"ו

**בלק** ........ 588
„כעת יאמר ליעקב גו'" – חזרת הנבואה לישראל

**י"ב תמוז** ........ 589
כל עניני הנשיא שייכים לכל הדור, וכן הגאולה ........ ס"א
שנת השלשים דהגאולה ........ ס"ד
ענין י"ב תמוז וההוראה ל„מחנה גן ישראל" ........ ס"ט
הקשר דאהבת ישראל לי"ב תמוז ........ סי"ט
דרך כוכב מיעקב, משיח וכ"א מישראל; ניצוץ משיח בכ"א; השמחה שביום הולדת ........ סכ"ב
באור קאפיטל פג אלקים אל דמי לך גו' ........ סכ"ח

**פנחס** ........ 609
„פינחס" מלא כמו „תולדות פרץ" מלא; שייכותו לגאולה העתידה ... ס"א
פינחס זה אליהו ........ ס"ג
בזהר פ' פינחס ע"ד מ' פתוח וכו'; בעבודה ........ ס"ד

**מטות** ........ 612
נדרים בארוסה ובנשואה; בעבודה

**מסעי** ........ 615
ענין המסעות והליכה מחיל אל חיל

**ואתחנן** ........ 615
פתגם אדמו"ר הזקן אודות „מלמד" לבנו, וביאור צורת אות א'

**ראה** ........ 617
„והיה המקום אשר יבחר – ירושלים"; ענין הדירה בא"י ........ ס"א
אודות עליה לארץ ישראל בזמן הזה ........ ס"ד

**אלול** ........ 622
משל מלך בשדה ........ ס"א
שייכות אלול ל„מקלט", ענין התשובה ........ ס"ב
שייכות פ' ראה — ענין שמיטה לאלול ........ סי"א
אלול – זמן לימוד הענינים המתאימים בחסידות ........ סכ"א

תצא ........................................ 632
„לא תראה חמור גו׳ בדרך גו׳ הקם תקים עמו״; בעבודה

ח״י אלול ........................................ 636
ענין ח״י אלול יום הולדת כו׳, חיות באלול ........ ס״א
י״ב ימים מח״י אלול עד ר״ה כנגד י״ב חדשי השנה ........ ס״ה

נצבים ........................................ 641
ענין אחדות ישראל

עשי״ת ........................................ 644
„אכל בי עשרה שכינתא שריא״, בפרט בעשי״ת

שמע״צ ושמח״ת ........................................ 646
קביעותם בימי ר״ה ........ ס״א
בא״י יום אחד ובחו״ל ב׳ ימים ........ ס״ד
„אתה הראת״ ........ ס״ה
מה שפועלים בר״ה במרירות פועלים בשמע״צ ושמח״ת בשמחה ........ ס״ו
תשרי חודש כללי – קרן השנה ........ סי״א

# מכתבים

בראשית ........................................ 657
התחלת התורה והבריאה – יהי אור

לך לך ........................................ 659
פירוש „לך לך גו׳״ בעבודה

וירא ........................................ 660
ע״י „ויטע אשל״, צדקה – „ויגר גו׳ בארץ פלשתים ימים רבים״, עובר על כל הגלות, ובא לתכליתו

תולדות ........................................ 660
„אברהם הוליד את יצחק״, השפעת ההורים בבנים

מקץ ........................................ 662
פירוש „ועל פיך ישק״

ויחי ........................................ 663
יעקב חי עיקר חייו במצרים

שמות ........................................ 665
ע״י תוקף דבנ״י „כן ירבה וכן יפרוץ״ / פירוש אדמו״ר הזקן במ״ש „וירא גו׳ בלבת אש מתוך הסנה״

**בא** ........ 666
משכו ידיכם מעבודה זרה

**בשלח** ........ 667
ע״ז שנזכרה בתורה מותר להזכיר; איסור לקיטת המן בשבת משום תולש

**יתרו** ........ 668
נשים קדמו לאנשים במ״ת וכן בצדקה; בעבודת האדם / תר״ך אותיות דעשה״ד כנגד תרי״ג מצות דאורייתא וז״מ ב״נ / עשרת הדברות – דברים פשוטים

**משפטים** ........ 671
„נעשה ונשמע״ / תשים לפניהם – לפנימיותם

**תרומה** ........ 673
ההוראה מבנין המשכן

**תצוה** ........ 674
פירוש מ״ש (בבעה״ט ר״פ) שלא נזכר שם משה רבינו בפ׳ זו דלא ככל התורה; למה נא׳ מזה״פ לבסוף; מתי נאמרה פ׳ תצוה (ותרומה) / להעלות נר תמיד — בעבודת ה׳

**תשא** ........ 677
מטבע של אש – כזה יתנו; בעבודה

**פ׳ פרה – החודש** ........ 677
טעם קדימת „פרה״ ל„החודש״ ברוחניות

**תזריע** ........ 678
ע״י אתערל״ת – דבר של קיימא

**אמור** ........ 679
בג׳ מקומות „להזהיר גדולים על הקטנים״ – דם, שקצים, טומאת כהנים; בעבודה / ע״ד הנ״ל ........ 680־81

**בחוקותי** ........ 682
שתהיו עמלים בתורה / סיום ספר ויקרא, קרבנות

**במדבר** ........ 684
במנין – הכל שוים

**בהעלותך** ........ 685
להדליק נר ה׳ נשמת אדם / „שבחו של אהרן שלא שינה״ ע״פ האריז״ל וביאור ע״פ חסידות / ע״פ ה׳ יחנו וע״פ יסעו

**שלח** ........ 687
עלה נעלה – כי יכול נוכל לה / טעם שילוח המרגלים

**קרח** ........ 689
השפעת הנשים על קרח ואון בן פלת / מתנות כהונה

**בלק** ........ 691
שייכות „ארי״ לקריאת שמע (ברכות יב, ב) / דרך כוכב מיעקב — ניצוץ משיח שבכ״א

**מטות** ........................................ 692
נדרים במופלא הסמוך לאיש / אם השתתפו בני לוי במלחמת מדין; בעבודה

**דברים** ........................................ 694
„רב לכם שבת גו״ בעבודה

**ואתחנן** ........................................ 695
עבר הירדן – חו״ל לגבי א״י

**ראה** ........................................ 696
פירוש הפסוק „ראה אנכי גו״ בעבודה

**תצא** ........................................ 697
פירוש הפסוק „כי תצא גו״ בעבודה

**נצבים** ........................................ 698
ערכין בעכו״ם

# לקוטי שיחות

•

# במדבר

# פרשת במדבר

א. די ערשטע מצוה פון ספר במדבר איז: שאו את ראש כל עדת בני ישראל, מען זאָל ציילן די אידן. און צוליב דעם ווערט דער גאַנצער חומש אָנגערופן אין גמרא [1]) מיטן נאָמען פקודים.

מנין (צאָל) איז אַ זאַך וואָס איז ניט פאַרבונדן און ווייזט אײַנגאַנצן ניט אָן אויף דעם תוכן פון דער זאַך וואָס ווערט געציילט, וואָרום אין מנין ציילט מען אַלעמען גלייך, אָן קיין אונטערשייד פון אַ גרעסערן מיט אַ קלענערן אין כמות אָדער אין איכות. דער גרעסערער פאַרנעמט אין מנין ניט מער ווי איין צאָל, און דער קלענערער ניט ווייניקער ווי איין צאָל. מנין ווייזט גאָר ניט אָן אויף דער חשיבות פון דער זאַך.

אויך דער תנאי פון בן עשרים, וואָס די אַלע וועלכע זײַנען אַרײַן אין דעם מנין האָבן געמוזט אַלט זײַן צוואַנציק יאָר, איז ניט קיין ענין וואָס קומט דורך השתדלות און עבודה, דאָס איז ניט פאַרבונדן מיטן מהות פון מענטשן און קומט ממילא מיט דער צײַט, ומחוסר זמן לאו כמחוסר מעשה.

היינט וויבאַלד אַז דאָס איז אַן אויסערלעכע זאַך, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט תוכן און חשיבות, איז ניט פאַרשטאַנדיק, ווי קומט עס טאַקע אַז דאָס זאָל זײַן די ערשטע און גרונט מצוה פון דעם חומש, ביז, אַז דער גאַנצער חומש ווערט אָנגערופן ספר הפקודים?

1) סוטה לו, ב.

ב. דער דין איז, אַז דבר שבמנין לא בטל [2]). ווייל ווען מען ציילט אַ זאַך, ווייזט עס אויף דער חשיבות פון איר מין. מצד דער חשיבות פון דעם מין ציילט מען יעדן איינצלנעם באַזונדער. קומט אויס, אַז כאָטש מנין דריקט ניט אויס דעם תוכן און חשיבות פון יעדן פרט לגבי דעם צווייטן פרט, דריקט ער אָבער אויס די חשיבות פון דעם גאַנצן מין לגבי אַנדערע מינים.

אין פלוג איז אָבער די דערקלערונג נאָך ניט גענוג. אמת טאַקע אַז פון דעם מנין פאַרשטייען מיר די חשיבות פון דעם גאַנצן מין, דער מנין דאָ איז דאָך אָבער ניט מער ווי אַ סימן און הוראה אויף דער חשיבות און ניט אַ סיבה — ניט אַז מצד דעם מנין ווערט די חשיבות.

דערמיט איז אויך פאַרשטאַנדיק דער חילוק [3]) פון את שדרכו לימנות (אַ זאַך וואָס ווערט שטענדיק פאַרקויפט אויפן צאָל) און כל שדרכו לימנות (אַ זאַך וואָס ווערט פאַרקויפט אויפן צאָל, אָבער ניט אַלעמאָל). אויב די מעלה אין דבר שבמנין וואָלט געווען דאָס אַליין וואָס מען ציילט עס, דאַרף דאָך ניט זײַן קיין נפקא מינה פון „את" און „כל". וואָס איז נוגע ווי עס איז אַלעמאָל, דעם מאָל האָט מען דאָך די זאַך געציילט, דאַרף זי ניט בטל ווערן. איז דאָך אַ ראי' אַז די מעלה איז

2) ערלה פרק ג משנה ז. ביצה ג, ב. ושם נסמן. יורה דעה סימן קי.
3) דאָרט.

אין דער זאך וואס זי איז בעצם א דבר חשוב, און דער מנין איז מער ניט ווי א סימן אויף חשיבות. דערפאר, בשעת א זאך ווערט אמאל געציילט אח אמאל ניט, האלט ר׳ יוחנן (און אזוי איז די הלכה) אז דאס ווערט יא בטל, ווייל די זאך אליין האט ניט גענוג חשיבות.

קומט דאך אויס, אז דער גאנצער ענין פון מנין, איז אן ענין חיצוני בלבד, היינט ווי קומט עס אז מצות המנין איז אזוי יסודות׳דיק, ביז אז דער גאנצער ספר הייסט על שם המנין — חומש הפקודים?

ג. אלע ענינים, ובפרט תורה ומצ־וות, זיינען ניט קיין צופעליקע חס ושלום, נאר בהשגחה פרטית. וואס דערפון איז מוכרח אז אויך א סימן פון א זאך, האט א שייכות צו דער זאך אליין[4].

און אזוי איז אויך אין מנין. פון דעם גופא וואס מנין איז א סימן אויף חשיבות, מוז מען זאגן, אז אויך ער אליין איז אן ענין פון חשיבות.

דאס וואס מען האט גערעדט פריער אז מנין איז ניט קיין ענין פון חשיבות, דאס איז ווי מצד עצמו, ווען ער איז ניט פארבונדן מיט א דבר חשוב, בשעת אבער דער מנין איז פארבונגדן מיט א דבר חשוב, ווערט די חשיבות פון דער זאך בעצם נמשך אויך אין דעם מנין, אז אין מנין געפינט זיך די חשיבות פון דער זאך. נאר ווי די חשיבות קומט אין דעם מנין, איז די חשיבות ניט מער ווי א חיצוניות׳דיקע.

לויט דעם וועט מען פארשטיין וואס גאנץ ספר במדבר ווערט אנגערופן חומש הפקודים, ווייל כאטש אז מצד עצמו איז מנין ניט קיין חשיבות, וויבאלד אבער אז אין דעם מנין דריקט זיך אויס די חשיבות פון דער זאך, איז שוין רעכט וואס דער גאנ־צער ספר ווערט גערופן על שם המנין, חומש הפקודים.

ד. דאס גופא דארף מען אבער פארשטיין: וויבאלד אז מנין מצד עצמו איז אן ענין חיצוני וואס איז אינגאנצן ניט פארבונדן מיטן תוכן פון דער זאך, איז מיט וואס איז ער א כלי, אז אין אים זאל זיך אויס־דריקן תוכן און חשיבות?

דאס וואלט געווען א קשיא, ווען כמות און איכות וואלטן געווען צוויי באזונדערע זאכן. דעמאלט קען חשי־בות (איכות) זיך ניט אויסדריקן אין מנין (כמות). דא רעדט זיך אבער וועגן אידן און זייערע ענינים — וואס זיי זיינען גוי אחד בארץ, כפי־רוש כ״ק אדמו״ר הזקן נ״ע[5], אז אויך בארץ, אין ענינים ארציים, דב־רים גשמיים וחומרים, מאכן זיי אחד, זיי פארבינדן כמות מיט איכות, קען זיך ביי זיי אויסדריקן איכות אויך אין כמות.

ה. מצד דער שייכות פון כמות מיט איכות זעען מיר אויך, אז בשעת עס קומט צו אין כמות, קען אויך צוקומען דורך דעם אין איכות[6].

---

4) ראה לקו״ש ח״א ע׳ 222 ואילך.

5) היום יום כז אלול ה׳תש״ג. און זע אגרת הקדש סימן ט.

6) דאס וועט זיין בעסער פארשטאנדיק על פי הענין דחצי שיעור אסור מן התורה משום דחזי לאצטרופי (יומא עד, א) ואכ״מ.

דער דין איז, ווען עס זיינען פאַראַן עשרה מישראל, איז קיין נפקא מינה ניט וואָס די איכות פון די צען איז, אויב נאָר אין כמות זיינען זיי צען, איז דאָרט שורה די שכינה, אבל בי עשרה שכינתא שריא[7]) און מען קען זאָגן אַ דבר שבקדושה, וואָס דאָס איז אַ הוספה אין איכות.

ענלעך דערצו איז דער דין לגבי זימון, בשעת עס זיינען פאַראַן דריי אידן זיינען זיי מחויב בזימון. בשעת עס זיינען פאַראַן צען, דאַרף מען זאָגן אלקינו. און עס זיינען אויך דאָ דיעות אין משנה[8]), אַז ביי הונדערט זאָל מען זאָגן ה' אלקינו, וכו'. מצד דעם שינוי אין כמות — ווערט נש־תנה אויך די איכות. ווייל כמות מיט איכות זיינען פאַרבונדן, און אין כמות שטייט איכות.

ו. אַזוי איז אויך בענין קיום המצוות. העוסק במצוה פטור מן המצ־וה[9]), אויב ער איז זיך עוסק אין וועלכע מצוה עס זאָל ניט זיין איז ער פטור אַפילו פון אַ גרויסער מצ־וה, ווי דער לשון[10]) : קלות שבקלות וחמורות שבחמורות שווין.

נאָך מער: העוסק במצוה איז פטור בשעת מעשה אויך פון תלמוד תורה, הגם אַז מצוות לגבי תורה זיינען כגוף לגבי נפש[11]), און ווי אברים לגבי הדם הוא הנפש שבאברים[12]), וואָס דאָס איז בדוגמת כמות לגבי איכות, פונדעסטוועגן בשעת ער איז עוסק אַפילו במצוה קלה, פטר'ט דאָס אים בשעת מעשה פון תלמוד תורה, ווייל ווי געזאָגט, אין כמות אַליין שטייט איכות.

ז. אַזוי געפינען מיר אויך ביי מתן תורה, ביי מתן תורה האָבן גע־מוזט זיין ששים רבוא. אויב עס וואָלט געווען חסר אחד, אַפילו ווען דער אחד וואָלט געווען דער פחות פון שבט דן, וואָלט דער אויבערשטער חס ושלום די תורה צו אידן ניט געגעבן[13]) אַפילו צו דעם גדול שב־גדולים, ווייל עס וואָלט געפעלט אין דער כמות פון ששים רבוא. ועל דרך ברכת חכם הרזים צו וועלכער עס מוז זיין די כמות פון ששים רבוא דוקא[14]).

ח. דער ענין פון פקודים אין ספר במדבר, איז דאָך אויך פאַרבונדן מיט דעם ענין פון די דגלים. וועגן דגלים דערציילט דער מדרש[15]) אַז בשעת מתן תורה, האָבן די אידן געזען די מרכבה און מחנות המלאכים, עשו־יים דגלים דגלים, התחילו מתאוים לדגלים, האָט דער אויבערשטער גע־זאָגט צו משה'ן, לך עשה אותם דג־לים כמו שנתאוו.

איז אַזוי ווי ביי מתן תורה האָט געמוזט זיין דער מספר פון ששים רבוא דוקא, אַזוי אויך ביי די דג־לים, וואָס האָבן זיך גענומען פון מתן תורה, האָט געמוזט זיין דער

---

7) סנהדרין לט, א.
8) ברכות מט, ב.
9) סוכה כה, א. סוטה מד, ב.
10) ילקוט שמעוני נ"ך רמז תתקלז.
11) זע תניא פרק כג.
12) לקוטי תורה במדבר יג, א.

13) מכילתא יתרו פ"ג. ילקוט שמעוני רמז רפ.
14) ברכות נח, א. און דאָרט אין פירוש רש"י.
15) במדבר רבה פרשה ב, ג.

מספר ווערכן מען האָט דערביי געדאַרפט האָבן, וכמאמר רז״ל[16] אַז דער מספר פון דגל מחנה יהודה איז ווי דער מספר המלאכים שבמחנה מיכאל וכו׳. און דורך דער כמות דוקא — האָט זיך אויפגעטאָן די איכות.

ט. די הוראה פון דעם איז:

עס איז איצט אַ צייט וואָס די כמות איז מער נוגע ווי די איכות. במילא דאַרף מען איצטער זען אַריינ־ברענגען וואָס מער אידן בדגלי ומחנה ישראל, ניט קוקנדיק אויף זייער מצב אין איכות, און ווען עס וועט צוקומען אין כמות וועט במילא סוף סוף צוקומען אויך אין איכות.

בתחילה איז ניט אַזוי נוגע ווי טיף, איכות׳דיק מען וועט אין זיי אויפטאָן. עס איז בעיקר נוגע דער עצם ענין וואָס מען וועט אַריינ־ברענגען אידן אין מחנה ישראל, ווי דער אַלטער רבי איז מפרש[17] דעם מאמר רז״ל אכל בי עשרה שכינתא שריא, אַז אויך ווען זיי זיינען זיך ניט עוסק בדברי תורה, וויבאַלד אַז עס געפינען זיך עשרה מישראל, איז שכינתא שריא. און אַזוי אויך אין דעם ענין: דאָס אַליין וואָס עס וועט זיין אַ גרעסערע כמות במחנה ישראל, וועט זיך אויפטאָן אויך אין איכות, און עס וועט זיך אויספירן די כוונה פון נתאוה הקב״ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים.

י. מען דאַרף אָבער וויסן אַז — ומבשרך לא תתעלם. די הכנה צו מתן תורה איז ניט נאָר עבודה מיט דעם זולת נאָר אויך עבודה מיט זיך. עס שטייט דאָך אין מדרש[18] אַז בשעת מתן תורה לא היו חרשים ולא סומים אָדער אַנדערע בעלי מו־מים רחמנא לצלן, אַלע זיינען אויס־געהיילט געוואָרן. מען דאַרף וויסן אַז קומען צו מתן תורה דאַרף מען מיט אַלע אברים גאַנצע, אָן קיינע מומים.

בנוגע דעם זולת, דאַרף מען זיך ניט אָפּשרעקן וועגן די איכות בלתי רצוי׳, מען דאַרף מקרב זיין יעדן אידן. ווי עס איז געווען ביי מתן תורה, ויחן לשון יחיד כולם כאחד. בנוגע צו זיך, אָבער, דאַרף מען וויסן דעם חשבון וואו מען האַלט. אויב עס איז דאָ אַ פגם, דאַרף מען אים מתקן זיין, מתקן זיין דעם חוש הראי׳, דעם חוש השמיעה וכו׳.

(משיחת ש״פ במדבר, תשי״ד)

יא. איינער פון די ענינים פון די סדרות במדבר און נשא, איז דער געמיינזאַמער ענין — ווענן דעם משכן אין מדבר און ווענן די פליכטן וועל־כע זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין צו־זאַמענהאַנג מיטן ברענגען דעם משכן פון אָרט צו אָרט.

דאָס אונטערשטרייכט, אַז אַפילו ווען אידן געפינען זיך אין אַ מדבר האָבן זיי דעם כוח אויפצושטעלן אַ מקום קדוש, אַ משכן, פאַר דער ג־טלעכער שכינה צו רוען צווישן אידן בכלל און אין יעדן אידן בפרט.

---

16) זהר חלק ג, קנד, א. ושם.

17) אגרת הקדש סימן כג.

18) במדבר רבה פ״ז, א. מכילתא יתרו פ״ט (געברענגט אין רש״י שמות כ, טו). ילקוט שמעוני יתרו רמז ש.

פונקט ווי עס איז פאַראַן אַ מדבר אין אַ קערפּערלעכן זין — אַ וויס־טעניש, וואו עס הערשן עקסטרעמע קלימאַטישע עלעמענטן און אַלערליי מזיקים, אַזוי איז אויך פאַראַן אַ גייסטיקער מדבר, וואו עס הערשן די שעדלעכסטע גייסטיקע אידייען, און דאָס קען אויך זיין אין אַ לאַנד וואָס איז אין גשמיות אַ בליענדי־קער גאָרטן.

לערנט אונז די תורה הקדושה, אַז געפינענדיק זיך אין אַ גייסטיקן מד־בר, קען מען, ובמילא — דאַרף מען און מוז מען אויפשטעלן אַ מקדש, טראָגן עס און גיין פאָראויס אין די ג־טלעכע שכינה טריט, ביז מען קומט צו דער ג־ט־געבענטשטער היי־ליקער לאַנד, צו דער אמת׳ער און פולער גאולה על ידי משיח צדקנו.

יב. דאָס איז אַן אָנווייזונג פאַר אַלע אידן, אָבער באַזונדער פאַר אי־דישע פרויען, וואָרום עס איז דאָך באַוואוסט, אַז ביים בויען דעם משכן האָבן זיך די פרויען אָפּגערופן די ערשטע, נאָך פריער פאַר די מענער.

אין דעם גייסטיקן מדבר פון גע־וויסע קרייזן וואָס עס הערשט ביי זיי אַ ווינסטעניש און פוסטקייט אין אידישקייט בכלל, שוין אָפּגערעדט פון חסידישן סדר לעבן בפרט, האָבן פרויען דעם גרויסן און אייביקן זכות צו זיין צווישן די ערשטע אין אויפ־שטעלן אַ משכן לו יתברך.

ספּעציעל דאַרף מען געדענקען די נויטווענדיקייט אָפּצוגעבן זיך אויך מיט די גאָר יונגע קינדערלעך, וואָ־רום, ווי מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז מען הויבט אָן דערציען אַ קינד אין אַ געוויסער ריכטונג פון גאַנץ פרי אָן — איז מען געזיכערט מיט פיל מער הצלחה און מיט גרעסערע און בעסערע פירות.

(אויסצוג פון א בריף צו נשי ובנות חב״ד, מוצש״ק במדבר, תשי״ז)

יג. היום הוא — שבת מברכים החודש בו זמן מתן תורתנו, ובמילא — גם התחלת ההכנה למתן התורה וקבלת התורה.

ההכנה והכלי למתן התורה — הם השלום והאחדות. וכדרשת רז״ל במכילתא הובא בפירש״י[18*]: ויחן שם ישראל, כאיש אחד בלב אחד. ובילקוט: בקש הקב״ה ליתן תורה לישראל בשעה שיצאו ממצרים והיו חלוקים אלו על אלו כו׳ כשבאו לסיני הושוו כולם אגודה אחת כו׳ אמר הקב״ה התורה כולה שלום ולמי אני נותנה לאומה שהיא אוהבת שלום.

השלום והאחדות דהכנה למתן תורה צריכים להיות בעניני תורה ומצות, וכלשון הכתוב: ויחן שם ישראל (ל׳ יחיד, באחדות. ובמה ובשביל מה —) נגד ההר[19] (ועניננו[20]), התורה ומצותי׳).

ואף שעל ידי השלום יכולים לפעול מה שרוצים, וכמו שנאמר חבור עצבים אפרים הנח לו, וכדרז״ל[21] ע״פ זה, וכמו שע״י שהי׳ — שפה אחת ודברים אחדים, הרי — לא יבצר מהם כל אשר יזמו לעשות,

---

*18) יתרו יט, ב.

19) זע רשב״ם שם: נגד ההר, הנזכר למעלה, תעבדון את האלקים על ההר הזה.

20) זע שמות רבה פ״ב, ד. ופנ״א, ח — שמפרש כל השמות של ההר — בתורה ומצוות.

21) בראשית רבה פל״ח, און זע אויך אין זהר ס״פ נח.

הנה מלבד שאז השלום אין לו קיום, הרי לא זו הדרך להכריח, כביכול ההשפעות מלמעלה, ובפרט כשהמבוקש הוא מתן התורה והקב"ה כביכול, אנא נפשי כתבית יהבית[22]), פנימיות ולא מקיף[23]), אשר זה אי אפשר כי אם ע"י שהנשמות מושרשות בעצמות — וכמבואר בענין במי נמלך בנשמותיהם של צדיקים — הרי צ"ל האחדות בענין של תומ"צ, היינו שהתנועה שלו באהבת ישראל תתבטא ביחוד בהשתדלותו לקרבם לתורה.

ועל של פועל באתי:

בהימים אשר מעתה ועד חג השבועות בבקר — זמן מתן תורה דכללות השנה (נוסף על ענין מתן התורה שבכל יום בפרט, וכל' הברכה[24]) נותן התורה — ל' הווה) — ובפרט בזמן שמקהילים קהלות — בימי השבת —

צריך להודיע לבאר ולהסביר לאיש ולאשה הישראלים שהשפעתו עליהם, אשר בזמן זה ביחוד חובתם וזכותם להשתדל ביתר שאת ויתר עז בהענין דאהבת ישראל (נוסף על החיוב והזכות שבזה בכל יום בפרט. וידוע מש"כ רבנו[25]) בסידורו, שתיקנו לכל, ושווה הוא לכל נפש: נכון לומר קודם התפלה הריני מקבל עלי מ"ע של ואהבת לרעך כמוך).

להסביר את הנ"ל איך שאהבת ישראל היא הכנה למתן תורה וקבלתה.

ולהודיע ולהסביר את מאמרו של רבנו הזקן „ואהבת לרעך כמוך הוא כלי לואהבת את הוי' אלקיך" — ונמצאו אהבת השם אהבת התורה ואהבת ישראל — כולא חד.

צריך לפרסם מאמר הרב המגיד[26]) „דע מה למעלה ממך, פי' דע כל מה שלמעלה הכל הוא ממך", בכל אחד ואחד תלוי הדבר, וכמרז"ל[27]) אשר יראה האדם את העולם שקול, ובפעולה אחת שלו יכול להכריעו אם לכף זכות או כו' — וכן בנידון דידן, הנה בפעולה אחת יכול להכריע ולפעול מתן התורה.

ובפרט בפעולה של שלום ואהבת ישראל, אשר הבעש"ט קבע זה לאחד מיסודות תורת החסידות[28]), שעל ידי זה כוללם הוא עצמו עם הזולת ויוצא מגדר יחיד.

והוא הכנה לקבלת התורה, שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם[29]), בעולם גדול ובעולם קטן — זה האדם, לעשות שלום בין הנברא והבורא[30]).

כל אחד צריך לדבר ולפרסם את כהנ"ל, ובפרט — אלו הדורשים ונואמים ברבים במשך ימים האלו.

---

22) שבת קה, א ועל פי מש"כ בתניא פרק מז.

23) במש"כ לעיל יעויין תניא פרק לב. תורה אור ס"פ נח. תורת חיים ולקו"ת לג"פ שם (אוה"ת נח (כרך ג) תרסז, א. שם כרך ו, תתרסה, א ואילך).

24) לקוטי תורה דברים פא, ג. אויך דאָרט מו, ב.

25) ויעויין הלשון בפרי עץ חיים שער עולם העשי' פ"א. אין סידור האריז"ל.

26) אור תורה — אויף אגדות חז"ל קרוב לסופו (בהוצאת קה"ת – קיב, ב).

27) קדושין מ, ב. רמב"ם הלכות תשובה פרק ג הלכה ד.

28) זע שיחת ח"י אלול תש"א, ושיחת ב' אדר תש"ה.

29) רמב"ם סוף הלכות חנוכה. און זע אויך ספרי נשא ו, כו.

30) זע סנהדרין צט, ב. לקוטי תורה ס"פ מטות.

ואז יש להיות בטוחים, אשר, בתוך כלל ישראל, נזכה כולנו — כלשון ברכת כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע — לקבלת התורה בשמחה ובפנימיות.

(קטע מקוצר משיחת ש.מבה"ח סיון, תשי"ג)

יד. דעם טעם, וואָס צו קבלת התורה פאַדערט זיך די הקדמה פון אהבת ישראל, וועט מען פאַרשטיין מיט נאָך אַ דערקלערונג, פאַרוואָס צו מתן תורה האָט געדאַרפט זיין דער מספר פון ששים רבוא, אַלע גלייך, אָן אונטערשייד פון איינעם מיטן צווייטן.

די פאַרשידנקייט פון איין איד מיט אַ צווייטן, איז נאָר אין כחות פרטים. מצד עצם הנשמה זיינען אַלע גלייך.

דערפאַר זיינען בשעת מתן תורה, וואָס דאַן האָט דער אויבערשטער כביכול פאַרבונדן זיין עצמות, אנכי, מיטן עצם פון אידן, און מצד העצם איז הנשמות מתאימות ואב אחד לכולנה [31], — דערפאַר זיינען געוועזן אַלע ששים רבוא אידן גלייך.

לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין דעם טעם, וואָס די הכנה צו קבלת התורה איז אהבת ישראל, ווייל דורך וואָס רופט מען אַרויס די עצם הנשמה — דורך אהבת ישראל, ווי וויטער דערקלערט.

טו. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט איבערגעזאָגט אַ תורה פון בעש"ט וועגן דעם ענין פון אהבת ישראל אויך צו אנשים פשוטים:

תפלין דמארי עלמא מאי כתיב בהו, ומי כעמך כישראל גוי אחד בארץ [32], אידן זיינען דעם אויבערשטנס תפלין. אין תפלין איז פאַראַן תפלין של יד און תפילין של ראש.ביידע זיינען אַ מצוה און מחוייב בברכה — צי איין ברכה צי צוויי, לויט די פאַרשידענע דעות — און הנחת תפילין של יד איז קודם להנחת תפילין של ראש. אַזוי אויך אין תפילין דמארי עלמא, זיינען תפילין של יד — מארי עובדין טבין (אנשים פשוטים מקיימי מצוות) — קודם צו תפילין של ראש — מארי השגה (לומדים ויודעי תורה).

די תורה האָט אַרויסגערופן ביי אַ סך אידן אהבת ישראל אויך צו אנשים פשוטים, וואָרום מארי עובדין טבין זיינען נאָך העכער פון מארי השגה, ווי עס ווערט דערקלערט אין פיל ערטער, אַז אין אנשים פשוטים ווערט נתגלה פשיטות העצמות.

טז. הרב הצדיק ר' זוסיא האָט דערציילט [33]) דעם אַלטן רבי'ן וואָס ער האָט געהערט פון זיין ברודער הרב הצדיק ר' אלימלך, אַז ביי דעם מגיד זיינען געוועזן משמרות פון תלמידים וואָס האָבן אים משמש געווען. אַמאָל, אין מיין משמרה — דערציילט ר' אלימלך — האָט מיר גערופן דער מגיד און געזאָגט: הערסט, מלך, וואָס מען זאָגט אין מתיבתא דרקיע, אַז אהבת ישראל איז, ליב האָבן אַ רשע גמור אַזוי ווי אַ צדיק גמור [34]).

דער וואָרט פון מגיד איז אַן אויפטו אויף דעם וואָרט פון בעש"ט. דער בעש"ט האָט גערעדט נאָר וועגן

31) תניא פרק לב.
32) ברכות ו, א.
33) ספר השיחות קיץ ת"ש ע' 116.
34) להעיר מתומר דבורה פרק ב.

אנשים פשוטים. דער מגיד האָט אויפ־געטאָן, אַז מען דאַרף האָלט האָבן אויך אַ רשע גמור, און נאָך מער, די אהבה צו אַ רשע גמור דאַרף זיין די זעלבע ווי צו אַ צדיק גמור.

יז. דער אַלטער רבי זאָגט, אַז אהבת ישראל איז למגדול ועד קטן, אַן אהבה ווי ביי אחים ממש, וואָס דאָס איז אַן אהבה עצמית [35]. און דאָס מיינט ואהבת לרעך כמוך — כמוך ממש. אַזוי ווי כמוך, אהבת עצמו, איז דאָך אַן אהבה עצמית, ניט מצד חשבונות, וואָס דערפאַר איז דאָך על כל פשעים תכסה אהבה, ד. ה. אַז אַפילו בשעת ער אַליין אַנערקענט אַז דאָס זיינען פשעים (וואָ־רום עס איז באופן כזה אַז אַפילו מצד זיין אהבה קען ער זיך ניט נאַרן און איינריידן אַז דאָס זיינען ניט קיין פשעים), פונדעסטוועגן תכסה אהבה, ווייל די אהבה דערלאַנגט אין אַזאַ טיפן אָרט אין נפש, וואָס די פשעים רירן ניט אָן, אַזוי דאַרף זיין אויך די אהבה לרעך.

— בכדי אַרויסצורופן די אהבה, דאַרף מען טאַקע האָבן התבוננות (כדלהלן). אָבער דורך התבוננות, קומט מען צו צו אַן אהבה עצמית שלמעלה מהשכל —

ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז די אהבה צו אַ צווייטן זאָל זיין אַן אהבה עצמית ווי צו זיך אַליין — יענער איז דאָך פאַרט ניט ער?

זיינען אין דעם פאַראַן צוויי הסב־רות:

א) אהבת ישראל, אהבת התורה און אהבת ה׳ זיינען כולא חד. אהבת ה׳, ביי אידן, איז דאָך אַן אהבה עצמית, וואָרום בנים אתם לה׳ אל־קיכם, און אַ זון מיט זיין פאָטער זיי־נען איין עצם, במילא איז אויך אהבת ישראל, וואָס קומט מצד אהבת ה׳, אוהב מה שהאהוב אוהב, אַן אהבה עצמית [36]).

ב) נאָך טיפער: אַלע אידן זיינען איין זאַך. עס איז איין עצם וואָס קומט אַראָפּ אין יעדן פון די פאַר־שידענע חלקים [37]), איז דאָך דאָס ניט קיין אהבה צו יענעם נאָר צו זיך אַליין.

יח. קען מען זאָגן בדרך אפשר אַז אין דעם וואָרט פון אַלטן רבי׳ן איז דאָ אַן הוספה אויף דעם וואָרט פון מגיד. דער וואָרט אַז מען דאַרף ליב האָבן אַ רשע גמור אַזוי ווי אַ צדיק גמור, איז נאָך אַלץ מצד פאַרשטאַנד און אָפּגעמאָסטנקייט.

און די ראי׳ איז פון דעם אַליין וואָס מען גייט אַריין אין חילוקי דרגות און מען זאָגט אַז מען דאַרף ליב האָבן אַזוי ווי אַ צדיק גמור.

אהבת כמוך אָבער איז ניט קיין אָפּגעמאָסטענע, דאָס האָט ער ליב זיך אַליין, זיין עצם. און אַזוי איז אויך די אהבה פון אחים ממש.

יט. לויט דעם איז פאַרשטאַנדיק די שייכות פון אהבת ישראל צו מתן תורה, ווייל דורך אהבת ישר־אל, ויחן כאיש אחד, אַן התחלקות,

35) זע תניא פרק לב.

36) קובץ מכתבים וועגן תהלים זאָגן ע׳ 192. אג״ק שלו ח״ב ע׳ תקכד.

37) ראה לקמן ע׳ 435 ואילך.

רופט מען אַרויס די עצם הנשמה, (וואָס אַלע אידן זיינען איין עצם כנ״ל), און דורך דעם קען מען נע־מען כביכול דעם אנא נפשי — עצם פון דעם אויבערשטן, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן — דורך תורה — צו דעם עצם פון אידן.

(משיחת חגה״ש, תשי״ג)

# חג השבועות

א. מתן תורה איז געווען אין חו־דש סיון, חודש השלישי. דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז תורה איז פאַרבונדן מיט „שלישי". וואָרום אויסער דעם וואָס אַלץ, ובפרט די ענינים פון תורה ומצוות, איז בהשגחה פרטית, געפינען מיר דעם פאַרבונד פון חודש השלישי מיט מתן תורה מפורש אין דברי רז״ל [1]), אוריין תליתאי לעם תליתאי בירחא תליתאי.

איז ניט פאַרשטאַנדיק, וואָס איז די מעלה אין חודש „שלישי" דוקא, ובפרט אַז דער גאַנצער ענין פון תורה איז דאָך צו ממשיך און מגלה זיין אין וועלט דעם הוי׳ אחד, דורך תורה אחת, איז דאָך די מעלה פון תורה אין אחדות, ניט אין שלשה?

נאָך מער: די שייכות פון חודש השלישי איז בעיקר צו תורה, ווי דער לשון רז״ל, אוריין תליתאי כו׳ בירחא תליתאי.

מצוות זיינען געווען אויך פאַר מתן תורה, ווי די מצוות בני נח, מצות מילה און די מצוות שנצטוו במרה. און כאָטש זיי זיינען אַלע ניט גלייך אַפילו צו די זעלבע מצוות ווי זיי זיינען געגעבן געוואָרן בסיני [2]), אָבער דער ענין פון מצוות בכלל על כל פנים איז געווען אויך פריער. דער עיקר אויפטו פון חג השבועות שבחו־דש השלישי איז געווען — מתן תורה.

די מעלה פון תורה אויף מצוות ווערט דערקלערט אין תניא [3]), אַז דורך מצוות ווערט מען אַ מרכבה צו אלקות, וואָס מרכבה איז בטל צום רוכב, אָבער זי איז ניט איין זאַך מיטן רוכב; דורך תורה אָבער ווערט מען פאַראייניקט ממש מיט דעם אויבערשטן.

לויט דעם איז נאָך מער ניט פאַר־שטאַנדיק, ווי קומט עס וואָס תורה דורך וועלכער מען ווערט איין זאַך מיטן אויבערשטן, איז געגעבן גע־וואָרן בחודש השלישי דוקא?

ב. די דערקלערונג דערפון איז:

דער תכלית איז טאַקע אחדות און ניט שניות חס ושלום. ווען אָבער איז די אחדות אַן אמת׳ע און אויס־געפּרוּווטע אחדות, בעת מען ווייסט

---

1) שבת פח, א.

2) זע פירוש המשניות להרמב״ם חולין סוף פרק ז: ושים לבך על העיקר הגדול כו׳.

3) פרק כג ובהערות הצמח צדק שם. און זע אויך דאָרט פרק ד ופרק ה.

פון נאָך אַ מציאות און פונדעסט־וועגן האַלט מען ביי אחדות אמי־תית. אויב מען ווייסט אינגאַנצן ניט פון קיין אַנדער מציאות — איז נאָך קיין ראי׳ ניט אַז די אחדות ביי וועלכער מען האַלט איז אַן אמת׳ע, מען ווייסט נאָך ניט וואָס וועט מיט אים זיין ווען ער וועט זיך דער־וויסן פון אַ צווייטער מציאות.

ווי עס איז באַוואוסט דער משל וועגן ענין ירידת הנשמה למטה, פון אַ בן מלך וואָס מען וויל אויספּרואוון ווי שטאַרק ער איז פאַרבונדן צום מלך, נעמט מען אים צו פון דעם היכל המלך און מען פירט אים אַוועק אין אַ ווייטן אָרט צווישן נידעריקע מענטשן, און ווען אויך דאָרטן פירט ער זיך אויף ווי אַ בן מלך, זעט מען, אַז ער איז באמת צוגעבונדן צו זיין טאַטן, דעם מלך.

און אַזוי אויך ביי דעם ענין. ווען ער קומט אין אַן אָרט פון שניות, ער באַגעגנט זיך מיט אַ פאַרקערטן ענין און דאָך שטערט דאָס אים ניט צו אחדות, דאַן זעט מען אַז ער איז באמת מיוחד.

אין דעם גופא זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) ער איז מבטל די מציאות ההפכית, ער רעכנט זיך מיט איר לגמרי ניט. ב) ער מאַכט די מציאות גופא אַ כלי צו אחדות.

די אחדות אין צווייטן אופן איז אַ טיפערע, אַן אמת׳ערע. בשעת מען איז נאָר מבטל די מציאות ההפכית, איז נאָך דאָ אַ מציאות וואָס איז סותר און מנגד צו אחדות, מער ניט וואָס מען רעכנט זיך ניט מיט איר. ווען אָבער די אחדות דרינגט דורך אויף אַזויפיל אַז יעדער מציאות ווערט אַליין אַ כלי צו אחדות, דאַן איז עס אמת׳ע אחדות.

ג. די אויבנדערמאָנטע דריי תנועות זיינען אין די דריי חדשים, ניסן, אייר און סיון [4].

ניסן איז חודש הראשון. אין ניסן איז יציאת מצרים, שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב״ה, אַ גילוי מלמעלה, וואָס האָט קיין שייכות ניט צו מטה. כי ברח העם, מען אַנט־לויפט פון אַלץ און מען קלעפּט זיך צו אלקות.

אייר איז חודש השני. דעם גאַנצן חודש ציילט מען ספירת העומר, — בירור המדות דנפש הבהמית. מען האָט צו טאָן מיט מטה — שניות — און מען איז דאָס מברר. די מציאות איז אָבער נאָך אַלץ אַ מציאות, ניט אלקות. דאָס איז אויך דער רמז אין דעם נאָמען פון חודש — אייר, ראשי תיבות: אברהם יצחק יעקב רחל, ד׳ רגלי המרכבה, וואָס דער ענין המרכבה איז נאָר ביטול צום רוכב, ניט יחוד.

סיון איז דער חודש פון מתן תורה, חודש השלישי. מען נעמט די צוויי, מעלה און מטה, און מען מאַכט פון זיי אַ דריטן ענין, וואָס איז העכער פון זיי ביידע — אמיתית היחוד וההתכללות באלקות.

ד. און דערפאַר איז תורה גע־געבן געוואָרן בחודש השלישי, ווייל דער ענין פון תורה איז יחוד. בעת מען איז מקיים אַ מצוה איז מען טאַקע מבטל די אייגענע מציאות צו־

---

4) זע אויך לקו״ש ח״א ע׳ 274־276.

ליב דער מצוה, מען ווערט אָבער ניט איין זאַך מיט איר. אָבער אין תורה, ווערט דער שכל פון מענטשן פאַראייניקט[6]) מיט דער חכמה און דעם רצון פונעם אויבערשטן. און דאָס איז דער ענין פון "שלישי", ער נעמט זיין שכל מיט חכמתו של הקב"ה כביכול, און פון זייביידן מאַכט ער אַ דריטע זאַך — כולא חד.

דאָס איז אויך וואָס משה קיבל תורה מסיני. מצוות זיינען געגעבן געוואָרן אויך במרה, אָבער תורה מסי־ני דוקא. ווייל דער ענין פון סיני איז דמכיך מכל טוריא (וואָס ער איז נידעריקער פון אַלע בערג), יחוד ב' ההפכים[7]), און דער יחוד איז נתגלה געוואָרן אין תורה דוקא.

(משיחות ש"פ בה"ב, תשח"י)

ה. עס שטייט אין זוהר[7]) אַז חג השבועות איז העכער פון אַלע ימים־טובים. וואָס דערפאַר איז ער אינ־מיטן, צווישן פסח און סוכות, ווייל ער איז אמצעיתא דכולא. תורה איז די נקודה התיכונה פון אַלע ענינים.

דאָס וואָס שבועות איז ניט מער ווי איין טאָג, ניט ווי פסח און סוכות וועלכע זיינען זיבן און אַכט טעג, איז ניט ווייל דער יום טוב איז אַ קלענערער, נאָר אדרבה, דער יום אחד פון חג השבועות טוט אויף דעם ענין פון ומי כעמך כישראל גוי אחד בארץ.

דאָס איז ווי פריער געזאָגט, אַז אמיתית ענין האחדות איז אין תורה שניתנה בחודש השלישי דוקא.

ו. אין קו האמצעי זיינען פאַראַן צוויי מעלות: א) קו האמצעי איז משו־בח פון די אַנדערע צוויי קוים, אַזוי ווי מיר געפינען אין גמרא[8]): רב באמצע גדול מימינו וקטן משמאלו. ב) קו האמצעי איז דער שורש אויף אַלע קוים, וואָרום קו האמצעי עולה עד הכתר, שורש ומקור לכל הספירות.

אַזוי זיינען אויך אין דעם אמצעי פון חג השבועות פאַראַן ביידע מע־לות: א) חג השבועות איז העכער פון אַנדערע ימים טובים. ב) שבו־עות איז געגעבן געוואָרן די תורה, אין וועלכער עס שטייען אַלע מועדים.

ווי געדעדט פריער, איז דער עיקר ענין פון חג השבועות — תורה. די מעלה פון לימוד התורה אויף קיום המצוות איז אין ביידע ענינים הנ"ל: א) מצות תלמוד תורה איז גרעסער פון אַלע מצוות, כמאמר רז"ל[9]): ותלמוד תורה כנגד כולם. ב) תלמוד תורה איז דער שורש וואָס ברענגט אַלע מצוות, כמאמר רז"ל[10]): גדול תלמוד שמביא לידי מעשה.

ז. די דערקלערונג אין דעם איז: תרי"ג מצוות זיינען כנגד תרי"ג אברים. רמ"ח מצוות עשה כנגד רמ"ח אברים און שס"ה מצוות לא תעשה כנגד שס"ה גידים[11]). תורה איז מוחין, און פונקט ווי די מעלה פון מוחין

---

5) זע תניא פרק ה: והוא יחוד וכו'.
6) זע אויך לקו"ש דאָרט עמוד 283.
7) חלק ג צו, א, עיין שם באריכות. זע אויך הוספות לתורה אור ס"פ יתרו.
8) יומא לז, א.
9) פאה פרק א משנה א.
10) קידושין מ, ב.
11) זהר חלק א קע, ב.

אויף אַלע אברים איז אַ צווייע־
דיקע: א) דער חיות פון מוחין איז
העכער פון דעם חיות וואָס אין אַלע
איבעריקע אברים. ב) אין מוח איז
כלול אויך דער חיות וואָס אין אַלע
אברים און ער איז אויף זיי אַ שרש[12].
אַזוי איז אויך די מעלה פון תורה
אויף די אַנדערע מצוות, ווי אויבן
דערקלערט.

ח. נאָך אַ מעלה איז דאָ אין קו
האמצעי, שעולה עד פנימיות ועצמות
הכתר, העכער פון שורש ומקור הספי־
רות שבכתר.

אַזוי איז אויך אין תורה אַז אוי־
סער די דערמאָנטע מעלות — וואָס
זי ברענגט צו מעשה המצוות און
איז גרעסער פון אַלע מצוות —
וואָס דאָס זיינען מעלות אין מצות
תלמוד תורה, איז אויך פאַראַן אַ
מעלה אין תורה מצד עצמה, וואָס
זי איז חכמתו של הקב"ה, ואהי'
אצלו אמון גו'[13].

וואָס דאָס איז אויך דער אמת'ער
ענין פון לימוד התורה לשמה, כפשט
הלשון — לשם התורה עצמה. אַפילו
ניט צוליב וויסן ווי זיך צו פירן,
אויך ניט צוליב קיום מצות לימוד
התורה, נאָר לערנען תורה צוליב
תורה אַליין.

על דרך משל אַ קינד וואָס האָט
אַ צייט ניט געזען זיין פאָטער, רופט
ער אים, און בעת ער דערזעט אים,
כאַפּט ער זיך אַרום מיט זיין פאָ־
טער דעם מלך, און האַלזט און קושט
אים, וואָס דאָס איז ניט צוליב דער
תועלת וואָס ער וועט פון אים האָבן,
נאָר צוליב דעם פאָטער אַליין.

אַזוי איז אויך אַ איד, ווען נאָר
ער האָט אַ ליידיקע מינוט, וואָס
ער קען אַריינכאַפּן את אביו המלך
דורך תורה, כמאמר רז"ל[14]: אותי
אתם לוקחים, טראַכט ער ניט בשעת
מעשה וועגן קיין זאַך, ניט וועגן
לידע את המעשה, ניט וועגן קיום
מצות תלמוד תורה. ער כאַפּט זיך
אָן אין תורה אַליין, ווייל אורייתא
וקודשא בריך הוא כולא חד[15].

ט. לויט דעם וועט מען אויך פאַר־
שטיין וואָס עס שטייט אין גמרא[16],
הלל מחייב עניים ור' אלעזר בן
חרסום מחייב עשירים. אויב עס וועלן
קומען עניים און עשירים און טע־
נה'ן אַז זיי האָבן ניט געלערנט מצד
הטרדא, וועט מען זיי ברענגען אַ
ראי' פון הלל און ר' אלעזר בן
חרסום.

אין פלוג, ממה נפשך, אויב דאָס
איז אַ פאַלשע פאַרענטפערונג, און
באמת האָבן זיי געהאַט צייט צו
לערנען, דאַרף מען דאָך ניט אָנ־
קומען צו הלל און ר' אלעזר בן
חרסום, עס איז דאָך אַ בפירוש'ער
ציווי[17]: והגית בו יומם ולילה. אויב
עס איז געווען איין ווילע וואָס ער
האָט געקענט לערנען און ניט גע־
לערנט איז ער דאָך בכלל כי דבר
ה' בזה גו'[18]; און אויב זיי האָבן

12) תניא פרק נא.
13) זע לקוטי תורה במדבר יב, א און ווייטער.

14) שמות רבה פל"ג, ו (בשינוי לשון). תניא פרק מז.
15) תניא פרק כג בשם הזהר.
16) יומא לה, ב.
17) יהושע א, ח.
18) במדבר טו, לא. סנהדרין צט, א.

טאַקע באמת ניט געהאַט קיין צייט אויף לערנען, ווי קען מען זיי מחייב זיין ?

איז דאָך אַ ראי' דערפון אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט וואָס מצד הדין, מצד קיום מצות תלמוד תורה, איז מען פטור, און פונדעסטוועגן צו־ליב דעם קאָך און געשמאַק וואָס דאַרף זיין אין תורה, וואָס אורייתא וקודשא בריך כולא חד, כאַפּט מען זיך צו צו דער תורה אויך ווען על־פי דין איז מען פטור.

י. און דאָס איז אויך דער טעם וואָס תורה ווערט אָנגערופן אמת, כמאמר רז״ל [19]), אין אמת אלא תורה.

דער ענין פון אמת איז וואָס עס האָט ניט קיין הפסק. דאָס וואָס האָט אַ הפסק איז ניט אמת, כידוע [20]) בענין נהרות המכזבין. אמת איז — תכון לעד [21]).

וואָס דאָס איז אויך מרומז אין די אותיות א׳ מ׳ ת׳, ווי עס שטייט אין ירושלמי [22]), אַז א׳ איז תחלת האותיות, מ׳ — אמצעית האותיות, און ת׳ — סוף האותיות, און דער ענין פון אמת איז, אַז אומעטום, ביים אָנהויב, אין מיטן און צום סוף, איז ער גלייך.

און דעריבער ווערט תורה אָנגע־רופן אמת, ווייל זי האָט ניט קיינע הגבלות. מצוות זיינען באַגרענעצט אין צייט און אָרט. אויך מצות תלמוד תורה האָט אירע הגבלות הזמן (די וועלכע זיינען טרוד אין זייערע גע־שעפטן על פי תורה — זיינען פטור פון לימוד התורה אין דער צייט וואָס זיי מוזן האָבן פאַרן עסק, ווי עס ווערן דערקלערט די פרטי דינים פון דעם אין שולחן ערוך הלכות תלמוד תורה) והמקום (וואָס אין מקומות המטונפים טאָר מען ניט לערנען). אָבער תורה אַליין האָט קיי־נע הגבלות ניט, ניט פון זמן און ניט פון מקום (ווי עס שטייט אין גמרא [23]) : לאונסו שאני).

יא. בנוגע לפועל איז — מען דאַרף האַלטן אין איין לערנען תורה.

ניט לערנען צוליב יוצא זיין פאַרן שולחן ערוך (און סוף כל סוף ברענגט עס צו מאַכן אַ חשבון אַז על פי שולחן ערוך קען ער יוצא זיין מיט פרק א׳ שחרית ופרק א׳ ערבית). ווארום אויסער דעם וואָס מען דאַרף וויסן צי זיין חשבון האַלט טאַקע אויס על פי שולחן ערוך, וואָרום עס קען זיין אַז ער האָט גאָר מע־רער צייט, ובמילא איז ער אויך על פי שולחן ערוך מחוייב מער, אויסער דעם, אַפילו אויב עס איז אַזוי ווי ער האַלט, איז אָבער מצד דעם געשמאַק און קאָך אין תורה, דאַרף מען האַלטן אין איין לערנען.

אויך ניט מאַכן קיין חשבונות, אַז דער גדול תלמוד איז דאָך לידע את המעשה, איז בעת אַז עס וועט קומען צו אים אַ שאלה וועט ער זיך אָוועקזעצן און דורכטאָן דעם דין פון דעם מקור אין חומש מיט דער גמרא און אַלע ראשונים און אחרונים ביז דעם אַלטן רבי׳נס שול־חן ערוך, אָבער בשעת אַז למעשה

---

19) ברכות ה, ב.

20) פרה פרק ח משנה ט.

21) משלי יב, יט. זע אויך תניא פרק יג.

22) סנהדרין פ״א ה״א.

23) קידושין לג, א.

איז עס ניט נוגע לערנט ער ביט — דאַרף מען וויסן, אַז דער עיקר ענין פון תורה איז תורה צוליב תורה, און מען דאַרף האַלטן אין איין לערנען תורה יעדע רגע, און יגדיל תורה ויאדיר.

יב. לויט דעם אַלעמען, ווערט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק צווישן תורה און מצוות לגבי קטנים.

פון אַלע מצוות זיינען קטנים פטור. עס איז דאָ אַ מצוה מצד חובת חינוך, אָבער די מצוה איז נאָר מדברי סופרים[24], און די מצוה איז אויפן פאָטער, ניט אויפן קטן.

אָבער ביי תורה שטייט[25] „מצות עשה מן התורה על האב ללמד את בנו הקטן תורה", עס איז דאָ אַ חיוב אויך אויפן בן אַז ער איז „חייב ללמוד את עצמו כשיכיר"[26].

דער טעם אויף דעם: מצוות זיינען בהגבלה. אָבער תורה, וואָס זי איז בלי גבול, איז ביי אַלע אידן.

יג. דערפאַר האָט מען ביי מתן תורה געפאָדערט די ערבות פון בנים[27], ביי די מצוות שנצטוו במרה האָט מען קיין ערבות ניט געדאַרפט און דוקא ביי מתן תורה האָט מען געפאָדערט ערבות.

לויט דעם ווערט עס זיין פאַרשטאַנדיק: דער עיקר ענין פון מתן תורה איז ניט נתינת המצוות, נאָר נתינת התורה, וואָס איר חיוב איז אויך אויף קטנים, און וויבאַלד אַז אויך קטנים זיינען מחויב בלימוד התורה, שטייט די מעלה אין זיי דוקא[28], ווי ער פירט דאָרט אויס אין מדרש: מפי עוללים ויונקים יסדת עוז.

יד. און דאָס איז דער ענין וואָס תורה איז „אמת". אמת איז פון אל״ף ביז תי״ו, פון די העכסטע מדריגות ביז די נידעריקסטע. פון איין זייט זאָגט מען אַז תורה איז עומק רום, העכער פון לידע את המעשה, העכער פון ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט עשי'; פון דער צווייטער זייט איז דאָ תורה אויך אין עומק תחת ביז קטנים שפטורים מן כל המצוות.

טו. דאָס איז אויך אַ הסבר אויף דערויף וואָס מיר געפינען דעם לשון „יגדיל תורה ויאדיר" אין צוויי קצוות הפכיים.

אין איין אָרט[29] שטייט דער לשון לגבי מלמדי תינוקות — אַז דערביי גייט ניט אָן קיין השגת גבול, וויל יגדיל תורה ויאדיר. דאָס איז דאָך אַן אופן פון ראשית תחלת הלימוד, עומק תחת.

אין אַ צווייטן אָרט[30] רעדט זיך עס לגבי סימני דג טהור. זאָגט די גמרא, כל שיש לו קשקשת יש לו סנפיר, און צוליב וואָס שטייט אויך סנפיר — צוליב יגדיל תורה ויאדיר. דאָ רעדט מען שוין וועגן אַן ענין פון תורה מצד עצמה, העכער פון לידע את המעשה.

---

24) זע שולחן ערוך לאדמו״ר הזקן אורח חיים סימן שמ״ג. תניא הקדמה לחלק ב. ואכ״מ.

25) לשון רבנו הזקן בשלחנו פרק א מהלכות תלמוד תורה ס״א.

26) רמב״ם הלכות תלמוד תורה פרק א ה״ג. זע פסקי דינים להצ״צ דאָרט.

27) שיר השירים רבה פ' א' ד, א.

28) זע אויך לקו״ש ח״א ע' 110.

29) רמב״ם הלכות ת״ת פרק ב הלכה ז.

30) חולין סו, ב.

און אין אַלערליי אופנים אין לימוד התורה, פון דעם העכסטן אופן ביז דעם נידעריקסטן, זאָגט מען „יגדיל תורה ויאדיר" און „אותי אתם לוקחים".

דאָס איז אויך וואָס עס שטייט: קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, ואין אמת אלא תורה, אַז אין אַלערליי אופנים, לכל אשר יקראוהו, מיט אמת וואָס דאָס איז תורה, איז קרוב ה', נעמט מען עצמות, וואָרום העצם — כשאתה תופס במקצת מן העצם אתה תופס בכולו [31], דער עצם איז אומעטום דער זעלבער.

טז. דער אויבערשטער זאָל געבן, מען זאָל טאָן אין לימוד התורה, אין אַלערליי אופנים, און אין זיי אַלע באופן פון יגדיל תורה ויאדיר, וואָס דורך דעם וועט זיין די הולדה וואָס קומט פון יום חתונתו זה מתן תורה — בדומה לעצמותו יתברך, און מען וועט דורכטאָן דעם בנין העולם [32], מען וועט מאַכן פון דעם מטה, און דורך דעם מטה אויך פון דעם מעלה, אַ דירה לו יתברך.

* * *

יז. שבועות איז אַ זמן מסוגל צו שטאַרקן זיך אין אָפּהיטן די תקנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר בלימוד השיעורים, חומש תהלים און תניא בכל יום. חומש: אַלע טאָג אַ פרשה חומש מיט פירש"י: זונטיק — ביז שני, מאָנטיק — ביז שלישי, א. א. וו. תהלים: אַלע טאָג נאָכן דאַווענען אין דערפרי אַ שיעור אין תהלים ווי ער איז איינגעטיילט לויט די טעג פון חודש. — אין „לבוש" שטייט וועגן זאָגן תהלים פאַרן דאַווענען, אָבער דאָס איז נאָך אַן ענין. די תקנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר איז, צו זאָגן דעם יום תהלים נאָכן דאַווענען [33]). — תניא: אַלע טאָג אַ שיעור אין תניא כפי שנחלק לימי השנה [34]).

חומש איז דאָך געגעבן געוואָרן בחג השבועות דורך משה רבינו.

תהלים איז דאָך שייך צו דוד המלך, וואָס שבועות איז זיין יום הולדת ויום ההילולא [35]).

און תניא איז דאָך שייך צום בעל שם טוב (וואָרום גילוי תורת הבעש"ט איז דורך חסידות חב"ד און דורך תניא בפרט, וכידוע [36]) הרמז אין דער הסכמה פון תניא, „וכעת ישמח ישראל בהגלות דברי קדשו"), וואָס שבועות איז דער יום ההילולא פון בעל שם טוב.

איז דאָך איצטער אַ זמן מסוגל זיך צו שטאַרקן אין די שיעורים, וואָס זיי זיינען שוים לכל נפש, נוסף אויף דער התחזקות אין שיעורים בתורה בכלל, כל חד לפום שיעורא דיליה, וואָס אויך אויף דערויף איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, פּאַסיק דער זמן פון חג השבועות, זמן מתן תורתנו, גאַנץ תורה, אויך כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש.

און דורך שמירת התקנה פון די שיעורים הנ"ל, וועט זיין דער

31) מאמר הבעש"ט — געבראַכט אין ד"ה השמים כסאי תרס"ח (בהמשך תרס"ו ע' תקכב).

32) שת"ח נק' בנאין כו' וענין ההולדה והבנין בכלל — נתבאר בהשיחה בארוכה — ואכ"מ.

33) זע אויך ספר המאמרים תש"ח ע' 264 בהערה.

34) נדפס במורה שיעור.

35) ירושלמי הובא בתוס' ד"ה אף עצרת, חגיגה יז, א.

36) לקוטי דבורים ח"א סא, א.

„חתת"[ז] (ראשי תיבות ח'ומש ת'ה־לים ת'ניא) אלקים על הערים", און עס וועט זיין דער „ויסעו", אז מען וועט פארן מתוך מנוחה אין ארץ ישראל בגאולה השלימה והאמיתית, ווי מען האט געזאגט צו יעקב אבינו נסעה ונלכה, וואס אזוי וועט דאך טאקע זיין במהרה בימינו, ועלו מושי־עים בהר ציון לשפוט את הר עשו, אז דורך לימוד התורה וקיום המצ־וות, און די אפהיטונג פון די אויבנ־דערמאנטע תקנות, וועט מען ממשיך זיין משיח צדקנו למטה מעשרה טפ־חים במהרה בימינו.

(משיחת חגה"ש, תשח"י)

יח. דער טעם אויף דעם וואס די תורה איז געגעבן געווארן אין מדבר איז צו ווייזן אז אזוי ווי א מדבר איז א מקום הפקר, אן א בעל הבית, אזוי איז אויך אויף תורה ניטא קיין בעל הבית און יעדער איד איז שייך צו תורה, און ווען ער לערנט תורה ווערט די תורה זיינע.

פארוואס איז אבער די תורה געגעבן געווארן אין א מדבר ארץ צי' ועיף בלי מים, אן קליידער, אן עסן, און אפילו אן וואסער, ווי עס שטייט אז די קליידער זיינען מיט־געוואקסן מיט די אידן אין מדבר, געגעסן האבן זיי דעם מן און וואסער האט זיי דער אויבערשטער גע־געבן פון א שטיין; ווייל דארט אין מדבר איז ניט געווען קיין זאך — איז פארוואס האט מען געגעבן די תורה דוקא אין אזא וויסטן מדבר?

אין א משל פון תורה זיינען דאך אלע זיינע פרטים מכוון צום נמשל. מוז מען דאך זאגן אז די אלע פר־טים וואס זיינען געווען אין דעם מדבר האבן א שייכות צו מתן תורה. דער אויבנדערמאנטער טעם איז דאך נאר אויף דעם פרט פון מקום הפקר, ניט אויף די אנדערע פרטים.

יט. ווען עס קומט צו לימוד התורה, טענה'ט מען, אז עס זיינען דא פאר־שידענע מניעות, וואס שטערן צום לערנען. מען שטעלט צו פארשידענע טענות און משונה'דיקע פארענטפע־רונגען.

ווען מען מאנט פון א בעל עסק ער זאל קובע זיין עתים לתורה, טענה'ט ער אז ניט דאס איז זיין ענין. ער איז א בעל עסק און זיין ענין איז צו געבן צדקה און ענלע־כע עניניס, אבער ניט צו לערנען תורה.

ער וויסט, אז דער ענין פון א בעל עסק איז צו אפרייסן זיך אין מיטן עסק און דאווענען מנחה, און ווי באוואוסט אז דאס איז די מעלה פון תפלת המנחה, ביז אז אויך*[37] אלי' לא נענה אלא בתפלת המנחה, האט ער דאך שוין זייער א גרויסן ענין, איז פארוואס יאגט מען אים צו לימוד התורה דוקא?

ווען מען מאנט ביי אים ער זאל לערנען א פרשה חומש מיט רש"י, ווער רעדט נאך דעם שיעור תניא — טענה'ט ער, חסידות מאנט דאך עבודה בסדר והדרגה, איז פריער וועט ער אפטאן בשלימות אלע זיי־נע עניניס, ביז תפלת מנחה, אזוי ווי אלי' הנביא, און נאכהער וועט ער גיין העכער. ער זאגט זיך ניט אפ חס ושלום פון לערנען חומש

37) זע שיחת יום ב' דחה"ש תרצ"ו (סה"ש תרצ"ו ע' 145).

*37) ברכות ו, ב.

מיט רש״י אָדער תניא, אָבער אַלץ מיט דער צייט, לכשיפנה פון זיינע ענינים, מיט אַ סדר.

אַזוי אויך אַ יושב אוהל, אַז מען מאָנט ביי אים כל עצמותי תאמרנה, לא ימיש וגו׳ א. ד. גל. — זאָגט ער זיך ניט אָפּ פון דעם, נאָר ער טענה׳ט אַז ער דאַרף האָבן דערצו הכנות, פריער דאַרף ער זיך אויסשלאָפן, וועט ער האָבן אַ רואיקע קאָפּ, ער דאַרף זיך אָפּהיטן, עסן אידעלע מאכלים וכו׳,

— אין אלשיך [38] שטייט (ועל דרך זה בשו״ת הרמב״ם) אַז ווען מען עסט אידעלע מאכלים אידלט עס אויס די קאָפּ —

און נאָך דעם אַלעם וועט ער זיך זעצן לערנען.

כ. אויף דערויף איז די הוראה פון נתינת התורה אין מדבר ארץ צי׳ ועיף בלי מים, אַז בנוגע צו תורה דאַרף מען זיך איינגאַנצן פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטן.

פונקט ווי צו מתן תורה זיינען די אידן אַרויס פון מצרים אין אַ מדבר בארץ לא זרועה, ניט ווייסנדיק ווי און מיט וואָס זיי וועלן אויסקומען, — דעם מן האָבן זיי געהאַט בזכות משה, דעם עמוד הענן בזכות אהרן, און וואַסער בזכות מרים [39]). זיי האָבן זיך גערדאַרפט פאַרלאָזן אויף אַ זכות פון דריי צדיקים, און דוקא דאַן זיינען זיי געוועזן גרייט צו קבלת התורה.

דאָס איז אַ הוראה אויך איצטער פאַר אונז, אַז מען דאַרף זיך זעצן לערנען תורה און פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטן, און דאַן וועט דער אויבערשטער געבן כל המצטרך בגשמיות וברוחניות.

(משיחת חגה״ש, תש״א)

כא. עס שטייט [40]) אם פורת רגלך על העני ועל המצוה נתקיים עליך ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך.

דיוק הלשון אין דברי רז״ל דאַרף האָבן ביאור:

א) על העני מיינט דאָך צדקה, איז וואָס זאָגט ער על העני ועל המצוה, צי דען איז מצות צדקה ניט בכלל המצוה? אדרבה, צדקה רופט מען בכל תלמוד ירושלמי סתם מצוה [41]).

לכאורה איז ער דאָ מרמז אַז צדקה איז ווי כללות כל המצוות, שקולה כנגד כל המצוות. אָבער דאָס שטייט דאָך בפירוש אין ש״ס, וואָס דאַרף ער דאָס זאָגן דאָ ברמז?

ב) אויף רגלים פאַסט דער לשון הליכה אָדער ריצה. וואָס איז דאָ דער לשון פורת?

כב. דער גוף האדם ווערט פאַנאַנדערגעטיילט בכלל אין דריי טיילן, ראש, גוף און רגל. בפרטיות, טיילט ער זיך אין רמ״ח אברים.

אַזוי איז אויך אין מצוות, אַז בפרטיות טיילן זיי זיך אין רמ״ח מצוות עשה,

— אין ספר חרדים טיילט ער פאַנאַנדער די מצוות לויט די אברים, יעדער מצוה צו וועלכן אבר זי איז שייך —

38) דניאל א, ה.

39) תענית ט, א.

40) דרך ארץ זוטא פרק ט.

41) תניא פרק לז.

ובכללות טיילן זיי זיך אין דריי: מצוות וועלכע זיינען פארבונדן מיטן פארשטאנד, ווי ידיעת גדולת הבורא, תלמוד תורה וכו׳ — ראש. מצוות וועלכע זיינען פארבונדן מיטן געפיל פון הארץ, ווי אהבת ה׳, יראת ה׳, און אהבת ישראל — גוף. און מצוות מעשיות וועלכע זיינען פארבונדן, בעיקר, מיט קבלת עול — רגל.

פארשטאנד און געפיל זיינען באגרענעצט. אויך דער קבלת עול וואס קומט דורך השגה און הרגש, ד. ה. פארשטיין און פילן אז מען דארף מקבל זיין עול מלכות שמים, איז עס אויך באגרענעצט. אבער קבלת עול ווי דאס איז בעצם, איז בלי גבול.

און דאס מיינט פזרת רגלך, פזרת מיינט — צעשפרייטונג, אומבאגרענעצט. ווען און וואו קען זיין „פזרת״, בלי־גבול, — אין „רגלך״, קבלת עול, רייגער „רגל״ (רגל שברגל) ווי ער איז ניט פארבונדן מיט מוח ולב. ווען רגל איז פארבונדן מיט מוח ולב, קען זיין אין דערויף הילוך, העכסטנס, ריצה. בשעת אבער עס איז רגלך בעצם דעמאלט איז „פזרת״ — בלי־גבול.

כג. ווי קען אבער א מענטש, א בר דעת, פועל׳ן ביי זיך צו אוועקלייגן זיין שכל והרגש און שטיין אין א תנועה פון פזרת רגלך?

אויף דעם זאגט ער ווייטער — „על העני״. ער זאל זיך מתבונן זיין אין זיין מעמד ומצב, וועט ער דאן זען, אז ער איז אן עני, ער איז ארעם בדעת, ובמילא האט ער ניט וואס צו רעכענען זיך מיט זיין שכל, ועל דרך זה מיט הרגש הלב, און ער וועט פועל׳ן ביי זיך דעם פזרת רגלך, על המצוה בכלל ועל מצוה סתם — מצות הצדקה בפרט. ער וועט לויפן מיט די פיס, אן קיינע חשבונות, צוליב געבן א אידן צדקה בגשמיות און צדקה ברוחניות.

כד. דער שכר אויף דערויף איז: ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך. בבואך מיינט די אתערותא דלעילא וואס קומט פאר דער עבודה און איז א נתינת כוח אויף איר, בצאתך מיינט די אתערותא דלעילא וואס קומט נאך די אתערותא דלתתא.

איז אין דערויף דא דער „ברוך״, אז די אתערותא דלעילא זאל זיין א סך העכער ווי כפי ערך עבודתו. ד. ה. אז נאך זיין הארעווען און אין אן אופן פון „פזרת״, בלי־גבול, גיט מען אים א סך מער ווי לויט זיין הארעוואניע, ווארום באתר שלים (שלימות העבודה) — קודשא בריך הוא שריא[43]).

כה. אין דרשת רז״ל הנ״ל יוצאת מידי פשוטה: די אלע וואס האבן מקיים געווען בפועל „פזרת רגלך״, וואס זיינען געגאנגען אין דער תהלוכה א מרחק פון כמה שעות, וואס אין דער צייט האבן זיי דאך געקענט זיצן במנוחה און זיך עוסק זיין מיט זייערע ענינים און פונדעסטוועגן זיינען זיי געגאנגען אין אן אופן פון פזרת צוליב משפיע זיין לעני ברוחניות, — זאל ביי זיי זיין דער ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך, בבוראך ובצאתך פון יעדן טאג, פון יעדער וואך, פון יעדן חודש און פון

43) עיין לקוטי תורה שה״ש כד, א בענין ג׳ דרגות באתערותא דלעילא.

יעדן יאָר, און אויך בבואך ובצאתך פון זייער עבודה, אַ ברכה בבואך, בנתינת הכוח מלמעלה צו מצליח זיין אין זייער אַרבעט במילוי השליחות וואוהין זיי גייען, און אַ ברכה בצא־תך, אַז נאָך דער עבודה אין זייער שליחות, זאָלן זיי זען פרי טוב בעו־מלם, עולמך תראה בחייך[44], און מצליח זיין בעניניהם הפרטים — אין לימוד התורה און אין קיום המצוות בהידור ובעבודת התפלה, וואָס די עבודת התפלה איז דער חוט השדרה פון אַלע ענינים[45], און אויך ברכה בכל המצטרך להם בכל עני־ניהם הגשמיים.

(משיחת חגה״ש, תשח״י)

# פרשת נשא

א. אין דעם מאמר באתי לגני[1] פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, איז ער מבאר דעם ענין פון שטות דלעומת זה, און ברענגט אַ ראי׳ פון דעם וואָס עס שטייט כי תשטה אשתו[2].

בכלל איז אין חסידות יעדער זאַך אויסגערעכנט, און אַז מען ברענגט אַ ראי׳ פון אַ פסוק, איז דאָס ניט אויף צו ווייזן בקיאות, נאָר דאָס איז אַ באַוויז, אַז דער פסוק האָט אַ שייכות צו דעם ענין.

לכאורה איז די שייכות פון פסוק כי תשטה אשתו צו דעם ענין פון שטות דלעומת זה (וואָס אויף דעם ענין ברענגט ער אַ ראי׳ פון פסוק), פאַרשטאַנדיק אין פשטות, וואָרום די דרשת רז״ל[3] אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, איז פון פסוק כי תשטה אשתו.

אָבער באמת דאַרף מען דאָס גופא פאַרשטיין, וואָרום עס זיינען דאָך פאַראַן אַ סך מאמרי רז״ל וואָס מען ברענגט ניט אויף זיי קיין ראיות פון פסוק. מה מען זאָגן, אַז דער פסוק כי תשטה האָט אַ באַזונדערע שייכות צו דעם ענין פון אין אדם עובר עבירה כו׳, דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די שייכות.

נאָך מער איז ניט מובן — עס איז דאָך: יש בכלל מאתים מנה[4], אָבער בכלל מנה איז ניטאָ קיין מאַ־תים. במילא, בשעת מען וויל ברענ־גען אַ ראי׳ אַז אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, וואָס דאָס איז ניט דוקא קיין האַר־בע עבירה וואָס מען איז חייב אויף איר כרת, נאָר יעדע עבירה, אַפילו אַ דקדוק קל של דברי סופרים[5] און אַפילו דער ענין פון קדש עצמך במותר לך[6], וואָרום אין תניא[7] ווערט דערקלערט דער טעם אויף דעם, ווייל ער איז עובר אויף דעם רצון העליון, און דאָס איז דאָך אויך אין קדש עצמך במותר לך, איז פאַר־וואָס ברענגט מען אַ ראי׳ פון דעם

44) ברכות יז, א.

45) לקוטי תורה פ׳ בלק (ע, ד).

1) הַשי״ת סעיף ג.

2) במדבר ה, יב.

3) סוטה ג, א.

4) בבא קמא עד, א. בבא בתרא מא, ב.

5) יבמות כ, א. נדה יב, א.

6) יבמות דאָרט.

7) פרק כד.

וואס עס שטייט כי תשטה אשתו, אַ האַרבע עבירה, עס איז דאָך אין בכלל מנה מאתים?

ב. די שייכות פון אין אדם עובר עבירה צו כי תשטה אשתו איז אין צוויי ענינים:

א) דער דין פון כי תשטה גו׳ איז ביי אַן אשת איש, און דוקא אַן אשת איש ווערט מיט דער ביאה אַ זונה[8], אָבער ניט אַ פנוי׳ (הגם רבי אליעזר האַלט אַז אַפילו פנוי הבא על הפנוי׳ עשאה זונה, דאָס איז אָבער מער ניט ווי אַ דעת יחיד, און די הלכה איז ניט אַזוי[9]), ד. ה. אַז דער טעם פאַרוואָס די עבירה איז אויף אַזוי פיל נוגע איז ווייל זי איז אַן אשת איש. און אַזוי איז אויך אין דעם ענין פון אין אדם עובר עבירה כו׳, וואָס דורך דעם ווערט ער דאָך אַ נפרד פון אלקות, איז דער טעם וואָס יעדער עבירה, אַפילו אַן עבירה קלה איז אויף אַזוי פיל נוגע, ווייל אידן זיינען דעם אויבערשטנס אשה, ווי וויטער דערקלערט.

עס שטייט אין זוהר[10]) אַז אַ פילוסוף האָט געפרעגט ביי ר׳ אלעזר׳ן, וויבאַלד אַז אידן זיינען דער עם המובחר, פאַרוואָס זיינען זיי שוואַכער פון אַלע פעלקער? האָט ר׳ אלעזר געענטפערט, אַז היא הנותנת: וויבאַלד זיי זיינען דער מובחר פון אַלעמען, קאָנען זיי ניט סובל זיין קיין פסולת, אַזוי ווי שקצים ורמשים, אין רוחניות, ובמילא קאָנען זיי דאָס ניט סובל זיין אויך אין גשמיות.

— און דאָס איז אַזוי ווי מען האָט גערעדט (אין מאמר[11]), אַז כאָטש ביי אומות העולם איז דאָס וואָס קרו לי׳ אלקא דאלקיא, הייסט ניט קיין מרידה[12]), אָבער ביי אידן, וויבאַלד זיי זיינען העכער, דערפאַר איז מיט יעדער עבירה קלה ווערט ער אַ נפרד בתכלית, אָפּגעטיילט אינגאַנצן פון ג־טלעכקייט, מערער ווי קליפה וסטרא אחרא —

אידן זיינען געגליכן געוואָרן צו לב[13]). און אַזוי ווי די האַרץ, ווייל זי איז דער מובחר פון אַלע אברים, קאָן זי ניט סובל זיין קיין פסולת, אַפילו דקה מן הדקה, אַזוי זיינען אויך אידן.

דערמיט וועלן מיר פאַרשטיין די שייכות פון כי תשטה צו אין אדם עובר עבירה כו׳.

אידן זיינען דעם אויבערשטנס אשה. דער אויבערשטער איז דער בעל און אידן זיינען די אשה, און דאָס איז אין אַלע זמנים, אויך בזמן הגלות. — די נפקא מינה פון איצטער ביז לעתיד איז, אַז איצטער איז דער אויבערשטער: „בעל", און לעתיד: „איש" — ווי ער זאָגט אין פסוק (אַן ענטפער[14]) אויף דעם וואָס די אידן האָבן גע׳טענה׳ט, אַז דער אויבערשטער האָט דאָך זיי אָפּגעג׳גט, ומה לבעל על אשתו לאחר גירושין:

8) זע לקוטי תורה במדבר נג, ג.

9) יבמות סא, ב. רמב״ם הלכות איסורי ביאה פרק יח הלכה ב.

10) חלק ג רכא, א.

11) ד״ה באתי לגני תשי״ג (בסה״מ באתי לגני ח״א וסה״מ מלוקט ח״א).

12) רמ״א או״ח סקנ״ו און זע מים רבים תשי״ז (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נב) און אין הערה דאָרט.

13) זע זהר חלק ג רכא, רע״ב. כוזרי מאמר ב אות לו. אגרת הקדש סימן לא.

14) ישעי׳ ג, א. סנהדרין קה, א.

אי זה ספר כריתות אמכם אשר שלח־תי׳ גו׳, ווארום להחליפם באומה אח־רת חס ושלום אי אפשר[15]). ובמילא — עס שטייט דאך, איזוהי אשה כשרה העושה רצון בעלה[16]), איז דערפאר נוגע יעדער עבירה, ווארום אפילו אז מען איז עובר אויף א רצון קל, וואס אין דעם גייט אריין אויך קדש עצמך במותר לך, איז מען ניט עושה רצון הבעל, ובמילא איז מען ניט קיין אשה כשרה.

דערפאר איז בשעת מען וויל דער־קלערן, אז מיט יעדער עבירה ווערט מען א נפרד בתכלית, און אז אפילו דברים המותרים זיינען אויך נוגע, ברענגט מען דעם פסוק כי תשטה אשתו, ווארום דאס איז ניט סתם קיין ראי׳, נאר עס איז א דערקלע־רונג: פארוואס איז אויך אן עבירה קלה אזוי שטארק נוגע, ווײלע די נשמה, דער נפש הבהמית, דער נפש הטבעית און דער גוף זיינען דעם אויבערשטנס אשה, ואיזוהי אשה כש־רה העושה רצון בעלה, דערפאר איז נוגע אפילו א רצון קל.

ג. ב) דער ענין פון כי תשטה אשתו, איז דאך ניט אז מען וויס אז זי איז נטמא געווארן, עס איז מער ניט וואס ונסתרה, און עס קאן גאר זיין אז זי איז א טהורה, נאר דאס אליין וואס ונסתרה, הייסט עס כי תשטה מלשון שטות, און עס הייסט מעשה בהמה, וואס צוליב דעם דארף זי ברענגען א קרבן ממאכל בהמה[17]).

אין פלוג איז ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז מען וויס ניט אז זי איז נטמא געווארן, קאן מען דאך איר שטעלן אויף חזקת כשרות, ורוב בנות ישראל כשרות הן, איז פארוואס דארף זי ברענגען א קרבן ממאכל בהמה?

נאר דער טעם אויף דעם איז, אז דאס גופא וואס זי געפינט זיך אין אזא מצב אז מען קאן איר חושד זיין אויף טומאה, איז דאס אן ענין פון מעשה בהמה, ווארום ביי בנות ישראל דארף גאר ניט זיין קיין מצב פון חשד.

און הגם אז דער ענין פון ונסתרה גופא איז דאס א מעשה בהמה, און איבער דעם אליין איז זי אסור צום בעל, אבער עס איז מער ניט ווי לשעה קלה בלבד, ווארום וויבאלד אז זי איז ניט טמא געווארן, עס איז מער ניט וואס ונסתרה, איז דערנאך ווערט זי צו אים טהור, ווי ער זאגט ונקתה ונזרעה זרע[18]).

און אזוי איז אויך בשעת א איד איז עובר אן עבירה, וואס דאס איז אן ענין פון רוח שטות, איז דאס ניט קיין ענין פון טומאה לבעלה, ח״ו, ווארום עס איז דאך „וכבודי" — וואס דאס איז דער ניצוץ אלקי וואס ביי יעדער אידן — „לאחר לא אתן"[19]), עס איז מער ניט וואס לשעה קלה האט ער געטאן א מעשה בהמה, אבער סוף סוף איז ונקתה ונזרעה זרע, ווארום לא ידח ממנו נדח[20]).

און דאס איז נאך א טעם אויף דעם, וואס בשעת מען רעדט דעם ענין פון שטות דלעומת זה ברענגט

15) קדושין לו, א. שו״ת הרשב״א סימן קצד. רות רבה פתיחתא ג. פסחים פז, א.

16) תנא דבי אלי׳ רבא פרק ט (בשינוי לשון קצת).

17) סוטה טו, ב.

18) במדבר ה, כח.

19) ישעי׳ מב, ח.

20) שמואל ב יד, יד (בשינוי לשון קצת).

מען דעם פסוק כי תשטה אשתו, ווארום דערמיט וויל מען מבאר זיין, אז דער גאנצער ענין פון שטות דלעומת זה ביי א אידן, איז דאס ניט קיין ענין פון טומאה חס ושלום, עס איז מער ניט ווי מעשה בהמה לשעה קלה.

ד. ווייל וויבאלד אז אויב מ׳האלט אז ס׳איז דא א מציאות אויסער אלקות איז עס א כפירה באחדותו, און בפרט אויב מ׳ווייסט אז מען איז דורכגעפאלן אין א דרבנן און נאך הארבער, וואס דאס איז דאך א רוח שטות, קאן מען דאך מיינען, ווי עס שטייט [21], ותאמר ציון עזבני ה׳ ואד׳ שכחני —

ברענגט מען אויף דעם פסוק כי תשטה אשתו, אז אזוי ווי די אשה שנסתרה, הגם אז לשעה קלה איז זי אסור צום בעל, אבער באמת איז דאס ניט קיין טומאה, און נאכ־הער ווערט זי צו אים צוריק מותר, און נאך מערער — „ונזרעה זרע״, און די גמרא [22]) זאגט דערויף: היתה יולדת בצער יולדת בריוח, נקבות יולדת זכרים, און עס איז אפילו פאראן א מאן דאמר אין גמרא, אז היתה עקרה נפקדת;

אזוי איז אויך, הגם אז ידע איניש בנפשי׳ דעם שטות דלעומת זה וואס ביי אים, דארף ער ניט אראפפאלן ביי זיך. ער דארף וויסן אז ער איז חס ושלום קיינמאל ניט נטמא גע־ווארן, ווארום „וכבודי״, וואס דאס איז דער ניצוץ אלקי וואס עס איז פאר־ראן ביי יעדער אידן, „לאחר לא אתן״. עס איז מער ניט וואס לשעה קלה האט ער געטאן מעשה בהמה, אבער דערנאך איז ונקתה ונזרעה זרע, ער וועט האבן אהבה ויראה, און בנים זכרים דוקא, ד. ה. אהבה ויראה שביגיעתו, און עס וועט זיין דער יחוד הבעל ואשתו, דאס הייסט, גילוי השכינה בנפשו, דער גילוי פנימיות הנשמה, וואס דאס איז דער ביאת משיח הפרטי וואס ביי יעדער איי־נעם [23]), וואס דאס איז א הכנה צו ביאת משיח הכללי.

(משיחת יו״ד שבט, תשי״ג)

# פרשת בהעלותך

א. אין דער הפטרה פון פרשת בהעלותך שטייט, ראיתי והנה מנורת זהב כלה [1]), וואס דאס גייט אויף כנסת ישראל. אלע אידן צוזאמען זיינען א מנורת זהב כלה.

אין דער מנורה זיינען געווען זיבן נרות. אזוי זיינען אויך ביי אידן פאראן פארשידענע דרכים, ווי עס ווערט אויספירלעך דערקלערט אין חסידות: עס זיינען דא אזעלכע וואס זייער דרך איז בקו החסד, עס זיי־נען דא אזעלכע וואס זייער דרך איז בקו הגבורה וכו׳ ביז מען רעכנט אויס זיבן דרכים, וואס דאס זיינען די זיבן נרות [2]).

21) ישעי׳ מט, יד.

22) סוטה כו, א. רמב״ם הלכות סוטה פרק ב, הלכה י. פרק ג הלכה כב.

23) אגרת הקדש סימן ד.

1) זכרי׳ ד, ב.

2) זע לקוטי תורה במדבר כט, ג.

הצד השוה שבהם — אַז זיי זיי־נען אַלע נרות. אַלע מאַכן ליכטיק אין בית המקדש, און מען באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס מען מאַכט ליכטיק אין בית המקדש, נאָר פון בית המקדש גייט די ליכטיקייט אי־בער דער גאַנצער וועלט. דערפאַר זיי־נען אין בית המקדש געווען חלונות שקופים אטומים[3].

ניט ווי אין אַלע הייזער, וואו די פענסטער זיינען געמאַכט געוואָרן צו־ליב דעם, אַז די ליכטיקייט זאָל אַריינ־גיין פון גאַס אין הויז, נאָר פאַר־קערט, אַז פון בית המקדש איז גע־גאַנגען ליכטיקייט אויף דער גאַנצע וועלט.

וואָס דאָס איז די כוונה פון בית המקדש.

ווער האָט אויפגעטאָן די ליכטי־קייט? — די נרות, וואָס דאָס זיינען נשמות ישראל.

כאָטש עס זיינען דאָ פאַרשידענע סוגים אין אידן, יעדער איד דאַרף דינען דעם אויבערשטן מיט זיינע כשרונות, אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני[4], אים מיט די כשרונות וואָס ער פאַרמאָגט האָט מען באַ־שאַפן צוליב דינען דעם אויבערשטן מיט אָט־די כשרונות, אָבער הצד השוה שבהם, אַז זיי זיינען אַלע נרות, זיי מאַכן אַלע ליכטיק.

דער חילוק איז נאָר אין דעם צוגאַנג צו דער עבודה. ביי די איז די עבודה בקו החסד, מתאים צו זייערע כשרונות וחושים, און ביי יענע איז די עבודה בקו הגבורה, אין עניני חומרות און אין אַ לבוש פון דינים, מתאים צו זייערע חושים. דאָס איז אָבער מער ניט אַז דער וועג איז ביי זיי בקו הגבורות, אָבער דער ציל פון דער אַרבעט איז דער זעל־בער, — מאַכן ליכטיק.

הגם דער תכלית איז אומעטום דער זעלבער, פונדעסטוועגן איז אָבער אַ גרויסער חילוק צי דער דרך איז בקו הגבורות, אָדער דער דרך איז לכתחילה בקו החסדים, וואָס דעמאָלט דאַרף מען זיך ניט גריבלען און מען זעט באַלד דעם תכלית וואָס אין דעם, ווייל אויך בגילוי איז דאָס דער וועג פון ואהבת לרעך כמוך.

און דאָס איז געווען דער וועג פון אהרן כהן גדול וואָס האָט אָנ־געצונדן די מנורה. אהרן איז גע־ווען אוהב את הבריות ומקרבן לתו־רה[5]. אפילו בריות (באַשעפענישן), ד. ה. אַזעלכע וואָס האָבן אין זיך ניט קיין שום מעלה, זיי האָבן בלויז חסרונות, זייער איינציקע מעלה איז וואָס דער אויבערשטער האָט זיי באַ־שאַפן, כפירוש אדמו״ר הזקן נ״ע[6], אויך אין זיי האָט אהרן ממשיך געווען אהבה.

און דאָס איז געווען ניט נאָר זיין ציל, נאָר אויך דער וועג צום ציל. דאָס הייסט, אַז אויך בגילוי — איז דער דרך געווען אוהב את הבריות און דורך דעם ומקרבן לתורה, מאַכן פון זיי תורה־אידן.

און אַזוי איז אויך געווען דער וועג פון די רביים נשיאים, ביז כ״ק מו״ח אדמו״ר בעל ההילולא ועד

---

3) מלכים א ו, ד. זע מנחות פו, ב און רש״י דאָרט ד״ה שקופים. ויקרא רבה פרשה לא, ז. תנחומא תצוה ופ׳ בהעלותך ב.

4) קדושין פב, א (בשינוי לשון קצת).

5) אבות פרק א משנה יב, און מפרשים דאָרט.

6) תניא פרק לב.

בכלל, וואָס זייער אַרבעט איז געווען אָנצינדן די נרות.

ביי יעדן אידן איז פאַראַן דער נר הוי' נשמת אדם, נאָר עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס וואַרטן ביז מען וועט עס ביי זיי אָנצינדן. און דאָס איז די אַרבעט פון די נשיאי ישראל, אָנצוצינדן דעם נר הוי' נשמת אדם — וואָס איז פאַראַן ביי יעדן אידן, און אין דעם זיינען פאַראַן זיבן סוגים.

דער אופן ווי עס איז געווען ביי די נשיאי חב"ד בכלל און ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל ההילולא בפרט, איז — אַז די אהבה איז געווען בגילוי; ניט נאָר די מטרה איז גע־ווען אור, נאָר אויך דער וועג צו דער מטרה איז געווען אין אַן אופן פון אור. בדרכי קירוב ובדרכי נועם האָט ער אָנגעצונדן דעם נר הוי' נשמת אדם אין אַלע סוגים פון אידן.

(משיחת יו"ד שבט, תשט"ז)

א. דער סדר אין הפצת המעינות חוצה איז ניט צו וואַרטן ביז עס וועלן קומען די וואָס זיינען אין כלל פון „חוצה" צו די מעיינות, נאָר יפוצו מעינותיך חוצה, גיין אין דרויסן און דאָרט פאַרשפּרייטן די קוואַלן.

און דער דאָזיקער וועג האָט זיך אָנגעהויבן פון אהרן הכהן, וואָס ער איז געווען „אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה". אהרן האָט ניט געוואַרט אַז מ'זאָל קומען צו אים, ער האָט זיך מקדים געווען און איז צו זיי אַליין געגאַנגען.

און געגאַנגען איז ער אויך צו די „בריות", ד. ה. אויך צו אַזעלכע וואָס האָבן ניט קיין שום אַנדער מעלה אויסער דעם וואָס זיי זיינען „בריות", ד. ה. דעם אויבערשטנס באַשעפענישן, אויך צו זיי איז אהרן געגאַנגען און זיי מקרב געווען צו תורה[7].

אָבער דער דיוק הלשון איז „ומקר־בן לתורה", ער האָט זיי מקרב געווען צו תורה, ניט ער האָט מקרב געווען די תורה צו זיי. הגם אהרן איז געגאַנגען צו די „בריות" האָט ער אָבער זיי ניט געגעבן די תורה לויט זייער גייסט: ער האָט ניט געמאַכט קיין פשרות און היתרים אין דער תורה; ער האָט ניט מקרב געווען די תורה צום רוח הבריות, נאָר די בריות האָט ער מקרב געווען צו דער תורה, תורה תמימה, ווי זי איז.

ב. די נקודה פון אהרנ'ס עבודה איז מרומז אין דער פרשת השבוע — בהעלותך את הנרות. נרות באַ־צייכענען נשמות ישראל, ווי עס שטייט „נר הוי' נשמת אדם"[8]. אין אַלגעמיין זיינען פאַראַן זיבן סוגים אין נשמות ישראל, ווי ס'איז מבואר אין לקוטי תורה[9], וואָס דאָס איז דער ענין פון די זיבן נרות פון דער מנורה. און די עבודה פון אהרן איז געווען: אָנצינדן און מעלה זיין די אַלע נרות. אין יעדן אידן איז פאַ־ראַן די ג־טלעכע ליכט, נאָר זי איז פאַרבאָרגן, און די עבודה פון אהרן איז, די דאָזיקע ליכט אָנצוצינדן און צו אַנטפּלעקן פון דער פאַרבאָרגע־ניש.

און אויף אַזוי פיל האָט אהרן גע'פועל'ט מיטן מגלה זיין די נשמה

7) זע הערה 5.
8) משלי כ, כז.
9) זע הערה 2.

אין יעדן אידן, „עד שתהא שלהבת עולה מאלי׳", ביז דער פלאַם איז אויפגעגאַנגען פון זיך אַליין. כל זמן דער „נר הוי׳" פון די בריות דאַרף אָנקומען צו אהרן ער זאָל אים אָנ־צינדן — האָט מען נאָך צום תכלית ניט דערגרייכט. די עבודה דאַרף זיין: אָנצינדן די ליכט ביז דער פלאַם גייט אויף פון זיך אַליין; די ליכט דאַרף מען שוין מער ניט אָנצינדן, ווייל זי ברענט און לייכט שוין פון זיך אַליין.

ג. אין אָנצינדן די מנורה אין בית המקדש זיינען פאַראַן דריי דינים[10]: א) הדלקה כשרה בזר, אויך ניט קיין כהן איז כשר צו אָנצינדן די מנורה, ב) הטבת הנרות, דאָס צו־גרייטן די נרות מוז טאָן נאָר אַ כהן, ג) דער אָרט פון דער אָנגע־צונדענער מנורה איז דווקא אין היכל פון בית המקדש. איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך אין אָנצינדן די רוחניות׳־דיקע מנורה, ד. ה. אין באַלייכטן די אידישע נשמות, זיינען פאַראַן די דאָזיקע דריי תנאים.

א) הדלקה כשרה בזר.

די עבודה פון פועל׳ן אויף אַ צווייטן און פאַרשפּרייטן די מעינות חוצה, איז ניט קיין עבודה פאַר בלויז יחידי סגולה. דאָס איז דער זכות און חוב פון יעדן אידן, ווי די משנה זאָגט צו יעדן אידן[11]: דו זאָלסט זיין פון די תלמידים פון אהרן. יעדער איינציקער איד דאַרף גיין אין דעם וועג פון אהרן הכהן, צו מקרב זיין די בריות צו תורה.

ב) אָבער די „הטבה", צוגרייטן די נרות, דאָס קען טאָן נאָר אַ כהן.

מ׳קען דאָך מיינען: וויבאַלד אַז דער עיקר איז צו פועל׳ן אויף אַ צווייטן, איז וועמען אַרט עס דורך וואָס און מיט וועלכן ענין איך וועל אים באַווירקן? איך וועל אים מסביר זיין אַן ענין אין תורה לויט מיין אייגענער הבנה וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין הבנה; איך וועל אויסקלייבן אַ דרך אין מצוות, וואָס איז צוגע־פּאַסט צו מיר און צו אים, וכדומה, און דורך דעם וועל איך פועל׳ן אויף דעם אַנדערן.

אויף דעם קומט די הוראה, אַז די הטבה, ד. ה. דאָס אַריינטאָן דעם בוימל און דעם קניטל, די זאַכן וואָס דורך זיי צינדט מען אָן דעם נר, דאָס קען זיין נאָר דורך אַ כהן. ניט יעדער איינער קען און איז צו־געפּאַסט צו אויסקלייבן און צוגרייטן די זאַכן מיט וואָס צו אָנצינדן די ליכט פון אידן. בלויז אַ כהן קען דאָס טאָן.

דער ענין פון אַ כהן איז אַז ער האָט ניט קיין אייגענעם חלק ונחלה, נאָר „ה׳ הוא נחלתו", און ווי דער רמב"ם שרייבט[12]: „אשר נדבה רוחו כו׳ להבדל", אַז דער וואָס איז אָפּ־געשיידט פון וועלט־זאַכן און זיין גאַנצער ענין איז צו זיין באַהעפט צום אויבערשטן אים צו דינען, דווקא ער קען צוגרייטן די זאַכן מיט וואָס צו באַלייכטן די ליכט פון דער נשמה. און נאָכדעם ווי דער כהן גרייט צו דעם בוימל און דעם קנויט, דאַן ליגט אַ פליכט אויף יעדן איינציקן זיי אָנצוצינדן — צו פאַרשפּרייטן די דאָזיקע קוואַלן אויך אין דרויסן.

10) זע יומא כד, ב. רמב"ם הלכות ביאת המקדש פרק ט הלכה ז, ה.

11) זע הערה 5.

12) סוף הלכות שמיטה ויובל.

ג) דער אָרט פון דער לייכטנדי־קער מנורה איז אין היכל דווקא. „עשר קדושות הן״ [13]), צען מדריגות אין קדושה זיינען פאַראַן (קדשי קד־שים, היכל אא״וו), און אויך די מדרי־גות וואָס זיינען נידעריקער ווי היכל זיינען הייליק. פונדעסטוועגן אויב מ׳וועט אָנצינדן די מנורה אין איינעם פון די ערטער וואָס זיין קדושה איז נידעריקער ווי די קדושה פון היכל, וועט מען ניט יוצא זיין. יעדער זאַך האָט זיך דעם אָרט פון איר אויפגאַבע און די אויפגאַבע פון דער מנורה איז צו לייכטן אין היכל.

ד. די הוראה פון דעם אין עבודה איז: אַ מענטש זאָל ניט זאָגן, אמת טאַקע, אַז איך דאַרף דערלייכטן דעם נר וואָס אין מיר און דעם נר וואָס אין דעם צווייטן, אָבער ווער זאָגט עס אַז איך דאַרף עס טאָן אין אַן אופן פון אַזאַ האַרבער קדושה? עס זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל אידן וואָס מ׳מאָנט ביי זיי ניט אַזויפיל, איז פאַרוואָס מאָנט מען דאָס פון מיר?

אויף דעם קומט די אָנווייזונג: יעדער איינער האָט זיך זיין תפקיד, זיין אויפגאַבע. וויבאַלד מ׳האָט דיר געגעבן די כוחות און די מעגלעכ־קייט צו לייכטן אין אַן אָרט וואָס איז מער הייליק, איז עס אַ באַווייז אַז דאָס איז דיין אויפגאַבע וואָס דער בורא ב״ה וויל פון דיר. און אויב דו פילסט זי ניט אויס האָסטו ניט געטאָן דיין פליכט, ווייל דו האָסט ניט אויסגעפילט דעם רצון הבורא.

ווי ס׳איז ידוע, אַז רצון קען מען ניט פאַנאַנדערטיילן. וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון שכל מיט רצון [14]): אין שכל און פאַרשטאַנד איז מעגלעך צו פאַרשטיין אויך אַביסל, אַ חלק פון דער הבנה; אַנ־דערש איז אין רצון — אויב מען דערפילט ניט דעם רצון מיט אַלע זיינע פרטים, איז ניט שייך צו זאָגן אַז ער האָט מקיים געווען על כל פנים אַ העלפט פונעם רצון. ער האָט דאַן דעם רצון אינגאַנצן ניט מקיים געווען; אדרבא, ער האָט גע־טאָן דאָס פאַרקערטע פון רצון.

אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אַן אונטער־שייד פון מענטש צו מענטש, וואָס יעדערער האָט זיך זיין פליכט, און ס׳איז ניט קיין הוראה פון איינעם אויף אַ צווייטן; אַזוי איז דאָ אַ חילוק פון איין דור צו אַ צווייטן: כאָטש אין די דורות הראשונים זיינען געווען אַ סך יראים ושלמים וואָס האָבן ניט געלערנט קיין פנימיות התורה, איז אָבער אין די לעצטע דורות, ווען פנימיות התורה איז נת־גלה געוואָרן, איז די דאָזיקע אַנט־פלעקונג גופא אַ באַווייז אַז דאָס לערנען פנימיות התורה איז איינע פון די אויפגאַבן פון אונזער דור, און וויבאַלד אַזוי — טאָר אַנדערש ניט זיין, ווייל ווי געזאָגט, קען אין רצון ניט זיין קיין התחלקות.

די הדלקת המנורה לערנט אונז אין סך־הכל: עס דאַרף זיין אַ התעסקות אין פנימיות התורה, און ווי ס׳רעדט זיך אין דעם ענין פון שלהבת [14*]),

---

13) כלים פרק א משנה ו.

14) זע לקוטי דיבורים עמוד 1540.

14*) אין אַ פייער זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן: נהורא אוכמא, אַ טונקעלער פייער. וואָס איז נאָענט צום קנויט, און נהורא חיוורא, אַ העלער פייער; און דאָס זעלבע איז אויך אין תורה וואָס איז געגליכן צו פייער.

אַז ס׳איז ניט גענוג נהורא אוכמא, ד״ה גליא דתורה, נאָר ס׳מוז אויך זיין נהורא חיוורא, פנימיות התורה. און דאָס לערנען פנימיות התורה וועט אים געבן כוח ועוז, צו באַוועלטיקן אַלע שטערונגען, און ס׳וועט אים צו־געבן לעבעדיקייט אויך אין לערנען נגלה פון תורה און אין קיום המצוות.

* * *

ה. איינס פון די עיקר׳דיקע ענינים אין דער אויפפירונג פון אידישע פרויען, וואָס באַווירקט זייערע זין און טעכטער, איז דער ענין פון צניעות: „כל כבודה בת מלך פני־מה״[15]. ווי ס׳ווערט געבראַכט אין גמרא[16]) וועגן דער אויסערגעוויינלע־כער צניעות פון קמחית (אַ מוטער פון כהנים גדולים אין דער צייט פון בית המקדש), אַז די ווענט פון איר הויז האָבן קיינמאָל ניט געזען די האָר פון איר קאָפּ, און צוליב דעם האָט זי זוכה געווען צו האָבן זיבן זין כהנים גדולים.

און זאָל מען ניט טראַכטן: צי דען מוז איך זיך פירן מיט אַזאַ גרויסער מאָס צניעות בכדי מיינע קינדער זאָלן זיין כהנים גדולים, — וואָס אַרט עס מיר אַז מיינע קינדער וועלן זיין סתם כהנים? „כל ישראל קדושים הם״, אַלע אידן זיינען דאָך הייליק!

אויף דעם לערנט אונז די הדלקת המנורה, אַז די מנורה דאַרף לייכטן דווקא אין היכל, און ווי גערעדט פרי־ער[17]), אַז אויב ס׳איז דאָ אַ מעג־לעכקייט צו לייכטן אין אַן אָרט וואָס איז מער הייליק — און בנוגע צו אונזער ענין: אויב אַ פרוי האָט אַ מעגלעכקייט צו דערציען אירע קינדער זיי זאָלן זיין כהנים גדולים, איז דאָס גופא אַ באַווייז אַז דאָס איז איר אויפגאַבע, און אויב זי פירט ניט אויס איר דאָזיקן תפקיד — האָט זי אינגאַנצן ניט געטאָן איר פליכט, זי האָט ניט דערפילט דעם אויבערשטנס ווילן.

ו. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס עס שטייט: „דבר אל אהרן גו׳ בהעלותך את הנרות״, אהרן זאָל אָנ־צינדן די נרות פון דער מנורה. אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק: אָנ־צינדן די נרות מעג דאָך אויך אַ זר, אַ ניט־כהן; אַפילו הטבת הנרות מעג זיין דורך אַ כהן הדיוט, ניט קיין כהן גדול, איז פאַרוואָס האָט מען געהייסן אַז אהרן זאָל דאָס טאָן? פון דעם איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז אהרן, דער כהן גדול דווקא, דאַרף עס טאָן.

נאָר דער ענין איז, ווי גערעדט פריער, אַז ס׳איז דער חוב פון יעדן איינציקן צו פועל׳ן אויף אַ צווייטן, אָנצוצינדן די ג־טלעכע ליכט, די נש־מה וואָס אין אים. מען האָט אויך גערעדט, אַז דער אופן ההדלקה, דאָס באַווירקן אַ צווייטן, דאַרף זיין דווקא מיט דער קדושה פון אַ כהן גדול. ניט צו באַנוגענען זיך מיטן פועל׳ן אויף אַ צווייטן מיט אַ נידעריקער מדריגה פון קדושה, נאָר מ׳דאַרף עס טאָן דווקא מיט דער קדושה פון אַ כהן גדול.

דער ענין פון אַ כהן גדול איז, וואָס איינמאָל אַ יאָר איז ער אַריין „לפני ולפנים״, אין דעם אָרט פון קודש הקדשים. אין קודש הקדשים

15) תהלים מה, יד.

16) יומא מז, א (בשינוי לשון קצת).

17) אות ד.

איז קיין זאַך ניט געווען אויסער דעם ארון מיט די לוחות; די בחינה פון אַ כהן גדול איז, אַז ער האָט ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר דעם ענין פון תורה.

גאָך מערער: אין קודש הקדשים זיינען געווען די לוחות. אין די לוחות איז די תורה געווען אויסגעקריצט, אותיות החקיקה [18]. געשריבענע אותיות, אותיות הכתיבה, זיינען אַ צו־גאָב־זאַך צום פאַרמעט, אַנדערש זיינען אותיות החקיקה, זיי זיינען אויסגע־קריצט אין די לוחות, מיני׳ ובי׳. און דאָס איז דער ענין פון כהן גדול — זיין גאַנצער מהות איז תורה.

און דאָס מיינט „דבר אל אהרן גו׳ בהעלותך את הנרות״. דער זכות און חוב פון יעדן אידן איז צו אָנצינדן און באַלייכטן דעם נר הוי׳ וואָס אין אים און אין אַ צווייטן מיט דעם כוח פון אהרן כהן גדול און לויט זיין אופן, ביז אַז זיין גאַנצער וועזן וועט זיין נאָר תורה. און דער דאָזיקער חוב איז אויף יעדן איינ־ציקן איד, ווי געזאָגט פריער [19], אַז הדלקה כשרה בזר.

און ספּעציעל זיינען אויף דעם אָנ־געזאָגט געוואָרן די אידישע פרויען, וואָס אין זיי הענגט אָפּ די דער־ציאונג פון זייערע זין און טעכטער. דאַרפן זיי וויסן, אַז זייער אויפפי־רונג דאַרף זיין אויף אַזאַ אופן און אויף אַזוי ווייט, ביז זיי זאָלן קענען אויסהאָדעווען זייערע קינדער זיי זאָלן זיין כהנים גדולים.

אויך זאָגן די רז״ל וועגן אַ כהן גדול [20]: „גדלהו״, מ׳דאַרף אים גרויס מאַכן. דורך דער אויבנגעזאָגטער הנהגה, ווערן בטל אַלע מניעות ועי־כובים אינעם לעבן פון די זין און טעכטער — מ׳ווערט געבענטשט מיט בני חיי ומזוני רויחי כפשוטו ממש.

(משיחת חג השבועות, תשי״ז)

# פרשת שלח

א. אויף דעם וואָס שטייט אין דער הײַנטיקער סדרה ויקרא משה להושע בן נון יהושע, ווערט גע־בראַכט אין גמרא [1], אַז משה רבינו האָט מתפלל געווען, „י־ה יושיעך מעצת מרגלים״. דאַרף מען פאַר־שטיין, וויבאַלד אַז די מרגלים זיי־נען דאָך געווען כשרים באותה שעה, און אַזוי איז דאָך אויך מוכרח, ווייל אויב ניט וואָלט דאָך משה רבינו ניט מסכים געווען צו שיקן זיי (עס איז דאָך געווען תלוי אין משה׳ן, ווי ער זאָגט שלח לך — לדעתך), איז צוליב וואָס האָט ער מתפלל געווען י־ה יושיעך מעצת מרגלים?

און אויב מען וועט זאָגן אַז כאָטש זיי זיינען געווען כשרים, פונדעסט־וועגן האָט משה פאַרטראַכט טאָמער וועט עפּעס געשען, און מצד דעם האָט ער מתפלל געווען פאַר יהושע׳ן, איז דאָך ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס

18) לקוטי תורה ויקרא מה, א.

1) סוטה לד, ב.

19) אות ג.

20) יומא יח, א.

האט ער מתפלל געווען בלויז פאר יהושע'ן און ניט פאר אלעמען?

ב. עס שטייט אין גמרא[2]: כך אומנתו של יצר הרע היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו עבוד עבודה זרה. די גמרא דערקלערט, ווי קומט עס אז א איד זאל עובר זיין אן עבירה? א איד וועלכער איז מבני אברהם יצחק ויעקב און האט א נשמה, וואס נשמה שנתת בי טהורה היא אתה בראתה אתה יצרתה אתה נפחתה בי ואתה משמרה בקרבי, היינט ווי קומט עס ער זאל עובר זיין אויף דעם ציווי פון זיין בורא? ענטפערט אויף דעם די גמרא, אז כך אומנתו של היצר הרע, עס איז ניט מיט אמאל, נאר עס איז ביס־לעכווייז.

אין מצוות איז דאך פאראן דער ענין פון הידור מצוה, און עס קאן זיין — ווי די גמרא זאגט — אן אופן וואס מען זאל טאקע מקיים זיין די מצוה און פונדעסטוועגן ניט יוצא זיין. איז צום אנפאנג קומט דער יצה"ר מיט דער טענה, וואס עפעס מוזסטו מקיים זיין די מצוה בהידור, זיי מקיים די מצוה סתם; נאך דעם קומט דער יצר הרע און טענה'ט ער זאל מקיים זיין די מצוה ווי מען איז יוצא על פי הדחק; און אזוי צוביסלעך באקומט ער א נתינת מקום אים צו זאגן ער זאל עובר זיין אן איסור.

אויב עס איז אזוי אין יעדער מצוה פרטית, אז דורך דעם וואס מען הויבט אן מקיל זיין אין א מצוה ווערט שוין במילא א נתינת מקום צו עובר זיין אן איסור, היינט מכל שכן אין מצות אהבת ישראל, וואס דאס איז דאך דער יסוד כל המצוות, ווי דער ירושלמי[3] זאגט: אמר רבי עקיבא ואהבת לרעך כמוך זהו כלל גדול בתורה, איז אויב מען איז מקיל אין אהבת ישראל גיט עס א נתינת מקום להיפך חס ושלום.

ג. וועגן אהבת ישראל דערציילט די גמרא[4] אז עס איז געקומען א גר צו שמאי און צו אים געזאגט: למדני כל התורה כולה על רגל אחת, דחפו באמת הבנין. ווען ער איז געקומען צו הלל'ן האט אים הלל געזאגט: דעלך סני לחברך לא תעביד, ואידך פירושא הוא. איז דאך א קשיא, וויבאלד אז הלל האט אזוי געזאגט איז עס דאך אן ענין וועלכער איז אזוי באמת לאמיתו, היינט פארוואס האט שמאי אים ניט געזאגט די זעלבע זאך?

נאר דער ענין איז: אין עבודת והנהגת הצדיקים זיינען דא צוויי אופני עבודה, פאראן א הנהגה פון צדיקים ווי זיי זיינען פאר זיך, א הנהגה פון קו הגבורות וואס זייער ענין איז העלאה, און זיי האבן ניט צו טאן אין גשמיות העולם, ווי עס ווערט געברענגט אין לקוטי תורה[5] אז זייער קיום המצוות איז ברוחניות, און אזוי ווי ביי רשב"י בעת ער איז געווען אין דער מערה.

דאס הייסט אז די עבודה איז ניט פארן כלל. די צדיקים וואס זיי זיי־נען דא למטה אזוי ווי למעלה, פאר זיי איז עס אן ענין, אבער אין וועלט האט עס קיין ארט ניט. ווי רשב"י

2) שבת קה, ב.

3) נדרים פרק ט הלכה ד.

4) שבת לא, א.

5) ויקרא יח, א.

זאָגט [6]): אפשר אדם חורש וזורע תורה מה תהא עלי׳ כו׳, און די גמרא פירט אויס הרבה עשו כרשב״י ולא עלתה בידם.

אַזוי איז אויך בית שמאי, וואָס זייער עבודה והנהגה איז פון קו הגבורות, וואָס שמאי איז מלשון השם אורחותיו, אַלץ אָפּגעשאַצט, ווי עס שטייט אין לקוטי תורה [7]), איז פאַר זיי אַליין איז עס געווען אַ דרך, אָבער אין וועלט האָט עס קיין אָרט ניט, דערפאַר איז אין הלכה כבית שמאי, און נאָך מערער, בית שמאי במקום בית הלל אינה משנה [8]).

דערפאַר אַז עס איז געקומען דער גר צו שמאי׳ן און געזאָגט למדני כל התורה כולה על רגל אחת, איז מצד שמאי׳ס הנהגה וואָס איז געווען מצד קו הגבורות, אָפּגעטראָגן פון וועלט, האָט עס קיין אָרט ניט געהאַט, ודחפו באמת הבנין, אמת הבנין מיינט אַ מאָס, איז מצד מדידה והגבלה פון שמאי׳ס בנין, דחפו, ווייל דאָרט האָט עס קיין אָרט ניט. בשעת ער איז אָבער געקומען צו הלל׳ן, וואָס זיין ענין איז [9]) בהלו נרו, חסד והמשכה, האָט ער אויך פאַר אים געפונען אַן אָרט, און האָט געזאָגט אַז דורך אהבת ישראל האָט מען כל התורה כולה.

ד. אַזוי ווי עס שטייט אין זהר [10]) וועגן דריי צדיקים וואָס יעדער פון זיי איז געווען אין אַ דור וואָס איז געווען ניט ווי עס דאַרף צו זיין: נח, אברהם און משה. בדורו של נח בשעת המבול, האָט נח מתפלל געווען בלויז פאַר זיך אַליין און פאַר זיינע בני בית, און וועגן דעם גאַנצן דור האָט ער ניט געטראַכט. מער ניט בשעת מען איז געקומען און מען האָט אים געפּרעגט צוליב וואָס ער בויט די תיבה, האָט ער זיי דערציילט אַז דער אויבערשטער גייט ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט, און האָט זיי גע׳מוסר׳ט. אָבער דאָס איז גע־ווען בשעת מען איז געקומען צו אים, ער צו זיי איז דאָך ניט גע־גאַנגען, זאָגט אויף דעם דער זהר אַ שווערן וואָרט.

אברהם האָט ניט געוואַרט ביז מען איז צו אים געקומען, נאָר ויקרא שם בשם הוי׳ א־ל עולם [11]), ער איז געגאַנגען צו אַלעמען ופירסם אלקות בעולם. אָבער פונדעסטוועגן אין וואָס איז באַשטאַנען זיין עבודה: אין מאַכן אַלעמען פאַר צדיקים, אָבער פאַר ניט קיין צדיקים האָט ער ניט גע־בעטן. בשעת עס איז געווען די גזירה אויף סדום האָט ער געבעטן דעם אויבערשטן: אולי יש גו׳ צדיקים בתוך העיר, אַז אויב ס׳זיינען דאָ צדיקים, זאָל ער צוליב זיי ניט חרוב מאַכן די שטאָט, און בשעת מען האָט אים געענטפערט אַז קיין עשרה צדיקים זיינען ניטאָ, איז [12]) ואברהם שב למקומו, ער האָט מער ניט גע־האָט קיין טענות.

די הנהגה פון משה רעיא מהימנא,

6) ברכות לה, ב.

7) שה״ש מח, ג.

8) ברכות לו, ב. ביצה יא, ב. יבמות ט, א.

9) איוב כט, ג און זע לקוטי תורה שיר השירים מח, ג.

10) חלק א קו, א און זע דאָרט סז, ב.

11) בראשית כא, לג. און זע באתי לגני תשי״א סעיף ח.

12) בראשית יח, לג.

איז אָבער געווען אַנדערש. בשעת די אידן האָבן געזינדיקט האָט משה רבינו געמאָנט ביי דעם אויבערשטן ער זאָל מוחל זיין אַלע אידן, אויך די רשעים. און ניט בלויז דאָס וואָס ער האָט זיך ניט געפירט ווי נח וואָס ער האָט מתפלל געווען בלויז פאַר זיך ובני ביתו, נאָר אַדרבא, משה רבינו האָט געזאָגט[13]: ואם אין — מחני נא מספרך אשר כתבת.

משה רבינו האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַלע אידן. און הגם אַז על פי שכל, על פי טעם ודעת האָט ניט קיין אָרט מתפלל זיין פאַר אַ חוטא בעגל ובמזיד, דאָך האָט זיך משה רבינו איינגעשטעלט מיט אַ שטאַרקן ווילן און מסירת נפש וואָס איז העכער פון טעם ודעת, אויך פאַר זיי. און נאָר די הנהגה רופט אָן דער זוהר הקדוש נשמתא דאוריי־תא — שלימו כדקא יאות. און דאָס איז דער דרך נאָך מתן תורה, און דאָס איז אַ סימן פון אַ רעיא מהימנא.

אַ מנהיג הדור ובפרט נאָך מתן תורה שטעלט זיך איין פאַר אַלע אידן אָן אויסנאַם, צי עס האָט אָרט אין שכל צי ניט. ער שליסט ניט איין אין אַ תיבה זיך ובניו ואשתו ונשי בניו אתו, און די איבעריקע אידן — לא בעי רחמי עליהו, וואָ־רום זיי זיינען דאָך כו', ובגין כך איקרון מי המבול על שמי'[14].

**אַ רועה ישראל** שטעלט זיך איין און מיט מסירת נפשו בפועל פאַר אַ דור וואָס איז אַפילו אַ דור המד־בר, וואָס אויף זיי זאָגט ר' עקיבא — הגם ער איז געווען אַן אוהב ישראל, און זאָגט[15] ואהבת לרעך כמוך זהו כלל גדול בתורה — אַז אין להם חלק לעולם הבא[16], איז אָבער משה רבינו דער רועה נאמן, שטעלט זיך איין אויך פאַר זיי, און בלייבט איבער אין מדבר צוליב זיי, ווי עס שטייט אין מדרש[17] כמו שנאמר צדקת הוי' עשה ומשפטיו עם ישראל, אַז משה רבינו איז איבערגעבליבן אין מדבר כדי מיטצונעמען דעם דור המדבר מיט זיך.

ה. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס משה רבינו האָט געבעטן פאַר יהושע'ן דווקא, י־ה יושיעך מעצת מרגלים, הגם פאַר די איבעריקע האָט ער ניט געבעטן.

אין חסידות[18] רעדט זיך אַרום דער טעם פאַרוואָס די מרגלים האָבן ניט געוואָלט אַריינגיין אין ארץ יש־ראל, ווײלע זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרנעמען זיך מיט גשמיות העו־לם. אין מדבר האָבן די אידן ניט געהאַט צו טאָן מיט גשמיות, וואָרום עס איז געווען לחם מן השמים, מים מבארה של מרים, און אַפילו די לבושים האָבן אויך די ענני הכבוד מנקה ומגהץ געווען[19], דעריבער האָבן זיי ניט געוואָלט אַרויסגיין פון מדבר און גיין אין ארץ ישראל, און דאָרט האָבן צו טאָן מיט חרישה וזריעה, און בני אדם חורשים וזורעים.

פאַר זיי אַליין איז עס אפשר גע־

---

13) שמות לב, לב.
14) זהר חלק א סז, ב.

15) זע הערה 3.
16) סנהדרין קח, א.
17) במדבר רבה יט, יג.
18) לקוטי תורה במדבר לו, ד.
19) דברים ח, ד און רש"י דאָרט.

ווען גוט, ווי מען האָט גערעדט פריי־ער אַז עס זיינען דאָ צדיקים וואָס זייער הנהגה איז מצד קו הגבורות, אָבער רועה הדור ומנהיגו, בכדי אויס־פירן די כוונה פון דירה בתחתונים, מוז מען האָבן דעם ביטול פון אָוועק־לייגן זיך אָן אַ זייט און צוטראָגן זיך צו דעם דור.

דערפאַר האָט כלב ניט געהאַלטן מיט די מרגלים, ווייל כלב האָט געהאַט אין זיך דעם ביטול צו משה רבינו דעם מנהיג הדור, ווי עס שטייט[20]) ויהס כלב את העם אל משה, דמשה הוא בחינת ונחנו מ"ה, ביטול עצמי, ביטול במציאות[21]), דער־פאַר איז כלב — רוח אחרת היתה עמו.

און דאָס איז דער טעם וואָס משה רבינו האָט געבעטן פאַר יהושע דוקא, ווייל משה האָט געוואוסט אַז יהושע וועט זיין דער מנהיג הדור נאָך אים, וואָרום אלדד ומידד מתנבאים במחנה משה מת ויהושע מכניס את ישראל לארץ[22]), דערפאַר האָט ער געבעטן אויף אים, י־ה יושיעך מעצת מרג־לים, אויך אַפילו ווען כשרים היו, ווייל אַ מנהיג הדור דאַרף זיין צו־געטראָגן צו אַלעמען.

(משיחת ש"פ שלח תשט"ו)

ו. עס שטייט אין מדרש אַז משה רבינו האָט געזאָגט צום אויבערשטן: וואָס איז די פעולה פון דעם וואָס דו האָסט געגעבן די אידן תורה ומצוות, וויבאַלד אַז זיי געפינען זיך אין עולם הזה הגשמי והחומרי, קאָ־נען זיי דאָך פאַרגעסן אויף דער גאַנ־צער זאַך? האָט אים דער אויבער־שטער געענטפערט: איך וועל זיי געבן די מצוה פון ציצית, וואָס דורך דעם וועלן זיי געדענקען אַלע מצוות. וואָ־רום „ציצית" באַטרעפט זעקס הונ־דערט, מיט די אַכט פעדים און מיט די פינף קשרים, איז דאָס תרי"ג, במילא דערמאָנט דאָס אויף אַלע מצ־וות, ווי עס שטייט[23]) וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות הוי'.

אין פלוג איז אָבער ניט פאַר־שטאַנדיק, וויבאַלד אַז די זאַך פון ציצית איז אויף דערמאָנען די מצ־וות, איז צו וואָס דאַרף מען אַ טלית? דער עיקר איז דאָך די ציצית וואָס זיי דערמאָנען אויף די תרי"ג מצוות כנ"ל, האָט מען דאָך געקענט נע־מען די ציצית אַליין און צו וואָס דאַרף מען אַ טלית? נאָר דער פשט אין דעם איז, אַז טלית איז מקיף, וואָרום עס איז דאָך ניט קיין מזון וואָס ער נעמט דאָס אַריין אין זיך, נאָר עס איז אַ לבוש וואָס עס רינגלט אים אַרום אויסווייניק, און ער קאָן דאָס ניט באַגרייפן. דאַרף מען וויסן אַז די תרי"ג מצוות וואָס זיינען מרומז אין ציצית קומען אַרויס פון טלית, ד. ה. פון אַ זאַך וואָס עס איז העכער פון שכל.

בשעת ער וועט נעמען די ציצית אַליין אָן אַ טלית איז דאָס קיין שום מצוה ניט און עס דערמאָנט אים אויף גאָרנישט, נאָר בשעת ער נעמט אָן די ציצית ווי זיי הענגען אַראָפּ פון טלית, ד. ה. אַז ער ווייס

---

20) במדבר יג, ל.

21) תורה אור יתרו סח ג. לקוטי תורה ויקרא ב, א.

22) במדבר יא, כז. סנהדרין יז, א.

23) במדבר טו, לט און רש"י דאָרט.

און אַנערקענט אַז די גאַנצע זאַך פון תורה ומצוות קומט פון אַ זאַך וואָס ער קאָן דאָס אינגאַנצן ניט באַגרייפן, דאַן איז דאָס אַ מצוה.

ז. צום סוף פרשת ציצית שטייט[24]) אני ה׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים. מען קאָן דאָך מאַכן אַ חשבון אַז דער דרך התורה איז אַ היפך פון דרך העולם, מען מאָנט ביי אים ער זאָל היטן שבת און יום־טוב און מוסיף זיין נאָך דערצו מחול על הקודש[25]) בשעת ער האָט קאָנקורענטן און „קאָמפעטישאָן" פון גוים און להבדיל אידן ניט קיין שומרי שבת. מען מאָנט ביי אים אַז אויפשטייענדיק אינדערפרי זאָל ער די ערשטע זאַך דאַווענען און דער־נאָך לערנען אַ שיעור, און ערשט נאָכהער קאָן ער גיין אין די ביז־נעס; און זייענדיק שוין אין די ביז־נעס מאָנט מען ביי אים אַז אין מיטן טאָג, בשעת דעם רעכטן קאָך פון ביזנעס, זאָל ער אַלץ אַפּלאָזן און גיין דאַווענען מנחה — וואָס דאָס איז דאָך דער גודל החביבות פון מנחה; און נאָכהער ביינאַכט מאָנט מען ביי אים ער זאָל דאַווענען מעריב און לייענען קריאת שמע שעל המטה; אויך מאָנט מען ביי אים ער זאָל זיין אָפּגעהיט פון גניבה גזילה אונאה והשגת גבול וואָס דאָס איז היפך פון דרכי המסחר. ווערט דאָך ביי אים אַ שאלה, ווי קען ער זיך פירן על פי תורה, בשעת דאָס האָט קיין שום אָרט ניט אין וועלט?

אויף דעם זאָגט ער אין סוף פרשה ציצית, וואָס דער ענין פון ציצית איז למעלה מטעם ודעת כנ״ל, אַז בשעת מען רעכנט זיך ניט מיט קיין מדידות והגבלות פון טעם ודעת און מען איז מקיים מצוות למעלה מטעם ודעת, דאַן פירט זיך דער אויבערש־טער מיט אים אויך למעלה מהגבלת הטבע. און דאָס איז אני ה׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים — וואָס אַפילו איין עבד זאָל אַרויסגיין פון מצרים איז, כמאמר רז״ל[26]), גע־ווען אוממעגלעך על פי טבע, און דאָך זיינען אַרויס שש מאות אלף רגלי העם לבד נשים וטף, און אויך מיטן רכוש גדול, וואָס יעדער איד האָט געהאַט ניט ווייניקער פון תש־עים חמורים וואָס האָבן געטראָגן כסף וזהב[27]), וגם ערב רב עלה אתם, אַז אַפילו גוים האָבן דאָס אַנערקענט — וואָס דאָס אַלץ איז דאָך למעלה מהטבע לגמרי. און דאָס איז, בשעת אַ איד פירט זיך ניט על פי הגבלת הטבע, דאַן איז אני הוי׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, אַז אויך מלמעלה איז מען אים משפיע למעלה מדרך הטבע בבני חיי ומזוני רויחא.

(משיחת ש״פ שלח, תשי״ג)

24) במדבר טו, מא.

25) שלחן ערוך אדמו״ר הזקן סימן רסא סעיף ד.

26) מכילתא, געבראַכט אין רש״י על התורה שמות יח, ט.

27) בכורות ה, ב.

# פרשת קרח

א. די היינטיקע סדרה הויבט זיך אָן מיט ויקח קרח, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דער מחלוקת פון קרח'ן אויף כהונת אהרן, דערנאָך ווערט דערציילט וועגן מטה אהרן, וואָס דאָס איז אַ באַוויז אויף דער ריכטיקייט פון אהרן'ס כהונה, דערנאָך רעדט זיך וועגן מתנות כהונה, וואָס דאָס איז אויך שייך דערצו. דער ענין פון מתנות כהונה איז אַז פון יעדער זאַך וואָס מען האָט געהאָט האָט מען געדאַרפט געבן די כהנים, סיי פון אור פנימי, סיי פון אור מקיף; פון אור פנימי אַזוי ווי תרומה ובי־כורים, און פון אור מקיף אַזוי ווי ראשית הגז, וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט לבושים.

דער פסוק דערקלערט דעם ענין פון מתנות כהונה אַז פון יעדער זאַך דאַרף מען אָפּגעבן דאָס ערשטע צום אויבערשטן. וואָרום כהנים איז דאָך הוי' הוא נחלתם, זיי האָבן ניט צו טאָן מיט ענינים גשמיים און הוי' נחלתם, במילא הייסט דאָס אַז מען האָט דאָס געגעבן צום אויבערשטן, און די כהנים איז משלחן גבוה קאָ זכו [1].

דערפאַר — לויט ווי עס שרייבט דער רמב"ם [2]) — איז אויך איצטער פאַראַן אַט דער ענין: בשעת ער גיט עסן צו אַן אָרעמאַן, דאַרף ער אים געבן מן הטוב והמתוק שבשולחנו (פון דאָס בעסטע און זיסטע פון זיין טיש); בשעת ער טוט אָן אַ נאַקעטן, כי תראה ערום וכיסיתו, דאַרף ער אים געבן מן היפה שב־כסותו (די שענסטע פון זיינע קליי־דער); בשעת ער בויט אַ בית תפלה דאַרף ער דאָס בויען נאה מבית ישיבתו (שענער פון זיין דירה), ווי עס שטייט כל חלב להוי'.

— בכלל רעכנט זיך דער רמב"ם פאַר אַ נגלה־ספר, פונדעסטוועגן האָט ער אין פיל ערטער אַריינגעשטעלט רמזים פון פנימיות התורה, און אַזוי אויך דאָ כאַפּט אָן דער רמב"ם די דריי ענינים פון מזון [3]), לבוש און בית —

ד. ה. אַז פון אַלע ענינים וואָס אַ מענטש האָט, פון מזון (שפּייז), פון לבוש (קליידונג) און פון בית (אַ הויז), דאַרף ער אָפּגעבן דערפון דאָס ערשטע און דאָס בעסטע צום כהן שבנפשו פנימה, ד. ה. אויף ענינים פון קדושה, וואָס עני איז דאָס דער נפש האלקית ביי אַ בינוני [4]).

וואָס דאָס איז בענין מזון ולבוש, און ביי בית שרייבט דאָך דער רמב"ם בפירוש, בית תפלה, וואָס דאָס איז צום אויבערשטן.

בכדי אַז עס זאָלן זיין די פרטי ההנהגה אויף אַזאַ אופן, דאַרף זיין

---

1) ביצה כא, א.

2) סוף הלכות איסורי מזבח.

3) זע ווי אָנגעצייכענט אין מפתח צו לקוטי תורה ערך „מזון".

4) היפך מהלל וואָס ער איז גומל חסד מיט דער עלובה — תניא פרק כט. זע לקוטי תורה ויקרא מט, א.

די הכנה כללית, וואָס דאָס פּירט דער רמב״ם אויס: הקדיש דבר כו׳ וכמו שנאמר כל חלב להוי׳, אַז עס דאַרף זיין די הכנה כללית אַז דער עיקר איז להוי׳, וואָס דעמאָלט זיינען די פּרטים פון זיינע הנהגות אין זיין מזון לבוש ובית אַזוי אַז דאָס בעסטע גיט ער להכהן שבנפשו פנימה.

און דאָס איז נוגע אויך בגשמיות, וואָרום וויבאַלד עס איז אַן ענין פון מתנות כהונה, איז דאָך פאַראַן די הוראה — די מעשה[5]) מיט איינעם וואָס האָט געגעבן ווייניקער מעשר וויפל מען האָט געדאַרפט, און לשנה הבאה האָט ער בלויז געהאָט אַזוי פיל וויפל מען האָט געדאַרפט געבן דעם כהן.

ב. אַזוי איז אויך אין זמנים, זיי־נען דאָך פאַראַן צייטן וואָס אין זיי האָט מען ניט צו טאָן מיט הוויות העולם, וואָס בכלל זיינען דאָס די ערשטע יאָרן פון דעם מענטשן, און פאַראַן צייטן וואָס מען איז פאַר־נומען בהוויות העולם. אויך אין משך פון יאָר זיינען פאַראַן די ימי החול וואָס אין זיי איז מען טרוד, און שבתות ומועדים, וואָס אין זיי איז מען ניט פאַרנומען, ובפרט ראש השנה און עשרת ימי תשובה וואָס דע־מאָלט איז קירוב המאור אל הניצוץ[6]).

דאַרף מען וויסן אַז כל חלב להוי׳, צום אויבערשטן דאַרף מען אָפּגעבן די ערשטע און די בעסטע צייט. וואָס אין יעדן טאָג גופא איז די בעסטע און רוּאיקסטע צייט פון דעם מענטשן באַלד ווי ער שטייט אויף, וואָס דעמאָלט איז ביי אים אַ רואיקע קאָפּ, אָט די צייט דאַרף מען אָפּגעבן צום אויבערשטן, ווי עס שטייט[7]) ראשית עריסותכם חלה תרימו תרומה וגו׳, האָט געזאָגט כ״ק מו״ח אדמו״ר[*7]), ראשית עריסתכם, באַלד ווי אַ איד שטייט אויף פון בעט, תתנו להוי׳ תרומה, דאַרף ער די צייט אָפּגעבן צום אויבערשטן.

דערפאַר איז בשעת עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער מדינה — אַמע־ריקע — וועגן דעם סדר הלימודים אין ישיבות, האָט זיך דער רבי זיי־ער שטאַרק געשטעלט אַז אינדער־פרי זאָלן זיין לימודי קודש דוקא, און לימודי חול זאָלן זיין נאָר נאָך האַלבן טאָג, ווײַלע אינדערפרי ווען די קאָפּ איז אויסגערוט איז דאָס די בעסטע צייט, ווי דער פּסק הרמ־ב״ם[8]) אַז כל חלב להוי׳, און ערשט בייטאָג, דעמאָלט קאָן ער זיך עוסק זיין אין וברכך הוי׳ אלקיך בכל אשר תעשה.

און דער ענין איז נוגע אויך צו בעלי עסק, אַז הגם זייער עסק איז דאָך אין עובדין דחול, דאַרפן זיי וויסן אַז דער עיקר איז תורה ותפ־לה, און די ערשטע און בעסטע צייט פון טאָג דאַרף מען אָפּגעבן צום אויבערשטן. די ערשטע זאַך דאַרף מען דאַווענען, נאָכן דאַווענען דאַרף מען לערנען, ווי דער דין איז אַז מבית הכנסת דאַרף מען גיין לבית המדרש, און דערנאָך ערשט עסן פת שחרית,

5) תוספות תענית ד״ה עשר תעשר ט, א. תנחומא ראה ו. ילקוט ראה, רמז תתצב.

6) קונטרס העבודה סוף פרק ה. ספר המאמרים — קונטרסים — ח״א יא, א.

7) במדבר טו, כ.

*7) ספר המאמרים — קונטרסים — שם דף קסה, א.

8) וע׳ הערה 2.

ווי דער צמח צדק פסק'נט[9] אַז פּת שחרית איז אחרי התפלה, ומבית הכנ־סת איז דאָך דער דין אַז מען דאַרף גיין לבית המדרש[10], במילא קומט אויס פּת שחרית נאָכן לערנען, און ערשט דערנאָך קאָן מען זיך עוסק זיין בדברי הרשות.

מען דאַרף וויסן אַז דער עיקר איז תורה ותפלה, ניט אַז בעיקר זאָל ער ליגן אין עסק, און פּרק א' שחרית ופרק א' ערבית אָפּלער־נען נאָר צוליב יוצא זיין פאַר דעם שלחן ערוך, זאָגן די ווערטער און ניט הערן וואָס ער רעדט, ניט מת־בונן זיין זיך אין דעם וואָס ער הערט. די בעסטע צייט, די בעסטע כחות, די יגיעת הראש און אַפילו די יגיעת כפּיים, דאַרף מען אָפּגעבן אין תורה ותפלה.

אמת טאַקע אַז תרומה דאַרף זיין ראשית ששירי' ניכרין[11], וואָס אַזוי איז אויך ביי מעשר אַז דאָס דאַרף זיין אַ צענט חלק, וכפי תקנת אושא איז אַל יבזבז יותר מחומש[12]; איז אויסער דעם וואָס דער אַלטער רבי זאָגט[13] אַז בשעת עס רעדט זיך וועגן הצלה איז לא גרע רפואת הנפש כו' וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו, אָבער דאָס איז ניט דער ענין הצדקה, — במילא איז אַפילו ווען דער רוב היום גייט אַוועק אויף עסק און אַ מיעוט אויף תורה ותפלה, אָבער דער מיעוט איז דער עיקר פון כל היום, ובמילא דאַרף ער זיין דער חלב.

און די הכנה כללית צו דעם דאַרף זיין קבלת עול, אַז תיכף ווען ער שטייט אויף פון שלאָף, זאָל ער זאָגן מודה אני בקבלת עול, און עס זאָל זיין דער אָפּלייג אַז כל חלב להוי' כנ"ל, און דאָס איז נוגע אויך בגש־מיות כנ"ל.

ג. קרח האָט געקריגט אויף אה־רן'ס כהונה, קרח האָט גע'טענה'ט אַז מען דאַרף ניט אָפּגעבן כל חלב להכהן ווייל כל העדה כולם קד־שים ובתוכם הוי' ומדוע תתנשאו[14]. מען טענה'ט אַז אַפילו בשעת מען איז זיך ניט עוסק בתורה איז אויך אכל בי עשרה שכינתא שריא, וואָס דאָס איז אַפילו בשעת מען איז זיך ניט עוסק בדברי תורה[15], און אַפילו אויב ער איז איינער האָט ער אויך אַ נפש האלקית, און אַפילו אַ קל שבקלים ורשע גמור האָט אַ נשמה, מער ניט וואָס זי איז בבחינת מקיף[16], במילא איז וואו ער גייט גייט ער דאָך אום מיט דער נשמה און מיטן אויבערשטן, במילא איז מדוע תתנשאו.

ובפרט אויב ער איז אַ בעל תורה קאָן ער דאָך אַ ודאי טאָן וואָס ער וויל — וואָרום תורה מגינא ומצלא. עבירה מכבה מצוה ואין עבירה מכבה תורה[17]. במילא קאָן ער ריידן כו' און די תורה וועט אויף אים מגין זיין.

---

9) פסקי דינים לאורח חיים סימן פט.

10) שולחן ערוך אדמו"ר הזקן סימן קנה, סעיף א.

11) עירובין לז, ב. פסחים לג, ב. חולין קלו, ב.

12) כתובות נ, א. ערכין כח, א.

13) אגרת התשובה פרק ג.

14) במדבר טז, ג.

15) זע אגרת הקדש סימן כג. ירושלמי עירובין פרק א הלכה י בקרבן העדה ד"ה וכמה. תוספות נדרים ח, א. ראכ"מ.

16) תניא ענדע פרק יא.

17) סוטה כא, א עיין שם.

— עס שטייט אין אַ מאמר חסידות אַז טענת ופלוגתת קרח אַנטקעגן משה ואהרן איז געווען, וואָס זיי האָבן געטענה'ט אַז וויבאַלד זיי זיינען אַלע נשמות דאצילות, דאַרף מען ניט האָבן דעם תתנשאו. אין די שפּעטערדיקע דורות, וואָס נשמות דאצילות זיינען נאָר יחידי סגולה, דאַרף מען האָבן אַ משה רבינו, אָבער דער דור המדבר וואָס ער איז געווען אַ דור דעה [18], ביי די שבעים זקנים איז געווען דער ואצלתי מן הרוח און דורך זיי האָבן דאָס געהאַט די אַלע ששים רבוא אידן מיט די נשמות פּרטיות, היינט וויבאַלד אַז מען האַלט ביי אצילות — האָבן זיי גע'טענה'ט — מדוע תתנשאו, וואָס דאַרף מען גיין העכער.

על דרך זה איז אויך איצטער פאַראַן די טענת קרח (וואָרום אַלע ענינים וואָס זיינען געווען בשעת יציאת מצרים זיינען דאָך פאַראַן אויך שפּעטער), וואָס מען טענה'ט, וויבאַלד אַז ער איז אַ בעל תורה, איז דאָס שוין גענוג, מער דאַרף מען שוין ניט —

אויף דעם זאָגט מען [19], טלית שכולה תכלת איז ווייניק, נאָר מען דאַרף האָבן ציצית דווקא, וואָס איר ענין איז יראה וביטול, ובית שמלא ספרים, ער איז פול מיט תורה, חייב במזוזה, וואָס אין מזוזה זיינען פאַראַן די צוויי פּרשיות שמע און והי' אם שמוע, וואָס אין פּרשת שמע שטייט ואהבת און פּרשת והי' אם שמוע איז יראה.

און דאָס איז דער ענין המזוזה.

18) פסיקתא פרשת פרה פי"ד, ט. לקוטי תורה במדבר לז, ב.

19) ירושלמי סנהדרין פרק י הלכה א. במדבר רבה יח, ג. תנחומא קרח, ב.

אַזוי ווי אַ מזוזה היט די שטוב און אַלץ וואָס אין איר, אַזוי איז בית שמלא ספרים, ער האָט תורה, אָבער אויב ער האָט ניט קיין אהבה ויראה, פעלט עס אין דער תורה, וואָרום אורייתא בלא דחילו ורחימו לא פרחא לעילא [20], בית שמלא ספרים חייב במזוזה, די אהבה ויראה היט אָפּ די תורה, אַז זי זאָל זיין ווי מען דאַרף, שיראתו קודמת לחכמתו [21] — נאָר דעמאָלט איז חכמתו מתקיימת. וכל האומר אין לו אלא תורה כו' [22].

ד. דער עונש פון קרח'ן איז געווען אַז וירדו חיים שאולה. שטייט אויף דעם אַז דער אויפטו אין דעם איז געווען דער צירוף פון שאול מיט חיים. מען געפינט זיך אין שאול תחתית, מען ליגט אין רע און אין עומק רע, און מען מיינט אַז מען לעבט; מען טענה'ט אַז כולם קדושים, וואָרום ער האָט אַ נשמה, אומעטום וואו ער איז געפינט ער זיך מיט דעם אויבערשטן (ובתוכם ה').

קרח'ס טענה אַז כולם קדושים איז טאַקע אמת. ווי ער זאָל ניט זיין האָט ער אַ נשמה, און ער האָט תורה, אָבער פונדעסטוועגן ליגט ער דאָך אין שאול, וואָרום וואָס איז די פּעולה פון דער תורה, בשעת די תורה געפינט זיך אין אַן אָרט און ער איז אין אַן אַנדער אָרט.

נאָך מער, ס'איז דאָך ווי דער אַלטער רבי זאָגט [23], אַז בשעת מען לערנט תורה ניט ווי מען דאַרף, איז

20) תיקוני זהר תיקון י. געבראַכט אין תניא פרק לט און זע פסחים ג, ב.

21) אבות פרק ג משנה ט.

22) יבמות קט, ב.

23) הלכות תלמוד תורה פרק ד און תניא ענדע פרק לט.

די תורה בגלות אין קליפות, וואָס דאָס איז ווי ער זאָגט אין תניא[24]: כמשל האוחז בראשו של מלך וטומן פניו אין אַן אָרט וואָס איז מלא קיא צואה. און דאָס איז נאָך אַ טייטש אין די ווערטער „חיים שאו־לה": מען נעמט מיט די תורה, וואָס זי איז חיים, אין שאול תחתית.

די עצה צו דעם איז מתנות כהונה, אָפּגעבן זיין בעסטע צייט און זיינע בעסטע כחות אין תורה ותפלה. סיי פון מזון סיי פון לבוש סיי פון בית, זאָל ער אָפּגעבן די ראשית און די בעסטע צום אויבערשטן, און אַ הכנה כללית אויף דעם — באַלד ווען ער שטייט אויף פון שלאָף זאָל ער זאָגן מודה אַני בקבלת עול.

און דורך דעם ענין פון מתנות כהונה, האָט מען די ברכת כהנים, יברכך וישמרך, בבנים ובממון וכו׳, און „פרח מטה אהרן", אַז עד מהרה ירוץ דברו[25]) — די המשכה ווערט ניט נפסק, זי קומט אַראָפּ למטה; „שקדים", שוקד על הטוב, אין אַלע דברים טובים, אין אַלץ וואָס ער דאַרף בגשמיות וברוחניות.

ה. עס איז דאָך געוואָרן אַ מנהג צו מיטנעמען עפּעס אין די שולן. די נקודה פון היינטיקער פּרשה איז דאָך דער ענין פון ויקח קרח, וואָס ער האָט געקריגט אויף כהונת אהרן און האָט גע׳טענה׳ט אַז כולם קדושים, מען טענה׳ט אַז כולם קדושים, יע־דער איינער קאָן פּסק׳נען וואָס ער וויל, יעדערער איז אַ פוסק וואָס מען מאָג און וואָס מען טאָר ניט. דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז גע־וועזן קרח׳ס שיטה. פון דעם קומט אַרויס אַ מחלוקת ביי זיי אַליין — מחלוקת שאינה לשם שמים זו מח־לוקת קרח ועדתו[26]). עס דאַרף זיין דער ביטול צו די בעלי תורה, צו די וואָס קאָנען פּסק׳נען על פּי תורה, וואָס זייער פּסק פועל׳ט אויך אויף דער מציאות, כידוע אַז תורה איז אַ בעל הבית אויף מציאות.

אויך דאַרף מען נעמען פון היינ־טיקער סדרה דעם ענין וואָס מען האָט גערעדט וועגן מתנות כהונה, ווי דער רמב"ם איז מבאר[27]): „כל חלב להוי׳", אַז בשעת ער גיט צו אַן עני, וואָס דאָס גיט ער דעם אויי־בערשטן, מלוה ה׳ חונן דל, דאַרף ער געבן מהמובחר, און אַזוי איז בבית תפלה.

ד. ה. אַז דאָס בעסטע פון דער צייט, דאָס בעסטע פון די כחות, דאָס בעסטע פון דעם אַלעם וואָס דער מענטש האָט, וואָס דאָס בעסטע און טייערסטע ביי אַ מענטשן איז דאָך קינדער, דאַרף ער אָפּגעבן די קינ־דער צום אויבערשטן, און דאָס בעס־טע צייט פון די קינדער, וואָס דאָס איז זייערע ערשטע יאָרן.

און דאַן האָט מען די ברכת כהנים, יברכך בבנים ובממון, וישמרך, אַז דאָס געלט זאָל אַוועקגיין אויף געזונטע זאַכן און פריילעכע זאַכן. ווי מען האָט שוין אַמאָל גערעדט אַז מיט האָבן געלט אַליין איז מען נאָך ניט באַוואָרנט — וואָרום בשעת דאָס געלט גייט אַוועק אויף דאָק־טוירים איז דאָך גלייכער צו זיין

24) ענדע פּרק כג.

25) לקוטי תורה במדבר נה, ד.

26) אבות פּרק ה משנה יז.

27) זע הערה 2.

געזונט און ניט האָבן די פּאָר דאָלער אויף דאָקטוירים; וישמרך — אַז דאָס זאָל אַוועקגיין אויף געזונטע און פריי־לעכע זאַכן.

און ער פירט אויס: וישם לך שלום, — לא מצא הקב"ה כלי המח־זיק ברכה לישראל אלא השלום[28]), אַז אויך ווען דער בכל אשר תעשה, די כלי צו דער ברכה, איז אַ כלי מועט, איז פאַראַן אָבער דער ענין השלום וואָס דאָס איז מחזיק ברכה.

און דערנאָך איז ערשט — ואני אברכם, וואָס תוספתו של הקב"ה מרו־בה על העיקר[29]). בשעת מען גיט צום אויבערשטן מתנות כהונה, ווי די גמרא זאָגט[30]) אלקיכם כהן הוא, איז ואני אברכם, וואָס דאָס איז מרובה על העיקר.

אין ואני אברכם איז פאַראַן צוויי פירושים[31]): א) לכהנים, ב) לישראל. ועל פי הנ"ל: אברכם לכהנים שב־נפשו, דאָס הייסט אַ ברכה ברוח־ניות, ער זאָל האָבן אַ חיות און אַ געשמאַק בלימוד התורה וקיום המצוות, און אַ ברכה לישראל וואָס דאָס איז בכל דרכיך ובגשמיות אין אַלץ וואָס מען דאַרף.

(משיחת ש"פ קרח, תשי"ד)

# פרשת חקת

א. אין מדרשי חז"ל וועלכע זיי־נען פאַרבונדן מיט דער היינטיקער סדרה — פ' חקת — רעדט זיך אַרום אַז די ענני הכבוד זיינען גע־ווען אין אהרן'ס זכות, דער באר (מים) איז געווען אין מרים'ס זכות און דער מן איז געווען אין זכות פון משה. ווען אהרן און מרים זיינען נסתלק געוואָרן זיינען אויך צוגענומען געוואָרן די ענני הכבוד מיטן באר, און זיינען נאָכדעם צוריקגעקערט גע־וואָרן אין זכות פון משה[1]).

הגם אַז תורה איז חכמה, ווי עס שטייט[2]) כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, פונדעסטוועגן ווערט עס ניט אָנגערופן מיטן נאָמען חכמה נאָר מיטן נאָמען תורה, מלשון הור־אה[3]), ד. ה. אַז יעדער ענין וואָס עס ווערט דערציילט אין תורה איז דאָס אַ הוראה (אָנווייזונג) אַלע מאָל און אומעטום אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

דאָס הייסט, אַז ניט נאָר די מצות וואָס אין תורה, מצות עשה ומצות לא תעשה, זיינען אַ הוראה אין לעבן, נאָר אויך די ספּורים פון תורה, זיינען אַ הוראה אין לעבן. וואָרום אויך די מצות זיינען געשריבן גע־וואָרן ניט בדרך ציווי נאָר בדרך ספור, אַז דער אויבערשטער האָט גע־זאָגט משה'ן און משה האָט געזאָגט

---

28) עוקצין פרק ג משנה יב.

29) בראשית רבה סא, ד. תנחומא חיי שרה י. חנוך לנער קרוב לסופו.

1) תענית ט, א.

2) דברים ד, ו.

30) סנהדרין לט, א.

31) חולין מט, א.

3) זהר חלק ג נג, ב. גור ארי' (למהר"ל מפראג) אָנפאַנג בראשית אין נאָמען פון רד"ק.

די אידן. און אַזוי ווי די מצוות, הגם זיי זיינען געשריבן געוואָרן בדרך סיפור, זיינען אַ הוראה, אַזוי זיינען אויך די ספורים אין תורה אַ הוראה, וואָרום אויך די ספורים זיינען אַ חלק פון תורה.

— דערפאַר שרייבט דער רמב"ם[4], און אויך אין גמרא[5] איז דאָס פאַראַן ברמז, אַז עס איז ניטאָ קיין חילוק פון דעם פסוק[6] ואחות לוטן תמנע מיטן פסוק[7] שמע ישראל, הגם אַז דער פסוק שמע וגו׳ איז איינע פון די מצוות עקריים און דער פסוק ואחות וגו׳ איז מער ניט ווי אַ ספור, וואָרום ביידע זיינען ספורים, און ביידע זיינען הוראות, און ביידע זיינען חכמתו ורצונו יתברך —

און אַזוי ווי אַלע ספורים אין תורה זיינען הוראות, אַזוי איז אויך דער ספור הנ"ל אַ הוראה אין לעבן.

ב. די דריי ענינים: ענני הכבוד, מן און מים, זיינען פאַרשטאַנדיק, און זיי אַלע זיינען פאַראַן אין תורה.

די ענני הכבוד האָבן מגין געווען מבחוץ. זיי האָבן מגין געווען פון די ד׳ רוחות, גע׳הרג׳ט די נחשים וואָס זיינען געווען אין מדבר, אויסגעגלייכט די הרים[8], אויסגערייניקט די לבושים, ווי עס שטייט[9] שמלתך לא בלתה מעליך. וואָס דאָס זיינען אַלץ ענינים פון מגין זיין מבחוץ.

דער מן איז אַן ענין פון אכילה. אין דעם מן האָט מען דאָך געקענט פילן אַלע טעמים וואָס מען האָט געוואָלט[10]. וואָס דער ענין פון אכילה איז אַריינגעמען אין אַ פנימיות.

דער באר וואָס דאָס איז מים, איז דאָס ניט קיין דבר המזין מצד עצמו. דערפאַר זאָגט דער רמב"ם[11] דעם טעם פאַרוואָס אין מערבין במים ווײַלע אַ דבר המערב איז אַ דבר המזין דווקא און מים איז ניט קיין דבר המזין. די פעולה פון מים איז וואָס מים טראָגט פאַנאַנדער דעם עסן אין אַלע טיילן פון קערפּער.

און אַזוי זיינען אויך אין תורה פאַראַן די אַלע דריי ענינים. עס איז פאַראַן דאָס וואָס תורה גיט אין אַ פנימיות, און עס איז פאַראַן דאָס וואָס תורה איז מגין מבחוץ, און עס איז פאַראַן דאָס וואָס תורה טראָגט פאַנאַנדער די צוויי ענינים צו אַלע אידן.

ג. מען האָט גערעדט פריער אַז תורה איז מלשון הוראה, ד. ה. אַז תורה לערנט די הנהגה ווי צו פירן זיך אין לעבן. דאָס איז וואָס תורה גיט אין אַ פנימיות — אַזוי ווי דער מן — וואָס מען דאַרף דאָס פאַרשטיין און אַריינגעמען אין אַ פנימיות, אויף וויסן ווי עס זאָל זיין די הנהגה פון אים, פון בני ביתו ובניו אחריו.

מצד דעם ענין אין תורה וואָס איז דוגמת המן, זיינען פאַראַן חילוקים פון איין אידן ביז אַ צווייטן, וואָרום וויבאַלד עס איז אַן ענין פון פני

---

4) פירוש המשניות להרמב"ם סנהדרין פרק י יסוד ח.

5) סנהדרין צט, ב.

6) בראשית לו, כב.

7) דברים ו, ד.

8) מכילתא בשלח — פתיחתא. במדבר רבה א, ב. תנחומא בשלח, ג.

9) זע אויבן עמוד 323 הערה 19.

10) יומא עה, א.

11) פירוש המשניות להרמב"ם עירובין פרק ג משנה א.

מיות איז דאָס ביי יעדער איינעם לויט זיין אופן. אַזוי ווי אין מן זיינען געווען חילוקים פון לחם ביז דכו במדכה וגו׳[13]; ביי צדיקים איז געווען דער מן מוכן און ביי רש־עים איז געווען אַנדערש — ביי די ענני הכבוד און ביי דעם באר זיינען ניט געווען קיין חילוקים, נאָר ביי דעם מן דוקא, ווילע עס איז אַן ענין פון פנימיות, — אַזוי איז אויך אין תורה. פאַראַן אַזעלכע וואָס, אויב עס איז ניט מעגלעך אַנדערש, זיינען זיי יוצא מצות תל־מוד תורה מיט קריאת שמע[13], און פאַראַן אַזעלכע וואָס דער חיוב תלמוד תורה איז ביי זיי כל היום דוקא[14].

דאָס זעלבע איז אויך אין הידו־רים[15] — און נאָך מער: פאַראַן הידו־רים וואָס דער וואָס האַלט דערביי איז אין זיי מחויב, אָבער דער וואָס האַלט ניט דערביי טאָר די הידורים ניט טאָן, ווארום — מחזי כיוהרא וכיוצא בזה. סתם אַ מענטש טאָר דאָס ניט טאָן, און אַן אדם חשוב איז דאָס מחויב צו טאָן, און אויב ניט — איז דאָס אַן ענין פון חילול השם חס ושלום[16].

ד. נאָך אַן ענין איז פאַראַן אין תורה וואָס דאָס איז בדוגמת ענני הכבוד, וואָס דאָס איז אויף מגין זיין מבחוץ.

בשעת מען דאַרף אַרויסגיין אין מדבר, וואָס דאָס איז כללות העולם הזה וואָס ער ווערט אָנגערופן עולם הקליפות וסטרא אחרא[17], אַ מדבר גדול ונורא אשר אין מים, נאָר קליפות, נחש שרף ועקרב, אויף דעם איז מגין דער כוח המסירת נפש וואָס ביי יעדער אידן, ביי אַלע אידן, מצד דעם וואָס ישראל ראשי תיבות יש ששים רבוא אותיות לתורה[18], און די כשרות פון אַ ספר תורה קומט דורך אַלע אותיות דווקא[19], במילא איז יעדער איד, אויך אַ קל שבקלים, האָט דעם כוח המסירת נפש למסור נפשו על קדוש השם.

און דאָס זיינען די ענני הכבוד שבתורה. אַזוי ווי די ענני הכבוד האָבן אַרומגערינגלט און אַרומגענומען אַלע אידן — פון דעם זמן פון קריעת ים סוף ביז זיי זיינען אַריין אין ארץ ישראל, אויך אָט די וואָס האָבן מיטגענומען דעם פסל, אויך זיי האָבן די ענני הכבוד אַרומגענומען — אַזוי איז אויך פאַראַן דער חלק אין תורה — דאָס וואָס יש ששים רבוא אותיות לתורה — וואָס עס נעמט אַרום אַלע אידן, פון דעם גדול שבגדולים ביז דעם פחות שבפחותים, און עס גיט זיי דעם כח און די שטאַרקייט אויף

---

12) יומא עה, א.

13) מנחות צט, ב. שולחן ערוך אדמו״ר הזקן הלכות תלמוד תורה פרק ג הלכה ד.

14) זע תורה אור צח, ג.

15) לקוטי תורה במדבר פה, ד. און זע קונטרס העבודה פרק ז.

16) זע יומא פו, א. רמב״ם הלכות יסודי התורה פרק ה הלכה יא.

17) תניא ענדע פרק ו.

18) מגלה עמוקות אופן קפו (געבראַכט אין ילקוט ראובני אָנפאַנג פרשת בראשית. אין ילקוט חדש ערך תורה סימן קעה. ועוד). ויש שהעירו מזהר חדש רות על הפסוק וזאת לפנים בישראל. ואף שמספר בני ישראל הוא יותר מששים רבוא כ״י, הנה נודע שמספר זה הוא מספר השרשים וכל שרש מתחלק לששים רבוא ניצוצות שכל ניצוץ הוא נשמה אחת — תניא פרק לז עיין שם.

19) זע זהר חלק ג עא, א. תיקוני זהר תיקון כה.

דורכגיין דעם מדבר גדול ונורא, ניט נתפעל ווערן פון די נחשים שרפים ועקרבים, און שטיין מיט אַ תנועה פון מסירת נפש.

אַזוי ווי דער רבי דער שווער האָט דערציילט[20], אַז בשעת מען האָט געוואָרפן די באָמבעס אין וואַרשע איז מען געלאָפן באַהאַלטן זיך. אַמאָל האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין איין אָרט אַ גאַנצע קבוצה: דער רבי, אנשים בינונים, אנשים פשוטים און אַזעלכע וואָס האָבן געמיינט אַז זיי זיינען אינגאַנצן ניט שייך צו אידישקייט. בשעת עס האָט ניט ווייט פון זיי אויפגעריסן אַ באָמבע — האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעשריען פה אחד: שמע ישראל.

בשעת עס קומט צו יחידה שבנפש און צו עצם הנשמה — עס איז נאָר שווער צוצוקומען צו דעם, אָבער בשעת מען קומט צו צו דעם, צי דורך אַזאַ אופן צי דורך דרכי נועם — דעמאָלט שרייט דער קל שבקלים שמע ישראל מיטן זעלבן תוקף אַזוי ווי דער מנהיג ישראל.

עס קאָן אַפילו זיין, אַז די סיבה וואָס זיי האָבן אויסגעשריען שמע ישראל איז געווען מצד דעם וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין די ד׳ אמות פון דער נשמה כללית וואָס זיי זיינען געווען פרטים פון איר, אָבער דאָס איז אַ סיבה וואָס עס האָט מעורר געווען זייער יחידה. געשריען שמע ישראל האָבן זיי מצד זייער אייגענער יחידה.

ה. בכדי עס זאָל זיין ביי יעדער אידן דער מן און ענני הכבוד וואָס אין תורה, איז דאָס דורך דעם מים שבתורה, וואָס אַזוי ווי מים יורדים ממקום גבוה למקום נמוך, אַזוי איז אויך תורה ירדה ונתלבשה למטה[21], אַ חכמה מפוארה בכלי מכוער, וואָס מצד דער ירידה פון תורה קאָן יעדער איד, דורך דעם וואָס ער זאָגט תורה שבכתב (אַפילו אַזאַ וואָס ווייס ניט דעם פירוש המלות) און דורך דעם וואָס ער לערנט תורה שבעל פה (אַפילו אַזאַ וואָס ווייס מער ניט ווי דעם פירוש הפשוט), קאָן ער דורך דעם אַרויסנעמען דעם מן און די ענני הכבוד שבתורה.

אַזוי ווי וואַסער טראָגט פאַנאַנדער די שפייז אין אַלע קערפּער־טיילן, אַזוי איז אויך דער מים שבתורה, ד. ה. אַט דאָס וואָס ירדה ונתלבשה למטה, טראָגט דאָס פאַנאַנדער דעם מן שבתורה מיט די ענני הכבוד שבתורה לכל מחנה ישראל, לכל אחד ואחת[22]) מישראל בהמצטרך לו ולה אין אַלע ענינים.

ו. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות פון מן צו משה׳ן, פון ענני הכבוד צו אהרן׳ען און פון באר צו מרים׳ען.

משה איז געווען אַ רועה ישראל, און ער האָט געפיטערט יעדער איינעם לפי ערכו, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט[23]) אַז בשעת ער האָט געפאַשעט די שעפּסן, האָט ער די קלענערע שעפּסן געגעבן ווייכע גראָז, די גרעסערע שעפּסן דיקע און שטאַרקע גראָז, וואָרום וויבאַלד אַז מרעה

20) ספר השיחות קיץ ה׳ת״ש עמוד 12.

21) תניא פרק נא.

22) זע הלכות תלמוד תורה לאדמו״ר הזקן ענדע פרק א.

23) אין מדרש תהלים — הוצאת באבער — קאַפּיטל עח הערה קנב ווערט געבראַכט די דאָזיקע גירסא אויף משה רבנו ע״ה.

איז אַן ענין פון פנימיות האָט דאָס געדאַרפט זיין צוגעפּאַסט לויט יעדער איינעם. דערפאַר איז דער מן וואָס דאָס איז פנימיות ובהתחלקות, געווען בזכותו של משה.

אהרן איז געווען אוהב את הבריות[24], ד. ה. אַז אויך די וואָס זיינען מער ניט ווי בריות[25] האָט ער זיי ליב געהאַט. דערפאַר שטייט דאָך אויף אהרן'ען[26] ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל, וואָס אויף אַנדערע שטייט דאָס ניט. איז דורך דער אהבה וואָס זי איז געווען צו אַלע בריות, האָט ער אויך ביי זיי אַרויסגערופן אַ תשוקה צו מצוות[27] כאָטש מצד עצמם האָבן זיי ניט געהאַלטן דערביי. דערפאַר זיינען בזכותו של אהרן געווען די ענני הכבוד, וואָרום יעדער זאַך איז דאָך מדה כנגד מדה[28], איז וויבאַלד ער איז געווען אוהב את הבריות אַן התחלקות, האָט ער ממשיך געווען די ענני הכבוד וואָס זיי האָבן אַרומגענומען אַלע אידן גלייך.

מרים, שטייט דאָך אַז דאָס איז פועה[29], וואָס זי האָט זיך אָפּגעגעבן און געהאָדעוועט דווקא די קליינע קינדער אין מצרים. און למה נקרא שמה מרים, ווייל זי איז געווען אין דעם זמן הקושי פון גלות[30], דאָך האָט זי נביאות געזאָגט אַז באַלד איז נולד מושיען של ישראל[31], וואָס דערמיט האָט זי מבטל געווען ניט נאָר די גזרה פון פרעה נאָר אויך די גזרה פון עמרם'ען, הגם אַז עמרם האָט געהאַט אַ טעם אויף זיין גזירה. זי איז געגאַנגען מיט אַ מסירת נפש אויף צוגרייטן קינדער וואָס זאָלן זאָגן זה א־לי ואנוהו[32], אַ דור וואָס זאָל מקבל זיין די תורה. בזכותה איז געווען דער באר — מים — וואָס דער ענין פון מים איז אַראָפּברענגען און פאַנאַנדערטראָגן די תורה למקום נמוך[33], צו די וואָס זיינען בקצה המחנה.

ז. כשנסתלקו אהרן ומרים נסתלקו ענני הכבוד מיטן באר וחזרו בזכותו של משה. פון דעם איז מוכרח אַז משה האָט אָנגעהויבן טאָן אַ נייע עבודה. הגם אַז זיין ענין מצד עצמו איז געווען די עבודה פון רועה זיין את ישראל (מן), האָט די נייע עבודה געבראַכט צוריק אויך די ענגים מיטן באר.

דער אמת'ער סימן פון אַ רועה ישראל איז אַז ער טוט ניט נאָר די עבודה וואָס איז שייך צו אים בעצם, נאָר, בשעת עס איז מוכרח לצורך השעה, פאַרבייגט ער אויף זיך, ער לייגט אַוועק זיך און איז זיך מוסר נפש צוליב אידן.

בשעת מען דאַרף מקרב זיין לבן של ישראל, אויך אַ פחות שבפחותים, צו אלקות, דאַן פאַרבייגט דער רועה ישראל זיינע ענינים, און לערנט מיט אידן אלף־בית, צי א"ב פון תורה ומצוות צי א"ב כפשוטו. הגם אַז ער

24) אבות פרק א משנה יב.
25) זע אויספירלעך אויבן עמוד 316 און ווייטער.
26) במדבר כ, כט און ילקוט דאָרט.
27) אבות דרבי נתן ריש פרק יב.
28) סוטה פרק א, משנה ז.
29) סוטה יא, ב.
30) ילקוט שמעוני רמז קסב.
31) סוטה יא, ב. יב, ב. מגילה יד, א.
32) סוטה יא, ב.
33) תענית ז, א. תניא פרק ד.

איז אַ כהן[34]) — איז אין פלוג וואָס טוט אַ כהן בבית הקברות, רשעים בחיים קרוים מתים[34*])? ער איז אַ זקן, שקנה חכמה[35]) — איז ווי גייט אַ זקן מחזיר זיין אַן אבידה? עס איז דאָך ניט לפי כבודו און ניט דאָס איז זיין ענין. זיין ענין איז גאָר לערנען די מנהיגי ישראל ווי צו פירן די אידן, אָבער ניט האָבן צו טאָן מיט אנשים שאינם כשרים. פונדעסטוועגן איז בשעה שנסתלקו אהרן ומרים, און עס איז ניטאָ קיין אַנדערער וואָס זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען, דאַן נעמט דער ראש ישראל און ער אַליין עוסק׳ט זיך אין די ענינים, הגם עס איז ניט לפי ערכו.

ח. עס שטייט דאָך אין תניא[36]) אַז יעדער איד האָט אַ ניצוץ פון משה רבינו, במילא איז דאָס אַ הוראה פאַר יעדער אידן אַז הגם יעדער איינער האָט זיך זיין ענין, פונדעסטוועגן בשעת עס פעלט דער באר שבזכותה של מרים און די עננים שבזכותו של אהרן, און עס איז פאַראַן די סכנה פון נחשים שרפים ועקרבים, דאַן מאָנט מען ביי יעדער איינעם, ער זאָל זען אומקערן דעם באר מיט די עננים — ניט טראַכטנדיק צי דאָס איז יע זיין ענין צי ניט.

און הגם אַז ער איז אַזאַ, וואָס ער פאַר זיך האָט כלל ניט וואָס צו מורא האָבן פאַר די נחשים שרפים ועקרבים, וואָרום ער האָט דעם צלם אלקים, במילא האָט אויף אים קיינער קיין שליטה ניט, ווי די גמרא זאָגט[37]): אין חי׳ רעה שולטת באדם אלא אם כן נדמה לה כבהמה, פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז פאַר אַן אַנדערן איז דאָס יע אַ סכנה און עס קאָן זיין אַז עס איז ניטאָ דער אהרן מיט מרים׳ען וואָס זיי דאגה׳נען אויף פאַרמיידן די סכנה, איז דאָס אַן ענין פון פיקוח נפש, וואָס אויף פיקוח נפש איז מען מחלל שבת און פיקוח נפש איז דוחה כל התורה כולה, אַפילו ביי כמה וכמה ספיקות, און אַפילו צוליב חיי שעה[38]), במילא דאַרף ער זיין דער וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם, אַז עס זאָלן זיין סיי דער מן, סיי די עננים און סיי דער באר.

און בשעת ער וועט אוועקלייגן זיך און ניט טראַכטן צי דאָס איז זיין ענין אָדער זיין ענין איז העכער דערפון, און וועט מקרב זיין ישראל לאביהם שבשמים, וועט דער אויבערשטער מקרב זיין אים מיט זיינע בני בית, געבן זיי כל המצטרך להם, ובענין העקרי פון אַלץ, מקיים זיין ועשו לי מקדש, אַ מצוה וואָס אויפן צבור דוקא[39]), אנשים ונשים[40]), וואָס דעמאָלט וועט זיין ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל.

(משיחות י״ב תמוז, תשי״ג)

---

34) זע אויבן עמוד 317 הערה 12.

34*) ברכות יח, ב.

35) קדושין לב, ב.

36) פרק מב.

37) סנהדרין לח, ב. ועיין שבת קנא, ב. תניא פרק כד.

38) שבת קלב, א. יומא פה, ב. רמב״ם הלכות שבת פרק ב הלכה א.

39) ספר החינוך מצוה צה.

40) רמב״ם הלכות בית הבחירה פרק א הלכה יב.

# פרשת בלק

א. אויף דעם פסוק פון דער היינטיקער סדרה, כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו, שטייט אין מדרש [1], יש אומרים אז דאס גייט אויפן זמן פון מלך צדקי', עד מלך המשיח, וואס דעמאלט, בזמן צדקי' האט זיך אנגעהויבן דער זמן פון חורבן און גלות, און אפילו נאך די שבעים שנה, בזמן בית שני, איז דאס נאך אלץ אן ענין פון גלות, ווארום חמשה דברים חסרו בבית שני [2], ווילע דאס איז נאך ניט קיין גאולה שלימה.

איז אויף דעם זמן פון צדקי' עד מלך המשיח, זאגט מען אז דאס איז אן ענין פון כרע שכב. שכב, לויט דעם פירוש פון יש אומרים — שרייבט דער צמח צדק [3] — איז מלשון וישכב וירדם, על משכבי בלילות, ולא ימות ונפל למשכב, וואס דאס ווייזט אויף דעם ענין פון גלות.

קען מען דאך מיינען אז דער גלות איז ניט נאר אויפן גוף נאר אויך אויף דער נשמה חס ושלום, מיט די ענינים פון תורה ומצוות וואס זיינען פארבונדן מיט דער נשמה.

שטייט אבער אין זעלבן פסוק, אז הגם טאקע כרע שכב, איז דאס אבער ניט קיין שכיבה פון אזא וואס האט ניט קיין כוח, נאר דאס איז א מדידה והגבלה פון אזא וואס נאר ער אליין איז זיך מודדה, מגביל ומצמצם, ווארום עס איז כארי וכלביא. וואס ארי איז מיט א תוקף און לביא איז נאך מער בתוקף, ווי ער זאגט אין זוהר [4] אז לביא איז בתקיפא יתיר.

דאס הייסט: אפילו אין דער צייט פון כרע שכב, הייסט ניט אז חס ושלום יד אומות העולם שליטה על ישראל. אידן זיינען אלעמאל כארי וכלביא, עס איז מער ניט וואס מי יקימנו. — על דרך ווי דער ענין פון מי גלה לבני רז זה [5], וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם מי יתן והי' לבבם זה להם ליראה אותי [6], וואס דאס גייט אויף דעם אויבערשטן [7], אזוי אויך דא איז דער פירוש אז דער מי — היינו הקב"ה — יקימנו, ער וועט אונז ארויסנעמען פון גלות, וכמו שנאמר מי יתן מציון ישועת ישראל [8].

און ביז דער צייט פון מי יקימנו, הייסט דאס אויך ניט קיין אמת'ע שליטה חס ושלום, וויבאלד אז ער איז אן ארי ולביא, איז קיינער אויף אים קיין בעל-הבית ניט.

— על דרך ווי דער פסק אין שלחן ערוך [9] אז אויף אן ארי ולביא האט קיינער קיין שליטה ניט, ביז אז עס איז א שאלה צי מען קען זיי איינגעוואוינען דורך תרבות. —

1) בראשית רבה פרשה צח, ז.

2) יומא כא, ב. ירושלמי מכות פרק ב הלכה ו. הוריות פרק ג הלכה ב. במדבר רבה פרשה טו, י.

3) בד"ה כרע שכב שנת ה'תר"ה בסעודה שלישית (אוה"ת בלק ע' א'מח ואילך).

4) ויחי רלז, ב.

5) שבת פח, א.

6) דברים ה, כו.

7) זע לקוטי תורה במדבר טו, א־ב.

8) תהלים יד, ז. נג, ז.

9) חושן משפט הלכות נזיקין סימן שפט סעיף ח.

דער גאַנצער גלות האָט ניט קיין אָרט על פי שכל, עס איז מער ניט ווי אנוס על פי הדבור, אַז דער אַרי ולביא זאָל זיין כרע און שכב.

איז דאָך במילא פאַרשטאַנדיק, אַז צו תורה ומצוות, וואָס וידבר אלקים את כל הדברים האלה — האָט דער גאַנצער גלות קיין שייכות ניט.

ב. מצד ההרגל אָבער, וואָס מען געוואוינט זיך איין אין דעם גלות און אותותינו לא ראינו[10]),

— נסים זיינען היינט אויך דאָ, נאָר עס איז לא ראינו, אין בעל הנס מכיר בניסו[11]) —

איז מצד דעם חושך הגלות קען זיך אויסדוכטן אַז עולם כמנהגו נוהג, עולם מלשון העלם והסתר[12]), אַז דער עולם איז אַ בעל הבית אויפן אַרי ולביא, דערפאַר וויזט מען פון צייט צו צייט מלמעלה נסים גלויים אויך בזמן הגלות (וואָס איינער פון די נסים גלויים וכלליים אין אונזער דור איז געווען דער נס פון י״ב וי״ג תמוז), וואָס דאָס דערמאָנט אַז אויך בזמן הגלות איז אין עוד מלבדו.

וואָס דאָס איז דער תוכן מאמר רז״ל[13]), בתחלה עלה במחשבה לברוא את העולם במדת הדין, ראה שאין העולם מתקיים שתף בו מדת הרח־מים, זאָגט ער אויף דעם אין שער היחוד פון תניא[14]), אַז דאָס גייט אויף דעם גילוי אלקות על ידי צדיקים ואותות ומופתים שבתורה.

די מופתים ברעכן דורך די מדידה והגבלה פון עולם, אַז מען זעט אויך בעיני בשר, אַז די בירה האָט אַ מנהיג.

געדענקענדיק דאָס — ווייס מען במילא אַז אידן זיינען אַלעמאָל אַן אַרי ולביא, און אַז בנוגע צו דער נשמה און תורה ומצוות איז מען ניט אונטערגעוואָרפן אונטער גלות.

* * *

ג. עס שטייט אין ספרים[15]), אַז בלעם האָט אַ שייכות מיט עמלק׳ן. ורמז: בשעת מען שרייבט אָן די ווער־טער בלעם און עמלק אין צוויי שורות, אויבן בלעם און אונטן עמלק, איז די רעכטע האַלבע פון די צוויי שורות — דער בי״ת מיטן למ״ד פון דער אויבערשטער שורה און דער עי״ן מיטן מ״ם פון דער אונטערשטער שו־רה — וועט זיך לייענען בלעם, און די לינקע האַלבע פון די צוויי שורות — דער עי״ן מיטן מ״ם פון דער אויבערשטער שורה און דער למ״ד מיטן קו״ף פון דער אונטערשטער שורה — וועט זיך לייענען עמלק.

די עצה אויף פטור צו ווערן פון קליפת בלעם און עמלק, איז אהבה ויראה. וואָס אהבה ויראה איז אויך בדוגמא כזו. בשעה מען שרייבט אין איין שורה אהבה און אין דער צווייי־טער שורה יראה, אויבן יראה און אונטן אהבה, איז די רעכטע האַלבע פון די צוויי שורות וועט זיך ליי־ענען יראה און די לינקע האַלבע

10) תהלים עד, ט.

11) נדה לא, א (בשינוי לשון קצת).

12) לקוטי תורה במדבר לז, ד. ספר המאמרים ה׳תש״י עמוד 116.

13) פירוש רש״י אָנפאַנג בראשית. ספר הלקוטים להאריז״ל בתחילתו ובכמה מקו־מות. און זע מדרש ילמדנו געבראַכט אין ספר תלמוד תורה*.

14) פרק ה.

15) זע ליקוטי שושנים (למהר״ש מאס־טרופולי) בפי׳ לימודי האריז״ל.

*) נדפס בס׳ בתי מדרשות ח״א ע׳ ...

פון די צוויי שורות וועט זיך לייענען אהבה.

דער ביאור אין דעם איז:

דער טעם וואס עמלק האט געקענט מלחמה האלטן מיט אידן, איז ווייל ער האט געשטאמט פון עשו'ן, במילא האט עמלק גע'טענה'ט, אז אויך ער איז יצחק'ס אן אור־איניקל און אברהם'ס אן אור־אור־איניקל, דעריבער קען ער אויך זאגן א דיעה אין ענינים פון תורה און קדושה.

און ווען מען האט אים אביסל אריינגעלאזט איז געווארן באקאנט דער ענין פון יודע את רבונו ומכוין למרוד בו[16], און עס איז געשען אט דאס וואס ער האט געטאן.

אזוי אויך בלעם, זאגט די גמרא אין סנהדרין[17], אז ער שטאמט פון לבן'ען. לבן האט גע'טענה'ט הבנות בנתי והבנים בני וכל אשר אתה רואה לי הוא[18]. ער האט אויך א שייכות מיט אידן, ווארום פון זיינע טעכטער האט זיך אויסגעבויט בית ישראל.

און דאס איז אן אנווייזונג אין יעדן דור:

בשעת איינער קומט און זאגט פארקערט פון תורה און מצוות, קען ער אפילו ברענגען א תעודה, „סערטיפיקאט", אז ער איז יצחק'ס אור־איניקל, און אברהם'ס אור־אור־איניקל, און אז פון אים שטאמען די פון וועלכע עס האט זיך אויסגעבויט כל בית ישראל;

זאגט מען אים, אנו אין לנו אלא אבינו שבשמים, די איינציקע בחינה וואס מיר האבן אויף א זאך איז תורה. ביי אונז איז ניט קיין פוסק — יחוס אדער עפעס אנדערש. דער איינציקער אבן הבוחן איז תורה. שטימט עס מיט תורה איז גוט, שטימט עס ניט, קען עס זיין בלעם, קען עס זיין עמלק, וויבאלד אז דאס איז היפך התורה, האט עס מיט אונז קיין שייכות ניט.

כדי אבער קענען מבחין זיין צי דאס איז על פי תורה, איז בשעת מען גייט צו מיט ישות עצמו, דעמאלט קען מען זיך ניט פאנאנדערקלייבן פארוואס ער וויל ניט אננעמען יענעמס הוראה, צי ווילע דאס איז היפך התורה, אדער ווייל דאס איז היפך פון ישותו ומציאותו.

דערפאר דארף זיין די עבודה פון יראה און אהבה. און פריער די עבודה פון יראה און דערנאך אהבה, ווי דער אופן הקריאה ווי עס לייענען זיך ביידע צוזאמען כנ"ל, קומט דאך פריער יראה און דערנאך אהבה, און ווי ער זאגט אין תניא[19] אז יראה איז ראשית העבודה ועיקרה ושרשה.

בשעת מען גייט צו מיט דער הכנה פון אהבה ויראה, וואס אהבה איז שרש לכל מצוות עשה און יראה לכל מצוות לא תעשה — ווי ער זאגט אין חינוך קטן פון תניא, און איז דארטן מוסיף, אז עס איז דא אין דעם דער ענין החינוך, דאס הייסט, אז אפילו אויב ער איז נאך ניט קיין בר דיעה, וידע אינש בנפשי', פונדעסטוועגן קען מען אים מחנך זיין מיט אהבה ויראה —

דעמאלט האט ער ניט וואס נתפעל צו ווערן פון עמלק'ן וואס שטאמט

16) זע תורת כהנים בחוקותי כו, יד. זהר חלק ב סה, א. ועדיין צריך עיון.

17) קה, א.

18) בראשית לא, מג.

19) פרק מא.

פון אברהם און יצחק, אויך ניט פון בלעם'ען, כאטש אז בישראל לא קם אבל באומות העולם קם ומנו בלעם[20]. — וואס אפילו לאחר המשל וואס דער ספרי גיט, אז בלעם איז ווי א טבח, פונדעסטוועגן עפעס א דוגמא האט דאך דאס —

אפילו א פשוט שבפשוטים שביש־ראל, אויב ער גייט מיטן סדר פון יראה און דערנאך אהבה, האט ער ניט וואס צו נתפעל ווערן פון בל־עם'ען און עמלק'ן.

(משיחות י"ב תמוז, תשט"ז)

ד. אין בלעם'ס נבואה זאגט ער, מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, וואס צורים גייט עס אויף די אבות און גבעות אויף די אמהות[21], ועל דרך קול דודי וגו' מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות[22].

מען האט דאך גערעדט — בשיחת י"ב תמוז — אז בלעם האט געשטאמט פון לבן'ען, ווי ער זאגט בלעם בן בעור — צי בן בעור ממש אדער בן בנו, אדער על כל פנים מיוצאי חלציו — און בעור זה לבן[23]. לבן האט געזאגט: הבנות בנתי והבנים בני, איז אויף מבטל זיין די טענה, האט מען געדארפט האבן אז איינער מיוצאי חלציו אליין זאל מודה זיין, מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, צורים אלו האבות וגבעות אלו הא־מהות.

פון דעם איז מובן, אז די טענה פון לבן'ען, הבנות בנתי והבנים בני, האט א געוויסן יסוד. ווארום אויב די טענה וואלט גאר קיין יסוד ניט געהאט, וואלט מען דאס ניט אריינגעשטעלט אין תורה, און מען וואלט ניט געדארפט האבן אז בלעם, וואס ער איז מיוצאי חלציו של לבן, זאל די טענה מבטל זיין.

ה. וואס איז דער מיין פון לבן'ס טענה, הבנות בנתי והבנים בני?

וויבאלד אז הנשמה ירדה לגוף און זי האט צו טאן מיט גשמיות, הגם אז באמת איז דאס צוליב מברר זיין די גשמיות, אבער המתאבק עם מנוול מתנוול גם כן[24], הגם טא־קע אז דאס איז נאר לשעה קלה, ברגע קטן עזבתיך[25], און שפע־טער וועט ער דערפון ארויסגיין, אבער בשעה ורגע זה על כל פנים איז דאך דאס א ירידה, ווארום ברגע זה האט ער צו טאן מיט דברים גשמיים וחומ־ריים און ווערט א נפרד פון אלקות.

— וואס באמת ווערן א נפרד חלילה פון אלקות אפילו אויף א קורצע ווילע, איז דאס נאר מצד רוח שטות, אבער ווען ניט דער רוח שטות — איז מצד השכל דקדושה, אפילו מצד שכל סתם, שכל הבריא, האט קיין ארט ניט אפצורייסן זיך פון אלקות אפילו אויף א קורצע ווילע, ווארום די רגע איז אן אבידה שאינה חוזרת, ובפרט — ווי דער ענין ווערט דערקלערט אויספירלעך אין תניא[26] — אז די רגע איז אין אן ענין וואס איז למעלה מה־זמן. —

נאכמער, דאס איז אויך נוגע אויף שפעטער, ווי ער זאגט דארט אין

20) ספרי דברים לד, יו"ד און ילקוט שמעוני דארט. במדבר רבה פרשה יד, כ. זהר חלק ב כא, ב. ובכמה מקומות.

21) במדבר רבה כ, יט.

22) שיר השירים ב, ח.

23) זע הערה 17.

24) תניא פרק כח. און זע דארט פרק ח.

25) ישעי' נד, ז.

26) פרק כה.

תניא, אַז אויב ער ווערט אַ נפרד איצטער מצד דעם וואָס ער פאַר־לאָזט זיך אַז שפּעטער וועט ער אַרויס־גיין דערפון, איז דאָס אַן ענין פון אחטא ואשוב שאין מספיקין בידו לעשות תשובה[27], און מען מוז שוין אָנקומען צום דחק ונכנס.

במילא טענה׳ט לבן, אַז הבנות בנתי והבנים בני, וויבאַלד אַז דו דאַרפסט אָנקומען און האָבן צו טאָן מיט גשמיות, איז על כל פנים אויף יענער רגע — וואָס דאָס איז אויך נוגע אויף להבא כנ״ל — רייסטו זיך אָפּ פון אלקות. דאָס איז לבן׳ס טענה.

אָבער דער אמת איז ניט אַזוי.

ווייל אויב מען טוט אין די דב־רים הגשמיים צוליב דער כוונה אלקית וואָס איז פאַראַן אין דעם, וואָס די כוונה איז להיות לו יתברך דירה בתחתונים[28], און דערפאַר טוט ער מיט די ענינים תחתונים, דע־מאָלט איז דאָס אַפילו אין יענער רגע גופא אויך ניט קיין ירידה נאָר אַן עלי׳, ביז אַז אַפילו בלעם אַליין, מיוצאי חלציו של לבן, וואָס ער איז געווען אַ שתום העין, האָט אויך געזען, אַז מראש צורים אראנו ומ־גבעות אשורנו.

ו. דער ענין אין עבודת השם איז:

אַז מען קומט צו גיין און מען טע־נה׳ט, אַז מצד ירידת הנשמה בגוף דאַרף מען דאָך אויך על פי תורה עוסק זיין זיך אין גשמיות, און פרנ־סת בני ביתו איז דאָך אַ מצוה און אַ חיוב[29], במילא דאַרף ער זיך צו־גרייטן צו ענינו עסק און מאַכן הכנות צו דעם;

נאָכמער, חסידות אַליין איז דאָך מבאר, אַז וברכך הוי׳ אלקיך בכל אשר תעשה[30]) דוקא, דאָס מיינט די לבושי העשי׳ הגשמיית; עס זיינען ניט גענוג לבושים פון די מזלות העליונים, נאָר מען דאַרף האָבן די לבושים פון עולם הזה הגשמי.

במילא, כאָטש ער טוט עס טאַקע צוליב דער כוונה אויף צו דינען דעם אויבערשטן, וואָס דורך די ענינו עסק הגשמיים וועט אים צוקומען אַ תוספות אין לימוד התורה און אין קיום המצוות, אָבער אין יענער רגע על כל פנים איז ער זיך עוסק בגש־מיות, אַזוי ווי להבדיל ניט קיין איד חס ושלום.

דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז די טענה פון לבן׳ען, הבנות בנתי והבנים בני, וואָס ער האָט גע׳טענה׳ט אַז אידישע גשמיות געהערט צו לבן׳ען.

אָבער דער אמת איז, אַז מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו. בשעת מען מאַכט אַ מעקה צו דעם בית חדש — ווי מען האָט גערעדט בשי־חת יב־יג תמוז, אַז בשעת מען גייט אַרויס פון די דל״ת אמות של תו־רה ותפלה צו עוסק זיין זיך אין עניני עולם, מאַכט מען אַ מעקה, — הערט זיך דעמאָלט אַז בשעת דעם עסק הגשמי גופא די כוונה אלקית וואָס איז פאַראַן אין דעם, ובמילא איז מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, וואָס זיי זיינען דאָך בכל עניניהם געווען בבחינת מרכבה, און אַזוי אויך יעדער איינער בעת קיום המצוה און, ווי דערקלערט, אין אַלע

27) יומא פה, ב.

28) זע תנחומא נשא טז.

29) זע כתובות מט־ב. שולחן ערוך אבן העזר סימן עא, סעיף א.

30) דברים טו, יח. קונטרס ומעין מאמר יט און ווייטער.

זאכן וואס ער איז אין זיי מקיים — בכל דרכיך דעהו [31].

אזוי איז דאס אויך אין לימוד התורה, וואס ער לערנט מיט זיין שכל אנושי, דארף מען דא אויך האבן די מעקה, ווי מען האט גערעדט בארוכה, אז עס דארף זיין דער שער הנו״ן, מחבר זיין די נקודא בהיכלא, ד. ה. אז שטייענדיק אין השגה והבנה אין שכל האנושי, זאל זיך אנהערן די נקודת היהדות.

בכלל מיינט עס, אז אין יעדער זאך וואס ער טוט, סיי בעסק גשמי ממש און סיי בלימוד התורה בשכלו האנושי, זאל זיך הערן אין דעם די כוונה האלקית, וואס דעמאלט איז דאס אפילו בשעת מעשה גופא ניט קיין ירידה, נאר אדרבה אן עלי׳, ווייל דא גופא פירט זיך אויס דעם אויבערשטנס כוונה.

(משיחת ש״פ בלק, תשט״ז)

# פרשת פנחס

א. אין היינטיקער סדרה ווערט דערציילט, אז ווען עס איז פארגעקומען די מעשה זמרי, האט מען ניט געוואוסט וואס צו טאן, כאטש עס זיינען געווען דערביי משה ואלעזר * מיט די זקנים. האט זיך דאן אנגערופן פנחס, וואס ער איז געווען דער צעיר שבחבורה [1] (די גמרא [2] רעכנט אויס דעם סדר ווי משה האט געלערנט תורה מיט אידן: צו ערשט האט ער געלערנט מיט אהרן׳ען, דערנאך מיט אלעזר ואיתמר, דערנאך מיט די שבעים זקנים, און דערנאך מיט אלע אידן, קומט דאך אויס אז פנחס האט געלערנט צוזאמען מיט אלע אידן גלייך), אז קנאים פוגעים בו. האט מען אים געזאגט, קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא [3] — דער לייענער פון בריוו, ער זאל אויך זיין דער שליח.

די אנווייזונג פון דעם איז:

עס זיינען פאראן עניינים וואס גדולים שבדור שווייגן און זאגן ניט וועגן דעם, איז דאס ניט אלעמאל א ראי׳ אז מען דארף גארניט טאן, און מאכן חשבונות און לומדות אויף ארויסדרייען זיך פון דעם. מען דארף וויסן, אז אויב ער זעט אז ער קאן טאן אין דעם, דארף ער טאן, און דאס וואס גרעסערע פון אים זאגן גארנישט, איז דאס אפשר כדי שיטול פנחס את הכהונה [4]. ד. ה. אז דאס איז זיין חלק וואס ער דארף דאס מברר זיין, און דורכדעם דוקא וועט ער צוקומען צו זיין שלימות.

אזוי ווי אין גשמיות האט דאך יעדער איינער זיין חלק, ואין אדם נוגע בפרנסתו של חברו [5], אזוי איז

---

31) משלי ג, ו.

*) כצ״ל גם בהוצאות שלפ״ז.

1) במדב״ר פ״כ, כה. תנחומא בלק, כא.

2) עירובין נד, ב.

3) סנהדרין פב, א.

4) במדבר רבה פרשה כ, כד.

5) על דרך אין אדם נוגע במוכן לחבירו — יומא לח, ב.

אויך, און נאך מיט א כל שכן וקל וחומר, אין רוחניות, אז יעדער איי־נער האט זיין חלק אין תורה — דאס איז וואס מען זאגט, ותן חלקנו בתורתך [6]), וואס דאס מיינט ניט נאר אין פארשטיין תורה, נאר אויך אין מחדש זיין, ווי די גמרא דערציילט אין מנחות [7]) אז רבי עקיבא האט געזאגט א דבר הלכה וואס אפילו משה רבינו האט ניט גע־וואוסט פון דעם —

און אין קיום המצות, וואס יע־דער איינער דארף אויפטאן, ואין אחד נוגע בפרנסתו של חברו. דאס וואס עס שטייט [8]), זכה נוטל חלקו וחלק חברו, דאס רעדט זיך וועגן גן עדן, וואס דאס איז שכר המצוות, אבער די מצוה אליין וואס איז הע־כער פון איר שכר, אין דעם האט יעדער איינער זיין חלק. ובמילא קאן זיין אז דאס וואס קיינער טוט עס ניט, איז עס ווילע דאס איז זיין ענין וואס ער דארף אים אפטאן.

ב. אויף פנחס'ן שטייט [9]): פנחס זה אלי'. פרעגט מען אויף דעם די קשיא, פריער איז דאך געווען פנחס און דערנאך אלי', האט דאך גע־דארפט שטיין, אלי' זה פנחס? איז דער תירוץ אויף דעם, לויט דעם וואס עס שטייט אין זוהר [10]), אז אלי' איז געווען נאך גאר פרי־ער, נאר דאן איז ער ניט געווען קיין ילוד אשה, וואס איז געבארן געווארן פון א פאטער און מוטער, נאר א מלאך, און דעריבער זאגט ער פנחס זה אלי'.

אין עבודה איז דאס:

מען האט דאך פריער געזאגט, אז מען מאנט ביי יעדער איינעם, ניט קוקן אויף קיינעם, און אן ענין הבא לידו דארף ער נעמען און אפטאן. פרעגט מען: וואו נעמט מען כוח אויף דעם? איז אויף דעם זאגט מען פנחס זה אלי', וויבאלד אז דער אוי־בערשטער האט אים מזמין געווען אן ענין וואס ער דארף אים טאן במסירת נפש, גיט מען אים כחות אויף דעם, און עס קאן געמאלט זיין אז אין אים גייט אריין א ניצוץ פון אזא וואס איז ניט קיין ילוד אשה.

ג. די הוראה פון דעם איך אונ־זער דור צו אלע יונגע לייט איז, אז זיי דארפן ניט מאכן קיין חש־בונות, אז דער קאן טאן און יענער קאן טאן, נאר יעדער זאך וואס קומט צו זייער האנט, דארפן זיי וויסן אז דאס איז זייער חלק, און זיי האבן כחות אויף דעם, און זיי דארפן דאס טאן מיט מסירת נפש.

און מסירת נפש איז ווי דער רבי האט געזאגט: מסירת נפש מיינט ניט ארופגיין אויף א דאך און אראפ־ווארפן זיך, ח"ו. מסירת נפש דארף זיין אן רעש און אן טומל, ווארום לא ברעש הוי' [11]). עס דארף זיין מסירת נפש אין אלע פעולות פון טאג־טעג־לעכן לעבן, אוטם אזנו וגו' ועוצם עיניו [12]). אפילו אין תורה דארף אויך

6) אבות פרק ה משנה כ.

7) כט, ב.

8) חגיגה טו, א.

9) תרגום יונתן וארא ו, יח. ילקוט שמעוני אנפאנג פנחס. זהר חלק ב קצ, סע"ב. רלב"ג מלכים א יז, א.

10) חלק א מו, ב. עיין שם בהגהות דרך אמת ועוד.

11) מלכים א יט, יא.

12) ישעי' לג, טו. און זע קונטרס העבודה פרק ב.

זיין מסירת נפש, אַז ער זאָל ניט נעמען תורה צו זיך נאָר נעמען זיך צו דער תורה. און אַז מען וויל מיט אַן אמת, וועט מען אויספירן.

און בשעת מען גייט מיטן מסירת נפש פון פנחס'ן, איז אויך — פנחס זה אלי', וואָס ער וועט מבשר זיין די גאולה[13], ד. ה. אַז די גאַנצע עבודה פון איצטער, איז אַ הכנה צו משיח'ן, אויף מאַכן די וועלט אַ מקדש לו יתברך.

(משיחת י"ב תמוז, תשי"ד)

ד. אין היינטיקער סדרה ווערט דערציילט די מעשה מיט פנחס'ן וואָס ער האָט מקנא געווען קנאת ה' צבאות. בכלל איז דאָך אי אפשר לבית המד־רש בלא חידוש[14]. דאָס איז אין תורה שבעל פה; תורה שבכתב, וואָס פון אַן אות לערנט מען אָפּ גאַנצע הל־כות, איז דאָך מכל שכן אַז אַ גאַנצער ספור המעשה, אַזוי ווי דער ספור פון פנחס'ן, איז אין דעם פאַראַן אַ חידוש.

וואָס איז דער חידוש אין דעם ספור? דער דין פון הלכה ואין מורין כן[15], און קנאין פוגעין בו[16]. דאָס הייסט אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע זאַכן וואָס בשעת מען קומט צו בית דין פרעגן וואָס צו טאָן, וועלן זיי ענטפערן אויף ניט, ווײלע אַזוי שטייט אין שלחן ערוך. פונדעסטוועגן איז אין דעם זעלבן שלחן ערוך שטייט אַז קנאים פוגעים בו, ד. ה. אַז בשעת ער קומט ניט צו בית דין נאָר ער טוט אַליין ווי ער איז מרגיש מצד פנימיות נפשו, האָט ער געטאָן ווי על פי דין איז (הלכה ואין מורין כן) און ער האָט מכוון געווען צו דעם רצון העליון.

אַזוי, אַלע מאָל, דאַרף מען יעדער זאַך פרעגן ביי בית דין. אָבער בשעת עס האַנדלט זיך וועגן קנאת ה' צבאות, איז דאָס על דרך ווי עס שטייט[17], אַז דער וואָס פרעגט אויף ענינים פון פקוח נפשות איז ער שופך דמים. דער ענין האָט אים געדאַרפט דערנעמען אויף אַזוי פיל אַז ער זאָל דאָס אַליין אָפּטאָן, ניט פרעגנדיק ביי בית דין. אַזוי איז אויך ווען עס איז קנאת ה', און דער ענין דערנעמט אים אין פנימיות נפשו, דאַן גייט ער ניט פרעגן ביי בית דין; דאַן דאַרף מען ניט וועלן גיין דוקא אויף אַן אייזערנער בריק, און גאָרנישט טאָן אַן בית דין — ווייל עס איז אַ שאָד יעדע מינוט, און נאָך מערער, אַפילו ווען מען ווייס אַז בית דין וועט פסק'נען אויף ניט, איז קנאים פוגעים בו, און דאָס איז ווי דער רצון העליון, ווײלע קנאים פוגעים בו איז אַ דין אין שלחן ערוך.

די הסברה אין דעם איז:

אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות[18], וואָרום אַ איד מצד עצמו — איז ווי דער אַלטער רבי האָט געזאָגט: אַ איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אַ נפרד פון אלקות, נאָר מצד דעם רוח שטות, מצד דער בהמה וואָס אין אים, דער נפש הבהמית, מצד דעם קאָן ער טאָן מעשה בהמה.

13) תרגום יונתן וארא ו, יח.
14) חגיגה ג, א.
15) עירובין ז, א. ביצה כח, ב.
16) סנהדרין פב, א.
17) ירושלמי יומא פרק ח הלכה ה.
18) סוטה ג, א.

ובמילא בשעת ער ווערט נתעורר מיט אַ קנאות, ניט צוליב זיין כבוד און ניט צוליב כבוד בית אבא, נאָר קנא קנאתי להוי׳, און דער ענין דער־נעמט אים אַזויפיל אַז ער טראַכט אפילו ניט צי ער איז עובר אַן עבירה דערמיט צי ניט, ווײַלע ער איז אינגאַנצן דורכגענומען מיט די קנאות להוי׳, במילא האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אינגאַנצן אַן אַ זייט, איז בשעת דעם גוף ונפש הבהמית לייגט ער אַוועק אַן אַ זייט און עס בלייבט נאָר דער נפש האלקית וואָס איז שטענדיק באמנה אתו יתברך[19], וואָס מצד דעם קומט ביי אים די קנאות, איז דאָך וודאי אַז בשעת דער נפש הבהמית איז ניט מבלבל, ווערט די נשמה מצד עצמה זיכער מכוון זיין צו דעם רצון העליון.

דערפאַר זעען מיר אַז דורך דעם וואָס פנחס האָט גע׳הרג׳ט זמרי׳ן, איז ותעצר המגפה, ער האָט מציל געווען כמה אלפים מישראל פון אַן עון חמור ביותר, דער עון בעל פעור, וואָס עס שטייט אין מדרש[20] אַז דער עון פון בעל פעור איז שטענדיק מקטרג און משה רבינו נעמט אַראָפּ דעם קטרוג, וואָס אויף קיין עון גע־פינט מען דאָס ניט, און פנחס האָט מציל געווען די אידן פון דעם עון. דערפאַר האָט ער זוכה געווען אַז הנני נותן לו את בריתי שלום, דפנחס זה אלי׳ וואָס ער קומט אויף יעדער ברית מילה[21] און ער ווערט קומען מבשר זיין די גאולה.

ה. איצטער איז דאָך אויך אַ זמן פון אַ מגיפה, ר״ל. ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט געזאָגט אַז דער אויי־בערשטער האָט אָנגעצונדן די גלות־ווענט[22], וואָס דאָס איז אַן ענין וואָס מען דאַרף ניט האָבן אויף דעם קיין ראיות און הסברות, נאָר מען זעט דאָס במוחש. מען זעט במוחש ווי כמה וכמה מישראל אין חוץ לארץ און אין ארץ הקדושה ת״ו ווערן פאַר־לאָרן פון אידישקייט, זיי גייען אויף אַ קרומען וועג וואָס דאָס פירט זיי אַז זיי זאָלן ווערן חס ושלום מנגדים על הוי׳ ועל תורתו, איז אין אַזאַ צייט, אַ צייט פון אַ שריפה, אַ צייט וואָס אַ אידישער אינגעלע אָדער אַ אידישע מיידעלע קאָנען ווערן חס ושלום פאַרלאָרן פון אידישקייט, אין אַזאַ צייט דאַרף מען ניט גיין צו בית דין און נאָכקוקן אין ספרים צי ער מעג מבטל זיין אַ שעה לער־נען צוליב דעם צי ניט, און נאָך אַזעלכע שאלות, וואָרום עס איז אַ סכנה יעדער מינוט אָפּצולייגן, — מען דאַרף טאָן.

אין אַזאַ צייט דאַרף יעדער איד אָנצינדן די קנאות שבנפשו, וואָס דאָס קאָן מען דורך פנימיות התורה, און אַרויסגיין פון די אייגענע ד׳ אמות און גיין צו אידן און ריידן מיט זיי בדרכי נועם און מיט רגש־דיקע ווערטער — מען דאַרף ניט אויס׳טענה׳ן זיך מיט זיי מיט שכלי־דיקע ויכוחים, וואָרום בשעת אַ שרי־פה איז ניטאָ די צייט אויף דעם, און בכלל — ווען עס האַנדלט זיך וועגן פקוח נפשות נעמט מען ניט יענעם מיט שכל. מען דאַרף ריידן

---

19) תניא פרק כד.

20) תוספות סוטה ענדע פרק א. פרקי דרבי אליעזר ענדע פרק מה. ועוד.

21) פרקי דרבי אליעזר פרק כט. אבודרהם הלכות ברית מילה.

22) היום יום עמוד 12.

מיט רגש — נשמה־ווערטער — וואָס דערמיט ווערט מען אָנצינדן דעם פייער וואָס ביי זיי, רשפי׳ רשפי אש שלהבת י־ה[23]), און עס ווערט זיין ותעצר המגפה.

און דאַן איז מען זוכה אַז פנחס זה אלי׳, וואָס ער ווערט קומען לפני יום הגדול והנורא, והשיב לב אבות על בנים וגו׳[24]), און ער ווערט מבשר זיין די גאולה על ידי משיח צדקנו במהרה בימינו.

(משיחת י״ב תמוז, תשי״ג)

ו. איינער פון די חדושי ענינים אין פ׳ פנחס, איז דער סדר הנחלה.

דער ענין הקרבנות, אַזוי אויך דער ענין פון ציילן די אידן, איז פאַראַן אויך אין אַנדערע פרשיות ובאַרוכה, אָבער דער סדר הנחלה בכלל און סדר נחלת ארץ ישראל בפרט, איז מבואר אין פרשת פנחס.

דער סדר הנחלה פון ארץ ישראל איז געווען על פי גורל, אַך בגורל יחלק את הארץ. אין גמרא און מדרש[25]) איז מבואר, אַז עס איז געווען על פי גורל און אויך על פי אורים ותומים.

אין פלוג דאַרף מען פאַרשטיין, וויבאַלד אַז דער סדר חלוקת ארץ ישראל אין גשמיות איז ווילע אַזוי איז דער סדר חלוקת ארץ ישראל אין רוחניות, דאָס מיינט אַז דער סדר החלוקה אין עבודה[26]) איז על פי גורל, איז ניט פאַרשטאַנדיק: דער סדר אין עבודה דאַרף דאָך זיין על פי שכל, און ניט על פי גורל וואָס דאָס איז למעלה מטעם ודעת?

אמת טאַקע אַז דער יסוד העבודה איז קבלת עול דוקא, דאָס איז דאָך בלויז דער יסוד העבודה, אָבער דער אָנהויב העבודה, ווען ער דאַרף פאַנאַנדערקלייבן ווי צו טאָן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, דאַרף דאָך דאָס זיין על פי תורה דוקא, וואָס דאָס מוז זיין מיט שכל און השגה, איז פאַרוואָס זאָגט מען אַז די חלוקה, ד. ה. דער פאַנאַנדערקלייבן און פאַנאַנדערטיילן עניני עבודתו ועשיותיו, איז על פי גורל?

נאָך מער איז ניט פאַרשטאַנדיק, וואָס ער זאָגט אַך בגורל יחלק את הארץ, וואָס אַך איז אַ מיעוט, ד. ה, אַז די חלוקה דאַרף זיין נאָר על פי גורל, ולכאורה דאַרף עס זיין נאָר על פי טעם ודעת?

ז. אין אַ מאמר פון רבי׳ן דעם צמח צדק[27]), אַזוי אויך אין מאמרים פון שפעטערדיקע רביים, רעדט זיך וועגן דעם ענין „אַך בגורל יחלק את הארץ" בנפש ובעבודה. און לויט דעם ביאור דאָרט איז פאַרענטפערט אויך די אויבנדערמאָנטע קשיא:

גורל איז למעלה מטעם ודעת, און חלוקת הארץ מוז זיין נאָר על פי גורל, ווילע די חלוקה קומט פון אַן ענין שלמעלה מטעם ודעת.

והביאור בזה, ובהקדמה:

הגם אַז יעדער איד איז מחויב אין אַלע מצוות, פונדעסטוועגן זיינען פאַר־

---

23) שיר השירים ח, ו.

24) מלאכי ג כג-כד.

25) בבא בתרא קכב, א. במדבר רבה אויפן פסוק (פנחס כו, נה).

26) זע תורה אור אָנפאַנג פרשה וישב. תורת חיים דאָרט.

27) זע ד״ה אך בגורל — אוה״ת פינחס ע׳ א׳נט. ספר תרכ״ו. דשנת תרמ״ו.

ראָן ביי יעדער אידן ענינים מיוחדים וואָס זיינען שייך צו אים בפרט.

אַזוי ווי ער דערקלערט אין תניא, אין אגרת הקדש [28], דעם ענין וואָס מיר געפינען ביי כמה תנאים ואמוראים, אַז זיינען געווען זהיר טפי (מערער) אין געוויסע מצוות. זיי זיינען געווען זהיר אין אַלע מצוות, אָבער אין געוויסע ענינים זיינען זיי געווען זהיר טפי, ווײַלע די ענינים זיינען געווען שייך צו זיי בפרט, און דורך די ענינים, איז געווען אויך די המשכה און עלי׳ פון די איבעריקע מצוות זייערע.

די שייכות פון יעדן איינעם מיט זיינע ספּעציעלע ענינים, איז ניט קיין ענין פון טעם ודעת, וואָס ער פילט מיט זיין שכל אַז ער האָט אַ שייכות ספּעציעל צו די ענינים, נאָר דאָס איז אַן ענין פון למעלה מטעם ודעת, וואָס דאָס איז דער ענין פון גורל.

ח. דערפאַר, ווען איינער זעט אַז אויף אַ געוויסער מצוה האָט ער העלמות והסתרים ביותר, איז דאָס אַ ראי׳ [29] אַז די מצוה האָט צו אים מערער אַ שייכות. פון דעם גופא וואָס מען שטעלט זיך אַזוי אַנטקעגן, איז אַ ראי׳ אַז דאָס איז אים מערער נוגע.

אויב אַפילו ער זעט אינגאַנצן ניט מיט זיין שכל די שייכות וואָס ער האָט צו דעם ענין, אדרבה, ער זעט גאָר אַז די מצוה קומט אים אָן שווערער פון אַנדערע, אָדער אַז אין אַט דעם מקצוע בתורה האָט ער ניט קיין געשמאַק און הצלחה — פונדעסטוועגן איז דער ענין, זיין ענין מיוחד וואָס איז שייך צו אים בפרט, און דורך דעם וועט זיין אַן עלי׳ אין זיין כללות התורה ומצוות. און דערפאַר שטעלט זיך דער יצר הרע אַזוי שטאַרק אַנטקעגן, ווײַלע דער ענין איז אים נוגע ביותר.

ובמילא דאַרף ער ניט אָפּלאָזן דעם ענין און נעמען זיך צו אַנדערע ענינים, נאָר אדרבה משתדל זיין זיך און טאָן דוקא דעם ענין, ווײַלע דאָס איז אים נוגע ביותר. און דאָס גופא וואָס ער פאַרשטייט ניט די שייכות, און זעט ניט ווי דאָס איז אים נוגע, דאָס איז איינע פון די העלמות והסתרים.

ט. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס עס שטייט, אַך בגורל יחלק את הארץ, וואָס גורל איז למעלה מטעם ודעת.

אין ארץ ישראל זיינען געווען פאַרשידענע חלקים, הר, שפלה ועמק, שדה לבן, שדה פרדס [30] א. א. וו. די חלוקה וואָס איז געווען, אַז דער האָט געהאַט בהר, דער האָט געהאַט בשפלה ועמק, דער האָט געהאַט שדה הפרדס און דער שדה הלבן, איז דאָס געווען לויט דער שייכות הפרטית פון יעדערן אין ארץ ישראל הרוחנית, וואָס דערפאַר איז אַראָפּגעקומען די חלוקה באופן כזה אין ארץ ישראל הגשמית.

און דאָס איז וואָס אַך בגורל יחלק את הארץ, ווײַלע די שייכות פון יעדערן צו זיין חלק, איז ניט קיין שייכות על פי טעם ודעת, נאָר דאָס

28) סימן ז. זע אויך הקדמת הרח״ו לשער ההקדמות (געדרוקט אויך בסוף קונטרס עץ החיים עמוד 73 בסופו). ספר השיחות קיץ הש״ת עמוד 22.

29) זע קונטרס העבודה ענדע פרק ואו.

30) זע בבא בתרא קכב, א. ומבואר בסה״מ תרכ״ו ע׳ רה (בהוצאת תשמ״ט ע׳ קעז ואילך).

איז אַן ענין פון למעלה מטעם ודעת, וואָס דוגמתו למטה איז דער ענין פון גורל.

י. וויבאַלד אַז מען האָט דאָס אונז דערציילט, און תורה איז אייביק פאַר יעדער צייט און יעדער אָרט, איז דער ענין נוגע אונז ביחוד.

יעדער איינער האָט אַן ענין מיוחד וואָס איז שייך צו אים בפרט, און ניט קוקנדיק אויף די העלמות והסת־רים וואָס ער האָט אין דעם ענין, יאדרבה, כנ״ל, וויבאַלד ער זעט אַז אין דעם שטעלט זיך דער יצר הרע, די וועלט, גאָר שטאַרק אַנטקעגן, דאַרף ער זיך משתדל זיין מער און מער דאָס צו טאָן, ווילע דער ענין איז שייך צו אים ביחוד און דורך דעם ענין וועט זיין אַ המשכה ועלי׳ אויך אין זיינע איבעריקע ענינים.

(משיחת ט״ז תמוז, תשי״ב)

# פרשת מטות ומסעי

א. עס שטייט אלה מסעי בני ישר־אל אשר יצאו מארץ מצרים, מסעי לשון רבים, ד. ה. אַז עס זיינען גע־ווען אַ סך מסעות דורך וועלכע די אידן זיינען אַרויס פון מצרים. איז באַוואוסט אויף דעם די קשיא, די אידן זיינען דאָך אַרויס פון מצרים מער ניט ווי מיט איין מסע, דער מסע פון רעמסס קיין סוכות (די איבעריקע מסעות זיינען דאָך געווען שוין נאָך דעם ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים), היינט פאַרוואָס שטייט מסעי לשון רבים?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין דעם ענין פון די מ״ב מסעות וועלכע זיינען געווען זינט די אידן זיינען אַרויס פון מצרים ביז זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, ארץ טובה ורחבה. וואָרום באַלד מיטן ערשטן מסע, ווי זיי זיינען נאָר אַרויס פון מצרים, לשון מצרים וגבולים, איז דאָס דאָך שוין מרחב. ווי מען גייט נאָר אַרויס פון מיצר געפינט מען זיך במילא במקום המרחב — היינט וואָס גיט צו דער ענין פון די מ״ב מסעות אין דער זאַך פון מרחב?

נאָר דער ענין איז אין דעם איז, אַז אין מצרים ומרחב זיינען פאַראַן כמה וכמה מדריגות; דאָס וואָס לגבי אַ נידעריקערער מדריגה הייסט מרחב, איז לגבי אַ העכערער מדריגה הייסט עס נאָך מצרים, ביז מען קומט צו צום אמת׳ן מרחב, צום לעצטן מסע, על ירדן יריחו, וואָס דאָס גייט אויף משיח׳ן דמורח ודאין [1]. ביז דעמאָלט, איז הגם אַז לגבי נידעריקער איז דאָס אַן ענין פון מרחב, אָבער לגבי העכער איז דאָס מצרים.

און דאָס איז דער ענין פון די מ״ב מסעות וועלכע זיינען געווען פון מצרים, ביז ארץ טובה ורחבה. מיטן ערשטן מסע, איז הגם אַז מען איז שוין אַרויס פון מצרים און אַריין — במילא — אין מרחב, איז אָבער לגבי אַ העכערער מדריגה איז דאָס

1) סנהדרין צג, ב. לקוטי תורה במדבר פה, ג.

נאך אַן ענין פון מצרים, דערפאַר דאַרף זיין נאך אַ מסע אויף אַרויס־גיין אויך פון דעם מצרים. און דאָס איז דער לשון אלה מסעי (לשון רבים) גו׳ אשר יצאו מארץ מצרים, וואָרום אויך דער ענין פון די איבע־ריקע מסעות איז צו אַרויסגיין פון מצרים, ביז מען קומט צו צום ירדן יריחו, דער תכלית העילוי.

ב. תורה איז דאָך אַ נצחית בכל דור ודור, ובפרט דער ענין פון יצי־את מצרים, וואָס עס שטייט [2]) אויף דעם: חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים, איז דאָס אַ הוראה אין עבודה, אַז אויך בשעת מען האָט שוין גע׳פועל׳ט ביי זיך אַן עבודה שלמעלה מטעם ודעת, למעלה ממדידה והגבלה, וואָס דער־מיט איז מען אַרויס אויך פון מצרים דקדושה, איז דאָס נאָך ניט גענוג, וואָרום לגבי העכער איז דאָס נאָך אַלץ מצרים, במילא דאַרף מען ווײַ־טער אַרבעטן און ווייטער גיין.

מען וועט דאָס פאַרשטיין אויך פון דעם ענין פון עבודת התפלה. וואָס דאָס — עבודת התפלה — איז עבודת האדם, ווי עס איז באַוואוסט דער אונטערשייד [3]) צווישן תורה און תפלה, אַז תורה איז מלמעלה למטה, און תפלה איז עבודת האדם מלמטה למע־לה, אַ סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה [4]), וואָס מען גייט מלמטה למעלה, אַרויסגיין פון מקום המיצר למקום המרחב.

איז דאָך ידוע אַז אין תפלה זיינען פאַראַן כמה וכמה עליות, וואָס מיט יעדער עלי׳ גייט ער אַרויס פון זיין פריערדיקן מצב, און פונדעסטוועגן איז דאָס ניט גענוג, און מען דאַרף גיין העכער און העכער.

די ערשטע עבודה איז די הכנה צום דאַוונען: אַזוי ווי ער גייט דאָך דאַוונען צום אויבערשטן הבלתי בעל גבול ובלתי בעל תכלית, און ער — דער אדם — געפינט זיך דאָך אין אַ גוף ונפש הבהמית, ובפרט כשמלוכלך על ידי החטא, איז ווי זאָל ער זיך שטעלן דאַוונען? מוז ער זיך פריער באַפרייען פון אַלע זיינע ענינים, און פון זיין גאַנצער מציאות, און דאַן שטעלן זיך דאַוו־נען.

דאָס אַליין, דער שטעלן זיך דאַוו־נען, נאָך איידער ער דאַוונט, נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן זאָגן הודו, אָדער מה טובו, נאָר דאָס אַליין וואָס ער טוט אָן דעם גאַרטל און שטעלט זיך דאַוונען, דערמיט אַליין גייט ער דאָך אַרויס פון זיינע ענינים, און ער ווערט מזוכך, דאָס הייסט, ער גייט אַרויס פון זיינע מצרים וגבולים.

— דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין, וואָס עס שטייט אויך אין נגלה דתורה, אַז קודם התפלה יפנה ויטול ידיו [5]), יפנה מיינט, אַרויסנעמען פון זיך די פסולת שבגלוי ושבפנימיות; נאָך דעם איז יטול ידיו, אַרויסנעמען די טומאה, וואָס עס איז נאָר אַן ענין פון מקיף, אין פנימיות איז דאָ

---

2) פסחים פרק עשירי משנה ה. תניא פרק מז.

3) אגרת התשובה פרק י. תורה אור א, ג. ספר המאמרים ה׳תש״ח עמוד 80.

4) זהר חלק א רסו, ב. חלק ג שו ב. תיקוני זהר תיקון מה.

5) ברכות טו, א. שלחן ערוך אדמו״ר הזקן מהדו״ק סימן ב סעיף ח.

גאַרנישטאָ [6]), איז אויך פון דעם דאַרף מען פטור ווערן פאַרן דאַווענען —

פונדעסטוועגן איז ער דערמיט אַליין נאָך ניט יוצא, ערשט דעמאָלט דאַרף ער זיך שטעלן דאַווענען, אָנהויבן זאָגן הודו, וואָס דעמאָלט גייט ער אַרויס אויך פון דער מציאות ווי ער שטייט נאָך זיין הכנה צום דאַווענען, וואָס לגבי העכער איז דאָס נאָך אַ מיצר וגבול; גייט ער אַרויס אויך פון דעם מיצר אל מקום המרחב.

און אַזוי אויך אין תפלה גופא זיינען פאַראַן כמה וכמה עליות, וואָס בכלל־לות טיילט זיך דאָס אויף ד׳ שלי־בות [7]) (די עליות זיינען על ידי שם מ״ב כידוע), וואָס יעדער מדריגה לגבי דער העכערער איז נאָך אַלץ אַן ענין פון מיצר וגבול.

ביז מען קומט צו צו שמונה עשרה, וואָס דאָרטן איז דער תכלית העילוי, ער גייט אַרויס אינגאַנצן פון זיין מציאות (וועלכע ס׳זאָל נישט זיין, אויך פון אַ מציאות וואָס איז אויס־געאיידלט על ידי עבודתו בכל המד־ריגות הקודמות), און ער שטייט בבי־טול במציאות כעבדא קמי׳ מארי׳, אַז ער איז גאַרניט קיין מציאות, און זאָגט: אד׳ שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך, דער אויבערשטער זאָל עפענען מיינע ליפן און איך וועל ניט מער ווי נאָכזאָגן [8]).

ג. וואָס דערפאַר זעט מען אַז אין שמונה עשרה זיינען פאַראַן צוויי ענינים הפכים: א) ביטול בתכלית; ער איז גאַרניט קיין מציאות, נאָר כעונה אחרי הקורא, ב) בקשת צרכיו, און ניט נאָר צרכיו הרוחניים, נאָר אויך צרכיו הגשמיים. אין פסוקי דזמ־רה וברכות קריאת שמע וקריאת שמע, איז ניטאָ קיין בקשת צרכיו הגש־מיים (ווײַלע ער איז אויסגעטאָן פון זיין מציאות כנ״ל). אין שמונה עשרה דוקא איז בקשת צרכיו הגשמיים.

דער ענין איז: מצד תכלית העילוי קען דאָרטן זיין אַ התכללות פון צוויי ענינים הפכים, און ווי מען האָט גערעדט אין מאמר, אַז במקום עליון יותר איז די התכללות ביותר. וואָס דאָס איז אַ מעין פון דעם גילוי דלעתיד, וואָס דעמאָלט וועט זיין וראו כל בשר, אַז ג־טלעכקייט וועט דער־הערט ווערן אויך אין דעם בשר הגשמי, התכללות ב׳ הפכים.

ד. אָבער ניט קוקנדיק וואָס שמונה עשרה איז דער תכלית העילוי, איז אויף מאָרגן, דאַרף מען זיך ערשט שטעלן דאַווענען, אָנהויבנדיק פון דער הכנה לתפלה, דערנאָך הודו, פסוקי דזמרה וכו׳ — וואָרום ווי הויך ער איז ניט צוגעקומען נעכטן, איז דאָס נאָך אַ מיצר לגבי דער מדריגה וואָס ער דאַרף צוקומען היינט.

און אַזוי ווי עס איז אין עבודת

---

6) ועל דרך מ״ש הרמב״ם בהל׳ מקואות פרק יא הלכה יב. במדבר רבה אָנפאַנג פרשת חוקת. און זע לקוטי תורה ויקרא כט, א: חוקה חקקתי גזירה גזרתי, והיינו שבענין הטומאה איז גאַרנישטאָ קיין פסולת וואָס מען זאָל קענען אָנזען, עס איז מער ניט ווי אַן ענין פון חוקה חקקתי כו׳.

7) ספר המאמרים ה׳תש״ח עמוד 80.

8) תהלים נא, יז. אלשיך דאָרט. לקוטי תורה שיר השירים ב, ג. ספר המאמרים תרכ״ז עמוד תלו.

התפלה, אַזוי איז בכללות העבודה. אַ מענטש דאַרף זיין אַ מהלך. אַפילו נאָכן אַרויסגיין לגמרי פון רע און ווי הויך ער איז ניט צוגעקומען, דאַרף ער וויסן אַז עס איז נאָך ניט גענוג, ווייל לגבי אַ העכערער מדריגה, האָט ער נאָך אַלץ אַ שייכות צו רע.

— אַ ראי' אויף דעם קען ער זיך ברענגען פון דעם וואָס ער זעט נאָך אין אַ זולת די מציאות הרע. עס איז דאָך באַוואוסט דער מאמר הבעל שם טוב נ"ע[9], אַז אַ מענטש זעט רע אין אַ צווייטן, איז אַ באַוויין אַז ער אַליין פאַרמאָגט דעם זעלבן רע, בדקות על כל פנים —

און ער דאַרף אַרויסגיין אויך פון דעם. מען דאַרף האַלטן אין איין טאָן אויף מזכך זיין דעם בשר הגשמי — ניט ברעכן אים דורך תעניתים וסיגופים, נאָר אויסאיידלען אים, ווי עס איז באַוואוסט דער מאמר הבעל שם טוב נ"ע אויפן פסוק[10] כי תראה חמור שונאך — באַלד ווי ער שטייט אויף אין דערפרי, זאָל ער איינשפּאַנען זיין חמור, ד. ה. דעם חומר, וואָס דורך דעם דוקא, קאָן מען צוקומען צום גילוי דלעתיד, אַז וראו כל בשר, אַז דער בשר הגשמי וועט אַזוי פיל אויסגעאיידלט און אויסגעלייטערט ווערן, ביז ער וועט זען אלקות.

ה. קאָן מען דאָך טענה'ן ביי זיך, איך האָב גענוג געהאָרעוועט מיט זיך ביז איך בין פּטור געוואָרן פון דעם אַפּנעם און גראָבן רע, און איך שטיי שוין אויף אַ הויכער מדריגה, ווער זאָגט עס אַז איך דאַרף ווייטער האָרעווען? עס איז מיר גענוג די מדריגה אין וועלכער איך געפין זיך.

זאָגט מען אים, אַז די אויפגאַבע און דער ענין האדם איז, ער זאָל זיין אַ מהלך און ניט קיין עומד, און יעדער טאָג וואָס דער אויבערשטער גיט אים, דאַרף ער אין אים ממלא זיין זיין תפקיד בעולם, כמ"ש ימים יוצרו ולו אחד בהם[11].

און דאָס איז די הוראה פון דעם ענין פון די מסעות, מען זאָל זיך קיינמאָל ניט באַנוגענען מיט דער מדריגה ביי וועלכער מען האַלט כנ"ל.

ו. פון דער אַנדער זייט איז די הוראה פון דעם ענין המסעות: אַפילו בשעת מען געפינט זיך בשפל המצב ביותר ובמדריגה פחותה ביותר, זאָל מען זיך קיינמאָל ניט מייאש זיין, וואָרום דורך עבודה קאָן מען אַלעמאָל אַרויסגיין פון דעם מצב אין וועלכן מען געפינט זיך, און צוקומען צו די סאַמע העכסטע מדריגות.

מען זאָל ניט טראַכטן ביי זיך, וויבאַלד איך געפין זיך אין אַזאַ נידעריקן מצב, דידע אינש בנפשי', איז אומזיסט מיין גאַנצע האָרעוואַניע — אויף דעם איז די הוראה פון דעם ענין המסעות, אַז אַפילו מיט איין מסע אַליין קאָן מען אַרויסגיין פון מצרים און קומען אין ארץ טובה ורחבה (לגבי זיין איצטערדיקער מדריגה, און דורך דעם גיין ווייטער און ווייטער, ביז צום תכלית העילוי).

---

9) זע ספר השיחות קיץ ה'ש"ת ע' 83.

10) שמות כג, ה. זע היום יום כח שבט.

11) תהלים קלט, טז. רשימות הצמח צדק דאָרט. ושם נסמן.

און מה דאַך דעמאָלט, וואָס די אידן זייענדיק אין מצרים זיינען געווען משוקע אין מ"ט שערי טומאה[12], און ס'איז אויך געווען פאַר מתן תורה, וואָס דעמאָלט איז נאָך געווען די גזירה אַז עס קאָן ניט זיין דער חיבור פון רומי מיט סוריא[13], פונדעסטוועגן, איז דורך די מסעות, זיינען זיי צוגעקומען אל ארץ טובה ורחבה.

מכל שכן איצטער, וואָס ווי נידעריק מען זאָל ניט זיין, איז דאָך די עבודה אַ סך אַ קלענערע, וואָרום עס זיינען געבליבן מער ניט ווי פכים קטנים, ובפרט אַז מען האָט אַ נתינת כח אויף דעם פון מתן תורה שעמד וביטל הגזירה, אַז עס קאָן זיין דער חיבור פון עליונים ותחתונים, ובפרט אַז עס איז פאַראַן דער ענין ההתקשרות פון אַ רבי'ן מיט חסידים, אַז דער רבי — כ"ק מו"ח אדמו"ר — פאַרבינדט אַ אידן מיט עצמות, איז דאָך אַ ודאי אַז יעדער איד האָט בכוח צו אַרויסגיין פון זיין מעמד ומצב, און צוקומען צו ארץ טובה ורחבה, ביז צום ירדן יריחו, גילוי המשיח דמורח ודאין[14], וואָס דאָס איז דער תכלית המרחב.

ז. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות פון פ' מטות ומסעי צו בין המצרים, וואָס אַזוי איז דאָך אויסגעשטעלט געוואָרן די קביעות, אַז מטות ומסעי לייענט מען אַלע מאָל בין המצרים.

וועט מען דאָס פאַרשטיין דערקלערנדיק דעם ענין פון סותר על מנת לבנות, אַז די כוונת הסתירה איז צוליב דעם בנין, אַז נאָך דער סתירה זאָל מען מאַכן נאָך אַ בעסערן בנין, ווי דער מאמר פון בעל שם טוב אויפן פסוק[15] ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע, אַז דורך דער עת צרה גופא, קומט מען צו צו אַ ישועה, וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין פון התכללות פון צוויי ענינים הפכים. דערפאַר לייענט מען דעמאָלט פ' מטות־ומסעי, וואָס מטות איז דער ענין פון התכללות, ווי דערקלערט אין מאמר וואָס מען האָט געזאָגט פריער, און דער ענין פון מסעי איז דאָך — אַרויסגיין פון בין המצרים, און אַז אין יעדער מדריגה אין וועלכער מען שטייט, דאַרף מען ניט נתפעל ווערן, און אדרבה פון דער צרה גופא איז יושע, אַז מען וועט צוקומען צו ירדן יריחו.

און דאָס איז אויך דער ענין פון מנחם אב, אַ לשון פון נחמה. וואָרום באמת איז דאָך אַלץ לטובה, ווי דער משל פון אַ פאָטער וועלכער שלאָגט זיין קינד, וואָס ער איז אויסן זיין טובה. און בשעת מען איז זיך מתבונן אין דעם, זעט מען ווי באמת איז דאָס טוב, און ניט נאָר וואָס מען זעט עס בעיני השכל, נאָר דורך דעם קומט עס אַראָפּ אויך אַז מען זעט דאָס מיט די פליישיקע אויגן — אַז עס ווערט טוב הנראה והנגלה, על דרך ווי ביי די וואָס האָבן געהאַלטן ביי דער דרגא פון גם זו

---

12) זהר חדש אָנפאַנג פרשת יתרו. תיקוני זהר תיקון לב.

13) שמות רבה פרשה יב, ג.

14) זע הערה 1.

15) ירמי' ל, ז. ספר המאמרים אידיש עמוד 55.

לטובה[16]), כל מה דעביד רחמנא לטב עביד[17]) — איז דאָס אַלץ געוואָרן בפועל. עס דאַרף טאַקע זיין דער ורחץ ה' את צואת בנות ציון[18]), און ווי ער זאָגט אין תניא[19]) דעם משל פון אַ מלך גדול ונורא הרוחץ בכבודו ובעצמו צואת בנו יחידו, אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס בחסד וברחמים (ד. ה. אַז לבד זאת, וואָס דאָס גופא איז לטובה, זיינען אויך די יסורים גופא בחסד וברחמים), ווי ער זאָגט דאַרטן דעם לשון: אביו הרחמן והצדיק וחסיד, אַז די יסורים זיינען בחסד וברחמים, און דער עיקר איז, אַז סוף כל סוף קומט עס אַראָפּ אין טוב הנראה והנגלה, אַז פון דער צרה אַליין ווערט צהר.

תוכן מהשיחה הנ"ל:

כתיב אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים, וידוע הדיוק במה שנאמר מסעי לשון רבים, והרי המסע שיצאו מארץ מצרים הוא מסע אחד בלבד, המסע מרעמסס לסוכות, (כי שארי המסעות היו כבר אחרי היציאה ממצרים) ומהו מסעי לשון רבים? גם אינו מובן ענין המ"ב מסעות שהיו מארץ מצרים עד שבאו לארץ ישראל, ארץ טובה ורחבה, דמאחר שבמסע אחד בלבד יצאו ממצרים, לשון מצרים וגבולים, הרי מיד באו למרחב, על ידי היציאה מהמיצר נמצאים במילא במקום המרחב —

אך הענין הוא, שהתורה היא נצחית, ובכל דור ודור, אצל כל אחד ואחת, צריך להיות היציאה ממצרים, לשון מצרים וגבולים, אל ארץ טובה ורחבה, — היציאה מן המיצר אל המרחב. אמנם גם כאשר פעל בעבודתו היציאה ממצרים, צריך לידע, שאין זה מספיק עדיין, כי לגבי מדריגה נעלית יותר, הנה המדריגה שנמצא בה עכשיו, שלפי מצבו היא בבחינת יציאת מצרים, וארץ טובה ורחבה, הרי לגבי המדריגה הנעלית היא בבחינת מצרים וגבולים, ולזאת צריך להיות עוד מסע, להסיע את עצמו גם מבחינה זו, ולעלות במעלה עליונה יותר, וכמו כן הוא מסע הג', הד', וכו'.

ההוראה מזה בעבודה בפועל, היא בשתים:

א) גם כאשר נמצאים במדריגה נעלית ביותר, צריך תמיד להתעלות עוד יותר. ואל יאמר האדם די ומספיק לי בעבודתי הקודמת — כי האדם תפקידו וענינו הוא להיות מהלך ולא עומד, ובכל יום ויום שנתן לו הקב"ה, צריך למלאות את תפקידו בעולם, כמ"ש ימים יוצרו ולו אחד בהם.

ב) גם כאשר נמצאים במדריגה פחותה ביותר, אין צריך להתייאש, כי על ידי עבודה, אפשר תמיד להתעלות במעלה עליונה יותר. ואל יאמר האדם, מאחר שאני נמצא במצב שפל כזה, לשוא כל עמלי — על זה הוא הלימוד מענין המסעות, שגם במסע אחד בלבד אפשר מיד לצאת ממצרים, ולהגיע אל ארץ טובה ורחבה (שלפי מדריגתו, ועל ידי זה,

---

16) תענית כא, א. סנהדרין קח, סע"ב.
17) ברכות ס, ב. שו"ע או"ח סימן רל סעיף ה.
18) ישעי' ד, ד.
19) אגרת הקדש סימן כב.

להתעלות אחר כך גם למעלה עליונה יותר). ומה אז שישראל היו מושק־עים במ"ט שערי טומאה במצרים, והי' קודם מתן תורה, מכל מקום על ידי המסעות באו מיד אל ארץ טובה ורחבה, עכשיו על אחת כמה וכמה.

(משיחת ש"פ מטו"מ, תשט"ו)

# לקוטי שיחות

•

# דברים

# פרשת דברים

א. וועגן היינטיקן שבת (שבת חזון), איז פאַראַן אַ וואָרט [1] פון הרב הקדוש ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער נ"ע, אַז בשבת חזון ווייזט מען דעם בית המקדש השלישי — חזון מלשון ראי', — נאָר דאָס איז אַ זען פון דערווייטנס — ראי' מרחוק, — וואָס דאָס איז דער ענין פון שבת חזון.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין די שייכות פון שבת חזון צו פרשת דברים, וואָס די קביעות פון שבת חזון איז אַלעמאָל פ' דברים.

מיט פרשת דברים הויבט זיך אָן משנה תורה, וואָס כאָטש עס איז דאָך אין תורה, דאָך איז אַנדערש [2] משנה תורה פון די פריערדיקע חומשים דערמיט, וואָס משנה תורה איז געזאָגט געוואָרן צום דור וואָס איז אַריינגעגאַנגען קיין ארץ ישראל און דערפאַר האָט מען געדאַרפט באַוואָרענען געוויסע ענינים, וואָס פריער האָט מען זיי ניט געדאַרפט באַוואָרענען.

דער חילוק פון דור המדבר און דעם דור שנכנסו לארץ איז, וואָס דור המדבר איז געווען אַ דור דיעה [3] און זיי זיינען געווען אין דער מדריגה פון משה רבינו, וואָס ער האָט געהאַט ראי' אין אלקות. אָבער דער דור שנכנסו לארץ, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט צו טאָן מיט גשמיות, האָט ביי זיי במילא געפעלט אין דעם ענין פון ראי' אין אלקות. ביי זיי איז געווען מער ניט ווי שמיעה, אַזוי ווי עס שטייט ועתה ישראל שמע וגו' [4].

דער חילוק צווישן ראי' און שמיעה איז [5], אַז בשעת מען זעט אַ זאַך איז דאָס בלי גבול, אין דעם איז ניטאָ קיין מצרים והגבלות, ד. ה. אַז קיין ענין וועט אים ניט רירן פון אָרט אַז ביי אים זאָלן ווערן ספיקות אין דער זאַך, וויבאַלד אַז ער אַליין האָט עס געזען. אָבער שמיעה, אַז מען הערט אַ זאַך, איז כאָטש בשעת מעשה ווערט דער ענין וואָס ער הערט אָפּגעלייגט ביי אים, פונדעסטוועגן איז דורך אַ קשיא, קען ביי אים דער ענין אָפּגעפרעגט ווערן. וואָס דאָס באַווייזט, אַז אויך בשעת די זאַך איז ביי אים יאָ אָפּגעלייגט, איז דער ענין ביי אים אַ באַגרענעצטער.

דערפאַר איז אין משנה תורה, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן צום דור שנכנסו לארץ, וואָס ביי זיי איז געווען מער ניט ווי מדריגת שמיעה אין אלקות, האָט מען זיי געדאַרפט אָנ-

1) זע רשימות הצמח צדק לאיכה עמוד 45 (אוה"ת נ"ך ח"ב ע' א'תצז).

2) זע מגילה לא, ב. לקוטי תורה במדבר יז, ג. ושם נסמן.

3) זע אויבן עמוד 329 הערה 18.

4) דברים ד, א. זע לקוטי תורה אָנפאַנג פרשת ואתחנן: די מדריגת ראי' וואָס משה רבנו האָט גע'פועל'ט אויך אין דעם דור שנכנסו לארץ, איז דאָס געווען מער ניט ווי ראי' מרחוק וכו'.

5) וכמה תרל"ז פרק לג. ובכמה מקומות.

זאָגן אויף דעם ענין פון מסירת נפש והדומה, וואָס דעם דור המדבר האָט מען דאָס ניט געדאַרפט אָנזאָגן און באַוואָרענען.

פונדעסטוועגן, כאָטש דער דור שנכ־נסו לארץ איז געווען נידעריקער פון דעם דור המדבר, איז ביי זיי געווען אַ מעלה וואָס איז ניט געווען ביי דעם דור המדבר. דערפאַר שטייט דאָך ביי דעם דור המדבר [6]: כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה וגו׳, וואָס דאָס איז געווען אין שילה און ירושלים [7], נאָך דעם ווי זיי זיי־נען שוין אַריין אין ארץ ישראל דוקא.

דער טעם איז, ווייל׳ע דורך דער ירידה גופא, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו טאָן מיט דברים גשמיים בירידת המדריגות, דוקא דורך דעם פירט זיך אויס די אמיתית הכוונה, דער בנין מנוחה ונחלה.

קומט אויס אַז דער ענין פון שבת פ׳ דברים, דער אָנהויב פון משנה תורה, ווייזט אויף אַ פאַראייניקונג פון צוויי ענינים הפכיים: א) עס איז אַ ירידה גדולה. ב) דורך דער ירידה — דורך דעם דוקא איז די אמיתית העלי׳.

דער זעלבער ענין איז אויך שבת חזון, וואָס אין אים זיינען פאַראַן בידע הפכיים: פון איין זייט איז ער אין די ניין טעג, נאָך מערער, דאָס איז דער שבת וואָס פאַר תשעה באב, דער זמן החורבן. אָבער פון דער צווייטער זייט, איז דורך דער ירידה דוקא וועט זיין דער תכלית העלי׳, ווי געזאָגט בשם הרב הקדוש הרלי״צ באַרדיטשעווער נ״ע, אַז שבת חזון ווייזט מען דעם בית המקדש השלישי, וואָס ער איז העכער פון די פריערדיקע, יבנה במהרה בימינו דורך משיח צדקנו.

(משיחות שבת חזון, תשט״ו)

ב. מען האָט שוין אַמאָל גערעדט*[7] וועגן דעם וואָס דער ענין העצבות פון בין המצרים דאַרף ניט זיין אום שבת, ווייל שבת דאַרף זיין שמ־חה [8]. און נאָך מערער, אַז דעם שבת דאַרף זיין די שמחה נאָך מער ווי אין אַן אַנדער שבת, בכדי עס זאָל ניט זיין קיין חשש אַז דער העדר השמחה קומט מצד דעם ענין פון בין המצרים.

דער ביאור אין דעם בפנימיות הענין איז: שבת איז מעין דלעתיד לבוא, יום שכולו שבת, און וויבאַלד אַז לעתיד וועט דאָך זיין די גאולה באופן אַז עס וועט ניט בלייבן קיין רושם פון דעם גלות, דערפאַר איז אויך בשבת דאַרף ניט זיין דער ענין פון בין המצרים.

דאָס איז דאָך אָבער מער ניט ווי אַ ביאור אויף דעם וואָס שבת דאַרפן ניט זיין די ענינים פון היפך השמ־חה. דער ביאור אויף דעם וואָס דעם שבת דאַרף די שמחה זיין מערער פון אַן אַנדער שבת, איז:

עס איז באַוואוסט אַז די גאולה וואָס נאָכן גלות ברענגט צו אַ הע־כערן מצב ווי ס׳איז געווען פאַרן גלות. וואָרום אויב עס זאָל זיין די

6) דברים יב, ט.

7) מגילה י, א. זבחים קיט, א. ירושלמי מגילה סוף פרק א. זע אויך זהר חלק ב רמא, א. רמב, א.

*7) ראה גם לקו״ש ח״ד ע׳ 1090.

8) תוספות ד״ה מ״ד (מועד קטן כג, ב) מהירושלמי (ברכות פ״ב ה״ז). און זע ירושלמי מגילה פ״א ה״ד. ספרי בהעלותך י, י. בה״ג במנין המצות ועוד.

זעלבע זאַך ווי פריער, דאַרף מען דאָך אין גאַנצן ניט האָבן דעם גלות. וכידוע בענין סותר על מנת לבנות, אַז דער בנין שאחרי הסתירה איז העכער ווי עס איז געווען קודם הסתירה.

דאָס איז בכלל וועגן יעדער גאולה פון אַ גלות, אַז נאָך דער גאולה איז העכער ווי עס איז געווען פאַרן גלות, ד. ה. אַפילו אַזאַ גאולה שיש אחרי' גלות, אַזוי ווי גאולת מצרים, איז דאָס העכער פון קודם הגלות, מצד דעם בירור הניצוצות שבגלות, וואָס דאָס איז די כוונה אין דעם גלות.

ומכל שכן בשעת עס רעדט זיך וועגן דער גאולה העתידה, וואָס דאָס איז אַ גאולה שלימה ואמיתית שאין אחרי' גלות, איז דאָך אַ ודאי אַז דורך דער גאולה טוט זיך אויף אַן אור חדש לגמרי, אַ נייער ענין, אַזאַ ענין וואָס דאָרטן איז אין גאַנצן ניט שייך קיין גלות. וואָס פאַר דעם גלות איז ניט געווען דער אור, והראי' אַז עס איז דאָך געווען שפּעטער אַ גלות, אָבער דורך דער גאולה ווערט נמשך אַזאַ ענין וואָס איז העכער אינגאַנצן, אַז עס איז ניט שייך מער קיין גלות.

ובמילא איז דער שבת וואָס אין בין המצרים איז זיין ענין אַז ער איז מעין לעתיד לבוא, יום שכולו שבת, און דערפאַר דאַרף זיין דעמאָלט אַ שמחה יתירה, ווייל דער ענין פון דעם שבת איז אַ נתינת כוח צו מהפך זיין דעם בין המצרים לששון ולשמחה, ווייל דער גילוי אור דלעתיד, וועלכער איז אינגאַנצן העכער פון דעם ענין פון גלות וגאולה האָט ער בכוח צו מהפך זיין דעם בין המצרים גופא צו ששון און צו שמחה.

און דאָס איז אויך וואָס עס ווערט אָפּגעפּסק'נט אין שלחן ערוך [9], אַז שבת שבין המצרים מעג מען מאַכן אַ סעודת שלמה בשעתו, וואָס בימי שלמה איז קיימא סיהרא באשלימו־תא [10]. בשבת זה איז פאַראַן אַ נתינת כוח אַז הימים האלו יהפכו לששון ולשמחה.

(משיחת ש״פ מטו״מ, תשט״ו)

ג. דער אָנהויב פון בשורת הגלות האָט זיך אָנגעהויבן בברית בין הבת־רים. ווי עס שטייט דאָרטן אימה חשכה גדולה גו' [11], וואָס דאָס איז אַ רמז אויף די פיר גליות.

דער ענין פון אַ כריתות ברית איז, אַז אין וואָס פאַר אַ מצב עס זאָל ניט זיין, אַפילו אויך דעמאָלט ווען עס איז ניטאָ קיין יסוד און טעם אויף אהבה, אדרבה עס זיינען דאָ טעמים אויף היפך האהבה, פונדעסט־וועגן זאָל זיין די אהבה בתקפה. דאָס איז דער אויפטו פון דעם כריתות ברית.

אויף אַ זמן וואָס עס זיינען דאָ טעמים אויף אהבה, דאַרף מען ניט האָבן קיין כריתות ברית. דער אויפ־טו פון דעם כריתות ברית איז אַז די אהבה זאָל זיין אַלע מאָל, וואָרום דאָס איז ניט קיין אהבה שעל פי טעם ודעת (אַן אהבה התלוי' בדבר, ובמילא איז בשעת בטל דבר, ד. ה.

9) אורח חיים סימן תקנב סעיף י.
10) זהר חלק א קנ, א. רכג, א־ב. ועוד. זע אויך שמות רבה פרשה טו, כו.
11) בראשית טו, יב ובבראשית רבה פרשה מד, יז.

עס איז ניטאָ קיין טעם אויף אהבה, בטלה אהבה), נאָר אַן אהבה עצמית בלי גבול.

אין דער צייט פון כריתות ברית לייכט די אהבה עצמית שאינה תלוי׳ בדבר, בגילוי. מאַכט מען דעמאָלט דעם כריתות ברית, עס זאָל זיין אַן אהבה אַלע מאָל, ניט רעכענענדיק זיך מיט שינוי מעמד ומצב.

לויט דעם איז ניט פאַרשטאַנדיק, ווי קומט עס אַז בשעת דעם ברית בין הבתרים האָט מען דעמאָלט אָנגעזאָגט אויף דעם ענין הגלות? גלות איז אַן היפך פון אהבה, אַפילו פון אהבה שעל פי טעם ודעת, ומכל שכן פון אַן אהבה עצמית, היינט בשעת עס לייכט די אהבה עצמית, ווי קומט עס אַז דעמאָלט זאָל מעןריידן וועגן גלות?

אין פלוג האָט מען עס געקענט פאַרענטפערן, לויט דעם מאמר רז״ל [12]) אַז בחר אברהם אבינו שעבוד מלכיות כנגד גיהנם, וואָס לויט דעם איז דער גלות אַ טובה, ובמילא האָט מען וועגן דעם גערעדט בשעת גילוי האהבה.

אָבער דער תירוץ איז ניט גענוג, וואָרום ווי באַלד אַז מען האַלט ביי גילוי האהבה, ובפרט גילוי אהבה עצמית, דאַרף זיך ניט ריידן כלל ניט וועגן גיהנם און ניט וועגן שעבוד מלכיות.

ד. נאָר מען וועט עס פאַרשטיין לויט דעם ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות דער פנימיות ענין הגלות, וואָס דערמיט וועט אויך ווערן רעכט אַ שווערער ענין על פי נגלה אין גמרא ומדרש.

אין גמרא [13]) שטייט וועגן דעם מעמד הכרובים, אַז אין אַ זמן פון עת רצון, ובזמן שישראל עושין רצונו של מקום, איז געווען דער מעמד הכרובים פניהם איש אל אחיו, כמער איש ולויות [14]), ובזמן שאין עושין רצונו של מקום, וואָס דעמאָלט איז ניט קיין עת רצון, איז דער מעמד הכרובים פאַרקערט.

אין מדרש [15]) שטייט אַז בשעת די גוים זיינען אַריין אין קדשי הקדשים, האָבן זיי געזען די כרובים ווי זיי זיינען געווען פניהם איש אל אחיו כמער איש ולויות, און זיי האָבן עס פאַנאַנדערגעשיקט צווישן אַלע פעלקער — ראו למה אומה זו עובדת.

איז דאָך די קשיא, דער זמן החורבן איז דאָך געווען אַ היפך פון עת רצון, איז ווי קומט עס אַז דעמאָלט איז געווען דער מעמד הכרובים פניהם איש אל אחיו?

אין חסידות ווערט דערקלערט די פנימיות הענין פון גלות מיט אַ משל פון השפעת הרב לתלמיד:

בשעת אַ רב איז משפיע שכל לתלמידו, איז ער צוגעטראָגן מיט אַ שימת לב צו דעם תלמיד. בשעת אַז אינמיטן דער השפעה פאַלט אַריין דעם רב אין זיין שכל אַ נייער ענין, איז מצד דעם סדר און טבע פון הברקת השכל מוז מען זיך צוטראָגן צו דער הברקה, און אויב מען טראָגט זיך ניט צו באַלד צו דער הברקה ווערט זי נתעלם, און שפּעטער וועלן ניט העלפן קיינע יגיעות. איז

---

12) בראשית רבה פרשה מד, כא.

13) יומא נד, א. בבא בתרא צט, א.

14) מלכים א ז, לו.

15) פתיחתא דאיכה רבה ט. יומא נד, ב.

מצד עוצם פנימיות אהבתו של הרב להתלמיד, ווייל ער זיך צוטראָגן צו דער הברקה בכדי ער זאָל איר קענען נעמען און אחרי משך זמן זי איי־בערגעבן אויך צו זיין תלמיד.

בשעת אַז דער רב איז משים לב צו דער הברקת שכל החדש, איז וואָס מער ער איז צוגעטראָגן צום נייעם שכל, אַלץ שוואַכער ווערט דער שימת לב צום תלמיד און אַלץ שוואַ־כער איז די השפעה.

וואָס דער נייער שכל איז אַ הע־כערער און אַ טיפערער — אַלץ מער דאַרף זיין דער צוטראָג צו אים, ובמילא ווערט אַלץ מערער דער אָפּ־טראָג פון דעם תלמיד בשעה זו, ביז אַז ביי דעם תלמיד ווערט אַן ענין פון גלות און חורבן.

דאָס איז אָבער מער ניט ווי אין חיצוניות, אָבער אין פנימיות הענין איז דאָך דאָס דער תכלית הגילוי, ואדרבה, פון דעם אַליין וואָס עס לוינט דעם רב צוליב טובת התלמיד אָפּ־טראָגן זיך פון דעם תלמיד צוליב מקבל זיין דעם שכל החדש, דאָס אַליין ווייזט ווי גרויס איז דער יוקר פון דעם נייעם שכל, ביז אַז עס איז כדאי אַז אויף אַ ווייל זאָל ווערן ביי דעם תלמיד אַן ענין פון גלות וחורבן, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל מען קענען מגלה זיין דעם תל־מיד דעם נייעם שכל.

קומט אויס, אַז וואָס דער העלם איז גרעסער, איז דאָס גופא אַ באַ־ווייז אויף די גרויסקייט פון דעם גילוי, אַז דער שכל החדש איז יקר ביותר, ומצד גודל אהבתו להתלמיד וואָס ער ווייל אים מגלה זיין דעם נייעם שכל, איז כדאי אַז לשעה זאָל זיין אַ העלם וסילוק, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל צו אים אָנקומען דער נייער שכל.

לויט דעם ווער מען פאַרשטיין די פנימיות ענין הגלות, אַז הגם אַז אין חיצוניות איז עס אַ גלות וחורבן, אָבער אין פנימיות איז דאָס תכלית הגילוי ביותר, דער גילוי פון דער גאולה העתידה, ומצד דעם גילוי פון דער גאולה העתידה איז כדאַי אַז לשעה זאָל זיין אַ גלות וחורבן בחי־צוניות, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל אָנקומען דער גילוי פון דער גאולה העתידה.

ה. אַ הכרח אויף דעם אַז אין פנימיות איז דאָס אַ גילוי אור, איז אויך פון דעם סדר הגלות. קוקנדיק אויפן סדר הגלות, זעט מען אַז דאָס איז ניט נאָר אַן ענין פון כפרה אויף חטאים עונות ופשעים, נאָר דאָ איז פאַראַן אויך אַן ענין פנימי.

אויב דער גאַנצער ענין פון גלות וואָלט געווען מער ניט ווי אַ כפרה אויף חטאים עונות ופשעים, דעמאָלט האָט געדאַרפט זיין דער סדר אַז פון צייט צו צייט זאָל דער גלות ווערן קלענער, וואָרום מיט יעדער שטיקל צייט אין גלות ווערט דאָך נתכפר אַ טייל פון חטאים עונות ופשעים, ובמילא איז וואָס ווייטער דאַרף דער גלות ווערן קלענער.

לפועל זעט מען אַז וואָס ווייטער ווערט דער גלות אַלץ גרעסער. דאָס זעען מיר סיי ביי גלות מצרים און סיי ביי דעם איצטערדיקן גלות.

גלות מצרים: אין מצרים זיינען די אידן געווען צוויי הונדערט און צען יאָר. די ערשטע זיבעצן יאָר איז געווען גאָר גוט, אויך נאָך דער

פטירה פון יעקב׳ן, איז כל זמן די שבטים האָבן געלעבט איז ניט גע־ווען קיין שעבוד, אויך נאָך מיתת השבטים, האָט זיך דער עיקר גלות המר אָנגעפאַנגען כשנולדה מרים[16], די לעצטע זעקס און אַכציק יאָר, פ״ו בגימטריא אלקים, און אין די זעקס און אַכציק יאָר גופא איז די גזירה פון תבן אין ניתן לעבדיך[17] געווען גאָר צום סוף, ווען עס איז שוין געוואָרן גאָר נאָענט צו דער גאולה — ומאז באתי אל פרעה וגו׳ הרע לעם הזה[18].

אַזוי אויך אין איצטערדיקן גלות זעט מען אַז וואָס ווייטער ווערט דער גלות אַלץ שטאַרקער, און עס ווערט ווינציקער גילוי אלקות. בהת־חלת הגלות איז געווען דער גילוי על ידי התנאים, דערנאָך די אמוראים, און וואָס ווייטער ווערט דער העלם אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז אַז בדורות האחרונים דעקבתא דמשיחא איז כמעט ווי גאָר קיין גילוי ניטאָ, וואָס דערפאַר הייסט עס מיטן נאָמען עקביים, וואָס אַן עקב איז אַן אבר וואָס אין אים איז ניטאָ קיין חיות (בגילוי), ווי עס שטייט אין אָבות דר׳ נתן[19] אַז דער עקב איז דער מלאך המות שבאדם.

פון דעם סדר איז מובן אַז דער גלות איז ניט נאָר אַ כפרה אויף די עבירות, נאָר אין אים איז אויך דאָ אַן ענין פנימי. דער פנימיות ענין הגלות איז — גילוי אור חדש, ומצד דעם צוטראָג צום גילוי אור החדש ווערט דער אָפּטראָג פון דער השפעה, און דערפאַר, איז וואָס ווײַ־טער, וואָס עס ווערט מערער דער צוטראָג צו דער גאולה העתידה, וואָס נענטער צו משיח׳ן, ווערט דער גלות אַלץ שטאַרקער.

ו. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין דאָס וואָס עס שטייט אין מדרש אַז בשעת די גוים זיינען אַריין אין קדשי הקדשים האָבן זיי געזען די כרובים כמער איש ולויות, וואָרום דער גאַנצער ענין הגלות איז דאָס נאָר בחיצוניות אין סדר השתלשלות, אָבער ווי דאָס איז אין פנימיות, איז דאָס תכלית הגילוי. דערפאַר איז אין קדשי הקדשים, דער אָרט פון פנימיות, דאָרטן איז דעמאָלט געווען דער מעמד הכרובים פניהם איש אל אחיו, אין פנימיות איז עס אַן עת רצון כנ״ל.

און דאָס איז אויך דער טעם אַז בשעת ברית בין הבתרים האָט זיך גערעדט וועגן גלות, וואָרום אין פני־מיות איז דאָס אַן ענין פון תכלית הגילוי. בשעת ברית בין הבתרים, בשעת עס האָט מאיר געווען די אהבה עצמית, איז געווען די בשורה אויף די גילויים פון דער גאולה העתידה, נאָר ווי דאָס איז אַרויס־געקומען אין סדר ההשתלשלות, איז דאָס אַן ענין פון גלות.

ז. די הוראה פון דעם אין עבודה איז:

ניט קוקנדיק אויפן חושך הגלות, אַז וואָס ווייטער ווערט דער גלות אַלץ שטאַרקער ביז אַז המלכות תהפך למינות[20], וואָס עס איז נאָך קיין

16) שיר השירים רבה פרשה ב עה״פ כי הנה הסתיו עבר. פסיקתא רבתי פ׳ טו, יא.

17) שמות ה, טז.

18) דאָרט כג.

19) עגדע פרק לא.

20) סוטה מט, ב.

מאָל ניט געווען אַזאַ חושך, פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט נתפעל ווערן, וויסנדיק אַז דאָס וואָס דער חושך איז גרעסער איז דאָס מצד דעם וואָס מען ווערט נענטער צום אור הגאולה.

און בכדי אַראָפּטראָגן דעם אור הגאולה בפועל דאָ למטה צום מקבל, פאָדערט זיך ביי דעם תלמיד צוויי ענינים: א) די ידיעה, ער זאָל וויסן אַז דער העלם וסילוק איז דאָס נאָר אין חיצוניות, אָבער אין פנימיות איז דאָס תכלית הגילוי. ב) די התקשרות וצמאון צום רב, אַז ניט קוקנדיק וואָס אין חיצוניות האָט זיך דער רב אָפּגעטראָגן, פונדעסטוועגן דאַרף דער תלמיד שטיין מיט אַ התקשרות וצמאון צום רב, אַזוי ווי בשעת ההשפעה, און נאָך מערער. ווי דער אַלטער רבי פלעגט זאָגן בשעת דביקותו: „מי לי בשמים גו׳ איך וויל זע גאָר ניסט איך וויל ניט דייַגן עדן איך וויל ניט דיין עולם הבא כו׳ איך וויל מער ניט אַז דיך אַליין״ [21]), וואָס דורך דעם צמאון ווערט דער גילוי אור החדש צום מקבל, אין דער גאולה העתידה במהרה בימינו.

(משיחות ש״פ מטו״מ, תשט״ז)

# פרשת ואתחנן

א. (אין דער היינטיקער סדרה שטייט: אז יבדיל משה שלש ערים וגו׳ לנוס שמה רוצח וגו׳, וואָס דאָס איז דער ענין פון ערי מקלט).

די וועגן וועלכע פלעגן פירן צו די ערי מקלט, זיינען געווען דרכים מתוקנים, זיי זיינען געווען ברייט צוויי און דרייסיק איילן, און אויף יעדער פרשת דרכים איז געווען אַ שילד, „מקלט, מקלט״, בכדי צו ווייזן די וועג וואָס פירט צו די ערי מקלט [1]).

וויבאַלד אַז עס איז געווען אַזוי אין גשמיות, איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך אין די רוחניות׳דיקע ערי מקלט, — וואָס דאָס זיינען דברי תורה, ווי עס שטייט [2]) דברי תורה קולטין, צו דעם רוחניות׳דיקן הורג נפש, ווי מען האָט גערעדט אין מאמר [3]), — זיינען פאַראַן די אַלע פרטים.

ב. באמת איז פאַרקערט, ניט ווייל דער ענין איז פאַראַן אין גשמיות, דערפאַר איז דער ענין דאָ אין רוחניות, נאָר אדרבה, דער עיקר ענין איז אין רוחניות, און ווייל דער ענין איז אַזוי אין רוחניות, קומט ער אַראָפּ בהשתלשלות אויך אין גשמיות, אַזוי ווי עס ווערט דערקלערט אין

---

21) תהלים עג, כה. שורש מצות התפלה להצמח צדק פרק מ.

1) בבא בתרא ק, ב. רמב״ם פרק ח מהלכות רוצח ושמירת נפש הלכה ה. מכות י, ב. במדבר רבה כג, יג. תנחומא מסעי, יא.

2) מכות י, א.

3) זע אויך ווייטער עמוד 623.

של"ה[4]) אויף דעם וואָס התורה מד־ברת בתחתונים ורומזת בעליונים, אַז באמת איז התורה מדברת בעליונים, נאָר מיר נעמען דעם רמז וואָס איז שייך צו תחתונים.

און אַזוי ווי דאָס איז אין אַלע ענינים אין תורה, אַזוי איז אויך דער ענין פון ערי מקלט, אַז די אַלע פרטי ענינים וואָס זיינען פאַ־ראַן אין גשמיות'דיקע ערי מקלט, זיינען פאַראַן אין די רוחניות'דיקע ערי מקלט, און אדרבה — דער עיקר פון די ענינים זיינען אין רוח־ניות, און דורך השתלשלות קומען זיי אַראָפּ אויך אין גשמיות.

ג. אילו זכינו — וואָלטן מיר זוכה געווען — וואָלט מען נעמען דעם ענין מלמעלה למטה, ד. ה. מען וואָלט פאַרשטאַנען דעם ענין אין רוחניות, ובמילא וואָלט מען פאַרשטיין, אַז וויבאַלד די ענינים זיינען דאָ אין רוחניות, זיינען זיי מסתמא פאַראַן אויך אין גשמיות.

אַלע ענינים וואָס אין עולם, קאָן מען נעמען מלמעלה למטה, ד. ה. זען די ענינים ווי זיי זיינען אין רוחניות, ובמילא פאַרשטיין, אַז אַזוי איז מסתמא אויך אין גשמיות.

— כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דער־ציילט, אַז זיין פאָטער, דער רבי נ"ע, פלעגט ניט וועלן ליידן אַז מען איז אים מפסיק צווישן וואַשן זיך צום עסן און ברכת המוציא, הגם אַז על פי דין הייסט אַ הפסק, דיבור אָדער זמן דוקא, פונדעסטוועגן פלעגט ער ניט וועלן ליידן אַז מען איז אים מפסיק אַפילו נאָר במחשבתו צווישן נטילת ידים און ברכת המוציא.

אין די יאָרן תרנ"ד־ה[5]) האָבן די מעדיצין־פּראָפעסאָרן אויסגעפונען אַ נייעם אָדער אין מוח, וואָס דער אָדער העלפט צו זכרון און צו פאַר־טיפונג. איינער פון די בני בית[6]) האָט דאָס דערציילט מיט גרויס התפעלות צו הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק (מהורש"ב) ביים עסן. הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט אויסגע־הערט און גאָרניט געזאָגט. נאָכן בענטשן האָט ער געזאָגט, מען זאָל אַ ווילע צווואַרטן. ער איז דאַן אַריינגעגאַנגען צו זיך אין חדר און האָט פון דאָרט אַרויסגעבראַכט אַ קליין ביכל חסידות, אַ כתב־יד פון הוד כ"ק אדמו"ר האמצעי, און האָט געוויזן אַז עס ווערט דאָרט אין זעקס־זיבן שורות גערבראַכט וועגן דעם אָדער. הוד כ"ק אדמו"ר האמצעי איז דאָרט מבאר, אַז עס איז פאַראַן אַן אָדער אין מוח וואָס ער איז מלא אידים, און איז זיך מתנענע — באַ־וועגט זיך — הין און צוריק און דאָס העלפט צו זכרון און צו העמקה. אַז דער אָדער באַוועגט זיך צו דעם מוח החכמה און בינה[7]) העלפט דאָס צו זכרון און אַז ער באַוועגט זיך

---

4) הקדמת בית אחרון יד, א.

5) ספר המאמרים השי"ת עמוד 140.

6) הר' מנחם מענדל ז"ל (נולד ו' אדר תרכ"ז) אחי אדמו"ר מהורש"ב נ"ע. וראה אודותו ספר התולדות אדמו"ר מהר"ש עמוד 22.

7) לכאורה איז דאָ מוח הבינה דערמאָנט נאָר בדרך ממילא, וכידוע שמוח הזכרון הוא בחינת חכמה שלמעלה מהבינה (לקוטי תורה שיר השירים ביאור על פסוק באתי לגני ענדע פרק א), אבל יש לחלק בין פנים ואחוריים, עיין במקומות המובאים בי"נ על מאו"א מע' זכור ומע' שכחה.

בּו דעם זייט פון מוח הדעת העלפט ראָס צו העמקה. דערפאַר זעען מיר, אַז ווען אַ מענטש וויל זיך אויף עפּעס דערמאָנען הויבט ער אויף דעם קאָפּ און ווען ער וויל זיך אין עפּעס פאַרטיפן בויגט ער איין דעם קאָפּ.

האָט מען געפרעגט ביי הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק: אויב אַזוי, איז דאָך הוד כ״ק אדמו״ר האמצעי געווען אַ גרויסער פּראָפעסאָר. האָט אויף דעם הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געענטפערט: ער — הוד כ״ק אדמו״ר האמצעי — האָט דאָס געוואוסט, ווייל למעלה אין אדם העליון איז דאָס פאַראַן, ממילא איז דאָס ביים אדם למטה זיכער אויך דאָ. —

ומכל שכן ענינים וואָס אין תורה, קאָן מען אַ וודאי נעמען מלמעלה למטה, ד. ה. נעמען די ענינים אין רוחניות, און דערפון אַרויסנעמען אויך אין גשמיות, אַזוי ווי עס שטייט אין אגרת הקדש[8]), בנוגע דעם לימוד ההלכות דלעתיד, אַז פון רוחניות הענינים, וועט מען וויסן אויך די ענינים בגשמיות.

אָבער וויבאַלד אַז מען איז ניט זוכה צו דעם, דאַרף מען נעמען די ענינים מלמטה למעלה, זען די ענינים ווי זיי זיינען אין גשמיות, און פון דעם אַרויסנעמען די ענינים אין רוחניות.

ד. אַזוי ווי אין גשמיות, פלעגן דאָך די ערי מקלט העלפן ניט נאָר אַ הורג נפש בשוגג, נאָר אויך אַ הורג נפש במזיד, וואָרום אויך אַ הורג נפש במזיד פלעגט דאַרפן אַנטלויפן אין ערי מקלט[9]), ביז דער חקירה ודרישה, כדי אַז דערווייל זאָל אים דער גואל הדם ניט הרג׳נען, אַזוי איז אויך אין רוחניות, זיינען דברי תורה קולטין אויך אַ הורג נפש במזיד, ד. ה. אַן עובר עבירה במזיד

און אַזוי ווי אין גשמיות, איז: אויסער דעם וואָס די וועגן וואָס פלעגן פירן צו די ערי מקלט זיינען געווען דרכים מתוקנים און ברייטע וועגן, כדי אַז דער רוצח זאָל קענען לויפן גרינג צו די ערי מקלט, — איז אויף יעדער פרשת דרכים אויך געווען אַ שילד, אויף צו ווייזן די וועג וואוהין צו לויפן, וואָרום דאָס אַליין וואָס די וועג איז אַ דרך מתוקנה ורחבה, איז ווייניק, אויב ער וועט ניט וויסן אין וועלכן זייט צו גיין;

אַזוי איז אויך אין רוחניות, אַז אויסער דעם וואָס די וועג צו דברי תורה איז אַ גרינגע און אַ ברייטע וועג, — ווייזט אָן דער אויבערשטער אין וועלכער זייט צו גיין, וואָרום מצד בחירה חפשית וואָס עס איז געגעבן געוואָרן, ווי עס שטייט[10]), ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע, איז אויב מען וועט אים ניט אָנווייזן די וועג, קאָן ער גיין חס ושלום אין דער לינקער זייט, ער קאָן אויסקלייבן מות און רע. דערפאַר שטייט דער אויבערשטער כביכול מיט אַ שילד און זאָגט אים „מקלט, מקלט״, ער וואָרנט אים ער זאָל גיין אין דער רעכטער זייט, ווי עס שטייט[11])

---

8) ענדע סימן כו.

9) מכות ט, ב.

10) דברים ל, טו.

11) דאָרט, יט.

ובחרת בחיים, וואָס דאָס איז דער הקב"ה עוזרו[12].

מצד בחירה חפשית וואָס מען האָט געגעבן יעדן איינעם, אַז ער קאָן אויסקלייבן חס ושלום אויך דעם רע, מוז יעדער איינער אָנקומען צו דעם עזר שלמעלה, דער אויבערשטער זאָל אים זאָגן: מקלט, מקלט, גיי אין דעם וועג וואָס פירט צו חיים וטוב, וואָרום אַפילו רבן יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט[13]) איני יודע באיזו (דרך) מוליכין אותי, מכל שכן אַנדערע, ומכל שכן די וואָס זיינען אין אַ זמן פון חושך כפול ומכופל, קאָנען זיי אַ ודאי ניט וויסן אין וועלכן דרך זיי גייען, און זיי מוזן אָנקומען צו דעם עזר שלמעלה, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי זאָגן וואוהין צו גיין.

ה. אויב מען וויל, אָבער, אַז דער אויבערשטער זאָל אים ווייזן וואוהין צו גיין, מוז ער אַליין אויך טאָן אַזוי, מדתו של הקב"ה — מדה כנגד מדה[14]).

מען מוז אַרויסגיין אויף דער פּרשת דרכים וואו עס שטייען אידן און וויסן ניט אין וועלכער זייט צו גיין, מען דאַרף גיין צו זיי און שרייען: מקלט, מקלט, גייט צום רעכטן זייט וואָס פירט קיין מקלט, דאָרטן איז אַ מקלט פון גואל הדם, פון דעם שטן וואָס איז יורד ומסטין עולה ומקטרג[15]), גייט ניט חס ושלום אין דער לינקער זייט, וואָס פירט אין שאול ואבדון.

און דאָס איז אַן אויפגאַבע וואָס ליגט אויף יעדן איינעם, אַוועקשטעלן זיך אויף אַ פּרשת דרכים און שרייען: מקלט, מקלט, ווייזן די וועג וואוהין מען דאַרף גיין. און הגם אַז דורך דעם וועט ער זיך געפינען די גאַנצע צייט אויפן פּרשת דרכים, אין אַן אָרט וואָס דאָרטן איז דאָ אַ וועג וואָס פירט אויך אין דער לינקער זייט, זאָל ער ניט נתפעל ווערן, וואָרום דוקא דורך דעם פירט ער אויס דעם תפקיד וואָס ליגט אויף אים.

ווי דער מאמר[16]) פון ר' מרדכי הצדיק בשם הבעל שם טוב: „עס קומט אַראָפּ אַ נשמה אויף דער וועלט און לעבט אָפּ זיבעציק אַכציק יאָר, צוליב טאָן אַ אידן אַ טובה בגשמיות ובפרט אין רוחניות". איז דאָך כדאי שטיין די גאַנצע צייט אויף אַ פּרשת דרכים, כדי צו ווייזן אַפילו איין מאָל אַ אידן די וועג וואָס פירט צום תורה־מקלט.

ו. און דורך דעם וועט דער אויבערשטער אים ווייזן די וועג וואָס פירט צו חיים וטוב.

בשעת ער וועט קומען אויף אַ פּרשת דרכים און אַוועקשטעלן זיך ווי אַ שילד און שרייען: מקלט, מקלט, — ער ווייס ניט צי יענער וועט אים פאָלגן, ער ווייס גאָר אַפילו ניט צי עמעצער הערט אינגאַנצן וואָס ער רעדט, ער זעט גאָר ניט גיין קיין מענטשן, פונדעסטוועגן איז דאָס אים ניט נוגע, ער איז אַ שילד וואָס

---

12) זע תניא אָנפאַנג פרק יג.
13) ברכות כח, ב.
14) סוטה יא, א.
15) בבא בתרא טז א ובעין יעקב דאָרט. זע ספר המאמרים ה'ש"ת עמוד 159.
16) היום יום, ה' אייר.

שטייט אויפן פרשת דרכים און ווייזט די וועג צום מקלט, די וועג וואָס דאָרטן איז אַ מקלט פון יצר הרע, אַ מקלט פון שטן.

איז כאָטש ער האָט אפשר גאָרניט אויפגעטאָן, אָבער וויבאַלד אַז זיין אויפגאַבע האָט ער געטאָן, ער איז געשטאַנען אויפן פרשת דרכים און געוויזן אידן די וועג צום מקלט, דערפאַר וועט דער אויבערשטער ווייזן אים די וועג פון ובחרת בחיים, אַז הגם ער איז מער ניט ווי אַן עובד אלקים, ניט קיין עבד הוי׳, ד. ה. ער האַלט אין מיטן דער עבודה, וואָרום ער האָט נאָך אַ יצר הרע, און ניט נאָר אַז דורך דער צייט האָט ער ניט גע׳פועל׳ט מיט זיין עבודה קיין אָפּשוואַכונג אין יצר הרע און ער איז ביי אים כתולדתו, נאָר אדרבה, ער איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דורך דער צייט וואָס נש־תמש בו הרבה באכילה ושתי׳ כו׳ [17]), ומצד דעם יצר הרע קען ער בוחר זיין חס ושלום אין מות ורע, ווייזט דער אויבערשטער אים די וועג צו חיים וטוב, הקב״ה עוזרו להושיעו משופטי נפשו.

ז. כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די נפקא מינה פון דעם בעל שם טוב מיט די גדולים אין נגלה דתורה וואָס זיינען געווען דע־מאָלט, איז דאָס וואָס ביי די גדולים פון נגלה דתורה איז געווען דער סדר אַז מען פלעגט קומען צו זיי לערנען, דאַקעגן דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים פלעגן ניט וואַרטן אַז מען זאָל קומען צו זיי, נאָר זיי פלעגן פאָרן אין שטעט און מוש־בים וואו אידן געפינען זיך.

— עס איז פאַראַן אַ ביאור פון אַלטן רבי׳ן און פון מיטעלן רבי׳ן אויף דער נפקא מינה פון די גדולים בנגלה דתורה ביז דעם בעש״ט. דאָס איז שוין געדרוקט [18]). —

און אַזוי ווי די נפקא מינה פון די גדולי נגלה דתורה און דעם בעל שם טוב, אַזוי איז אין דעם ענין פון ערי מקלט, וואָס מען האָט פריי־ער גערעדט, פאַראַן אַ חילוק ווי דאָס איז על פי נגלה און על פי חסידות.

על פי נגלה — פלעגט זיין אַן עמוד, אַ שטיין א. ד. גל. און אויף אים פלעגט זיין אָנגעשריבן מקלט, מקלט, דער עמוד האָט נישט גע־רעדט צו יענעם, נאָר אַז עמעצער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם עמוד און צוגעקוקט זיך צו דעם וואָס עס שטייט אויפן עמוד און האָט געקענט לייענען לכל הפחות — האָט ער זיך דערוואוסט די וועג וואוהין ער דאַרף גיין.

אַזוי איז אויך אין רוחניות: עס איז פאַראַן אַזאַ וואָס וועט אַוועק־פאָרן פון זיין אָרט, און אַריינפאָרן אין אָרט פון אַ פרשת דרכים, ד. ה. אַריינפאָרן צווישן אידן וואָס שטייען אין אַ פרשת דרכים, און זייענדיק דאָרטן, אַז עמעצער וועט אים פרעגן — אַזאַ וואָס קען „לייענען״ לכל הפחות — וועט ער אים ווייזן די וועג אין מקלט.

מסירת נפש האָט ער טאַקע גע־פראָוועט וואָס ער איז אַרויסגעפאָרן אין אַ פרשת דרכים, אָבער ער האָט

---

17) תניא פרק יג.

18) ליקוטי דיבורים עמוד 890.

זיך ניט גערירט פון זיין אָרט, ער איז אַן עמוד עומד, אַ דומם.

— אַמאָל פלעגט מען זאָגן אויף אַ זייגער: ער גייט אַהין און צוריק, ער האַלט אין איין גיין, אָבער ער רירט זיך ניט פון אָרט. —

על פי ביאור החסידות, אָבער, טאָר מען ניט זיין קיין דומם, מען מוז זיין אַ מהלך, ער דאַרף זיין אַ חיות׳־דיקער מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש און אַ וואַרעמער מענטש, ער דאַרף ניט וואַרטן ביז מען וועט אים פרעגן. ער דאַרף האָבן חיות, לעבעדיקייט און רירעוודיקייט. אויב ער זעט נאָר ערגעץ אַז עס איז דאָ אַ איד וואָס עס קאָן זיין אַז ער קאָן אים עפּעס העלפן, דאַרף ער לויפן צו יענעם און ווייזן אים די וועג צום מקלט.

און דאָס איז די אויפגאַבע וואָס כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט אַרויפגע־לייגט אויף די תלמידים בפרט, זיי זאָלן אַרויספאָרן אויף עטלעכע וואָכן און שרייען מקלט, מקלט, דאָס איז די וועג וואָס פירט צו חיים וטוב, זיי זאָלן זיין אַזוי ווי שילדן וואָס ווייזן די וועג, און לעבעדיקע שילדן, ניט קיין שטיינערנע וואָס שטייען אויף אַן אָרט, נאָר לעבעדיקע שילדן וואָס גייען מיט אַ לעבעדיקייט און ווייזן יעדן איינעם די וועג אין מקלט.

ח. עס שטייט אין גמרא[19], און דער רמב״ם[20] ברענגט דאָס להלכה, אַז לעולם יראה אדם עצמו שקול וה־עולם שקול. מען דאַרף שטענדיק קוקן אויף יעדער מענטשן אַז ער איז גלייך־געוואויגן, ובמילא איז די פעולה וואָס ער וועט איצטער טאָן, וועט אים מכריע זיין לזכות או להפכו. נאָך מער — ער דאַרף טראַכטן שהעולם שקול, ד. ה. אַז ער מיט אַלע דורות וואָס וועלן זיין נאָך אים און אַלע דורות וואָס זיי־נען געוועזן פאַר אים, זיינען שקולים, און אין דער פעולה וואָס ער וועט איצטער טאָן, איז אָפּהענגיק די גאַנ־צע וועלט.

בשעת דער בחור וואָס פאָרט[21] אין דער פרשת דרכים, בכדי צו ווייזן די וועג לקרב את לבם של ישראל לאביהם שבשמים, וועט זיך באַטראַכטן אַז די גאַנצע וועלט, אַלע דורות וואָס זיינען שוין געוועזן און אַלע דורות וואָס וועלן זיין, זיינען שקולים, און מיט יעדער פעולה וואָס ער איז פועל אין אַ אידן, איז ער מכריע די גאַנצע וועלט, וועט ער ניט זיין קיין דומם׳דיקער שילד וואָס רירט זיך ניט פון אָרט, נאָר ער וועט זיין אַ לעבעדיקער שילד, ער וועט אַרומגיין און לויפן מיט אַ חיות, טאָמער וועט זיך אים איינ־געבן צו פועל׳ן עפּעס אין אַ אידן, וואָס דערמיט וועט ער מכריע זיין די גאַנצע וועלט;

ער וועט אַרומלויפן אומעטום, און קומענדיק צו אַ אידן וועט ער אים

---

19) קידושין מ, ב (בשינוי לשון).

20) הלכות תשובה פרק ג הלכה ד.

21) אין די שליחות׳ן פון מרכז לעניני חינוך (ספּעציעל אין די ימי החופש) פון שטאָט צו שטאָט אום צו באַקענען זיך אויפן אָרט מיטן מצב היהדות בכלל און מצב החינוך בפרט, מעורר און מחזק זיין אַלט און יונג, פאַרשפּרייטן די ספרים און חוברות וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן דורך דעם מל״ח (מרכז לעניני חינוך) און דורכ־פירן פאַרשידענע אַנדערע שליחות׳ן אין חיזוק היהדות און חינוך הכשר.

מסביר זיין, ער זאָל וויסן אַז ער איז אַ שקול, און יעדן מצב אין וועלכן ער געפינט זיך איז ער אַ שקול; אויב אַפילו ער איז אַ גרויסער בעל עבירה, קאָן ער תשובה טאָן, און מיט איין פעולה, אין איין שעה און אין איין רגע, קאָן ער מכריע זיין זיין גאַנצן מצב צום גוטן, ווארום ער איז אַ שקול. פון דער צווייטער זייט — וועט ער אים מסביר זיין — דאַרף ער וויסן אַז מיט איין פעולה קאָן ער מכריע זיין זיין גאַנצן מצב אין לעומת זה חס ושלום; מצד דער בחירה חפשית וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, קאָן ער בוחר זיין חס ושלום אין רע, במילא דאַרף ער זיך היטן, טאָן דאָס וואָס עס פירט צו חיים וטוב, און ער — דער תלמיד — וועט דעם אידן ווייזן די וועג פון ובחרת בחיים.

ט. פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען אַז זיי טוען גאָרנישט אויף, איז באמת גערעדט — ניט דאָס איז קובע, צי זיי טוען יאָ אויף צי נייך.

דער דין ביי ביעור חמץ איז, אַז ווען מען איז בודק חמץ, זוכט מען איבעראַל צי ס'איז דאָ חמץ, איז אַפילו אויב מען געפינט ניט קיין חמץ, איז די ברכה אַ ברכה. ער האָט געטאָן וואָס עס ליגט אויף אים, הגם אַז ער האָט לכאורה גאָרנישט אויפגעטאָן, האָט ער מקיים געווען די מצוה כתיקונה [22]).

מיט וואָס צו באַרימען זיך, האָט ער טאַקע ניט. ער איז אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט, ניט געלערנט די נאַכט און ניט געשלאָפן, איבערגעדרייט די הויז און האָט ערשט גאָרניט אויפגעטאָן, אָבער די מצוה וואָס עס ליגט אויף אים האָט ער מקיים געווען.

און אַזוי איז אויך ביי בדיקת חמץ ברוחניות. די בחורים וואָס פאָרן און מיינען אַז זיי טוען ניט אויף, ער האָט פאַרבראַכט זיין צייט ניט אין קיין מקום מושב, נאָר ערגעץ אין מיטן וועג, אויף אַ פרשת דרכים, אַן אָרט וואו מען קען דאָרטן גיין אין לינקן זייט חס ושלום, און נאָך אַלעם דעם האָט ער ערשט גאָרנישט אויפגעטאָן. איז מיט וואָס צו באַרימען זיך האָט ער ניט — אָבער דאָס וואָס ליגט אויף אים האָט ער געטאָן, ושכר מצוה מצוה [23]), צוותא וחיבור.

י. נאָך מער: כאָטש ער מיינט אַז ער האָט גאָרניט אויפגעטאָן, פאַרמאַטערט איז ער, און קומענדיק צוריק וועט מען נאָך האָבן צו אים טענות און חברים וועלן לאַכן פון אים, איז אויסער דעם וואָס, ווי געזאָגט, איז דער עיקר דער טאָן, — האָט ער באמת יאָ אויפגעטאָן, נאָר ער אַליין ווייס ניט דערפון. ווייבאַלד אַז ער האָט געטאָן, האָט ער געוויס אויפגעטאָן, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט איבערגעזאָגט כמה פעמים אין נאָמען פון זיין פאָטער [24]): חזקה לתעמולה שאינה חוזרת ריקם.

יא. איינער פון די אויפטוען וואָס ער האָט אויפגעטאָן איז:

אויסער דעם וואָס ווען מען גייט

---

22) שלחן ערוך אדמו"ר הזקן ענדע סימן תלב.

23) אבות פרק ד משנה ב.

24) היום יום, יב תשרי.

אָדער מען לויפט אין אַ שליחות מצוה, האָט ער מזכך געווען דעם שטיין וואָס ער האָט אויף אים גע־טראָטן, און האָט אויף יענעם אָרט מטהר געווען דעם אויר.

— אָבער דאָס איז דאָך אַן ענין וואָס ער זעט דאָס ניט, און מען וועט דאָס ניט אַריינשרייבן דאָ למטה אין דעם דין וחשבון. אָבער ער וויל דאָך עפּעס אויפטאָן אין דער שליחות וואָס מען האָט אים געשיקט לקרב לבם של ישראל לאביהם שבשמים, —

איז באמת האָט ער אין דעם ענין אויך אויפגעטאָן.

בשעת אַ איד זיצט ביי זיך אין שטוב און זעט דורכן פענסטער ווי עס לויפט אַ בחור מיט אַ באָרד, דערמאָנט ער זיך אַז זיין טאַטע האָט אויך אַזוי אויסגעקוקט, און אַז זיין פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט: אַלע טאָג, אויפשטייענדיק אינדערפרי, זאָלסטו זאָגן מודה אני, און גייענדיק שלאָפן זאָלסטו זאָגן שמע ישראל, און בעת מעשה חזר'ט ער איבער — דער וואָס דערמאָנט זיך — אין זיין מחשבה אָדער דבור, דעם פסוק שמע ישראל און מודה אני, און ער שטייט אין אַ התעוררות.

אַז עס קומט אַ קינד אַהיים און דערציילט אַז ער האָט געזען אַ בחור מיט אַ באָרד פאַרקויפנדיק „טאָקס ענד טיילס", און דער בחור האָט געוואָלט אים אַריינרוקן אַ „טאָקס ענד טיילס", אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזן, איז ווען ער דערציילט דאָס זיין טאַטן צי זיין מאַמען, דער־מאָנען זיי זיך בשעת מעשה אויף זייערע עלטערן, ובשעתא חדא ורגעא חדא כו'.

יב. אַ לב נשבר ונדכה דאַרף ער טאַקע האָבן וואָס זיינע פעולות זיי־נען ניט קיין אָנגעזעענע, וואָרום אויב ער וואָלט זוכה געווען, וואָלט ער אויפגעטאָן פנימיות'דיקע פעולות, און ניט נאָר קיין מקיף'דיקע פעולות, אָבער זאָגן אַז ער האָט גאָרנישט אויפגעטאָן, קאָן מען ניט, וואָרום דאָס אַליין וואָס מען האָט געזען אַז עס פאָרט אַרום אַ בחור מיט אַ באָרד מעורר זיין אידן צו אידיש־קייט, דאָס אַליין האָט געוויס גע־פועל'ט על כל פנים בדרך מקיף.

יג. אַ יונגערמאַן פון די תמימים האָט מיר דערציילט, אַז אַ קאָנסער־וואַטיווער ראַביי איז געווען דאָ אַמאָל צו אַ חסידישן פאַרברענגען. קיין חסיד איז ער ניט געוואָרן, אָבער עס איז אים געפעלן געוואָרן און עס האָבן אים פאַראינטערעסירט חסידים. דער ראַביי איז אַ טיטשער צי אַ פרינצי־פּאַל אין אַ סקול. אַזוי ווי ער דאַרף דאָך דערציילן די קינדער סיפורים צו פאַראינטערעסירן זיי, האָט ער זיי דערציילט אַז עס זיינען פאַראַן אַזעל־כע אידן מיטן נאָמען חסידים, און האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן זייערע הנה־גות: זיי לערנען פאַרן דאַווענען, דער־נאָך דאַווענען זיי לאַנג, נאָכהער האָבן זיי שיעורים וואָס זיי לערנען — און ערשט דערנאָך טרינקען זיי דזשוס.

די קינדער האָבן דאָס אַלץ אויס־געהערט, און געפרעגט צי דאָס זיי־נען מענטשן וואָס זיינען געווען אַמאָל, אָדער אין יוראָפּ. האָט ער זיי גע־ענטפערט אַז זיי זיינען פאַראַן אויך איצטער און אין אַמעריקע. די קינ־דער האָבן געזאָגט, אַז זיי גלויבן אים ניט, עס קאָן ניט זיין אַז היינט

אין אַמעריקע זאָלן זיך געפינען אַזעל־כע מענטשן.

דער ראַביי האָט אָנגעהויבן זוכן עצות ווי צו באַשטעטיקן די מעשה אין די אויגן פון די קינדער, ביז ער האָט זיך דערמאָנט אויף זיינעם אַ באַקאַנטן, אַ חסידישן יונגערמאַן — דאָס איז דער יונגערמאַן וואָס האָט מיר דער־ציילט די מעשה — איז ער צוגע־פאָרן צו אים, דערציילט אים די גאַנצע זאַך און האָט אים געבעטן ער זאָל קומען צו אים אין סקול. דאַרפסט דאָרטן גאָרנישט טאָן — זאָגט דער ראַביי צום יונגערמאַן — דאַרפסט זיך נאָר ווייזן. דער יונגער־מאַן האָט מסכים געווען.

ווען דער יונגערמאַן איז אַריין אין סקול — אַ יונגערמאַן מיט אַ גרוי־סער באָרד — האָט זיך אָפּגערופן דער ראַביי צו די קינדער: איר געדענקט אַז איך האָב אייך דער־ציילט אַ מעשה וועגן חסידים, און איר האָט ניט געגלויבט? קוקט! אָט דער יונגערמאַן וואָס איז איצט אַריין, איז איינער פון די חסידים.

די קינדער האָבן אים באַטראַכט, ווי ער קוקט אויס מיט זיין באָרד א. א. וו. און האָבן אים געפרעגט צי ער איז אַ חסיד. אַז ער האָט זיי געענטפערט אויף יאָ, האָבן זיי ביי אים אָנגעהויבן נאָכפרעגן זיך וועגן די הנהגות פון חסידים וכו׳. בייטאָג האָבן דאָס די קינדער דער־ציילט מיט התפעלות ביי זיך אין די היימען, און האָבן אָנגעהויבן שטעלן שאלות די עלטערן וכו׳ וכו׳.

(משיחת ש״פ מטו״מ, תשי״ב)

# פרשת עקב

א. היינטיקע סדרה — פ׳ עקב — איז איינע פון די שבעה דנחמתא, וואָס ניט נאָר די הפטרות זיינען אַן ענין פון נחמה, נאָר אויך די סדרות. וואָרום די הפטורות זיינען דאָך, ברובם, מעין הפרשה. איז וויבאַלד אַז די הפטורה רעדט וועגן דער נחמה פון דער גאולה, דאַרף מען זאָגן, אַז אויך די סדרה רעדט וועגן דער גאולה.

באמת רעדט גאַנץ תורה וועגן גאולה, וואָרום אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה[1], דורכן עסק בתו־רה ווערט באַפרייט די נשמה פון דעם גלות הגוף ונפש הבהמית, און דורך דעם ווערט באַפרייט אויך דער גוף פון גלות כפשוטו.

נאָר אין גאַנץ תורה רעדט זיך וועגן אַנדערע ענינים, און דורך זיי איז פאַראַן די גאולה, אָבער אין די סדרות פון שבעה דנחמתא רעדט זיך וועגן גאולה אַליין.

מען געפינט זיך דאָך איצטער אין גלות, איז בכדי צו דערקלערן דעם ענין הגאולה, גיט מען פריער צו פאַרשטיין דעם גלות מיט דער סיבה פון דעם גלות, און בשעת מען וויס די סיבה פון דעם גלות, וויס מען

1) אבות פרק ו משנה ב.

ווי צו מתקן זיין די סיבה, און בשעת מען איז מתקן די סיבה ווערט במי־לא נתתקן אויך דער מסובב, און אַזוי קומט מען צו דער גאולה.

על דרך משל אַ חולה אין גש־מיות: בשעת ער ווייס אַז ער איז אַ חולה און ווייס אויך אין וואָס זיין חולאת באַשטייט, וועט ער גיין צו אַ רופא, וואָרום ער ווייס אַז ער איז אַ חולה; ער וועט וויסן וואָס צו זאָגן דעם רופא, וואָרום ער ווייס אין וואָס באַשטייט זיין קראַנ־קייט, ובמילא, וועט דער רופא וויסן וואָס פאַר אַ מעדיצין צו געבן אים, און אַזוי אַרום וועט ער אויסגעע־היילט ווערן.

די ידיעה וואָס ער ווייס אַז ער איז אַ חולה און אין וואָס זיין קראַנ־קייט באַשטייט, די ידיעה אַליין — איז שוין אַ האַלבע רפואה, און זי וועט ברענגען מיט דער צייט אויך די אַנדער האַלבע רפואה, אַז ער וועט ווערן אינגאַנצן געזונט.

מיט דער ידיעה וואָס מען דער־קלערט דעם ענין הגלות, און וואָס איז זיין סיבה, הויבט זיך שוין אָן די גאולה, וואָרום ווייסנדיק וואָס דער גלות איז, זוכט מען ווי עס צו היילן און אַרויסגיין דערפון אל ארץ טובה ורחבה.

ב. בשעת די אידן זיינען אַריינגעע־קומען אין ארץ טובה ורחבה (צום ערשטן מאָל) זיינען זיי פריער דורכ־געגאַנגען אַ גרויסן מדבר, און דאַן זיינען זיי אַרויס פון דעם מדבר און אָנגעקומען אין ארץ ישראל. מעשה אבות סימן לבנים. דאָס וואָס די תורה דערציילט אונז וועגן דעם מדבר אין וועלכן די אידן האָבן זיך געפונען אידער זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, איז דאָס — סימן לבנים, אַז אויך דער גלות אין וועלכן מיר געפינען זיך איצטער, איז גלייך צום מדבר אין וועלכן די אידן האָבן זיך געפונען דעמאָלט.

איז די ידיעה וואָס מיר וועלן וויסן וועגן דעם מדבר אין וועלכן די אידן האָבן זיך געפונען דעמאָלט, וואָס דאָס איז אויך אַ ידיעה וועגן דעם גלות אין וועלכן מיר געפינען זיך היינט, דורך דעם וועלן מיר וויסן ווי אַזוי דעם גלות צו היילן.

אין היינטיקער סדרה, אַלס איינע פון די שבעה דנחמתא, דערציילט מען וועגן דעם מדבר. דער פסוק באַצייכנט דעם מדבר מיטן נאָמען „במדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים״ [2]), דאָס זיינען אַלץ פאַרשידענערליי פרטים וועגן דעם מדבר, און אויך וועגן היינטיקן גלות. ווי פריער געזאָגט, זיינען די פרטי הידיעות וועגן דעם גלות אַ מעין פון נחמה, וואָרום דורך דער ידיעה וועלן מיר וויסן וואָס מען דאַרף היילן, און אַרויסגיין פון גלות צו ארץ טובה ורחבה.

ג. מדבר איז אַן אָרט וואָס איז ניט קיין מושב אדם, ניט קיין ישוב פון מענטשן. זאָגט ער אויפן מדבר: מדבר הגדול, אַ גרויסער מדבר. דער מקום המדבר וואָס איז ניט קיין מענטשלעכער ישוב איז גרעסער פון דעם אָרט פון ישוב בני אדם.

אדם גייט אויף אידן, אתם קרויים אדם. ווי דער של״ה איז מבאר [3])

2) דברים ח, טו.

3) חלק תורה שבכתב וישב סוף הדרוש צאן יוסף ובכמה מקומות. גם בספר עשרה מאמרות מאמר אם כל חי חלק ב׳ פרק לג ועוד.

אדם מלשון אדמה לעליון. אידן זיי־נען געגליכן צום אדם העליון שעל הכסא.

מדבר הגדול, דער אָרט וואָס איז ניט קיין מושב בני אדם איז גרע־סער ווי דער אָרט פון ישוב אדם. ווי ער זאָגט אין פסוק[4]: כי אתם המעט מכל העמים, אידן זיינען אַ מינדערהייט פון אַלע פעלקער. אַזוי אויך ביי אידן גופא, זיינען די אידן וועלכע היטן אָפּ תורה ומצוות ווי עס דאַרף צו זיין — לעת עתה ולפי שעה — נאָך ניט דער רוב.

דער ערשטער וואָרט מיט וועלכן דער פסוק באַצייכנט דעם גלות איז — מדבר הגדול. די ערשטע סיבה און די ערשטע טרעפּ פון דער ירידה, פון וועלכער עס פאַנגט זיך אָן דער גלות, איז דאָס וואָס מען האַלט די אַרומיקע וועלט גרעסער פון זיך. מען האַלט דעם ישוב — אידן און אידישקייט — פאַר אַ קליינעם אָרט, און די אַרומיקע וועלט, דעם מדבר העמים, פאַר אַ גרויסן אָרט, אַ גרע־סערע זאַך פון אידן.

באמת קען קיין זאַך אין דער וועלט ניט האָבן קיין שליטה איבער אידן. אדרבה, אַלע זיינען בטל צו אידן, ווי ער זאָגט אין היינטיקער הפטרה, והיו מלכים אומניך ושרותיהם מני־קותיך. און ווי די גמרא זאָגט[5] אויפן פסוק[6] וראו כל עמי הארץ גו׳ ויראו ממך, אלו תפילין שבראש. בשעת אַז אויפן קאָפּ איז ביי אים פאַראַן דער שמע ישראל הוי׳ אלקינו הוי׳ אחד, און זיין שכל איז אַרומ־גענומען מיט דעם וויסן, אַז דער אויבערשטער איז דער איינציקער בעל הבית אויף דער גאַנצער וועלט, דע־מאָלט איז וראו כל עמי הארץ ויראו ממך, אַלע זיינען בטל פאַר אים.

אָבער בשעת ער מאַכט אַ חשבון — מדבר הגדול, ער גיט אַ חשיבות דער וועלט, ער טענה׳ט אַז די וועלט איז גדול און ער איז קטן, ובמילא, פרעגט ער די שאלה, מי יקום יעקב כי קטן הוא.

די שאלה גופא, דער געבן חשיבות צו דער וועלט, דאָס מאַכט ביי אים אויף אַ גלות, אַ העלם והסתר, אַז די וועלט קען האָבן אַ בעל־הבית׳יש־קייט איבער אים. דאָס איז התחלת הגלות.

אָבער ווען ער געדענקט, אַז אַתה בחרתנו מכל העמים כו׳ ורוממתנו, ווערט ער פאַר קיינעם ניט נתפעל, וויסנדיק אַז אידן זיינען העכער פון אַלעמען, און דעמאָלט איז ניטאָ קיין גלות ביי אים. דער אויבערשטער גיט אים פרנסה, ער קען אָנפירן זיין געשעפט על פי דרכי התורה, און עס בלייבט ביי אים צייט אויף קביעות עתים לתורה.

ד. פון דעם וואָס ער נעמט אָן די וועלט פאַר מדבר גדול, קען קו־מען צו אַ וייטערדיקער ירידה, ניט נאָר מדבר גדול נאָר אויך והנורא.

גדול מיינט, אַז יענער איז גרע־סער פון אים, אָבער פונדעסטוועגן אַ מציאות בפני עצמו פון אַ מיעוט לכל הפחות איז ער אויך. אָבער נורא מיינט, אַז ער האָט מורא פאַר יענעם, ווייל ער רעכנט אַז יענער האָט אַ שליטה און אַ מאַכט איבער אים.

בשעת ער איז מחשיב די וועלט

4) דברים ז, ז.

5) ברכות ו, א.

6) דברים כח, יו״ד.

בלויז אַלס מדבר גדול, איז נאָר ווען ער קומט אין באַרירונג מיט וועלט און אירע ענינים ווערט ער נתפעל פאַר איר, ווייל ער אַנערקענט איר גרויסקייט, אָבער ווען ער איז אין זיינע ד' אמות, האַלט ער זיך שטאַרק.

אָבער בשעת ער דענקט, אַז די וועלט איז אַ מדבר גדול ונורא, איז אַפילו ווען ער געפינט זיך אין זיינע ד' אמות, ער געפינט זיך אין שול, אין ישיבה אָדער ביי זיך אין דער־היים, אויך דעמאָלט האָט ער מורא פאַר וועלט, ער האָט מורא מקיים זיין תורה ומצוות בגלוי, ער ציטערט, טאָמער וועט די וועלט זיך דערוויסן דערפון, ומה יאמרו הגוים?

ה. פון דעם קען קומען צו אַ וויטערדיקער ירידה — נחש.

אין ספר ערכי הכינויים[7]) ברענגט ער אַז נחש ארסו חם. דער גיפט פון אַ נחש איז אַ הייסער. דאָס מיינט, אַז ער הויבט זיך אָן צו קאָכן אין דעם קאָך און היץ פון וועלט. און דורך דעם וואָס ער האָט אַ קאָך אין וועלט, פאַרמינערט דאָס ביי אים דעם קאָך אין קדושה.

דערפון קען קומען צו נאָך אַ גרעסערער ירידה — שרף.

דער קאָך אין וועלט ווערט ביי אים אַזוי שטאַרק, אַז ניט נאָר וואָס דאָס איז ממעט דעם קאָך אין קדושה, נאָר עס פאַרברענט אינגאַנצן דעם קאָך פון קדושה.

פון דעם קען קומען צו נאָך אַ גרעסערער ירידה — עקרב.

וועגן עקרב, ברענגט ער אין ערכי הכינויים[8]), אַז ארסו איז — קר. דער גיפט פון אַן עקרב איז קאַלט.

דאָס איז ערגער פון נחש און שרף. וואָרום בשעת ער האָט אַ קאָך און אַ היץ, הגם דאָס איז ביי אים אין וועלטישע זאַכן, אָבער דאָס איז אַ באַווייז אויף לעבעדיקייט. במילא קען מען דאָס אומבייטן אויף אַ חיות און אַ קאָך אין קדושה. אָבער ווען ער איז קאַלט, וואָס דאָס איז אַ סימן אויף היפך פון לעבן, איז דאָס פיל ערגער. ועל דרך הגרעון דעז לגבי שור נגח[9]).

פון דעם קען קומען צו נאָך אַ גרעסערער ירידה — צמאון אשר אין מים. אַפילו ווען מלמעלה איז מען אים מעורר, דורך דעם בת קול וכדומה, ווי דערקלערט אין חסידות, און עס ווערט ביי אים אַ צמאון, איז אויך דעמאָלט אין מים. מים זו תורה[10]), ער ווייס ניט צו וואָס דער צמאון איז, ער איז דאָרשטיק און פילט ניט און ווייס ניט צו וואָס, ווייל ער איז געוואָרן אַזוי ווייט אַז ער האָט ניט קיין שייכות און ווייס ניט פון דער גאַנצער מציאות פון קדושה.

פון וואָס הויבט זיך דאָס אַלץ אָן?

פון דעם מדבר הגדול, דאָס וואָס מען איז מחשיב, מען מאַכט וויכטיק, דעם מדבר — די וועלט, דאָס איז די ערשטע טרעפּ צו אַלע ירידות ביז צום: וצמאון אשר אין מים.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז אויף מתקן זיין די אַלע ירידות, דאַרף מען

---

7) לבעל המחבר ספר סדר הדורות מע' נחש.

8) דאָרט.

9) זע קונטרס התפלה פרק ח.

10) בבא קמא יז, א ושם נסמן (בשינוי לשון).

מתקן זיין די ערשטע סיבה: האָבן אַ שטאַרקייט אין אידישקייט, געדענקענדיק אַז אתה בחרתנו מכל העמים ורוממתנו.

און דעמאָלט ווערט מען פטור פון גלות און מען גייט אל ארץ טובה ורחבה דורך משיח צדקנו במהרה בימינו.

ו. דערמיט וועט מען פאַרשטיין די גמרא[11]: נחש כרוך על עקבו לא יפסיק, עקרב כרוך על עקבו יפסיק.

ווען ער האַלט אין מיטן דאַוונען און מיטאַמאָל נעמט אים אָן אַ היץ פון וועלט, נחש כרוך על עקבו, הגם עס טויג טאַקע ניט, פונדעסטוועגן לא יפסיק, ער זאָל ניט מפסיק זיין פון דאַוונען, ער זאָל דאַוונען ווייטער. סוף כל סוף וויבאַלד ער האָט אין זיך חיות, וועט ער דעם חיות און קאָך מהפך זיין צו קדושה.

עקרב כרוך על עקבו, ער האַלט אין מיטן דאַוונען און עס כאַפּט אים אָן אַ קעלט, הגם דאָס איז נאָר כרוך על עקבו, דער עקרב וואָס ארסו קר, די קעלט האָט אים ניט אָנגעכאַפּט אין מוח ולב, מערניט ווי אין די עקביים, פונדעסטוועגן יפסיק מתפלתו. וואָרום אויב אין מיטן דאַוונען קען אים אָנכאַפּן אַ קרירות, העדר החיות, איז אַ ראַי' אַז זיין גאַנצער סדר העבודה איז ניט כדבעי, דערפאַר זאָל ער מפסיק זיין פון דעם סדר עבודה און נעמען זיך צו אַ נייעם סדר אין עבודה, אַן עבודה מיט חיות און מיט אַ לעבעדיקייט, וואָס דאָס קומט דורך לימוד פנימיות התורה, וואָס איז אילנא דחיא.

(משיחות ש״פ עקב, כ׳ מנ״א, תשט״ז)

11) ברכות ל, ב. און זע תיקוני זהר תיקון יח.

# פרשת ראה

א. אין היינטיקער סדרה רעדט זיך וועגן זאת הבהמה אשר תאכלו, בהמות טהורות, און וועגן הבהמה אשר לא תאכלו, בהמות טמאות, און די תורה גיט אָן צוויי סימנים אויף הבהמה אשר תאכלו: מעלת גרה און מפרסת פרסה.

אין די סימנים פון תורה זיינען פאַראַן צוויי סוגים: א) גורמים, אַזעלכע סימנים וואָס זיי זיינען אַ טעם וסיבה אויף דער זאַך, ובנדון דידן — דורך דעם וואָס די בהמה איז מעלה גרה ומפרסת פרסה, איז זי אַ בהמה טהורה; ב) מבדילים, אַזעלכע סימנים וואָס זיי זיינען ניט קיין טעם וסיבה אויף דער זאַך, זיי זיינען מער ניט ווי מברר די טהרה והיפך הטהרה וואָס עס איז פאַראַן אין דער זאַך מצד עצמו. דאָס ווערט נתברר דורך די סימנים[1].

פנימיות התורה, תורת החסידות, פאַרבינדט דעם משל מיטן נמשל.

1) זע אויספירלעך צפנת פענח להגאון הרגצובי על הרמב״ם ריש הלכות מאכלות אסורות.

הגם דער משל איז אַ פרעמדע זאַך, ער איז מער ניט ווי אַ משל בלבד, פונדעסטוועגן פאַרבינדט מען אים מיטן נמשל. וואָרום עס איז ניטאָ קיין צופאַל, מקרה סתם, אין וועלט. דאָס וואָס ער איז אַ משל צום נמשל, איז ווייל ער נעמט זיך פון אים. דער ענין וואָס אין נמשל ווען ער קומט אַראָפּ אין אַ נידעריקערן עולם, ווערט דאָס — משל.

לויט דעם האָבן ביידע סוגים אין סימנים אַ שייכות צו דער זאַך אַליין. אַפילו די סימנים וואָס זיינען ניט קיין טעם וסיבה — נאָר מער ניט ווי סימנים אויף מברר זיין, האָבן אויך צו טאָן מיט דער זאַך אַליין. ניט צופעליק איז דאָס איר סימן, נאָר ווען די זאַך קומט אַראָפּ נידער־ריקער, ווערט דאָס — דער סימן.

במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז די צוויי סימנים פון מעלת גרה און מפרסת פרסה, אין וואָס פאַר אַ סוג סימנים זיי זאָלן נאָר אַריינגיין, האָט דאָס צו טאָן מיט זאת הבהמה אשר תאכלו.

ב. דער ענין האכילה — זאת הבהמה אשר תאכלו — איז, אַז מען נעמט אַ חי, אַ צומח אָדער אַ דומם, און דורך דעם וואָס מען עסט אים, ווערט עס דם ובשר כבשרו, אַז פון דעם דומם, צומח, חי ווערט מדבר, וואָס דורך דעם פירט זיך אויס דער תכלית פון דעם דומם, צומח, חי, אַז ער ווערט נכלל אין מדבר.

אין דעם אדם גופא זיינען אויך פאַראַן ענינים וואָס אין זיי איז ער גלייך צו דומם, צומח, חי, על דרך ווי די גמרא זאָגט [2], בשלשה נדמה כבהמה, און עס זיינען פאַראַן ענינים וואָס אין זיי איז ער אָפּגעטיילט פון דצ״ח, מיט זיי איז ער אַן אדם, מין המדבר.

אַזוי ווי אין דצח״מ בכלל — איז ניט דער דצ״ח דער תכלית, נאָר דער מדבר דוקא, אויך די מעלה אין דצ״ח איז בשעת זיי ווערן נכלל אין דעם מדבר דוקא, אַזוי איז אויך אין דעם מדבר גופא. די ענינים וואָס ער איז אין זיי גלייך צו דצ״ח, ניט דאָס איז זיין מעלה און זיין תכלית. דער תכלית איז דער ענין המדבר וואָס אין אים. דער תכלית פון זיינע איבעריקע ענינים — די דצ״ח וואָס אין אים — איז, אַז אויך זיי זאָלן זיין לויט דעם ענין פון מדבר וואָס אין אים, און אין דעם זאָלן זיי נכלל ווערן.

און אַזוי איז אויך אין דעם דומם צומח וחי — בכללות — וואָס דער אדם נוצט זיי און זיי ווערן נכלל אין אים, איז דער תכלית פון זיי אַז זיי זאָלן נכלל ווערן אין דעם מדבר שבאדם דוקא, דורך דעם וואָס דער מענטש וועט דאָס אויסנוצן צו־געפּאַסט לויט זיין ענין ומעלת האדם.

ג. דער אמת׳ער ענין פון אדם איז אדמה לעליון [3], כביכול — צו דעם אדם העליון שעל הכסא, וואָס ער — דער אדם העליון שעל הכסא — איז דער אמת׳ער אדם, דער אמת׳ער מעלת המדבר. די מעלה פון דעם אדם התחתון איז וואָס ער איז אדמה לאדם העליון, און דערפאַר ווערט ער אָנגערופן מיטן נאָמען אדם.

---

2) חגיגה טז, א.

3) זע אויבן עמוד 372 הערה 3.

די מעלת האדם איז — ער זאָל נכלל ווערן אין דעם אדם העליון, דורך דעם וואָס ער וועט אויספירן די שליחות פון אדם העליון. ווי דערקלערט אין לקוטי תורה[4], אַז דורך דעם וואָס מען טוט אַ שליחות פון אדם העליון ווערט מען כמותו, וואָס דאָס איז די התכללות וואָס ער ווערט נכלל אין אדם העליון.

עס איז פאַראַן אין דעם אַ סדר והדרגה, פריער איז דאָס אין אַ ני־דעריקער מדריגה, דערנאָך העכער, ביז ער פועל'ט אין זיך די התכללות אַז ער ווערט אינגאַנצן נכלל אין דעם אדם העליון, ווי מען האָט גע־רעדט (אין מאמר) אַז פריער איז די עבודה פון אחרי הוי' אלקיכם תלכו, אחרי, מער ניט ווי אחורים בלבד, ביז מען קומט צו צום תכלית העלי', ובו תדבקון, אַז ער איז ניט קיין שום מציאות לעצמו, ער ווערט אינגאַנצן דבוק, ביז עס ווערט איין זאַך.

— ועל דרך מדריגת משה רבינו, וואָס ער האָט געזאָגט, ונחנו מה, ווייל ער איז געווען אינגאַנצן בטל, ער איז ניט געווען קיין מציאות, ונחנו מה, שכינה מדברת מפומא דילי'[5]), דאָס זיינען געווען די רייד פון דער שכינה וואָס האָט גערעדט דורך זיינע ה' מוצאות. וואָס דאָס איז די מדריגה פון ובו תדבקון. —

און אַזוי ווי אין אים אַליין, אַזוי איז עס אויך אין דעם דצ"ח וואָס ער נוצט, אַז תכליתם איז זיי זאָלן נכלל ווערן אין דעם אדם העליון.

ד. בכדי עס זאָל קאָנען זיין דער ענין מען זאָל נעמען אַ בהמה, וואָס רוח הבהמה היורדת היא למטה, און פועל'ן אין איר אַ העלאה והתכללות, היפך טבעה פון ירידה למטה, פרי־ער די התכללות אין אדם התחתון און דורך דעם אויך אין אדם העל־יון, וואָס דאָס איז דאָך גאָר אַ ווייטע וועג, פון אחרי הוי' אלקיכם ביז ובו תדבקון, און כל הדרכים — בחזקת סכנה;

בכדי מען זאָל קענען דורכגיין די וועג, האָט די תורה אונז געגעבן צוויי סימנים, וועלכע באַווייזן צי ער טוט זיין עבודה ווי עס דאַרף צו זיין:

צי איז ער זיך מתעסק אין די דברים הגשמיים פון דצ"ח לשם שמ־ים ולעבודת הוי', וואָס דעמאָלט פו־על'ט ער אין זיי אַן העלאה והת־כללות כנ"ל, אשר תאכלו, צי ער טוט דאָס ניט ווי מען דאַרף, ער טוט דאָס ניט לעבודת הוי' נאָר מצד זיין טבעיות ורגילות, וואָס דעמאָלט פועל'ט ער ניט אין דעם קיין העלאה, נאָר פאַרקערט. און דעמאָלט איז — אשר לא תאכלו.

ה. אין תורה אור[6]) ברענגט ער פון ר' חנינא בן תרדיון וואָס ער האָט געטאָן צוויי ענינים, איין מעשה וואָס ער האָט געטאָן אין קו החסד, און אַ צווייטע מעשה וואָס ער האָט גע־טאָן אין קו הגבורה, און ער האָט דאָס געטאָן מיט דעם זעלבן אופן — דורך דעם האָט מען געוואוסט אַז דאָס איז ניט מצד הטבע נאָר מצד עבודה, וואָרום אויב מצד הטבע, האָבן ניט געקאָנט זיין בײדע זאַכן מיטן זעלבן חיות.

4) ויקרא ב, א.

5) זע עמוד 415 הערה 5.

6) בראשית יט, ב.

ווי עס שטייט אין ספרי[7] אַז אהבה ויראה זיינען צוויי מדות הפכיים און זיי קאָנען ניט זיין צוזאַמען. סיידן אין עבודת הוי׳, אין דעם קענען זיין ביידע מדות צוזאַמען.

דאָס איז אויך וואָס עס שטייט ביי אברהם אבינו בשעת דעם נסיון העקידה דוקא, עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה[8], די פריערדיקע נסיונות זיינען געווען אין איין קו, אין קו הימין, האָט מען דאָך ניט געקאָנט וויסן צי דאָס איז ניט מצד הטבע. אָבער בשעת עס איז געווען דער נסיון אַז ער האָט גענומען יצחק׳ן צו דער עקידה ביז ער האָט געוואָלט טאָן וואָס ער האָט געוואָלט, וואָס דאָס איז דאָך מצד קו הגבורה, איז עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה. עתה ידעתי אויך אויף אַלע פריערדיקע נסיונות, אַז דאָס איז מצד עבודה.

ו. דאָס איז דער סימן פון מפרסת פרסה. בשעת מען טוט מער ניט ווי אין איין קו, קיומא דחד סמכא, קאָן זיין אַז דאָס איז מצד הטבע והרגילות. אַ סימן אויף אַ בהמה טהורה איז, מפרסת פרסה, עס איז צעשפּאָלטן און גייט רעכטס און לינקס, אין ביידע זייטן. ער גייט אַרויס פון זיין טבע ורגילות, און טוט די שליחות פון דעם אדם העליון, וואוהין מען שיקט אים.

דער דין אין מפרסת פרסה איז אַז עס דאַרף זיין צעשפּאָלטן פון אויבן און פון אונטן, אויב ניט איז דאָס ניט קיין בהמה טהורה[9]. דאָס וואָס ער טוט אין ביידע קוים, דאַרף דאָס זיין ניט נאָר אין חיצוניות אַליין. אויב דאָס איז נאָר אין חיצוניות אָבער אין פנימיות שטייט ער מער ניט ווי אין איין קו, איז לא תאכלו, פועל׳ט ער ניט די העלאה והתכללות. עס דאַרף זיין דורכגעשפּאָלטן בפּנימיות און אויך בפועל, דורך און דורך, וואָס דעמאָלט איז תאכלו, ער פועל׳ט די התכללות, ביז ער קומט צו דעם — ובו תדבקון.

פונדעסטוועגן, ווייבאַלד ער האָט צו טאָן מיט גשמיות, וואָס עס האָט אַ שייכות צו חומריות, איז אַפילו בשעת ער זעט אַז עס איז מפרסת פרסה, טאָר ער ניט פאַרלאָזן זיך אויף זיך און עס דאַרף זיין אויך דער סימן — מעלת גרה, איבערקייען, בודק זיין זיך און מברר זיין נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל.

ז. די הוראה פון דעם אין עבודה בפועל — מען קען דאָס אָפּלערנען פון למטה אויף למעלה, און פון למעלה אויף למטה — איז:

אַזוי ווי בשעת מען גייט עסן פון אַ בהמה דאַרף מען דאָך זען צי זי האָט די סימני טהרה, אויב ניט, טאָר מען איר ניט עסן, אַזוי איז אין יעדער ענין בעולם הזה וואָס מען גייט טאָן, דאַרף מען בודק זיין די סימנים: מען דאַרף זיין זיכער אַז מען טוט דאָס ניט למלאות תאוות נפשו, און אַפילו אויב ביי אים קוקט אויס אַז דער סימן שטימט, טאָר ער זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם, און מען דאַרף האָבן אַ צווייטן בירור.

(משיחת ש״פ ראה תשט״ו)

ח. אין לקוטי תורה[10] איז דאָ אַ

---

7) ואתחנן ו, ה.
8) בראשית כב, יב.
9) רש״י דברים יד, ו.
10) דברים לב, ב.

משל אויף דעם חילוק פון אלול און תשרי: אין אלול איז כמשל המלך הנמצא בשדה קודם שבא לעיר און אין תשרי איז כמלך הנמצא בהיכלו.

בשעת דער מלך איז בהיכלו קע־נען ניט אַלע אַריינגיין צו אים, און מען מוז האָבן כמה וכמה הכנות. ווען דער מלך גייט אַרויס צום פעלד אין פעלד איז הגם ער איז דאָרטן ניט מיט זיין גאַנצער פּראַכט און גרויסקייט ווי בהיכל מלכותו — איז מצד דעם גופא דאָ די מעלה, אַז יעדער איינער קען אַליין רעדן צום מלך און דער מלך נעמט צו אַלעמען בסבר פנים יפות און נעמט אָן ביי יעדן איינעם זיין בקשה.

באלול קומט דער אויבערשטער צו יעדן אידן, און יעדער איד קאָן אים געבן זיין בקשה, ווי עס איז דער־קלערט אין לקוטי תורה באריכות.

מצד דעם איז אָבער פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת דער מלך געפינט זיך בשדה, דאַרף מען האָבן שטאַרקערע זהירות, וויבאַלד אַז דער מענטש שטייט אין זיין מעמד ומצב און פונ־דעסטוועגן קומט דער מלך צו אים און נעמט צו זיין בקשה, נאָך מע־רער — ער ווייזט אים אַ סבר פנים יפות, קען ער דאָך האָבן אַ טעות, אַז ס'איז גוט צו שטיין אינעם זעלבן מצב, וראי' לדבר, אַז שטייענדיק אין זיין מצב קומט צו אים דער מלך.

בשעת דער מלך איז בהיכלו — דאָרטן קען מען קיין טעות ניט האָבן, דאָרטן לאָזט מען אים דאָך ניט אַריין, סיידן ער איז דורכגעגאַנגען אַלע הכ־נות וואָס מען דאַרף דערצו, און מען לאָזט אים אַריין נאָר אויף וויפל ער איז ראוי, ווי דער לשון הגמ־רא [11], הראוי לחצר לחצר, הראוי לגי־נה לגינה, הראוי לביתן לביתן, אָבער בשעת דער מלך איז בשדה, קען מען לייכט אַ טעות האָבן, דאַרף מען האָבן אויף דעם אַ זהירות ביו־תר.

ט. און אַזוי איז אויך אין חודש אלול. דאָס וואָס דער אויבערשטער קומט צו יעדן איינעם ניט קוקנ־דיק אויף זיין מצב און ער ווייזט אים אַ פנים שוחקות איז דאָס גאָר אַ גרויסע מעלה, וואָס יעדער איד קען נעמען אלקות, אָבער מצד דער מעלה גופא דאַרף מען האָבן אַ זהי־רות ביותר, ער זאָל ניט האָבן דעם טעות, אַז ער קען בלייבן במעמדו ומצבו, וראי' לטעותו, אַז הגם ער געפינט זיך בעובדין דחול, ל"ט מלא־כות (אלול איז דאָך ניט יום טוב), פונדעסטוועגן גיט מען אים דעם גילוי פון י"ג מדות הרחמים, און ווי די גמרא [12] זאָגט, מלמד שנתעטף הקב"ה כש"ץ ויעבור הוי' על פניו ויקרא הוי' הוי', וואָס דאָס איז פון דעם הוי' שלמעלה מהשתלשלות.

י. עס שטייט אין פרי עץ חיים [13] אַז, להוי' ויאמרו לאמר אשירה איז ראשי תיבות אלול. דאַרף מען פאַר־שטיין, א) וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו אלול. ב) וואָס איז דער פשט לאמר. אַלעמאָל מיינט לאמר — זאָגן צו אַ צווייטן, אָבער ווי־באַלד אַז אַלע אידן זיינען געווען

11) מגילה יב, א.

12) ראש השנה יז, ב.

13) שער ראש השנה פרק א. זע ספר המאמרים ה'תשי"א עמוד 319.

דערביי, איז ווי פאַסט דאָ דער וואָרט לאמר? נאָר לאמר דאָ מיינט לדורות, בכל דור ודור זאָל זיין דער אשירה להוי׳ כי גאה גאה.

בשעת אַ איד האַלט ביי אָשירה להוי׳, דעמאָלט איז גאה גאה, ווי דער תרגום זאָגט אתגאי על גיותניא. הגם עס איז טאַקע פאַראַן גיותניא, די שרים שלמעלה, הנהגת הטבע על פי סדר ההשתלשלות, אָבער בשעת אַ איד גיט זיך אַוועק צום אויבערשטן, איז דער אויבערשטער מבטל פאַר אים די גאַנצע וועלט מיט די שרים, אַז אַלע זיינען אונטער אים.

און דאָס איז די עבודה פון אלול: ויאמרו לאמר אשירה לה׳, איבערגעבן זיך צום אויבערשטן, וואָס דאָס איז תשובה, והרוח תשוב אל האלקים[14], וואָס פון דעם קומט אויך אַרויס די תנועה פון אשירה. און די תנועה פון איבערגעבן זיך צום אויבערשטן פועל׳ט אויך אין נאָך אַ אידן, ויאמרו לאמר, און אַמירה לדורות, וואָס דעמאָלט איז כי גאה גאה, מען ווערט אַ בעל הבית אויף וועלט. עבד מלך — מלך[15], עבד פון הוי׳ וואָס מלך גאות לבש.

(משיחות ש״פ ראה, מבה״ח אלול תשי״ד)

# פרשת שופטים

א. מען האָט גערעדט[1] באריכות, אַז אלול איז אַן ענין פון ערי מקלט.

איז פאַראַן אַ הוספה צו דעם:

אויף דעם ענין שופטים ושוטרים שטייט אין ספרי[2] אַז די שופטים ושוטרים[3] זיינען געווען בכל מושבותיכם אויך אין חוץ לארץ. יכול — זאָגט דער ספרי — אַז אויך ערי מקלט זיינען געווען אין חוץ לארץ, תלמוד לומר אלה כו׳, ערי מקלט זיינען געווען נאָר אין ארץ ישראל. פונדעסטוועגן, זאָגט ער אין ספרי[4] אַז אויך אַ רוצח שבחוץ לארץ ערי מקלט קולטות, נאָר די ערי מקלט

---

14) לקוטי תורה דברים עא, ב.

15) שבועות מז, ב.

1) נדפס לקמן ע׳ 623.

2) געבראַכט אין ספר המצוות להרמב״ם מ״ע קעו. לפנינו בספרי זוטא.

3) ממה שכתוב בספרי ריש פרשת שופטים ובסנהדרין (טז, ב) מנין שמעמידין שופטים לישראל תלמוד לומר כו׳ שוטרים תלמוד לומר כו׳, משמע לכאורה דצריך לימוד מיוחד לשוטרים, ובכל מושבותיכם (מסעי לה, כט) דמיני׳ ילפינן דנוהג גם בחוץ לארץ (מכות ז, א וספרי שם) הרי מדבר רק בשופטים, אבל מדברי ר׳ אלעזר (תנחומא ריש פרשת שופטים) אם אין שוטר אין שופט, משמע דבכ״מ שממנים שופטים מוכרח שיהיו גם שוטרים (ובילקוט שמעוני שם מוכח דאינו חולק על התנא קמא). ועל פי זה מובן בפשיטות: א) קושית הש״ס במכות (שם) אם כן מה תלמוד לומר בכל שעריך, כיון דגם שוטרים נוהגין בחוץ לארץ. ב) הא דאין מונים העמדת שופטים ושוטרים בשני מצוות עשה. וראה תורה תמימה ריש פרשת שופטים. פירוש הרי״פ פערלא לספר המצוות להרס״ג פרשה א בסופה. ג) לשון הרמב״ם בספר המצוות (שם) מנין שממנים בית דין לכל ישראל תלמוד לומר שופטים ושוטרים כו׳ אלה הדינין נוהגין בין בארץ בין בחוץ לארץ. — וראה גם לקו״ש חל״ד ע׳ 103 ואילך.

4) מסעי לה, יג.

אַליין זיינען געווען אין ארץ ישראל דוקא.

פון דעם וואָס דער ספרי שטעלט צו שופטים ושוטרים צו ערי מקלט, אַז אַזוי ווי שופטים ושוטרים זיי־נען געווען אין חוץ לארץ אַזוי וואָלט מען וועלן מיינען אַז אויך ערי מקלט זיינען געווען אין חוץ לארץ, איז געדרונגען אַז ערי מקלט האָבן אַ שייכות צו שופטים ושוטרים.

דער ענין פון שופטים און אַפילו שוטרים שהיו רודים — איז ניט געווען צוליב מעניש זיין, נאָר די כוונה איז געווען אַז דורך דעם זאָל זיין אַ זיכוך[5]. און אַזוי איז אויך דער ענין פון ערי מקלט, גלות — גלות מכפרת[6]. דער פירוש כפרה איז ווי דער אַלטער רבי טייטשט אין אגרת התשובה[7] כפרה מלשון קנוח, עס ווישט אָפּ און נעמט אַראָפּ דעם חטא, און אויף אַזוי פיל אַז ער ווערט מרוצה ווי קודם החטא. ובמילא וואָלט מען וועלן מיינען אַז דאָס איז געווען אויך אין חוץ לארץ, וואָרום ארץ ישראל וואָס איז ארץ סתם[8] איז — כמאמר[9] למה נקרא שמה ארץ שרצתה לעשות רצון קונה, און חוצה לארץ מיינט חוץ פון דעם רצון, האָט מען דאָך אין חוץ לארץ געדאַרפט באַוואָרענען מער ווי אין ארץ ישראל, פונדעסטוועגן זיינען נאָר שופטים ושוטרים געווען אויך אין חוץ לארץ, אָבער ערי מקלט — נאָר אין ארץ ישראל.

ב. אין תשובה זיינען פאַראַן צוויי ענינים[10], חרטה על העבר וקבלה על להבא, און ווען איז דאָס אַ גוטע חרטה, בשעת אַז מכאן ולהבא איז ער מקבל אויף זיך פירן זיך ווי מען דאַרף, וואָרום אויב ניט, איז וואָס איז די פעולה פון זיין חרטה, עס איז כטובל ושרץ בידו.

דערפאַר זיינען ערי מקלט נאָר אין ארץ ישראל. וואָרום אויב ער זאָל פאַרבלייבן אין דרויסן פון דעם ארץ שרצתה לעשות רצון קונה איז וואָס איז די פעולה פון זיין חרטה. און דערפאַר זיינען ערי מקלט קולטות אויך אַ רוצח פון חוץ לארץ, אויך אים העלפט גלות, אָבער דער גלות אַליין מוז זיין אין ארץ ישראל דוקא, ונס שמה.

דער ענין פון שופטים ושוטרים, אָבער, איז געווען אויך אין חוץ לארץ, וואָרום וועגן משפט'ן יענעם, שטייט דאָך[11], אַל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו; בית דין שבארץ ישראל קענען ניט וויסן די העלמות

---

5) וכלשון התנחומא: שוטר שיוציא ממ־נו כו׳ משפט צדק ללמדך שצדקה עושין כו׳ ועם החייב שמוציאין את הגזילה מתחת ידו.

6) מכות יא, ב און תוספות ד״ה מידי.

7) פרק א.

8) זע תענית יו״ד ריש ע״א.

9) בראשית רבה פרשה ה, ח. ילקוט שמעוני בראשית רמז ח.

10) רמב״ם הלכות תשובה פרק ב הלכה ב. אגרת התשובה לרבנו הזקן פרק א. אלא שחרטה על העבר צריך להיות לא רק במחשבה, כי אם גם בדיבור — וידוי דברים (ועיין מצות וידוי ותשובה בספר המצות להצמח צדק. מנחת חינוך מצוה שסד). ובנוגע מכאן ולהבא מצות התשובה היא עזיבת החטא בלבד* (ועל כרחך צריך לפרש כן בלשון הרמב״ם שם ריש פרק א, בשערי תשובה לרבנו יונה אות יט. ועוד) וכדמוכח בחושן משפט סוף סימן לד, ובכמה מקומות. וראה גם כן קדושין (מט, ב). וצריך עיון.

11) אבות פרק ב משנה ד.

*) וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 197 ואילך.

והסתרים וואָס זיינען פאַראַן אין חוץ לארץ, ווי אויף יעדער ענין אין מעשה, און אַפילו דבור ומחשבה, דאַרף מען האָבן אַזוי פיל יגיעה, און ס'זיינען פאַראַן אַ סך נסיונות. אין ארץ ישראל — אַ מצב וואָס עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אח־רית שנה[12]) — האָט מען גאָר ניט קיין מושג אין דעם, דעריבער האָבן די שופטים ושוטרים געדאַרפט זיין אויך אין חוץ לארץ, אויף משפט'ן די אידן פון חוץ לארץ.

ווי עס איז באַוואוסט דער סיפור פון מיטעלן רבי'ן, און פון כ"ק אד־מו"ר הצמח צדק[13]) אַז אַמאָל אינמיטן יחידות האָט ער מפסיק געווען אויף אַ משך זמן, און נאָכהער געפראַוועט יחידות. בשעת מען האָט אים גע־פרעגט דעם טעם אויף דעם, האָט ער דערקלערט, אַז בשעת מען קומט אויף יחידות פרעגן אַ תיקון דאַרף מען געפינען בדקות דדקות על כל פנים דעם ענין ביי זיך, און דע־מאָלט קען מען ענטפערן. בשעת מען איז געקומען צו אים פרעגן אויף זייער אַ נידעריקן ענין, האָט ער ניט געקאָנט געפינען ביי זיך דעם ענין אַפילו בדקות דדקות, האָט ער מפסיק געווען די יחידות.

וואָס דאָס איז אויך דער ענין וואָס דער אויבערשטער האָט גע־זאָגט צו משה רבינו, בשעת דעם חטא העגל, לך רד כי שחת עמך[14]). משה איז דאַן געווען אויפן הימל למע־לה מעלה, לחם לא אכל ומים לא שתה, די אידן זיינען געווען למטה מטה, האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט שחת עמך, זיי זיינען דיין עם — וואָס דורך דעם האָט משה געהאָט אַ פאַרבונד מיט זיי און געקענט אויף זיי מלמד זכות זיין.

ועל דרך ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין בד קודש, אַז ער וויל ניט אַז דער משפט זאָל זיין דורך שרים, אויף שרים קען מען זיך ניט פאַרלאָזן, נאָר מען בעט אַז מלפניך (דוקא) משפטי יצא עיניך תחזינה מישרים[15]), די שרים פילן ניט וואָס די העלמות והסתרים זיינען, דע־ריבער דאַרף מען האָבן דעם משפט פון אַ נשמה אין אַ גוף — מלפניך דוקא. דאָס איז אויך דער ענין פון דעם וואָס די שופטים ושוטרים האָבן געדאַרפט זיין אין חוץ לארץ דוקא.

ג. הגם ערי מקלט זיינען געווען אין ארץ ישראל דוקא, איז אָבער אין דעם פאַראַן חילוקי מדריגות. עס זיינען געווען ערי מקלט אין עבר הירדן דשכיחי רוצחים[16]), אין ארץ ישראל, דלמה נקרא שמה ארץ לפי שרצתה לעשות רצון קונה און אַפילו לעתיד לבוא, ואם ירחיב הוי' אלקיך את גבולך[17]), וועלן אויך זיין ערי מקלט.

דאָס הייסט אַז דער ענין פון שפך דם האדם באדם[18]), וואָס אויף דעם איז דער ענין פון ערי מקלט, איז פאַראַן אין יעדער מדריגה לויט איר ענין, און אַפילו לעתיד וואָס דע־מאָלט וועט זיין די עבודה, ובמילא

12) דברים יא, יב.

13) זע ספר המאמרים — קונטרסים — עמוד 712.

14) שמות לב, ז.

15) תהלים יז, ב.

16) מכות ט, סע"ב.

17) דברים יט, ח. ירושלמי מכות פרק ב הלכה ו בגמרא. ספרי דאָרט יט.

18) בראשית ט, ו.

אויך דער העדר העבודה, אין א הע־כערן אופן לגמרי, איז אויך אין דעם ענין פאַראַן דער שפך דם האדם דקדושה באדם בליעל[19]), און מען דאַרף האָבן אויף דעם ערי מקלט שקולטות.

וואָרום אין יעדער מדריגה איז פאַ־ראַן דער ענין פון העדר והיפוך העבודה כפי ענינה, דאָס הייסט, אַז לפי ערך מעלת מדריגתו איז דאָס אַן ענין פון העדר העבודה, ביז אַז אין דער מדריגה פון ובו תדבקון, איז די עבודה פון אותו תעבודו אַן ענין וואָס מען דאַרף טאָן אויף דעם תשובה[20]).

ד. און אַזוי איז אויך דער חשבון הנפש פון חודש אלול, וואָס דאָס איז דער ענין פון ערי מקלט כנ"ל, — אַז ביי איטלעכן איז דאָס לויט זיין אופן. מען דאַרף מאַכן אַ חשבון הנפש פון זיינע אַלע מחשבות, דבו־רים און מעשים במשך פון אַ גאַנץ יאָר, צי זיינען זיי געווען על פי שולחן ערוך, צי זיינען זיי געווען לפנים משורת הדין, און צי עס איז געווען לפום גמלא[21]), און אויב עס איז ניט געווען אַזוי, דאַרף מען האָבן תשובה.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז ניט נאָר בעלי עסקים נאָר אויך יושבי אוהל וואָס אַ גאַנץ יאָר געפינען זיי זיך באהלה של תורה ובאהלה של תפלה, אויך ביי זיי דאַרף זיין אין חודש אלול אַן עיר מקלט, „את בצר במדבר", אין תורה, וואָס אויף איר שטייט וממדבר מתנה, און אַזוי אויך אין תפלה[22]).

דאָס איז אויך וואָס מען האָט גע־רעדט פאַר צוויי יאָרן (ח"י אלול) וועגן דעם מנהג פון דער מדינה אַז אין דער צייט פון אלול ותשרי צעפאָרט מען זיך פון די ישיבות אהיים, אַז דאָס איז היפך התורה און אויך היפך פון שכל אנושי. אַנ־שטאָט דעם וואָס עס שטייט[23]) אַז בחודש אלול האָט מען ממעט געווען בגופי הלכות ובחיבורים און מען האָט זיך עוסק געווען מער בתשובה, פאָרט מען גאָר אַוועק אַהיים.

אין דער צייט פון חודש אלול דאַרף מען זיין אין ישיבה, און עס דאַרף זיין אָפּגעלייגט אַז יעבור עלי מה און די טעלעכע וואָכן אינעם חודש פון „בקשו פני" זאָל איך זיין כדבעי.

ה. דאָס איז אויך אַן הוראה צו בעלי עסקים, אַז הגם אַ גאַנץ יאָר ליגט ער בעסקיו, אָבער אין דער צייט פון חודש אלול, אָדער לכל הפחות פון ח"י אלול וואָס דעמאָלט הויבט זיך אָן דער חשבון יום לחודש[24]), אָדער בימי הסליחות על כל פנים, זאָל ער אַנטלויפן אין ערי מקלט (וואָס זיינען געווען אויך אין עבר הירדן שמחוץ לארץ ישראל), אין אַן אָרט פון יראת שמים, אין אַ ישיבה והדומה. און שם תהא דירתו.

עס דאַרף זיין דער ונס שמה, ונס

---

19) לקוטי תורה במדבר יג, יג.

20) זע ד"ה אחרי ה"א תלכו וביאורו (בסופם — בסידור, בספר המצות להצמח צדק) בלקוטי תורה.

21) כתובות סז, א. קד, א. סוטה יג, ב.

22) עיין לקוטי תורה ביאור לד"ה וידבר גו' במדבר סיני. לעיל בענין ובו תדבקון.

23) אלף למטה במטה אפרים סתקפ"א סקט"ו.

24) זע קונטרס ח"י אלול תש"ג עמוד 42 (סה"ש תש"ג ע' 177).

מיינט אַנטלויפן[25]). אַנטלויפן פון אַלע ענינים וואָס מען איז אין זיי אַ גאַנץ יאָר, אין ערי מקלט, און שם תהא דירתו, דאָרטן באַזעצן זיך, און בסגנון פון זוהר[26]) קבורתי׳ דילי׳ (דמשה) משנה — זאָל זיין שם תהא קבורתו[27]).

דער ענין פון קבורתו איז ווי עס שטייט[28]) בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם, בשעת ער איז אַ בן מאה, און האָט דורכגעטאָן אַלע ענינים אין אַלע פּרטי כחות הנפש, (יוד הכלולים מיוד) דעמאָלט איז עבר ובטל מן העולם, ער האָט ניט צו־טאָן מיט העלם העולם, ובמילא קאָן ער מאריך ימים ושנים זיין, וואָרום ער האָט ניט פאַרוואָס צו מורא האָבן.

וואָס דאָס מיינט קבורתו — דער פירוד פון די ד׳ יסודות און יעדער קומט צו ומתחבר לשרשו, עפר אתה ואל עפר תשוב, דער ביטול פון ארץ, וואָס דערפון קומט דאָן דער בנין המלכות שבראש השנה.

דורך דער עבודה פון חשבון הנפש אין חודש אלול, ביז דעם ונס שמה, איז אַ הכנה צו דער כתיבה וחתימה טובה דראש השנה לשנה טובה ומתוקה בבני חיי ומזוני רויחי.

(משיחת ש״פ ראה, מבה״ח אלול, תשי״ד)

# פרשת תצא

א. די היינטיקע סדרה הויבט זיך אָן: כי תצא למלחמה על איביך ונתנו ה׳ אלקיך בידך ושבית שביו.

דער ענין פון דעם אין רוחניות איז:

איביך גייט אויפן גוף ונפש הבה־מית, — ווי דער אַלטער רבי איז מפרש אין לקוטי תורה[1]), — וואָס זיי זיינען די אמת׳ע אויבים פון אדם, און מען דאַרף אַרויסגיין מלחמה האָבן מיט זיי.

אמת טאַקע אַז די כוונה איז ניט ברעכן זיי, נאָר זיי מברר זיין, אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס אַ מלחמה, וואָרום זיי לאָזן זיך ניט מברר זיין, און עס איז נאָך אַ שווערע מלחמה, וואָרום דער נפש הבהמית איז אקדי־מא טענתי׳[2]).

אויף דעם זאָגט ער: כי תצא למל־חמה. מען דאַרף נאָר אַרויסגיין אויף מלחמה, און דעמאָלט זאָגט מען דיר צו אַז ונתנו ה׳ אלקיך בידך, אַז דו וועסט אים איינעמען און ניט חס ושלום פאַרקערט, און נאָך מערער, עס וועט דיר צוקומען אַ תוספת, ושבית שביו, וואָס דאָס איז די ניצו־צות שבדברים הגשמיים, ורב תבואות בכח שור.

(משיחת ש״פ תצא, תשי״ד)

ב. וועגן דעם ענין פון מעקה —

---

25) על דרך כי ברח העם (זע תניא פרק לא).

26) חלק א כז, סע״ב. און זע ביאורי הזהר דאָרט.

27) מכות יא, ב.

28) אבות פרק ה משנה כב.

1) דברים לה, ב.

2) זע ספר המאמרים ה׳תש״ט עמוד 228.

האט מיר איינער געפרעגט אין א בריוו: דער טעם פון מעקה איז דאך משום סכנה, ווי עס שטייט אין פסוק ולא תשים דמים בביתך כי יפול הנופל ממנו, און דער רמב״ם[3] פסק׳נט אז אויף א מצוה שמשום סכנה מאכט מען ניט קיין ברכה, אבער אין דעם זעלבן פרק גופא[4] פסק׳נט דער רמב״ם אז בשעת מען מאכט א מעקה דארף מען מאכן א ברכה: אשר קדשנו במצותיו וצונו לעשות מעקה.

אין פשטות האט מען געקענט זאגן, ווייל דער ענין פון ולא תשים דמים בביתך קען מען באווארענען אויך דורך אן אנדער אופן, ניט דורך מאכן א מעקה, ווארום א מעקה איז מען מחוייב דוקא בשעת דער בית איז גבוה מהקרקע יו״ד טפחים[5], האט ער דאך א ברירה צו מאכן נידעריקער דעם גג אדער אויפצוהויבן די קרקע פון רשות הרבים; עס איז דא נאך אן אופן, צו מאכן דעם גג בשיפוע, וועט ער באווארענען דעם לא תשים דמים בביתך און פונדעסטוועגן האט ער ניט די מצוה פון מעקה. דערפאר דארף מען מאכן א ברכה בעשיית מעקה, ווייל דא איז דא אן ענין אויסער דעם ולא תשים דמים בביתך.

אבער דער ביאור איז ניט מספיק, ווארום סוף סוף אויב דער גאנצער טעם פון עשיית המעקה איז נאר משום סכנה איז הדרא קושיא לדוכתא, אז אויף דעם איז ניט שייך קיין ברכה.

נאר דער אמת איז, אז ועשית מעקה לגגך און ולא תשים דמים בביתך זיינען צוויי באזונדערע ציוויים. ולא תשים דמים בביתך איז ניט א טעם אויף דעם ועשית מעקה.

א ראי׳ אויף דעם: דער רמב״ם זאגט א כלל אין שרשי המצוות[6], אז די טעמי המצוות רעכענען זיך ניט פאר באזונדערע מצוות במנין תרי״ג, און פונדעסטוועגן במנין המצוות רעכנט דער רמב״ם צוויי באזונדערע מצוות. אין מנין מצוות עשה רעכנט ער די מצוה פון ועשית מעקה[7], און במנין לא תעשה רעכנט ער די מצוה פון ולא תשים דמים[8], זעט מען דאך אז דער ולא תשים דמים איז ניט קיין טעם אויפן ועשית מעקה נאר עס איז א באזונדערע מצוה.

דער מקור פון דעם רמב״ם איז אין ספרי. אין ספרי[9] שטייט, ועשית מעקה לגגך, זו מצות עשה, ולא תשים דמים בביתך, מצות לא תעשה.

ג. דער ענין פון דעם אין עבודת האדם:

בשעת א איד בויט אויף א בנין חדש זיינען ניט גענוג די גדרים וואס ער האט געהאט פריער און וואס ער איז בייגעשטאנען דורך זיי אלע נסיונות, ובמילא קען דאך זיין אז והתברך בלבבו אז שלום יהי׳ לי. עברו רוב שנותיו ולא חטא[10]. ער דארף אבער וויסן, אז וויבאלד ער גייט איבער אין א בית חדש, האט ער א נייע עבודה און ער דארף

3) הלכות ברכות פרק יא הלכה ד.

4) הלכה ח.

5) זע בבא קמא נא, א און אין רש״י דארט.

6) שרש ה.

7) מ״ע קפד.

8) מל״ת חצר.

9) דברים כב, ח.

10) יומא לח, ב.

זיך באַווארענען אויף בייצושטיין די נייע נסיונות וואָס קענען זיין אין דער עבודה חדשה.

בשעת מען גייט אַרויס פון כותלי בית המדרש אין וועלט, וואָס דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע עבודה, עס הויבן זיך אָן ביי אים ענינים, וואָס ביז איצטער האָט ער ניט געהאַט צו טאָן מיט זיי,

און אַזוי אויך ביי יעדן מענטשן אין יעדן טאָג, וואָס דער אָנהויב טאָג דאַרף זיין עבודת התפלה, דער־נאָך לימוד התורה, איז בשעת ער גייט אַרויס פון ד׳ אמות של תפלה און ד׳ אמות של הלכה אין די ל״ט מלאכות עובדין דחול,

דאַרף ער מאַכן אַ מעקה, צו באַ־וואָרענען אַז די עניני עולם און עובדין דחול זאָלן זיין ווי מען דאַרף, אַז אין דעם זאָל ניט זיין דמים בביתך און קיין יפול הנופל.

אַזוי ווי אין גשמיות דאַרף די מעקה זיין העכער פון בית, העכער אַפילו פון גג הבית, אַזוי אויך אין רוחניות דאַרף מען נעמען די מעקה פון אַן אָרט וואָס איז העכער פון זיך, אַ סיוע ממקום עליון יותר.

און דערפאַר איז שייך, און ניט נאָר שייך נאָר מען דאַרף מאַכן אַ ברכה אויף אַ מעקה. וואָרום ווי אַזוי קען מען מאַכן אַ מעקה, נעמען פון אַן אָרט וואָס איז העכער פון דעם אָרט אין וועלכן מען געפינט זיך?

אויף דעם דאַרף מען מאַכן אַ ברכה, און לויט דעם פירוש פון רז״ל [11]: ברכה — מלשון המבריך את הגפן, ד. ה. אַ המשכה — ברוך אתה הוי׳, וואָס הוי׳ איז העכער פון וועלט, איז דורך אלקינו (גבורה וצמצום צו־ליב אונז) איז מען דאָס ממשיך אין מלך העולם, און דורך דעם ווערט דער וצונו, מלשון צוותא וחיבור, לעשות מעקה; דאָס גיט דעם כוח אויף מאַכן אַ מעקה גבוה עשרה טפחים אויפן גג פון עולם הבריאה וואָס דאָס איז די קרקע פון עולם האצילות, ווי עס שטייט אין כתבי האריז״ל.

ד. די הוראה מפורטת פון דעם איז:

על דרך ווי די הוראה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, אַז יעדער ראש השנה דאַרף מען עפּעס מוסיף זיין בהידור מצוות עשה, בזהירות מלא תעשה ובהנהגה טובה.

— אַפילו אויב אויך פריער זיי־נען געווען אַלע זיינע הנהגות ווי מען דאַרף —

ווייל יעדער ראש השנה ווערט נמשך אַן אור חדש, ווי עס שטייט אין אגרת הקדש [12]),

אַזוי אויך, בשעת אַ איד הויבט אָן אַן עבודה חדשה, צי בשעת ער גייט אַרויס מכותלי בית המדרש אין וועלט, אָדער יעדן טאָג גופא נאָכן דאַווענען און לערנען אין דער פרי — ווען ער הויבט אָן צו טאָן מיט עניני עולם, דאַרף מען עפּעס מוסיף זיין אויף זיין פריערדיקן מעמד ומצב.

און דאָס איז: כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך. מלמעלה גיט מען כוח אויף מאַכן אַ מעקה, וואָס אַ מעקה דאַרף זיין יו״ד טפ־

---

11) זע ווי אָנגעצייכנט אין מפתח צו תורה אור ערך ברכה. המשך חייב אדם לברך תרל״ח.

12) סימן יד.

חים, אויף ממשיך זיין דעם אור חדש אין אַלע זיינע עשר כחות הנפש, פון די כחות חב"ד ביז דעם כוח המעשה, וואָס במילא ווערט דעמאָלט באַוואָרנט דער ולא תשים דמים, ולא יפול הנופל וגו'. ואדרבה, עס ווערט — כתפארת אדם לשבת בית[13].

(משיחת י"ג תמוז, תשט"ז)

ה. פאַראַן דיעות אַז קריאת פר־שת זכור איז מדאורייתא[14], מצד דער מצות עשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק.

אויסער דער עשה פון זכור, איז אויך פאַראַן אַ לאו, לא תשכח. און דאָס איז אויך איינער פון די טעמים פון די דעות[15] אַז אויך נשים זיינען מחוייב בזכירת עמלק, ווייל זיי זיי־נען דאָך מחוייב אין דעם לאו, זיי־נען זיי במילא אויך מחוייב אין דער עשה.

פון דעם פאַרשטייט מען אויף וויפל עס איז נויטיק דער ענין פון זכירת עמלק, אַז אַלע זיינען מחוייב אין דעם.

ו. הגם אַז מחיית עמלק בגשמיות איז איצטער ניט שייך. עס זיינען גאָר פאַראַן דיעות אַז די מצוה איז מוטל נאָר אויפן מלך[16] אַז ער דאַרף מגייס זיין די אידן למחות זרעו של עמלק. נאָר אַפילו לפי הדיעות אַז די מצוה איז מוטל על כל אחד ואחד מישראל, איז אויך, לויט דער שיטה, איצ־טער ניט שייך דער ענין פון מחיית עמלק בגשמיות, ווייל:

א) דער ענין איז שייך נאָר בזמן שיד ישראל תקיפה. ב) נאָר ווען מען ווייס קלאָר, ווער עס איז מזרעו של עמלק, אָבער משבא סנחרב ובלבל את העולם[17], גייט מען לויטן רוב, וכל דפריש מרובא פריש[18].

נאָר ווען משיח וועט קומען, וואָס דעמאָלט וועט זיין יד ישראל תקיפה, און מען וועט מברר זיין ווער עס שטאַמט פון עמלק'ן, דאַן וועט דער מלך המשיח מוחה זיין אַלע ענינים פון עמלק'ן מאיש ועד אשה וגו'.

דאָס איז אין גשמיות, אָבער אין עבודה רוחנית, איז פאַראַן דער ענין אויך איצטער, אַז אַלע אידן זיינען מחוייב בזכירת מעשה עמלק, ואַפילו נשים שאינן יוצאות למלחמה, זיי־נען אויך מחוייב אין דעם.

און די מצוה פון זכירת מעשה עמלק איז ניט נאָר איין מאָל אין לעבן אָדער איין מאָל אין יאָר, נאָר עס דאַרף זיין יעדן טאָג[19], וואָס דאָס איז אַ הוראה, אויף וויפל עס איז נוגע זכירת מעשה עמלק, ברוחניות על כל פנים, אין עבודת השם, אין אַלע זמנים.

ז. דער ענין פון עמלק אין רוח־ניות איז, אשר קרך בדרך, וואָס ער מאַכט קאַלט — ווי דער מדרש טייטשט[20]) — אין דעם דרך פון תורה

---

13) ישעי' מד, יג.

14) שולחן ערוך אורח חיים תרפה, ז.

15) זע מנחת חינוך מצוה תרג, (ובס' שנסמנו בארחות חיים (החדש) סימן תרפה).

16) זע פירוש ר"י פערלא לספר המצות הרס"ג עשין נט (דף רסב) אויך מנין הפרשיות פרשא סא (דף ריח).

17) ברכות כח, א. יומא נד, א.

18) ברכות דאָרט. יומא פד, ב. כתובות טו, א.

19) זע שולחן ערוך אדמו"ר הזקן סימן ס סעיף ד.

20) תנחומא סוף פרשת תצא. פסיקתא דרב כהנא פרשת זכור.

ומצוות. און אַנטקעגן דער קרירות פון עמלק׳ן דאַרף מען מלחמה האַלטן יעדן טאָג. עס איז ווייניק וואָס ער האָט זיך נעכטן אַנגעוואָרעמט אין תורה און עבודת התפלה. ער דאַרף היינט ווייטער מלחמה האַלטן אַנטקעגן דער קרירות פון עמלק׳ן.

יעדן טאָג נאָך איידער מען גייט אַרויס האָבן צו טאָן מיט די עניני עולם, דאַרף מען זיך אָנוואָרעמען און מלחמה האַלטן אַנטקעגן עמלק׳ן, וואָס דאָס דאַרף זיין אין דאַוונען. דורך דער התלהבות אין דאַוונען וועט ער קענען מלחמה האַלטן מיט עמלק׳ן בשעת ער האָט צו טאָן אין עניני עולם.

און דאָס איז אַ הכנה צו מחיית זרעו של עמלק אויך בגשמיות, וואָס דאָס וועט זיין בביאת מלך המשיח במהרה בימינו.

ח. וואָס עס איז נוגע לפרסם איז, — אַז מלחמת עמלק דאַרף זיין בכל דור ודור ובכל יום ויום, און מען קען זיך ניט באַנוגענען דערמיט וואָס עס איז געווען פריער.

מען קען זיך ניט באַנוגענען דערמיט וואָס ער האָט געהאַט אַ שיינעם זיידן, אַ שיינעם טאַטן, אָדער ער אַליין איז אויך געווען פריער אַ שיינער איד, נאָר ער דאַרף שטענדיק מלחמה האַלטן אַנטקעגן דער קאַלטקייט פון עמלק׳ן, — וואָרום מצד דעם וואָס עס איז פאַראַן ביי אים דער הנחשלים, קען זיך אַריינכאַפּן עמלק און ויזנב בך כל הנחשלים אחריך, —

ביז מען וועט פועל׳ן בביאת המשיח דעם מחה תמחה את זכר עמלק און דעם מחה אמחה את זכר עמלק בקרוב ממש.

(משיחת ש״פ זכור, תשט״ז)

ט. היינטיקע וואָך איז דאָך ח״י אלול. אויף דעם ענין פון ח״י אלול האָט כ״ק מו״ח אדמו״ר געזאָגט [21]) בשם זקני החסידים, אַז ח״י אלול איז דער פשט, אַז עס ברענגט אַריין אַ חיות אין אלול. דער ענין פון אלול איז, וואָס מען דאַרף מתקן זיין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר און דורך דעם זוכה זיין צו אַ שנה טובה ומתוקה אין דעם קומענדיקן יאָר, איז דער ענין פון ח״י אלול אַז עס ברענגט אַריין אַ חיות אין דער עבודה. ניט נאָר עס זאָל ניט זיין בדרך מצות אנשים מלומדה, נאָר אַפילו ווען ער טוט עס בהכנה ובכוונה, קען דאָך זיין אַז דאָס איז אָן אַ חיות, טוט ח״י אלול אויף עס זאָל זיין מיט אַ חיות און אַ לעבעדיקייט.

ח״י אלול איז דער יום הולדת פון בעל שם טוב, און ווי דער רבי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט געזאָגט [22]), אַז דאָס איז ניט נאָר יום הולדתו בגופו, נאָר אויך דער יום הולדת בנשמתו, און אויך דער יום התגלות פון בעל שם טוב — מיט יאָרן שפּעטער — איז אויך געווען אין ח״י אלול, וואָס דאָס איז דאָך די התגלות פון חסידות הכללית.

דערנאָך איז געקומען כ״ק אדמו״ר הזקן — דער אַלטער רבי — און האָט דאָס אויך אַראָפּגעטראָגן אין הבנה והשגה, וואָס דאָס איז חסידות חב״ד — איז זיין יום הולדת אויך

21) לקוטי דיבורים עמוד 946.
22) לקוטי דיבורים עמוד 64.

ח״י אלול. ד. ה. אַז ח״י אלול וואָס איז דער גילוי תורת החסידות הכל־לית וגילוי תורת החסידות חב״ד, ברענגט אַריין חיות אין אַלע ענינים פון דער עבודה פון אלול, וואָס חיות איז כידוע פאַרבונדן מיט שמחה.

י. הגם די עבודה פון אלול איז דאָך תשובה, חרטה על העבר וקבלה טובה על להבא, וואָס דאָס איז דאָך במרירות, איז ווי קען זיין צוזאַמען דערמיט דער ענין פון שמחה וואָס איז היפך דערפון?

נאָר די דערקלערונג פון דעם איז: אויסער דעם וואָס ווי דער רמב״ם [23] פסק׳נט אַז יעדער מצוה דאַרף זיין בשמחה, מצד דעם וואָס ער איז מק־יים דעם רצון הבורא, און ער טייטשט דאָס אין דעם פסוק תחת אשר לא עבדת את הוי׳ אלקיך בשמחה [24], ובמילא וויבאַלד אַז תשובה איז דאָך אַ מצוה [25], דאַרף אויך תשובה זיין בשמחה. — נאָר דאָ איז דער ענין פון שמחה מצד אַ ענין צדדי. ניט מצד דעם ענין פון דער מצוה עצמה, נאָר ווייל ער איז מקיים אַ מצוה, איז ער בשמחה וואָס ער איז מקיים דעם רצון העליון. —

אָבער ח״י אלול, דאָס הייסט תורת החסידות, טוט אויף אַז תשובה גופא, וואָס בכללותה איז דאָס מרירות, איז אין דעם אַליין פאַראַן שמחה. ח״י אלול, איז דער פירוש, אַ חיות אין דעם ענין פון אלול גופא. און די שמחה איז ניט קיין סתירה צו דער מרירות.

ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא [26], אין דעם ענין פון תשובה, אַז עס דאַרף זיין בכי׳ תקיעא בלבאי מסטרא דא וחדוא תקיעא בלבאי מסט־רא דא, אין דעם זעלבן זמן און דעם זעלבן ענין גופא קאָנען זיין ביידע תנועות הפכיות. ווי ער פירט דאָרט אויס, אַז אויך אין דעם זמן פון ירגיז וכו׳ ומרירות, וואָס דאָס איז מצד דעם נפש הבהמית, איז דע־מאָלט גופא זאָל ער זיין בשמחה מצד דעם הרגש נפש האלקית ובטחון הגמור אַז לא ידח ממנו נדח [27], און לעולם גו׳ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר [28], וואָס דערפאַר איז כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא [29].

איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז דער ענין פון שמחה דאָ איז מצד דער תשובה גופא. אַז אין דער תנועה פון תשובה אַליין, וואָס ער שטייט במרירות און ירגיז על היצר הרע, אין דער זעלבער תנועה איז ער פריי־לעך מצד דעם וואָס דער נפש האלקית קערט זיך אום צום אויבערשטן.

יא. וועגן די טעג פון ח״י אלול ביז ראש השנה האָט דער רבי, כ״ק מו״ח אדמו״ר, געזאָגט [30] אַז דאָס זיי־נען די צוועלף טעג פון חשבון הנפש פון פאַרגאַנגענעם יאָר, יום לחודש יום לחודש (אַ טאָג פאַר אַ חודש).

מען האָט גערעדט פריער אין דעם ענין פון עשר קדושות הן, אַז זיי זיינען פאַראַן אין עולם, שנה ונפש. אויך אין תפלה וואָס דאָס איז סולם

---

23) סוף הלכות לולב.

24) זע רבינו יונה ברכות ריש פרק ה. של״ה תורה שבכתב פרשת תבוא. תניא פרק כו.

25) דאָרט.

26) פרק לא־לד. אגרת התשובה פרק יא.

27) זע אויבן עמוד 313 הערה 20.

28) ישעי׳ ס, כא.

29) סנהדרין פרק יא, משנה א.

30) זע אויבן עמוד 383 הערה 24.

מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, זיינען פאַראַן די מדריגות. בכללות איז דאָס דער חילוק פון תפלה דחול, וואָס דאָרטן איז פאַראַן בקשת צרכיו של אדם — ביז תפלה דשבת, וואָס דאָס איז נאָר שבחו של מקום.

אַזוי אויך אין תורה איז דאָס דער חילוק פון גלי' שבתורה, וואָס איז אילנא דטוב ורע, וואָרום אין גליא שבתורה רעדט זיך וועגן ענינים גשמיים, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון בירורים — ביז פנימיות התורה, וואָס רעדט זיך נאָר וועגן אלקות.

דער עיקר חשבון הנפש, אין די י"ב ימים פון ח"י אלול ביז ראש השנה, דאַרף זיין בנוגע פנימיות התורה. אַ ודאי דאַרף זיין דער חשבון אין אַלע תרי"ג מצוות און אין אַלע פרטים און דקדוקים. און אדרבה — המעשה הוא העיקר. אָבער דערמיט דאַרף ער זיין פאַרטיק נאָך פאַר ח"י אלול. פון ח"י אלול אָן — התגלות תורת החסידות — איז דער סדר על דרך אבוך במאי הוי זהיר טפי [31], זהיר מלשון זהירות ובהירות, לייכטן, און דורך דעם לייכט אים אַריין אין אַלע זיינע ענינים — אַזוי דאַרף זיין דער עיקר וחיות החשבון בנוגע פנימיות התורה,

ניט נאָר בנוגע דעם לימוד, נאָר אויך בנוגע דער הנהגה על פי חסידות, דגדול תלמוד שמביא לידי מעשה [32]).

און דאָס וועט דורכלייכטן דעם חשבון הנפש אויך אין אַלע זיינע ענינים.

און דער חשבון ברענגט דאָך צו דער קבלה טובה על להבא, אַז עס זאָל זיין יפוצו מעיינותיך חוצה, אין דעם אייגענעם חוץ, און אויך אין חוצה ממש, וואָס דורך דעם וועט זיין דער קאתי מר, מלכא משיחא, במהרה בימינו.

(משיחת ש"פ תבא, ח"י אלול, תשט"ז)

# פרשת תבא

א. די היינטיקע סדרה דערציילט וועגן דער מצוה פון ברענגען בכורים, וועלכע דאַרף זיין פון די בעסטע פרוכט וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן ארצנו הקדושה, תבנה ותכונן במהרה בימינו על ידי משיח צדקנו, ווען זי איז געווען אַן ארץ זבת חלב ודבש, און פון די ערשט־צייטיקע פירות, איידער מען האָט פאַר זיך עפּעס גענומען פון זיי, און מען האָט דאָס געבראַכט אין בית המקדש, צו באַדאַנקען השם יתברך פאַר דער ברכה וואָס ער ברוך הוא האָט אַריינגעגעבן אין די פירות פון דער ערד. די בכורים זיינען ניט געווען ווי אַנדערע קרבנות, צו פאַרברענען אויפן מזבח, נאָר אָוועקצוגעבן זיי דעם כהן.

פון דעם לערנען מיר אַרויס, אין דיביידע קצוות: אַז די תבואה ופירות הארץ, וועלכע וואַקסן אויס נאָך דעם ווי מען האָט געאַקערט און געזייט און געטאָן די אַנדערע מלאכות

---

31) שבת קיח, ב. אגרת הקדש סימן ז.
32) קידושין מ, ב.

וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דאָס וואַקסן פון פירות הארץ, האָט מען די ערשטע בעסטע פון זיי, ניט גע־נומען פאַר זיך, נאָר געמאַכט פון דעם — קדושה, מיט דעם אַוועק־געבן עס צום כהן. וואָס געוויס צייטנ־וויז דערוועקט זיך אַ טענה, אַז נאָך דער גאַנצער האַרעוואַני'ע און מי וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין דעם, איז אויב אַפילו מען דאַרף אַוועקגעבן אַ טייל פון דעם אויף הייליקע צוועקן, איז פאַרוואָס דאַרף דאָס זיין דוקא פון די בעסטע און שענסטע? אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם — קומט מען צו דעם פאַרשטאַנד, אַז די טענה קען זיין נאָר, ווען עס פעלט די אמונה אַז די פרי האדמה איז — נתת לי ה׳, און מען מיינט אַז כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה [1]. אָבער נאָכן אַריינטראַכטן — זעט מען אַז דאָס איז היפך פון אמונה פשוטה, וואָס די אמונה פשוטה איז פאַראַן ביי אַלע אידן אָן אויסנאַם, מען דאַרף זי נאָר אַרויסברענגען אַז זי זאָל אויך ווירקן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

אַ צווייטע זאַך לערנען מיר פון דער זעלבער מצוה, פון דעם וואָס די פירות ווערן ניט פאַרברענט אויפן מזבח אין בית המקדש, נאָר זיי ווערן אַוועקגעגעבן צום כהן, וועלכער דאַרף זיי נוצן: עסן א. ז. וו. — ווי דער דין פון בכורים. — אַז אַפילו דער טעם׳דיקער געשמאַק אין גשמיות, אויב מען גרייט זיך צו ווי גע־העריק און מען הייליקט זיך, מען ווערט אַ „כהן" — קען מען דאָס אויסניצן אין קדושה (דורך ברענגען אין דעם בית המקדש וכו׳), און דינען השם יתברך דורך עסן די פירות, אָט אַזוי ווי מען דינט השי"ת מיט אַנדערע קרבנות דורכן פאַר־ברענגען זיי אין בית המקדש, ווי אַ קרבן עולה און ענלעכעס.

און דאָס איז איינע פון די יסו־דות תורת החסידות, אַז מען קען דינען און מען דאַרף דינען השם יתברך, ניט נאָר בעת און דורך דאַוונען און בעת און דורך לער־נען תורה, נאָר אויך בשעת עסן און טרינקן, בשעת דעם טאָן עסק — ביזנעס — און מיט דעם עסק. עס איז נאָר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַנדער פאַל פון דינען השם ית־ברך פאָדערט אַ טיפערע צוגרייטונג צו דעם, און דער שכר פון דעם איז גרעסער.

און אין דעם זין, איז די מצוה פון בכורים דאָ אַפילו בזמן הגלות און אַפילו בחוץ לארץ, און אויך אין אַ פשוט'ן וואָכעדיקן טאָג, אַז ווען מען זאָגט פון טיפן האַרצן אויף אַלץ וואָס מען האָט, אַז דאָס איז נתת לי ה׳, ווערט דאָס געהייליקט, ביז אַז דאָס ניצן דאָס — קען ווערן אַן עבודה, עבודת השם יתברך.

ביי דער מצוה פון בכורים כפשו־טה, ווען דאָס איז געווען בבית המקדש, איז דאָך דערנאָך געווען די ברכה [2] אַז לשנה הבאה זאָל ער נאָ־

1) דברים ח, יז. דער סמ"ג (מל"ת סד) רעכנט עס אין די מצות לא תעשה מן התורה.

2) תנחומא ריש פרשת תבוא. רש"י תבוא כו, טז.

כאָמאָל מקיים זיין די מצוה בשמחה[3], אַזוי אויך היינט, דאָס באַנוצן און אויסניצן די נכסים — אייגנטום — וואָס השם יתברך גיט, ווי השם יתברך פאַרלאַנגט, ברענגט די ברכה פון השם יתברך, אַז אויך לשנה הבאה זאָל מען דאָס קענען מקיים זיין און אין אַ פיל גרעסערער מאָס, און מיט נאָך מער צופרידנקייט און שמחה, וואָרום עס דאַרף דאָך זיין — מעלין בקודש[4].

(ע"פ מכתב ו' אלול תשט"ו)

ב. פאַר ראש השנה[5], אַזוי אויך פאַר שבועות, לייענט מען די תוכחה. פאַר שבועות — פ' בחוקותי, און פאַר ראש השנה — פ' תבוא. נאָר נאָך דער סדרה לייענט מען נאָך אַ סדרה, פאַר שבועות — פ' במדבר, און אַמאָל אויך פ' נשא, און פאַר ראש השנה — פ' נצבים, און אַמאָל אויך פ' וילך, בכדי צו מפסיק זיין צווישן דער תוכחה מיטן יום טוב.

דער טעם אויף דעם איז, ווײַלע די תוכחה איז ניט קיין ענין פון עונשים חס ושלום[6], נאָר אַן ענין פון טהרת וזיכוך הכלי, און דערפאַר לייענט מען עס פאַר שבועות און ראש השנה, ווײַלע אַזוי ווי אין גשמיות איז אײדער מען לייגט אַריין אין אַ כלי אַ זייער טייערע און חשוב'ע זאַך, מוז מען פריער די כלי אויסוואַשן, מכלה זיין קללותי' — כלשון הש"ס[7] — אַזוי איז אויך אין רוחניות.

דערפאַר איז פאַר די גילויים פון מתן תורה און פאַר די גילויים פון ראש השנה, וואָס יעדער ראש השנה ווערט נמשך אַ המשכה חדשה שלא הי' מעולם[8], ד. ה. אַז אַפילו בזמן שבית המקדש הי' קיים איז נאָך ניט געווען אַזאַ המשכה, איז בכדי צו מקבל זיין די המשכה, — מוז זיין פריער טהרת הכלי.

דאָס הייסט אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אויף אַ קורצער ווײַלע על כל פנים, זײַנען דאָס יסורים, און בפרט ביי אַ בן מלך, און דערצו נאָך אַ בן יחיד (וואָס אַלע אידן זײַנען בנים יחידים של מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) איז דאָך נאָר עפּעס אַ קלייניקייט וואָס איז ניט אַזוי, קען ער שוין ניט איבערטראָגן (און דערפאַר איז מען מפסיק אַ סדרה, כנ"ל), פונדעסטוועגן איז כדאי ביי אָבינו אָב הרחמן, און אַפילו ביי אב הרחמים[9], אַז לשעה קלה זאָל זיין ניט אַזוי, צוליב דער טייערער זאַך וואָס ער וועט געבן.

ג. דער חילוק פון דער תוכחה פון פ' בחוקותי, וואָס מען לייענט פאַר שבועות, און דער תוכחה פון פ' תבוא, וואָס מען לייענט פאַר ראש השנה, איז, אַז אין דער תוכחה פון פ' בחוקותי זײַנען דאָ מ"ט קללות, און אין פ' תבוא, צ"ח. צוויי מאָל אַזוי פיל.

---

3) דברים כו, יא ובדרז"ל על הפסוק. ועל פי מה שכתוב ברמב"ם הלכות מעשר שני פרק יא הלכה טו בסופה, מובן שצריך להיות שמחתי ושימחתי (גם אחרים) בו.

4) מנחות צט, א.

5) מגילה לא, ב. (ומה שכתוב בתוס' — עיין שם בחידושי אגדות מהרש"א).

6) זע לקוטי תורה ויקרא מח, א.

7) מגילה לא, ב.

8) זע אויבן עמוד 386 הערה 12.

9) וואָס איז העכער פון אב הרחמן זע לקוטי תורה דברים סב, ד. שיר השירים יו"ד, ג.

וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז די גילויים פון ראש השנה זיינען העכערע ווי די גילויים פון שבועות, וואָס דערפאַר פאָדערט זיך אויך אַ גרעסערע טהרה.

די עבודה און גילויים פון שבועות זיינען בדרך אור ישר, מלמעלה למטה. ווי די גמרא זאָגט אויף מתן תורה אַז עס איז געווען אַן ענין פון גירות[10]), וגר שנתגייר כקטן שנולד דמי[11]). אָבער די עבודה און גילויים פון תשרי זיינען תשובה, אור חוזר, מלמטה למעלה. דערפאַר איז אויך תשרי מיט סדר ת, ש, ר, וואָס דאָס איז אַ סדר מלמטה למעלה.

דערפאַר איז אויך די הכנה צו שבועות, די עבודה פון ניסן אייר און התחלת סיון, וואָס דאָס איז עבודת הצדיקים, דודי לי ואני לו, מלמעלה למטה. און די הכנה צו ראש השנה איז די עבודה פון חודש אלול, עבודת בעלי תשובה, אני לדודי און דערנאָך ודודי לי, מלמטה למעלה.

די גילויים פון אור חוזר זיינען העכער ווי די גילויים פון אור ישר. ווי עס איז באַוואוסט[12]) די מעלה פון בעלי תשובה אויף צדיקים. אַזוי זעט מען אויך אין די לוחות, אַז די לוחות השניות וואָס זיינען געגעבן געוואָרן נאָכן חטא העגל במחרת יום הכפורים זיינען העכער פון די לוחות הראשונות וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן בחודש סיון. און דער לשון איז[13]) כפלים לתושי׳, צוויי מאָל אַזוי פיל. דערפאַר איז אויך די טהרת הכלי וואָס פאַר ראש השנה, אַ צווייענדיקע.

אַזוי איז אויך אין דעם ענין פון גלות און גאולה וואָס זייער סיבה איז דאָך חטא און תשובה. דער שורש פון גלות איז דער חטא העגל, שטייט אויפן גלות לקתה בכפלים, אַזוי אויך אויפן חטא וואָס דאָס איז די סיבה פון גלות שטייט חטאה בכפלים, וואָס דורך דעם וועט מען צוקומען צו דער גאולה וואָס זי איז נחמה בכפלים, ווי עס שטייט נחמו נחמו[14]).

(משיחות ש״פ נצבים, תשי״ד)

ד. אין דעם ענין אַז אַלץ איז לטובה, זיינען פאַראַן צוויי פאַרשיידענע לשונות אין דברי חז״ל: א) כל דעביד רחמנא לטב עביד[15]). ב) גם זו לטובה[16]).

דער חילוק פון די ביידע לשונות איז: כל דעביד רחמנא לטב עביד איז אין תרגום לשון און גם זו לטובה איז אויף לשון הקודש. לשון הקודש איז אַ לשון קדוש ומבורר. אַלע ענינים וואָס אין לשון קודש זיינען קלאָר. ד. ה. אַז מען זעט אַן קלאָר אַז אַלץ איז לטובה. אָבער כל דעביד רחמנא לטב עביד, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויף תרגום לשון, איז הגם אַז עס איז אויך לטב עביד, אָבער דאָס זעט זיך ניט אַן אַזוי קלאָר.

די דערקלערונג אין דעם וועט מען פאַרשטיין פון דעם חילוק וואָס איז פאַראַן צווישן די דוגמאות וועלכע

10) זע יבמות מו, ב.
11) דאָרט כב, א. ושם נסמן.
12) רמב״ם הלכות תשובה פרק ז, הלכה ד, און זע ספר המאמרים תש״ט עמוד 183 הערה 1.
13) שמות רבה ריש פרשה מו.

14) איכה רבה פ״א בסופה.
15) ברכות ס, ב.
16) תענית כא, א. סנהדרין קח, ב.

די גמרא ברענגט אויף די צוויי דער־מאַנטע לשונות.

די דוגמא וועלכע די גמרא ברענגט אויף כל דעביד רחמנא לטב עביד איז:

ר׳ עקיבא איז געגאַנגען אין וועג, האָט ער מיט זיך מיטגענומען אַ נר, אַ חמור און אַ תרנגול (אַ ליכט, אַן אייזל און אַ האָן).

— היינט אַז מען פאָרט אין וועג נעמט מען מיט אַנדערע זאַכן: אַ טשעק־בוך, אַ צאָן־בערשטל וכו׳, — אָבער דעמאָלט אַז מען איז געפאָרן, האָט מען מיטגענומען אַ ליכט, מען זאָל קענען לערנען תורה אַפילו אין דער פינסטערניש, אַ חמור וואָס זאָל שלעפּן זיינע גשמיות און ער זאָל זיין פריי פון דעם, און אַ תרנגול, ער זאָל אים אויפוועקן צו חצות —

האָט דער אויבערשטער מזמין גע־ווען אַז אין שטאָט האָט מען אים ניט אַריינגעלאָזט, איז ער געבליבן נעכטיקן אין פעלד. עס איז געקו־מען אַ ווינט און האָט פאַרלאָשן די ליכט איז ער געבליבן אין דער פינס־טער. עס איז געקומען אַ לייב און האָט אויפגעגעסן דעם חמור, געקו־מען אַ קאַץ און אויפגעגעסן דעם תרנגול. האָט ר׳ עקיבא געזאָגט: כל דעביד רחמנא לטב עביד.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס אַלץ איז געווען לטובה. ווייל יענע נאַכט איז געווען אַן אָנפאַל אויף דער שטאָט, און מען האָט איר באַראַבעוועט. איז אויב ער וואָלט גע־נעכטיקט אין שטאָט וואָלט ער אויך אַריינגעפאַלן, אויב די ליכט וואָלט ברענען אין פעלד וואָלט מען אים געזען, אויב דער חמור מיטן תרנגול וואָלטן געמאַכט זייערע קולות, וואָלט מען געהערט די קולות כו׳, און דורך דעם וואָס ער האָט דאָס אַלץ אָנ־געוואָרן, איז ער ניצול געוואָרן.

ה. די דוגמא אויף גם זו לטובה ברענגט די גמרא פון דעם תנא נחום איש גם זו. דעם נאָמען איש גם זו האָט ער געהאַט, ווייל אויף יעדער זאַך פלעגט ער זאָגן גם זו לטובה.

האָט מען אים אַמאָל געשיקט אין אַ שליחות צום מלך רומי, און מען האָט אים מיטגעגעבן אבנים טובות ומרגליות אַלס אַ מתנה צום מלך. ביינאַכט האָט מען ביי אים צוגע־גנב׳עט די אבנים טובות, און אָנ־שטאָט דעם אַריינגעלייגט ערד אין קעסטל. האָט ער געזאָגט גם זו לטו־בה. און אַז אידן האָבן אים גע־מאַכט פאַר אַ שליח צום מלך דאַרף ער טאָן זיין שליחות, און דער אוי־בערשטער וועט שוין העלפן.

אַז ער איז געקומען צום מלך רומי און געגעבן דעם קעסטל אַלס מתנה, האָט מען געעפנט דעם קעסטל, און דערזעענדיק אַז עס איז פול מיט ערד, האָט מען אים געוואָלט טאָן דאָס וואָס מען טוט מיט אַ מורד במלכות. אָבער דער אויבערשטער האָט באַלד געשיקט אלי׳ הנביא אין דמות פון אַ שר, און ער האָט גע־זאָגט צום קיסר, אפשר איז די ערד פון די ערד פון אברהם׳ען מיט וועל־כע ער האָט מנצח געווען מלחמות. מלחמות פעלן דאָך ניט ביי גוים, האָט מען באַלד אויסגעפּרוּווט און די ערד האָט מנצח געווען די שונאים פון קיסר.

ו. דער חילוק פון ביידע דוגמאות איז:

ר׳ עקיבא האָט טאַקע געהאַט פאַר־

לוסט און צער. ער האָט פאַרלאָרן דעם חמור מיטן תרנגול, געזעסן אין דער פינסטער און געגעכטיקט אין פעלד. דאָס איז געווען צוליב אַ טובה, אָבער דאָס אַליין איז געווען אַן ענין של צער.

ביי נחום איש גם זו איז גאָר לכ־תחילה קיין היזק ניט געווען, ואדרבה, אויב ער וואָלט ברענגען אבנים טובות איז ווער ווייס צי ביי דעם מלך וואָלט דאָס נתקבל געוואָרן, וואָרום אין בית המלך פעלן ניט קיין אבנים טובות[17], אָבער אַז ער האָט געבראַכט די ערד איז דאָס נתקבל געוואָרן.

ר׳ עקיבא האָט געהאַט אַ צער, נאָר דורך דעם צער איז ער ניצול געוואָרן פון אַ גרעסערן צער. ביי נחום איש גם זו איז דאָס גופא געווען טוב.

ז. און דאָס איז די מעלה פון דעם אויסשפּראַך גם זו לטובה אויפן אויסשפּראַך כל דעביד רחמנא לטב עביד. גם זו לטובה, מיינט מען אַז זו — דאָס אַליין[18]) — איז לטובה. עס איז ניט נאָר אַז דאָס איז צוליב טוב, נאָר דאָס אַליין איז טוב. עס איז מער ניט וואָס פריער איז געווען אַ העלם, מען איז געווען מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט מען געמיינט אַז עס איז אַ נזק וצער, און בשעת עס גייט אַראָפּ דער העלם זעט מען אַז מלכתחילה איז דאָס געווען טוב.

נחום איש גם זו איז געווען ר׳ עקיבא׳ס רבי[19]). ד. ה. אַז ר׳ עקיבא איז געווען מיט אַ דור שפּעטער ווי נחום איש גם זו. אין אַ דור וואָס דער חושך הגלות איז געווען גרע־סער (וואָרום מיט יעדער דור ווערט מער דער חושך), איז זיין דור האָט ניט געקענט זען בגילוי ווי יעדער ענין אַליין איז טוב.

אַפילו אַז מען ווייס בפשיטות דעם אמת ווי יעדער ענין איז אַליין טוב, אָבער אין וועלט קומט עס ניט אַראָפּ בגילוי. דאָס וואָס עס האָט געקענט זיין בגילוי אין וועלט איז מער ניט ווי אַז כל דעביד רחמנא לטב עביד. מה שאין כן נחום ובדורו של נחום איש גם זו, מיט אַ דור נענטער צום (אָדער אין) זמן הבית, האָט מען געקענט מגלה זיין אויך אין וועלט, דעם ענין פון גם זו לטובה.

איצטער גייט מען צום זמן הגאו־לה, צום זמן פון ואהביו כצאת השמש בגבורתו[20]), אַז הקדוש ברוך הוא מוציא חמה מנרתקה און מען וועט זען בגילוי אין יעדער זאַך אַז גם זו לטובה, צום זמן פון שמש ה׳ בגילוי פון זיין נרתק, אַז מען וועט זאָגן זה ה׳ קוינו לו.

(משיחת כ׳ מנ״א, תשי״א)

ח. די עבודה פון אלול איז דאָך אַ הכנה אויף תשרי. אין חודש אלול דאַרף מען מתקן זיין די מעשים פון פאַרגאַנגענעם יאָר און פועל׳ן ביי זיך — אַחת שאלתי, ער זאָל אַרויסגיין פון אַלע זיינע ענינים פר־טיים. און דורך דעם אַחת שאלתי פון חודש אלול ווערט דערנאָך די המשכה חדשה פון חודש תשרי, לך

17) עיין עיון יעקב אויפן עין יעקב.
18) על דרך ווי כל אחד מראה באצבעו ואומר זה א־לי, רש״י שמות טו, ב.
19) חגיגה יב, סע״א.
20) שופטים ה, לא. תניא פרק כו.

לבדך ואין לזרים אתך, אַ שנה טובה ומתוקה בכל המצטרך לו.

און דאָס איז דער טעם, וואָס אין דעם וואָרט אלול ווערן נרמז אַלע דריי קוים פון תורה עבודה וגמילות חסדים.

אלול — ראשי תיבות אנה לידו ושמתי לך [21]), וואָס דאָס גייט אויף דעם קו התורה, וואָרום תורה איז אַ מקלט פון יצר הרע, כמאמר רז״ל [22]).

אלול — ראשי תיבות אני לדודי ודודי לי [23]), וואָס דאָס איז דער קו העבודה, תפלה [24]).

אלול — ראשי תיבות איש לרעהו ומתנות לאביונים [25]), וואָס דאָס איז דער קו פון גמילות חסדים.

אַ יסוד און אַ הקדמה צו די אַלע קוים איז די עבודה פון תשובה וואָס איז מרומז אין ראשי תיבות פון אלול — (ומל ה׳ אלקיך) את לבבך ואת לבב (זרעך) [26]), וואָס דאָס איז דער יסוד צו אַלע קוים. ועל דרך מודה אני לפניך וואָס מען זאָגט אין אָנהויב פון עבודת היום, וואָס ער קערט זיך צום אויבערשטן, און דאָס דערלאַנגט אין לפניך, דלא אתרמיז בשום אות וקוץ, וואָס דאָס איז אַ הקדמה לכל הקוים.

און דורך דער עבודה פון אלול קומט מען צו צו דער גאולה, וואָס איז נרמז אין די ראשי תיבות להוי׳ ויאמרו לאמר אשירה, ראשי תיבות אלול [27]).

דאָס אַלץ איז די כללות העבודה פון חודש אלול — די הכנה צו תשרי און דער עיקר פון דעם איז בשבת וואָס פאַר תשרי וואָס מיני׳ מתברכין כולי יומי פון דער וואָך — ויום ראש השנה בכלל, שבת מברכין — למעלה — פון תשרי.

השי״ת זאָל העלפן, מען זאָל אַריין אין דעם נייעם יאָר בשמחה, און מען זאָל האָבן אַ שנה טובה ומתוקה בכל המצטרך.

(משיחת ש״פ נצבים וילך, תשט״ו)

ט. אין סליחות זאָגט מען, לך ה׳ הצדקה ולנו בושת הפנים. ביי דעם אויבערשטן איז גערעכטיקייט, כמ״ש צדיק ה׳ בכל דרכיו [28]), און מיר, מצד די ענינים וואָס מען האָט געטאָן דורכן יאָר ניט ווי מען דאַרף, דאַרפן זיך שעמען.

לויט דעם פירוש אַז לך ה׳ הצדקה מיינט אַז ביי דעם אויבערשטן איז גערעכטיקייט, האָט ער געדאַרפט זאָגן לך ה׳ הצדק, וואָס צדק מיינט גערעכטיקייט, פאַרוואָס זאָגט ער דעם לשון פון צדקה, וואָס האָט אויך דעם פירוש צדקה (צו אַן אָרעמאַן)?

דער חילוק פון גערעכטיקייט און צדקה איז: גערעכטיקייט הייסט אַז מען גיט יענעם וויילע ער האָט פאַרדינט, דאָס איז אַ גערעכטע הנהגה. צדקה מיינט אַז מען גיט אַ מתנת

---

21) פרי עץ חיים שער ראש השנה פרק א. שער הפסוקים שמות כא, יג.

22) מכות י, א און זע ספר המאמרים ה׳תש״ד עמוד 270.

23) אבודרהם סדר תפלת ראש השנה ופירושה בשם הדרשנים. פרי עץ חיים דאָרט. שער הפסוקים שיר השירים ו, ג.

24) זע ספר המצות להרמב״ם מ״ע ה. ובכמה מקומות.

25) בספר ערוגת הבושם בשם ס׳ אמרכל.

26) בעל הטורים דברים ל, ו. אבודרהם דאָרט, און זע אגרת הקדש סימן ד.

27) זע אויבן עמוד 379 הערה 13.

28) תהלים קמה, יז.

חנם. ניט נאָר וואָס עס קומט אים ניט קיין באַצאָלט על פי דין, נאָר אַפילו בדרך מתנה קומט אים אויך ניט. וואָרום אויך מתנה איז דאָך אי לאו דעביד לי׳ נייחא לנפשי׳ לא הוה יהיב לי׳ מתנתא[29]), און דאָס וואָס מען איז אים משפיע איז דאָס נאָר אַן ענין פון צדקה, מתנת חנם.

און דערפאַר זאָגט מען לך ה׳ הצדקה, וואָס האָט צוויי פּירושים, ווייל אויך דאָ זיינען געמיינט צוויי ענינים: דער אויבערשטער איז גע־רעכט בכל דרכיו ולנו בושת הפנים, און דעמאָלט פילט מען אַז מצד צדק — גערעכטיקייט — איז ניט צו מאָנען, מער ניט וואָס מען בעט צד־קה, ווי מיר זאָגן דעם לשון אין סליחות, פנים אין לנו פניך לחלות, צדקה לך לבד נבקש.

י. באמת האָט מען געקענט מאָנען על פי דין, וואָרום כל ישראל בני מלכים הם[30]), און אַ בן מלך, מצד דעם וואָס ער איז ניט רגיל אין אַרבעט, אויך מצד זיין מעלה וואָס ער איז אַ בן מלך, איז יעדער זאַך וואָס ער טוט, אַפילו גאָר אַ קליי־ניקייט, איז דאָס אַ גרויסע רבותא, אַ שווערע אַרבעט, און עס קומט אים אַ גרויסער תשלום.

אָבער דעמאָלט וואָלט געווען די המשכה פון אַ נידעריקן אָרט, פון אַן אור השייך לעולמות וואָס עס דערלאַנגט אַהין אתערותא דלתתא. וואָס דאָס איז אַן אור מוגבל. מיר ווילן אָבער העכער.

דער אַלטער רבי האָט געזאָגט: מי לי בשמים ועמך לא חפצתי, איך ווייל זע גאָר ניסט איך וויל ניט דיין גן עדן איך וויל ניט דיין עולם הבא כו׳ איך וויל מער ניט אַז דיך אַליין[31]).

— וואָס כאָטש אַז דאָס איז אַ גאָר הויכע מדריגה, פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז מיר זיינען דאָך זיינע (דעם אַלטן רבי׳נס) תלמידים און מקושרים ההולכים בעקבותיו, לכל הפחות — תושבי המקום וואו ער איז מרא דאתרא, ליגט אויף אונז אַ חוב וזכות צו פירן זיך, בנוגע לפועל על כל פנים, אין די הנהגות וואָס ער האָט אָנגעוויזן, ובכלל זה אויך אין דער הנהגה פון מי לי בשמים כו׳. די תנועה פון מי לי בשמים כו׳ בהנוגע לפועל איז, — אַרויסגיין פון זיך, אַרויסגיין פון אַלע אייגענע הגבלות און טאָן דאָס וואָס דער אויבערשטער וויל —

וואָס דאָרטן איז דאָך בלי גבול, ובמילא איז אויך די המשכה ווי זי קומט אַראָפּ למטה איז זי אָן קיינע צמצומים והגבלות.

און דעריבער זאָגן מיר צדקה לך לבד נבקש, ניט דערפאַר וואָס מען קען ניט מאָנען, נאָר דערפאַר וואָס מיר ווילן ניט האָבן צו טאָן מיט קיינעם, מיר ווילן, לך ה׳, את פניך ה׳ אבקש.

און די כלי צום לך הוי׳, די כלי אויף געפינען פניך ה׳, איז ניט דער אויס׳טענה׳ן זיך מיט חשבונות, וואָרום עס איז דאָך — אם צדקת מה תתן לו. די כלי איז דער ולנו בושת הפנים. ביטול און העדר הישות — איז די כלי צו אָנרירן אין עצמות

29) זע מגילה כו, ב ובכמה מקומות.

30) שבת סז, א ובכמה מקומות.

31) זע אויבן עמוד 363 הערה 21.

און ממשיך זיין פון דאָרטן, וואָס אַלע המשכות פון דאָרטן זיינען — צדקה.

און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס איז אַן אָרט וואָס מעשה התחתונים איז דאָרטן ניט נוגע, פונדעסטוועגן האָבן אידן בכוח, וואָס מען האָט זיי געגעבן מלמעלה, ובקשתם משם — ומצאת, צו מאָנען מען זאָל זיי געבן די צדקה, און אידן זיינען זיכער אַז זיי וועלן דאָס אויספירן[32], וואָס דערפאַר איז לובשים לבנים וכו׳[33]. מען איז בטוח אַז דער אויבערשטער וועט ממלא זיין משאלות לבנו לטובה בבני חיי ומזוני רויחי אין אַ שנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות.

(משיחת ש״פ נצו״י, תשי״ג)

# פרשת נצבים

א. עס שטייט אין לקוטי תורה[1] און עס ווערט געבראַכט אין דער רשימה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר פון פ׳ נצבים תש״ז, אַז פ׳ נצבים לייענט מען אַלעמאָל אין דעם שבת וואָס פאַר ראש השנה. אַמאָל לייענט מען עס צוזאַמען מיט פ׳ וילך און אַמאָל לייענט מען נצבים באַזונדער, אָבער על כל פנים — פ׳ נצבים לייענט מען אַלעמאָל דעם שבת וואָס פאַר ראש השנה.

דער טעם אויף דעם איז:

יעדער שבת האָט אַ שייכות און ער איז כולל די טעג פון דער קומענדיקער וואָך. דערפאַר לייענט מען דעם שבת וואָס פאַר ראש השנה, אתם נצבים היום, וואָס היום גייט אויף ראש השנה, יומא דדינא רבא.

בשעת עס קומט דער „היום״, דער טאָג פון ראש השנה, דעמאָלט דאַרף זיין אתם נצבים כולכם, אַלע נשמות דאַרפן זיך צושטעלן, לפני הוי׳ אלקיכם, און דאָס איז אין אַלע בשמות גליך, פון ראשיכם שבטיכם ביז חטב עציך ושאב מימיך. אויף חטב עציך זאָגט רש״י אַז דאָס זיינען געווען כנענים וואָס זיינען געקומען מגייר זיין זיך על דרך ווי די גבעונים בימי יהושע, וואָס מען האָט זיי צוגענומען מער ניט ווי צוליב דער שבועה[2] — אויך זיי זיינען עולה לפני הוי׳ צוזאַמען מיט די איבעריקע אידן, און אין אַן אופן פון כולכם, אַלע צוזאַמען זאָלן זיין „לאחדים כאחד״.

דער ענין פון כולכם כאחד הייסט אַז ניט נאָר וואָס זיי זיינען סובל איינער דעם אַנדערן, אַז ניט קוקנדיק אַז ער איז אַ ראש און דער צווייטער איז אַ איש פשוט, פונדעסטוועגן פאַרטראָגט ער אים, נאָר נאָך מערער אַז זיי זיינען מקבלים זה מזה, ומשלימים זה את זה. אַזוי ווי ראש ורגל איין מענטשלעכן קער-

---

1) דברים מד, א.

32) זע אגרת התשובה פרק יא.

33) ירושלמי ראש השנה פרק א, הלכה ג.

2) יהושע ט, טו.

פער וועלכע זיינען משלים — דער־גענצן איינער דעם אַנדערן. יעדע־רער פון זיי — סיי דער ראש, סיי דער רגל — האָט ניט קיין שלימות אָן דעם צווייטן.

דאָס איז די עבודה וואָס עס פאַ־דערט זיך ראש השנה — „היום״. און בכדי צו קענען דאָס דורכפירן, לייענט מען דעם שבת וואָס פאַר ראש השנה אין תורה, אתם נצבים היום כולכם גו׳ ראשיכם שבטיכם גו׳ חטב עציך ושאב מימיך, וואָס די קריאה בתורה גיט אַ כוח אַז עס זאָל זיין טאַקע אַזוי בפועל.

און לויט ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות דער טעם וואָס מען זאָגט ראש השנה פסוקי מלכיות זכ־רונות ושופרות, אַז דורך דעם וואָס מען ברענגט אַ ראי׳ פון תורה אַז דער אויבערשטער דאַרף זיין אַ מלך און דאַרף געדענקען, און במה בשו־פר, דורך דעם טוט מען אויף אַז עס ווערט אַזוי בפועל.

ב. נאָך דעם וואָס ער זאָגט אתם נצבים גו׳ מחטב עציך עד שאב מימיך, זאָגט ער ווייטער, לעברך בברית הוי׳ אלקיך. דאָס הייסט אַז די עבודה פון אתם נצבים גו׳ כול־כם, איז אַ הכנה צום לעברך בברית, צום כריתות ברית פון אויבערשטן מיט אידן אין דעם טאָג פון ראש השנה.

אין גשמיות זעען מיר, אַז צוויי אוהבים נאמנים וואָס זייער אהבה איז מצד אַ טעם, צי ווייל איינער דער־קענט דעם צווייטנס מעלה, צי ער האָט אים ליב בכדי אַז יענער זאָל אים ליב האָבן וואָס פון דעם וועט אים אַרויסקומען אַ טובה, איז בשעת ער זעט אין זיך עפּעס אַ חסרון און האָט מורא אַז דער צווייטער וועט עס מרגיש זיין ובמילא וועט ווערן אַן אָפּשוואַכונג אין דער אהבה, — ווער רעדט אויב דער חסרון איז אין ענינים עיקריים וואָס דאָס קען ברענגען אַז די אהבה זאָל אויפהערן אינגאַנצן, אָדער נאָך גורם זיין היפך האהבה, — איז בשעת אַז זייער אהבה איז נאָך שטאַרק, מאַכן זיי צווישן זיך אַ כריתת ברית, אַז זייער אהבה זאָל זיין אויף שטענדיק.

וואָרום דער ענין פון כריתות ברית איז למעלה מטעם ודעת, מען לייגט אַוועק דעם שכל אָן אַ זייט און מען איז כורת ברית אויף פאַר־בינדן זיך מיט אַ התקשרות עצמית, אַז קיין ענין בעולם זאָל ניט אָפּ־שוואַכן די אהבה, און זי זאָל זיין לעד ולעולמי עולמים.

אַזוי איז אויך אין דער אהבה וואָס צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן. בשעת עס קומט ראש השנה, וואָס דעמאָלט איז זייער אהבה שטאַרק, וואָרום עס איז דאָך נאָך דער עבודה פון חודש אלול וועלכע נעמט אַראָפּ אַלע חטאים המעלימים על האהבה, איז דעמאָלט מאַכט מען צווישן זיך אַ כריתת ברית, אידן פאַרבינדן זיך מיטן אויבערשטן מיט אַ התקשרות עצמית שלמעלה מטעם ודעת, וואָס במילא וועט קיין ענין בעולם ניט קענען דאָס אָפּשוואַכן.

בכדי אַרויסצורופן ביי דעם אויבערשטן כביכול ער זאָל זיך פאַר־בינדן מיט נשמות ישראל למעלה מטעם ודעת, איז דאָס דורך דער עבודה פון כולכם כאחד, וואָס דאָס איז אַן „אַוועקגעב״ שלמעלה מטעם ודעת (וואָרום על פי שכל איז ער

דאָך אַ ראש און יענער אַ שואב מים, איז וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט יענעם). אַזוי ווי עס ווערט דערקלערט אין דעם ענין בכל מאדך, אַז דורך זיין מאד[3]), כאָטש אַז דאָס איז נאָר מאד שלך, איז ער ממשיך דעם מאד העצמי.

ג. דער כולכם כאחד אָבער דאַרף זיין מיט אַן אמת. ער דאַרף וויסן אַז די מעשה איז טאַקע אַזוי. הגם ער מיינט דאָך אַז ער איז פון די ראשיכם און יענער איז אַן איש פשוט, איז אויסער דעם וואָס מען קען ניט וויסן ווער איז דער ראש און ווער איז דער רגל, וואָרום על פי רוב איז מען יענעם מעריך נידעריקער ווי יענער איז באמת און זיך — העכער ווי מען איז באמת, אויסער דעם, אַפילו ווען עס זאָל טאַקע אַזוי זיין, אַז ער איז דער ראש, איז דאָך פאַראַן אַ מעלה אין רגל אויפן ראש, וואָס די שלימות הראש קומט דורך דעם רגל דוקא כנ״ל.

דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס מען האָט געמאַכט די גבעונים פאַר חוטבי עצים למשכן ולמקדש דוקא. ניט אַלע אידן זיינען געווען אין מקדש. ניט אַלע האָבן געלעבט אין ירושלים. עס זיינען געווען דאָרט נאָר אנשי מעמד וואָס זיי זיינען געווען שלוחים פאַר אַלע אידן. אָבער די עבודה פון די גבעונים איז געווען אין מקדש. דער טעם אויף דעם איז ווייל די אמיתית שלימות המעלה איז אין רגל דוקא.

און דאָס איז אויך די שייכות פון שבועה דערביי, — די שבועה וואָס עס איז געווען ביים צונעמען די גבעונים. שבועה איז למעלה מטעם ודעת, דאָס רירט אָן אין עצם הנפש[4]), און דער עצם הנפש זאָגט זיך אויס אין רגל דוקא.

ד. אַז אַ איד איז זיך מתבונן, אַז ראש השנה פאַר תקיעות וועט ער בעטן[5]), יבחר לנו את נחלתנו את גאון יעקב אשר אהב סלה, וואָס יבחר לנו מיינט: אַזוי און ניט אַנדערש, און באַטראַכטנדיק זיך אַז דער ענין הבחירה קומט פון עצמות דוקא, וואָרום נאָר ער — עצמותו יתברך — איז העכער פון אַלע מדידות, העכער פון אַלע הגבלות, חפשי, און אויך וועט ער זיך באַטראַכטן אין דעם אין ערוך שלגבי עצמות[6]), דיותר משאין ערוך עשי׳ לגבי אצילות — אין ערוך אצילות לגבי אין סוף ב״ה, אַלע אין ערוך׳ס וואָס מען זאָל נאָר ניט אויסמאָלן זיינען ניט קיין משל כלל אויפן אין ערוך פון בורא מיט נבראים, היינט ווי קומט ער צו בעטן ביי עצמות יבחר לנו?

אַז ער וועט זיך מתבונן זיין אין דעם און מעריך זיין זיך, וועט אים שוין במילא ניט בלייבן קיין צייט צו מעריך זיין דעם צווייטן.

ר׳ הלל פאַריטשער[7]) האָט געוואָלט זען דעם אַלטן רבי׳ן[8]), אָבער יעדער מאָל ווען ער פלעגט קומען

3) זע תורה אור לט, ג.

4) זע ספר קיצורים והערות לתניא עמוד מח און ווייטער.

5) תהלים מז, ה.

6) רמ״ק בספר אלימה הובא בפלח הרמון על הפרדס ש״ג פ״א.

7) הרב ר׳ הלל בר׳ מאיר הלוי מאליסאוו אב״ד באברויסק (תקנ״ה — יא מנ״א תרכ״ד). ראה אודותו בספר פלח הרמון בראשית עמוד IV.

8) זע אויך ליקוטי דיבורים תקכה, א.

אין שטאָט וואו דער אַלטער רבי איז אָנגעקומען, האָט ער אים שוין ניט געטראָפן, ווייל דער אַלטער רבי איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן. האָט ער זיך מיישב געווען און ער האָט פאַרכאַפּט פריער, און אַז ער האָט דערהערט אַז דער אַל־טער רבי דאַרף פאָרן למקום פלוני, איז ער געקומען אַהין איידער דער אַלטער רבי איז אָנגעקומען. דערמיט האָט ער זיך נאָך ניט באַנוגנט, וואָ־רום זעענדיק אַז יעדער מאָל מאַכן זיך אים פאַרשידענע מניעות צו זען דעם אַלטן רבי'ן, האָט ער מורא געהאַט אַז אויך דעם מאָל וועט מען אים ניט אַריינלאָזן, האָט ער זיך מתחכם געווען, און איז אַוועק אין דער דירה וואו דער אַלטער רבי האָט געדאַרפט איינשטיין, און זיך באַהאַלטן אונטערן בעט.

ר' הלל האָט צוגעגרייט אַ קשיא אין מסכת ערכין אויף צו פרעגן דעם אַלטן רבי'ן אין לערנען. ווי נאָר דער אַלטער רבי איז אַריין אין צי־מער, נאָך איידער ר' הלל האָט באַ־וויזן צו אַרויס פון באַהעלטעניש, האָט ער דערהערט ווי דער אַלטער רבי זאָגט בניגון הידוע: „אַז אַ יונגער מאַן האָט אַ קשיא אין ערכין דאַרף ער פריער זיך מעריך זיין". האָט ער, ר' הלל, גע'חלש'ט. ביז מען האָט אים געפונען און אָפּגעמינטערט איז דער אַלטער רבי שוין אַוועק פון דאָרטן.

— מערער איז שוין ר' הלל'ן ניט אויסגעקומען צו זיין ביי דעם אַלטן רבי'ן. ער איז געפאָרן צום מיטעלן רבי'ן און צום צמח צדק, אָבער ביי דעם אַלטן רבי'ן איז דאָס געווען דער איינציקער מאָל וואָס ער איז געווען, און אויך דעמאָלט האָט ער אים ניט געזען —

דער ביאור פון דעם סיפור אין עבודה — בהנוגע אלינו וואָס האָבן געהערט דעם סיפור:

ערכין איז אַן ענין וואָס ניט על פי שכל. דער דין אין ערכין איז דאָך אַז מען רעכנט לויט די יאָרן אָבער ניט לויט די מעלות בני אדם *). אַלע מענטשן וואָס זיינען אין די זעלבע יאָרן האָבן דעם זעלבן ערך. אין פלוג קאָן ער דאָך פרעגן אַ קשיא, איך האָב מיינע יאָרן זיך עוסק געווען אין תורה ועבודה, אַן ענין וואָס דער אויבערשטער איז צופרידן פון דעם, די פמליא של מעלה זיי־נען צופרידן פון דעם און אויך על פי שכל אנושי איז דאָס אַן ענין וואָס עס איז ראוי צו אָפּשאַצן, האָבן מיינע יאָרן אַ גרויסן ערך; יע־נעמס יאָרן זיינען אַוועק אויף גאָר־נישט, וטוב לו שלא נברא[9]), איז ווי קען זיין אַז ביידנס יאָרן זאָלן האָבן דעם זעלבן ערך? — זאָגט מען אויף דעם, אַז בשעת מען האָט אַ קשיא אין ערכין, דאַרף מען פריער זיך מעריך זיין (כדבעי) ובמילא וועט שוין אַראָפּגיין די קשיא.

* * *

ה. חודש אלול — איז אויסער די כללות'דיקע ראשי תיבות[10]) אני לדודי ודודי לי, זיינען אויך פאַראַן כמה פרטיות'דיקע ראשי תיבות'ן (באיזה אופן איז אני לדודי). בכללות זיינען זיי דריי מובנים, אַנטקעגן די דריי קוין פון תורה, עבודה וגמילות

*) זע ווייטער עמוד 698.

9) זע לקוטי תורה דברים כט, א.

10) זע אויבן עמוד 396 הערה 23.

חסדים: א) אנה לידו ושמתי לך[11] — כנגד קו התורה, כי דברי תורה קולטין הן[12], ב) איש לרעהו ומתנות לאביונים[13] — כנגד קו הגמילות חסדים (צדקה), ג) ומל הוי׳ אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך[14] — כנגד קו העבודה (תפלה ותשובה בכללה), ווי ער איז מסיים לאהבה גו׳ ומבואר בקונטרס העבודה אז דער עיקר עבודת התפלה איז (ניט יראה נאר) אהבה[15].

דער ענין פון תורה ועבודה איז ארומגערעדט געווארן אין אן אנדער ארט.

אין דעם ענין פון צדקה איז ניט פארשטאנדיק, פארוואס די ראשי תיבות איז פון איש לרעהו גו׳ וואס דאס איז דאך גאר אן ענין פון משלוח מנות און ניט צדקה? אויך איז ניט פארשטאנדיק, פארוואס איז די ראשי תיבות נאר פון די לעצטע ווערטער, איש לרעהו גו׳ און ניט פון די ווערטער משלוח מנות?

דער לשון איז ומתנות לאביונים. דער חילוק צווישן עניים מיט אביונים איז, אז עני הייסט דער וואס איז ניט קיין עשיר און אפילו ניט קיין בינוני, אבער פונדעסטוועגן איז עפעס האט ער. אבער אן אביון הייסט ווי רש״י זאגט[16] שתאב לכל דבר. ער גלוסט צו אלץ, צו יעדער קלייניקייט, ווייל ער האט גארנישט[17].

אויך איז דער פירוש פון תאב לכל דבר שייך אין דעם צווייטן קצה. ער איז תאב צו אלץ, אפילו צו דער גרעסטער זאך, ווייל ער איז געווען צוגעוואוינט צו דעם. אפילו סוס לרכוב וכדומה, וויבאלד ער איז תאב צו דעם און אן דעם קען ער ניט אויספירן זיין שליחות בעולם, דארפסטו דאס אים געבן[18].

קען ער דאך מיינען אז ער איז דער עשיר און בשעת ער גיט, סיי גרויסע זאכן, סיי קליינע זאכן, צו זיין חבר דעם אביון, גיט ער דאס פון זיינע, איז פאר די ווערטער „ומתנות לאביונים" זאגט דער פסוק „איש לרעהו". די מתנות לאביונים וועלכע ער גיט איז דאס איש לרעהו, יענער איז זיין חבר, אין דעם זעלבן מצב ווי ער. איינער דארף צום צווייטן ניט אנקומען, ווארום ער גיט ניט זיינע, ער גיט אפ צוריק יענעם, וואס ליגט ביי אים בדרך פקדון. וכפתגם חסידים הראשונים[19] (בימי אדמו״ר הזקן): דעם שטיקל ברויט וואס איך האב, איז ער דיינער ווי מיינער. והיו מקדימים מלת „דיינער" — דיינער ווי מיינער. וכמאמר רז״ל[20], יותר משהבעל הבית עושה עם העני העני

11) דארט הערה 21.

12) דארט הערה 22.

13) דארט הערה 25.

14) דארט הערה 26.

15) בפרטיות — מובן שתשובה למעלה מג׳ קווין הנ״ל, אבל בכללות — תשובה ענינה תשוב אל האלקים, בקשת צרכיו של האדם (שמהעקרים בזה שיהי׳ מכופר ומרוצה לפני ה׳ כו׳), רוחניות הענין דקרבן עולה אשם חטאת וכו׳ — שכל זה הוא מתוכן ענין התפלה. שעל פי זה מובן שכשמדברים העינינים בפרטיות יש לחלק בין תפלה (אני לדודי ודודי לי) ותשובה (את לבבך ואת לבב) — וכדלעיל ע׳ 396 — מה שאין כן בהביאור בכללות.

16) דברים טו, ד.

17) ויקרא רבה פרשה לד, ו. מדרש משלי כב.

18) כתובות סז, ב. רמב״ם הלכות מתנות עניים פרק ז הלכה ג.

19) היום יום, טו אייר.

20) ויקרא רבה פרשה לד, ח.

עושה עם בעל הבית, ואמרו רז״ל [21], נפשו של עני החיית למחר בנך או בתך כו׳ ומציל אני אותם.

ו. אַזוי ווי אַ מענטש איז צונויפ־געשטעלט פון אַ גוף מיט אַ נשמה, איז במילא דער ענין הצדקה פאַראַן אויך אין רוחניות.

אַזוי ווי אין צדקה בגשמיות איז דער דין אַז יעדער איינער, אַפילו אַן עני שבישראל, איז מחוייב אין צדקה [22], אַזוי אויך אין צדקה ברוחניות, איז יעדער איד, אַפילו אַן עני ברוחניות, מחוייב אין צדקה. ווייל יעדער איד האָט וואָס צו געבן. און דאָס גופא וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט יענעם, איז אַ הוראה אַז ער דאַרף יענעם העלפן, געבן, וואָרום ווייבאַלד אַז יעדער ענין איז בהשגחה פרטית און לא ברא הקב״ה דבר לבטלה [23], איז דאָך דאָס געוויס צוליב אַ כוונה אַז ער זאָל יענעם עפּעס געבן.

און אַזוי ווי אין גשמיות גיט ער ניט יענעם נאָר ער טוט אַ טובה זיך, כנ״ל, אַזוי אויך אין רוחניות איז דורך דעם וואָס ער איז משפיע יע־נעם, איז ער גאָר מקבל פון יענעם, ווייל די אמיתית השלימות איז דוקא פון דער התכללות ראש ורגל כנ״ל.

ז. אַמאָל האָט דער רבי צמח צדק גערעדט וועגן מעלת הצדקה, ווי גרויס עס איז דער ענין פון העלפן אַ אידן אין פרנסה און ווי דאָס העלפט אין עבודה פון פתיחת המוח והלב אויף קבלת הגילויים שלמעלה.

און דער רבי צמח צדק דערציילט [24] זיין זון — אדמו״ר מהר״ש — אַז בדידי׳ הוה עובדא:

אַז איך בין געפאָרן פון דאָבראָ־מיסליא אין ליובאַוויטש בין איך גע־ווען שטאַרק אויפגעלייגט פון דעם זיידנס — געמיינט דעם אַלטן רבי׳ן — קירוב פנימי, און געהאָפט אַז קומענדיק אין ליובאַוויטש וועל איך האָבן די זכי׳ זען דעם זיידן מיט אַ פנים מאירות (במחזה — עס איז געווען פילע יאָרן נאָך דער הסתל־קות פון דעם אַלטן רבי׳ן). בתוך כך זיינען ביי מיר נתעורר געוואָרן אייניקע שאלות אין עניני נגלה און עניני חסידות און איך האָב מסדר געווען די ענינים במחשבה.

קומענדיק אין ליובאַוויטש בין איך גלייך געגאַנגען צו דעם אָרט, וועגן וועלכן דער זיידע האָט אונז דער־ציילט פאַרנדיק אין ליאַדי, אַז אין בית הכנסת וואָס איז דאָרטן גע־שטאַנען האָט ער געלערנט. ווי איך האָב דערציילט איז דאַן דער פּלאַץ געווען ליידיק נאָך אַ שריפה וואָס איז דאָרט געווען.

כ״ק חותני אדמו״ר האמצעי האָט אויף דעם אָרט דערציילט, אַז מיט זיבן און פופציק יאָר פריער האָט כ״ק רבינו הגדול געמאַכט ליובאַ־וויטש פאַר אַ מקום מוכשר פאַר הנהלת חסידי חב״ד באריכות ימים ושנים און אַ קיום נצחי עד ביאת משיח צדקנו.

פון דעם מאורע, וואָס קומענדיק

21) תנחומא משפטים טו. ילקוט משלי רמז תתקנט.

22) גיטין ז, רע״ב. רמב״ם הלכות מת־נות עניים פרק ז הלכה ה׳ שולחן ערוך יורה דעה סימן רמח סעיף א.

23) במדבר רבה יח, כב.

24) זע ספר השיחות קיץ ה׳ת״ש עמוד 98.

אין ליובאוויטש איז דער רבי זיך פון מיר מתעלם — זאָגט דער רבי צמח צדק — בין איך געווען שטאַרק צעבראָכן און אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. איך האָב געפילט אַז איך בין חס ושלום אַראָפּגעפאַלן מאיגרא רמה לבירא עמיקתא. איך האָב זיך מכין געווען אויף אַ קירוב פנימי און איך האָב געהאַט אַזאַ ריחוק. האָב איך זיך זייער מצטער געווען, און מפשפש געווען במעשי וואָס פאַר אַ זאַך האָט געקאָנט גורם זיין דעם ריחוק, בכדי תשובה טאָן אויף זוכה זיין זען פני קדשו פון זיידן און הערן עניני תורה ועבודה.

מיטוואָך כ׳ אלול איז דער רבי צמח צדק געגאַנגען אין בית הכנסת דאַוונען. גייענדיק האָט ער אָנגעטראָפן דעם ליובאַוויטשער בעל הבית פנחס, וועלכער האָט ביי אים געבעטן אַ גמילת חסד דריי רו״כ, בכדי ער זאָל קענען עפּעס קויפן אין מאַרק און פאַרקויפן, וועט ער האָבן אויף הוצאות שבת. האָט אים דער רבי צמח צדק געזאָגט אַז ער זאָל אַריינקומען צו אים אין הויז נאָכן דאַוונען וועט ער אים געבן.

אַז דער רבי צמח צדק האָט זיך מכין געווען צום דאַוונען און האָט אַוועקגעלייגט דעם טלית אויפן אַקסל, האָט זיך דער צמח צדק דערמאָנט וואָס ר׳ פנחס האָט אים געזאָגט, אַז היינט איז אַ יום השוק, דער מאַרק שטעלט זיך פרי און געוויס דאַרף פנחס די געלט תיכף. האָט דער צמח צדק אַראָפּגענומען דעם טלית, געגאַנגען אַ היים און גענומען פינף זילבערנע רובל און עס געגעבן פנחס׳ן ער זאָל קענען עפּעס האַנדלען און פאַרדינען.

אַז דער רבי צמח צדק איז צוריקגעקומען אין מנין און געוואָשן די הענט ביים האַנטפאַס צו שטעלן זיך דאַוונען, האָט זיך צו אים באַוויזן דער אַלטער רבי און האָט אים פּותר געווען אַלע ספיקות און פני קדשו האָט געלויכטן.

ח. זעט מען דאָך פון דער מעשה אַז צדקה פועל׳ט אויך אין רוחניות. דער צמח צדק מיט אַלע זיינע ענינים ובפרט די קירובים וואָס ער האָט געהאַט אין דער צייט פון דעם אַלטן רבי׳נס הסתלקות, וואָס דעמאָלט איז ער דאָך געווען אַליין מיטן אַלטן רבי׳ן,

— דער מיטעלער רבי איז געווען אין קרעמענטשוג, ר׳ חיים אַברהם[25]) איז געווען ניט געזונט און ר׳ משה[26]) איז געבליבן אויפן צווייטן זייט פון פראָנט און האָט ניט געקענט קומען צוליב דער מלחמה —

און האָט געהאַט אַ סך קירובים פון אַלטן רבי׳ן, דערצו האָט ער געטאָן פאַרשידענע ענינים אויף זען דעם אַלטן רבי׳ן, און דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן.

נאָר בשעת ער האָט געטראָפן אַ אידן אין גאַס, און געטראָפן אים ניט אין צמח צדק׳ס ד׳ אמות (ד. ה. ניט אַז דער איד איז געקומען צום צמח צדק) נאָר אין זיינע — ר׳ פנחס׳עס — ד׳ אמות, און געטראָפן אים ניט ביי זאָגן תהלים והדומה נאָר טראַכטנדיק וועגן אַ גמילת חסד

25) נולד אלול תקל״ז או תקל״ח, נפטר בשנת תר״ח ומ״כ בליובאוויטש. ראה אודותו התמים חלק ח עמוד ח.

26) ראה אודותיו ברשימות אדמו״ר — מהוריי״צ — נ״ע ע״ד רבנו הזקן.

בכדי ער זאָל קענען פאַרדינען, און צוליב דעם האָט ער אָפּגעלאָזן דעם ענין פון תפלה, און דערצו נאָך — דעם צמח צדק׳ס תפלה, וואָס תפלה איז שעת מוחין דגדלות למעלה און אויך למטה[27]), און עס ווערט דערקלערט אין אגרת הקדש[28]) די מעלה פון תפלה אויף תורה, — אַז תפלה פועל׳ט אַ שינוי אין גשמיות, רופא חולים ומברך השנים, איז דורך דעם וואָס ער האָט דאָס אָפּגעלאָזן צוליב טאָן אַ אידן אַ טובה אין גשמיות, האָט ער זוכה געווען צו זען דעם אַלטן רבי׳ן.

ט. בנוגע לפועל:

אַזוי ווי עס זיינען דאָ אַזוינע וואָס זייער מעלה איז אין צוויי ענינים, א) זיי האָבן וואָס צו געבן. ב) מעלת המרץ. איז זאָלן זיי גיין ראש השנה אין די שולן צו מעורר זיין אידן.

ראש השנה איז דאָך צוויי טעג, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אַ מעלה. דעם ערשטן טאָג ראש השנה איז דינא קשיא און דעם צווייטן טאָג — דינא רפיא. דער ערשטער טאָג איז מדאורייתא און דער צווייטער טאָג מדרבנן. און וויבאַלד אַז חמורים דברי סופרים האָט דאָך יעדער טאָג אַ מעלה אויפן צווייטן, ומשלימים זה את זה, ביז זיי ווערן יומא אריכתא[29]), במילא זאָל מען גייןביידע טעג.

קען מען דאָך טענה׳ן, אַז איך האָב אַזאַ פאַרפּלאָנטערטן חשבון פון אַ גאַנץ יאָר, איך ווייס ניט וואָס איז פון יצר טוב און וואָס איז פון יצר הרע, און איצטער האָט מען מיר געגעבן פּערציק טעג ימי רצון איך זאָל זיך קענען עפּעס פאַנאַנדעררעכענען, איז ווי זאָל איך אָפּגעבן אַזאַ צייט אַן אַנדערן — זאָגט מען אים אַז מתנות לאביונים איז איש לרעהו. דורך דעם וואָס ער וועט גיין מעורר זיין יענעם — וועט צוקומען אויך אים.

(משיחת ש״פ נצבים, תש״י)

# ראש השנה

א. די משנה זאָגט אויף ראש השנה, אַז מצות היום בשופר[1]).

עס איז פאַראַן אַ משל פון מורנו הבעל שם טוב[2]) אויף דעם ענין פון שופר, אַז דאָס איז אַזוי ווי אַ בן שצועק אבא אבא הצילני (אַ קינד וואָס שרייט טאַטע, טאַטע, ראַטעווע מיר).

כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט דערציילט בשם פון די פריערדיקע רביים, אַז מען האָט אַמאָל אַרויסגעשיקט זאָגן דעם עולם אין בית המדרש, אַז דער

27) תניא פרק יב.

28) קונטרס אחרון (בתניא) פיסקא להבין מ״ש בפע״ח (קנה, א).

1) ראש השנה כו, ב.

2) געבראַכט אין המשך וככה תרל״ז אות ע.

29) זע רש״י ביצה דף ד סוף ע״ב ד״ה אסורה בזה.

עיקר איז ניט אַזוי דער אבא אבא הצילני, נאָר דער צועק.

דער פירוש איז: עס זיינען דאָך דאָ אין דעם צוויי ענינים: א) די צעקה אַליין, ב) דער תוכן וואָס מען לייגט אַריין אין דער צעקה. איז דער עיקר ניט דער תוכן וואָס מען לייגט אַריין אין דער צעקה, נאָר די צעקה (געשריי) גופא [3].

אין דעם תוכן וואָס מען לייגט אַריין אין דער צעקה, זיינען ניט אַלע גלייך, אָבער אין דער צעקה אַליין, דאָס איז דאָך שייך צו יעדן אידן. יעדער איד איז צועק, בקלא פנימאה דאשתמע אָדער בקלא פנימאה דלא אישתמע, אָבער בנפשו פנימה איז ער דאָך צועק.

און דאָס איז דער ענין התקיעות, און דאָס ווערט נתקבל למעלה.

ווי עס איז פאַראַן דער משל פון הרה"ק הר"ר לוי יצחק באַרדיטשעווער, אַז אַ קינד האָט געוואָלט אַן עפּל און דער טאַטע האָט אים ניט געוואָלט געבן, האָט דער קינד געמאַכט אויף גיך אַ ברכה, האָט שוין דער טאַטע געמוזט אים געבן דעם עפּל.

וואָס דאָס איז דאָך בשעת דער טאַטע וויל ניט געבן, ומכל שכן אַז דער טאַטע וויל אים געבן און דאָס ניט געבן איז מער ניט ווי אויסצופּרואוון דעם קינדס קלוגשאַפט, איז דאָך אַודאי אַזוי.

למעלה איז דאָך, אַז דער אויבערשטער וויל געבן, ווי עס ברענגט זיך דער לשון [4]: יותר ממה שעגל רוצה לינק כו', אַזוי שטייט אויך דער לשון אויף למעלה: למעשה ידיך תכסוף [5], אַז דער אויבערשטער וויל מען זאָל אים דינען.

בשעת אידן מאַכן אַ ברכה שומע תרועת עמו ישראל, און ברחמים, וואָס על פי דין איז דאָך ספק ברכות להקל [6], איז אויב די אַנשי כנסת הגדולה האָבן אָפּגעפּסק'נט אַז מען דאַרף מאַכן די ברכה, האָבן זיי ממילא אָפּגעפּסק'נט, אַז דער אויבערשטער איז מקבל תרועת עמו ישראל — די צעקה פון אידן, וואָס דאָס איז דער ענין התקיעות — ברחמים.

מצד דעם וואָס דער אויבערשטער איז מקבל תרועת עמו ישראל ברחמים, ווערט נמשך צו אַלע אידן, צו יעדן איינעם און איינע, אין אַלע ענינים וואָס זיי דאַרפן, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות בבני חיי ומזוני.

און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער גיט עס מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, במילא זיינען די בני חיי ומזוני וואָס ווערן נמשך — רויחי.

וואָס דאָס אַלץ ווערט נכלל אין דעם לשון לשנה טובה ומתוקה און קומט אַראָפּ אין גשמיות למטה מעשרה טפחים בטוב הנראה והנגלה.

ב. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט זייער געהאַלטן פון קיצורים.

דער קיצור און נקודת התמצית פון די גאַנצע אַכט און פערציק שעה פון ראש השנה איז צוויי נקודות: אַ נקודה למטה און אַ נקודה למעלה.

---

3) זע ספר המאמרים — קונטרסים — ח"ב עמוד 642.

4) פסחים קיב, א.

5) איוב יד, טו.

6) שולחן ערוך אדמו"ר הזקן קפד, א. זע אויך אגרת התשובה פרק יא.

די נקודה למטה איז אַז אַ איד איז זיך משעבד צום אויבערשטן מיט אַ קבלת עול מצד דעם ענין המלכות, און די נקודה למעלה איז וואָס דער אויבערשטער איז זיך, כביכול, משע־בד צו אידן און זאָגט [7]), ונתתי גשמי־כם בעתם גו׳, מיט אַלע ענינים וואָס שטייען אין דער פרשה.

(משיחות יום ב׳ דר״ה, תשט״ז)

# פרשת וילך

## ושבת שובה

א. אין היינטיקער סדרה שטייט, לקח את ספר התורה הזה ושמתם אתו מצד ארון ברית ה׳ אלקיכם [1]).

אין גמרא [2]) זיינען פאַראַן צוויי דיעות וועגן דעם. איין דיעה איז, אַז די ספר תורה איז געלעגן אין ארון צוזאַמען מיט די לוחות, און אַ צווייטע דיעה איז, אַז זי איז געלעגן בצד הארון. אָבער לויט ביי־דע דיעות איז די ספר תורה געווען אין קדשי קדשים.

דאָס הייסט, אַז אין קדשי קדשים זיינען געלעגן סיי די לוחות — אותיות החקיקה, און סיי די ספר תורה — אותיות הכתיבה.

דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון ספר תורה — אותיות הכתיבה — צו קדשי קדשים.

די שייכות פון די לוחות — אותיות החקיקה — צו קדשי קדשים איז פאַרשטאַנדיק, ווייל אין קדשי קדשים איז דאָך דער מקום הארון אינו מן המדה, ד. ה. אַז כאָטש עס איז געווען אַ מקום מוגבל, אמתים וחצי ארכו וגו׳, איז אָבער דער מקום אַליין געווען למעלה מן המקום.

— און אַזוי איז אויך דער זמן פון קדשי קדשים געווען למעלה מה־זמן, וואָרום זמן מיט מקום זיינען פאַרבונדן —

און אַזוי איז אויך דער ענין פון אותיות החקיקה. הגם זיי זיינען אַ מציאות פון אותיות, מיטן שיעור ומדה וואָס אותיות דאַרפן האָבן, פונ־דעסטוועגן האָבן זיי אין די לוחות ניט מוסיף געווען — וואָס דאָס איז דאָך דער חילוק פון אותיות הכתיבה ביז אותיות החקיקה, אַז אותיות הכתיבה איז אַ דבר נוסף — דיו — אויפן קלף, אָבער אותיות החקיקה זיינען מיני׳ ובי׳.

ובפרט די אותיות מ״ם וסמ״ך שבלוחות — שבנס היו עומדין [3]).

במילא איז פאַרשטאַנדיק די שיי־כות פון אותיות החקיקה צו קדשי קדשים, אָבער וואָס איז די שייכות פון אותיות הכתיבה צו קדשי קדשים?

ב. דער תכלית פון קדשי קדשים איז, אַז זיין ענין — זמן ומקום למעלה מזמן ומקום — זאָל לייכטן אויך מחוץ לקדשי קדשים, אין עז־רת כהנים, עזרת ישראל, עזרת נשים,

1) דברים לא, כו.

2) בבא בתרא יד, א געבראַכט אין רש״י דברים לא, כו.

3) שבת קד, א. מגילה ב, ב.

7) ויקרא כו, ד.

הר הבית און אויך מחוץ להר הבית, ביז אַז אויך אומות העולם — דאָרטן וואו זיי געפינען זיך, ניט נאָר ווען זיי קומען אין בית המקדש — זאָלן וויסן אַז זמן ומקום איז למעלה מזמן ומקום, וואָס מצד דעם איז ועמדו זרים ורעו צאנכם.

און דערפאַר זיינען אויך אותיות הכתיבה געלעגן אין קדשי קדשים, דאָס איז דער ממוצע אַז דער אור פון קדשי קדשים זאָל נמשך ווערן אויך אין מציאות וישות שבחוץ.

ג. עס ווערט דערקלערט אין חסידות דער אויפטו פון עבודת ראש השנה אויף דער עבודה פון אַ גאַנץ יאָר, אַז אַ גאַנץ יאָר איז דער עיקר עבודה על פי טעם ודעת, און אויך די מסירת נפש פון אַ גאַנץ יאָר האָט עפעס אַ שייכות צו טעם ודעת, אָבער די עבודה פון ראש השנה איז ביטול וואָס איז אינגאַנצן העכער פון טעם ודעת.

דאַרף מען וויסן, אַז כאָטש אַ גאַנץ יאָר מאָנט מען ניט די תנועה פון ביטול למעלה מטעם ודעת, פונדעסטוועגן איז אויך אַ גאַנץ יאָר בשעת ער שטייט אין זיין מציאות, דאַרף זיין ביי אים די עבודה אַזוי ווי עס מאָנט זיך מצד דעם ביטול פון ראש השנה — דוגמת המשכת קדשי קדשים גם באותיות הכתיבה, ביז אויך בחוץ.

און דורך דעם פועל'ט מען אַז אויך די המשכות וועלכע עס ווערן נמשך ראש השנה, קומען אַראָפּ אַ גאַנץ יאָר, אין מציאות, אויך אין גשמיות, בכל המצטרך.

ד. די הכנה צו דעם איז — אתם נצבים היום (יומא דדינא רבא) כולכם גו׳ ראשיכם שבטיכם גו׳ מחוטב עציך ועד שאב מימיך. כאָטש אַז ער איז אפשר פון ראשיכם שבטיכם, פאַרבינדט ער זיך מיט אַ צווייטן אידן ביז דעם סוג פון חוטב עציך ושואב מימיך, און ער ווערט מיט אים „כולכם", אַלע צוזאַמען, די זעלבע זאַך [4].

איז דאָס וואָס ער מאַכט ניט קיין חילוקים פון ראשיכם שבטיכם ביז חוטב עציך ושואב מימיך, גיט אים כוח אויף ניט מאַכן קיין חילוק פון דער עבודה פון ראש השנה ביז אַ גאַנץ יאָר, אַז אויך אַ גאַנץ יאָר לייכט ביי אים דער ביטול פון ראש השנה.

און דורך דעם פועל'ט ער אַז אויך די המשכה שמלמעלה, הערט זיך אָן אומעטום, ביז אַז ועמדו זרים ורעו צאנכם.

ווייל דורך דעם וואָס ער פועל'ט דעם ביטול פון ראש השנה אין דעם זר וואָס ביי אים, וואָס דאָס איז דער גוף ונפש הבהמית, און אויך ביי דעם זר וואָס אין אַ צווייטן אידן, דורך דעם פועל'ט ער אויך אין די אומות העולם, וואָס זיי זיינען די אמת'ע זרים, אַז זיי זאָלן דערהערן די מעלה פון אידן, און ורעו צאנכם.

און דורך דעם איז מען זוכה, אַז די המשכה וואָס איז נמשך געוואָרן ראש השנה, זאָל אַראָפּקומען בכל השנה אויך אין גשמיות, בכל המצטרך לו, בטוב הנראה והנגלה. מען איז זוכה צו אַ כתיבה וחתימה טובה בתוך כלל ישראל, לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ש״פ נצו״י, תשי״ב)

---

4) זע אויספירלעך אויבן עמוד 398.

ה. אידן האָפן, אַז ראש השנה האָט זיי דער אויבערשטער געוויס געגעבן אַ גוטן יאָר און אַ זיסן יאָר, זיי מיט זייערע בני בית, אין אַלע פּרטים, בני חיי ומזוני רויחי, בטוב הנראה והנגלה.

אָבער צו גוט איז דאָך קיין שיעור ניטאָ. אויף דעם האָט דער אויבערשטער געגעבן די טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור — עשרת ימי תשובה — וואָס דורך דער עבודה אין די טעג, קען מען פּועל'ן, אַז יום כיפור זאָל דער אויבערשטער געבן מערער און נאָך מערער, מידו המלאה והרחבה, אַזוי ווי דער אויבערשטער קען.

וואָס איז די עבודה וועלכע עס פאָדערט זיך אין די טעג? — זאָגן מיר אין מחזור, אַז דאָס איז — תשובה, תפלה וצדקה, וואָס דורך די דריי זאַכן פּועל'ט מען ביי דעם אויבערשטן ער זאָל געבן מידו המלאה והרחבה.

ו. די דריי זאַכן זיינען, ווען געקוקט אויבערפלעכלעך, פאַראַן אויך ביי ניט אידן, להבדיל. אויך ביי ניט אידן איז פאַראַן „רעפּענטענס, פּרייער און טשאַריטי". אָבער באמת איז אַ גרויסער און אַ קאַרדינאַלער אונטערשייד, אין די דריי זאַכן, ווי זיי זיינען ביי אידן ביז להבדיל ביי ניט אידן. און דער אונטערשייד דריקט זיך אויס אויך אין די ווערטער אַליין פון תשובה, תפלה און צדקה.

ז. תשובה:

די גענויע איבערזעצונג פון „רעפּענטענס" — אויף לשון הקודש איז — חרטה. אָבער ביי אידן הייסט עס ניט מיטן נאָמען חרטה, נאָר מיטן נאָמען תשובה.

דער אונטערשייד פון חרטה ביז תשובה איז אַ הפכית'דיקער:

חרטה אונטערשטרייכט — אַ נייע זאַך. אים פאַרדריסט אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן ניט קיין גוטע זאַך אָדער ניט דערטאָן אַ גוטע זאַך, און ער וויל פירן זיך אויף אַ נייעם וועג.

תשובה אונטערשטרייכט — אומקערן זיך. אַ איד איז בעצם גוט און ער וויל טאָן גוטס. עס איז מער ניט וואָס איבער פאַרשידענע סיבות, אין וועלכע ער איז אינגאַנצן ניט שולדיק אָדער אַ ביסל שולדיק, האָט ער געטאָן ניט קיין גוטע זאַך. אָבער בעצם איז ער דאָך גוט.

און דאָס איז דער זין פון תשובה, אַז ער קערט זיך אום צו זיין שרש ומקור, צו זיין אינעווייניקסטן איך, און ער אַנטפּלעקט זיין אינעווייניקסטן איך, אַז דאָס זאָל ביי אים זיין דער בעל-הבית אין זיין לעבן.

דערפאַר איז פאַראַן תשובה ביי אַלעמען [5], אויך ביי אַ צדיק איז שייך תשובה. דאָס מיינט, אַז כסדר שטרעבט ער אויף צוקומען צו זיין אינעווייניקסטן איך און אַנטפּלעקן אים. און אויך ביי אַ רשע איז שייך תשובה, ווארום ווי געפאַלן ער זאָל ניט זיין, האָט ער אַלעמאָל די מעגלעכקייט תשובה טאָן, וויבאַלד ער דאַרף ניט אויפטאָן קיין נייע זאַך, ער דאַרף זיך נאָר אומקערן צו זיין אינעווייניקסטן איך.

---

5) זע קונטרס ביקור שיקאַגאָ עמוד 23 (סה"ש תש"ב ע' 47).

ח. תפלה:

די געגויע איבערזעצונג פון „פרייער" — אויף לשון הקודש איז — בקשה. אָבער ביי אידן הייסט עס ניט מיטן נאָמען בקשה נאָר מיטן נאָמען תפלה.

דער אונטערשייד פון בקשה ביז תפלה איז אויך אַ הפכית׳דיקער:

בקשה מיינט בעטן און תפלה מיינט באַהעפטן זיך.

בקשה אונטערשטרייכט — בעטן. מען בעט ביי דעם אויבערשטן ער זאָל געבן — מלמעלה למטה — דאָס וואָס עס פעלט. בשעת עס פעלט ניט אָדער עס איז ניטאָ קיין רצון אויף אַ זאַך, איז ניט שייך קיין בקשה. תפלה אונטערשטרייכט — באַהעפטן זיך[6]) מיטן אויבערשטן, מלמטה למעלה. דאָס איז שייך ביי אַלעמען און אַלעמאָל.

יעדער איד האָט אַ נשמה וואָס זי איז פאַרבונדן מיטן אויבערשטן. אָבער מצד דעם וואָס די נשמה איז אַראָפּ אין גוף און פאַרבונדן מיט אים, מוז די נשמה פאַרבינדן זיך מיט גופניות׳דיקע ענינים, אַזוי ווי עסן, טרינקען א. ד. גל. וואָס אין דער צייט ווערט אָפּגעשוואַכט איר פאַרבונד מיטן אויבערשטן. און אויף דעם זיינען פאַראַן געוויסע צייטן אין טאָג אויף תפלה, בכדי צו באַנייען דעם פאַרבונד מיטן אויבערשטן, און פאַרשטאַרקן אים.

דערפאַר איז אויך ביי די וועלכע עס פעלט זיי גאָרנישט, פאַראַן — און מיט דער גאַנצער שטאַרקייט — די זאַך פון תפלה, ווייל תפלה איז ניט נאָר געבעטן און בקשה נאָר דער עיקר — דער אָפּריש פון דעם פאַרבונד און דבקות פון אים מיטן אויבערשטן.

ט. צדקה:

די געגויע איבערזעצונג פון „טשאַריטי" — אויף לשון קודש איז — חסד. אָבער ביי אידן הייסט עס ניט מיטן נאָמען חסד נאָר מיטן נאָמען צדקה. דער אונטערשייד פון חסד ביז צדקה איז אויך אַ הפכית׳דיקער:

חסד אונטערשטרייכט אַז ער איז אַ גוטער מענטש. ד. ה. — יענעם קומט ניט און ער איז ניט מחויב אים צו געבן, נאָר מצד גוטסקייט גיט ער.

דאַקעגן צדקה אונטערשטרייכט גערעכטיקייט. און דאָס איז אין צוויי אופנים:

א) ער איז מחוייב צו געבן יענעם. ער ווייס אַז ער גיט ניט זיינע; דער אויבערשטער האָט אים דאָס געגעבן בפקדון בכדי ער זאָל עס געבן יענעם.

ב) אַזוי ווי ער מוז דאָך אָנקומען אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן, וואָס דער אויבערשטער איז אים געוויס ניט שולדיק, דאַרף ער און איז מחויב טאָן מדה כנגד מדה, געבן יענעם, כאָטש ער איז אים ניט שולדיק. דערמיט איז ער מעורר אויך למעלה, אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן מערער וויפל ער איז ווערט, וואָרום ער האָט געגעבן איבער זיינע כחות.

ובפרט צדקה וואָס איז שייך צו רבים, וביחוד צדקה אויף מוסדות תורה, וואָס יעדער איינער פון די וואָס דערציען זיך אין די מוסדות

---

6) זע רש״י בראשית ל, ח. אור התורה להצמח צדק ויחי שפ, א.

איז אַ צוקונפטיקער יסוד אויף אַ בנין בית בישראל, אַ צוקונפטיקער וועג-ווייזער אין זיין סביבה, איז אַז מען גיט צדקה אויף אַזעלכע מוסדות תורה, קען מען קומען צום אויבערשטן און זאָגן, איך האָב געגעבן מערער פון מיינע כחות אויף דיינע עסקים, כביכול, גיב דו מער ווי עס קומט, אויף מיינע זאַכן.

י. דאָס זיינען די דריי זאַכן פון תשובה, תפלה און צדקה, דורך וועלכע מען פועל'ט עס זאָל זיין אַ חתימה און גמר חתימה טובה. בשעת מען קערט זיך אום צום אינעווייניקסטן איך — תשובה, — מען באַהעפט זיך מיטן אויבערשטן — תפלה, — און מען גיט צדקה מיט גערעכטיקייט, דאַן איז וויפל גוטס דער אויבערשטער האָט געגעבן ראש השנה, גיט ער יום כיפור נאָך מערער, אַ שנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ו' תשרי, תשי"ג)

יא. אין דעם חשבון פון „עשרת ימי תשובה" גייען אַריין אויך ביידע טעג ראש השנה מיט יום כיפור. וואָרום די טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור זיינען דאָך מער ניט ווי זיבן טעג, איז דאָך דער־פון מובן, אַז עשרת ימי תשובה, איז כולל אויך ראש השנה ויום הכי־פורים.

דערפון וואָס אַלע צען טעג ווערן אָנגערופן מיט איין נאָמען — עשרת ימי תשובה — איז אַ ראי' אַז די אַלע טעג זיינען איין מציאות, וואָס דער אָנהויב פון דעם איז ראש הש־נה און דער סוף איז יום כיפור.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז פון דער ערשטער מינוט פון ראש השנה הויבט זיך שוין אָן די הכנה צו יום כיפור.

מצות היום פון ראש השנה איז שופר ⁷). די נקודה פון יום כיפור איז עבודת כהן גדול. וואָרום אַ גאַנץ יאָר האָבן געטאָן די עבודה אויך אַנדערע כהנים, און יום כיפור האָט דער כהן גדול אַליין געדאַרפט טאָן אַלע עבודות.

אין עבודת כהן גדול ביום כיפור זיינען געווען צוויי טיילן. איין טייל וואָס ער פלעגט טאָן בבגדי זהב — אין די בגדים זיינען געווען נאָך מינים אויסער זהב, אָבער עס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען בגדי זהב — און אַ צווייטן טייל, בבגדי לבן, ריי־נע לייוונט.

אין בית המקדש זיינען געווען דריי אָפּטיילונגען: די עזרה, דער היכל אָדער דער אהל מועד, און קדשי קדשים. די עבודות אין עזרה און היכל פלעגט דער כהן גדול טאָן בבגדי זהב און די עבודות אין קדשי קדשים פלעגט ער טאָן בבגדי לבן.

יב. דער חורבן בית המקדש איז געווען נאָר אין גשמיות'דיקן בית המקדש, אין די שטיינער, גאָלד און זילבער, אָבער דער רוחניות'דיקער בית המקדש וואָס געפינט זיך ביי יעדער אידן אינעווייניק, דער בית ה־מקדש וואָס געפינט זיך אין דער נשמה פון יעדער אידן, דאָס איז פאַראַן און בלייבט אַלעמאָל גאַנץ. אַפילו אַ איד קען דאָס חס ושלום ניט חרוב מאַכן, ומכל שכן אַז אַ גוי קען דאָס ניט חרוב מאַכן.

— אַזוי ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר

---

7) זע אויבן עמוד 405 הערה 1.

האט געזאגט[8]: אז נאר אונזערע גופים זיינען איבערגעגעבן אין גלות ושעבוד מלכיות, אבער אונזערע נשמות האט מען אין גלות ניט פארטריבן און אין שעבוד מלכיות ניט איבערגעגעבן. —

אין דעם רוחניות'דיקן בית המקדש וואס געפינט זיך ביי יעדער אידן, זיינען אויך פאראן די אלע זמנים פון יאר. און בשעת עס קומט יום כיפור, דארף יעדער איד, וואס ער איז דער כהן גדול אין זיין בית המקדש, טאן אליין אלע עבודות און ניט פארלאזן זיך אויף אן אנדערן. און אין דעם וואס ער דארף טאן, זיינען פאראן צווי טיילן: די עבודות אין קדשי קדשים בבגדי לבן און די איבעריקע עבודות בבגדי זהב.

יג. דער טעם וואס די כהנים בעבודתם האבן געדארפט אנטאן בגדים לכבוד ולתפארת — וכנ"ל וואס יום כיפור האט געדארפט זיין די עבודה בבגדי זהב, אויסער אין קדשי קדשים — שרייבט דער רמב"ם[9], ווייל אין קדושה דארף מען נוצן די שענסטע און בעסטע זאכן. גאלד פארנעמט א וויכטיק ארט און עס מאכט אן איינדרוק אויפן מענטשן, דארף זיין די עבודה אין בית המקדש, בפרט ביום כיפור, בבגדי זהב.

איז דאך לויט דעם ניט פארשטאנדיק, פארוואס דוקא אין קדשי קדשים איז געווען די עבודה בבגדי לבן? אין קדשי קדשים איז דאך נאך הייליקער, האט דאך דארטן א ודאי געדארפט זיין די עבודה בבגדי זהב?

דער ענין איז: יעדער איינער דארף דינען דעם אויבערשטן לויט זיינע אלע כחות.

בשעת מען קומט צו א גביר נאך צדקה, קען ער ניט טענה'ן אז ער וועט יוצא זיין מיט תורה, תפלה, לערנען חסידות און נגלה, — ער דארף וויסן אז אין בית המקדש האט געדארפט זיין בגדי זהב.

פון דער צווייטער זייט, דארף מען געדענקען אז מען קען ניט יוצא זיין בלויז מיט אויסהאלטן ישיבות א.ד.ג. — בגדי זהב — נאר מען דארף האבן אויך בגדי לבן, ריינע קליידער, ענינים רוחניים וואס זיינען ריין און אויסגעטאן פון גשמיות און חומריות.

און יעדע איינע פון זיי דארף זיין צוגעפאסט צו איר ארט. ביי די עבודות וואס אויסער קדשי קדשים — דארף מען נוצן בגדי זהב, אויסנוצן בגדי זהב אויף בית המקדש זאכן.

— ווי עס שטייט אין מדרש[10]: לא הי' ראוי זהב להשתמש בו ולא נברא אלא בשביל בית המקדש. דער עיקר בריאת הזהב איז געווען צוליב בית המקדש און מצד דעם איז דאס דא אויך אין דער גאנצער וועלט. און יעדער איד פארשטייט דאך, אז מען דארף ניט מאכן דעם עיקר פאר א טפל און דעם טפל פאר אן עיקר. —

אבער בשעת עס רעדט זיך וועגן קדשי קדשים, דער קדשי קדשים פון יעדער אידנס נשמה, דארטן דארף

8) ג' תמוז תרפ"ז. לקוטי דבורים תרצב, א. סה"ש תרפ"ז ע' 169.

9) מורה נבוכים חלק ג פרק מה.

10) בראשית רבה פרשה טז, ב.

מען זהב ניט אַריינגעמען. דער גביר, — מיט אַלעמען גלייך. די עבודות פון קדשי קדשים דאַרף מען טאָן בבגדי לבן.

יד. און דאָס איז דער ענין פון עשרת ימי תשובה, וועלכע הויבן זיך אָן מיט דעם ראש השנה׳דיקן שופר, און ענדיקן זיך מיט עבודת כהן גדול ביום כיפור.

צום אָנהויב עשרת ימי תשובה נעמט מען אַ שופר און מען בלאָזט מיט אים. דער שופר איז אַ האָרן פון אַ בהמה, אויך די קולות וואָס מען בלאָזט מיט אים זיינען ניט קיין „מוזיקאַלישע טענער" נאָר איינפאַכע קולות, תקיעה שברים און תרועה. בשעת אַ איד שטעלט זיך אַוועק פאַר דעם אויבערשטן זיינען ניטאָ קיין חכמות. זיין פאַרבונד מיטן אויבערשטן איז מיט אַ פשוט׳ן האַרציקן אויסגעשריי. ער שרייט אויס פון זיין טיפן האַרצן, פנימיות הלב, אַז ער איז דעם אויבערשטנס אַ קינד און דער אויבערשטער איז זיין פאָטער, בעט ער, אַז דער טאַטע זאָל אים געבן אַ שנה טובה ומתוקה.

דער סיום פון עשרת ימי תשובה איז די עבודה פון כהן גדול אין די אויבנדערמאָנטע צוויי טיילן. ד. ה. אַז ער ווייס און באַשליסט צו דינען דעם אויבערשטן סיי מיט בגדי זהב, סיי מיט בגדי לבן.

בנוגע די זאַכן וואָס זיינען אויסערן קדשי קדשים, ווייס ער, אַז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט אים געגעבן געלט און אַ אידישע נשמה, טאָר ער ניט באַהאַלטן זיך אין בגדי לבן, ריינע קליידער, וואָס יעדער זאַך איז אויף זיי אַ פלעק, און בשעת מען קומט צו אים וועגן געלט וועט ער זאָגן — זאָל מען גיין צו אַן אַנדערן וואָרום ער איז אַ קדוש וטהור. ער ווייס אַז דער בית המק־דש, די ישיבה, בית הכנסת ובית המדרש דאַרף האָבן זהב — דאַרף ער געבן זהב.

בשעת אָבער עס קומט צו קדשי קדשים, איז ער גלייך מיט אַלע־מען, ער גייט ניט אַרום מיט בגדי זהב נאָר מיט בגדי לבן, ווייסע ריינע קליידער, ריין פון גשמיות וחומריות. ער ווייס אַז אין קדשי קדשים האָט זיך קיין זאַך ניט געפונען, אַפילו דער לחם הפנים, וואָס ער איז היי־ליקע ברויט, איז אויך ניט געוועזן אין קדשי קדשים. מער ניט ווי דער אויבערשטער, די תורה — דער ארון און די לוחות — און דער כהן גדול.

טו. און דאָס איז דער מוסר הש־כל פאַר יעדער אידן:

די התחלה פון לעבן, די התחלה פון עבודה און דער אָנהויב פון יאָר, דאַרף זיין מיט אַ פשוט׳ן אויסגע־שריי צום אויבערשטן — העכער פון שכל, און דערנאָך דאַרף ער אַליין טאָן די עבודות אין בית המקדש, וואָס ער איז גאַנץ אויך איצטער, אין בגדי זהב און אין בגדי לבן.

און בשעת ער וועט אַזוי טאָן — וועלן ביי אים גיין גשמיות און רוח־ניות צוזאַמען, אַזוי ווי דער סדר ביי דעם כהן גדול איז געוועזן. ניט ער האָט פריער אָנגעטאָן די בגדי זהב און נאָכדעם די בגדי לבן, נאָר ער פלעגט זיי בייטן. פריער די בגדי זהב, דערנאָך די בגדי לבן, דערנאָך נאָך אַמאָל די בגדי זהב און דער־נאָך נאָך אַמאָל די בגדי לבן, און

ווידער אַמאָל — בגדי זהב. ווייל ביי אידן איז גשמיות מיט רוחניות ניט אָפּגעטיילט.

טז. יום כיפור דאַרף אַ איד זיך באַטראַכטן און צוגרייטן זיך אַריינ־צוגיין אין קדשי קדשים וואָס ביי אים אינעווייניק.

וואָס איז דער מיין פון קדשי הקדשים?

אין קדשי הקדשים פון בית המק־דש, האָט זיך געפונען מער ניט ווי דער ארון אַליין, און אין דעם ארון האָבן זיך געפונען די לוחות. דאָס הייסט:

קדשי הקדשים דאָס איז דער אָרט פון לוחות — תורה אין אַן אופן פון חקיקה — איינגעקריצטע תורה.

דאָס איז אויך דער מיין פון קדש הקדשים, וואָס געפינט זיך ביי יע־דער אידן אינעווייניק.

דער פאַרבונד פון אַ אידן מיט תורה, תורת חיים, איז אַ פאַרבונד אין אַן אופן פון חקיקה [11]).

יז. אַז עס קומט יום כיפורים און אַ איד דאַרף אַריינגיין אין קדש הקדשים, ווערט ביי אים אַ שאלה: ווי קען איך אַריינגיין אין קדשי קדשים, בשעת אַז איך בין אינגאַנצן „ניט פאַרפוצט״?

אויף דעם ענטפערט מען:

אויף אַריינצוגיין אין קדשי קד־שים פאָדערן זיך ניט קיין בגדי זהב, קיין פאַרפוצונגען, קיין קאָ־לירן. עס פאָדערן זיך אָבער ווייסע ריינע קליידער, אַ ריינע אויסגעליי־טערטע האַרץ און אַ ריינע אויס־געלייטערטע קאָפּ.

און דאָס האָט יעדער איד נאָך דער טבילה ערב יום כיפור, אַ טבי־לה, וואָס שווענקט אָפּ די ניט גוטע און ניט פּאַסיקע זאַכן.

יח. אַזוי ווי דער כהן גדול, נאָך דער גאַנצער עבודה פון בגדי זהב און בגדי לבן, פלעגט זאָגן אַ תפלה קצרה, און מיט די פּאָר ווערטער פלעגט ער אויסבעטן אַ גוטן יאָר פאַר זיך, פאַר זיין שבט, און פאַר אַלע אידן אין דער גאַנצער וועלט, אויך אין גשמיות.

אַזוי אויך יעדער איד, בשעת ער טוט די עבודה אין דעם קדשי קד־שים וואָס ביי אים אינווייניק, איז מיט אַ פּאָר געציילטע ווערטער אין געציילטע מאָמענטן, ברענגט ער גליק אויף אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

און אַזוי ווי די תפלה פון כהן גדול איז געווען פאַר אַלע אידן, אַזוי אויך די תפלה פון יעדער אידן יום כיפור, וואָס ער קומט דאָך צו גיין בבגדי לבן מיט אַ ריינער האַרץ און אַ גוטער כוונה, טוט ער אויף — ניט נאָר פאַר זיך און זיין פאַמי־ליע, נאָר פאַר אַלע אידן, ישראל ערבים זה בזה [12]), אויף ממשיך זיין אַ שנה טובה ומתוקה ברוחניות ובגשמיות.

(משיחת ד׳ תשרי תשי״ז)

---

11) לקוטי תורה ויקרא מה, א.

12) שבועות לט, א. סנהדרין כז, ב.

# פרשת האזינו

א. די היינטיקע פרשת השבוע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי. דער טעם וואָס משה רבנו האָט עס געזאָגט צו שמים וארץ איז, ווייל שמים וארץ זיינען משועבד צו אידן. בשעת אידן טוען וואָס דער אויבערשטער וויל, דאַן טוען שמים וארץ דאָס וואָס אידן ווילן.

דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז איצט, די צייט פון קבלה טובה על להבא, זאָל מספיק זיין די החלטה טובה, במילא זאָלן שמים וארץ טאָן אַלץ וואָס אידן ווילן בנפשם האלקית, און אַז דער אויבערשטער וועט געבן אידן גשמיות וועלן דעמאָלט אידן ווייזן וואָס זיי קענען.

דאָס הייסט אַז זיי וועלן מאַכן פון גשמיות רוחניות, און דאָס זאָל זיין מתוך מרחב ומתוך שמחה.

(משיחת יום ב׳ דר״ה, תשט״ז)

ב. דעם לשון האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי, געפינט מען אויך ביי ישעי׳ הנביא אָבער אין אַן אופן הפוך, שמעו שמים והאזיני ארץ [1].

זאָגן אויף דעם די מפרשים [2], ווייל שמיעה איז מרחוק און האזנה איז מקרוב [3]. משה רבנו איז געווען נענטער צו שמים ווי צו ארץ, דערפאַר האָט ער געזאָגט האזינו השמים ותשמע הארץ, און ישעי׳ וואָס איז געווען נענטער צו ארץ האָט ער געזאָגט שמעו שמים והאזיני ארץ.

ג. משה רבנו איז געווען אַ נשמה דאצילות, ד. ה. אַז אויך זייענדיק דאָ למטה איז ער געווען במדריגת האצילות. ווי עס ווערט דערקלערט אין רמב״ם [4] בענין מעלת נבואת משה על נבואת שארי הנביאים, אַז ביי אַלע נביאים האָט בשעת נבואתם געדאַרפט זיין התפשטות הגשמיות, ווייל זייער גוף הגשמי האָט מבלבל געווען צו דער נבואה (וואָס דאָס איז אַ גילוי פון אצילות), אָבער ביי משה׳ן האָט ניט געדאַרפט זיין קיין התפשטות הגשמיות, ווייל זיין גוף הגשמי איז ניט נאָר וואָס ער האָט ניט מבלבל געווען צו אלקות, נאָר נאָך מערער, ער איז געווען אַ כלי צו אלקות, ווייל שכינה מדברת מתוך גרונו [5].

און דאָס איז אויך דער טעם ההפרש פון אַלע נביאים ביז משה רבנו, אַז כל הנביאים נתנבאו ב״כה״ — בי״ע, און משה נתנבא ב״זה״ — אצילות [6].

דערפאַר בשעת משה רבנו האָט גערעדט וועגן שמים (אצילות), האָט ער געזאָגט האזינו, לשון קירוב. און בשעת ער האָט גערעדט וועגן ארץ, וואָס דאָס איז בי״ע בכלל און עולם

1) ישעי׳ א, ב.
2) תנחומא האזינו ב, געבראַכט בדעת זקנים מבעלי התוספות ובאור החיים בפ׳ האזינו.
3) האזנה מלשון אוזן.
4) הלכות יסודי התורה פרק ז הלכה ו.
5) להעיר מזהר חלק ג רלב, א ושם ז, א. רסה, סע״א. שמות רבה פרשה ג, טו. ויקרא רבה פרשה ב, ג. מכילתא שמות יח, ט. לקוטי תורה ויקרא ג, א.
6) זע ספרי ר״פ מטות. לקוטי תורה במדבר פא, א.

הזה בפרט, האָט ער געזאָגט ותשמע לשון ריחוק.

אָבער ישעי׳, וואָס זיין נבואה איז געווען בכלל נבואת שארי הנביאים, — הגם ער האָט געזען די מרכבה, אָבער דאָס איז מער ניט ווי מרכבה דבריאה, — האָט ער אויף שמים (אצילות) געזאָגט שמעו, לשון ריחוק, און אויף ארץ — האזיני, לשון קירוב.

ד. לויט דעם איז אָבער ניט פאַרשטאַנדיק: צו וואָס האָט משה רבנו געדאַרפט בכלל ריידן וועגן בי״ע, און ישעי׳ הנביא וועגן אצילות?

ביי אַ נשמה דאצילות איז דאָך אַלץ וואָס זי זעט — אצילות. וואָרום אצילות איז ניט ערגעץ וואו, אצילות איז דאָך דאָ למטה, ווי עס ווערט דערקלערט אין לקוטי תורה [7], אַז רוחניות איז ניט בגדר מקום.

האָט דאָך משה רבנו געדאַרפט ריידן נאָר וועגן אצילות?

אַזוי אויך ישעי׳, וואָס האָט געזען מרכבה דבי״ע, צוליב וואָס האָט ער גערעדט וועגן שמים?

נאָר דער ענין איז:

אַזוי ווי על פי נגלה איז מען מבאר דעם טעם פון די לשונות הפוכות שבמשה וישעי׳, ווייל שמים וארץ זיינען צוויי עדות [8], און אַזוי ווי ביי עדות דאַרף זיין עדותם מכוונת, אַז ביידע עדים זאָלן זאָגן איין זאַך, דערפאַר האָבן משה און ישעי׳ געזאָגט לשונות הפוכות, בכדי אַז צוזאַמען זאָלן ביי ביידע עדות — שמים וארץ — זיין ביידע לשונות, האזנה און שמיעה.

אַזוי אויך אין רוחניות, מען דאַרף אויסגלייכן אצילות מיט בי״ע (עדותם מכוונת); אצילות זאָל נמשך ווערן אין בי״ע, און בי״ע זאָל עולה זיין אין אצילות.

דערפאַר האָט משה גערעדט אויך וועגן בי״ע, כדי ממשיך זיין אצילות אין בי״ע; און ישעי׳ האָט גערעדט אויך וועגן אצילות, כדי מעלה זיין בי״ע אין אצילות.

וואָרום משה ענינו המשכה מלמעלה למטה, און דאָס איז דער ענין וואָס משה האָט ממשיך געווען תורה למטה. און ישעי׳ הנביא ענינו העלאה מלמטה למעלה, וואָרום אַ נביא איז דאָך געווען אַ מוכיח, און דער ענין פון הוכחה איז צו פועל׳ן אין נבראים די עלי׳ מלמטה למעלה. דערפאַר האָבן ביידע גערעדט וועגן ביידע ענינים, בכדי צו פועל׳ן די התכללות פון מעלה מיט מטה.

ה. די הוראה פון דעם אין עבודה איז:

שמים איז יושבי אהל און ארץ איז בעלי עסק.

דאַרף זיין די התכללות פון ביידע ענינים. יושבי אהל דאַרפן וויסן אַז כל האומר אין לו אלא תורה אַפילו תורה אין לו [9], נאָר עס דאַרף זיין אויך קיום המצוות, וואָרום דער לימוד דאַרף זיין על מנת לעשות דוקא, תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה [10].

און בעלי עסק, וואָס זייער עיקר עבודה איז בקיום המצוות, דאַרפן זיי וויסן אַז מען מוז האָבן אַ קביעות עתים לתורה יעדן טאָג, על כל פנים

---

7) דברים מט, ב.

8) רש״י אויפן אָרט.

9) יבמות קט, ב.

10) קדושין מ, ב.

פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית [11]).

דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס ס'איז עיקר ענינם, אַז אין דעם קו דאַרף מען מער מהדר זיין, אָבער ביי ביידן דאַרפן זיין ביידע קוין [12]).

און אַזוי איז אויך בענין עובדי הוי' בנשמתם ועובדי הוי' בגופם: עובדי הוי' בנשמתם, כאָטש עיקר עבודתם איז מצד הנשמה, דאַרפן זיי זיך אָפּ־געבן אויך מיט גוף — המשכה למטה; און עובדי הוי' בגופם דאַרפן זיי זיך אָפּ־געבן אויך מיט הערן און דערהערן דעם אור הנשמה — העלאה למעלה.

און אַזוי אויך אין יעדער מצוה בפרט, דאַרף זיין די מעשה המצוה מיט דער כוונת המצוה, וואָרום מצוה בלא כוונה כגוף בלא נשמה [13]).

(משיחת ש"פ האזינו, תשח"י)

# חג הסוכות

א. אין חג הסוכות זיינען פאַראַן כמה מצוות, אויסער מצות ישיבת סו־כה. פונדעסטוועגן ווערט אָנגערופן דער יום טוב על שם סוכות און ניט אויפן נאָמען פון די אַנדערע מצוות, ווי מצות נטילת ד' מינים וכו'.

איינער פון די טעמים איז, ווייל עס איז דאָ אַ מעלה אין מצות ישיבת סוכה אויף נטילת ד' מינים, וואָס מצות סוכה איז פאַרבונדן מיט כל ימי החג. דער גאַנצער יום טוב סוכות, פון דער ערשטער רגע משקידש החג, איז שוין פאַראַן די מצוה פון ישיבת סוכה, אָבער ביי נטילת ד' מינים, אפילו אין בית המקדש, הויבט זיך אָן זייער חיוב ערשט אין דערפרי.

נאָך מערער איז אין מצות ישיבה בסוכה, אַז ניט נאָר וואָס דאָס הויבט זיך אָן פון דער ערשטער מינוט משקידש החג, נאָר עס מוז זיין אַ הכנה צו דעם פון פאַר סוכות. וואָרום עס איז דאָך אַ בנין פון ג' דפנות, אָדער כמו מנהגנו [1]), ד' דפנות, און דוקא תעשה ולא מן העשוי, קען מען דאָך דאָס ניט טאָן אום יום טוב, נאָר מען מוז עס צוגרייטן פאַר יום טוב און אין עשית הסוכה איז שוין דאָ אַ מצוה [2]). אָבער ביי ד' מינים קען זיין אַז דער גאַנצער טאָן זאָל זיין אום יום טוב.

נאָך אַ חילוק איז דאָ צווישן סוכה און ד' מינים, אַז די ד' מינים האָבן אַ הגבלה, נאָכדעם ווי מען האָט אָפּ־געטאָן די מצוה איז מען שוין פטור פון איר, אָבער מצות ישיבת סוכה, וואָס די מצוה איז תשבו כעין תדורו [3]), איז דאָך ניט שייך צו זאָגן אַז ער האָט שוין אָפּגעטן די מצוה, נאָר זי ציט זיך במשך כל ימי החג.

מצות ישיבת סוכה הויבט זיך אָן משקידש החג עד כלות כל ימי החג.

ב. נאָך אַ מעלה פון מצות סוכה אויף אַלע מצוות, אויך אויף מצות נטילת ד' מינים:

אַלע מצוות זיינען ענינים פרטיים,

---

11) מנחות צט, ב. הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן פרק ג הלכה ד.

12) ראה אגרת הקדש סימן ה.

1) שולחן ערוך אורח חיים סימן תרל סעיף ה בהגה.

13) ראה של"ה מסכת תמיד עמוד התפלה ענין חנוכה (רמט סע"ב).

2) זע רש"י מכות ח, א. שולחן ערוך אדה"ז ריש סימן תרמא: עשייתה אינה גמר המצוה שעיקר המצוה הוא לישב בה.

3) סוכה כח, ב. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן תרלט, א.

זיי נעמען אַרום דעם מענטשן אין ענינים פרטיים. די מצוה טוט ער מיט דעם אבר און די מצוה טוט ער מיט אַן אַנדער אבר, אָבער עס נעמט אים ניט אַרום אין אַלע זיי־נע ענינים. אָבער מצות סוכה, תשבו כעין תדורו, איז דאָך אַלע ענינים וואָס ער טוט, ער טוט גאָר זיינע צרכים פרטיים, די זעלבע ענינים וואָס ער האָט געטאָן מיט אַ וואָך צוריק, איז היינט אַז ער טוט זיי אין סוכה איז ער מקיים דערמיט אַ מצוה.

נאָך מערער: עס איז באַוואוסט דער מאמר רז״ל [4], כל אדם שאין לו בית אינו אדם, ד. ה. עס פעלט אים אין דער שלימות פון אדם, וואָרום אַן אדם מוז האָבן אַ דירה לשבת בה. איז דאָך די מעלה וואָס ער האָט אַ דירה מיינט דאָס ניט דוקא ווען ער געפינט זיך אין דער דירה, נאָר אַפילו ווען ער געפינט זיך בשוק, איז דערמיט וואָס ער האָט אַ דירה למושבו, איז ער אַן אדם. במילא בשעת עס קומט סוכות, וואָס די מצוה איז תשבו כעין תדורו, איז במשך די זיבן טעג זיין דירה די סוכה, וואָס דערמיט איז די שלי־מות פון זיין אדם. איז דאָך פאַר־שטאַנדיק, אַז אַפילו בשעת ער גע־פינט זיך ניט אין דער סוכה, נאָר וויבאַלד ער האָט קובע געווען די סוכה לדירתו, איז אויך דעמאָלט איז ער פאַרבונדן מיט דער מצוה פון סוכה.

ג. חודש תשרי איז דאָך אַ חודש כללי [5]) על כל השנה כולה, ממילא איז פאַרשטאַנדיק אַז אַלע מצוות פון דעם חודש זיינען אַ הוראה בעבודה על כל משך השנה. די הוראה פון מצות סוכה איז:

מען מאָנט ביי אַ אידן עס זאָל זיין בכל דרכיך דעהו [6]), אַז אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין פאַרבונדן מיטן אויבערשטן. ניט נאָר בשעת לימוד ה־תורה ועבודת התפלה זאָל ער דינען דעם אויבערשטן, נאָר אַפילו בשעת ער האָט גאָר צו טאָן מיט עובדין דחול, דאַרף ער די עובדין דחול גופא פאַרבינדן מיטן אויבערשטן.

און דעם כוח און שטאַרקייט אויף דעם נעמט מען פון דער מצות סוכה.

ביי דער מצוה פון סוכה איז דאָך אַפילו ווען ער שלאָפט אין דער סו־כה איז ער מקיים אַ מצוה פון דעם אויבערשטן, און אַפילו ווען ער גע־פינט זיך גאָר ניט אין סוכה, אויך דעמאָלט איז ער פאַרבונדן מיט דער מצוה, און פון דעם דאַרף ער בע־מען כוח און שטאַרקייט אויף אַ גאַנץ יאָר, אַז אין אַלע זיינע ענינים זאָל ער זיין משועבד צו אלקות.

ד. די גמרא רופט אָן די מצות סוכה מיטן נאָמען מצוה קלה [7]).

וואָרום בשעת אַ איד שטעלט זיך אַוועק מיט אַ תוקף, זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, איך בין אַן עבד למלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דע־מאָלט איז אים לייכט דורכצופירן, אַז אויך זיינע צרכים הגשמיים זאָלן זיין כדבעי למהוי, און ער מאַכט אויך בתחתונים אַ דירה לו יתברך.

און בשעת ער מאַכט פון אַלע זיינע ענינים אַ דירה צום אויבערשטן,

---

4) יבמות סג, א תוס׳ ד״ה שאין.
5) ויקרא רבה פרשה כט, ח.
6) משלי ג, ו. שולחן ערוך אורח חיים סימן רלא.
7) עבודה זרה ג, א.

דעמאָלט ווערט נמשך אין אַלע זיי־נע ענינים מידו הרחבה בכל המצ־טרך לו בבני חיי ומזוני רויחי.

* * *

ה. אויף שמחת בית השואבה שטייט [8], ושאבתם מים בששון ממעי־ני הישועה. דאָס הייסט, אַז די וואַ־סער וואָס מען פלעגט שעפּן צוליב ניסוך המים על גבי המזבח, האָט עס געדאַרפט זיין פון מעיינות. על פי נגלה איז דאָס ניט פאַרשטאַנ־דיק: וואָרום דער רמב"ם פּסק'נט [9] אַז אויב מען האָט ניט געקענט קריגן פון מי השילוח פלעגט מען נעמען וואַסער פון כיור, וואָס דער כיור האָט ניט געהאַט קיין דין פון מעיין. נאָכמער — מי מקוה זיינען כשר לכיור, ובמילא על פי זה אויך לני־סוך [10].

דאַרף מען זאָגן דעם פשט, אַז עס איז ניט קיין נפקא מינה, פון וואַנען מען האָט געשעפּט די וואַ־סער, צי פון מעיינות אָדער פון אַן אַנדער אָרט. דער עיקר איז עס זאָל זיין ושאבתם מים בששון, און דורך דעם ווערט במילא ממעייני הישועה.

ו. די מעלה פון מי מעיין אויף אַנדערע וואַסער איז: א) מעיין איז מטהר בכל שהוא [11]. אַנדערע וואַסער דאַרפן האָבן אַ שיעור, וויפל מים עס דאַרף זיין, אָבער מי מעיין, ווי־באַלד זיי זיינען מחובר מיטן מקור, איז ניט נוגע קיין שיעור בכמות, דאָ איז נוגע די איכות, ומטהרין בכל שהוא. ב) מטהרין בזוחלין. אַנ־דערע מים דאַרפן ליגן אין אַ געֿ־וויסן אָרט, וואָס יענער אָרט האַלט זיי און מעסט זיי אויס, אָבער מי מעיין, אויב זיי זיינען מחובר מיטן מקור, דאַרפן דאָס ניט [12].

אין רוחניות מיינט עס: אויב מען וויל גיין מיט אייגענע כחות און מיט אייגענע חשבונות, בהפסק מן המקור, דעמאָלט דאַרפן זיין כמה תנ־אים, עס מוז זיין אַ שיעור, ער דאַרף האָבן געגוג שכל מיט גענוג כחות, אַ שיעור אַז כל גופו עולה בהם, און דאָס דאַרף זיין געהאַלטן און געמאָסטן פון אַ זאַך שחוץ ממנו, אַז מצד אַ צווייטן זאָל אויך אויסטראָגן אַז זיין שיעור איז גענוג. און אויב ער האָט ניט די תנאים, איז ווען מטהר זיין יענעם, קען קיין רייד ניט זיין; עס קען נאָך זיין אַ קלער אַז די מים אַליין זאָלן מקבל טומאה זיין.

בשעת אָבער מען איז צוגעבונדן צום מקור, צום מעיין, איז מען מטהר בכל שהוא ובזוחלין. עס זיינען ניטאָ קיינע תנאים.

צי ער האָט אַ סך אייגענע כחות אָדער ווייניק, זאָל זיין מער ניט ווי אַ כל שהוא, און דערצו איז ער נאָך זוחלין אויך, וויבאַלד אָבער ער איז צוגעבונדן צום מקור, גייט ער אויף ברייטע פלייצעס. און ניט נאָר וואָס ער איז ניט מקבל טומאה, נאָר אדרבה, ער איז מטהר אַלע טומאות, אַפילו אַ טומאה חמורה ביו־תר (מי חטאת), ווייל אין דעם זיינען

8) ישעי' יב, ג.

9) הלכות תמידין ומוספין פרק י הלכה יוד.

10) לא כתוספות סוכה מח, סע"ב.

11) מקואות פרק א, משנה ז.

12) זע בכל הנ"ל מפרשי המשנה מקואות פרק ה משנה ו וצמח צדק שם.

ניט נוגע זיינע כחות, וויבאַלד ער איז צוגעבונדן צום מקור.

ז. על פי זה וועט מען אויך פאַרשטיין דעם ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה.

דער ענין פון ניסוך המים אין עבודת האדם ברוחניות, איז קבלת עול, וואָס דאָס איז דער חילוק פון יין און מים. יין האָט אַ טעם, דעניגנו ברוחניות — הבנה והשגה. מים איז אַ זאַך וואָס מצד עצמו האָט דער מענטש אין דעם קיין טעם ניט, ער טוט עס נאָר מצד קבלת עול. ער רעכנט זיך ניט מיט זיך ווי ביי אים לייגט זיך דער ענין, נאָר ער פאַרבינדט זיך מיטן מקור און איז דאָס מקיים מיט קבלת עול.

בשעת עס איז ביי אים דאָ דער ושאבתם מים בששון, ער האָט אַ ביסל פשוט'ע וואַסער, אַ זאַך וואָס ער האָט אין דעם ניט קיין געשמאַק, און פונדעסטוועגן שעפּט ער דאָס בשמחה, ווייל ער וועט דאָס גיסן אויפן מזבח פאַר דעם אויבערשטן, ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן, דעמאָלט ווערט עס במילא ממעייני הישועה, עס ווערט מי מעיין המחובר למקור ומטהר בכל שהוא ובזוחלין, און עס ווערט נמשך אַ ישועה בכל הענינים, ניט לפי ערך זיינע כחות כלל, ווייל ער איז איינס מיטן מקור.

(משיחת יום ב׳ דחג הסוכות, תשט״ז)

ח. אויף שמחת בית השואבה, זאָגט די גמרא[13] מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו. דער פירוש הפשוט אין דעם איז, אַז די גמרא דערציילט די גרויסקייט פון שמחת בית השואבה, וואָס לגבי איר זיינען אַלע שמחות קיין שמחות ניט. און דאָס מיינען די ווערטער, מי שלא ראה שמחת בית השואבה, אַז הגם ער האָט געזען אַנדערע שמחות, פונדעסטוועגן, לא ראה שמחה מימיו.

דאַרף מען פאַרשטיין: לשון רז״ל איז דאָך אַ לשון מדויק, איז אויב מען וויל דערציילן וועגן דער גרויסקייט פון שמחת בית השואבה, האָבן זיי דאָך געקענט זאָגן בדיוק ובקיצור אין אַ לשון פון חיוב, אַז שמחת בית השואבה איז געווען אַ שמחה היותר גדולה, פאַרוואָס איז די אויסשפּראַך פון רז״ל אין אַ לשון פון שלילה, מי שלא כו׳ לא ראה שמחה כו׳.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: למאי נפקא מינה ובפרט איצטער?

נאָר דער ענין איז, די גמרא זאָגט אונז אַ הוראה אין עבודה, אויב מען האָט ניט געזען שמחת בית השואבה, איז הגם אַז ער מיינט אַז ער האָט יאָ געזען שמחה און זיך משתתף געווען אין איר, איז באמת דאָס נאָר אויבערפלעכלעך, אָבער באמיתית האָט ער קיין שמחה ניט געזען, וואָרום וויבאַלד אַז ער האָט ניט געזען שמחת בית השואבה, קען ער קיין שמחה ניט זען. און דאָס איז דער לשון: מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו.

ט. דער ביאור הענין איז:

דער ענין פון שמחה מיינט, אַרויס פון הגבלות. דערפאַר זעען מיר אַז בשעת איינער איז פריילעך בשמחה אמיתית, טוט ער דעמאָלט אַזעלכע

---

13) סוכה נא, ב.

זאכן וואָס זיינען למעלה ממדידת והג־בלת השכל שלו.

אויך די סיבה וואָס ברענגט די שמחה, איז אַן ענין וואָס איז העכער פון זיינע הגבלות. ווארום דאָס איז דאָך אַ כלל אַז אַ מסובב איז לויט דער סיבה, איז וויבאַלד אַז דער מסובב, די שמחה, איז למעלה מהגבלות, איז דאָך דאָס אַ הוראה אַז אויך די סיבת השמחה איז אַן ענין וואָס איז למעלה מהגבלות. דאָס הייסט אַז ער האָט באַקומען אַן ענין וואָס ער [illegible] זיך גאָרניט געריכט אויף דעם, וואָס איז העכער פון זיין השערת השכל, איז מצד דעם בלי גבול וואָס ער האָט באַקומען רופט עס אַרויס אויך אַ מסובב פון בלי גבול, וואָס דאָס איז דער ענין השמ־חה. דאָס איז אויך דער טעם וואָס שמחה פורץ גדר.

און עס איז כמים הפנים לפנים כן לב האדם (העליון) לאדם[14], אַזוי ווי דער פירוש הבעל שם טוב אויפן פסוק, הוי׳ צלך, אַז אַזוי ווי אַ שאָטן טוט נאָך אַלץ וואָס דער מענטש טוט, אַזוי אויך כביכול איז הוי׳ צלך, וואָס דאָס איז דער ענין, במדה שאדם מודד מודדין לו[15].

און דערפאַר בשעת דער אדם למטה איז בשמחה, און אדם איז דאָך מלשון אדמה לעליון, אַזוי ווי עס שטייט אין של״ה[16], אַז דערפאַר ווערט אַ מענטש אָנגערופן אדם ווייל ער איז אדמה לעליון, ווערט למעלה אויך שמחה[17]. ומלכותא דרקיעא כעין מל־כותא דארעא, אַז אַזוי ווי למטה איז שמחה פורץ גדר, אַזוי אויך למעלה בעת השמחה גייען אַראָפּ אַלע מדי־דות והגבלות.

אין עבודת האדם, דער עולם קטן[18], איז פאַראַן דריי קוים: תורה, עבודה וגמילות חסדים, און זיי אַלע דאַרפן זיין בשמחה. ווי די גמרא זאָגט[19], אין עומדין להתפלל לא מתוך עצבות ולא מתוך עצלות כו׳ אלא מתוך שמחה של מצוה. איז תפלה, וואָס איז דער קו העבודה — איזוהי עבודה שבלב זו תפלה[20] — דאַרף זיין בשמחה. אַזוי אויך דער קו התורה דאַרף זיין בשמחה, ווי די גמרא זאָגט דאָרטן: וכן לדבר הלכה. אַזוי אויך דער קו פון גמילות חסדים, וואָס דאָס איז צדקה, שטייט אין דער תורה, ולא ירע לבבך וגו׳[21], ומכלל לאו אתה שומע הן, און ווי די רז״ל זאָגן: והמפייסו מתברך בי״א[22]. נמצא אַז אין אַלע דריי קוים דאַרף די עבודת ה׳ געטאָן ווערן בשמחה ובטוב לבב.

י. מען האָט דאָך גערעדט אַז די סיבה צו שמחה אמיתית איז אַן ענין שלמעלה מהשערת השכל, איז במילא פאַרשטאַנדיק, אַז בכדי די עבודת ה׳ זאָל זיין בשמחה, מוז די עבודה זיין מצד קבלת עול. ווארום בעת די עבודה איז מצד זיין הבנה והשגה, איז דאָס אַן ענין מוגבל, קען ניט זיין דערפון אַ שמחה אמיתית,

---

14) משלי כז, יט.
15) סוטה יא, א.
16) ראה לעיל ע׳ 272 הערה 3.
17) זהר ח״ב קפה, ב.

18) תנחומא פקודי ג. תיקוני זהר תיקון סט (קרוב לתחלתו) וראה לקו״ת במדבר ה, א.
19) ברכות לא, א.
20) תענית ב, א.
21) דברים טו, י.
22) בבא בתרא ט, ב.

בלתי מוגבלת, אבער אז די עבודה איז מצד קבלת עול, העכער פון זיין השגה, וואס ער אליין איז דאך א מוגבל, איז ער זיך מבטל און באהעפט זיך מיטן אויבערשטן, דורך קיום מצוותיו יתברך, וואס מצוה איז מלשון צוותא וחיבור, וואס ער איז דאך בלתי מוגבל, איז דורך דעם וואס ער באהעפט זיך מיט אן ענין בלתי מוגבל פועל'ט דאס אויף אים ער זאל ארויס פון זיינע הגבלות, וואס דאס איז אמיתית ענין השמחה.

קומט מען אבער צו גיין און מען פרעגט א שאלה:

א מענטש איז דאך א שכלי, וואס דאס איז דאך דער יתרון האדם על החי, וואס אן אדם איז א שכלי, הייסט ווי מאנט מען ביי אים ער זאל אוועקלייגן זיין שכל אן א זייט און זיין גאנצע הנהגה זאל ניט זיין ווי עס קומט אויס מצד השכל, נאר טאן מצד קבלת עול?

האבן די רז"ל געזאגט אויפן פסוק אשר ברא אלקים לעשות — לתקן [23]. אלע נבראים וואס דער אויבערשטער האט באשאפן איז ניט די כוונה זיי זאלן אזוי בלייבן, נאר די כוונה איז, זיי זאלן צוקומען צו א העכערער מעלה ושלימות. דער תכלית הדומם איז ער זאל נכלל ווערן אין צומח, דער צומח — אין חי, דער חי — אין מדבר און דער תכלית המדבר, וואס ער איז א שכלי, איז ער זאל נכלל ווערן אין אלקות שלמעלה מהשכל, דורך התבוננות בגדולתו יתברך, דורך אהבה ויראה און דורך קיום המצוות בקבלת עול מלכות שמים. דער תכלית בריאת האדם, השכלי, איז אז דער אדם, ד. ה. דער שכל שבאדם זאל נכלל ווערן אין דעם למעלה מן השכל.

יא. לויט דעם וועט מען פארשטיין דעם ענין, אז מען קען ניט זען קיין שמחה אויב מען זעט ניט פריער די שמחה פון בית השואבה.

שמחת בית השואבה איז דאך געווען ווייל סוכות פלעגט מען מנסך זיין אויפן מזבח אויך מים, — אויסער ניסוך היין וואס איז געווען אויך א גאנץ יאר.

שטייט אין מדרש [24], אז דער טעם וואס מים האבן זוכה געווען דערצו איז, ווייל בעת דער אויבערשטער האט געזאגט, יהי רקיע בתוך המים וגו' און מבדיל געווען בין מים עליונים למים תחתונים, האבן די מים תחתונים געוויינט, זיי זיינען געשטאנען אין א תשוקה, און געזאגט, אנן בעינן למהוי קדם מלכא. האט זיי דערפאר דער אויבערשטער צוגעזאגט, אז מען וועט נעמען פון זיי וואסער לנסך על גבי המזבח.

דאס הייסט אז דער ניסוך המים על גבי המזבח בסוכות — נעמט אראפ די הבדלה וירידה פון די מים תחתונים. נאך מער, זיי ווערן נאך דורך דעם נתעלה העכער ווי זיי זיינען געווען קודם ירידתם. יעדער ירידה איז דאך לצורך עלי'.

דער ענין ברוחניות פון הבדלה בין מים עליונים למים תחתונים איז — די כללות'דיקע הבדלה פון מעלה מיט מטה, פון רוחניות מיט גשמיות. השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם.

---

23) ראה רש"י בראשית רבה פי"א, ו.

24) הובא ברבנו בחיי ויקרא ב, יג וראה מדרש עשרת הדברות א ורשימות הצמח צדק לתהלים צב.

דאָס איז אָבער נאָר ווי מצד דעם סדר הבריאה. דער תכלית הבריאה איז דאָך, אשר ברא אלקים לעשות, לעשות ולתקן, אַז די אַלע ענינים למטה זאָל אין זיי זיין אָן עלי׳ און נאָך העכער ווי עס איז געווען קודם הירידה, כנ״ל.

און דאָס דריקט זיך אויס אין דעם וואָס מים תחתונים בוכים, אַנן בעינן למהוי קדם מלכא, און דער אויבערשטער האָט זיי צוגעזאָגט ניסוך על גבי המזבח, וואָס דורך דעם ווערן זיי נאָך העכער ווי קודם ירידתם.

און דאָס איז דער טעם פון גודל השמחה פון שמחת בית השואבה, וואָס דעמאָלט נעמט מען אַראָפּ אַלע הב־דלות ומחיצות פון וועלט, מען איז פורץ אַלע גדרים והגבלות העולם דורך דעם וואָס מען פאַרבינדט זיך מיטן אויבערשטן. שמחה פורץ גדר.

און דערפאַר איז שמחת בית השו־אבה דער מקור און שורש פון יע־דער שמחה, אמיתית ענין השמחה וואָס מיינט פורץ זיין דעם גדר פון וועלט.

יב. קען מען דאָך שטעלן אַ קשיא: טבע איז דאָך אויך אַ בריאה וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן, איז ווי קען מען זיך שטעלן אַנט־קעגן? על דרך ווי די גמרא דער־ציילט [25]), אַז מען האָט געפרעגט רבי עקיבא׳ן, ווי אַזוי מעג מען מפרנס זיין אַן עני, ווייבאַלד דער אויבער־שטער האָט אים געמאַכט פאַר אַ חסר?

אויף דעם ענטפערט מען:

בו ביום ווען דער אויבערשטער האָט געמאַכט די הבדלה פון מעלה ומטה, בו ביום האָט דער אויבער־שטער געזאָגט אַז דער תכלית ההב־דלה איז בשביל עלי׳, מחצתי ואני ארפא, מחצתי מלשון מחיצה, כמאמר רז״ל [26]) — צוזאַמען מיט דער בריאת המחיצה איז אויך דאָ דער ואני ארפא. מען גייט ניט אַנטקעגן דער בריאה, נאָר אדרבה מען פירט אויס די כוונה און דעם תכלית פון דער בריאה.

די כוונת גדר העולם והטבע איז — מען זאָל פורץ גדר זיין און ממשיך זיין דעם למעלה מן הטבע למטה.

יג. און דאָס זאָגט די גמרא, מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו. מיינט דאָ ניט די גמרא צו דערציילן אַ סיפור דב־רים בעלמא, נאָר דאָס איז אַ הוראה בעבודת האדם לקונו.

די גמרא גיט אַרויס אַ הוראה:

ווי אַזוי קען מען צוקומען צו שמחה אין אַלע דריי קוים פון תורה, עבודה וגמילות חסדים, וואָס זיי דאַרפן זיין בשמחה,

איז דאָס דורך צוקוקן זיך און אַריינטראַכטן זיך ביז ער וועט דאָס זען פון דעם ענין שמחת בית השו־אבה.

דער לשון: ראה שמחת בית השו־אבה, על דרך ולבי ראה הרבה חכ־מה [27]), — בשעת מען קוקט זיך צו צו שמחת בית השואבה, און מען טראַכט זיך אַריין אין דער כוונת ותכלית הירידה, זעט מען דעמאָלט אַז די כוונת הירידה איז צוקומען צו אַן עלי׳ יתרה, וראי׳ — למעלה משמי־עה.

---

25) בבא בתרא י, א.

26) קהלת רבה פרשה א, פסוק ד.

27) קהלת א, טז.

יד. בפרטיות אין עבודת האדם:

אז מען טראַכט זיך אַריין אין דעם תכלית בריאת השכל, זעט מען אַז דער תכלית איז אַז שכל אַליין זאָל נכלל ווערן אין למעלה מן ה־שכל.

און דאָס גיט אַ כוח אויף אַראָפּ־צונעמען די מדידות והגבלות פון גוף, די מדידות והגבלות פון נפש הבהמית און די מדידות והגבלות פון נפש האלקית און מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים, וואָס דורך דעם איז ער ממשיך אַ שמחה בנפשו און דורך דעם אויך בכל העולם כולו.

טו. דער טעם אויפן נאָמען שמחת בית השואבה שטייט, שמשם היו שו־אבין רוח הקודש. דער ירושלמי [28] זאָגט אויף יונה בן אמיתי, אַז ער האָט געצומען זיין נבואה פון שמחת בית השואבה.

אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק: אין בית המקדש בעת שמחת בית השואבה זיינען דאָך געווען טויזנ־טער און טויזנטער אידן און צווישן זיי כמה וכמה גדולים, איז וויבאַלד אַז משם היו שואבין רוח הקודש, האָבן דאָך אַלע גענומען פון דאָרט רוח הקודש, פאַרוואָס דערמאָנט מען דווקא יונה׳ן?

אַזוי ווי מען האָט פריער גע־רעדט, אַז אַלע סיפורים פון תורה זיינען ניט אַ סיפור בעלמא, נאָר אַ הוראה בעבודת האדם לקונו, אַזוי איז אויך דער סיפור פון ירושלמי וועגן יונה׳ן.

עס שטייט אין זוהר [29], אַז יונה בן אמיתי מיינט מען די נשמה, מל־שון לא תונו איש את עמיתו. דאָס הייסט, אַז בירידת הנשמה בגוף איז מצד דעם ריחוק און הפכיות פון נשמה וגוף, דאַרף מען זען אַז דער גוף זאָל חס ושלום ניט אָפּנאַרן די נשמה; פאַרקערט, מען דאַרף זען אַז די נשמה זאָל אָפּנאַרן דעם גוף, דאָס מיינט, אַז די נשמה זאָל אָפּ־נאַרן גשם און מאַכן פון אים אַ דירה לו יתברך.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס מען זאָגט אויף יונה׳ן דוקא, אַז ער האָט שואב געווען פון שמחת בית השואבה. דער ענין פון שמחת בית השואבה איז דאָך, ווי מען האָט פריער גערעדט, דער ענין פון מחצתי ואני ארפא, דער ענין פון אשר ברא אלקים לעשות — לתקן, אַז ניט קוקנדיק אויף דער ירידה פון גש־מיות האָט מען דעם כוח אויף מעלה צו זיין אים נאָך העכער ווי פריער, איז פון שמחת בית השואבה שעפּט מען דעם כוח אויף יונה מלשון אונאה, אָפּנאַרן דעם גשם און מאַכן פון גשמיות העולם גופא אַ דירה לו יתברך.

(משיחת שמחת ביה״ש, תשט״ז)

---

28) סוכה פרק החליל הלכה א בגמרא.

29) חלק ב קצט, א.

* * *

טז. חג הסוכות קומט נאָך דער עבודה פון עשרת ימי תשובה. דאָס מיינט אַז אַלע המשכות פון עשרת ימי תשובה קומען אַראָפּ בחג הסוכות אין קו השמחה.

אין עשרת ימי תשובה, זיינען דאָ ביידע טעג ראש השנה, יום כיפור, און די זיבן טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור. און די אַלע דריי ענינים — ראש השנה, יום כיפור און די ז' ימים — זיינען פאַרבונדן מיט סוכות.

ראש השנה:

אין „סכך" זיינען דאָ דריי אותיות: סמ"ך, כ"ף און נאָך אַ כ"ף, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט די זעכציק תקיעות, צוואַנציק שברים און צוואַנציק תרועות, פון די מאה קולות וועלכע מען בלאָזט ראש השנה.

יום כיפורים:

דער עיקר פון עבודת יום כיפורים איז דער ענן הקטורת. אין חסידות ווערט דערקלערט אַז פון דעם ענן הקטורה ווערן נמשך די ענני הכבוד, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון סוכות.

ז' ימים:

אין די ז' ימים שבין ראש השנה ליום כיפורים זיינען פאַראַן אַלע טעג פון דער וואָך, זונטיק, מאָנטיק, א. א. וו. דער זונטיק פון די ז' ימים איז מתקן אַלע זונטיקס פון דעם יאָר, דער מאָנטיק אַלע מאָנטיקס וכו'. די ז' ימים פון עשרת ימי תשובה ווערן שפּעטער נמשך בשמחה אין די ז' ימים פון סוכות, וואָס דורך זיי איז מען ממשיך שמחה אין אַלע טעג פון וואָך פון קומענדיקן יאָר.

יז. אין פלוג קען מען דאָך פרעגן, וויבאַלד אַז דער ניסוך איז געווען אינדערפרי, בזמן הקרבת תמיד של שחר [30], איז דאָך ניטאָ קיין גאַנצע זיבן טעג, ווארום עס פעלט די ערשטע נאַכט?

אָבער באמת איז דאָס ניט קיין קשיא מצד צוויי טעמים: א) די שמחה פון סוכות איז פאַרבונדן מיטן לולב, וואָס דאָס הויבט זיך אָן פון ביינאַכט, משקידש היום [31], ב) אפילו מצד הנסכים, שטייט אין ירושלמי [32] אַז בדיעבד אויב מען האָט מנסך געווען ביינאַכט, אַפילו די ערשטע נאַכט, וואָס מען האָט נאָך קיין איין מאָל ניט מקריב געווען, איז בדיעבד כשר. במילא הויבט זיך אָן די שמחה פון ביינאַכט, און עס זיינען פאַראַן גאַנצע זיבן מעת לעת.

יח. דער טעם פאַרוואָס ניסוך המים איז כשר בדיעבד אויך ביינאַכט איז ווייל ניסוך המים איז ניט חובת הזבח נאָר חובת היום. וואָס דאָס איז דער חילוק צווישן ניסוך היין און ניסוך המים: ניסוך היין איז חובת הזבח, דערפאַר מוז עס זיין בייטאָג דווקא, אָבער ניסוך המים איז חובת היום.

30) יומא כו, ב.
31) סוכה לג, ב רש"י ד"ה הכי גרסינן.
32) סוכה פרק ד, הלכה ו.

הגם אַז אויך ניסוך המים איז פאַרבונדן מיטן זבח, וואָס דערפאַר שטייט אין תוספתא [33]) אַז עס איז שייך פיגול אין ניסוך המים, אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס ניט פאַרבונדן מיטן זמן הזבח.

באמת דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דאָ אַ חילוק פון ניסוך היין ביז ניסוך המים. ביידע לערנט מען דאָך אָפּ פון איין פסוק, ונסכי' לשון רבים, היינט פאַרוואָס זאָל יין זיין חובת הזבח ומצותה ביום דוקא און ניסוך המים — חובת היום וכשר גם בלילה?

יט. נאָר דער ענין איז: אויף תורה שטייט זאת התורה אדם. ד. ה. אַז תורה איז געגליכן צו אַ מענטש. פונקט ווי ביי אַ מענטש איז דאָ דער גוף מיט דער נשמה, וועלכע געפינט זיך אין אַלע חלקי הגוף, און באַלעבט זיי,

אַזוי אויך אין תורה, איז דאָ דער גוף פון תורה — גליא דתורה, און די נשמה פון תורה — נסתר ופנימיות התורה. און די פנימיות איז פאַראַן אין אַלע חלקים פון נגלה, אין יעדער הלכה און סוגיא, וואָס דאָס — די פנימיות — איז דער חיות פון דער נגלה.

דערפאַר זיינען פאַראַן כמה וכמה ענינים אין נגלה, וואָס עס זעט זיך אָן אין זיי בגילוי זייער נשמה, און מען קען זיי פאַרשטיין נאָר דורך דער פנימיות וואָס אין זיי.

אויך דער ענין הנ"ל וועט ווערן פאַרשטאַנדיק דורך דער פנימיות ונשמה פון אים.

כ. דער חילוק פון יין מיט מים איז:

יין האָט אַ טעם און אַ געשמאַק, אָבער וואַסער פאַר זיך האָט ניט קיין געשמאַק. דערפאַר געפינען מיר אַז אויף יין דאַרף מען אַלעמאָל מאַכן אַ ברכה, וואָרום וויבאַלד אַז דאָס האָט אַ טעם איז ווען מען זאָל דאָס נאָר טרינקען פילט מען אין דעם אַ געשמאַק, אָבער אויף וואַסער דאַרף מען ניט מאַכן קיין ברכה, סיידן בשעת מען טו'נקט מים לצמאו דוקא [34]), וואָס דאַן האָט ער אין דעם אַ טעם.

אַזוי ווי אין חיי הגוף איז פאַראַן יין און מים, אַזוי זיינען דאָ ביידע אופנים אויך אין חיי הנשמה. עבודה על פי טעם ודעת הייסט יין, ווייל אין דעם איז דאָ אַ געשמאַק; און עבודה מצד קבלת עול הייסט מים, ווייל מצד עצמה איז ניטאָ אין איר קיין געשמאַק.

כאָטש קבלת עול איז אַן ענין וואָס מצד עצמה האָט זי ניט אין זיך קיין עונג און געשמאַק, פונדעסטוועגן איז אַזוי ווי אויף מים שטייט, השותה מים לצמאו מברך כו', וואָרום מצד דעם צמאון באַקומט ער אַ געשמאַק אויך אין מים, אַזוי אויך אין קבלת עול. בשעת ער איז זיך מתבונן אין דעם ענין פון ירידת נשמתו למטה, שירדה מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, דעמאָלט כאַפּט ער זיך אַז ניט קוקנדיק וואָס ער איז גרויס אין השגה, ער איז אַ „גדול" בחכמה, אָבער וואָס פאַר אַן ערך האָט עס לגבי דעם מצב ווי די נשמה איז געשטאַ־

33) סוכה פרק ג, ז וראה שו"ת אבני נזר חלק אורח חיים סימן תצה.

34) ברכות מה, א.

נען קודם ירידתה, והלואי תהא יציאתו מהעולם כביאתו על כל פנים[35], ומצד דעם ווערט ביי אים אַ צמאון צו אלקות, און דער צמאון רופט ביי אים אַרויס אַ ביטול פון קבלת עול, וואָס דעמאָלט, מצד דעם צמאון, איז אויך דער קבלת עול מיט אַ סך געשמאַק און לעבעדיקייט.

— און דאָס איז אויך השותה מים לצמאו מברך שהכל נהי' בדברו — בשעת מען שטייט אין דער תנועה פון צמאון און קבלת עול, הערט מען אין „הכל", אין יעדער זאַך, אויך אין עולם הזה הגשמי והחומרי, ווי דאָס איז „נהי' בדברו", ווי דער אַלטער רבי האָט אַמאָל געזאָגט אַז ער זעט נאָר דעם כוח הפועל בנפעל. און דאָס קען מען הערן אויך בזמן הגלות —

אדרבה, דער געשמאַק און די שמחה וואָס אין קבלת עול איז נאָך גרעסער ווי די שמחה מצד השגה. וואָרום די שמחה מצד השגה איז בהגבלה כפי אופן ההשגה, אָבער די שמחה מצד קבלת עול איז בלי גבול.

און דערפאַר זעט מען אויך אַז דער עיקר שמחה איז געווען ביי ניסוך המים דוקא, און די שמחה איז געווען אויף אַזוי פיל, ביז אַז מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו[36].

כא. און דאָס איז דער טעם וואָס ניסוך היין איז חובת הזבח און ניסוך המים חובת היום, ווייל דער חילוק פון זבח מיט יום איז:

זבח איז אַן ענין פון עבודת האדם, וואָס דער אדם ברענגט אַ קרבן. דערפאַר זיינען אין זבח פאַראַן כמה וכמה חילוקי מדריגות, ביז אַז נשים וכו' פטורות ממחצית השקל[37], וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן אויף קרבנות הצבור.

יום טוב איז אַן ענין וואָס עס קומט מלמעלה, עס איז מיקדשא וקיימא. — דער קביעות החודש איז טאַקע אָפּהענגיק אין בית דין, אָבער נאָך דעם ווי בית דין האָט שוין קובע געווען ראש חודש, איז בשעת עס קומט דער פופצנטער טאָג ווערט עס במילא סוכות. — און דערפאַר איז אין דעם ניטאָ קיין חילוקי מדריגות, אַלע זיינען אין דעם גליין.

און דערפאַר איז יין — טעם ודעת — חובת הזבח, און מים — קבלת עול — חובת היום, ווייל עבודה שעל פי טעם ודעת איז לפי ערך האדם המשיג, און עס זיינען דאָ אין דעם חילוקי מדריגות, אַזוי ווי אין זבח. אָבער עבודה מצד קבלת עול איז ניט לויט זיין ערך, דאָ איז ניט נוגע דער מצב האדם, ווייל ער רעכנט זיך ניט מיט זיין פאַרשטאַנד און געפיל, צי ער פאַרשטייט יע צי ניט, צי ער פילט יע צי ניט, ער רעכנט זיך ניט לגמרי מיט זיך און ער איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים. אין דעם איז ניטאָ קיין חילוקי מדריגות, און דאָס איז גליך צו יום טוב, אַז עס איז ניט נוגע דער מעמד ומצב האדם, נאָר תיכף משקידש היום ווערט עס קדוש.

כב. און דאָס איז אויך דער ענין וואָס ניסוך היין האָט געדאַרפט זיין ביי טאָג דוקא און ניסוך המים האָט געקענט זיין אויך ביינאַכט.

35) בבא מציעא קז, סע"א.

36) ראה לעיל ע' 420 הערה 13.

37) ירושלמי שקלים פרק א הלכה ג.

עבודה מצד השגה קען זיין נאָר בשעת אים איז ליכטיק אין זיין שכל, ער פאַרשטייט און פילט, דע־מאָלט דוקא קען ער דינען דעם אויבערשטן מצד שכל. אָבער די עבודה פון קבלת עול קען זיין אויך ביינאַכט, ביי אים לייכט ניט, פונ־דעסטוועגן רעכנט ער זיך ניט מיט קיין זאַך און ער איז מקבל אויף זיך עול מלכותו יתברך.

כג. לויט דעם קומט אויס אַז ביי־סוך המים קומט פאַר ניסוך היין. וואָרום ניסוך המים איז שייך באַלד פון דער ערשטער נאַכט סוכות און ניסוך היין הויבט זיך ערשט אָן אויף מאָרגן אינדערפרי.

דער ענין אין רוחניות:

קבלת עול אַליין איז וויניק. מען דאַרף זיך באַמיען אַז אויך דער שכל זאָל פאַרשטיין אַז מען דאַרף דינען דעם אויבערשטן. וואָרום עס איז דאָך כל חלב להוי׳, אַלע בעס־טע זאַכן דאַרף מען אָפּגעבן צום אויבערשטן[38], און וואו איז דאָ ביי דעם מענטשן אַ בעסערע און גע־שמאַקערע זאַך ווי שכל, במילא דאַרף מען אויך דעם שכל משעבד זיין צו אלקות.

אָבער דאָס מיינט ניט אַז דער קיום המצוות זאָל זיין מצד און לויט שכל, אדרבה, דער יסוד העבודה איז קבלת עול דוקא. און דורך דער הקדמה פון קבלת עול קען דעמאָלט זיין די השגה.

וואָרום עס איז דאָך אלמלא הקב״ה עוזרו אין יכול לו[39], מוז מען דאָך אָנקומען צום עזר הקב״ה, און גע־מען דעם אויבערשטן קען מען דורך קבלת עול דוקא, אָבער אָן קבלת עול האָט מען ניט דעם עזר הקב״ה, במילא איז צוליב דעם יצר הרע האָט מען די השגה אויך ניט.

אַזוי ווי מיר געפינען בשעת מתן תורה, אַז די התחלה איז געווען, הקדמת נעשה לנשמע, וואָס דאָס איז דאָך קבלת עול. וואָרום וויבאַלד זיי האָבן נאָך לגמרי ניט געוואוסט ווען וואָס עס האַנדלט זיך, איז דאָך פאַר־שטאַנדיק אַז זיי האָבן ניט געקענט האָבן אין דעם קיין טעם און געשמאַק, נאָר זיי האָבן מקבל געווען די תורה מצד קבלת עול.

און אַזוי אויך בעבודה הפרטית של כל אחד ואחד, שטייט דער לשון[40]: למה קדמה פרשת שמע לוהי׳ אם שמוע כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחלה ואחר כך יקבל עליו עול מצוות. איז דער דיוק הל־שון עול דוקא, אַ יאָך, וואָס ער האָט ניט אין דעם קיין געשמאַק. און ווי דער אַלטער רבי ברענגט אין תניא[41] בארוכה, כהאי תורא דיהבין עלי׳ עול בקדמיתא כו׳, ואי האי לא אשתכח גבי׳, קען ער אַפילו די עבודה פון השגה אויך ניט האָבן.

דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס רבא האָט געענטפערט דעם צדוקי אויף זיין טענה[42]: עמא פזיזא דקד־מיתו פומייכו לאודנייכו. האָט אים רבא געענטפערט, תומת ישרים — דאָס מיינט די תמימות פון די אידן שהקדימו נעשה לנשמע — תנחם, אַז סוף כל סוף קומט עס אַראָפּ אויך אין השגה, וסלף בוגדים —

38) ראה בארוכה לעיל ע׳ 326 ואילך.

39) קדושין ל, ב.

40) ברכות יג, א.

41) פרק מא מזוהר ח״ג קח, א.

42) שבת פח, סע״ב.

בשעת מען וויל גיין על פי שכל דוקא — תשדם, אַז סוף כל סוף פאַרלירט מען אויך די השגה.

דער יסוד העבודה איז קבלת עול, אָבער, ווי געזאָגט פריער, דאַרף מען אויך דעם שכל משעבד זיין צו אלקות, נאָר די עבודה פון השגה קען קומען נאָך דער הקדמה פון קבלת עול דוקא כנ"ל. דערפאַר איז דער דין אַז די ערשטע זאַך איז ניסוך המים, דאָס איז דער אָנהויב באַלד משקידש היום. און דערנאָך קען מען, און דאַרף מען, צוגיין צו דער עבודה פון השגה, ניסוך היין.

כד. דער רמב"ם זאָגט אין פירוש המשניות [43]) אַ טעם אויף דער משנה בכל מערבין חוץ מן המים, ווייל אויף אַן עירוב דאַרף מען האָבן אַ דבר המזין און מים איז ניט מזין, עס איז מער ניט וואָס עס פירט פאַנאַנדער דעם עסן אין אַלע טיילן פון קערפּער.

אַזוי אויך קבלת עול וואָס איז געגליכן צו מים, איז אין איר אַליין ניטאָ קיין געשמאַק, עס איז ניט קיין דבר המזין, אָבער דורך דעם קומט צו אויך אין השגה כנ"ל.

כה. אַזוי ווי עצם קבלת עול גיט צו אויך אין השגה, אַזוי אויך די שמחה שמצד קבלת עול גיט אַריין אַ תוספת שמחה אין השגה. דערפאַר איז די שמחה געווען די גאַנצע צייט פון סוכות, ווי עס שטייט דער לשון אין גמרא [44]), שלא טעמנו טעם שינה, אויך אין דער צייט פון ניסוך היין.

בשעת השינה איז דער אדם ווי אַ בהמה. די עבודה פון קבלת עול אָבער פאַרטרייבט די שינה, אויך אויף דער צייט פון ניסוך היין, אויף די גאַנצע זיבן טעג פון סוכות, און דורך זיי אויך אויף די ז' ימי השבוע שבכל משך השנה [45]), אַז אין אַלערליי זמנים און אַלערליי אופנים זאָל ניט זיין קיין שינה און עס זאָל זיין דער עבדת את הוי' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל.

כו. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין גמרא [46]) אַז מען פלעגט זאָגן דעם כהן המנסך את המים, הגבה ידך. ווייל עס איז איינמאָל געווען אַ מעשה מיט אַ צדוקי שניסך על גבי רגליו — די צדוקים זיינען ניט מודה אין ניסוך המים, ווי דער רמב"ם איז מבאר דער טעם [47]), ווייל ניסוך המים שטייט ניט בפירוש אין דער תורה. עס איז ניט מער ווי אַ רמז וואָס דערפון האָבן די רז"ל אַרויסגעלערנט די מצוה פון ניסוך המים, און די צדוקים האָבן ניט מודה געווען אין תורה שבעל פה — ורגמוהו כל העם באתרוגיהם. איז פון דעמאָלט אָן האָט מען איינגעפירט מען זאָל זאָגן דעם מנסך: הגבה ידך, בכדי ער זאָל אַריינגיסן די מים אין ספל.

אין פלוג זיינען אין דעם עטלעכע ענינים ניט פאַרשטאַנדיק: א) וויבאַלד אַז די צדוקים זיינען ניט מודה אין ניסוך המים האָט ער אינגאַנצן ניט געדאַרפט מנסך זיין, פאַרוואָס ניסך על גבי רגליו? ב) פאַרוואָס רגמוהו כל העם, אויף

---

43) עירובין פרק ג, משנה א.

44) סוכה נג, א.

45) כנ"ל סעיף טז.

46) סוכה מח, ב.

47) בפירוש המשניות סוכה פ"ד מ"ט.

א שינוי אין עבודה קומט אָדער מיתה בידי שמים אָדער עס איז שייך צו קנאים, ווי דער דין פון קנאים פוגעין בו, איז פאַרוואָס רג־מוהו כל העם? ג) וואָס איז דער דיוק באתרוגיהם דוקא?

אָבער לויט דעם אויבן־געזאָגטן וועגן דעם ענין פון ניסוך המים וועלן ווערן פאַרענטפערט אַלע דיוקים.

כז. די שיטה פון די צדוקים איז געווען אַז מען דאַרף נעמען תורה על פי שכל. דערפאַר האָבן זיי ניט מודה געווען אין מסורת חז״ל. דער אמת איז דאָך אַז משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע וכו׳ ביז אַז יעדער הלכה וואָס איז אָפּגעפּסק׳נט אין שולחן ערוך און אַנדערע ספרים וואָס זיינען אָנגענומען ביי אידן, איז אין להרהר אחריהם. מען דאַרף זיך טאַקע משתדל זיין אויף צו פאַר־שטיין אויף וויפל עס איז מעגלעך, אָבער אויך דאָס וואָס מען פאַר־שטייט ניט דאַרף מען טאָן אַזוי ווי עס שטייט. אָבער די צדוקים האָבן גע׳טענה׳ט אַז וויבאַלד תורה לא בש־מים היא, קען יעדער איינער נעמען תורה לפי שכלו.

דערפאַר איז אויף ניסוך היין, וואָס זיין ענין איז הבנה והשגה, האָבן זיי מסכים געווען, אָבער אויף ניסוך המים, וואָס זיין ענין איז קבלת עול, האָבן זיי מנגד געווען.

נשים ועמי הארץ, אויך בעלי עס־קים וואָס זייער שכל איז טרוד אין עסק און ניט אין תורה, מוזן זיך טאַקע פירן לויט די הוראות וועל־כע מען גיט זיי אַרויס. אָבער די וועלכע עס גיבן אַרויס די הוראות, זיי ליגן דאָך אין תורה, איז זיי — לשיטת הצדוקים — דאַרפן ניט זיין בטל צו מסורת חכמים, וואָרום זיי אַליין ליגן דאָך אויך אין תורה, ויפתח בדורו כשמואל בדורו [48]), ושקל הכתוב שלשה קלי עולם כנגד שלשה חמורי עולם, ותורה לא בשמים היא.

און דאָס איז וואָס דער צדוקי נסך על גבי רגליו: ער אַליין, ווי־באַלד ער איז אַ כהן אין מקדש ומשרת את ה׳ [49]), דאַרף ער ניט אָנקומען צו קבלת עול, אָבער נסך על גבי רגליו, אַז פון אים זאָלן אַרויסקומען הוראות בדרך קבלת עול צו די שש מאות אלף רגלי העם.

— אַזוי איז פאַראַן דער ענין אויך בנוגע צו זיך אַליין, אַז די ענינים פון רגלים זאָלן זיין בקבלת עול, אָבער די ענינים פון מוח ולב זאָלן זיין מצד ההרגש און ניט מצד קבלת עול —

כח. און דאָס איז אויך וואָס רג־מוהו כל העם, ניט די כהנים נאָר דער פשוט׳ער עם דוקא, וואָרום די בעלי השגה, הגם אַז דער יסוד פון זייער עבודה איז קבלת עול, פונדעסטוועגן איז מצד דעם וואָס זיי האָבן שכל, איז בשעת עס קומט איינער און טענה׳ט אַז מען דאַרף ניט קיין קבלת עול און עס איז געגנוג שכל, איז שווער צו ענטפערן אויף דעם, וואָרום ביי זיי הערט זיך ניט אָן אויף אַזוי פיל אַז שכל אַליין איז ווייניק. אָבער דער פשוט׳ער עם דוקא, בשעת זיי האָבן געהערט

---

48) ר״ה כה, ב.

49) ועיין ברמב״ם סוף הלכות שמיטה ויובל שענין הכהן הוא, אשר נדבה רוחו וכו׳.

אזא טענה אז מען דארף ניט אנ־קומען צו קבלת עול, האבן זיי באלד מרגיש געווען אז עס איז היפך רצון העליון.

ועל דרך ווי עס ווערט דערקלערט אין אן אנדער ארט[50]) אז בזמן הגלות איז מאיר דער כוח המסירת נפש מערער ווי בזמן הבית, ווייל מצד דעם גילוי אלקות וואס עס איז גע־ווען בזמן הבית, אם בחוקותי תלכו ונתתי גשמיכם וגו׳, האט מען ניט געדארפט אנקומען אזוי פיל צו מסי־רת נפש — איז אזוי אויך בזמן הבית און בזמן הגלות גופא, איז ביי אנשים פשוטים מאיר מערער דער כוח פון מסירת נפש ווי ביי בעלי שכל.

כט. דער דיוק פון באתרוגיהם איז:

אין די ד׳ מינים אתרוג לולב הדס וערבה, איז אין אתרוג די העכס־טע מעלה, ווארום אתרוג יש בו טעם ויש בו ריח. אין כחות הנפש איז דאס שכל, וואס כוח השכל איז דער העכסטער כוח. און דאס מיינט ורגמוהו כל העם באתרוגיהם, אז מיט וואס האבן זיי געענטפערט דעם צדו־קי — באתרוגיהם, אויך מיט זייער שכל ותענוג האבן זיי פארשטאנען, און געענטפערט דעם צדוקי אז זיין שיטה איז היפך רצון העליון. ווייל ביי א קבלת־עול׳ניק איז אויך זיין שכל ותענוג לויט דעם קבלת עול.

כ״ק מו״ח אדמו״ר האט דערציילט, אז אין ליובאוויטש איז געווען אמאל א שריפה, איז איינער אנטלאפן פון דער שריפה און אריינגעלאפן אין זייער אן ענגען ארט, וואס ער האט פון דארטן ניט געקענט דערנאך ארויסגיין. לכאורה, וויבאלד אז דער ארט איז געווען קליין, וואס דער־פאר האט ער פון דארטן ניט גע־קענט ארויסגיין, היינט ווי אזוי איז ער לכתחילה אריין אהין? עס איז דאך כבולעו כך פולטו. נאר דער ענין איז, אז פריער איז מצד דעם גודל התשוקה צו לעבן, האט עס גע׳פועל׳ט א כיווץ אין בשר הגוף.

היינט מה־דאך אז רצון קען פו־על׳ן אויפן גוף, מכל שכן אז רצון קען פועל׳ן אויף שכל.

אזוי ווי מיר געפינען אויך לגבי שוחד, אז מצד רצון ווערט א נטי׳ אויך אין שכל.

ל. דערמיט וועט מען אויך פאר־שטיין וואס עס שטייט אין גמרא[51]), ואותו היום נפגמה קרן המזבח וה־ביאו בול של מלח וסתמוהו.

דער ענין פון מזבח איז וואס אויף אים האט מען מקריב געווען דעם חלב ודם פון די קרבנות, ד. ה. דעם מובחר. עס איז דאך באוואוסט אז בשעת הקרבת הקרבן האט מען געדארפט טראכטן אז אלע ענינים וואס מען טוט מיט דער בהמה האט מען געדארפט טאן מיט דעם מענטשן. איז פארשטאנדיק לויט דעם, אז דער ענין המזבח בעבודה בנפש האדם איז דער שעבוד כחותיו הנעלים, אזוי ווי שכל, צו אלקות.

אזוי ווי א סכין אויף שחיטה וואס איז מכשיר דאס פלייש צום עסן, טאר אין אים ניט זיין קיין פגימה, אזוי אויך א מזבח וואס מען איז אויף

50) ראה ספר המאמרים אידיש בתחלתו. ד״ה אין הקב״ה בא בטרוניא תרפ״ה (בסה״מ קונטרסים ח״ג קונטרס קה. סה״מ תרפ״ה ע׳ רנז).

51) סוכה מח, ב.

אים מעלה אפילו די ענינים נעלים, טאָרן אין אים ניט זיין קיין פגימות, און מען לערנט עס אָפּ איינע פון די אַנדערע[52]), און אויב עס איז דאָ אַ פגימה, איז דאָס אַ חסרון אין מזבח, ובמילא אויך אין די קרבנות.

און דאָס איז געווען דער ענטפער צום צדוקי, וואָס האָט גע׳טענה׳ט אַז מען דאַרף ניט קיין קבלת עול און עס איז גענוג השגה, האָט מען אים באַוויזן אַ פגם אין מזבח — אַ פגם אין קבלת עול — וואָס מצד דעם איז אַ חסרון אין די קרבנות — השגה.

לא. מיט וואָס האָט מען מתקן געווען דעם פגם אין מזבח, מיט מלח. ועניננו ברוחניות:

אין דער משנה בכל מערבין חוץ מן המים, וואָס מען האָט דערמאָנט פריער[53]), שטייט אויך חוץ מן המלח. און דער טעם אויף דעם איז דער זעלבער וואָס אויף מים, ווייל מלח איז ניט מזין.

אין עבודה איז דאָס לימוד פנימיות התורה באמונת חכמים, כאָטש ער פאַרשטייט דאָס ניט אַזוי ווי מען קען און מען מוז פאַרשטיין נגלה, כידוע[54]) בענין קב חומטין וארץ מליחה, אַז דוקא דאָס גיט אַ כוח אין אַלע זעקס סדרים, און דאָס איז מתקן און העלפט עס זאָלן אַראָפּגיין די העלמות והסתרים פון שכל וועלכע פאַרשטעלן אויפן אמת, און עס זאָל זיין אַ שנה טובה ומבורכת אין תורה ומצוות, וואָס בדרך ממילא וועט זיין ונתתי גשמיכם בעתם.

(משיחת שמחת ביה״ש, תשט״ו)

לב. אויף יום טוב שטייט, ושמחת בחגך, וואָס די שמחה דאַרף זיין ניט נאָר אין רוחניות נאָר זי דאַרף דערנעמען אויך דעם לב הגשמי, אַז אין בשר לב הגשמי זאָל זיך פילן שמחה.

וואָס דערפאַר איז אין שמחה אלא בבשר ואין שמחה אלא ביין[55]), דברים גשמיים, ווייל די שמחה דאַרף זיך פילן אויך בגשמיות.

בזמן הבית איז געווען דער עיקר השמחה דורך בשר, דורך דעם בשר השלמים; היינט, בזמן הגלות, וואָס די דאָזיקע שמחה האָט זיך געפעלט, האָט זיך די שמחה איבערגעטראָגן אויף יין. אין דעם אַלטן רבי׳נס שולחן ערוך הלכות יום טוב[56]) איז משמע, אַז בזמן הזה איז דער אין שמחה אלא ביין אַ דאורייתא, וואָרום עס איז ניטאָ דער בשר השלמים. ד. ה. נוסף אויף דעם חיוב פון קידוש, וואָס דאָס איז דאָך דאָ אויך בשבת וראש השנה — איז פאַראַן דער חיוב פון טרינקען וויין, ווייל בזמן הזה איז דער ושמחת בחגך דורך יין דוקא, און אַפילו בחול המועד.

(משיחות ב׳ דחה״ס, תשט״ז)

52) חולין יז, ב.
53) סעיף כד.
54) לקוטי תורה ויקרא ד, ב ואילך.
55) ראה פסחים קט, א.
56) סימן תקכט סעיף ז.

# שמיני עצרת ושמחת תורה

א. וועגן דעם ענין פון שמיני עצרת שטייט[1], אַז זיין תוכן איז, קשה עלי פרידתכם כו' משל למלך כו' אמר לאוהבו נגלגל אני ואתה במה שתמצא.

ולכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק, ווי־באַלד אַז סיי ווי וועט מען זיך דאַרפן שפּעטער פאַנאַנדערשיידן, איז וואָס איז אַזוי שטאַרק די מעלה אין דעם וואָס מען וועט אַריינכאַפּן זיין נאָך אַ טאָג צוזאַמען?

מוז מען זאָגן, אַז די מעלה פון שמיני עצרת איז, אַז דער טאָג באַ־וואָרנט און טוט אויף אַז אויך שפּע־טער זאָל ניט זיין קיין פּירוד.

וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים ביאור דיוק הלשון „פרידתכם", וואָס אין פּלוג האָט ער געדאַרפט זאָגן קשה עלי פרידתנו און פאַרוואָס זאָגט ער פרידתכם?

דער ביאור אין דעם איז:

א) מצד דעם אויבערשטן איז קיין פּירוד ניטאָ. מצד אים איז אַלעמאָל דאָ דער פאַרבונד מיט אידן, פּנים בפנים. נאָר דער פּירוד קומט מצד אידן, וואָס פנו אלי עורף ולא פנים. און דאָס מיינט פרידתכם — אייער פּירוד.

ב) דורך וואָס קומט דער פּירוד פון אידן מיטן אויבערשטן, דורכן פּירוד ביי אידן צווישן זיך — פרידתכם. וואָרום בשעת עס פעלט דער כולנו כאחד פעלט אויך אין דעם ברכנו אָבינו.

און דאָס איז דער פּשט וואָס נאָך סוכות זאָגט דער אויבערשטער קשה עלי פרידתכם, וואָרום בחג הסוכות איז דאָך דאָ די אחדות פון אידן צווישן זיך.

וואָס דאָס איז דער ענין פון מצות ד' מינים, אַז אַלע פיר מינים, פון דעם אתרוג שיש בו טעם ויש בו ריח ביז דער ערבה שאין בה לא טעם ולא ריח, פאַראייניקן זיך צו־זאַמען אַז עס ווערט פון זיי איין מצוה. און אַזוי אויך אַלע אידן[2] ווערן אַן אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

דאָס איז דאָך אָבער אַ פאַרבונד מצד און צוליב דער מצוה. בשעת אָבער מען גייט אַריין אין די ימי החול וואָס נאָך סוכות, קען דאָך ווערן צוריק פּירוד חס ושלום. אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער קשה עלי פרידתכם.

און די עצה אויף דעם איז, בואו ונגלגל במה שתמצא, אין דעם טאָג פון שמיני עצרת, וואָס דאָס באַ־וואָרנט עס זאָל זיין אַחדות אויך שפּעטער, כדלהלן.

ב. די מעלה פון דער אַחדות פון שמיני עצרת אויף דער אַחדות פון סוכות איז:

די אַחדות פון די ד' מינים איז

---

1) רש"י סוף פרשת פנחס. במדבר רבה ותנחומא דאָרט.

2) ווי דער מדרש רבה (אמור פרשה ל, יב) איז מבאר אַז די ד' מינים זיינען מרמז אויף אַלערליי סוגים פון אידן.

ניט אין זייער עצם מציאות. ד. ה. אַז אַפילו בשעת התאחדותם, איז יעדערער פון זיי אַ באַזונדער סוג, און פאַרבלייבט ביי זיין מציאות, עס איז מער ניט וואָס אין דעם ענין המצוה זייגען זיי זיך מתייחד. נאָך מערער — די מצוה איז דאָך אַז מען זאָל נעמען פיר באַזונדערע מינים דוקא, קומט דאָך אויס אַז אַפילו אין דעם ענין המצוה גופא הערט זיך אויך אָן זייער התחלקות, עס איז מער ניט וואָס די דברים מחולקים פאַראייניקן זיך צוזאַמען אין איין מצוה.

אָבער די אַחדות פון שמיני עצרת איז, פר אחד אַיל אחד, עס איז ניט קיין איגוד פון פרטים נאָר בעצם זיינען זיי איין זאַך.

און אַזוי איז אויך אין דעם ענין הריקוד שבשמחת תורה, אַז אַלע אידן, פון דעם גדול שבגדולים ביז דעם פשוט שבפשוטים, טאַנצן צוזאַמען, איז דאָך ניט אַז יעדער איינער טאַנצט לויט זיין אופן (לפי ערך השגתו כו׳), נאָר זיי ווערן נשתווה און נתייחד אין אַן ענין הכולל את כולם. דער ענין הריקוד איז, אַז אין אים איז בעצם גאָר קיין התחלקות ניטאָ.

און דאָס איז די אמת׳ע אַחדות, ניט נאָר קיין התאגדות פון פרטים, נאָר יעדער איינער ווערט נתבטל פון אַ מציאות בפני עצמו.

און וויבאַלד אַז דאָס איז ניט קיין קיבוץ נפרדים נאָר השתוות והתאחדות, איז ניט שייך צו זאָגן אין דעם, אַז בשעת די סיבה וועט בטל ווערן, וועט במילא אויך בטל ווערן דער מסובב, נאָר דאָס בלייבט אייבער אויך אויף שפּעטער, אַז אויך נאָך יום טוב, בכל השנה, שטייען אידן באחדות ושלום, כלי המחזיק ברכתו של הקב״ה ³).

(משיחת יום שמח״ת, תשמ״ז)

ג. אין דעם ענין וואָס מען האָט גערעדט אַז בשמחת תורה טאַנצן אַלע אידן צוזאַמען באחדות, איז פאַראַן אין דעם נאָך אַ נקודה.

טאַנצן טאַנצט מען ניט מיטן קאָפּ נאָר מיט די פיס, און דורך די פיס טאַנצט אויך די קאָפּ. אויב מען וואָלט געטאַנצט מיטן קאָפּ, ד. ה. מצד השגה, דעמאָלט וואָלט געווען די שמחה בהגבלה, אויף וויפל ער פאַרשטייט די סיבה פון דער שמחה. מען וויל דאָך אָבער אַז שמחת התורה זאָל זיין בלי גבול, דערפאַר טאַנצט מען מיט די פיס. ער ווייס ניט וואָס דער אויבערשטער איז און ווייס ניט וואָס זיין תורה איז, ער ווייס נאָר אַז דער אויבערשטער מיט זיין תורה איז אַ טייערע זאַך וואָס עס איז ניטאָ אַזאַ דבר יקר אין דער גאַנצער וועלט, און דאָס רופט ביי אים אַרויס אַ שמחה בלי גבול.

דאָס איז אויך דער ענין וואָס בשמחת תורה זעצט מען זיך ניט לערנען, ד. ה. אַז די שמחה זאָל זיין מצד העיון שבתורה, נאָר מען טאַנצט מיט אַ ספר-תורה ווי זי איז איינגעוויקלט אין מענטעלע. מען ווייס נאָך ניט וואָס אין איר שטייט, מען ווייס נאָר אַז עס איז אַ טייערע זאַך און דערפאַר איז מען מיט איר שמח בלי גבול.

אַזוי ווי אין יעדער איינעם בפרט איז דער סדר אַז ער טאַנצט מיט

---

3) זע אויבן עמוד 331 הערה 28.

די פיס און דורך דעם טאַנצט אויך די קאָפּ, אַזוי אויך אין דער קומה שלימה פון אידן, אַז די שמחה פון אַנשים פשוטים וואָס זיי פרייען זיך מיט דער תורה, וואָס זייער שמחה איז בלי גבול, דאָס פועל'ט אַ תוספת שמחה אויך אין די משכילים וואָס ווייסן און פאַרשטייען די מעלה פון תורה און די סיבה פון דער שמחה, אַז אויך ביי זיי טוט זיך אויף אַ שמחה בפשיטות ובלי גבול.

און דורך דער שמחה פון שמיני עצרת און שמחת תורה קומט מען צו לבחינת פר אחד, ניט ווי סוכות וואָס מען איז מקריב ע' פרים אַנטקעגן די ע' שרים, ווייל דאַן האָבן זיי אויך אַן אָרט, נאָר מען קומט צו אין אַזאַ בחינה וואו זיי האָבן גאָר קיין אָרט ניט, דאָרטן געפינט זיך מער ניט ווי דער אויבערשטער מיט אידן, יהיו לך לבדך ואין לזרים אתך.

(משיחות ש"פ בראשית, תשט"ז)

ד. די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע מען איז מסיים די תורה בשמחת תורה, זיינען „לעיני כל ישראל". אין די ווערטער איז מרומז דער ענין האחדות (וואָס דאָס איז די עבודה פון שמחת תורה כנ"ל), וואָס אַלע אידן זיינען מיוחד צוזאַמען. אַלע אידן זיינען איין זאַך, און יעדער איינער איז מער ניט ווי אַ פרט פון דעם כלל, און נאָך טיפער, אַ חלק פון עצם [4], ובמילא, איז אין יעדן חלק געפינט זיך דער גאַנצער עצם, כמאמר הבעל שם טוב [5], העצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו.

דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, וואָס דער פשט דערפון איז „כמוך" ממש. אַזוי ווי די אהבה צו זיך איז ניט קיין אהבה שמצד הטעם נאָר אַן אהבה עצמית, אַזוי אויך די אהבה צו אַ צווייטן אידן דאַרף זיין אַן אהבה עצמית.

ולכאורה ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? „יענער" און „איך" זיינען דאָך צוויי באַזונדערע מענטשן! וע"פ הנ"ל יובן, אַז דאָס איז ניט קיין אהבה צו „יענעם" נאָר אַן אהבה צו „זיך" אַליין. עס איז איין עצם וואָס ער איז געקומען אין כמה חלקים, און אין יעדער חלק איז דאָס דער זעלבער עצם.

דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין דעם מאמר הבעל שם טוב [6], אַז אהבת ישראל מיינט, מען זאָל ליב האָבן אַ אידן כאָטש ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען און קיינמאָל ניט געהערט פון אים.

ולכאורה ווי איז שייך אהבה צו אַ זאַך וואָס ער האָט אין דעם קיין ידיעה ניט? ועל פי הנ"ל יובן, וואָרום אַלע אידן זיינען איין עצם.

ה. על פי זה וועט מען אויך פאַרשטיין דעם מאמר רז"ל [7], אַז אהבת ישראל איז יסוד כל התורה, ווי ער איז מבאר אין תניא [8] באַריכות, אַז דער יסוד כל התורה איז להגבי' ולהעלות הנפש על הגוף, און

4) מעלת חלק מן העצם על פרט מן הכלל נתבאר בהשיחה בארוכה ואכ"מ.

5) זע המשך תרס"ו צום ענדע (ע' תקכב).

6) היום יום, ט"ו כסלו.

7) שבת לא, א.

8) פרק לב.

דאָס דריקט זיך אויס אין אהבת ישראל.

ווארום אויב ער באַטראַכט זיך און פילט זיך ווי אַ מציאות פאַר זיך, דעמאָלט קען ביי אים ניט זיין די אהבה צום צווייטן „כמוך", ובכדי עס זאָל ביי אים זיין דער ואהבת לרעך „כמוך", מוז ער אַרויסגיין פון זיין מציאות, זיין מציאות איז ניט „ער" נאָר זיין מציאות איז אַ חלק פון עצם פון אידן, וואָס דעמאָלט איז ביי אים אמת'ע אהבת ישראל.

און דאָס איז אויך דער תוכן הסי־פור וואָס דער רבי האָט דערציילט וועגן איינעם אַ גדול, אַז אַמאָל בשעת זיינער אַ קינד איז געווען ניט גע־זונט האָט ער זייער שטאַרק געוויינט. דערנאָך האָט ער זיך געקלאָגט אויף דעם וואָס אויף אַן אַנדער אידישן קינד וואָלט ער ניט וויינען אַזוי שטאַרק, איז דאָך אַ ראַי' אַז ער האַלט ערשט בתחילת העבודה, וואָ־רום אויב ביי אים וואָלט געווען עבודה אמיתית, וואָלטן די תורה ומצ־וות מגלה זיין די עצם הנשמה, וואָס דאָרטן זיינען דאָך אַלע אידן איין זאַך.

ו. על פי זה וועט מען אויך פאַר־שטיין דעם טייטש פון די ווערטער וואָס מיר זאָגן, ויעשו כולם אַגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם. דער פשט אין דעם איז, ווען קענען כולם ווערן אַן אַגודה אחת — בשעת דאָס איז „לעשות רצונך". אויב אָבער דער צוועק פון דער אַגודה איז צו־ליב אַנדערע זאַכן, אַפילו צוליב דבּ־רים המותרים, איז דאָס ניט קיין אַגודה אחת, ווייל:

א) בעצם מהותם זיינען זיי באַ־זונדערע מענטשן, עס איז מער ניט וואָס צוליב אַ געוויסן ענין האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט געוויסע כחות ועניני הנפש וועלכע עס פאָדערן זיך צו דורכפירן דעם צוועק פון דער אַגודה, אָבער אין די איבעריקע כחות זייערע, ומכל שכן אין זייער עצם, האָבן זיי קיין שייכות ניט צווישן זיך.

ב) אַפילו אין דעם ענין פרטי גופא, זיינען זיי אויך ניט פאַרבונדן מיט אַן אמת. ווארום וויבאַלד אַז בכללות מציאותם זיינען זיי באַזונ־דערע מענטשן, במילא איז אויך אין דעם ענין פרטי, איז דער טוט דאָס מצד זיין מציאות און זיינע הרגשים, און דער צווייטער טוט דאָס מצד זיין מציאות און זיינע הרגשים, עס איז מער ניט וואָס בחיצוניות לגבי פועל ממש טוען זיי די זעלבע זאַך. — וואָס דאָס איז דער פשט פון דעם לשון *8), מחלוקת קורח וכל עדתו, אַז קורח ועדתו גופא זיינען געווען מחולק, כאָטש זיי זיינען געווען בעצה ודיעה אחת, פונדעסטוועגן זיינען זיי געווען מחולק, ווארום יעדער איינער איז אין דעם געווען אויסן זיין אייגע־נע מציאות —

ג) אַפילו דער חיצוניות'דיקער ענין איז אויך ניט קיין דבר של קיימא. ווארום וויבאַלד אַז ביי די חברי האגודה איז פאַרבליבן אייגע־נע ענינים און אייגענע מציאות וואָס שטייען העכער פון דער אַגודה, במי־לא איז בשעת דאָס וועט שטערן צו זייער מציאות, וועלן זיי זיך אָפּ־טיילן איינער פון דעם אַנדערן און עס וועט ווערן אויס איגוד אַפילו בחיצוניות.

---

*8) אבות פרק ה משנה יז.

וכמו שראינו במוחש בכמה וכמה איגודים וועלכע האָבן אויסגעקוקט ווי שטאַרקע אגודות, און צום סוף, האָבן זיי ניט געקענט דורכקומען צווישן זיך, די איגודים זיינען זיך צעפאַלן, און עס איז פון זיי גאָרנישט געבליבן.

דערפאַר בשעת מען וויל מאַכן אַן איגוד צוליב אַ צוועק פון דברי הרשות, איז די עצה טובה בכדי דער איגוד זאָל זיך האַלטן: מען זאָל אַריינמישן אין דעם איגוד אַן ענין פון תורה ומצוות אַלס אַ יסוד אין דעם איגוד, וואָס דורך דעם וועט דאָס זיין אַן איגוד של קיימא אויך אין דעם ענין הרשות.

ז. דאָס איז אויך אַן ענטפער אויף דעם, וואָס אידן בכלל זיינען אַ כבשה אחת בין ע׳ זאבים והיא משתמרת[9]: ווייל די ע׳ זאבים איז יעדער פון זיי אַ באַזונדער מציאות, אָבער אידן זיינען אַלע צוזאַמען, האָבן זיי דער־ריבער אַ גרויסן כוח. און אַזוי איז אויך בנוגע אידן גופא, אַז אין דעם צד שכנגד איז ניט נאָר וואָס זיי האָבן ניט קיין רוב, נאָר אַפילו צווויי מענטשן האָבן זיי אויך ניט, יעדע־רער איז אַ באַזונדער מציאות, אָבער שומרי תורה ומצוות, איז אַפילו אויב ער איז נאָר איינער במחנו, האָט ער צו זיך אַלע אידן וואָס זיינען געווען פון מתן תורה אָן, אַ כוח פון אַ גרויסער מחנה אויף לוחם זיין פאַר דער תורה.

ח. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין די שייכות פון לעיני כל יש־ראל מיט דעם וואָס מען לייענט נאָך דעם — בראשית ברא (וואָס באַלד ווי מען ענדיקט די תורה פאַנגט מען דאָך איר אָן נאָכאַמאָל פון אָנהויב), אַזוי אויך מיט דעם וואָס מען לייענט פאַר דעם, בהת־חלת הפרשה — וזאת הברכה.

דער ענין פון בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, איז, אַז אַ איד דאַרף וויסן אַז את השמים — ענינים רוחניים, ואת הארץ — ענינים גשמיים, ברא אלקים. ער זאָל ניט טראַכטן אַז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, נאָר ער דאַרף וויסן אַז קיין אייגענע האָט ער גאָרניט, אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, זיינע גשמיות מיט זיינע רוחניות, האָט ער דאָס פון דעם וואָס דער אויי־בערשטער איז מהוה בכל רגע ורגע[10] די כללות הבריאה און אויך די השפ־עה צו אים בפרט.

דער רמז אין וזאת הברכה אשר ברך משה איז:

משה רבנו איז דער רועה ישראל. ער איז זייער מדריך זיי זאָלן זיך אויפפירן בכל הנהגותיהם כדבעי, און דורך אים איז מען זיי משפיע כל הצטרכותיהם.

וכמאמר רז"ל[11], ירידת המן הי׳ בזכותו של משה, אויך די ענני הכ־בוד שהיו בזכותו של אהרן ובארה של מרים איז כשנסתלקו אהרן ומרים חזרו בזכותו של משה[12]). און באמת איז אויך פריער געווען די השפעה פון משה רבנו, מער ניט וואָס עס איז דורכגעגאַנגען דורך אהרן ומרים.

---

9) תנחומא תולדות ה. אסתר רבה בסופה.

10) וואָס דער ענין ווערט נכלל אין די ווערטער „ברא אלקים" (זע ווייטער סעיף יד).

11) תענית ט, א.

12) דאָרט.

ווילע דער ענין פון אַ רועה ישׂראל איז אַז ער פאַרזאָרגט אידן מיט אַלץ וואָס זיי דאַרפן סיי אין גשמיות סיי אין רוחניות.

אָבער בכדי צו מקבל זיין די השפעה פון משה רבנו רועה ישראל ואתפשטותי׳ שבכל דרא ודרא[13], דאַרף מען שטיין בביטול והתקשרות צו אים. מען דאַרף זיין איבערגעגעבן אַזוי ווי צאן צום רועה, צאן האָבן ניט קיינע אייגענע רצונות, זיי גייען וואוהין דער רועה פירט זיי. ובשעת מען האָט ניט קיין אייגענע רצונות, ניט אין ענינים ארציים, ניט אין ענינים שמימים, נאָר מען איז איבערגעגעבן אינגאַנצן צו משה׳ן, דעמאָלט איז מען אַ כלי מקבל זיין די ברכה פון וזאת הברכה אשר ברך משה גו׳ ממגד שמים — ענינים רוחניים, ומתהום רובצת תחת — ענינים גשמיים.

ט. און דאָס איז די שייכות פון בראשית ברא מיט וזאת הברכה צו לעיני כל ישראל, וואָרום לויט ווי געזאָגט פריער[14], אַז בכדי מען זאָל האַלטן מיט אַן אמת ביי אַהבת ישראל — כל ישראל — איז דאָס דורך דעם וואָס מען גייט אַרויס פון זיך,

במילא איז בשעת אַז ביי אים לייגט זיך אָפּ דער אמת אַז קיין אייגענע האָט ער גאָרניט נאָר אַלץ וואָס ער האָט איז דעם אויבערשטנס וואָס ער איז מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית — בראשית ברא גו׳, — ומצד דעם גיט ער זיך איבער צו משה׳ן ואתפשטותא דילי׳ — וזאת הברכה גו׳ — דעמאָלט גייט ער אַרויס פון זיין מציאות, ער איז ניט קיין מציאות פאַר זיך, ער איז אַ חלק פון כלל ישראל — כל ישראל.

י. די שייכות פון לעיני כל ישׂראל מיט בראשית ברא איז אַ צווייענדיקע. אַזוי ווי דער בראשית ברא גיט כוח אין דער עבודה פון כל ישראל כנ״ל, אַזוי אויך איז דער כל ישראל אַן הכנה צום בראשית ברא.

שמחת תורה דאַרף יעדער איד ענדיקן די תורה און אָנהויבן לערנען איר נאָכאַמאָל פון דאָס ניי און אין אַ העכערן אופן[15]. איז בשעת אַ איד באַטראַכט זיך אין זיין מעמד ומצב במשך שנה העברה, קען ער טראַכטן ביי זיך: איך בין נאָך גאָר ולחלוטין ניט פאַרטיק, איז ווי בין איך שייך דערצו?

אויף דעם גיט מען אים אַן עצה — כל ישראל. אויב אַלס פרט קען ער אַליין ניט אָפּלערנען די גאַנצע תורה און מקיים זיין איר, זאָל ער זיך כולל זיין מיט אַנדערע אידן, מחזיק זיין לומדי תורה, וואָס דורך דעם וועט ער האָבן אַ חלק אין דעם לימוד התורה פון די אידן וועלכע ער שטיצט.

וכמאמר רז״ל און אַזוי איז אויך דער דין[16], אַז דורך דעם וואָס זבולון שטיצט יששכר׳ן האָט ער אַ חלק אין דער תורה וואָס יששכר לערנט.

---

13) תיקוני זהר תיקון סט (קיד, א).

14) סעיף ה.

15) וואָס דערפאַר לייענט מען די תורה יעדער יאָר (הענין נתבאר בהשיחה בארוכה ואכ״מ) ווילע יעדער יאָר דאַרף מען איר לערנען און מקיים זיין אין אַ העכערן אופן.

16) שולחן ערוך יורה דעה הלכות תלמוד תורה ריש סימן רמו.

יא. דאָס איז דאָך אַלץ אויב מצד זיינע טרדות האָט ער ניט קיין צייט צו לערנען און ער איז יוצא מיט פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית, אָבער ווי איז אַז אויך אין זיין לײדי־קער צייט האָט ער ניט געלערנט?

פונדעסטוועגן זאָל ער ניט מיואש ווערן ביי זיך. וואָרום די רביים זאָגן, אַז שמחת תורה דורכן קו השמ־חה קען מען אויפטאָן דעם זעלבן ענין וואָס ראש השנה ויום כיפורים בקו המרירות. ד. ה. אַז אַפילו בשעת עס איז דורכגעגאַנגען חודש אלול, ימי הסליחות, ראש השנה, עשרת ימי תשובה און יום כיפורים, און אַפילו יום כיפור צו נעילה האָט ער אויך ניט תשובה געטאָן רחמנא ליצלן, פונדעסטוועגן איז בשעת עס קומט שמחת תורה קען ער טאָן תשובה בקו השמחה. און — לעיני כל ישראל, כולל זיין זיך מיט אידן, וואָס דאָס קומט מצד גילוי עצם הנשמה, שהנשמות מתאימות, וואָס מצד דעם קומט די אמת'ע אַהבת ישראל [17]. און אַזוי ווי די עצם הנש־מה איז דאָך אַלעמאָל גאַנץ, איז מצד דעם האָט ער אַלעמאָל בכוח צו אָנהויבן נאָכאַמאָל די תורה פון אָנפאַנג, און אין אַ העכערן אופן.

יב. דאָס איז דאָך מער ניט ווי די שייכות פון לעיני כל ישראל צו בראשית ברא אַלס אַן אָנהויב פון תורה, אַז דורך לעיני כל ישראל האָט מען בכוח צו אָנהויבן נאָכאַמאָל די תורה פון דאָס ניי. אָבער וואָס איז די שייכות צום ענין פון „בראַ־שית ברא" בפרט?

דער ענין אין דעם איז:

ברא איז מלשון גילוי [18]. בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ מיינט: „בראשית" דער ראשית העַ־בודה איז, „ברא", מגלה זיין דעם „אלקים" וואָס געפינט זיך אין „את השמים", שמים וכל צבאם, און אין „ואת הארץ", הארץ וכל צבאה.

אין אַלע נבראים, סיי אין צבא השמים, סיי אין צבא הארץ, איז דאָ דער כח וחיות אלקי וועלכער איז זיי מהוה, מחי' ומקיים בכל רגע ורגע, און דאָס — דער חיות אלקי — איז דער גאַנצער מציאות פון דעם נברא, עס איז מער ניט וואָס דער חיות איז בהעלם, און דער נברא זעט זיך אָן פאַר אַ מציאות פאַר זיך. און דאָס איז ראשית העבודה, צו אויפטאָן אַז דער חיות אלקי זאָל זיין בגילוי — ברא.

אַזוי ווי אין יעדער נברא איז דאָ דער אלקות וואָס אין אים, נאָר ער איז בהעלם, אַזוי איז אויך ובמכל שכן ביי יעדער אידן דאָ דער אלקות וואָס אין אים. דאָס איז דער נפש האלקית, חלק אלקה ממעל ממש [19], וואָס אין אים. עס איז מער ניט וואָס מצד דער התלבשות הנשמה בגוף ונפש הבהמית קען זיין אַז דער גוף ונפש הבהמית זאָלן מעלים ומסתיר זיין אויפן אור הנשמה, ביז אַז לפעמים קענען זיי גאָר לוחם זיין מיט איר.

אויף דעם דאַרף זיין דער בראשית ברא אלקים ביי זיך אַליין, מגלה זיין די נשמה וואָס אין אים, זי זאָל אַרויסגיין ממאסר הגוף ונפש

---

17) ווי עס ווערט דערקלערט אין תניא פרק לב.

18) כמאמר שמא הבריא — חולין מג, ב.

19) תניא פרק ב.

הבהמית און זי זאָל נתגלה ווערן כמו שהיא, ניט נאָר אירע כחות הגלויים נאָר אויך די עצם הנשמה וואָס זי איז פאַרבונדן מיט עצמות, וואָס דער סימן אויף גילוי עצם הנשמה איז דער ואהבת לרעך כמוך, לעיני כל ישראל, כנ"ל.

און דורך דעם בראשית ברא אלקים וואָס ביי זיך, קען ער מגלה זיין דעם אלקות אויך אין כללות העולם, אין צבא השמים און אין צבא הארץ, אַז אין יעדער זאַך זאָל זיך אָנהערן בגילוי אַז איר גאַנ־צער מציאות איז נאָר אלקות און אין עוד מלבדו.

(משיחת ליל שמח"ת, תשח"י)

# הוספה

# בראשית

א. שבת בראשית איז אַ המשך צו די מועדים פון חדש תשרי בכלל און צו שמיני עצרת ושמחת תורה בפרט, וואָס דערפאַר שרייבט דאָך דער רבי אין דעם בריוו פון מחרת יום הכפו־רים הנדפס בקונטרס סוכות [1], אַז בשבת בראשית זאָל זיין כעין השלמה ותוספות אור כי טוב צו די פריער־דיקע ימי השמחה.

ער רעדט אין בריוו צוויי ענינים: השלמה און תוספות. דער חילוק צווישן השלמה און תוספות איז מובן בפשיטות. השלמה הייסט משלים צו זיין דאָס וואָס מ'האָט נאָך נישט דערטאָן, און תוספות הייסט אַז אַפילו אויב מען האָט אָפּגעטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף, פונדעסטוועגן דאַרף מען מו־סיף זיין.

און דאָס איז וואָס דער רבי שרייבט וכעין השלמה ותוספות. א) אַז אויב מ'האָט נאָך נישט אָפּגעטאָן אַלע עני־נים וואָס מען דאַרף זיי טאָן במשך פון חדש תשרי קאָן מען שבת בראשית משלים זיין. ב) אויך אַפילו אויב מ'האָט אָפּגעטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף, זאָל מען ניט מיינען אַז איצ־טער קאָן מען זיך זעצן און וואַרטן אויף קיבול שכר, נאָר מ'דאַרף מוסיף זיין נאָך;

ב. דער רבי באַנוגנט זיך נאָך ניט דערמיט, און טייטשט אויס: תוס־פות אור. אַז די הוספה וואָס מען דאַרף מוסיף זיין איז וואָס איז דאָס — אור. הגם עס איז געווען די עבודה פון ראש השנה וואָס דאָס איז קבלת עול, די עבודה פון יום הכפורים וואָס דאָס איז תשובה, די ד' ימים שבין יום הכפורים לסוכות וואָס דעמאָלט איז מען פאַרנומען אין מצוות, — וואָס דערפאַר איז דער ערשטער טאָג סוכות ראשון לחשבון עונות [2] — סוכות וואָס דאָס איז זמן שמחתנו, שמיני עצרת ושמחת תורה וואָס אויף דעם שטייט יהיו לך לבדך ואין לזרים אתך [3] — וואָס דערפאַר האָט דאָך דער רבי נ"ע (אביו של כ"ק מו"ח אדמו"ר הכ"מ) געזאָגט, אַז שמחת תורה זיינען ניטאָ קיין ענינים פון דינים [4] — פונ־דעסטוועגן דאַרף מען נאָך מוסיף זיין אור.

און וואָס פאַר אַן אור דאַרף מען מוסיף זיין, שרייבט דער רבי אור כי טוב; וואָס דער לשון אור כי טוב שטייט אויף דעם אור שנברא ביום ראשון, וואָס דעמאָלט איז גע־ווען דער אויבערשטער יחידי בעול־מו, וואָס דערפאַר ווערט ער אָנגערופן יום אחד [5].

---

1) ספר המאמרים ה'תשי"א ע' 48 (קונטרס פד). אג"ק שלו ח"ב ע' קיט.

2) ויקרא רבה פרשה ל, ז.

3) משלי ה, יז. סד"ה ביום השמיני עצרת תרס"ו, ובכ"מ. וצע"ק משמות רבה פרשה טו, כג. ועיין ג"כ וככה הגדול פרק פד וקד.

4) ספר השיחות — תורת שלום עמוד 54.

5) כדרשת רז"ל בראשית רבה סוף פ"ג.

ג. די גמרא[6]) זאָגט אויף דעם אור אַז גנוז לצדיקים לעתיד לבוא. מאמר הבעש״ט איז פאַראַן[7]): והיכן גנזו בתורה. דאָס הייסט אַז אויך היינט איז דורך תורה, קאָן מען צוקומען צו דעם אור דלעתיד לבוא.

דער טעם הדבר וואָס איצט קאָן מען שוין האָבן מה שנגנז לעתיד לבוא, איז ווייל ישראל ואורייתא וקוב״ה כולא חד, איז אַזוי ווי ביי דעם אויבערשטן איז הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, אַזוי איז אויך ביי תורה, אַז בתורה איז גנוז איצט מה שיהי׳ לעתיד לבוא. און אַזוי איז אויך ביי צדיקים, וואָס ביי זיי איז בגלוי דער כולא חד מיט הקב״ה, זיינען ביי זיי ניטאָ די הגבלות פון זמן, און אויך איצטער איז ביי זיי דאָ דער אור דלעתיד.

ד. דערמיט וועט מען פאַרשטיין דעם סיפור[8]) וואָס ר׳ גרשון קוטע-ווער, דעם בעש״ט׳ס שוואָגער, האָט געשריבן צום בעש״ט אַז די מעשה וואָס ער האָט אים געשריבן איז טאָ-קע געוועזן, אָבער אַ סך שפּעטער, נאָכן שרייבן.

אין חסידות איז מבואר דער טעם אויף דעם, ווײַלע אין אַ העכערן עולם איז דער זמן כללות׳דיקער, און דער בעש״ט איז דעמאָלט געוועזן אין עולם היצירה וואָס דאָרטן איז פופצן יאָר בבת אחת, דערפאַר האָט ער געזען פריער דאָס וואָס וועט זיין שפּעטער.

אָבער לכאורה איז עס דאָך ניט פאַרשטאַנדיק, ווייל לפי זה האָט ער דאָך געקענט שרייבן אים אַז דאָס וועט זיין שפּעטער, נאָר דער ביאור בזה איז: צדיקים זיינען ניט קיין מציאות בפני עצמם, זייער מצי-אות איז אלקות.

וואָס דאָס איז אויך וואָס עס רעדט זיך אין חסידות בכלל, און אין די מאמרים פון כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ בפרט[9]), אין דעם פירוש מאמר הזהר[10]) מאן פני האדון הוי׳ דא רשב״י, וואָס לכאורה ווי קען מען זאָגן אויף אַ נברא מאן פני האדון הוי׳, נאָר ווייל רשב״י איז געווען בטל לגמרי און ניט געווען קיין מציאות בפני עצמו, קען מען אויף אים זאָגן מאן פני האדון הוי׳.

איז אַזוי ווי ביי דעם אויבערשטן כביכול, איז ביי זיי אויך הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, און דערפאַר האָט דער בעש״ט ניט געשריבן אַז דאָס וועט זיין שפּעטער, ווייל ביי אים איז דאָס שוין געווען איצטער.

ה. דערפאַר קען מען אויך היינט צוקומען דורך תורה צו דעם אור שנגנז לעתיד, ווייל צדיקים דורך פנימיות התורה, וואָס דווקא דורך פנימיות התורה (אילנא דחיי שלמע-לה מנגלה דתורה כו׳[11])) קען זיין אמיתית ענין צדיק (יסו״ע שלמעלה ממלכות), זיינען ביי זיי ניטאָ קיין הגבלות פון זמן, און דאָס איז דער פשט גנוז לצדיקים לעתיד לבוא. וואָס דורך גנזו, דאָס הייסט דורך פנימיות התורה, דורך דעם קען זיין דער

---

6) חגיגה יב, א.

7) הובא בדגל מחנה אפרים ובכתר שם טוב דף ו עמוד ד עיין שם — און מ׳ זוכט דעם מאמר אין מדרש — וראה זהר חדש רות פה, א. וראה לקו״ש ח״י ע׳ 10 הערה 22.

8) הועתק בהוספות לדרך מצותיך להצ״צ (רב, סע״ב ואילך).

9) ד״ה ואתה ברחמיך הרבים תרפ״ז, וד״ה לא אבוא תרצ״ט.

10) ח״ב לח, א.

11) ראה אגה״ק ד״ה והמשכילים (סי׳ כו).

ענין פון צדיקים, און דורך דעם קומט מען צו, צו דעם אור דלעתיד.

ו. יעדער זאַך דאַרף דאָך זיין מרומז אין נגלה, איז דער רמז אויף דעם אין נגלה דער דין[13]) פון כל העומד לגזוז כגזוז דמי, אויב אינו צריך לדקל, דאָס הייסט אויב ס'איז נאָר נישט מחוסר קיין ענין עקרי אין אים גופא איז גליך ווי די זאַך האָט זיך שוין אָפגעטאָן. מחוסר זמן רעכנט זיך ניט מחוסר מעשה.

מער בפירוש איז מרומז, וואָס די גמרא[13]) זאָגט, ג' הטעימן הקב"ה בעולם הזה מעין עולם הבא, און ער רעכנט דאַרטן די אָבות, און עס שטייט דאָך אין תנא דבי אלי' רבה[14]) אַז יעדער איד קען זאָגן מתי יגיעו מעשיי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב, הייסט דאָך דאָס אַז יעדער איינער קען צוקומען צו דעם.

אפילו אם תמצא לומר אַז דער ספר תנא דבי אלי' איז דאָך אָבער ניט קיין פוסק ספר — איז פאַראַן אין גמרא[15]) אין דעם נוסח הברכה לרבי אַמי: עולמך תראה בחייך, איז עס דאָך אַ פסק אין ש"ס בבלי, אַז עולמך, וואָס דאָס איז די גילויים פון לעתיד לבוא, תראה בחייך.

ז. און דאָס איז וואָס דער רבי שרייבט אין דעם בריוו פון מחרת יוהכ"פ וכענין השלמה ותוספת אור כי טוב בשבת בראשית הבעל"ט, אַז שבת בראשית הבעל"ט קען מען צוקומען צום אור כי טוב וואָס דאָס איז דער אור שנברא ביום ראשון און דאָס איז דער אור דלעתיד.

— הגם אַז דער בריוו איז דאָך גאָר פון תרפ"ט, אָבער וואָס איז די נפקא מינה, אדרבה, עס איז על דרך יין — הבנה והסברה — ישן, וואָס אַלץ וואָס ער איז עלטער איז דעת זקנים — זה שקנה חכמה — נוחה ממנו. —

דאָס הייסט אַז שבת בראשית קען מען צוקומען צו דעם אור שהאיר ביום הראשון, אַזאַ טאָג וואָס דער אויבערשטער איז געווען אין אים, יחי־די בעולמו, וואָס אַפילו די מלאכים זיינען ערשט באַשאַפן געוואָרן שפּע־טער, און אויך די שמים וארץ וואָס זיינען נברא געוואָרן ביום הראשון, זיינען אויך דעמאָלט געווען באופן יותר נעלה, באופן אַז עס איז ניט געווען קיין אָרט אויף זאָגן אַז עס איז שתי רשויות, וואָס דערפאַר האָט דאָך דעמאָלט מאיר געווען דער אור דלעתיד, איז אָט דעם אור, שרייבט דער רבי, קען מען ממשיך זיין בשבת בראשית הבעל"ט.

ח. אַז מען וויל אָנקומען אין אַן אָרט גיך, פאָרט מען מיטן צוג, דאָ הייסט דאָס אַ טריין. איז דער סדר אין דעם, אַז על פי רוב פאָרט מען ניט באַלד דאַרטן וואו מ'דאַרף, נאָר מ'שטעלט זיך אָפּ אין מיטן וועג אויף מיטנעמען אַנדערע פּאַסאַזשירן, אַז אויך יענע זאָלן פאָרן צוזאַמען מיט די וואָס האַלטן שוין אין מיטן פאָרן. אָדער דערפאַר וואָס ניט אַלע קע־נען פאַרטראָגן דעם שנעלן פאָרן.

בכלל איז פאַראַן צוויי מיני צוגן. פאַראַן אַ שנעלער, וואָס ער פאָרט שנעל און באַלד צו דעם אָרט וואו מען דאַרף, און פאַראַן אַ צוג וואָס

12) כתובות נא, א. ובכ"מ. ונסמן בשדי חמד כללים כ, רמב.
13) בבא בתרא סוף פרק קמא.
14) פרק כה.
15) ברכות יז, א.

שטעלט זיך אָפּ אין מיטן וועג כדי אַרויפצונעמען די וואָס האָבן זיך ניט אַרויפגעזעצט באַלד אויף דעם ערשטן סטיישאַן.

יעדער ענין וואָס איז פאַראַן אין גשמיות איז דאָך דאָס דערפאַר ווייל אין רוחניות איז פאַראַן דער ענין, וואָס דער ענין אין רוחניות איז אַ שורש אויף דעם ענין אין גשמיות, וואָס אַזוי איז אויך אין דעם ענין.

ט. דער ענין פון דעם אין רוחניות איז: עס איז דאָך פאַראַן דער בעתה, און עס איז פאַראַן דער אחישנה, וואָס דאָס איז דאָך וואָס יעקב האָט געזאָגט צו עשו'ן אַז ער קען שוין גיין להר שעיר, נאָר צוליב די צאן ובקר, דאָס הייסט צוליב די וואָס קענען ניט פאָרן אַזוי שנעל ווייל אויב ודפקום יום אחד ומתו גו' [16], מוז מען פאָרן מיט דעם סדר פון בעתה.

י. דער סדר ווען עס פאָרט אַ טריין איז, אַז איידער מען פאָרט, פייפט מען פריער אויף צו דערמאָנען די, וואָס זיי זיינען צעטראָגן מיט זייערע פעקלעך, אָדער די וואָס האָבן בכלל פאַרגעסן אַז מ'דאַרף פאָרן, דערמאָנען זיי אַז דער טריין פאָרט שוין.

אַזוי פייפט מען איין מאָל און נאָכאַמאָל, און אַז עס העלפט נאָך אַלץ ניט הויבט מען אָן אַביסל צו פאָרן, ווייזן אַז מען מיינט דאָס ערנסט, און ערשט נאָך דעם הויבט מען אָן צו פאָרן שנעל.

דער ענין פון דעם אין רוחניות איז: חודש אלול איז מען מעורר לתשובה, דאַרפן דאַרף דאָך זיין כל ימיו בתשובה, נאָר חודש אלול תוקעין און מ'איז מעורר לתשובה, ווייל היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו [*16], בתמי'?

מ'גיט אים פערציק טעג אויף תשובה טאָן, און אויב ניט, איז על דרך ווי אין נינוה, אַז אויב מזועט תשובה טאָן איז גוט, און אויב ניט ווער ווייס וואָס עס וועט זיין, (אין פסוק שטייט דער אויספיר).

אויך גיט מען אים בפרטיות צוועלף טעג פון ח"י אלול ביז ראש השנה וואָס אין די טעג קען ער מתקן זיין דעם משך פון כל י"ב חדשי השנה, יום לחודש יום לחודש. — וכדאיתא בשיחת ח"י אלול תש"ג בארוכה.

נאָך חודש אלול גייט ראש השנה, וואָס ראש השנה איז מען ווייטער מעורר לתשובה.

יא. אלול בלאָזט מען עשר קולות, אשר יש לומר שזהו כנגד עשר כוחות הנפש, און ראש השנה איז מען תוקע מאה קולות לעורר די עשר כחות, יעדן איינעם ווי ער איז כלול מעשר.

ראש השנה דאַרף מען דאָך אַלץ באַוואָרענען כדאיתא בענין ניקוד לחיים [17] וכיוצא בזה.

אויב מ'וועט תוקע זיין נאָר עשר קולות, קען ער אַ טעות האָבן און מתקן זיין די צען כחות נאָר בכלליות, אָדער צען כחות פרטים, דאָס הייסט איין כוח ווי ער איז כלול פון צען, און די איבעריקע ניין כחות וועט ער איבערלאָזן, דערפאַר איז מען תוקע מאה קולות, עשר

16) בראשית לג, יג־יד.

*16) עמוס ג, ו.

17) נושאי כלי שלחן ערוך אורח חיים סימן תקפב.

כחות יעדער איינער ווי ער איז כלול פון די איבעריקע.

און דאס איז אויך דער ענין פון אתם נצבים היום כלכם ראשיכם זקני־כם גו׳ [18], וואס ער רעכנט דא אויס צען מדריגות, וואס יעדער מדריגה איז דאך כלול פון אלע צען, אבער ער קען דאך א טעות האבן און נעמען צען פון איין מדריגה גופא, דאס הייסט אז ער וועט נעמען צען פון דעם ראשיכם אליין, און דעם חוטב עציך איבערלאזן, איז מען תוקע מאה קולות.

יב. נאך ר״ה גייט יום הכפו־רים. וואס יוה״כ, זאגט דער רבי [19] ווערט נמשך דער מקיף פון תשובה מחילה וסליחה.

לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, דאס איז דאך ניט בדומה צו דעם ענין המקיפים וואס ער רעכנט פריער: מקיף דיראה, אהבה ושמחה. דער מקיף פון תשובה איז מובן, אבער דער מקיף פון מחילה און סליחה וואס דאס זיינען אזוינע ענינים וואס האבן ניט צו טאן מיט דער עבודת האדם, איז וואס איז דער פשט אז יום הכפורים ווערט אויף אים נמשך דער מקיף פון מחילה און סליחה.

נאר דער אמת איז, אז אויך דער ענין פון מחילה וסליחה האט א שייכות צו עבודת האדם, ווייל ווען ער טוט תשובה כדבעי ווערט ער א בעל הבית אויף דער מחילה אז ער דארף ניט בעטן ביי דעם אוי־בערשטן אז ער זאל מוחל זיין, נאר ער קען מאנען, אז דער אויבערשטער זאל מוחל זיין.

על דרך ווי די כהנים זאגן — ברענגט זיך אין דעם רבי׳נס מאמר דח״י אלול [20] — עשינו מה שגזרת עלינו עשה אתה מה שעליך לעשות, אזוי איז אויך דורך תשובה ווערט ער א בעל הבית אויף מחילה וסליחה.

נאך יום הכפורים גייען די ד׳ ימים שבין יוה״כ לסוכות, וואס אין זיי איז אויך די עבודה פון תשובה, אזוי ווי דער רבי האט דערציילט אז ער איז אמאל אריין מוצאי יוה״כ צו זיין טאטן, דעם רבי׳ן נ״ע, און האט אים געפרעגט: וואס איז איצ־טער? האט ער אים געענטפערט: איצטער דארף מען ערשט תשובה טאן [21].

יג. נאך די אלע ענינים פון תשובה גייט סוכות, שמיני עצרת ושמחת תורה זמן שמחתנו, וואס דעמאלט איז די עבודה פון שמחה. און די אלע וואס זיינען ניט ארויף אויף דעם וואגאן וואס אויף אים שטייט אנגעשריבן בכי׳ ומרירות, קענען ארויפגיין אויף דעם וואגאן וואס אויף אים שטייט אנגעשריבן שמחה און רקודים, און פארן אויף דעם טריין.

אזוי ווי אין גשמיות איז דאך, אז צוליב פארשידענע סוגים פארער זיינען דא פארשידענע סוגים מרכבות (וואגאנעס), אזוי איז אויך די וואס האבן ליב טאנצן, טשעפעט מען צו, צוליב זיי, נאך א מרכבה וואס אויף איר שטייט שמחה, אז אויב זיי וועלן טאנצן לשם שמים קענען זיי אויך

---

18) דברים כט, ט.

19) הועתק בהקדמת קונטרס שמיני עצרת סה״מ ה׳תשי״א ע׳ 78. לקו״ש ח״ד ע׳ 442.

20) ד״ה השקיפה, נדפס בספר המאמרים ה׳תש״י עמוד 272 (קונטרס פא).

21) זע ספר המאמרים תש״ט עמוד 42.

מיטפאָרן, אַזוי ווי דער רבי זאָגט[22], אַז שמיני עצרת בקו השמחה איז דאָס וואָס ראש השנה בקו המרירות, און אויך זיי פאָרן מיטן טריין אַנטקעגן משיח'ן.

יד. וואָס פאַר אַ יתרון גדול ביותר האָט דער צוג? דער תכלית בריאת האדם איז אַז ער זאָל זיין אַ מהלך. מלאכים למעלה ווערן אָנגערופן עומדים, הגם זיי זיינען דאָך געשטאַנען אין אהבה ויראה צוויי טויזנט יאָר און נאָך צוויי טויזנט יאָר און נאָך קאַרגע צוויי טויזנט יאָר, און דאָס זיינען דאָך ביי זיי שטענדיק עליות, פונדעסטוועגן ווערן זיי אָנגערופן בשם עומדים, ווייל אויך זייערע עליות זיינען בסדר והדרגה.

אויך נשמות אידער זיי קומען אַראָפּ למטה ווערן זיי אָנגערופן עומדים: חי הוי' אשר עמדתי לפניו[23]. דוקא בירידת הנשמות למטה, און זיי טוען זיך אָן אין אַ גוף, וואָס דעמאָלט דאַרפן זיי האָבן יגיעת נפש ויגיעת בשר, דעמאָלט ווערן זיי אָנגערופן מהלכים, ווייל די עלי' שעל ידי הגוף איז שלא בהדרגה, און מ'קומט צו, צו עצמות ומהות אין סוף ב"ה, וכמו שנתבאר בכמה מקומות בדא"ח[24]. און דאָס איז דער אויפטו פון דעם צוג, אַז מיט אים קען מען פאָרן שלא בהדרגה כלל, איבערשפּרינגען פון סדר השתלשלות אין למעלה מסדר השתלשלות לאשתאבא בגופא דמלכא, וכידוע בתכלית ירידת הנשמה למטה.

טו. מצד דעם עוצם הגילוים פון ימים נוראים און זמן שמחתנו. קען מען זיין פאַרנומען און פאַרכאַפּט אין די גילוים, און אַז עס וועט קומען צו דער עבודה דכל השנה, צו דעם ויעקב הלך לדרכו (וואָס דורך דעם איז המשכת העצמות), וועט מען עס ניט אויספירן כדבעי, איז אויף דעם איז דער ענין פון השלמה בשבת בראשית, אַז די וואָס האָבן ניט דערטאָן בעבודתם אין חודש תשרי, מצד זייער פאַרנומענקייט אין די גילוים, אָדער מסיבה אחרת, קענען זיי משלים זיין בשבת בראשית.

און דאָס איז די התעוררות פאַר די וואָס זיינען פאַרנומען אין די גילוים, על דרך ווי דער רבי רעדט אין ראש השנה'דיקן מאמר[25], אַז מ'דאַרף מעורר זיין די נשמות וואָס זיי זיינען טרוד אין די גילוים, אַז איצט איז קודשא בריך הוא אתא לאשתעשעא עם צדיקיא בגינתא דעדן.

על דרך משל[25*] ווי איינער גייט צו אַ מלך, איז אָבער אויפן וועג, ווען ער גייט אַריין אין מלך'ס פּאַלאַץ און זעט דעם חדר החיצון, ווערט ער שוין נתפעל, און פאַרגעסט — באמת איז ניט שייך זאָגן דאָ דעם וואָרט „פאַרגעסן" אויפן מלך ח"ו, אָבער ער קומט ניט צו צום מלך אַליין. ער פאַרגעסט אויפן גיין ווייטער, מצד דער אמת'ער גוטסקייט דאָ וואו ער איז.

---

22) הועתק בהיום יום כב תשרי.

23) מלכים א' יז, א. (הובא כאן בקיצור לשון) ומדבר בנשמתו קודם שירדה למטה שלכן אומר עמדתי ולא עומד זהר חלק ג סח, ב. וראה גם כן זהר חלק א' רלג, ב.

24) תורה אור סוף פרשת וישב. ד"ה אם בחוקותי ה'ש"ת, ועוד.

25) ד"ה תקעו (נדפס בספר המאמרים ה'תשי"א עמוד 10 ואילך).

25*) כתר שם טוב חלק א.

פאַראַן אַזאַ וואָס באַלד ביי דעם חדר החיצון ווערט ער נתפעל און גייט ניט ווייטער. פאַראַן אַזאַ וואָס שטעלט זיך אָפּ ביי דעם חדר הפני־מי. פאַראַן אַזאַ וואָס גייט דורך אַלע חדרים, און גייט אַריין אין חדר המלך, נאָר קוקנדיק אויף דעם מלך'ס גילוים, דערגרייכט ער ניט צום מלך אַליין. וואָס אויף דעם דאַרף זיין די השלמה ותוספת בשבת בראשית.

טז. פשטות השם פון שיריים איז ווייניקער ווי העלפט, פונדעסטוועגן געפינען מיר אַז די פעולה פון שיריים קען זיין מער ווי פון דעם עיקר.

עס שטייט אַז אלישע האָט געזאָגט צו אשת עובדי׳, ואת ובניך תחיי בנותר[26], מיט דעם עיקר האָט זי אָפּגעצאָלט די נושים, אָבער דער נותר שטייט ניט אַז ער האָט גע־קלעקט אויף אַ יאָר, צוויי, אָדער דריי, נאָר רז״ל זאָגן[27] אַז דאָס איז עד שיחיו המתים, וואָס תחית המ־תים וועט זיין נאָך ביאת המשיח, נאָך בנין הבית השלישי, און נאָך קיבוץ כל הגליות[28] — איז ביז דעמאָלט תחיי בנותר.

און אַזוי איז אויך שבת בראשית וואָס דאָס איז די שיריים פון גאַנץ חודש תשרי, וואָס דערפאַר איז דאָך אויך אין גשמיות (וואָס אַלע ענינים וואָס זיי זיינען דאָ אין גשמיות זיינען זיי דערפאַר ווייל אַזוי איז אויך אין רוחניות) דער סדר, אַז ווען די בעל־הבית׳טע גרייט צו משקה און פאַרבייסן אויף יום טוב, מאַכט זי אַ חשבון אַז מען קען צוגרייטן מערער, ווייל אויב עס וועט ניט פאַרברויכט ווערן אין יום־טוב וועט זיין שבת בראשית אַ קידוש און עס וועט פאַרברויכט ווערן אין שבת בראשית. איז הגם אַז שבת ברא־שית איז אַן ענין פון שיריים, פונ־דעסטוועגן איז די פעולה פון שבת בראשית קען זיין מערער ווי די פעולה פון חודש תשרי.

יז. שבת בראשית איז ניט אַ שבת ווי אַלע שבתים אָדער אַפילו ווי אַ שאר שבת מברכים, נאָר דאָס איז גאָר אַן אַנדער ענין, אַן ענין כללי, ווי דער רבי זאָגט אין דער שיחה פון ערב סוכות[29], אַז דער אור וחיות פון שבת בראשית ווערט נמשך על כללות השנה. אויך איז פאַראַן אַ וואָרט פון צמח צדק, אַז אַזוי ווי מ׳שטעלט זיך שבת בראשית אַזוי גייט אַ גאַנץ יאָר.

הגם אַז לכאורה האָט דאָך צו טאָן אַזאַ ענין מיט ר״ה, יוה״כ, הושענא רבה, אָבער ניט מיט שבת בראשית, עס שטייט דאָך אין זוהר[29*] אַז הושענא רבה ושמיני עצרת גיט מען שוין די פתקין, וואָס נאָך דעם איז שוין ניטאָ גאָרנישט, נאָר זאָל זיין ווי דער צמח צדק האָט גע־זאָגט (לענין ביאת אלי׳ הנביא בערב שבת קודש)[30], זאָל ער שוין קומען, און אַז ער וועט קומען, וועט ער שוין פאַרענטפערן די קשיא אויך.

יח. ווייטער שרייבט דער רבי אין בריוו „גם החלש יאמר גבור אני,

26) מלכים ב׳ ד, ז.
27) הובא בילקוט שמעוני רמז רכח.
28) עיין זהר חלק א׳ קלט, א. מכתב כ״ק אדמו״ר נ״ע שבקובץ מכתבים מימיוגראף ח״א מכתב ט. אג״ק שלו ח״א ע׳ שט ואילך.
29) ספר המאמרים ה׳תש״א ע׳ 59.
*29) ראה זהר חלק א׳ רכ, א. זהר חלק ב׳ קמב, א. זהר חלק ג׳ לא, ב.
30) זע שיחת ליל שמח״ת ה׳תשי״א.

להיות כי כל אחד ואחד ההולך בדרך הסלולה, גבור הוא בתגבורת אור זכות הוד כ"ק אבותינו רבותינו הקדו־שים".

הגם אז ער איז אַ חלש, וואָס דער רבי אַליין זאָגט אויף אים אַז ער איז אַ חלש, פונדעסטוועגן גייענדיק אין דרך הסלולה, וואָס עס האָבן סולל געווען אבותינו רבותינו הקדו־שים, קען ער זאָגן גבור אני, מצד די תגבורת אור זכות אבותינו רבותינו הקדושים.

און הגם אַז דאָס איז דאָך אור, וואָס וועגן דעם גדר האור זאָגט דער רבי אין דעם המשך *[30]), אַז וואָס ער ווערט מער נמשך ווערט ער אַלץ מער נתמעט, פונדעסטוועגן איז החלש יאמר גבור אני, ווייל אמת טאַקע אַז אור ווערט נתמעט, און אמת טאַקע אַז ער איז אַ חלש, אָבער דאָס אַלץ איז מצד עצמו, אָבער מצד דעם אור זכות אבותינו רבותינו הקדושים איז ער אַ גבור.

(משיחת ש"פ בראשית, ה'תשי"א)

יט. דער רבי, כ"ק מו"ח אדמו"ר, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז בראשית איז אַ גרויסע סדרה, און האָט אָפּגע־טייטשט: וואָס מיינט אַ גרויסע סד־רה? — אין פשטות, פרשת ברא־שית איז כולל אין זיך אַ משך זמן פון איבער פופצן הונדערט יאָר. קיין סדרה איז ניט כולל אין זיך אַ משך פון אַזוי פיל יאָרן.

על פי החשבון איז אַלע סדרות צוזאַמען — זיינען אויך ניט כולל אין זיך אַזוי פיל זמן, וואָרום דער סיום החומש איז בשנת ב' אל־פים תפ"ח, קומט דאָך אויס אַז אַלע סדרות צוזאַמען זיינען ניט כולל אין זיך אַזוי פיל זמן וויפל די סדרה בראשית אַליין.

כ. דער ענין פון דעם אין רוח־ניות:

עס איז ידוע דער וואָרט [31]), אַז ווי מען שטעלט זיך אַוועק אין שבת בראשית, אַזוי גייט עס אַ גאַנץ יאָר. און בשעת מען שטעלט זיך אַוועק שבת בראשית מיט אַ התרחבות, דע־מאָלט איז פאַראַן הרחבה אַ גאַנץ יאָר אין אַלע ענינים, סיי אין רוח־ניות סיי אין גשמיות.

רוחניות און גשמיות אין נפש האלקית־לעבן — מיינט תורה און מצוות. מצוות לגבי תורה איז גש־מיות לגבי רוחניות. תורה איז דאָך הבנה והשגה, רוחניות. מצוות זיינען דאָך אָנגעטאָן אין דברים גשמיים, גשמיות.

און ניט נאָר מצוות מעשיות. אַפילו מצוות דחובת הלבבות זיינען אויך אַן ענין פון גשמיות — לגבי תורה. וואָרום אויך מצוות דחובת הלבבות דאַרפן זיין נרגש אין דעם בשר הלב הגשמי, כמבואר באריכות בכמה מאמרי דא"ח.

עס איז אויך דאָ גשמיות כפשוטו, אידישע גשמיות, גשמיות וואָס יע־דער איד דאַרף האָבן על פי תורה.

כא. איז אויף דעם אַלעם זאָגט מען, אַז ווי מען שטעלט זיך אַוועק שבת בראשית, אַזוי גייט כל השנה, סיי אין רוחניות סיי אין גשמיות, ד. ה. אין לימוד התורה, אין קיום המצוות און אין גשמיות כפשוטו.

---

*30) ספר המאמרים ה'תשי"א עמוד 51 און ווייטער.

31) זע אויבן (ערשטער באַנד) עמוד 1.

און דער טעם אויף דעם איז, ווייל בראשית איז אַ גרויסע סדרה, זי איז כולל אין זיך אַ משך פון כמה וכמה שנים. זי איז כולל אין זיך גאַנץ סדר השתלשלות. דערפאַר איז די הנהגה פון שבת בראשית נוגע לכל השנה.

כב. דער רמז אויף דעם אַז שבת בראשית איז כולל אין זיך גאַנץ סדר השתלשלות איז, וואָס אין דער סדרה רעכענען זיך אויס צען דורות, פון אָדם הראשון ביז ונח מצא חן בעיני הוי׳ [32], וואָס דער מספר עשר איז אַ מספר כללי, וואָס איז כולל אין זיך אַלץ [33].

אַזוי איז דאָס אין דעם ענין הספירות, שבהם נברא העולם — איז פאַראַן עשר ספירות, און ווי ער זאָגט אין ספר יצירה [34], עשר ולא תשע עשר ולא אחד עשר. מספר עשר דוקא איז כולל אין זיך גאַנץ השתלשלות.

דערפאַר איז אויך בגשמיות איז אין יעדער זאַך פאַראַן צען ענינים. אויך על פי חקירה זאָגן חוקרים אַז אין יעדער זאַך איז פאַראַן נייען מקרים מיטן עצם, וואָס דער עצם איז נושא אַלע מקרים.

כג. אַזוי רעדט זיך אויך אין חסידות, אַז אין יעדער זאַך איז פאַראַן דער אורך, רוחב און עומק (גובה), און יעדע איינע פון זיי האָט ראש תוך סוף, איז דאָס נײַן, און עס איז פאַראַן דער עצם וואָס ער איז אין זיך כולל דאָס אַלץ.

32) בראשית ו, ח.
33) ראה ברייתא מעשה תורה.
34) פרק א משנה ז. ולהעיר מזהר חלק ב קפז, ב. פרדס שער א׳ פרק ו.

אַזוי איז אויך אין כללות משך הזמן, איז יעדער ענין שטעלט זיך אויס אין מספר עשר. ווי עס ברענגט זיך [35], אַז עס זיינען פאַראַן צען פרה אדומה׳ס, אחת שעשה משה און רעכנט דאָרט אויס נאָך אַכט און די צענטע וועט זיין בימות המשיח.

כד. אַזוי אויך בענין השירה, זאָגט ער אין תרגום [36], אַז די ערשטע שירה האָט געזאָגט אָדם הראשון, און רעכנט אויס נאָך אַכט, און די צענטע וועט זיין בביאת המשיח. דאָס איז אויך דער ענין פון שירו להוי׳ שיר חדש [37], וואָס דאָס גייט אויף לעתיד לבוא, וואָס דערפאַר שטייט שיר לשון זכר.

אַזוי אויך בענין הרעב, זאָגט ער אין מדרש [38], אַז דער ערשטער רעב איז בימי אדם הראשון, און רעכנט אויס נאָך אַכט, און דער צענטער רעב וועט זיין בביאת המשיח. נאָר יענער רעב וועט זיין לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע את דבר הוי׳.

כה. און אַזוי ווי אַלע ענינים וועלכע שטעלן זיך אויס אין מספר עשר איז דאָך דער צענטער וועט זיין לעתיד, אַזוי אויך דאָס וואָס ער רעכנט אויס בסדרה בראשית צען דורות פון אָדם הראשון ביז ונח מצא חן בעיני הוי׳, איז דער תכלית הענין פון מצא חן בעיני הוי׳, וועט זיין לעתיד [39].

35) ילקוט ראובני חוקת.
36) שיר השירים א, א.
37) מכילתא, הובאה בתוספות ד״ה ונאמר פסחים קטז, ב.
38) בראשית רבה פרשה כה, ג. סד, ב.
39) ראה זהר חלק א נח, ב: נייחא לעלמא דאתי.

און דאָס איז דער רמז, אַז שבת בראשית איז כולל אין זיך גאַנץ סדר ההשתלשלות. פון תחלת ההשתלשלות ביז דעם גמר ההשתלשלות, ווען עס וועט זיך אויספירן דער תכלית הכוונה פון להיות לו יתברך דירה בתחתונים, איז דאָס אַלץ כלול אין שבת בראשית.

און דאָס וואָס מען לייענט ונח מצא חן בעיני ה׳, פריער און אויך איצטער בזמן הגלות, איז דאָס אַ הוראה, אַז שוין איצטער דאַרף מען מאַכן אַ כלי צו די גילוים פון לעתיד, וואָס דאָס איז דורך לימוד החסידות, וכידוע באגרת הבעש״ט [40].

און בשעת מען שטעלט זיך אַוועק שבת בראשית בהרחבה אין דעם אַלעם, גיט דאָס אַ הרחבה על כל השנה, ביז מען וועט מאַכן די וועלט אַ דירה לו יתברך — מרחב העצמי.

(משיחות ש״פ בראשית, ה׳תשי״ז)

# נח

א. אין פרשת נח רעדט זיך וועגן דעם מבול, וואָס ווערט אָנגערופן מי נח. ולכאורה איז ניט מובן, פאַרוואָס ווערט עס אָנגערופן מי נח, נח איז דאָך גאָרניט געווען שולדיק אין דעם מבול, ער איז דאָך געווען אַ צדיק תמים?

זאָגט דערויף דער זוהר [1] — ווייל נח לא התפלל על דורו, דערפאַר ווערט דער מבול אָנגערופן על שמו.

דאָס מיינט, אַז הגם טאַקע נח איז ניט געווען שולדיק און ער איז ניצול געוואָרן, נח ואשתו ובניו ונשי בניו, אָבער ער האָט געדאַרפט מתפלל זיין און באַשיצן און מחזיר בתשובה זיין די מענטשן פון זיין דור. ניט זיין אָפּגעשפּאַרט פון דער גאַנצער וועלט אין אַ תיבה. בשעת אָבער ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אין אַ תיבה פאַר זיך, איז הגם דאָס איז געווען על פי ציווי הקדוש ברוך הוא, וואָס דער אויבערשטער האָט אים געהייסן: בא אל התיבה, פונדעסטוועגן זאָגט מען אויף אים פאַר ניט מתפלל זיין און טאָן פאַר דער וועלט, אַזאַ שווערן וואָרט, אַז די מי המבול ווערן אָנגערופן על שמו, מי נח.

ב. ומכאן הוראה לכל אחד ואחד, אַז אַפילו ער איז אַ צדיק תמים, אָבער אויב ער שליסט זיך אָפּ פאַר זיך, זאָל דאָס אַפילו זיין על פי ציווי הקב״ה, און טראַכט ניט וועגן דעם דור, איז אַפילו אויף נח׳ן וואָס ער איז געווען אַ צדיק תמים, און דאָס איז געווען פאַר מתן תורה, זאָגט מען אַ שווערן וואָרט, ומכל שכן נאָך מתן תורה, דכל ישראל חברים וישראל ערבים זה לזה [2], דאַרף יעדערער טראַכטן וועגן אַלע־

40) ראה כתר שם טוב בתחלתו. הביאור עפ״י חסידות ראה לקוטי דיבורים ח״ב ליקוט טז־יח.

1) חלק א׳ סז, ב. רנד, ב. חלק ג׳ יד, ב.

2) שבועות לט סוף עמוד א. סנהדרין כז, סוף עמוד ב.

מען, לאצלי ולאגנא נאָך אידער זיי זיינען געוואָרן בעלי תשובה, און דער־נאָך לאתבא בתשובה.

יעדער איינער דאַרף זיך ניט מסת־פק זיין מיט זיך אַליין, נאָר ער דאַרף אויך טאָן מיטן זולת.

צי ער וועט אויפטאָן אָדער ניט, ער דאַרף טאָן וואָס מען מאָנט פון אים, ובהדי כבשי דרחמנא למה לך [3].

און בדרך כלל: אַז מען טוט, טוט מען טאַקע אויף, ובפרט חסידים האָבן דאָך דעם פסק דין און די הבטחה פון אַלטן רבי'ן [4], אַז בכל ענין וואָס זיי וועלן טאָן אין ענינים פון תורה ומצוות וועט זיין ידם על העל־יונה.

(משיחת ש״פ בראשית, ה׳תשי״ז)

# לך לך

א. עס איז פאַראַן דעם רבי'נס אַ שיחה [1]: דער אַלטער רבי האָט גע־זאָגט: מען דאַרף לעבן מיט דער צייט. חסידים האָבן זיך שטאַרק גע־מאַטערט אויף דעם פשט פון די ווערטער, ענדלעך האָט מען אויס־געפונען דורך דעם אַלטן רבי'נס ברו־דער מהרי״ל [*1]) אַז דאָס מיינט אַז מ'דאַרף לעבן מיט דער פרשת השבוע.

פרשה בראשית איז אַ פריילעכע וואָך, אָבער דער סוף פון דער סדרה איז ניט אַזוי געשמאַק. פרשה נח איז אַ קאַלעמוטנע וואָך, עס איז געווען אַ מבול, דור הפלגה און נאָך אַזעלכע ענינים. פרשה לך לך איז אַ וואָך וואָס אַלע טעג פון איר לעבט מען מיט אברהם אָבינו, דער ערשטער וואָס האָט געעפנט דעם ציגור פון מסירת נפש און דאָס איבערגעגעבן בירושה צו אַלע אידן לדורותיהם [**1].

* * *

ב. היינט ווערט ניין חדשים פון דער הסתלקות, וואָס דער טייטש פון דעם וואָרט הסתלקות איז ווי דער רבי טייטשט אין דעם מאמר פון דעם יום ההסתלקות [2], אַז הסתל־קות מיינט דער ענין פון עלי'.

פון דעם איז מובן, אַז מיט דער הסתלקות זיינען נמשך געוואָרן אורות נעלים ביותר, וואָס זיי זיינען אין אַן עלי', וואָס על שם זה ווערט דאָס אָנגערופן בשם הסתלקות און להיו־תם אורות נעלים ביותר דאַרף מען האָבן כלים נעלים ביותר מען זאָל זיי קענען האָבן למטה.

— על דרך זה זיינען די המשכות פון מילה, וואָס די ערשטע מילה איז אַן ענין וואָס איז געקומען מלמע־

3) ברכות י, א.

4) זע ספר קיצורים והערות לתניא עמוד קכב.

1) געדרוקט אין קונטרס ביקור שיקאגא עמוד 7 (סה״ש תש״ב ע' 29 ואילך).

*1) נודע בשם מהרי״ל מיאנוביטש, בעל המחבר ספר שארית יודא. ראה אודותו בספר שארית יהודה (הוצאת קה״ת ברוקלין תשי״ז) בסופו.

**1) ראה לקוטי שיחות ח״א ע' 22 ואילך.

2) ד״ה באתי לגני ס' המאמרים ה'תשי״ עמוד 111 (קונטרס עד).

לה כנ״ל [*2]). יעדער מילה איז אַ הכנה און איז פאַרבונדן מיט ומל הוי׳ אלקיך את לבבך. ובכלל איז מילה מער ניט ווי הסרת המסך ודבר המו־נע, און ממילא ווערן נמשך ההמש־כות, ווארום דאָס זיינען אורות נע־לים וואָס מיט עבודה קען מען זיי ניט ממשיך זיין, נאָר מ׳גיט זיי מלמע־לה בתורת מתנה [3]).

און להיותם אורות נעלים ביותר, ווערט די התגלות וואָס קומט דורך דער הסתלקות, אָנגערופן בשם לי־דה [4]).

ג. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו: לך לך מארצך, ד. ה. אַז אויף צוקומען צו די אורות נעלים, מוז מען צוערשט אַרויסגיין פון די אייגענע הגבלות, אַפילו פון הגבלות דקדושה.

אַרויסצוגיין פון די הגדרות און הגבלות פון דעם נפש הבהמית, קען מען דורך לערנען שולחן ערוך מיט ספרי מוסר, ווייל דורך פירן זיך על פי שולחן ערוך און לערנען ספרי מוסר, וועט ער וויסן אַז גש־מיות איז גאָרנישט, וועט ער במילא אַרויסגיין פון די הגבלות פון דעם נפש הבהמית און מכל שכן פון די הגבלות פון דעם גוף.

אַרויסגיין פון הגבלות דקדושה איז גאָר אַן אַנדער זאַך. עס קומט צו תורה — זאָגט ער געווג תמכין דאורייתא, געווג פרק אחד שחרית און פרק אחד ערבית, געווג שיעור שלאחרי התפלה, געווג לימוד אַן יגיעת נפש ויגיעת בשר, געווג נגלה דתורה, — וואָס פעלט אים לימוד החסידות?

עבודה — קומט ער אין שול אין מיטן דאַווענען, איז על פי שולחן ערוך קען ער איבערהיפּן רובא דפסו־קי דזמרא, איבערהיפּן דריי פערטל דאַווענען, אַבי ער זאָל דאַווענען בצי־בור. בראָקן נאָכאַנאַנד אַן פירוש המילות — אויך געווג. פירוש המי־לות גם אַן התבוננות לפני מי אתה עומד — די והותר. כובד ראש לפני התפלה — יוצא מיט צוזאַמענלייגן די הענט כעבדא קמי׳ מרי׳. במילא קען מען שוין לאָזן די מחשבה בלאָנ־זשען.

מ׳מאָנט ביי אים צדקה, טענה׳ט ער אַז על פי שולחן ערוך איז טאַקע פאַראַן אַ מצוה פון צדקה, אָבער ס׳איז פאַראַן שיעורים אין דעם, ס׳איז פאַראַן אַ שיעור מדאורייתא און עס איז פאַראַן אַ שיעור מדרבנן, אָבער מער פאַר דעם שיעור איז מען ניט מחויב. מער ווי אַ חומש איז ניט נאָר וואָס מ׳איז ניט מחויב צו געבן, נאָר מ׳טאָר גאָר ניט געבן, ווי עס שטייט, המבזבז אל יבזבז יותר מחו־מש [5]).

ער האָט בכלל אַ טענה אַז מען דאַרף אויף זיך ניט מחמיר זיין מער ווי די תורה האָט געהייסן. עס איז פאַראַן אַ לשון אין ירושל־מי [6]), לא דייך מה שאסרה לך תורה. דאַרף ער זיין פרימער פאַרן ירושל־מי? ובכלל וואָס מאָנט מען ביי

---

[*2]) ערשטער באַנד, זייט 27.

3) לקוטי תורה תזריע ד״ה למנצח על השמינית, וספר המצות להצמח צדק מצות מילה.

4) ראה אגרת הקדש כז: גידולי גידולין מן אור זרוע כו׳ ונזרעו בחקל כו׳ מעשים טובים הנולדים כו׳.

5) כתובות סז, ב. שלחן ערוך יורה דעה סימן רמט סעיף א בהגה.

6) פרק ט דנדרים, וראה גם כן שמונה פרקים להרמב״ם פרק ד.

אים ענינים פון לפנים משורת הדין, הלואי זאָל ער זיין ווי על פי שולחן ערוך!

וואָס די אַלע טענות זיינען הגבלות פון שכל דקדושה.

ד. דער רבי האָט געזאָגט אין אַ שיחה (דאָס איז געווען ח"י אלול תש"א, מיט צען יאָר צוריק), אַז אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ מחלה וואָס די מחלה הייסט מען מאָג. דער רבי האָט אויך דערציילט עטלעכע מאָל אַז ס'איז פאַראַן אַ מאמר פון חסידים פונקט להיפך: וואָס מ'טאָר ניט — טאָר מען ניט, און וואָס מען מאָג — דאַרף מען ניט.

פרעגט שכל — אפילו שכל פון אַ אידן — אויף דערויף אַ קשיא: מילא וואָס מ'טאָר ניט, טאָר מען ניט, אָבער וואָס על פי שולחן ערוך מעג מען, פאַרוואָס זאָגט מען אים, אַז וואָס מען מעג דאַרף מען אויך ניט?

נאָר ס'איז על דרך ווי עס שטייט [7]: עם הארץ אסור לאכול בשר, וואָס דאָס מיינט מען ניט קיין איסור ממש, וואָרום אַ דבר האסור איז אסור וקשור בידי החיצונים, און מ'טאָר אויף דעם קיין ברכה ניט מאַכן. דער ענין וואָס עם הארץ אסור לאכול בשר, איז אַן ענין שאי־נו אסור בידי החיצונים, ומחויב לבר־רך קודם ואחרי אכילתו. נאָר עס איז על דרך ווי דער רבי זאָגט אַז וואָס מען מעג — דאַרף מען ניט.

ה. דער ביאור דערפון איז, עס רעדט זיך אין חסידות דער ביאור פון דעם ענין האכילה אַז בעיקרו איז דאָס ניט צוליב דעם אָדם, ער זאָל מקבל זיין פון דעם מאכל, ווייל דער אָדם איז העכער במדריגה פון דעם מאכל, נאָר דאָס איז צוליב דעם מאכל, כדי דער אָדם זאָל מבר־רר זיין דעם מאכל און מעלה זיין אים. און דער מאכל וויל און וואַרט, דער אָדם זאָל אים עסן.

— דער רבי האָט אַמאָל דערציילט אַז (אביו) דער רבי נ"ע האָט זיך ביי אים אַמאָל אויסגעגליטשט פון גאָפל דער מאכל צוריק אין טע־לער, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: ער (דער מאכל) וויל נאָך ניט. —

ווען וויל אָבער דער מאכל אַז דער אָדם זאָל אים עסן, ווען דער אָדם עסט אים ניט ווייל ער — דער אָדם — וויל, נאָר ווייל דער מאכל וויל, ד. ה. ער עסט צוליב העלאת המאכל, אָבער ווען ער עסט ווען ער וויל, ד. ה. ער עסט דעם מאכל צוליב זיך, ער וויל נאָר מקבל זיין פון דעם מאכל, איז דעמאָלט ניט נאָר וואָס ער איז ניט מעלה דעם מאכל, נאָר דער מאכל איז אים מוריד.

אויך איז די ירידה וואָס דער מאכל איז מוריד דעם אָדם, פועל'ט דאָס אַ ירידה אויך אין דעם מאכל, ווייל דורך דעם מאכל איז נכשל געוואָרן אַן אָדם.

על דרך ווי רש"י ברענגט [8] דעם טעם ואת הבהמה תהרוגו, הגם אַז די בהמה איז ניט קיין בעל בחירה, פונדעסטוועגן דאָס גופא וואָס דורך איר איז נכשל געוואָרן אַן אדם, קומט איר הרג'נען, על דרך זה איז אויך אַז דאָס גופא וואָס דער מאכל

---

7) פסחים מט, ב.

8) ויקרא כ, טו. ממשנה סנהדרין פרק ז משנה ד.

האט געפּועל׳ט אַ ירידה אין דעם אָדם, פּועל׳ט דאָס אַ ירידה אין דעם מאכל.

ו. על דרך זה האָט דער רבי געזאָגט אין אַ שיחה[9], אַז ווען מ׳גייט אין גאַס, דאַרף מען טראַכטן דברי תורה, יעדערער לפי ערכו, חסידות, גמרא, משניות, עין יעקב, אָדער לכל הפחות אַ פּסוק חומש אָדער תהלים. (דאָס וואָס איך זאָג „לכל הפחות״, מיין איך הגם אַז אים פעלט די הבנה).

ווי איז אָבער ווען ער גייט אין גאַס און טראַכט ניט קיין דברי תורה, זאָגט אים דער שטיין, בולאַך, וואָס טרעטסטו אויף מיר? מיט וואָס איז דיין יחוס וואָס דו טרעטסט אויף מיר?

הגם אַז ער איז אַ מדבר, און דער שטיין אַ דומם, אָבער די גאַנצע מעלה פון אַ מדבר איז דאָס וואָס ער האָט אַ נפש השכלית און פירט זיך על פּי שכל, אָבער ווען ער פירט זיך ניט על פּי שכל, אויב נכנסה בו רוח שטות, — שאינו ממלא תפקידו — וואָס איבער דעם רופט מען אים בולאַך, זאָגט אים דעמאָלט דער שטיין, בולאַך וואָס טרעטסטו אויף מיר?

שכל אנושי פרעגט אָבער אַ קשיא, וויבאַלד אַז על פּי תורה איז פאַרט מותר, איז מעג מען דאָך, איז פאַרוואָס זאָגט מען אַז וואָס מען מעג דאַרף מען אויך ניט? נאָר דער ענין איז, אַז בזמן הגלות איז ניט מספּיק די עבודה וואָס על פּי טעם ודעת. עס דאַרף זיין די עבודה פון מסירת נפש.

דער פּשט פון מסירת נפש, שטייט אין חסידות, אַז נפש הייסט רצון[*9], — וואָס דער רצון פון אַ אידן, זאָגט דער רמב״ם[10], איז אין תורה ומצוות, — איז בזמן הגלות דאַרף זיין מסירת נפש, ד. ה. אַז בזמן הגלות דאַרף מען אויך איבערגעבן דעם רצון דקדושה, ד. ה. אַז מ׳דאַרף אַרויסגיין אַפילו פון הגבלות דקדושה.

ז. דערפאַר איז ווען ביי אברהם אבינו האָט זיך אָנגעהויבן דער גלות, האָט אים דעמאָלט דער אויבערשטער געזאָגט לך לך, ער זאָל אַרויסגיין פון זיינע הגבלות, וואָס מיט דעם כוח וועט ער אויך קענען גיין אל הארץ, אַוועקגיין אין עולם, און הגם אַז דרך איז ממעט ג׳ דברים[11], פונדעסטוועגן איז ניט נאָר וואָס עס וועט ביי אים ניט נחלש ווערן, נאָר

---

9) היום יום עמוד כח, לה, אחרון של פסח ה׳תש״ב, קובץ מכתבים שני. אג״ק אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ קנא. ועוד.

*9) כמ״ש אין נפשי אל העם הזה (ירמי׳ טו, א) ופרש״י נפשי — רצוני. ראי׳ זו הובאה בתורה אור מקץ ד״ה רני ושמחי, ובכמה מקומות בדא״ח ולכאורה צריך עיון מפני מה אין מסתייעין ממה שנכתב בתורה — בראשית כג, ח — אם יש את נפשכם, ויש לומר דשם מדבר בלעומת זה וסטרא אחרא אשר בבואה דבבואה לית להו (ראה לקוטי תורה סוף ד״ה כי תצא — השני — וביאורו), ולכן אין מזה ראי׳ גמורה לפי׳ ובכל נפשך דקדושה. ועל פי חילוק זה מובן גם כן דאין ראי׳ ממה שנכתב — תהלים כז, יב — אל תתנני בנפש צרי. — וגם בזה נראה עד כמה מדויקים בתורת הדא״ח אפי׳ פרטים שבאו בטפל ובדרך אגב.

10) הלכות גירושין סוף פרק ב.

11) רש״י בראשית יב, ב.

פאַרקערט, ואגדלה שמך, וואָס דאָס מיינט דעם שם הוי׳ שמו העצמי, כמבואר בדא״ח[12].

און אַזוי איז אויך בכללות ישראל אַז איידער ס׳איז געווען דער ומפני חטאינו גלינו מארצנו, האָט מען ניט געדאַרפט אָנקומען דוקא צו מסירת נפש. דאָס וואָס עס רעדט זיך אין תניא[13] אַז משה רבנו האָט גע־הייסן דעם דור המדבר לייענען קריאת שמע פעמים בכל יום צוליב דעם ענין פון מסירת נפש, איז אַלץ אַן ענין פון מסירת נפש בכח און ניט בפועל, מה שאין כן בזמן הגלות דאַרף מען האָבן מסירת נפש בפועל. אחת ההוכחות על זה — מה שאז דוקא נמצא ונתגלה ענין המסירת נפש.

ח. אויף צוקומען צו דעם, אויף אַרויסגיין פון אַלע הגבלות, אַפילו הגבלות דקדושה מוז זיין קבלת עול, ווייל אויב ער וועט זיך וועלן אויס־טענה׳ן מיט שכל וועט ער האָבן קשיות, אַ קשיא פון ירושלמי, אַ קשיא פון בבלי וכו׳ נאָך אַזוינע קשיות. מ׳מוז האָבן קבלת עול דוקא. אין אַ דרגא נעלית איז דאָס מסירת נפש, און אין התחלת העבודה איז דאָס קבלת עול.

און מיט דעם כוח פון קבלת עול, וואָס דורך דעם וועט ער אַרויסגיין פון אַלע זיינע הגבלות, וואָס דאָס איז דער ענין פון לך לך, וועט ער קענען דורכגיין דעם גלות, און וועט צוקומען צו מילה, דער גילוי פון די אורות נעלים, וואָס זייער התגלות איז אַן ענין פון לידה.

ט. דער ענין הלידה איז אויף צוויי אופנים: לידה פון אַ זכר, וואָס איש דרכו לכבוש[14], אַ הנהגה וואָס ער פאַרשטייט על פי שכל. און אַ לידה פון אַ נקיבה, וואָס ענינה איז ווי עס שטייט[15] אין לך אשה כשרה בנשים אלא אשה שהיא עושה רצון בעלה, ענין דקבלת עול.

עס שטייט[16] בת תחלה סימן יפה לבנים, טייטשט די גמרא ווייל וועט ס׳איז פריער פאַראַן אַ בת, וועט זי אַכטונג געבן און מטפל זיין זיך מיט די בנים.

אין רוחניות דער ענין פון בת תחלה סימן יפה לבנים הייסט אַז דורך דער הקדמה פון קבלת עול, וועט אויך זיין אַ סימן יפה אין די בנים, ד. ה. אין כבוש חלקו בעולם. דורך דעם וואָס קבלת עול וועט אַכטונג געבן אויף דעם כבוש — וועט זיין דער כבוש, דער בירור אין עולם כדבעי למיהוי[17].

י. דער רבי האָט געגעבן מעתיק זיין אַ בריוו פון זיין פאָטער דער רבי נ״ע[18] אַז אויך אויף אַ מיידע־לע דאַרף מען זאָגן לתורה לחופה ולמעשים טובים.

אין ספרים געפינט מען אין דעם נוסח הברכה אויף אַ בת, מער ניט ווי דעם לשון חופה ומעשים טובים,

---

12) ד״ה לך לך — השני — דהמשך תרס״ו, ובכמה מקומות.

13) פרק כה.

14) יבמות סה, ב.

15) תנא דבי אלי׳ רבא פרק ט.

16) בבא בתרא קמא, א.

17) ראה לקוטי תורה ד״ה שובה — השני — סוף פרק ג.

18) נעתק בקובץ מכתבי כ״ק אדמו״ר נ״ע עמוד כא. היום יום, כה מנ״א. אג״ק שלו ח״א ע׳ רי.

אָבער דער רבי נ״ע שרייבט אין דעם בריוו בשם אבותינו הקדושים, אַז אויך אויף אַ בת זאָגט מען לתורה לחופה ולמעשים טובים.

דער טעם המנהג איז ער מבאר אין בריוו על דרך ווי דער מאמר רז״ל [19]) נשי במאי זכיין, ווייל די בנות האָבן אַ חלק אין דער תורה וואָס עס לערנען זייערע מענער און קינדער.

איז פון דעם זעט מען כמה ענינים בחיובי האשה, ערשטנס זען אַז דער מאַן זאָל האָבן אַ קביעות עתים לתורה, במילא וועט זי האָבן אין וואָס צו האָבן אַ חלק, און אויך אַז ווען די פרוי האָט קינדער דאַרף זי זען זיי זאָלן לערנען.

יא. מען האָט פריער דערמאָנט אַז היינט ווערט ניין חדשים פון דעם יום ההסתלקות, וואָס דער ענין ההסתלקות איז ממשיך אורות נעלים, וואָס די המשכה ווערט אָנגערופן בשם לידה. אין ירחי לידה זיינען פאַראַן דריי זמנים, אַ זמן פון ז׳ חדשים, אַ זמן פון תשעה חדשים, און אַ זמן וואָס רבה תוספאה זאָגט, י״ב חדשים. הגם אַז תוספות [20]) זאָגט אַז לא קיימא לן כרבה תוספאה, אָבער עס ווערט אָפּגע׳פסק׳נט אין רמ״א [21]) אַז עס קען זיין דער זמן העיבור י״ב חדשים.

וואָס דער עיבור איז לענגער פועל׳ט דאָס אַלץ מער בירור און זיכוך אין דעם גוף, ווייל דער כללות ענין העיבור איז ווי ס׳איז מבואר אין תניא [22]), אַז אין דער טיפה איז דער גאַנצער גוף, דער ראש מיט די צפרנים, צוזאַמען, אויף דעם איז דער ענין העיבור אויף מברר זיין און פאַנאַנדערטיילן אַז אַלץ וואָס געהערט צום ראש זאָל זיין אין ראש, אַלץ וואָס געהערט צום גוף זאָל זיין אין גוף, און אַלץ וואָס געהערט צום רגל זאָל זיין אין רגל.

יב. פון דעם איז מובן אַז וואָס דער עיבור איז לענגער, אַלץ מער איז דער בירור, דערפאַר איז דאָך גופו של משה וואָס ער איז געווען בעיבור ז׳ חדשים איז טעון קבורה, און גופו של אלי׳ וואָס ער איז געווען בעיבור י״ב חדשים אינו טעון קבורה, ווייל ער איז אַזויפיל מזוכך אַז ער האָט געקענט עולה זיין מיט דעם גוף בסערה השמימה [23]).

דערפאַר איז הגם אַז אין זמני העיבור זיינען פאַראַן דריי זמנים, פונדעסטוועגן איז דער זמן פון ט׳ חדשים דער דרך המיצוע, דער דרך הבינונים, וואָס אויף דעם דרך הבינונים זאָגט דער אַלטער רבי [24]) אַז דאָס איז מדת כל אדם ואחרי׳ כל אדם ימשוך.

די ביי וועמען עס איז נוגע בעיקר זיכוך הגוף דאַרפן האָבן י״ב חדשים, די וואָס עיקר עבודתם בנשמתם איז זיי מספיק ז׳ חדשים, און דער אור הנשמה וועט שוין באַלייכטן דעם גוף. אָבער דער דרך הבינונים

---

19) ברכות יז, א.

20 נדה לח, א.

21) אבן העזר סימן ד, סעיף יד. עיין שם בפתחי תשובה, עץ חיים שער כח פרק ב.

22) פרק ב.

23) ד״ה והר סיני עשן תש״ח פרק ו — קונטרס נח (ס׳ המאמרים תש״ח עמוד 211). מעלת עיבור דמשה — באור התורה להצמח צדק על שמות עמוד נט.

24) תניא פרק יד.

— וואס מ'דאַרף עבודה בגוף און עבודה בנשמה — איז ט' חדשים, וואס דער דרך הבינונים איז שייך צו אַלעמען.

יג. אין ט' חדשים גופא זיינען אויך פאַראַן צוויי דעות: א) אַז מען רעכנט געגוי מספר הימים: רעא, רעב אָדער רעג ימים. ד. ה. יולדת צו רעא ימים מהעבור, נאָר די קליטת הזרע קען געווערן ביז דריי טעג. ד. ה. אַז עס דאַרפן זיין ניין חדשים של־מים. ב) אַז עס רעכענען זיך נאָר די ראשי חדשים, און אויב עס גייען דורך ניין ראשי חדשים לאחר הקלי־טה הייסט דאָס שוין ניין חדשים, און עס קען זיין די לידה[25].

לכאורה: לויט דער צווייטער דעה איז דער זמן וואָס עס דאַרף זיין די לידה, — ווי מ'האָט פריער גע־רעדט אַז דורך דער הסתלקות ווערן נמשך אורות נעלים וואָס ווערט אָנ־גערופן בשם לידה — איז לויט דער דעה אַז מ'קוקט אויף די ראשי חדשים זיינען שוין געווען ניין חדשים פון ראש חדש אָן. לויט דער דעה אַז עס דאַרפן זיין רעא־רעג ימים, וועט דאָס ערשט זיין אין פיר טעג אַרום, און ניט היינט. אָבער שבת גיט דאָך כוח אויף דער גאַנצער וואָך, איז מיטוואָך אויך בכלל.

יד. בכלל זעט מען בעל־שם'סקע ענינים. דער רבי האָט צעטיילט דעם תניא באופן אַז מען זאָל אים אָפ־לערנען במשך פון יאָר. פאַראַן ווי ער האָט צעטיילט אויף אַ שנה פשו־טה, און פאַראַן ווי ער האָט צע־טיילט אויף אַ שנה מעוברת. דער ביאור אין פרק כ"ז ווערט צעטיילט אין דריי חלקים.

דעם תניא האָט דער רבי צע־טיילט מיט כמה יאָרן פריער, און מ'זעט אין דעם אויך אַ בעל־שם'סקן ענין: לויט דער חלוקה וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיבן יאָר צוריק, איז דער ביאור פון פרק כ"ז, וואָס דאָס איז דער מקור אויף דעם ביאור ענין ההסתלקות, איז זיין לימוד אָפגעשטעלט פונקט אויף די דריי טעג פון רעא, רעב און רעג ימים פון נאָך דער הסתלקות.

טו. בביאור יותר הדיוק דאגרת הקדש סימן כ"ז וביאורה דוקא: אין תניא זיינען פאַראַן צוויי אגרות וואָס אין זיי רעדט זיך וועגן הסתלקות: סימן כ"ז און סימן כ"ח. אין סימן כ"ח רעדט זיך וועגן דער הסתלקות פון בנו של הרה"צ והרה"ק וכו' ר' לוי יצחק מבארדיטשוב וואָס דאָס איז די הסתלקות פון אַן איש נעלה ביותר: צדיק, חסיד כו', אָבער אַלץ ניט קיין נשיא. ער האָט דאָך ניט געפירט קיין נשיאות. אין סימן כ"ז רעדט ער וועגן דער הסתלקות פון ר' מענדעלע האָראָדאָקער, וואָס ער איז שוין געווען אַן איש כללי, אַ נשיא.

חוץ דעם וואָס הרה"צ ר' מענדעלע האָראָדאָקער האָט בכלל געפירט נשי־אות, האָט ער אויך ספּעציעל גע־האָט אַ שייכות צו חסידות חב"ד. זיין נשיאות האָט ער דאָך געפירט אין רייסן. ער האָט דאָך אויך גע־האָט אַ שייכות צו גאונות מבהילה בנגלה, וואָס ווען מ'האָט געדאַרפט פאָרן צום ווילנער גאון איז געפאָרן הרה"צ ר' מענדעלע מיט דעם אַלטן רבי'ן.

25) נדה שם.

אויך האָט דער רבי דערציילט, אַז דער אַלטער רבי איז געפאָרן אַ משך זמן צו ר׳ מענדעלען, וואָס די נסיעה איז געווען על דרך דוגמא ווי אַ חסיד צו אַ רבי׳ן. נמצא אַז ער האָט געהאַט אַ שייכות צו אופן נשיאות חב״ד ביחוד.

טז. אויף די אגרות וואָס זיינען פאַראַן אין תניא, איז די איין און איינציקע אגרת וואָס דער אַלטער רבי אַליין האָט געשריבן אויף איר אַ ביאור, און וואָס דעם ביאור האָט מען אַריינגעשטעלט אין תניא, איז אגרת כ״ז.

טעם הדבר יש לומר בדרך אפשר: נחמה אויף ענין ההסתלקות, ובפרט הסתלקות פון אַ נשיא ישראל, ובפרט נחמה בכפליים לתושי׳, איז זייער אַ שווערער ענין, און מען מוז אויף אים האָבן אַ ביאור.

— און לאנשים כערכנו, וויס איך ערשט ניט צי כבר נתבאר הענין, און ווער רעדט נאָך בכפליים לתושי׳. היינט ווי וואָלט געווען ווען דער ביאור וואָלט נאָך אויך ניט געווען — בחלל העולם על כל פנים. —

בכלל די הסתלקות פון אַ אידן, זאָגט די גמרא[26], איז גלייך צו שריפת ספר תורה, און בפרט די הסתלקות פון אַ צדיק, ובפרט די הסתלקות פון אַן איש כללי, פון ראשי אַלפי ישראל, וואָס דאָס איז זייער ניט מובן ווי קומט אַזאַ ענין בכלל, ובפרט ווי דער אַלטער רבי וויל, לנחמם בכפליים לתושי׳, אַז דורך דער הסתלקות וועט ערשט זיין כפליים לתושי׳ — על דרך דרשת רז״ל בלוחות האחרונות — איז אויף אַזאַ ענין האָט דער אַלטער רבי אַליין געדאַרפט שרייבן אַ ביאור, און זיינע קינדער האָבן עס געדרוקט גלייך צוזאַמען מיט דער אגרת הניחום.

דער אַלטער רבי האָט געזען אַז בכח עצמנו איז דאָס שווער צו פאַר־שטיין און בפרט נאָך צוקומען צו די גילוים וואָס קומען דורך הסתל־קות. האָט ער געשריבן דעם ביאור וואָס דערמיט וואָס ער האָט געשריבן דעם ביאור אויף דעם ענין פון הסתלקות, האָט ער פותח געווען דעם צנור, אַז אויך אַנדערע זאָלן קענען האַלטן דערביי. על דרך המבואר אַז אברהם אבינו האָט דורך זיין מסירת נפש געעפנט דעם צנור פון מס״נ פאַר אידן -וכדפי׳ במאמר רז״ל[27]) כל העולם כולו ניזון בשביל — וצנור — חנינא בני.

יז. עוד יש לומר: אַז די פתיחת הצינור אויף הבנה אין דעם ענין ההסתלקות ענין שאינו מובן בתכלית איז שוין בדרך ממילא, נפתחים הצי־נורות להבנת כל דבר קשה שבתניא ובמילא כל דבר קשה שבחסידות. וויל דער סדר איז דאָך, אַז ווען מ׳וויל מבאר זיין אַן ענין — פאַר־ענטפערט מען די גרעסטע קשיא, און אַז די קשיא גייט אַראָפּ — ווערט שוין לייכטער כללות הענין.

עוד דוגמא, וואָס עס רעדט זיך אין חסידות: ווען מ׳וויל אויפהויבן אַ בנין, הויבט מען אויף מלמטה, און אַז מ׳הויבט אויף דעם תחתית הבנין ווערט שוין ממילא אויפגעהויבן דער כללות הבנין.

---

26) מועד קטן כה, א.

27) ברכות יז, ב.

און דעם ביאור והבנה פון הסתלקות נשיא, ווי דערפון קען נולד ווערן כפלים לתושי' — האָט דער רבי מיט זיבן יאָר צוריק איינגעטיילט אַזוי, אַז עס קומט אויס דאָס לערנען ביום רעא רעב רעג ליום ההסתלקות.

חי. כנ"ל, איז אין זמן הלידה לבינונים, שהיא מדת כל אדם, דאָ צוויי דעות: ט' ראשי חדשים, אָדער רעא־רעג ימים. אָבער די גמרא[28]) זאָגט אַז ווער האָט זיך געפירט נאָך דער צווייטער דעה, חסידים הראשונים.

בכלל איז יעדער זאַך בהשגחה ולא במקרה, בפרט אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט אידן ותורה ומצוות. ביחוד בולט איז דאָס ווען לכאורה על פי סדר הנהוג האָט געדאַרפט זיין אַנדערש.

אַזוי איז אויך אין דעם, וואָס דער נאָמען חסידים — אַ נאָמען וואָס אין ש"ס ומדרשי רז"ל האָט מען אַזוי גערופן אַ באַשטימטן סוג אידן — איז נקבע געוואָרן בפי כל ישראל בלי הבדל מפלגה — דוקא פאַר תלמידי הבעש"ט, הה"מ, אדמו"ר הזקן וכו'.

דער רבי האָט אַמאָל געזאָגט אַז לכאורה האָט געדאַרפט זיין אַז חסידים זאָל מען רופן מיט דעם נאָמען וואָס עס הייסן זייערע מנגדים, און מתנגדים זאָלן הייסן חסידים, ווייל חסידים זיינען דאָך געקומען מיט אַ נייעס. ובפועל האָבן אַפילו מתנגדים אָנגענומען רופן חסידים מיט דעם נאָמען חסידים, און זיך אַליין מיט דעם נאָמען מתנגדים!

נאָר אַלץ איז בהשגחה פרטית, און ווען ס'איז נתגלה געוואָרן חסידות — האָבן אַלע מודה געווען, און מ'האָט דאָס אָנגערופן חסידות וחסידים, און כיון שהגיד שוב אינו חוזר ומגיד.

יט. חסידות איז ניט קיין ענין פון אַ מפלגה, ווי דער רבי האָט געזאָגט אַז דער אַלטער רבי האָט געמאַכט חסידות פאַר אַלע אידן. איז וויבאַלד דער רבי האָט דערציילט אַז דער אַלטער רבי האָט געוואָלט אַז חסידות זאָל זיין פאַר אַלע אידן וועט געוויס זיין אַזוי, ווייל אַ צדיק איז בעל־הבית אויף אויספירן זיינע רצונות.

אין גמרא[29]) שטייט: צדיק גוזר והקב"ה מקיים, נאָך מער שטייט אַז הקב"ה גוזר עפעס אַ גזירה וואָס ניט אַזוי, איז צדיק מבטל, און דער צדיק פירט אויס, איז וויבאַלד דער רבי האָט דערציילט אַז דער אַלטער רבי האָט געוואָלט אַז חסידות זאָל זיין פאַר אַלע אידן, גיט מען געוויס כחות מלמעלה אויף מאַכן אַלע אידן פאַר חסידים, און עס זאָל שוין זיין יפוצו מעינותיך חוצה.

דער חוצה איז דאָ, חוצה פון תורה בכלל און פון חסידות בפרט; דער מעינותיך איז אויך דאָ, עס פעלט נאָר דער יפוצו. דאַרף מען גיין מעורר און מקרב זיין אידן צו חסידות.

(משיחת ש"פ לך לך, ה'תשי"א)

---

28) נדה שם.

29) ראה מועד קטן טז, א.

# חיי שרה

א. אויפן פסוק ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים, זאָגן רז"ל, בת ק' כבת כ' ובת כ' כבת ז'.

דער רמז פון דעם אין עבודת האדם:

אין דעם דין פון קטנות זיינען פאַראַן פאַרשידענע זמנים. דער זמן וואָס מ'ווערט אַן אמת'ער גדול איז צו עשרים שנה, וואָס דערפאַר איז ולמכור בנכסי אביו עד שיהא בן עשרים [1], און אַזוי פסק'נט אויך דער אַלטער רבי אין שולחן ערוך [2] אַז צו עשרים שנה האָט ער חמש שנים ניט נאָר במקרא ומשנה נאָר אויך בלמוד התלמוד און דערנאָך קומט דער בן עשרים לרדוף.

מ'האָט גערעדט אַז אַלע דינים פון נגלה דתורה זיינען ווייל אַזוי איז אין פנימיות התורה. לפי זה איז מובן אַז פאַרוואָס דאַרף מען פון כ' שנה אָן לרדוף נאָך פרנסה גשמית ווייל אויך אין רוחניות דאַרף מען דאַן אָנהויבן טראַכטן גאָר שטאַרקער וועגן פרנסה.

— אַ דוגמא צו דעם איז, וואָס שטייט אין חסידות אַז דאָס וואָס עס ווילט זיך אַ מאכל איז דאָס דערפאַר וואָס די נשמה וויל דעם ניצוץ וואָס אין מאכל, וואָס פון דעם קומט אויך אַראָפּ אין גוף די תשוקה צום מאכל. —

מ'דאַרף אָבער וויסן אַז הגם ער איז כ' שנה און האָט — אָדער על כל פנים ער דאַרף האָבן, וואָס דערפאַר מיינט ער אַז ער האָט — מוחין דגדלות, זאָל ער ניט מאַכן זיך קיין אייגענע דרכים. יעדער איינער זאָל זיך משער זיין — אָבער אליבא דנפשי' — וואָס פאַר אַן ענין וואָלט ביי אים דער רבי מאָנען, און דעם ענין דאַרף ער אויספירן.

און דאָס איז דער רמז אין פרשת השבוע בת ק' כבת כ' ובת כ' כבת ז'. ווען קען זיין בת ק', ד. ה. ווי ער שטייט שוין אין גמר עבודה, וואָס דעמאָלט איז דאָך יעדער כוח שוין נפרט וכלול פון אַלע צען כחות, וואָס דאָס איז בת ק' [3], איז ווען קען זיין בת ק', ווען ס'איז פריער כבת כ' — פונקט ווי ער איז בתחלת העבודה בלא חטא — וואָס דעמאָלט הויבט זיך אָן מוחין דגדלות, כבת ז' וואָס אַ בן ז' האָט ניט קיין אייגענע דעות, וואָרום ביי אים האָט זיך ערשט אָנגעהויבן זמן החינוך [4].

(משיחת ש"פ חיי שרה, ה'תש"א)

---

1) בבא בתרא קנו, א. עץ חיים סוף שער כה. לקוטי תורה ריש פרשת במדבר (ב, א).

2) הלכות תלמוד תורה פרק ג סוף ס"א.

3) זע אויבן (ערשטער באַנד) עמוד 26.

4) ראה הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן בתחילתו ובקונטרס אחרון שם. טור ושולחן ערוך אורח חיים סימן שמג.

# י״ט כסלו

א. וועגן יו״ד טי״ת כסלו ווייסן דאָך אַלע[1]) אַז דאָס איז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס דער אַלטער רבי — דער בעל התניא והשולחן ערוך — איז געזעסן אין מאסר, דערפאַר וואָס ער האָט מגלה געווען און פאַרשפּרייט אַ חלק אין תורה, וואָס ביז אים איז דער חלק ניט געווען בפירסום — דאָס איז: תורת החסידות חב״ד — און י״ט כסלו האָט מען אים באַפרייט פון מאסר און געגעבן רשות ער זאָל קענען ווייטער אָנגיין מיט הפצת תורת החסידות, מנהגי׳ והדרכותי׳.

דער ענין פון לימוד תורת החסידות איז לבד די מעלת הלימוד שבזה, אַזוי ווי דער לימוד פון שאר חלקי התורה, און נאָך גרעסער, מצד דעם וואָס דאָס איז פּנימיות התורה, איז לבד זאת — אין דעם תלוי דער חיי היום יומיים, כללות קיום המצוות במחשבה דבור ומעשה, אַז דער קיום המצוות זאָל זיין מיט חיות, מיט אַ לעבעדיקייט.

ב. אין דעם אגרת הקודש פון רבי׳ן — מוהרש״ב נ״ע — פון ט״ז כסלו תרס״ב[2]) וועגן יו״ד טי״ת כסלו, זאָגט ער דעם לשון: אור וחיות נפשנו ניתן לנו.

דער דיוק הלשון פון די צוויי ענינים אור וחיות, וועט מען עס פאַרשטיין אויך על פי פשוט. אין חיות גופא זיינען פאַראַן צוויי ענינים:

א) אור הנפש, ב) חיות הנפש. עס איז פאַראַן אַ חיות וואָס עס איז לפי אופן הגוף און ער ווערט נתחלק לפי אופן אברי הגוף. און עס איז פאַראַן אַ חיות וואָס אין אים איז ניטאָ קיין התחלקות. ער איז אַ פּשוט.

ג. אַזוי ווי מיר געפינען אין דעם ענין השיעור כתובת, וואָס דער שיעור איז דער זעלבער פאַר גופו של עוג מלך הבשן און גופו של תינוק בן יומו[3]).

הגם אַז דער גוף דאַרף אָנקומען צו מזון, וואָס דוקא דורך דעם איז דער חיבור הנפש עם הגוף, ווי דער פירוש הבעש״ט[4]) בדברי האריז״ל על פסוק כי לא על הלחם לבדו יחי׳ האדם, אַז עס איז פאַראַן דער חיות אלקי בהמאכל, וואָס דאָס איז מחי׳ דעם אדם, אָבער אין דעם גופא וואָס דער גוף צריך להמזון, זיינען פאַראַן צוויי מדרגות. עס איז דאָ אַן ענין וואָס מעסט זיך לפי אופן הגוף, און עס איז דאָ אַן ענין וואָס דער שיעור איז דער זעלבער אין אַלע גופים בשוה.

ד. און דאָס איז דער ענין פון אור און חיות.

אור איז אַ פּשוט. דאָס וואָס דער אור האָט אַ גוון בהתלבשותו בהכלי, לבן, ירוק ואדום לפי אופן הכלי, איז דער גוון נאָר מצד הכלים, אָבער דער אור מצד עצמו איז אַ פּשוט אויך בהתלבשותו בהכלי, אין אים איז קיין שינוי ניטאָ. כמאמר שמשא אכולי עלמא נייחא[5]). ער איז מאיר בחדר המלך ובמקום האשפה און דעם

---

1) אויספירליך וועגן דעם זע מגילת יו״ד טי״ת כסלו, (ברוקלין תש״ב). ארעסט און באפרייאונג (ברוקלין תשכ״א).

2) פאקסימיליא פון דעם בריוו —

3) עיין יומא פ, ב.

אור שאַט עס ניט, וואָרום ער בלייבט בפשיטותו.

און אַזוי אויך אין נפש איז פאַראַן דער חיות וואָס ווערט אָנגערופן בשם אור הנפש, וואָס ער איז אַן אור פשוט, און דערפאַר איז הגם אַז בכדי צו נתחבר ווערן מיט דעם אור, דאַרף מען אָנקומען צום מזון, מצד דעם ניצוץ אלקי שבהמזון, אָבער אין דעם איז ביי אַלעמען איין און דער זעלבער שיעור.

מה שאין כן חיות הנפש, מיינט דער חיות פנימי המתלבש בהגוף, וואָס פריער איז ער מאיר בכללות און דערנאָך בפרטיות לפי אופן האברים, אַז ער ווערט מתחלק לפי אופן האברים. אין מוח איז אַ גרעסערער חיות און בשאר האברים אַ קלענערער, ביז אַז אויך אין עקב איז פאַראַן אַ חיות מצומצם. אין אָבות דרבי נתן[6] רופט ער אָן דעם עקב: מלאך המות שבאדם. איז דער פשט אין דעם, ווייל דער חיות אין אים איז בצמצום היותר גדול, אָבער פונדעסטוועגן איז אויך דער עקב בכלל הגוף חי[7].

ה. די זעלבע זאַך וועלן מיר אויך פאַרשטיין אין דעם חיות שבמעשה המצוות, אַז אין דעם זיינען פאַראַן צוויי ענינים: אַ חיות פשוט און אַ חיות שבהתלבשות. וואָס דאָס איז דער מיין פון דעם אגרת הקדש: אור וחיות נפשנו ניתן לנו.

אין דעם חיות שבמעשה המצוות איז פאַראַן: א) די לעבעדיקייט וואָס ער האָט בקיום המצוות מצד דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אויף זיי מצוה געווען, וואָס דאָס קומט מצד אהבת השם, אהבת התורה ואהבת ישראל. איז דער חיות אין דעם ניט מצד המצוה פרטית וואָס ער איז מקיים, תפילין, ציצית וכו׳, זיין חיות איז ניט מצד די תפילין, אָדער מצד די ציצית, נאָר זיין חיות אין דעם איז וואָס ער איז מקיים אַ ציווי הקב"ה, ובמילא איז אין דעם ניט קיין נפקא מינה פון איין מצוה ביז דער צווייטער.

ו. אַ צווייטער ענין איז פאַראַן אין חיות שבמצוות, וואָס ער האָט אַ חיות אין דער מצוה פרטית. וואָרום אין יעדער מצוה איז דאָך דאָ אַ באַזונדער המשכה. והראי׳ משכר המצוות שבגן עדן, איז דאָך אויף יעדער מצוה פאַראַן אַן אַנדער שכר, וואָס פון דעם איז דאָך אַ ראי׳ אויך בקיום המצוות, משכרה נדע מהותה, יעדער מצוה האָט איר ענין וואָס זי טוט אויף, און זיין חיות איז מצד די מצוה פרטית.

און דאָס איז די כוונה אין דעם דיוק הלשון פונעם בריוו, אור וחיות נפשנו ניתן לנו, אַז חסידות טוט אויף אין די ביידע ענינים, אין אור וחיות המצוות, וואָס ניתן לנו.

ז. די מעלה פון חיות שבמצוות איז, וואָס דאָס איז נוגע אויך אין מעשה בפועל: לבד זאת וואָס דאָ קומט צו דער ענין פון חיות, איז אויך די מעשה המצוות גופא אַנדערש, און דאָס איז אין צוויי ענינים:

א) בשעת ער טוט די מצוה נאָר בדרך מצות אנשים מלומדה, ווערט ער עס טאָן נאָר לצאת ידי חובתו. מה שאין כן אַז ער טוט עס מיט

6) סוף פרק לא.

7) עיין נזיר נא, א.

אַ חיות, ניט לצאת ידי חובתו בלבד, נאָר דער ענין איז אים נוגע, ווערט ער מהדר זיין אין דעם, בהידור והידור דהידור.

ב) אויב ער איז פאַרנומען מיט דער מצוה נאָר מיטן כח המעשה אַליין און די איבעריקע כחות, דער שכל מיטן הרגש זיינען פוסט פון דעם, ומכל שכן אויב זיי ליגן אין אַן אַנדער ענין, קען זיין אַז במשך הזמן וועט סוף־כל־סוף דער כוח השכל וההרגש משנה זיין אויך דעם כוח המעשה, אַז ער זאָל ליגן אין דעם אין וואָס זיי ליגן. מה שאין כן בשעת אַז ער האָט אַ חיות אין דעם וואָס ער טוט, וועט אויך די מעשה ניט נשתנה ווערן.

ח. נאָך אַ מעלה איז פאַראַן אין דעם וואָס ער האָט אַ חיות אין מעשה המצוות, וואָס דורך דעם האָט ער וויניקער חיות אין אַנדערע ענינים. וואָרום אַ נברא איז דאָך אַ מוגבל. בשעת אַז זיין חיות נוצט ער אויס אין קדושה ווערט בדרך ממילא נתמעט זיין חיות און לעבעדיקייט אין אַנדערע ענינים, אין ענינים לא טובים און אַפילו אין דברי הרשות.

ועל דרך וואָס מיר געפינען בענין הטבילה במקוה. ווען איין האָר האָט אַרויסגעשטעקט מחוץ להמקוה, איז לא עלתה לו טבילה[8] און פון אים איז ניט אַוועק די טומאה. און דורך דעם וואָס ער שטעקט אַריין אויך דעם איינציקן שער גייט אַוועק פון אים די טומאה, ווייל ער איז אַריין כולו בהמקוה.

ט. אַזוי איז אויך אין עבודה, ובפרט ווען עס רעדט זיך ניט וועגן אַ האָר נאָר אַן ענין עקרי. בשעת ער איז מקיים מצוות נאָר מיטן כוח המעשה, אַפילו ווען ער נוצט אויך דעם חג"ת שבנפשו אין קדושה, עס זיינען אָבער נאָך געבליבן ביי אים ענינים וואָס דערמיט איז ער ניט אַריין אין מקוה, דער חב"ד שבנפשו ליגט ניט ביי אים אין קדושה, ווערט ער נאָך ניט פטור פון ענינים לא טובים. נאָר דוקא בשעת ער איז זיך לגמרי טובל, וואָס טבילה איז אותיות „הביטול"[9], ער גייט אַריין בכל כחותיו אויך מיטן חב"ד, מיט דעם חיות הנפש און מיט דעם אור הנפש אינגאַנצן אין קדושה,

דעמאָלט פאַרלירט ער במילא דעם חיות אין אַנדערע ענינים, אַז צו ענינים לא טובים האָט ער אינגאַנצן קיין שייכות ניט, און ער דינט דעם אויבערשטן דעם גאַנצן טאָג, ניט נאָר מיט ענינים פון קיום המצוות, נאָר אויך בדברי הרשות. ער דינט דעם אויבערשטן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת, ווי דער רמב"ם זאָגט בהלכות דעות[10]) בענין בכל דרכיך דעהו.

און דורך דעם וואָס ביי זיך אַליין נעמט ער צו דעם חיות פון אַנדערע ענינים, דורך דעם פועל'ט ער אַ בירור אויך אין וועלט, אַז ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ[11]), און ולילה כיום יאיר[12]), אַז דער חושך אַליין הויבט אָן צו לייכטן, ונגלה

8) עירובין ד, ב. סוכה ו, א. רמב"ם הלכות מקואות פרק א הלכה ז.

9) סידור סוף כוונת המקוה.

10) סוף פרק ג.

11) זכרי' יג, ב.

12) תהלים קלט, יב.

כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו[13], אַז אויך אין די פלײשיקע ענינים גופא, זעט מען כי פי הוי' דבר.
(משיחת י"ט כסלו, תשט"ז)

י. אַלע זמנים האָבן זיך זײערע ענינים.

עס שטײט אין זוהר[14]) װעגן די ששת ימי בראשית, כל יומא ויומא עביד עבידתי', אין יעדן טאָג זײנען באַשאַפן געװאָרן די נבראים װעלכע האָבן אַ שײכות צו דעם טאָג.

דער רמב"ן[15]) זאָגט, בנוגע די שית אלפי שנין דהוי עלמא[*15]), אַז זײ זײנען מכוון כנגד די ששת ימי בראשית. דער מיטעלער רבי איז מבאר דעם אופן השײכות פון די שית אלפי שנין מיט די ששת ימי בראשית.

דער אלף הראשון איז מכוון כנגד יום הראשון. אַזױ װי ביום הראשון איז באַשאַפן געװאָרן אור, װאָס ענינו איז חסד, אַזױ אױך באלף הראשון איז געװען ניזונין בחסדו של הקב"ה, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם מצב פון יענע דורות.

אלף השני איז מכוון כנגד דעם יום השני. אַזױ װי ביום השני זײנען באַשאַפן געװאָרן ענינים שמצד מדת הגבורה כידוע, אַזױ אױך באלף השני איז געװען דער מבול און די התחלה פון ענינים לא טובים.

אלף השלישי איז מכוון כנגד יום השלישי, שהוכפל בו כי טוב. באלף השלישי איז געװען מתן תורה, װאָס תורה איז טוב לשמים וטוב לבריות. תורה איז מחבר אלקות מיט נבראים, װאָס דאָס איז תכלית הטוב.

און אַזױ איז אױך בנוגע די איבעריקע אלפים, װאָס יעדערער פון זײ איז מכוון אַנטקעגן אַ טאָג בששת ימי בראשית.

יא. בכדי אַז די ענינים פון יעדער תקופה זאָלן זײן אין זײערע זמנים המתאימים, מוזן זײ זיך אָנהױבן פון תורה. װאָרום יעדער ענין שבעולם מוז פריער האָבן זײן שרש אין תורה, און דעמאָלט קען עס אַראָפּקומען אין װעלט, כמאמר אסתכל באורייתא וברא עלמא[16]).

מען װעט עס אױך פאַרשטײן פון דעם זמן הגלות והחורבן.

בזמן בית ראשון איז געװען קײמא סיהרא באשלימותא, תכלית הגילוי. נאָך דעם, בזמן בית שני האָט זיך דאָס געפּעלט. שפּעטער איז דער בית שני אױך חרוב געװאָרן, — יבנה במהרה בימינו — און ס'איז געװאָרן אַ גרעסערער העלם והסתר אין װעלט. די אַלע העלמות והסתרים שבעולם זײנען פאַרבונדן מיט די העלמות װאָס זײנען געװען אין תורה.

יב. פון אָנהױב איז געװען תורה בגילוי אָן העלמות והסתרים. עס זײנען ניט געװען קײנע ספיקות און מחלוקת'ן. עס זײנען יאָ געװען חילוקי דיעות, איז זהו לא משם און מען האָט מכריע געװען לױטן רוב דיעות[17]). צװישן שמאי והלל זײנען געװען בלױז דרײ מחלוקת'ן[18]), די

13) ישעי' מ, ה.

14) חלק ג צד, רע"ב.

15) זע זײן פירוש אױף בראשית ב, ג.

*15) ראש השנה לא, א.

16) זהר חלק ב קסא, ב. ועיין גם כן בזהר חלק א מז, א. קלד, א.

17) ראה סנהדרין פח, ב.

18) שבת יד, ב. טו, א.

עיקר מחלוקת האָט זיך אָנגעהויבן פון זייערע תלמידים, בית שמאי ובית הלל[19].

דערנאָך איז געוואָרן אַ גרעסערער העלם והסתר אין תורה, שנתמעטו הלבבות[20], און רבי האָט פאַרשריבן משניות, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סדר פון גמרא, און במחשכים הושיבני זה תלמוד בבלי[21], וואָס מצד דעם העלם האור האָט זיך אָנגעהויבן דער ריבוי הקושיות און עס איז דאָ אַ סך מאָל אַז מען בלייבט ביי אַ קושיא, תיובתא און תיקו.

פונדעסטוועגן איז אָבער אויך דעמאָלט ניט געווען אַזאַ חושך כפול ומכופל, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן לאחר חתימת התלמוד, ווי עס איז ידוע אַז ביז רבינא ורב אשי זיינען געווען סמוכים איש מפי איש עד משה רבינו, און מיט זיי האָט זיך עס געענדיקט[20].

איז לפי אופן וסדר העלמות והסתרים אין תורה, אַזוי איז דאָס אַראָפּגעקומען אויך אין כללות הנהגת העולם, יעדער ענין אין זיין זמן כנ"ל.

דאָס אַלץ איז דאָך אַ סדר פון ירידות.

יג. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער זמן פון גאולה, איז, אַזוי ווי דער העלם פון גלות האָט זיך אָנגעהויבן מיט העלמות אין תורה, אַזוי אויך דער גילוי אור הגאולה, הויבט זיך אויך אָן מיט אַ גילוי פון תורה.

וואָס איז נתגלה געוואָרן דורך דעם אריז"ל וקודם לו, וואָס דאָס איז דער גילוי פון חכמת הקבלה.

פריער איז געווען דער סדר פון אין דורשין במעשה מרכבה כו', ובזמן האריז"ל האָט ער די חכמה אָנגעהויבן מגלה זיין[22] און מזמן לזמן איז געוואָרן דער גילוי אַלץ מער און מער, ביז אַז דער בעל שם טוב האָט אָנגעהויבן מגלה זיין תורת החסידות, און דערנאָך האָט דער אַלטער רבי מייסד געווען תורת חסידות חב"ד, דאָס אַראָפּגעטראָגן אין הבנה והשגה, אַז מען קען דאָס פאַרשטיין ניט נאָר מיטן שכל פון נפש אלקית נאָר אַפילו מיטן שכל פון נפש הבהמית.

יד. דער עיקר הגילוי האָט זיך אָנגעהויבן פון י"ט כסלו, כידוע דער חילוק פון די מאמרים וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט פאַר דעם מאסר אין פעטערבורג, ביז די מאמרים וועלכע ער האָט אָנגעהויבן מגלה זיין נאָך פעטערבורג[23].

די פריערדיקע מאמרים האָבן געברענט, און די שפּעטערדיקע האָבן שוין מער אַ שייכות צו וועלט, זיי זיינען נתלבש געוואָרן מער אין שכל אנושי.

---

19) ראה סוטה מז, ב. סנהדרין שם.

20) ראה הקדמת הרמב"ם לספרו יד החזקה.

21) סנהדרין כד, א.

22) ראה הקדמת הרח"ו לשער ההקדמות (נדפס בסוף קונטרס עץ החיים). אגרת הקדש סי' כו.

23) זע ספר השיחות — תורת שלום — עמוד 114 און ווייטער.

און מיטן גילוי פון תורת החסידות וואָס עס ווערט נתגלה צו אַלעמען, ניט נאָר פאַר יחידי סגולה נאָר פאַר אַלע אידן, וואָס דאָס איז דער פשט פון יפוצו מעיינותיך חוצה[24]), אַן קיינע הגבלות, איז דורך דעם גילוי פון פּנימיות התורה, קומט אַראָפּ דער גילוי אין וועלט, וואָס דאָס איז דער גילוי פון די גאולה שלימה, — קאָתי מר.

און דערפאַר איז איצטער דער עיקר העבודה טאָן אין יפוצו מעיינותיך, מעיינות החסידות, חוצה, און דורך דעם וועט מען מקרב זיין דעם גילוי אין עולם, בגאולה השלימה והאמיתית במהרה בימינו אמן.

(משיחת ש"פ חיי שרה, תשמ"ז)

טו. במשך *) פון אַ נסיעה איז פאַראַן קליינע סטיישאַנ'ס — אָפּשטעלן וחניות — און גרויסע, איז דער סדר אַז אויף די גרויסע חניות לייגט מען אַרויף די גרויסע און שווערע פּעק, מען נעמט אַרויף אַלע בהמות (אָקסן שעפּסן ציגן אייזלען און פערד), ווייל אויף די קליינע חניות איז ניטאָ קיין צייט צו פאַרנעמען זיך דערמיט. אָבער אויף די גרויסע סטיישאַנס, וואָס דאָרטן שטייט דאָך דער טריין אַ לאַנגע צייט איז דאָרטן קען מען אַלעמען אַרויפנעמען.

אויף אַרויפנעמען די בהמות אויפן טריין מוז נעמען צייט, ווייל די בהמות האָבן מורא אַרויפצוגיין אויפן טריין, זיי האָבן מורא פאַר דעם עצם טריין, פאַר דעם פייף, פאַר דעם פאָרן וכו', מצד די אַלע זאַכן האָבן זיי מורא אַרויפצוגיין אויפן טריין, און זייער שרעק איז ניט אומזיסט, ווייל עס ווערט דאָך דם ובשר כבשרו, ווערט דאָך דאָס אויס בהמה.

צווישן די חניות אין רוחניות, איז אויך פאַראַן פאַרשידענע חניות, קליינע און גרויסע, על כל פנים י"ט כסלו איז צווישן די גאַר גרויסע חניות, וואָס אין אַ גרויסן סטיישאַן קען מען דאָך אַרויפנעמען אַלץ און אַלעמען.

טז. דער רבי זאָגט[25]) דאָך אַז י"ט כסלו איז ראש השנה לחסידות, במילא איז דאָס וואָס מ'האָט פאַרפעלט ביז דעמאָלט קען מען דאָס נאָך משלים זיין י"ט כסלו, און ווי דער רבי שרייבט צו י"ט כסלו „לשנה טובה בלימוד החסידות ודרכי החסידות תכתבו ותחתמו". במילא דאַרף יעדער חסיד טאָן אין דעם און זיכער זיין אַז ער, זיין בעל־הבית'טע ובני ביתו וכל עניניו וועלן האָבן י"ט כסלו אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, וועט ער שוין דאָס אויסניצן אין לימוד החסידות ודרכי החסידות וכידוע הפתגם מאַכן פון גשמיות רוחניות*[25]).

---

24) לשון מענה המשיח אז יבוא — הובא מהבעש"ט באגרתו הידועה על דבר עלית הנשמה שלו בראש השנה שנת תק"ז (נדפסה: בסוף הספר בן פורת יוסף; בספר המכתבים מהבעש"ט ז"ל ותלמידיו (לבוב תרפ"ג, וכותב המו"ל שהעתיקה מן המכתב — כת"י חתנו של הבעש"ט הרה"צ וכו' ר' יחיאל — החתום בעצם כתי"ק של הבעש"ט). בספר גנזי נסתרות (ירושלים ת"ו תרפ"ד) ח"א סי' סה. בספר בעש"ט (לודז תרח"ץ) פ' נח הגהה יג. וחלק ממנה בתחלת ספר כתר שם טוב, וספר לקוטי אמרים להה"מ ממעזריטש).

*) די סעיפים טו און ווייטער קומען בהמשך צו דער שיחה פון שבת בראשית געדרוקט אויבן עמוד 445.

25) זע אויבן הערה 2.

*25) היום יום כז טבת. כט אדר שני.

**דער אַלטער רבי האָט דאָך געזאָגט אַז חסידות איז ניט קיין ענין פון אַ מפלגה, נאָר דאָס איז פאַר אַלע אידן, איז במילא דאַרף יעדער איד טאָן אין דעם און זיכער זיין אַז י"ט כסלו וועט ער וכל בני ביתו וכל עניניו האָבן אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, און מאַכן דערפון רוחניות.**

**יז. וואָלט איך מציע זיין הן צו די וואָס זיינען דאָ, און הן צו די וואָס זיינען איצט דאָ ניטאָ, ובפרט צו די צו וועלכע דער בריוו מחרת יוהכ"פ תרפ"ט[26]) האָט אַ שייכות, ד. ה. צו ידידינו אנ"ש והתמימים ד' עליהם יחיו — און ווער וועט עס ניט וועלן אַריין, על כל פנים, אין דעם סוג פון ידידינו ד' עליהם יחיו, אַז אַזוי ווי ס'איז איבערגעבליבן עטלעכע וואָכן צו י"ט כסלו, וואָס דעמאָלט נעמט מען דאָך אַרויף אַלעמען, און דעמאָלט גיט מען דאָך אַ כתיבה וחתימה טובה, זאָל יעדער** איינער זען אַז ביז י"ט כסלו זאָל ער פועל'ן לכל הפחות אויף אַ מנין אידן, אין די ענינים פון מחשבה דבור ומעשה — אויף יעדערן פון דעם מנין אין אַלע דריי, אָדער לכל הפחות אין צוויי אָדער אין איין ענין פון די דריי.

**אין מעשה — בהשייך לקיום מצות מעשיות, אין דבור — בענינים התלויים בדבור ותלמוד תורה כנגד כולם, אַז די פון זיין מנין זאָלן מאַכן אַ קביעות עתים לתורה, און אין מחשבה — בענינים התלויים במחשבה, ומהם פועל'ן אויף יענעם אין ענין אין עבודה שבלב זו תפלה.**

און אַז עס וועט קומען י"ט כסלו, ר"ה לחסידות, **וואָס דעמאָלט איז דאָך דער חסידישער אתם נצבים היום — דאַ ראש השנה — כולכם,** וועט ער זיך מצייר זיין דעם רבי'נס פנים, און וועט זאָגן: אָט איז דער מנין וואָס איך האָב צוזאַמענגעקליבן, — כולכם כאיש אחד. בהתאסף גו' יחד שבטי ישראל. **אויף דעם האָב איך פועל געווען אין מעשה, אויף דעם האָב איך פועל געווען אין דבור, און אויף דעם האָב איך פועל געווען אין מחשבה וכו', וואָס דעמאָלט אַז עס איז דאָ דער בהתאסף גו' יחד גו' איז דאָ דער ויהי בישורון מלך.** אשר זהו הקדמה בתכיפות וסמיכות והי' הוי' למלך גו' **בגאולה האמיתית והשלמה במהרה בימינו אמן.**

יח. אין דעם מנין קענען זיין אַפילו קטנים, אויב זיי זיינען נאָר **הגיעו לחינוך, ווי דער ראַ"ש זאָגט[27]) אַז אַפילו קטנים זיינען פאַררעכנט צווישן די עשרה, וואָס אויף זיי איז שכינתא שריא[28]).**

ונכון במאד, **אַז יעדערער זאָל צו־שיקן** צו י"ט כסלו אַהער די נעמען פון דעם מנין וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט, שמם ושם אמם, **כדי מ'זאָל עס דורכלייענען אויפן ציון פון כ"ק מו"ח אדמו"ר הכ"מ, והוא, וואָס צדיקא דאתפטר אשתכח יתיר מבחיוהי גם בעולם הזה המעשה[29]),**

---

26) נדפס בספר המאמרים תשי"א עמוד 48 (קונטרס פד).

27) ברכות מז, ב.

28) אלא שאלו שמונחים בעריסה, שמדבר ברא"ש, אין שייך בנדון דידן כמובן. וצריך על כל פנים הגיעו לחינוך.

29) אגרת הקדש סי' כז.

יעורר להשפיע ברכות, עס זאל זיין אַ גוט יום טוב, און אַז אַלע המת־עסקים בכל הנ"ל, בתוך כל אחינו בני ישראל, יכתבו ויחתמו לשנה טו־בה בלימוד החסידות ודרכי החסידות.

(משיחות ש"פ בראשית, תשי"א)

יט. איך וויל נאָך אַמאָל דער־מאָנען וואָס מ'האָט גערעדט שבת בראשית, וועגן דער הצעה אַז יעדער איינער זאָל זען פועל'ן אויף אַ מנין אידן, אין מחשבה, אין דבור אָדער אין מעשה, אָדער אין אַלע דריי.

פאַראַן אַזוינע וואָס מיינען אַז ניט זיי מיינט מען. — בכלל, איז דאָס וואָס איז פאַרבונדן מיט החזקת היה־דות בכלל און הפצת החסידות בפרט זיינען אַלע מסכים אַז אַזוי דאַרף זיין, נאָר די טענה איז: ניט מיר מיינט מען. אַזוי איז אויך אין דער הצעה. — אַ סך, איך וויל ניט זאָגן דער רוב, מיינען אַז ניט זיי מיינט מען. דאָס איז טאַקע אַ גוטע זאַך אָבער דאָס דאַרף טאָן אַן אַנדערער.

פאַראַן אַזוינע וואָס מיינען אַז זיי שטייען העכער דערפון, דאָס איז גע־זאָגט געוואָרן פאַר פשוט'ערע מענטשן. פאַראַן אַזוינע וואָס זיינען ניט אַזוי געגאַרט ביי זיך אויף מיינען אַז זיי זיינען העכער, טענה'ן זיי פאַר־קערט, אַז דאָס דאַרפן טאָן העכע־רע מענטשן פון זיי, זיי זיינען ניט שייך צו טאָן מיט יענעם, זיי ווען זיך קוים איינקערן מיט זיך.

באמת זיינען די ביידע טענות אַ טעות.

דער רבי (מהורש"ב) נ"ע שרייבט [30]) אַז אין אתנו עתה יודע עד מה בסוד הבירורים, און יעדער איינער איז מחויב צו טאָן אַלע עניני בירו־רים וואָס מאַכן זיך אים. וויבאַלד אַז מלמעלה גיט מען כוחות איז דאָס אַ ראי' מוכחת אַז מלמעלה מאָנט מען דאָס. ווייל לא ברא הקב"ה דבר לבטלה [31]).

ועוד ענין גדול בזה: אויב ער טוט דאָס ניט, נוצט ער דאָך ניט אויס די כוחות וואָס מען האָט אים געגעבן. מאַכט ער אויף אין דער בריאה, וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן, אַ חידוש לגריעותא, אַ דבר לבטלה.

כ. דאָס וואָס מען מאָנט ביי אים וועט זיך סיי ווי אויספירן. דער וואָס דאַרף נתקרב ווערן דורך אים וועט סיי ווי נתקרב ווערן, און זיכער וועט מקוים ווערן היעוד יפוצו מעי־נותיך חוצה. נאָר ער דאַרף זיך משתדל זיין, צוליב זיך, אויסצופירן די זאַך.

איינער האָט מיר געשריבן אין אַ בריוו אַז ער האָט אַ זון, וואָס הגיע לפרקו, נאָר ער וויל גאָרנישט טאָן וועגן אַ שידוך ווייל ער האָט מורא אַז ער וועט ניט טרעפן. במילא וואַרט ער ביז מ'וועט קומען צו אים ריידן אַ שידוך און מ'וועט ברענגען אַ פאַרטיקע זאַך. וועט ער דעמאָלט זען אַז עס איז מן השמים. אָבער ער אַליין וויל גאָרנישט טאָן. ומובן אַז דאָס איז היפך ווי עס דאַרף זיין, וכמאמר רז"ל [32]) דרכו של איש לחזור כו'. וגם בנדון דידן איז אויך אַזוי, מ'דאַרף טאָן אַלץ וואָס מען קען. דער ענין וועט זיך אויספירן

30) אג"ק שלו ח"א ע' רסו. נעתק במבוא לקונטרס ומעין עמוד 22.

31) שבת עז, ב.

32) קידושין ב, ב.

סיי ווי, נאָר ער דאַרף מורא האָבן שמא יקדמנו אחר ברחמים. ער דאַרף וועלן, צוליב זיך, אויספירן און פועל'ן על הזולת.

כא. פאַראַן דעם רבי'נס אַ מאמר פון לך לך רפ"ו, דאָס איז צוואָנציק יאָר פון רס"ו, ברענגט ער אין מאמר אַ מאמר רז"ל [33]) אַז ס'זיינען פאַראַן עטלעכע זאַכן וואָס זיינען מקרעין גזר דין של אדם, צדקה, צעקה, שינוי השם, שינוי מעשה. ויש אומ־רים אף שינוי מקום. ומסיק במאמר כדעת הר"ן אַז דאָס העלפט אַפילו אויף אַ גזר דין וואָס איז געקו־מען על ידי חטא ועון.

ובעבודה הרוחנית יש לומר: צדקה — ענין התפלה שהיא בכלל גמילות חסדים, וכמו שנתבאר בחסידות בפי־רוש מאמר רז"ל [34]) אלא תורה וגמי־לות חסדים, שהכונה על תפלה, והוא על פי פירש"י שבת [35]). צעקה — ענין המסירה ונתינה ולא על פי טעם וד־עת. שינוי מעשה בהנוגע אלינו בפרט — אַז מען וועט לערנען חסידות אליבא דנפשא, און די וואָס האָבן פריער געלערנט וועלן איצטער אָנ־הויבן לערנען מער. און ביי תלמידי הישיבה — ניט נאָר לערנען אין דעם סדר פון דער ישיבה, נאָר בהוס־פה ואליבא דנפשא. וועט ממילא אויך זיין שינוי מקום, וואָס דער ענין פון מקום אין רוחניות, זאָגט דער רמב"ם [36]), מיינט דרגא ומצב. איז ממילא דורך שינוי מעשה ווערט אויך שינוי מקום.

און דורך שינוי מקום וועט אויך זיין שינוי השם, אַז ער וועט באַ־קומען דעם אמת'ן נאָמען חסיד. דער רבי האָט געזאָגט אַז מען מיינט אַז ווען מ'גיט אַ קנאַק אין דאַור־נען, און מ'פאַרשטייט עפּעס חסידות, איז מען אַ חסיד. אַ חסיד הייסט דער וואָס לערנט חסידות אליבא דנפשי', דאַוונט באריכות און היט אָפּ צו לערנען די שיעורים.

דורך שינוי מעשה און שינוי מקום אַז ער וועט משנה זיין זיין מדריגה וועט ממילא אויך זיין שינוי השם, אַז מען וועט זיך קענען אָנרופן חסידים, חב"ד'סקע חסידים וואָס להם ניתנה הארץ אויף דורכפירן דאָרט דעם יפוצו מעינותיך, דעם נצחון פון חסידות וואָס דאָס איז דער ענין פון י"ט כסלו.

און אַז מען וועט אויספירן דעם ענין צו י"ט כסלו, איז אַזוי ווי דעם ערשטן י"ט כסלו איז געווען דער נצחון אַז דידן נצח, אַזוי וועט אויך זיין דעם י"ט כסלו אַז דידן נצח, און בקרוב ובעגלא דידן וועט אונז דער רבי פירן אַנטקעגן משיח'ן, אמן כן יהי רצון.

(משיחת ש"פ לך לך, תשי"א)

כב. *) וועגן דעם ענין פון בעל שם טוב, שטייט אין כתבים, אַז אין יע־נעם זמן זיינען אידן געשטאַנען אין

33) ראש השנה טז, ב.

34) יבמות קט, ב.

35) קכז, ב.

36) מורה נבוכים חלק א פרק ח. ועיין באריכות בספר החקירה — דרך אמונה עמוד עד.

*) אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָס י"ט כסלו איז ראש השנה לחסידות, גיבן מיר דאָ צו אייניקע שיחות וועגן דעם ענין פון חסידות און אויך וועגן חסידישן חינוך.

אַ מצב פון התעלפות. דערפאַר איז דעמאָלט נתגלה געוואָרן דער בעל שם טוב, וואָס ער האָט געהייסן מיטן אַלגעמיינעם נאָמען פון אידן — ישראל, וואָס דורך דעם האָט ער זיי אָפּגעמינטערט. אַזוי ווי מען זעט, אַז ווען איינער איז פאַר׳חלש׳ט בהת־עלפות גדולה, איז דורך דעם וואָס מען רופט אים ביים נאָמען, כאַפּט ער זיך אויף פון זיין התעלפות.

כג. דער ביאור פון דעם איז:

אין חסידות רעדט זיך אַרום דער טעם פאַרוואָס דורך קריאה בשם וועקט מען יענעם אויף פון זיין התעלפות, ווייל די התעלפות פועל׳ט אַ העלם וסילוק החיות נאָר אין דעם חיות הגלוי, אָבער ניט אין עצם הנשמה, דאָס הייסט נאָר אין כוחות וחיות הגלוים, אָבער ניט אין עצם החיות, און אויף דעם העלפט די קריאה בשם, ווייל דער שם איז ממשיך דעם עצם, וואָס דאָס איז געבליבן גאַנץ.

ווייל דער ענין פון אַ שם, וואָס מען רופט אים מיט דעם נאָמען דוקא, איז דאָס ניט אַן ענין הסכמי בעלמא, נאָר ווי עס שטייט אין כתבי האריז״ל, אַז מען גיט אַריין מלמעלה אַ דיעה אין די עלטערן פון קינד, מען זאָל דעם קינד געבן דעם נאָ־מען וואָס איז מתאים און פאַרבונדן מיט דער נשמה, וואָס גייט אַריין אין דעם קינד, ביי אַ אינגל צום ברית, וואָס דעמאָלט איז די התחלת כניסת נפש האלקית[37], און ביי אַ מיידל — וואָס אשה כמאן דמהילא דמיא[*37] — בשעת העליי׳ לתורה.

און ווייל דער שם איז פאַרבונדן מיטן עצם הנשמה, דערפאַר האָט דער שם בכוח צו ממשיך זיין און מגלה זיין פון עצם הנשמה אין די כחות הגלויים, וואָס דורך דעם מינטערט מען אים אָפּ פון זיין התעלפות.

כד. כשם ווי דאָס איז באדם הפר־טי, אַזוי איז דאָס אויך בכללות הקו־מה פון אידן, וואָס דער בעש״ט האָט אָפּגעמינטערט אידן פון זייער התעלפות.

דער רמז פון זיין נאָמען — ישראל — באַווייזט אויף דעם פנימיות הענ־ין, אַז עניני הבעש״ט טוען אויף דאָס וואָס קריאת השם טוט אויף כנ״ל.

מצד די גזירות ושמדות וואָס זיי־נען געווען אין יענער צייט, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, זיינען די אידן געווען אין אַ מצב פון התעלפות. דאָס מיינט ברוחניות אַ העלם וסילוק אין אַלע מדריגות ביזן עצם, ווייל דער עצם פון אַ אידן איז אַלעמאָל גאַנץ.

כה. די התגלות פון נשמת הבעל שם טוב, דערנאָך די הנהגות זיינע ותורתו תורת החסידות, וואָס ער האָט מגלה געווען, האָט דערגרייכט אין דעם עצם פון אידן, און האָט עס ממשיך געווען, אַז דאָס זאָל אַראָפּ־קומען אויך אין כחות הפנימיים.

דערפון פאַרשטייט מען, אַז דער ענין החסידות איז ניט נאָר פאַר אַ געוויסער כתה אָדער אַ מפלגה, נאָר דאָס איז פאַר אַלע אידן.

---

37) שולחן ערוך אדמו״ר הזקן סוף מהדורא בתרא.

*37) עבודה זרה כז, א.

וויבאַלד אַז חסידות דאַרף מעורר זיין אידן פון התעלפות דורך צוקומען צו זייער עצם, איז דאָך דאָס שייך ומוכרח פאַר אַלע אידן.

כו. לימוד תורת הבעש"ט, — ובפרט ווי דאָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין הבנה והשגה, בכדי מען זאָל דאָס האָבן אין אַ פנימיות, דורך דעם אַלטן רבי'ן אין תורת החסידות חב"ד — והנהגה בדרכי החסידים, רירט אָן אין עצם און עס איז ממשיך אין די כחות הגלוים, אַז אויך זיי זאָלן זיין פאַרבונדן מיטן אויבערשטן.

און דעם ענין האָט דער בעש"ט אויפגעטאָן ניט נאָר פאַר זיין דור, נאָר פאַר אַלע דורות ביז משיח'ן, און דעם כוח האָט ער אַריינגעגעבן אין זיין תורה, תורת החסידות, ודרכי החסידות, אַז דורך דעם ווערט מען נתעורר פון דער התעלפות.

און דאָס איז דער טעם וואָס ביאת המשיח איז תלוי בהפצת מעיינות תורת הבעל שם טוב, ווי עס איז ידוע דער ענטפער וואָס דער בעל שם טוב האָט בעת זיין עלית הנשמה באַקומען פון משיח'ן, אויף דער שאַלה אימתי קאתי מר, האָט אים משיח געענטפערט, — לכשיפוצו מעיינותיך חוצה [38].

ווייל דורך הפצת מעיינות תורת הבעש"ט ווערן אידן נתעורר פון זייער התעלפות, עס ווערט גילוי העצם וואָס דאָס ברענגט ביאת המשיח [39].

כז. פון דעם איז אויך מובן, אַז מדור לדור וואָס דער חושך ווערט גרעסער און במילא ווערט גרעסער די התעלפות, דאַרף מען מער אָנקומען צו תורת החסידות.

און דערפאַר האָבן רבותינו מדור לדור אַלץ מער מגלה געווען און מפרסם געווען תורת החסידות, סיי דורך דעם וואָס מען האָט אַראָפּגעטראָגן חסידות מערער אין הבנה והשגה, און סיי אין דעם ענין הפרסום, מען האָט עס מערער מפרסם געווען, בכדי אַז דאָס זאָל אָנקומען צו אַלע אידן.

איז דאָך מובן דער גרויסער חוב און גרויסער זכות וואָס יעדער איינער האָט אויף להפיץ מעיינות תורת החסידות ודרכי החסידות — חוצה. וואָרום בדורנו זה, וואָס דער חושך ווערט אַלץ גרעסער, מוז מען נאָך מער צו דעם אָנקומען.

און דורך דעם יפוצו מעיינותיך חוצה וועט מען זוכה זיין צו דעם קאתי מר במהרה בימינו.

* * *

כח. אין עבודת ה' זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) סור מרע, ב) ועשה טוב, דאָס מיינט אַז ער טוט בעיקרו אין דעם ועשה טוב, ובמילא האָט ער קיין שייכות ניט צו רע.

דער חילוק פון די צוויי דרכים אין עבודה איז דאָס בכלל דער חילוק צווישן דעם דרך פון מוסר און דעם דרך פון חסידות.

מוסר איז (בעיקרו) אַ דרך פון סור מרע. ער טראַכט אין דעם ווי רע ומר עזבך את הוי' [39*], ווי עס איז ניט גוט דער צד השמאל, יצר הרע, ובמילא איז ער אים דוחה, אין אַן אופן פון סור, דורך תעניתים וסיגופים.

38) זע אויבן הערה 24.

39) ראה אגרת הקודש סי' ד.

*39) ירמי' ב, יט.

חסידות אָבער פאַרנעמט זיך בעיק־רו מיט — התבוננות בטוב. חסידות איז מבאר און רעדט אַרום דעם טוב טעם אין אלקות, די געהויבנקייט און געשמאַקייט פון אַ נשמה, און בשעת ער דערהערט דאָס — האָט ער במילא ניט קיין שייכות צום רע.

און דער אופן ווי ער האָט ניט קיין שייכות צום רע, איז דאָס אויף אַן אַנדער אופן ווי דורך דעם דרך פון מוסר. וואָרום דורך דער עבודה פון סור מרע ווי על פי מוסר, ווערט ער דאָך ניט העכער. ער בלייבט במקומו, און וויבאַלד אַז ער פאַר־בלייבט במקומו — איז בכדי אויס־צוהיטן זיך ער זאָל ניט דורכפאַלן חס ושלום, מוז ער ברעכן דעם גוף, דורך תעניתים וסיגופים.

מה שאין כן דורך דער עבודה פון חסידות, וואָס ער טוט אין דעם טוב, התבוננות והעמקת הדעת אין אלקות כו׳, ווערט ער דאָך העכער מצד דעם אור אלקי וואָס עס לייכט אין אים במוחו ולבו, וואָס דורך דעם ווערן אויך זיי ליכטיקער, און מען קען לייכטער דינען מיט זיי דעם אויבערשטן. במילא דאַרף ער ניט ברעכן דעם גוף, ווי עס איז ידוע דער פירוש הבעש"ט[40]) אויפן פסוק עזוב תעזוב עמו, אַז מיטן גוף גופא זאָל ער דינען דעם אויי־בערשטן, וואָרום זיין גוף אַליין איז געוואָרן העכער און אידעלער.

כט. על פי זה וועט מען אויך פאַרשטיין די דעה[41]) וואָס האַלט אַז

דער ענין פון חינוך קטן איז דאָס נאָר אין מצוות עשה, ועשה טוב, און ניט אין מצוות לא תעשה, סור מרע. אף על פי וואָס לכאורה כיון שצריך לחנכו כל שכן שצריך להפ־רישו מאיסורא[42]).

ווייל דער עיקר עבודה וואָס מען דאַרף טאָן איז אין ועשה טוב, אויס־אידלען אים, אויפהויבן אים, און דורך דעם איז אַז ער וועט ווערן מחוייב אין מצוות, וועט ער במילא זיין אָפּגעהיט אין סור מרע.

ל. מען האָט אַמאָל געפרעגט, — כמדומה, דעם בעש"ט — וואָס האָט אויפגעטאָן חסידות אויף די פריער־דיקע, דעם ראשית חכמה, של"ה כו׳, וועלכע זיינען אויך מיוסד אויף קב־לה?

האָט ער געענטפערט מיט אַ משל:

בשעת אַ גנב קומט גנב׳נען זיי־נען פאַראַן צוויי אופנים ווי דער בעל הבית פאַרהיט זיך פון אים:

איין אופן איז, אַז דער בעל הבית הויבט אָן שרייען, דערשרעקט זיך דער גנב און אַנטלויפט. פונדעסט־וועגן איז שייך אַז דער גנב זאָל קומען נאָכאַמאָל גנב׳נען.

עס איז פאַראַן אַ צווייטער אופן, אַז דער בעל הבית כאַפּט דעם גנב און פועל׳ט אויף אים, אַז ער ווערט אויס גנב. און דאָס איז — האָט ער אויסגעפירט — דער אויפטו פון חסידות אויף די פריערדיקע.

(משיחות אחש"פ, תשט"ז)

לא. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער וויל ח"ו ניט ממעט זיין אין קיינעמס דמות, ער וויל נאָר

---

40) היום יום כח שבט.

41) תוספות ד"ה בנו נזיר כח, ב. תוספות ישנים יומא פב, א.

42) תוספות שבת קכא, ס"ע א. וראה שו"ע (ואדה"ז) אורח חיים סי׳ שמג.

ריידן אין דער מעלה פון דעם ענין אין וועלכן ער רעדט.

אויך איצטער איז דאָס וואָס מען רעדט מיינט מען ח"ו קיינעם ניט ממעט זיין, מען רעדט נאָר אין דער מעלה פון חסידות חב"ד.

לב. דער חילוק פון שיטת חב"ד ושיטת חסידות פוילן קען דאָך זיין נאָר איצטער. די שיטה פון חב"ד איז אַז יעדער איד דאַרף האָרעווען אויף הבנה והשגה באלקות, און שיטת חסידות פוילן איז (כידוע המאמר מהרה"ק הר"ש קאַרלינער ז"ל), וצדיק באמונתו יחי', אל תקרי יחי' אלא יחי' (החי"ת בפתח), עס איז פאַראַן דער צדיק וואָס האָרעוועט, און די איבעריקע איז מיט און דורך די אמונת צדיקים וואָס זיי האָבן, איז זיי דער צדיק מחי' [43].

די צוויי שיטות זיינען שייך נאָר איצטער. אויף לעתיד זיינען דאָך אַלע מודה, אַז דעמאָלט וועט זיין, ומלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים [44], אַז אַלע אידן וועלן האָבן הבנה והשגה אין אלקות, ווי ער זאָגט, כי כולם ידעו אותי [45].

לג. איצטער איז דאָך די צייט וואָס פאַר משיח'ן, במילא איז ווי אַלע ענינים דלעתיד דאַרף מען מאַכן אַ הכנה און אַ כלי דערצו בזמן הגלות, די כלי דאַרף דאָך זיין מעין האור והגילוי, במילא דאַרף אויך איצטער זיין מעין פון דעם כולם ידעו אותי, אַז אַלע אידן דאַרפן האָרעווען אויף הבנה והשגה באלקות.

ועל דרך דאיתא בפרי עץ חיים [46] און אַנדערע זיינען זיך אַזוי נוהג בפועל, אַז פרייטיק פאַרזוכט מען פון די מאכלים פון שבת, כמו שכתוב, טועמי' חיים זכו.

— ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָב איך ניט געזען אין גשמיות די הנהגה, אָבער ברוחניות דאַרף דאָך אַוודאי זיין אַזוי, ניט נאָר פרייטיק נאָר די גאַנצע וואָך —

עס איז דאָך שית אַלפי שני הוי עלמא. קומט דאָך אויס אַז איצטער איז שוין פרייטיק און נאָך האַלבן טאָג [47], דאַרף דאָך אַוודאי זיין דער טועמי' חיים זכו, דער לימוד החסידות בהבנה והשגה, וואָס דורך דעם וועט מען צוקומען צום כולם ידעו אותי.

לד. אין איצטיקן זמן מוז מען אָנקומען צו לימוד החסידות חב"ד, מנהגי' והדרכותי'. אין איצטיקן זמן איז דאָס אַ דבר המוכרח, ניט נאָר דע את אלקי אביך צוליב ועבדהו בלבב שלם, שלימות העבודה, נאָר אויך צוליב לימוד התורה וקיום המצוות בהידור — כפשוטו.

אַ ראי' מוחשית אויף דעם האָבן מיר געזען בתקופתנו אין די מדינות וואָס דאָרטן זיינען געווען גרויסע נסיונות אויף לימוד התורה וקיום המצוות, אַז די וועלכע האָבן געלערנט חסידות חב"ד און געפירט

---

43) ראה שיחת חג הפסח תרצ"ד אות לג, לקוטי דיבורים ח"א עמוד 282.

44) ישעי' יא, ט.

45) ירמי' לא, לג.

46) שער השבת ריש פרק ג, וראה מגן אברהם ושולחן ערוך רבינו הזקן אורח חיים סוף סימן רן.

47) ראה פרקי דר' אלעזר פרק ז ופרק מח: שעה של הקב"ה כו'.

זיך בהנהגותי' והדרכותי', די זיינען דורכגעגאַנגען אַלע נסיונות און געב־ליבן גאַנץ בלימוד התורה וקיום המצוות.

די וואָס לית ברירה — דאַרף זיין דחק ללימוד זה ונכנס. ואין לך דבר העומד בפני הרצון.

די וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט קיין קביעות אויף לערנען חסידות חב"ד דאַרפן זיי אָנהויבן לערנען, און די וועלכע האָבן שוין פריער אויך געלערנט — דאַרפן זיי מוסיף זיין, און אַ גרויסע הוספה, גאָר אַ גרוי־סע הוספה, ביז אַז דער תוספות וועט זיין מרובה על העיקר.

וואָס דאָס וועט זיין אַ הכנה וכלי צום כמים לים מכסים, אין דער גאולה השלימה על ידי משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

(משיחת ש"פ בראשית, תשי"ז)

לה. אין דעם ענין פון חינוך איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן דעם לערנען פון גליא דתורה — דעם אָפענעם, אַנטפּלעקטן חלק פון תורה — און פּנימיות התורה — דעם אינערלעכן, פאַרבאַהאַלטענעם טייל פון תורה, וואָס ווערט דערקלערט אין קבלה און חסידות.

אויף גליא דתורה שטייט[48]: „קטן משיודע לדבר אביו מלמדו תורה", ווי נאָר אַ קליין קינד ווערט אימ־שטאַנד צו ריידן דאַרף מען אים אָנהויבן צו לערנען תורה. אין דער צייט ווען פּנימיות התורה — כאָטש ביי חסידים הויבט מען דאָס אויך אָן פאַר בר־מצוה, איז עס אָבער פיל שפּעטער ווי „משיודע לדבר".

דאָס איז אָבער נאָר בנוגע צו דעם לערנען און דעם פאַרשטיין פּנימיות התורה. דעם ענין פון חסידות, די לעבעדיקייט און וואַרעמקייט פון חסי־דות, מוז מען אַריינגעבן אויך אין יעדער פּיצל קינד.

לו. דער תניא איז די „תורה שבכתב" פון חסידות[49]). דאָך, ווען מען האָט געלערנט מיט דעם רבי'ן (דעם שווער) אלף־בית, וואָס דאָס איז דאָך דער אָנפאַנג פון נגלה דתורה, האָט מען דאָס אָנגעפאַנגען אין שער־בלאַט פון תניא.

דער צוועק פון דעם איז צו געבן דעם קינד אַן אָנפאַנג אויך אין דעם לערנען פון חסידות.

כדי אַ קינד זאָל שפּעטער נעמען דעם לערנען און פאַרשטאַנד פון חסי־דות דאַרף מען עס פריער דורכ־נעמען, אין אַלגעמיין, על כל פנים. דאָס מיינט, אַז די לעבעדיקייט, די האַרציקייט און וואַרעמקייט פון חסי־דות דאַרף מען אָנהויבן איינפלאַנצן אין אַ קינד ווי ער ווערט נאָר אַלט אַכט טעג — וואָס דאַן איז דער אָנפאַנג פון דעם אַריינקום פון דעם נפש האלקית[50]), די ג־טלעכע נשמה, און אַפילו נאָך פריער, אין אַ קינד פון איין טאָג.

אין אַ חסידישער הויז דאַרף יעדער קינד דערפילן די וואַרעמקייט און לעבעדיקייט אין וועלכער ער האָדע־וועט זיך, און דאָס איז אָפּהענגיק ניט אַזוי פיל אין דעם מאַן ווי אין דער פרוי, די „עקרת הבית",

48) סוכה מב, א.

49) זע ספר קיצורים והערות לתניא עמוד קיח.

50) זע שולחן ערוך אדמו"ר הזקן אורח חיים סיף מהדורא בתרא.

אין איר ווענדעט זיך אַז די היים זאָל זיין אַ חסידישע היים און אַז דער קינד זאָל דאָס פילן.

לז. און דער ענין התחסידות אין שטוב דאַרף זיך דערפילן אין אַלע דריי טיילן, אין תורה, עבודה און גמילות חסדים.

אין תורה: עס דאַרף זיך פילן דער חיות און ברען אין תורה וואָס זי איז דעם אויבערשטנס תורה, דעם אויבערשטנ'ס חכמה. אין לערנען דאַרף מען פילן אַ התלהבות און אַ יראה ווי ביי מתן תורה (כמאמר רז"ל [51]) מה להלן וכו'). און דאָס ניט נאָר ווען ער זאָגט אַ טיפן פלפול, נאָר אויך אין אַ פשוט'ן פסוק חומש מיט רש"י, אָדער אַפילו אָן רש"י, און אַפילו אין לערנען אלף-בית. אַז מען לערנט מיט אַ קינד אלף-בית דאַרף זיך פילן אַז דאָס איז חכמתו של הקב"ה, דעם אויבערשטנס חכמה.

אין גמילות חסדים: אַ קינד דאַרף אָנהערן אַז אין שטוב גיט מען אַ פולע צדקה, ניט אַ צענט-חלק (מעשר), ניט אַ פינפט-חלק (חומש), נאָר אָן קיינע באַגרענעצונגען. אַז מען ווייסט אַז יענעם איז ענג מצד וואָס פאַר אַ סיבה עס זאָל ניט זיין, וואַרט מען ניט אַז יענער זאָל קומען בעטן, נאָר מען פעדערט זיך און מען גיט אָן אַ באַגרענעצונג.

אין עבודה: ווען דער מאַן בלייבט אין שול דאַוונען נאָכן מנין, איז כאָטש דער מנין האָט געענדיקט דאַוו־נען מיט עטלעכע שעה פריער, דאַרף די שטוב וויסן אַז ער קומט שפע־טער ווייל ער דאַוונט תפלה בציבור, לויט דעם חסידישן טייטש פון „בציבור", — וואָס מיינט, צוזאַמענ־נעמען אַלע כחות פון דער נשמה און אַלע בירורים.

לח. אָט דעם „טייטש פון תפלה „בציבור" האָט דערמאָנט דער רבי דער שווער אין אַ מעשה וואָס ער האָט דערציילט אין נאָמען פון זיין פאָטער, כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע, וועגן זיין שווער, כ"ק הרה"צ וכו' הריי"צ נ"ע.

הרה"צ הריי"צ נ"ע איז געווען אַן אײדעם ביי כ"ק הרה"צ וכו' ר' יעקב ישראל טשערקאַסער. ווען ר' יעקב ישראל האָט געפרעגט ביי הריי"צ נ"ע ווי ער פירט זיך מיט דאַווּ־נען [52]), האָט ער געענטפערט, אַז ער באַמיט זיך צו דאַוונען בציבור. איז ר' יעקב ישראל געווען צופרידן פון דעם ענטפער.

אַמאָל האָט ר' יעקב ישראל גע־שיקט רופן דעם ריי"צ. האָט דער שליח געפונען אַז ער דאַוונט נאָך. ביי ר' יעקב ישראל'ן איז דאָס גע־ווען אַ וואונדער, ווייל דער מנין האָט שוין געהאַט געענדיקט דאַווּ־נען. מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער געשיקט דעם משרת נאָך אַמאָל, אָבער דער ריי"צ האָט נאָך אַלץ געדאַוונט. אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל און עס האָט געדויערט גאָר אַ לאַנגע צייט. ווען דער ריי"צ האָט גענע־דיקט דאַוונען האָט ר' יעקב ישראל ביי אים געפרעגט: דו האָסט דאָך מיר געזאָגט אַז דו באַמיסט זיך דאַוונען בציבור? האָט אים דער ריי"צ

---

51) ברכות כב, א.

52) ווייל בא חסידי חב"ד איז געווען דער ענין פון אריכות התפלה און ביי חסידי וואָלין האָט מען זיך ניט נוהג געווען מאריך צו זיין בתפלה.

נ"ע געענטפערט, אַז ער האָט גע־הערט פון זיין פאָטער, כ"ק אדמו"ר הצמח צדק נ"ע, אין נאָמען פון אַלטן רבי'ן, אַז דער ענין פון תפלה בצי־בור איז, „לצבור", צונויפזאַמלען אַלע כחות הנפש און אַלע ניצוצות (ג־ט'־לעכע פונקן), און דאָס נעמט ביי אים אַ לאַנגע צייט.

לט. אין דאַוונען דאַרף מען אויפ־הויבן צו דעם אויבערשטן אַלע גע־דאַנקן, אַלע געפילן און אַלע מעשים פון דעם טאָג. דאָס מיינט תפלה בציבור. איז ניט קיין וואונדער אַז מען קומט פון שול שפּעטער, ער דאַרף דאָך צונויפזאַמלען אַלע זיינע ענינים, די הויז מיט דעם געשעפט, און מיט דעם אַלעמען דאַוונען אויף צו פאַרבינדן זיי מיט דעם אויבערשטן. איז ער אַ גביר, האָט ער דאָך אַ סך צונויפצוזאַמלען; איז ער, ר"ל, אַ קבצן, האָט ער אַ סך חובות, און צונויפקלייבן יענעמס ניצוצות גע־דויערט נאָך מער צייט.

און ווען אָט די אַלע זאַכן דער־פילן זיך אין הויז, און דערגרייכן אויך דעם קינד, ווערט דאַן פאַר־בונדן די אינערלעכע (פנימיות) פון זיין נשמה מיט פנימיות פון הקב"ה.

דאָס איז דער ערשטער אלף־בית וועלכן מען לערנט אין שער פון תניא, וואָס דאָס איז אויך אַ הקדמה צום לערנען און דערהערן תורת החסידות.

(משיחת י"ט כסלו, ה'תשי"ט)

# וישב

א. די פרשה וישב, הויבט זיך אָן מיט יוסף'ס חלום, והנה אנחנו מאלמים אלומים בתוך השדה וגו' והנה תסובינה אלומותיכם ותשתחוינה לאלומתי.

און פון דעם חלום האָט זיך אָנגע־הויבן די ירידה למצרים, אַז די אידן האָבן געדאַרפט דורכגיין גלות מצרים, וואָס די כוונה פון גלות מצרים איז געווען דער ואחרי כן יצאו ברכוש גדול [1], און דערנאָך, בהוציאך את העם ממצרים — תעב־דון את האלקים על ההר הזה [2].

דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון אנחנו מאלמים אַלומים גו' ותשתח־וינה לאלומתי, ד. ה. אַז מאלמים אַלומים וגו' איז די עבודה און דער וועג ווי צו דורכפירן דעם תכלית פון גלות מצרים, וואָס דאָס איז דער רכוש גדול און מתן תורה.

ב. אַלע גליות ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען מצרים, וכמאמר רז"ל [3], ובפרט דער לעצטער גלות. וואָרום אויף דער גאולה העתידה (פון דעם גלות האחרון) שטייט [4] כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות. ובמי־לא איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַזוי ווי אין גלות מצרים אַזוי איז אויך אין היינטיקן גלות, בכדי צו דורכפירן

1) בראשית טו, יד.
2) שמות ג, יב.
3) בראשית רבה סוף פרשה טז.
4) מיכה ז, טו.

דעם תכלית וכוונת הגלות, פאַדערט זיך די עבודה פון מאלמים אַלומים גו׳ ותשתחוינה לאלומתי.

אין חסידות שטייט אַז ירידת הנשמה בגוף איז אויך אַן ענין פון אַ גלות מצרים. ירידת הנשמה למטה איז אַ ירידה גדולה, מאיגרא רמא לבירא עמיקתא, אין מצרים וגבולים (גלות מצרים) און די ירידה איז צורך עלי׳, יצאו ברכוש גדול.

איז פון דעם פאַרשטאַנדיק, אַז בכדי צו דורכפירן די כוונה פון ירידת הנשמה בגוף, פאַדערט זיך אויך די זעלבע עבודה, עס דאַרף זיין דער מאלמים אַלומים בתוך השדה, און דאָס איז נאָך ניט גענוג, נאָר עס דאַרף זיין דערנאָך דער תסובינה אַלומותיכם ותשתחוינה לאלומתי.

ג. וואָס איז דער מיין פון מאלמים אלומים בתוך השדה, אין עבודת האדם?

די עבודה פון מאלמים אַלומים איז בתוך השדה, ניט אין הויז, רשות היחיד, נאָר אין פעלד, און דאָרטן נעמט מען שבלים נפרדות, מען רייסט זיי אויס פון זייער אָרט און שורש (וואָרצל), מען קלייבט זיי צוזאַמען און מען מאַכט פון זיי איין אַגודה, בכדי אַריינצונעמען דאָס דערנאָך אין הויז.

בשעת די נשמה איז יורד למטה געפינט זי זיך אין אַ רשות הרבים, אַן אָרט פון פירוד, ווי עס שטייט דער לשון, נעשה אדם לשון רבים, ואמרו רז״ל [5] כתוב וכל הרוצה לטעות יבוא ויטעה, איז זייענדיק אין שדה און אין רשות הרבים, דאַרף מען נעמען די דברים גשמיים וחומריים, די דברים נפרדים

— וואָס צוליב זיי איז ירדה הנשמה למטה, וואָרום הנשמה עצמה אין צריכה תיקון [6] און ירידתה איז געווען בכדי לתקן את הגוף ונפש הבהמית וחלקו בעולם —

אויסרייסן זיי פון זייער אָרט און שורש, ד. ה. פון זייער חומריות, איינבינדן זיי צוזאַמען, אויף דינען דעם אויבערשטן.

ד. דאָס איז אָבער מער ניט ווי מאלמים אַלומים. עס איז ניט מספיק, און מען דאַרף האָבן דעם ותשתחוינה לאלומתי. עס איז ניט גענוג וואָס געפינענדיק זיך פריער בבחינת שדה האָט מען זיך אַרויסגעריסן פון די חומריות, נאָר מען דאַרף זיי אַריינברענגען אין בית, אין הויז אַריין. דאָס הייסט ס׳איז ניט מספיק וואָס די אַלע ענינים האָבן אָנגעוואָרן און פאַרלאָרן זייער פריערדיקן ציור, נאָר מען דאַרף מאַכן פון זיי אַ כלי און אַ דירה לו יתברך.

און מען מיינט ניט ער זאָל ניט האָבן צו טאָן מיט די גשמיות, נאָר בשעת ער איז זיך עוסק אין די דברים הגשמיים, זייענדיק אין עניני עולם הזה, איז ער אַ מרכבה צו אלקות, אַז ער האָט גאָר קיין אייגענעם רצון ניט נאָר ער איז בטל אַזוי ווי אַ מרכבה צום רוכב, און מאַכט פון די **דברים הגשמיים גופא אַ דירה לו יתברך.**

און דאָס מיינט ותשתחוינה לאלומתי, צו דער אַלומה פון יוסף׳ן, זיין עבודה. יוסף׳ס עבודה איז געווען —

5) בראשית רבה פרשה ח, ח.

6) עץ חיים שער הצלם פרק א הובא בתניא פרק לז.

ויבוא הביתה — ניט נאָר וואָס ער האָט מבטל געווען דעם ציור החומרי נאָר ער האָט אַריינגעבראַכט אין הויז, געמאַכט אַ דירה, און דאָס איז גע־ווען לעשות מלאכתו, למיבדק בכתבי חושבני׳ [7], אויך דעמאָלט ווען ער איז געווען מושל ושולט בבית פוטי־פר אין מצרים, אויך דאָרט איז דמות דיוקנו של אביו נראה לו [8]. און אַזוי אויך זייענדיק אַ משנה למלך. און פון דעם גופא האָט ער געמאַכט אַ דירה צום אויבערשטן.

ה. און דאָס זיינען די צוויי עבו־דות ווי צו דורכפירן דעם תכלית פון ירידת הנשמה בגוף:

אַזוי ווי אַ נשמה דאַרף האָבן צו טאָן מיט ענינים גשמיים וחומריים, עניני דצ״ח, מאַכן פון זיי דם ובשר כבשרו און דערנאָך דינען דערמיט דעם אויבערשטן ביז אַז דער דצ״ח זאָל ווערן אַ מרכבה צו אלקות.

איז דער סדר אין דעם: א) מאל־מים אֲלומים בתוך השדה. ער רייסט אויס די שבלים פון זייער אָרט און שורש. פריער איז דאָך גאָר ניט געווען קענטיק צי עס האָט געוואַקסן ביי אַ אידן צי ביי אַ ניט אידן להבדיל, רייסט ער דאָס אויס ממקום גידולו על מנת דינען דערמיט דעם אויבערשטן, ב) ותשתחוינה לאלומתי, אַז אַפילו די מציאות פון דער אֲלומה ווי ער האָט מאגד געווען אַלע שבלים לתכלית אחת, אויך דאָס הערט זיך ניט אָן, נאָר עס איז ותשתחוינה — ביטול, ער איז אַ מרכבה צו אלקות, לעצמו האָט ער קיין רצון ניט, ער איז מער ניט ווי אַ כלי צום אור.

און דאָס מיינט ותשתחוינה לאלומ־תי, וואָס יוסף איז געווען אַ נשמה דאצילות, אַז אין די עבודות פון מאלמים אֲלומים וואָס הגם עס איז געווען אַ ביטול נעלה, אָבער דאָך בבחינת מציאות, דעשי׳, דיצירה או גם דבריאה, איז געוואָרן ותשתחוינה לאלומתי, דער בירור שני שעולה לאצילות, דבאצילות הוא ביטול במצי־אות, איהו וחיוהי חד און אַפילו איהו וגרמוהי חד [9]).

ו. פון דעם איז מובן, אַז בשעת עס ווערט אַ התאגדות פון כמה בני ישראל למטרה אחת, אַ מטרה פון תורה ומצוות, הגם ס׳איז שוין דאָ אין דעם די מעלה, וואָס מען האָט מבטל געווען דעם ישות וציור הפרטי פון יעדערן באַזונדער,

וואָרום דאָס איז דאָך דער ענין פון אַן איגוד, אַז יעדער איינער איז מוותר אויף זיינע פרטיות׳דיקע עני־נים צוליב דער מטרת האיגוד, אַלע צוזאַמען זיינען געוואָרן איין מציאות, אַ תערובת פון יבש ביבש אָדער אַפילו פון לח בלח,

פונדעסטוועגן איז דאָס נאָך ניט מספיק, און מען קען נאָך ניט זיין זיכער וואָס עס וועט זיין דערמיט, ביז מען וועט מבטל זיין אויך די נקודה המשותפת וצד השוה שבהאי־גוד, צו אַן ענין שלמעלה ממנה, ותשתחוינה לאלומתי.

(תשיחת י״ט כסלו, תשי״ז)

7) תרגום בראשית לט, יא.
8) סוטה לו, ב.

9) הקדמת תיקוני זהר קרוב לתחילתה. ראה אגרת הקדש סימן כ.

# חנוכה

א. די נקודה העיקרית פון היינ־טיקן שבת איז, וואָס עס איז שבת חנוכה.

די גמרא דערציילט[1]: מאי חנוכה, שכשנכנסו יונים להיכל טמאו כל הש־מנים שבהיכל, וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום וכו׳ לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים וכו׳.

דער נס פון חנוכה איז געווען וואָס מען האָט געפונען שמן טהור צו צינדן די נרות פון בית המקדש און דער שמן האָט געברענט אַכט טעג, און דערפאַר האָבן די חכמים קובע געווען ברכת שעשה ניסים על הדלקת הנרות, ווייל דאָס איז דער עיקר הנס ויום טוב דחנוכה.

דאָס מיינט, אַז די עבודה פון חנוכה איז צינדן נרות, מאַכן ליכ־טיק. מען געפינט זיך אין גלות, אויפן גאַס איז פינסטער. דער זמן פון צינדן נר חנוכה איז דאָך מש־תחשך, — גייט מען דעמאָלט און מען מאַכט ליכטיק. דאָס איז אַן עבו־דה בדרך מלמטה למעלה.

עס איז ניט קיין גילוים בדרך מלמעלה למטה.

ב. און דאָס איז דער חילוק פון נרות המקדש און נרות חנוכה.

עס זיינען דאָ אין דעם צוויי חילו־קים עיקריים: א) נרות המקדש צינדט מען מבפנים ונרות חנוכה צינדט מען מבחוץ. ב) נרות המקדש צינדט מען מבעוד יום ונרות חנוכה משתחשך. וואָס די צוויי ענינים פון חוץ און חושך ווייזן אויף אַן ענין פון ניט קדושה. וואָרום קדושה איז אור — היפך החושך — און ענינה איז לע־שות דירה לו יתברך — היפך החוץ, אַן ענין פון פנים.

נרות המקדש צינדט מען מבעוד יום ומבפנים, ווייל עס איז אַ גילוי בדרך מלמעלה למטה. נרות חנוכה צינדט מען משתחשך ומבחוץ, ווייל ענינה איז בדרך מלמטה למעלה, צו באַלייכטן אויך דעם חושך מיטן חוץ.

און דער סדר עבודה אין דעם איז, ניט ווי דעת בית שמאי[2] אַז פוחת והולך כפרי החג, נאָר מוסיף והולך, דמעלין בקודש, אַז אַלע טאָג צינדט מען אָן נאָך אַ ליכטעלע, מען מאַכט ליכטיקער און ליכטיקער, ביז אַז ולילה כיום יאיר.

ג. די הוראה פון דעם איז:

מען דאַרף באַלייכטן דעם חושך, אָוועקשטעלן זיך בחוץ און באַלייכטן דעם חושך און מיט שמן טהור, ובד־רך מלמטה למעלה, ומוסיף והולך.

ד. דער נס פון חנוכה איז געווען: כשנכנסו היונים טמאו את השמנים שבהיכל, וכשגברה מלכות בית חשמו־נאי ונצחום מצאו פך שמן טהור כו׳.

וואָס מיינט טמאו את השמנים?

טמאו מיינט ניט, אַז מען האָט עפּעס אַראָפּגענומען פון שמן, אָדער מען האָט עס משנה געווען בפּני־מיות. ניין, עס איז מער ניט וואָס

1) שבת כא, ב.

2) שם.

די יונים האָבן דאָס אנגערירט³), און דערמיט איז דאָס געוואָרן טמא.

ה. דער פנימיות הענין פון דעם איז מבואר אין חסידות, אַז די מלחמת היונים איז געווען — חכמות חיצוניות. הגם מען טשעפּעט ניט תורה, מען איז מסכים אַז מען זאָל לערנען תורה, וויבאַלד אָבער אַז מען שטעלט אַוועק תורה מיט חכמות חיצוניות אין איין היכל, מען פאַרגלייכט חכמה יונית צו תורה, אַז תורה איז אַ שכל ווי אַלע חכמות, זאָגט מען אַז דאָס איז — טמא.

וואָרום דער גאַנצער ענין פון טומאה וטהרה איז ווי דער מדרש זאָגט און אין רמב"ם שטייט עס בקיצור⁴): לא המת מטמא ולא המים מטהרין אלא חוקה חקקתי, גזירה גזרתי, עס איז אַן ענין פון חוקה למעלה מן השכל.

און דאָס איז דער ענין פון היונים טמאו את השמנים. שמן הוא חכמה כידוע⁵), אַפילו מען לאָזט לערנען חכמת התורה, אָבער מען לאָזט דאָרטן אַריין אויך יונים, מען לאָזט צו אין היכל התורה חכמה יונית און מען שטעלט דאָס אַוועק אויף איין און דער זעלבער דרגא, איז דאָס טמאו את השמנים, און מען דאַרף האָבן אויף דעם מסירת נפש אויף ניט צולאָזן דאָס.

ו. די הוראה פון דעם בזמננו איז:

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וועלכע טענה'ן: תורה איז דאָך אַן ענין פון הבנה והשגה, כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים*⁵), איז וועמען אַרט דאָס, אַז מען וועט אַריינמישן אין דעם אויך אַנדערע חכמות. אַ פּאָר שעה לערנען תורה און אַ פּאָר שעה אַנדערע חכמות להבדיל, און מאַכן דערפון אַ סמיכות און איין זאַך, וואָס פאַר אַ קלקול קען זיין אין דעם?

דאָס לערנט אונז דער נס פון חנוכה:

אַז מען גייט מיט דעם וועג, איז ניט נאָר וואָס דער שמן טהור איז ניט מטהר דעם שמן טמא, נאָר אדרבה, טמאו את כל השמנים, אַז דער שמן טהור ווערט אויך טמא.

און דאָס ברענגט ניט נאָר אַ חורבן אין רוחניות, נאָר אויך אין גשמיות ר"ל. ווי דער רמב"ם⁶) דערציילט וועגן חנוכה, אַז די יונים פשטו ידם בממונם ובבנותיהם, און דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט דעם וואָס טמאו את השמנים.

וואָרום באמת קען אַן אינו יהודי ניט האָבן קיין שליטה אויף אַ אידן. נאָר ווי אַזוי האָבן זיי אַ שליטה? דורך דעם וואָס מען לאָזט אַליין צו די יונים, מהרסיך ומחריביך — ממך יצאו⁷).

אָבער אַז מען לאָזט ניט צו דעם יון, די חכמה יונית אין היכל, היכל התורה, דעמאָלט איז דער שמן אַ שמן טהור.

(משיחת ש"פ וישב, תשט"ז)

ז. חנוכה און פורים, הגםביידע זיינען אַן ענין פון פרסומי ניסא, פונדעסטוועגן זיינען זיי חלוק מיט דעם, וואָס פורים איז ברוב עם מיט

3) כפירש"י שם.

4) מדרש רבה ריש פרשת חוקת. רמב"ם הלכות מקוואות פרק יא הלכה יב. וראה לקוטי תורה סוף פרשת אחרי.

5) ראה מנחות פה, ב.

*5) דברים ד, ו.

6) הלכות חנוכה פרק ג הלכה א.

7) ישעי' מט, יז.

א גרויסן שטורם ובשמחה יתירה, מה שאין כן חנוכה איז ניטאָ די אַלע ענינים.

ס'איז אַפילו פאַראַן אַ מנהג במקו־מות שונים ובמדינות שונות ונהרא נהרא ופשטי׳ [8], אַז הדלקת נרות חנוכה איז ברוב עם וכו׳. אָבער ביי אונזערע רביים איז דאָס ניט געווען [9]. אדרבא, כ״ק מו״ח אדמו״ר נ״ע האָט דערציילט, אַז אויב עמע־צער שלא מבני הבית איז געווען בעת הדלקת נרות חנוכה, איז מען געווען ניט צופרידן.

ח. קיין טעם אויף דעם בפירוש האָב איך ניט געפונען, נאָר מען קען זאָגן בדרך אפשר עפ״י המבואר אַז, דער יום טוב פון פורים דאַרף זיין ביין. כדאיתא בגמרא [10] חייב איניש לבסומי בפוריא, זאָגט רש״י ביין. דער טעם אויף דעם איז, ווייל דער גאַנצער ענין פון נס פורים איז געווען על ידי יין. סיי די התחלה און סיי דער סוף פון מפלת המן ונצחון מרדכי וישראל איז געווען ביין.

מה שאין כן חנוכה האָט מען קובע געווען דעם יום טוב בשמן. דער נס איז געווען בשמן, ווי די גמרא זאָגט מאי חנוכה און דערציילט די מעשה הנס וואָס איז געווען מיטן פך שמן, און דערפאַר האָט מען קובע געווען דעם יום טוב בשמן. אויך די ברכת הניסים מאַכט מען על הדלקת השמן.

ט. דער חילוק פון יין און שמן: יין איז אַן ענין פון גילוי און שטורם. שמן איז אַן ענין פון העלם [11]. מצד עצמו איז דאָס גאָר העלם לגמרי, און אַפילו בשעת מען איז מדליק דעם שמן, וואָס דעמאָלט טוט מען אויף אין שמן דעם ענין הגילוי, מכל מקום מצוה מן המובחר והידור, עס זאָל ניט זיין קיין רעש, נאָר עס זאָל ברענען בניחותא ובחשאי, ווייל כללות ענינו איז העלם.

און דאָס, קען מען זאָגן, איז גע־ווען דער טעם, וואָס צו הדלקת נרות חנוכה האָט מען ניט געמאַכט קיין פרסום ברוב עם וכו׳, ווייל דער כללות ענין פון חנוכה איז אַן ענין פון שמן דעניני העלם, און אַפילו דער גילוי פון דעם איז בניחותא.

י. דער ביאור הטעם בפנימיות, פאַרוואָס פורים איז ברעש און חנוכה איז בחשאי, וועט מען עס פאַרשטיין על פי המבואר בלבוש ובט״ז [12] און עס ברענגט זיך אין מאמרי חסידות, אַז דער חילוק פון פורים און חנוכה איז, וואָס פורים איז געווען די גזירה אויפן גוף, אויף גשמיות, און חנוכה איז געווען די גזירה אויף דער נש־מה, אויף רוחניות, און אין רוחניות גופא, איז געווען די גזירה להעבירם מחוקי רצונך, וואָס דאָס איז אידל־קייט אין רוחניות גופא.

---

8) חולין יח, ב. נז, א.

9) ראה מאמר ברוך שעשה ניסים להצמח צדק עמוד 19, 21. ס׳ המנהגים — חב״ד ע׳ 70.

10) מגילה ז, ב. בש״ס שלנו הגירסא מיחייב. אבל במאור הקטן על הרי״ף, שער הכתנות בסופו, של״ה פ׳ תצוה ובכל דרושי דא״ח שראיתי הל׳ הוא חייב איניש וכן הוא ג״כ בא״ח (הובא בב״י סי׳ תרצה), שו״ע או״ח סתרצ״ה ס״ב, סי׳ יעבץ ועוד.

11) ראה זהר חלק ג לט, א. לקוטי תורה שיר השירים ד״ה צאינה וראינה ובכמה מקומות.

12) שולחן ערוך אורח חיים סימן תער סעי׳ קטן ג.

דערפאַר איז פורים האָט אַ שייכות מערער צו מצוות. און די מצוות פון פורים זיינען משלוח מנות איש לרעהו וכו׳, מצוות וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן גוף. און דער משלוח מנות דאַרף זיין דוקא אין אַזעלכע זאַכן וואָס הגוף יכול להנות ממנו.

ויש דיעה דאפילו בבשר חי אין יכולים לצאת משלוח מנות[13].

מה שאין כן בנר חנוכה זאָגט מען הנרות הללו קודש הם ואין לנו רשות להשתמש בהן, ווייל דאָס איז פאַרבונדן מיט רוחניות.

עס איז ידוע, אַז בשעת אַ זאַך ברענט, איז וואָס דער חומר איז מער מגושם, ברענט עס ברעש יותר, מה שאין כן אַ חומר דק, אַן אידעלער חומר, ברענט עס אָן אַ רעש. דער טעם הדבר איז, ווייל דער רעש קומט מצד ביטול הישות.

און על פי זה ווערט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק פון פורים און חנוכה, וואָס פורים איז די שמחה ברעש און חנוכה בחשאי.

יא. מען דאַרף דאַך מיטנעמען פון חנוכה אויף אַ גאַנץ יאָר. איז די הוראה פון דעם ענין בנוגע להעבודה אויף דעם גאַנצן יאָר:

די עבודה דאַרף זיין שלא ברעש נאָר בחשאי. ד. ה. מען לאָזט לכתחלה ניט צו קיין מנגד. מצוה להאיר על פתח ביתו מבחוץ, מען דאַרף טאַקע באַלייכטן אויך דעם חושך שמבחוץ, אָבער ניט אין אַן אופן פון מלחמה, נאָר מען נעמט מיט אַהין די אייגענע ליכטיקייט ובדרך ממילא איז מעט אור דוחה הרבה חושך. ובפרט כשמוסיף והולך, יעדן טאָג איז מען מוסיף אור, ביז מען קומט צו צום נר השמיני, וואָס איז תכלית האור, ווי מען האָט גערעדט בארוכה. דורך דעם פועל׳ט מען במילא אַז ולילה כיום יאיר.

(משיחת ש״פ מקץ, תשמ״ז)

יב. די רביים מייסדי[14]) ומנהלי הישיבה תומכי תמימים[15]) ליובאַוויטש, איז געווען חפצם ורצונם[16]) אַז די תלמידים פון דער ישיבה זאָלן זיין — נרות להאיר[17]), ניט נאָר סתם תלמידים, ניט נאָר תלמידים לומדים, ניט נאָר תלמידים חסידים, נאָר — נרות להאיר. דער דיוק אין דעם

---

13) ראה פרי מגדים אורח חיים סוף סימן

14) מייסדי לשון רבים, כי, בנוגע לפועל, הי׳ כ״ק מורי וחמי אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע, המציע לאביו, כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע, לייסד ישיבה. אחרי דין ודברים שהי׳ ביניהם, נסע כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) על האוהל (כך שמעתי סתם מכ״ק מו״ח אדמו״ר. ובודאי הכוונה להאוהל בליובאוויטש — היינו של כ״ק אדמו״ר ה„צמח צדק״ וכ״ק אדמו״ר מהר״ש — זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע), ובבואו משם אמר לכ״ק מו״ח אדמו״ר כי מקבל ההצעה.

15) אודות קריאת השם „תומכי תמימים״ — ראה „התמים״ ח״א ע׳ כג ואילך. אג״ק אדמו״ר מהוריי״צ ח״י ע׳ שסה.

16) חפצם ורצונם: חפץ — פנימיות הרצון, תענוג שהוא הסיבה לרצון. רצון — חצוניות הרצון, הרצון גלוי (עיין לקוטי תורה, שיר השירים ד״ה לבבתני סוף פרק א. ושם נסמן). וכדיוק לשון רז״ל: כופין אותו עד שיאמר רוצה אני — כי אינו מתענג בזה, ואדרבה, אלא שבכל זה רוצה, כיון שכופין אותו. ואין להקשות דאף על פי כן הי׳ צ״ל לשון מרז״ל זה חפץ אני, על פי מה שכתב הרמב״ם בהל׳ גירושין סוף פרק ב — דלא קשיא דאף שבאמיתית חפץ הוא (ואפילו בלא הכפי׳), אבל כיון שעדיין הוא עצמו אינו מכיר ומודה בזה, הרי הוא אומר רוצה אני ולא חפץ אני. וק״ל.

17) ראה ג״כ תורת שלום עמוד 73-4, 77.

לשון — נרות און להאיר — ווייל עס קען זיין אַ נר, אַ פּתילה און שמן און געפינען זיך אין אַ כלי [18], אָבער עס פעלט דער להאיר, עס איז ניט אָנגעצונדן, עס לייכט ניט אין זיך און ניט אין יענעם.

עס דאַרף זיין נרות להאיר — אויסגעפינען ביי זיך דעם נר און אָנצינדן אים, און דער לשון איז דאָך להאיר — ניט אור, אָדער מאיר [19]) — דאָס באַוויזט דעם תכ־לית הנרות, אויף להאיר דוקא [20]). און מען קען זאָגן, אַז דאָס איז כולל נאָך אַן ענין: מען דאַרף אויפלייכטן יענעם. אויסגעפינען אין יענעם די שמן, פּתילה און כלי און אָנצינדן.

יג. ווײַבאַלד אַז דאָס איז געווען זייער כוונה, ווייס מען צוויי ענינים: ערשטנס — אַז זיי האָבן אַריינגע־לייגט כחות אין דעם. צווייטנס — בדרך ממילא איז ביי אייך געוואָרן (אויב אַפילו פריער איז ניט געווען) די יכולת וכחות אויף דעם.

אָבער דער אויבערשטער וויל דאָך ניט אַז עס זאָל זיין נהמא דכסופא [21]), און ווי דער רבי האָט דערציילט [22]) אַז ביי חסידים איז ממילא קיין ענין ניט — מאַכט זיך ביי יעדן איינעם נסיונות און שוועריקייטן. אַמאָל דוכט זיך אַז עס איז אַ נסיון, אַמאָל איז דאָס טאַקע אַ נסיון. איינער מיינט אַז פאַר אים איז צו שווער אַזאַ עבודה, אַן אַנדערן דוכט זיך אַז ער איז שוין אַ נר להאיר, ווי ער איז איצט איז ער שוין כפי הכוונה — הגם אַז למעשה איז נאָך גאַר ווייט דערפון.

אָבער ווײַבאַלד אַז אַ רבי אַ צדיק האָט דאָס געוואָלט, וואָס רז״ל זאָגן [*22]) דאָך צדיקים דומים לבוראם, איז כשם ווי ביי הקב״ה איז וחשב מחשבות לבלתי ידח ממנו נדח [23]), אַזוי איז ביי אַ רבי׳ן, וואָס ער איז אַ ממוצע המחבר אידן און דעם אויבערשטן, ובפרט זיינע תלמידים ומקושרים און דעם אויבערשטן [*23]), איז דערביי אויך — לא ידח ממנו נדח, און די זאַך וועט זיך אָפּטאָן. ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא ושו״ע הלכות תלמוד תורה [24]) בגלגול זה או בגלגול אחר. בגלגול אחר מיינט מען ניט נאָר נאָך מאה ועשרים שנה, וואָס דאָס איז דער פּירוש הפשוט, בגלגול אחר מיינט אויך ווען עס ווערט אַ שינוי עיקרי אין אים בחיים חיותו בעלמא דין [25]).

און ווײַבאַלד אַז מען קען דאָס טאָן פריער — וואָס דאַרף מען אָפּ־לייגן אויף שפּעטער? ווי דער רבי זאָגט אין אַ שיחה, אַז חסידים זיי־

---

18) ענינם בנפש האדם ובעבודת השי״ת — ראה תורה אור פרשת מקץ לב, ב. שם לח, ב. לקוטי תורה בהעלותך לג, ג. שערי אורה רד״ה כי אתה נרי. ובכמה מקומות.

19) ע״ד הלשון כוכבי אור כו׳ כוכבים המאירים (פסחים ב, א).

20) ראה ברכות נג, א.

21) ראה תנא דבי אליהו חלק א פרק כ. לקוטי תורה ריש פרשת צו.

22) ראה ספר השיחות קיץ הש״ת עמוד

*22) במדבר רבה פרשה י, ה.

23) שמואל ב יד, יד.

*23) ראה תורת שלום עמוד 158 (שם מדובר ע״ד אדמו״ר האמצעי): עומד בין הוי׳ וביניכם כו׳ ממוצע המחבר, המאחד עולמות ואלקות ע״י הנשמות.

24) תניא סוף פרק לט. שו״ע הלכות תלמוד תורה פרק ד ס״ג.

25) ראה שער הגלגולים הקדמה ב: וענין זה שהוא גלגול בחיים כו׳. ושם בסוף הקדמה ג. ובמקומות המתאימים בספר הגלגולים. וראה גם כן תניא סוף פרק יד.

נען קלוגע זיי לייגן ניט אַפּ אויף מאָרגן וואָס מען קען טאָן היינט, היום לעשותם.

יד. די עיקר מצוה פון חנוכה איז — צינדן חנוכה ליכט [25*].

בין נשים בין אנשים דאַרפן אָנ־צינדן. נרות שבת ויום טוב נמסרו לנשים [26], אָבער נרות חנוכה זיינען סיי לאנשים, איש — שדרכו לכבוש, סיי לנשים, אַזאַ וואָס אים דוכט זיך אַז ער האָט ניט די ברייטקייט, די תקיפות אויף לכבוש און פועל זיין אויף אַ זולת. אָבער לכל הפחות זיין סביבה קען ער באַלייכטן.

דער זמן ההדלקה איז משתשקע החמה — ווען עס ווערט חושך. כשטמאו כל השמנים (אַפילו די שמ־נים) שבהיכל, און אויך נאָכן חורבן בית המקדש, דאָס הייסט אויף להאיר חשכת הלעומת זה והגלות.

על פתח ביתו מבחוץ — אַז ביי אידן בכלל און ביי ישיבה בחורים בפרט — איז אויך זייערע חיצוניות׳־דיקע ענינים זאָלן זיין כפי הכוונה. און עס זאָל זיין מוסיף והולך, מוסיף ואור — יעדע נאַכט מיט אַ לייכטנדי־קער ליכטל מער — נר מצוה ותורה אור. ווען קען מען זיין זיכער אין דעם — אויב עס איז דאָ דער דרך חיים, ווי דער סיום הפסוק, וואָס דאָס איז די התקשרות צו דעם מאור שבתורה, פנימיות התורה, תורת החסי־דות, — ווי עס רעדט זיך באַרוכה אין קונטרס עץ החיים [27].

מניחה בשמאל — ניט נאָר דעם חלל הימני, נאָר אויך זיין איינגע־נער חלל השמאלי זאָל מאיר זיין. און אויך באַלייכטן דעם זולת, דעם אמת'ן זולת [28], געפינענדן אין אים דעם נר און אָנצינדן.

דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז איר, די נרות להאיר, זאָלט אויספירן די כוונה פון די מייסדי הישיבה און די מנהלי הישיבה און עס זאָל זיין בחסד וברחמים, און מען זאָל האָבן פון אייך נחת, חסידישן נחת, אין אַלע פרטים.

טו. היינט איז דאָך חנוכה, חנוכה איז אַ מנהג ישראל אַז מען גיט חנוכה געלט, וועל איך אייך געבן חנוכה געלט פון דעם רבי'נס אַ קופּה — איז דאָס ווי דער רבי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס איז על דרך מאמר רז"ל [28*] הנוטל פרוטה מאיוב מתברך, אַז עס איז ניט נוגע די כמות, הגם עס איז די קלענסטע מטבע, אַ פרוטה, וויבאַלד אַז די פרוטה איז פון אַ תם וישר ירא אלקים וסר מרע איז מתברך — עס וועט זיין בהצלחה, און אַז דער רבי זאָגט בהצלחה — איז ניט נאָר בגשמיות נאָר אויך ברוחניות.

(נתן בידו הקדושה מעות חנוכה — שקל כסף [29]) אחד [30]) — לכל אחד מן התלמידים שנכנסו).

אַ גוט חנוכה.

(משיחת ליל נר ה' דחנוכה (לתלמידי תו"ת דברוקלין), תשי"ב)

---

*25) ראה תוד"ה הרואה סוכה מו, א. מגן אברהם ריש סימן תרעו ובנושאי כלים שם. צפנת פענח (להגאון מרגאצוב) על הרמב"ם הלכות חנוכה פרק ג הלכה ג.

26) ירושלמי שבת פ"ב סה"ו.

28) ראה תניא פרק לב: עמיתך עם שאתך בתורה ובמצוות כו' אבל מי שאינו חברו כו' צריך למשכן כו' לקרבן לתורה ועבודת ה'.

*28) פסחים קיב, א. בבא בתרא טו, ב.

29) ראה יומא ט, ב ובפרש"י שם. זהר חלק א רנ, א.

# שמות

א. אין דער היינטיקער סדרה — פרשת שמות — הויבט זיך אָן דער סיפור וועגן גלות מצרים, וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים, עבודת פרך.

דער סדר פון דעם שיעבוד הגלות איז געווען, אַז פריער האָבן די אידן אָנגעהויבן נאָכצוגעבן צו ביסלעך אין רוחניות, מען האָט נאָכגעגעבן די מצריים וואָס זיי האָבן געפאָדערט, און נאָך דעם איז געווען דער שיע־בוד הגלות אין גשמיות.

די התחלה איז געווען מיט דעם וימררו את חייהם, וואָס דאָס איז תורה, ווארום דאָס איז דאָך דער חיות פון אַ אידן, און אַז מען האָט נאָכגעגעבן אין רוחניות, איז געוואָרן דער שיעבוד אין גשמיות, בעבודה קשה בחומר ובלבנים וגו׳.

ב. אין ספר פנים יפות שטייט וועגן דעם וואָס פּרעה האָט געזאָגט לכו לסבלותיכם, ווייל שבט לוי איז ניט געווען משועבד צו פּרעה׳ן, נאָר זיי האָבן געטאָן זייער אייגענע אַר־בעט, לסבלותיכם, אייער אַרבעט. און דער פנים יפות איז מבאר דעם טעם פאַרוואָס שבט לוי איז ניט געווען משועבד, ווייל אויף שבט לוי שטייט[1] וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך. תומיך מיינט מצות מילה, ואוריך מיינט תורה, וואָס שבט לוי איז געווען גאַנץ אין דעם אויך בשעת הגזירה, דערפאַר זיינען זיי ניט געווען אונטער דעם שיעבוד פון פרעה׳ן. מה שאין כן די אַנדערע אידן, וואָס זיי האָבן נאָכגעגעבן די גזירה אין תומיך ואוריך, איז דאָס געווען אַ התחלה אויך צום שיעבוד בגשמיות.

ולכאורה איז דאָס ניט מובן, בשלמא דעם ענין תומיך זו מצות מילה, זיינען זיי געווען מחויב מצד דעם ציווי וואָס איז געווען לאברהם אָבינו, אָבער אין די אַנדערע עניני תורה זיינען זיי דאָך ניט געווען מחוייב, ווייל ס׳איז דאָך געווען פאַר מתן תורה. ובכלל אויף מוסר נפש זיין זיך, איז דאָך דאָ אַ חקירה, צי זיי זיינען געווען מחויב אין מסירת נפש, ווארום ס׳איז דאָך דאָ אַ סברא, אַז זיי האָבן געהאַט אַ דין פון בני נח[2] שאינם מחוייבים במסירת נפש[3], היינט ווי קומט עס, אַז צוליב דעם וואָס זיי האָבן זיך ניט מוסר נפש געווען, זאָל דערפאַר זיין דער שיעבוד מצרים?

ג. איז פון דעם אַ הוראה, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן רוחניות, איז לפעמים ניט נוגע צי מען איז קלאָר מחויב על פי דין זיך מוסר נפש

1) דברים לג, ח.

2) הצרפתים ברמב״ן ויקרא כד, י. גור ארי׳ בראשית לז, ב. רא״ם שמות ד, כד.

3) רמב״ם הלכות מלכים פ״י הלכה ב.

זיין אָדער ניט. עס איז אַפילו ניט נוגע אויב מען איז מחויב טאָן דעם עצם ענין מצד הדין, צי דאָס איז נאָר אַ הנהגה וואָס דער רבי האָט איינגעפירט, אָדער אַ פריערדיקער רבי. על דרך ווי במצרים האָט שבט לוי אַנגענומען לימוד התורה ווי אברהם [4]) וכו׳ האָט עס איינגעפירט, ביז צו מסירת נפש.

אויב עס האַנדלט זיך וועגן רוחניות, דאַרף מען ניט אַננעמען קיינע גזירות, און גיין מיט דער גרעסטער שטאַרקייט.

וואָרום גשמיות איז אָפּהענגיק פון רוחניות. גיט מען נאָך אַ גזירה אין רוחניות, שפּאַרט אַרויס די גזירה אויך אין גשמיות. ולאידך גיסא, גיט מען ניט נאָך די גזירה אין רוחניות, איז דעמאָלט שרייט פרעה אַליין לכו לסבלותיכם. פרעה אַליין איז מודה אין דעם לסבלותיכם, אַז מען איז ניט משועבד צו אים.

פרעה איז געווען אַ מלך בכיפה על כל העולם [5]), און ער האָט געהאַט זייער גרויסע כחות, ביז אַז אַפילו משה רבנו האָט מורא געהאַט פאַר דעם, ביז השי״ת האָט אים געזאָגט, בא אל פרעה [6]). און שבט לוי האָט זיך אויך געפונען אונטער פרעה מלך מצרים גופא, וואָס קיינער האָט פון דאָרט ניט געקענט אַנטלויפן, נאָר וויבאַלד אַז זיי האָבן אים ניט נאָכגעגעבן אין רוחניות, האָט אויף זיי פרעה קיין דעה ניט געהאַט.

ד. די סיפורי התורה זיינען אַ הוראה בעבודת האדם.

דער רמב״ם זאָגט [7]), כל מי שנדבה לבו לשרת את הוי׳, איז ער ווי דער שבט לוי, ער האָט טאַקע ניט קיין חלק ונחלה בארץ, אָבער הוי׳ הוא נחלתו, און ער האָט עס ניט נאָר ברוחניות נאָר אויך בגשמיות.

דאַרפן אַלע אידן וויסן, אַז זיי זיינען ווי שבט לוי.

בשעת אַז עס קומט אַ מנגד וואָס איז מבלבל צו עבודת השם, זאָל מען ניט מיינען, אַז דורך דעם וואָס מען וועט אַביסל נאָכגעבן, וועט ער אויפהערן מבלבל זיין. פּונקט פאַרקערט, וועט מען אים עפּעס נאָכגעבן, וועט ער אָנהויבן מבלבל זיין נאָך שטאַרקער. און ניט נאָר אין רוחניות, נאָר אויך אין גשמיות. גיט מען עפּעס נאָך די גזירות אין רוחניות, וימררו את חייהם, שטייט באַלד דערנאָך, בעבודה קשה בחומר ובלבנים וגו׳.

ה. לאידך גיסא, אַז מען גיט גאָר ניט נאָך דער קליפּה המבלבלת, נאָר תומיך ואוריך לאיש חסידך, אוריך לימוד התורה און תומיך — קיום המצוות, דעמאָלט ווערט מען פטור פון דעם שיעבוד הגלות, אַז די קליפּה האָט קיין דיעה ניט, ניט נאָר אין רוחניות נאָר אויך אין גשמיות.

הגם אַז מצד דעם חושך הגלות פאַדערט זיך צו פאַרבייגיין כמה עניינים, וכמו מצוות התלויות בבית המקדש, אָבער באמת איז די כוונה פון גלות אַ הכנה והקדמה צו די גילוים דלעתיד.

4) ראה חזקוני שמות ה, ד.
5) ראה תרגום שני על אסתר בתחלתו.
6) ראה זוהר חלק ב לד, א.
7) סוף הלכות שמיטה ויובל.

עס שטייט כתית למאור. דישראל נמשלו לזית, מה הזית הזה כשמכתשין אותו מוציא שמנו, כך ישראל וכו׳ [8]).

דער גלות דוקא איז אַ הכנה למתן תורה.

אַזוי איז געווען בגלות מצרים און אַזוי — דער גלות. נאָר דעמאָלט, אחרי גלות מצרים, איז נתגלה געוואָרן גליא שבתורה, און איצטער וועט מען צוקומען צום מאור אַליין, צום מאור שבתורה, כתית — למאור, וואָס דאָס האָט מען דורך פנימיות התורה.

און בשעת מען גיט גאָרניט נאָך, איז הגם אַז מען געפינט זיך נאָך טאַקע דערווייל אין גלות, ניט אין ארץ ישראל, ווייל אַזוי איז מצד הכוונה העליונה, איז אָבער פאַראַן דער ואכלו את חלב הארץ, מען האָט נאָר דעם ענין הגלות, וואָס מען איז ניט אין ארץ ישראל, עס איז אָבער ניטאָ דער ענין השיעבוד.

ו. די נקודת הענין איז:

בשעת עס איז דאָ אַ דבר המבלבל צו רוחניות, אַ גזירה רח״ל, זיינען פאַראַן אין דעם צוויי דרכים:

איין דרך איז, אַז מען זאָל אַביסל נאָכגעבן דעם מנגד, דורך דעם וועט זיך יענער אָפּטשעפּען.

דער צווייטער דרך איז, — ניט נאָכגעבן אויף קיין האָר.

זעט מען פון דער היינטיקער סדרה, אַז בשעת מען גייט מיט דעם וועג פון נאָכגעבן, קריכט מען אַריין אַלץ ווייטער און ווייטער, און מען הויבט אָן מבלבל זיין צו נאָך ענינים. נאָך מערער, דורך דעם ווערט אַ שיעבוד אויך אין גשמיות.

לאידך גיסא, אַז מען גייט מיט דעם צווייטן וועג, אויף גאָרנישט נאָכגעבן, ווערט מען פּטור פון דעם גאַנצן ענין, און מען איז מצליח ניט נאָר אין רוחניות נאָר אויך אין גשמיות.

(משיחת ש״פ שמות, תשט״ז)

# בא

א. החודש הזה לכם ראש חדשים, זאָגט ער אויף דעם אין של״ה [1]), אַז דער גאַנצער חודש (ניסן), יעדער טאָג פון אים, איז ווי ראש חודש. אַזוי ווי ראש חודש איז ניט קיין יום המעשה, אַזוי איז אויך דער גאַנצער חודש ניסן. און דער של״ה איז מבאר: די ערשטע צוועלף טעג זיינען געווען די קרבנות הנשיאים, וכל נשיא הי׳ עושה יום טוב באותו יום. י״ג ניסן איז דער אסרו חג פון די י״ב ימים. י״ד ניסן צינדט מען אָן דעם נר הוי׳ נשמת אדם ובודקין את החמץ, דערנאָך גייען די זיבן טעג פסח, די שבעת ימי ההיקף.

דער ביאור אין דעם איז:

ראש חודש איז דאָך דער ענין המולד, וואָס אין דעם זיינען דאָ צוויי

---

8) מנחות כג, ב.

1) סוף פרשת בא.

נקודות: אין נקודה איז — תכלית העלם וואס איז געווען פאר דעם מולד, און דערנאך די נקודת המולד.

ב. אין דער עבודה פון אידן וואס נמשלו ללבנה[2], זיינען אויך פאראן די צוויי נקודות:

בשעת ער איז זיך מתבונן במעמדו ומצבו, אז אפילו אויב ער האט גע־לערנט און מקיים געווען מצוות ובא־הבה רבה, אבער ער איז דאך עומד לפני המלך, ומאן דמחוי במחוג קדם מלכא וכו'[3], איז דאך ניט נאר וואס דאס איז ניט קיין עבודה, נאר אדרבה,

ווערן ביי אים דעמאלט צוויי נקו־דות. א נקודה פון ביטול בתכלית, און עס הויבט זיך ביי אים אן א נייע עבודה, און דאס איז דער ענין פון ראש חודש אין עבודה, וואס בכללות איז דאס די עבודה פון תשובה, — אסורה מכאן אתקרב לשם[4].

דורך דער עבודה פון תשובה ברענגט מען דאך די גאולה, אזוי ווי ער פסק'נט אין רמב"ם[5], ישראל שעושין תשובה מיד נגאלין. און ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגרת התשובה[6] בענין ברכת השיבנו, אז באלד נאך ברכת השיבנו וסלח לנו זאגט מען ברכת גאלנו.

דערפאר שטייט אויף ראש חודש, אז דער אויבערשטער זאגט, הביאו עלי כפרה שמיעטתי את הירח[7]. מיעוט הירח איז כידוע די סיבה אויפן חטא עץ הדעת, דער מקור פון אלע חטאים, וואס דאס איז די סיבה פון גלות — מפני חטאינו גלינו. ראש חודש נעמט אראפ דעם ענין פון מיעוט הירח ובמילא אויך די סיבת הגלות.

ג. ראש חודש, דער ענין פון תשו־בה, נעמט אראפ דעם גלות און ברענגט די גאולה.

און דאס איז דער ענין וואס ער זאגט אין של"ה, אז דער כללות חודש פון ניסן איז אן ענין פון ראש חודש. ווייל בניסן איז דאך די עבודה פון ביעור חמץ, אראפנעמען די ישות והתנשאות און פועל'ן ביי זיך דעם ענין הביטול, וואס דאס איז דער ענין פון תשובה, און מצד דעם איז בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל[8].

(משיחת פ' החודש, תשט"ז)

ד. לכאורה איז א קשיא, פארוואס ווערט ער אנגערופן ראש חודש און ניט תחלת החודש? די זעלבע קשיא איז פאראן אין חסידות[9] אויף ראש השנה, פארוואס ווערט ער אנגערופן ראש השנה און ניט תחלת השנה? און דער תירוץ וואס שטייט אין חסידות אויף ר"ה איז דער זעלבער תירוץ אויך אויף ר"ח.

דער טעם פארוואס מ'רופט ראש השנה, און ניט תחלת השנה, שטייט, ווייל ר"ה איז ניט נאר דער אנ־פאנג פון יאר, נאר אויך דער קאפ פון יאר, וואס דערפאר רופט מען דאס ראש השנה.

אזוי ווי די קאפ איז כולל אין

---

2) ראה סוכה כט, א. שהש"ר פ"ו, י.

3) חגיגה ה, ב.

4) זע קונטרס ביקור שיקאגא עמוד 22 (סה"ש תש"ב ע' 46) און ווייטער.

5) הלכות תשובה פרק ז הלכה ה.

6) פרק יא.

7) שבועות ט, א.

8) ראש השנה יא, א. שמות רבה פרשה טו, יא.

9) ראה לקוטי תורה ריש פרשת תבוא, עטרת ראש בתחלתו, מאמרי ראש השנה דשנת תש"א, תש"ב, ועוד.

זיך פון פריער דעם חיות פון אַלע אברים, אויך נאָך דעם ווי דער חיות האברים ווערט נמשך פון דעם ראש, איז דאָס נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט דעם חיות פון ראש און מוח[10]. אַזוי איז אויך ראש השנה כולל אין זיך דעם חיות פון אַלע טעג פון דעם קומענדיקן יאָר, און אויך שפּעטער ווען זיי ווערן שוין נמשך דאַרפן זיי אַלץ זיין פאַרבונדן מיט זייער קאָפּ — ראש השנה.

די טעג פון דעם גאַנצן יאָר זיינען פאַרבונדן מיט ראש השנה, ד. ה. אַז אין דעם גאַנצן יאָר דאַרף זיך הערן די התעוררות אין וועלכער ער איז געשטאַנען ר״ה, ובפרט אין דעם ענין פון קבלת עול, וואָס דאָס איז דער ענין פון ר״ה שמצות היום בשופר, ואמרו חז״ל[11] אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם כו׳ ובמה בשופר. ומלך — שתהא אימתו עליך.

אַזוי איז אויך דער טעם וואָס מ׳רופט ראש חודש און ניט תחלת החודש. ווייל ראש חודש איז ניט נאָר דער אָנפאַנג פון חודש נאָר אויך דער קאָפּ פון חודש.

ראש חודש איז כולל אין זיך דעם חיות פון גאַנץ חודש, און אויך נאָך דעם זיינען די טעג פון חודש מקבל חיות פון ראש חודש.

ה. הגם אַז ראש חודש איז אַ טאָג וואָס איז מותר במלאכה, פונדעסט־וועגן געפינט מען אין תנ״ך[12] אַז ראש חודש רעכנט זיך ניט צווישן די איבעריקע ימי המעשה. ער רעכנט זיך באַזונדער.

דער טעם דערפון איז, ווייל הגם ראש חודש איז מותר במלאכה, ניט אַזוי ווי שבת און יום טוב, און אין אים זיינען פאַראַן אַלע עובדין דחול, פונדעסטוועגן איז ער ניט גלייך צו אַלע ימי החול, וכמעלת יצירה. או גם בריאה, לגבי עשי׳[13].

ו. דער לשון וועגן עשיית מלאכה אין ששת ימי החול איז, ששת ימים תעבוד, וואָס דער לשון תעבוד איז אויך אַ לשון פון ציווי. הגם אַז דער פירוש הפשוט איז אַז מ׳מעג טאָן מלאכה, אָבער אין חסידות שטייט ווי עס איז משמע פון לשון הפסוק, אַז אין די ששת ימי החול דאַרף מען טאָן מלאכה[14], אויך איז משמע קצת אַזוי פון לשון מדרש רבה[15] ולעבדה ששת ימים תעבוד כו׳.

דער טעם חיוב המלאכה אין ששת ימי החול איז ווייל דורך התעסקות במלאכה על פי תורה פועל׳ט מען למעלה דעם ששת ימים עשה הוי׳, ד. ה. אַז דורך דער התעסקות אין ששת ימי החול ווערט נמשך די הארה אלקית להוות ולהחיות העול־מות ווי זי איז מלובש אין טבע.

שבת איז אסור במלאכה, ווייל שבת איז העכער פון דעם ששת ימים עשה הוי׳. שבת איז מאיר די הארה אלקית ווי זי איז ניט מלובש און פאַרשטעלט אין לבושי הטבע. מער ניט וואָס טבע אַליין געמט זיך דאָך מלמעלה מן הטבע איז דערפאַר —

---

10) ראה תניא פרק נא ופרק ב. עטרת ראש בתחלתו.

11) ראש השנה טז, א.

12) הפטרת מחר חדש — שמואל א, כ.

13) ראה לקוטי תורה ברכה ד״ה והי׳ מדי חודש. ובאריכות באור התורה בראשית ח״א ביאור דמחר חודש.

14) ראה ד״ה ויקח ה״א תרצ״ה (בסה״מ קונטרסים ח״ב), ותרח״צ.

15) בראשית רבה סוף פרשה טז.

איז וואָס איז מלאכה, דוקא אַן ענין וואָס חשיבא במשכן.

די מעלה פון ראש חודש אויף די איבעריקע ימי החול, איז אין דעם וואָס דעמאָלט איז טבע העכער. ראש חודש זאָגט מען הלל, מ'איז מקריב אַ קרבן מוסף, וואָס דאָס איז אַ תוספות על כל הימים.

ראש חודש איז בפרטים ידועים אַ ממוצע צווישן שבת און ימי החול. שבת איז די הנהגה שלמעלה מהטבע, ימי החול איז די הנהגה שעל פי הטבע, ראש חודש דאַרף מען אַריינטראָגן דעם למעלה מהטבע אין טבע.

ז. דערמיט קען מען אויך מבאר זיין דאָס וואָס מ'זאָגט ראש חודש הלל. אַלע טאָג זאָגט מען ניט קיין הלל, אדרבה די גמרא[16]) זאָגט כל האומר הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף, שבת זאָגט מען אויך ניט קיין הלל; ראש חודש זאָגט מען הלל.

אין הלל רעדט זיך דער אופן פון הנהגה ניסית, וואָס דערפאַר איז אַלע טאָג זאָגט מען ניט קיין הלל, ווייל עס דאַרף זיין די הנהגה על פי טבע, וברכך הוי' אלקיך בכל אשר תעשה דוקא, ולא סמכינן אניסא. שבת זאָגט מען אויך ניט קיין הלל, ווייל שבת איז לא תעשה כל מלאכה. מי שטרח בערב שבת איז יאכל בשבת בדרך ממילא.

אָבער ראש חודש וואָס ער איז דער ממוצע צווישן שבת און ימי החול, זאָגט מען דעמאָלט הלל, און מען בעט דעם אויבערשטן אויף אַריינטראָגן די הנהגה שלמעלה מהטבע אין די מלאכות ועובדין דחול[17]).

ח. בפרטיות רעדט זיך אין חסידות באריכות אַז ס'איז פאַראַן אַ מעלה אין ראש חודש לגבי שבת און אין שבת לגבי ראש חודש.

די מעלה פון שבת לגבי ראש חודש איז וואָס ראש חודש איז מותר בעשיית מלאכה און ס'איז פאַראַן אים אין עובדין דחול, און שבת איז אסור בעשיית מלאכה ווייל שבת איז העכער לגמרי פון חול.

דאָס גופא — אָבער — איז די מעלה פון ראש חודש, וואָס איז מותר בעשיית מלאכה אַז מ'טראָגט אַריין די הנהגה ניסית אין די עובדין דחול דוקא. עס זעט זיך אַן עובדין דחול אָבער בנסתר איז נס.

דערפאַר איז אויך אמירת הלל בר"ח און דער איסור עשיית מלאכה בראש חודש ביי נשים[18]), אַן ענין פון מנהג (באמת דערלאַנגט מנהג טיפער על דרך ווי עס רעדט זיך אין דעם ענין פון מנהג ההקפות). מה שאין כן יום טוב וחנוכה איז מדינא זאָגט מען הלל, ווייל דעמאָלט האָט זיך געזען נס.

ט. די מעלה פון ראש חודש לגבי שבת קען מען מבאר זיין על דרך ווי די מעלה פון פורים לגבי די שלש רגלים. וואָס דערפאַר איז דער אופן פון שמחת פורים עד דלא ידעי, וואָס מ'געפינט דאָס ניט אין קיין יום טוב, כאָטש מצותן בשמחה. אדרבה, ביום טוב לא ימשיך ביין ובשמחה וכו'[19]).

---

16) שבת קיח, א.

17) עיין אור התורה שם. ד"ה אר"י יהא חלקי תש"א.

18) טור ושולחן ערוך אורח חיים סימן תיז.

19) אורח חיים סימן תקכט, ובשולחן ערוך רבינו שם.

די גמרא[20]) פרעגט פאַרוואָס זאָגט מען ניט פורים קיין הלל און איינער פון די תירוצים וואָס די גמרא ענטפערט איז, אכתי עבדי דאחשורוש אנן.

דער פשט פון דעם תירוץ איז, אַז דער נס פון פורים איז געווען מלובש אין טבע, מ׳האָט געדאַרפט בעטן און פועל׳ן ביי אחשורוש׳ן ער זאָל אַראָפּנעמען די גזרה, און אויך נאָך דעם איז מען אַלץ געבליבן עבדי אחשורוש, דערפאַר זאָגט מען ניט פורים קיין הלל.

הגם אַז מחד גיסא איז דאָס וואָס דער נס איז געווען מלובש אין טבע איז אַ חסרון און מ׳זאָגט ניט קיין הלל, אָבער מאידך גיסא איז דאָס אַ מעלה, וואָס דער אור אלקי איז אַזאַ וואָס האָט דערנומען טבע גופא.

און דאָס איז דער טעם וואָס שמחת פורים איז גרעסער ווי די שמחה פון אַלע ימים טובים, ווייל פורים האָט מאיר געווען אַזאַ אור נעלה וואָס דער נס איז אין טבע גופא[21]). און על דרך זה איז אויך די מעלה פון ראש חודש לגבי שבת.

י. דער מנהג איסור עשיית מלאכה בר״ח איז דוקא ביי נשים שהן בדוגמת הגוף, און ניט ביי אנשים שהם בדוגמת הנשמה. דער טעם ומוסר השכל וואָס איז נוגע צו אונז איז: ווער דאַרף אַ באַוואָרעניש און אַ היכר — דער וואָס ליגט אין עניני עולם. דער וואָס ליגט ניט אין עניני עולם, דאַרף ניט האָבן אַזוי פיל באַוואָרעניש און קיין היכר, וואָרום ער איז דאָך בלאו הכי ניט שייך דערצו, ובפרט אַז ער איז שייך צו דעם ענין הפכי ומקושר אליו. איז אויף מוחש דאַרף מען דאָך ניט האָבן קיין ראיות צדדיות מבחוץ.

על דרך ווי מ׳האָט געפרעגט ביי איינעם אַ חסיד, צי זיין רבי האָט רוח הקדש, האָט ער געענטפערט. וואָס איז דאָס אַזוי נוגע. איך ווייס אַז ער איז אַ רבי. איז ממה נפשך, דאַרף אַ רבי האָבן רוח הקדש האָט ער. אויב ניט — וואָס ווערט ער נתפעל פון רוח הקדש.

על דרך זה שרייבט דער רמב״ם[22]) אַז די אידן האָבן ניט געגלויבט אין משה רבינו צוליב די מופתים וואָס ער האָט באַוויזן, נאָר ווייל עינינו ראו ולא זר כו׳.

על דרך זה האָט דער רבי דער־ציילט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, און געלערנט אין חדר, האָט ער געפרעגט ביי דעם מלמד ר׳ שמשון *[22]) וואָס איז דער חילוק צווישן פרעה און אַנדערע, מ׳האָט אים גע־געבן מכות געוויזן מופתים און ער פלעגט אַלץ חרטה האָבן. דער מלמד האָט אים געענטפערט פאַרשידענע תירוצים, אָבער ס׳איז ביי אים אַלץ ניט נתקבל געוואָרן.

לסוף האָט דער מלמד אים גע־געבן צו פאַרשטיין, אַז דער הפרש איז: משה איז געווען אַ חסיד און דוקא אַ חב״ד׳ניק. במילא האָט ער

20) מגילה יד, א.

21) ראה תורה אור מגילת אסתר סוף ד״ה חייב איניש, שערי אורה סוף שער הפורים.

22) הלכות יסודי התורה פרק ח, הלכה א.

*22) ראה אודותו ליקוטי דיבורים עמוד 212, 369, תעה, א. ספר השיחות קיץ ה׳ש״ת עמוד 29, 161, ספר המאמרים ה׳תש״ט עמוד 197, ספר המאמרים ה׳תשי״א עמוד 168, 169, 301.

ניט געזוכט קיין מופתים. ער האָט געוואָלט ברענגען די תורה, ידיעת אלקות, וואָרום ער האָט משער גע־ווען אַז די שאלה דאַרף זיין מה שמו. און אַז ער וועט דאָס האָבן, וועלן אים אידן אָנעמען[23]).

משה רבינו האָט באַלד געוואוסט אַז בנערינו ובזקנינו נלך, אָן מופתים. פרעה האָט ניט געגלויבט ביז ער האָט ניט געזען קיין מופתים, וכאשר היתה הרוחה איז ערשט חזר לסורו, לטבעו ומקומו הקודם.

אַז דער רבי האָט געהערט דעם הסבר, האָט זיך דאָס ביי אים באַלד אָפגעלייגט, און ער האָט אויפגעהערט צו פרעגן.

על דרך זה איז אויך אַז איש וואָס דרכו לכבוש[24]), מברר זיין און כובש זיין דעם עולם, דאַרף ניט קיין מופת און קיין היכר, אָבער די וואָס זיי זיינען אָנגעטאָן אין עולם דאַרפן זיי האָבן אַ היכר.

יא. שבת איז כולל די קומענדיקע טעג פון דער וואָך, אַמאָל שטייט אַז שבת איז כולל נאָר די ערשטע דריי טעג וואָס ביז מיטוואָך, און די אַנדערע דריי טעג זיינען שייך צום צווייטן שבת, און אַמאָל רעדט זיך אַז שבת איז כולל די גאַנצע קומענדיקע וואָך.

לפי זה אַז שבת איז כולל אין זיך די גאַנצע וואָך, ווערט אין היינ־טיקן שבת נכלל ראש חודש כסלו*[24]), וואָס ער איז כולל דעם גאַנצן חודש: ט׳ כסלו, דער יום ההולדת ויום ההסתלקות פון מיטעלן רבי׳ן, יו״ד כסלו, דער יום הגאולה פון מיטעלן רבי׳ן, י״ט כסלו, די הילולא רבה (כלשון פון אַלטן רבי׳ן) פון מגיד, די באַפרייאונג פון אַלטן רבי׳ן, כ״ד כסלו, הוספה מחדש ביסוד בית שני[25]), כ״ה כסלו, וואָס דעמאָלט איז נגמר געוואָרן מלאכת המשכן און שפּעטער האָט דער אויבערשטער אָפּ־געצאָלט דעם טאָג מיט דער חנוכה בבית שני וואָס דאָס איז דער נס חנוכה[26]).

די אַלע ענינים דאַרפן היינט האָבן אַ התחלה וברכה, וואָרום פון דעם שבת מתברכין כולהו יומי[27]) וראש חודש כסלו בכלל זה שהוא הכולל את כל הנ״ל.

(משיחת ש״פ חיי שרה, תשי״א)

# יו״ד שבט

## יום הילולא של כ״ק אדמו״ר מהריי״צ נבג״מ זי״ע

א. עס זיינען דאָך פאַראַן חילו־קים פון דעם ערשטן יאָר פון הסתל־קות — ביז שפּעטער. דער חילוק איז פאַראַן סיי ביי פשוט׳ע אידן סיי ביי גדולי ישראל, און אויך ביי נשיאי ישראל, אַז נאָך דעם יאָר געפינען זיי זיך ניט למטה אַזוי ווי

---

23) ראה תורה אור וארא ד״ה ויאמר גו׳ ויהי לתנין — שהמופתים לא היו בשביל ישראל כי אם בשביל וידעו מצרים גו׳.

24) יבמות סה, ב.

*24) די שיחה איז געזאגט געוואָרן שבת מברכים כסלו.

25) חגי ב, יח.

26) ילקוט שמעוני מלכים רמז קפד.

27) זהר חלק ב׳ סג, ב. פח, א.

פריער, אָבער פונדעסטוועגן — עס איז דאָך צדיק גוזר והקב"ה מקיים, נאָך מער — הקב"ה גוזר און צדיק מבטל [1], נאָך מער געפינען מיר, אַז ניט נאָר גדולים צדיקים וואָס צדיק גוזר והקב"ה מקיים, ואפילו הקב"ה גוזר וצדיק מבטל, נאָר אויך אַז צדיקים קענען פועל'ן אַ שינוי במעשי בראשית.

במילא איז הגם אַז במסכת שבת [2] ועוד בכמה מקומות רעכנט זיך אויס חילוקים פון י"ב חודש ביז שפּעטער, אָבער דער כלל איז ביי אַזאַ וואָס איז ניט קיין בעל־הבית אויף עולם ומלואו. מה שאין כן צדיקים וואָס זיי האָט מען איבערגעגעבן די מפתחות פון חי', גשמים ותחיית המתים, וואָס דאָס זיינען דאָך אַזעלכע מפתחות וואָס מען גיט ניט איבער צוויי פון זיי מיטאַמאָל צו איינעם [3], און פונדעסטוועגן האָבן מיר דאָך געזען אַז צדיקים גיט מען איבער אויך די מפתחות מיטאַמאָל [*3], איז וויבאַלד אַז זיי זיינען בעלי־בתים אויף אַלץ, איז על אחת כמה וכמה אַז זיי קענען זיך אויסקלייבן וואו צו זיין, זיין דאָרט וואו זיי געפינען אַז אַזוי איז בעסער.

ב. ביי דעם רבי'ן איז דאָך געווען אהבת ה' אהבת התורה און אהבת ישראל איין זאַך, וכידוע וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט [4] אַז ואהבת לרעך כמוך איז אַ כלי (פּירוש וביאור) צו ואהבת את הוי' אלקיך. איז וויבאַלד אַז די דריי זאַכן זיינען פאַרבונדן, במילא איז הגם די ענינים פון למטה זיינען דאָך מעלים, זיי זיינען מבלבל צו נהגין מזיו השכינה [5], צו זיו תורתן ועבודתן און אויך צו העכערע ענינים [6], פונדעסטוועגן וויבאַלד דער רבי האָט ניט געמאַכט קיין חשבונות און האָט פאַרבויגן זיינע גשמיות און אַפילו זיינע רוחניות צוליב אידן, איז על דרך וואָס עס שטייט [7] אַז אויב יצאו רוב שנותיו בהנהגה טובה איז ער אַ פאַרזיכערטער אַז אַזוי וועט זיין אויך ווייטער, וואָס דאָס איז אַפילו ביי סתם אידן, ומכל שכן אַ צדיק, אַ חסיד, וואָס האָט זיך כל ימיו מוסר נפש געווען, זיין נפש הטבעית און אַפילו דעם נפש האלקית, איז דאָך געוויס אַז אויך איצטער וויל ער זיין דאָ, און וויבאַלד ער וויל — וועט ער געוויס זיין מיט אונז, וכמ"ש התוספות [8] שאם רוצה יכולה לבוא לפה.

ג. וואָס ברענגט דאָס מיט בנוגע אל הפועל? אַז הגם עס איז דאָך שוין נאָך דער ערשטער הילולא — — בכלל מיד איך אויס צו זאָגן אָדער שרייבן דעם וואָרט „דער ערש־

1) מועד קטן טז, ב. זהר חלק א י, א.

2) קנב סוף עמוד ב.

3) סוף סנהדרין.

*3) די דערקלערונג פון דעם, זע באריכות שיחת י"ב תמוז ה'תשי"א.

4) ראה שיחת י"ט כסלו תרפ"ט. התמים חוברת ד עמוד מה. היום יום ו' תשרי.

5) עיין רמב"ם הלכות תשובה פרק ח הלכה ב והלכה ח, ולהעיר מלקוטי תורה צו ד"ה ששת ימים — הראשון — ריש פרק ב. אגרת הקדש סימן ז ועוד.

6) עיין זהר חלק ב רי. תניא פרק לט: זיו תורתן ועבודתן ... משא"כ באצילות כו'.

7) יומא לח, ב.

8) שבת שם.

טער יאָרצייט", ווייל מ'דאַרף האָפן אַז מער קיין יאָרצייט וועט שוין ניט זיין, און איבער אַ יאָר וועט שוין זיין דער והקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, דערפאַר זאָג איך ניט, דער ערשטער יאָרצייט, נאָר — די ערשטע הילולא, ווייל עליות וועלן דאָך זיין שפּעטער אויך, איז נאָך דער ערשטער הילולא —

קען דאָך ח"ו וח"ו ווערן אַ חלישות אין דער התקשרות, דאַרף מען וויסן אַז אדרבא ואדרבא, די התקשרות דאַרף נאָך ווערן שטאַרקער, און אַזוי ווי דער רבי איז דאָך איצטער עולה בעילוי אחר עילוי, דאַרף מען זיך אויך אָנעמען מיט כחות נוספים אויף קענען מיטגיין.

ד. דאָס איז אויך די תשובה צו די וואָס פרעגן, צי נאָך יו"ד שבט דאַרף מען אויך זאָגן קאַפּיטל ע"א, און ביז ווען דאַרף מען זאָגן? די תשובה אויף דעם איז אַז מ'דאַרף זאָגן ביז י"ב תמוז.

יש אומרים אַז עס איז אַ פּלוגתא פון דעם רמב"ם מיט דעם ראב"ד [9], צי לאחר ההסתלקות איז אויך פאַראַן דער ענין פון הוספה בזמן, צי עס איז שייך אַן ענין פון גידול און עלטער ווערן. ס'איז פאַראַן צוויי ראיות אַז אויך לאחר ההסתלקות זיינען שייך די ענינים. איין ראי' איז וואָרום עס איז דאָך אַ מנהג בכל תפוצות ישראל, צו פּראַוועו יאָרצייט אַלע יאָר. יאָרצייט איז דאָך עלית הנשמה, איז דאָך אַ ראי' אַז בײ דער נשמה איז אויך שייך הוספה התלוי' בזמן. נאָך אַ ראי' איז, וואָס ס'איז פאַראַן דעם רבי'נס אַ רשימה, שרייבט ער דאָרטן אַ חזיון לילה, אַז זיין פאָטער דער רבי נ"ע, האָט אים געזאָגט אַז מ'וועט זאָגן אַ דרוש אויף קאַפּיטל פ"ד דתהלים [10]. די רשימה איז פון כ' חשון תש"ה, וואָס דעמאָלט איז געוואָרן פיר און אַכציק יאָר מיום הולדת פון דעם רבי'ן נ"ע, וואָס דעמאָלט ענדיקט זיך די שייכות צו קאַפּיטל פ"ד — וכידוע במנהגי אמירת תהלים [11]. — מען האָט דאָך גערעדט אַז דער רבי האָט באַוואָרנט כמה וכמה ענינים, וויבאַלד דער רבי האָט אַזוי געשריבן וועגן דעם רבי'ן נ"ע, האָט ער אַזוי אָפּגעפּסק'נט אויך אויף זיך, אַז אויך איצטער איז בײ אים פאַראַן יום הולדת, און אויך איצטער זיינען בײ אים פאַראַן עליות בעילוי אחר עילוי, וואָס נאָך יעדער עלי' קומט אויס אַז די עבודה הקודמת איז געווען אַ הכנה צו שפּעטער.

9) ראה רמב"ם הלכות תשובה פרק ח הלכה ד, ובצפנת פענח שם.

10) ז"ל הרשימה (הועתקה מגכתי"ק כ"ק מו"ח אדמו"ר): ב' כ' מר־חשון. היום הוא יום הולדת הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע שנולד ביום ב' חיי שרה בעשרים לחודש מר־חשון בשנת תרכ"א בשעה תשיעית בוקר.

בחלומי ראיתי את הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק בבגדי שבת קודש ובפנים צוהלות במאד. ואמר במעת לעת זה שנתמלאו שמונים וארבע שנים לירידת נשמתי בעולם התחתון הנה יהיו אצלי אורחים טובים, וכפי הסדר הנה כל אחד מכ"ק רבותינו ואבותינו הק' יאמר דרוש על פסוק דקאפיטל פד. — עכ"ל בהנוגע לענינו.

11) ראה הערה במפתח מאמרי כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע (עמוד 45 (בהוצאת תשמ"א — ע' קו) ובהשמטות שם).

ה. צווישן די שליחות'ן וואָס דער רבי האָט געגעבן אויספירן, זיינען פאַראַן כמה סוגים. דאָ אַזוינע וואָס בגלוי איז געווען צו זיי די הוראה אין גשמיות, ד. ה. זיי זאָלן זיך עוסק זיין אין עניני עסק והדומה, אָבער די כוונה פנימית איז געווען אַן ענין פון תורה ומצוה. דאָ אַזוינע, וואָס אויך בגלוי איז געווען צו זיי די הוראה אין רוחניות, דאָס מיינט אַז דער רבי האָט זיי געשיקט וועגן אַן ענין פון חינוך, חיזוק התורה, הפצת היהדות, ביז — לערנען מיט קינדער אלף־בית.

כשם ווי די וואָס די הוראה צו זיי איז געווען אין אַן ענין פון גשמיות איז דאָך מובן אַז דאָס איז מער ניט ווי חיצוניות בלבד, און די כוונה פנימית פון דעם איז אַן ענין פון תורה ומצוה, אַזוי ווי דער ענין פון עסק בכלל, איז דאָך די כוונה עיקרית אין דעם — צוליב צדקה, מעשר אָדער חומש, אָדער נאָך מערער, ובפרט ווי ס'איז מבואר אין אגרת הקודש אשר בזמן הזה איז דער עיקר עבודה — צדקה, און דער חלק וואָס מ'גיט אַוועק אויף צדקה איז מעלה דאָס גאַנצע[12]. אַזוי אויך די וואָס בגלוי איז געווען צו זיי די הוראה אין אַן ענין רוחני דאַרפן זיי אויך וויסן אַז דאָס איז די הוראה חצונית — לגבי דער כוונה פנימית וואָס עס איז פאַראַן אין דעם.

ועל דרך מאמר הזהר[13] דא מוחא לגו מוחא כו' האי קליפה להאי והאי להאי. דאָס הייסט אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דאָס איז פנימיות און מוחא לגבי דער נידעריקערער דרגא, איז דאָס אָבער מער ניט ווי חיצוניות וקליפה לגבי דער העכערער דרגא.

במילא איז אַלע, אויך די וואָס די הוראה צו זיי איז געווען וועגן אַן ענין רוחני, דאַרפן זיי אָבער אַריינטראַכטן זיך, צי דאָס איז שוין דער תכלית המכוון, אָדער ס'איז מער ניט ווי חיצוניות וקליפה בלבד, און — אַז כשם ווי די וואָס די הוראה צו זיי איז געווען אין אַן ענין פון עסק, איז דאָך דאָס מער ניט ווי חיצוניות בלבד, וואָס האָט אין זיך אַ כוונה פנימית, אַזוי אויך די וואָס די הוראה צו זיי איז געווען אין אַן ענין פון הפצת התורה, חיזוק היהדות והדומה, איז דאָס אויך מער ניט ווי אַ הוראה חיצונית לגבי דער כוונה פנימית וואָס אין דעם.

ו. די אַלע וואָס דער רבי האָט זיי געשיקט אין ערי השדה וועגן הפצת היהדות, — ולאו דוקא ערי השדה ממש, נאָר וויבאַלד אַז מ'איז אַרויס פון רבי'נס היכל, איז וואו מען זאָל זיך ניט געפינען, איז דאָס אַן ענין פון שדה — לגבי דעם רבי'נס היכל וואָס דאָרטן האָט ער צוגענומען אויף יחידות, דאָרטן האָט ער געדאַוונט און דאָרטן האָט ער געלערנט, ווי נאָר מ'איז אַריבער מעבר לאסקופה, הייסט דאָס שוין שדה, ווייל דאָרטן פעלט זיך דער תפארת אדם לשבת בית — דאַרף מען וויסן אַז אין אַלע שליחות'ן איז פאַראַן אין דערויף אַ כוונה פנימית, וואָס די כוונה פנימית איז — מפיץ זיין תורת החסידות, ווי דער

12) ראה אגרת התשובה סוף פרק ג, אגרת הקודש סימן י, שם ס"ט, תניא סוף פרק לה.

13) חלק א כ, א.

רבי האָט געזאָגט אַז דער אַלטער רבי האָט ניט געוואָלט מאַכן חסידים פאַר אַ מפלגה, נאָר דאָס איז פאַר אַלע אידן. און דאָס איז דער יפוצו מעינותיך חוצה, וואָס דאָס איז אַ הכנה צו ביאת המשיח.

ז. בכלל זיינען דאָ פיר דרגות: חולין, מעשר, תרומה און קודש. אַ פינפטע דרגא געפינט מען — מי חטאת, וואָס אויף דעם איז ניט מספיק אַפילו טהור לקודש[14]). אַזוי אויך אין נפש זיינען פאַראַן פינף דרגות: נפש רוח נשמה חי' יחידה, און דער רבי האָט גערעדט מיט יעדערן לפי אופנו.

נפש בכלל איז שייך צו אַן ענין פון חטא, ווי עס שטייט ונפש כי תחטא. דערפאַר די הוראה בגלוי צו אַ דרגא פון נפש איז געווען אַן ענין פון גשמיות. רוח נשמה, ווער רעדט חי' יחידה זיינען שוין העכערע דרגות, דערפאַר איז די הוראה צו זיי געווען אין העכערע ענינים, כל אחד לפי מדרגתו. מ'דאַרף אָבער וויסן, אַז כשם ווי נפש איז דאָך מער ניט ווי אַ הכנה לגבי העכער, אַזוי אויך רוח נשמה און אַפילו חי' יחידה, זיינען מער ניט ווי אַ שם און אַ כלי צו דעם עצם הנשמה, ווי דער לשון איז[15]) חמשה שמות נקראו לה, וואָס לה גייט דאָך אויף דעם עצם הנשמה, און אין די חמשה שמות גייט אַריין אויך יחידה. ד. ה. אַז אויך יחידה איז מער ניט ווי אַ שם און אַ הכנה צו דעם עצם הנשמה.

במילא מובן אַז ריידנדיק צו יחידה חי' נשמה רוח אָדער אַפילו צו נפש — האָט מען געמיינט און געוואָלט דערגרייכן עצם הנשמה. ולכן מובן אַז די אַלע וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן רבי'ן, וואָס האָבן איצטער אַ שייכות — וואָס במילא וועלן זיי האָבן אַ שייכות אויך שפּעטער, ווארום כל דבר שבקדושה אף שמסתלק מניח שרשו במקומו[16]), דאַרפן זיי וויסן אַז אין די אַלע הוראות וואָס זיי האָבן געהאַט פון רבי'ן איז פאַראַן אַ כוונה פנימית, וואָס די כוונה פנימית איז — פנימיות התורה, דער יפוצו מעינותיך חוצה, ד. ה. מפיץ זיין תורת החסידות הכללית וואָס איז נתגלה געוואָרן דורך דעם בעש"ט והבאים אחריו, ותורת חסידות חב"ד וואָס איז נתגלה געוואָרן דורך דעם אַלטן רבי'ן והבאים אחריו — ביז דעם רבי'ן, ועד בכלל — וואָס דעמאָלט וועט זיך אויספירן די כוונה פנימית.

ח. דעמאָלט אַז מ'וועט אויספירן די כוונה פנימית, וועט זיין ולכל בני ישראל יהי' אור במושבותם. עס וועט זיין ווי ער זאָגט אין היינטיקער סדרה[17]) ובני ישראל יוצאים ביד רמה. — אין די פריערדיקע סדרות רעדט זיך וועגן גלות, אין היינטיקער סדרה — דער ענין פון גאולה. — און עס וועט זיין אַז ישיר משה, וואָס פון אַז ישיר משה לערנט מען אַרויס[18]) תחיית המתים מן התורה, אַז בקרוב ובעגלא דידן וועט זיין ישיר משה — פון אונזער דור —

14) חגיגה סוף פרק ב.

15) בראשית רבה פרשה יד, ט.

16) שער הכוונות דרושי ויעבור ד"א.

17) פרשת בשלח.

18) סנהדרין צא, ב.

ובני ישראל, און ניט אַ וא"ו המפ־סיק נאָר אַ וא"ו המחבר — ישיר לשון יחיד[19]), און עס וועט זיין הוי' ימלוך לעולם ועד, און אויך אויף תרגום — הוי' מלכותי' קאים לעלם ולעלמי עלמיא, אַז במהרה בימינו וועט מען זען דעם רבי'ן בעיני בשר און ער וועט אונז אַרויסנעמען לגאולה האמיתית והשלימה — אמן.

ט. דער רבי, קומענדיק אין אַמע־ריקע, האָט געזאָגט: אזלת לקרתא עבד כנימוסא[20]). דאָ אין אַמעריקע האָט מען ליב הערן אַ כרוז, אַ דבר חידוש. נאָך בעסער — אַ דבר המב־היל את הרעיון. עס הייסט — אַ סטייטמענט. איך ווייס אַפילו ניט צי עס דאַרף זיין אַזאַ סדר, אָבער — אזלת לקרתא עביד כנמוסא:

די דריי אהבות, אהבת השם, אה־בת התורה און אהבת ישראל, איז כולא חד. מ'קען ניט פאַנאַנדערטיילן צווישן זיי, וואָרום ס'איז כולא חד ווי איין עצם. עס ברענגט זיך אין חסידות[21]) בשם הבעל שם טוב און דער בעש"ט ברענגט דאָס בשם ראשו־נים: העצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו. וויבאַלד אַז די אַלע דריי איז איין עצם, איז במילא מובן, אַז אין יעדער איינעם פון זיי איז פאַראַן אַלע דריי, וואָרום כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו.

אויב עס איז דאָ אהבת ה', נאָר עס איז ניטאָ קיין אהבת התורה און אהבת ישראל, איז אַ הוראה אַז עס פעלט אויך אין אהבת ה'. לאידך גיסא — אויב עס איז פאַראַן אהבת ישראל, הגם עס איז דאָך פון די מצוות שכליות שהשכל מחייבם, איז, סוף סוף, קומט מען צו צו אהבת התורה און אהבת השם, ווי עס איז ידוע *[21]) אַז דער רבי צמח צדק, דורך דעם וואָס ער האָט אַנטליען אַ אידן אַ גמילת חסד, איז ער צוגעקומען צו אַזוינע ענינים וואָס ער איז ניט צוגעקומען צו זיי דורך תורה ועבודה.

און דעם סטייטמענט דאַרף מען מכריז ומודיע זיין, אַז מ'זעט אַ אידן וואָס ער האָט אהבת ה' און האָט ניט קיין אהבת התורה ואהבת ישר־אל, דאַרף מען אים זאָגן ער זאָל וויסן זיין, אַז אהבת ה' אַליין אָן אהבת התורה וישראל קען קיין קיום ניט האָבן. לאידך גיסא — אַז מ'זעט אַ אידן וואָס ער האָט אהבת ישראל אַליין, דאַרף מען אים זען צוברענגען צו אהבת התורה און אהבת ה'. אויך דאַרף מען זען אַז זיין אהבת ישראל זאָל ניט באַשטיין נאָר פון דעם וואָס ער גיט לחם לרעבים ומים לצמאים, נאָר מצד זיין אהבת ישראל זאָל ער צוברענגען אידן צו אהבת התורה און אהבת ה'.

און אַז עס וועט זיין די דריי אה־בות צוזאַמען, וועט דאָס זיין אַ חוט המשולש וואָס לא ינתק[22]). און דאָס וועט אויך ברענגען צו דער גאולה. וואָרום כשם ווי דער גלות האחרון איז דאָך געקומען צוליב דעם וואָס עס איז געווען דער היפך פון

19) עיין ג"כ שמות רבה פרשה כג, ט.
20) ראה בראשית רבה פרשה מח, יד.
21) המשך תרס"ו — לכ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע — בסופו (ע' תקכב).

*21) זע ספר השיחות — קיץ ה'ש"ת עמוד 98, ספר המאמרים ה'תשי"א עמוד 153.
22) קהלת ד, יב.

אהבת ישראל[23]), וואָס דאָס איז געווען די סיבה אויף דעם גלינו מארצנו, אַזוי איז דורך אהבת ישראל וועט זיין די גאולה במהרה בימינו ממש.

י. (אחד שאל בענין שליחות שהעמיס עליו כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, וענה:) ווען דער רבי דער שווער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט אים דער רבי נ"ע גענומען צו זיך בתור זיין מזכיר אין עסקנות הכלל.

אויף אַ געוויסער אסיפת הרבנים וואָס איז דאָן פאָרגעקומען (כמדומה אין קאָוונע), האָט דער רבי נ"ע געשיקט דעם רבי'ן בתור זיין פאָרשטייער. אַזוי ווי דער רבי איז נאָך דאַן געווען יונג, פופצן יאָר, האָט דער רבי נ"ע מיטגעשיקט מיט אים דעם רשב"ץ[24]). רשב"ץ איז געווען זייער אַ קלוגער איד. דער רבי נ"ע האָט אים אָבער אָנגעזאָגט, הגם ער שיקט אים טאַקע מיט, פונדעסטוועגן זאָל ער וויסן אַז וואָס ווייניקער ער וועט זיך מישן, וועט זיין אַלץ גלייכער.

(וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א:) ובמכל שכן פון דעמאָלט — וואָס דאַרף מען זיך מישן אין דעם רבי'נס ענינים?! מען דאַרף אים ניט געבן קיין עצות און ניט זאָגן קיין דעות. מען דאַרף אויספירן דעם ענין וואָס ער האָט געוואָלט, און וואָס ווייניקער מען וועט זיך מישן מיט אייגענע פירושים — וועט זיין אַלץ גלייכער.

יא. (אמר המאמר ד"ה באתי לגני — יצא בחוברת בפ"ע — טרם פתח את המאמר, אמר:) אין דעם מאמר וואָס דער רבי האָט אַרויסגעגעבן צו זיין יום ההסתלקות הויבט ער אָן: באתי לגני... (עד סוף סעיף ג. אחר כך הפסיק וצוה לנגן ניגון ה„בינוני". ואמר:) כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט מחבב געווען דעם ניגון. (אח"כ צוה לנגן ניגון מכ"ק אדמו"ר נ"ע. אח"כ המשיך המאמר:) והנה נאָך דעם וואָס ער איז מבאר אין מאמר דעיקר שכינה בתחתונים היתה... (עד סוף סעיף ה. אח"כ הפסיק וצוה לנגן ניגון מכ"ק אדמו"ר מוהר"ש, ואח"כ ניגון מכ"ק אדמו"ר הצ"צ. אח"כ המשיך המאמר:) והנה בסיום המאמר איז ער מבאר... (עד גמירא. אחרי אמירת המאמר ובהפסק חלק השיחה דלקמן ציוה לנגן ניגון מכ"ק אדמו"ר האמצעי וניגון כ"ק אדמו"ר הזקן (בן ד' הבבות) כדלהלן).

יב. (אחרי המאמר אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:) איצטער הערט זיך אין אידן! בכלל ביי חב"ד האָט מען געמאָנט אַז מען דאַרף אַליין טאָן. ניט פאַרלאָזן זיך אויף די רביים. וואָס דאָס איז דאָך דער הפרש[25]) צווישן פוילן און חב"ד, וואָס דאָרט איז דאָך געווען די שטה וצדיק באמונתו יחי', אל תקרי יחי' (החי"ת בשבא) אלא יחי' (החי"ת בפתח). איז דאַרפן מיר אַלע אַליין טאָן, מיט די רמ"ח אברים ושס"ה גידים פון גוף, און די רמ"ח אברים ושס"ה גידים פון נשמה, עס שטייט דאָך הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים[26]). איך זאָג זיך ניט אָפּ ח"ו פון העלפן. העלפן וויפל מען וועט קענען. אָבער

23) יומא ט, ב.

24) תולדותיו ראה התמים חלק א עמוד סז, וראה ספר השיחות קיץ הש"ת עמוד 91.

25) זע לקוטי דיבורים (ח"א) עמוד 282.

26) ברכות לג, ב.

הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, במילא אויב מען טוט ניט אַליין — איז וואָס וועט העלפן וואָס מ׳גיט כתבים, מ׳זינגט ניגונים, מ׳זאָגט לחיים. דער רבי פלעגט אַמאָל זאָגן: לייגט זיך ניט קיין פויגעלעך אין בוזעם. מען דאַרף אַליין מהפך זיין דעם שטות דלעומת זה און דעם קאָך פון נפש הבהמית — אויף קדושה.

יג. דעם משכן האָט משה אַליין געקענט מאַכן, אַזוי אויך דעם בית המקדש האָט דוד אַליין געקענט מאַכן, נאָר ער האָט געוואָלט מזכה זיין אַלע אידן. ווען דער רבי האָט געשריבן די ספר תורה לקבלת פני משיח צדקנו, האָט ער געזאָגט אַז ער וויל ניט דעם ענין פאַר זיך אַליין, נאָר ער וויל האָבן די השתתפות פון אַלע אידן, כדי צו מזכה זיין דערמיט כלל ישראל. און פשיטא אַז די דירה בתחתונים וואָס מ׳דאַרף מאַכן, דאַרפן זיך אין דעם משתתף זיין מיר אַלע און אַלע אידן. יעדערער דאַרף אַליין טאָן, ממלא זיין זיין שליחות. עס זיינען געבליבן נאָר פכים קטנים, און אַז מ׳וועט דאָס אָפּטאָן וועט זיין דער ועלו מושיעים, אַז די שלש קליפות הטמאות וועט מען מדחה זיין און קליפת נוגה וואָס דאָס איז דער כללות העולם וועט מען מעלה זיין, וועלן דעמאָלט ג׳ קליפות הטמאות בטל ווערן און עס וועט זיך אויספירן דער תכלית הבריאה, עס וועט זיין דירה לו יתברך בתחתונים.

יד. (צוה לנגן אחד הניגונים מכ״ק אדמו״ר האמצעי, ואחרי הניגון אמר:) מ׳האָט דאָך גערעדט י״ט כסלו אַז מ׳זאָל מסדר זיין חלוקת המשניות און יעדער איינער זאָל נעמען פינף פרקים מסיים זיין ביז יו״ד שבט, וואָס געוויס האָבן דאָך אַלע מסיים געווען, אַזוי ווי עס איז דאָך אַ מנהג ישראל אַז צו אַ סיום זאָגט מען עפּעס בהסיום — וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער בקיצור.

אין דער משנה וואָס פאַר דער לעצטער משנה זאָגט ער: חלות דבש מאימתי מיטמאות משום משקה משיהרהר[27], בית הלל אומרים משירסק. דאָס הייסט בית שמאי האַלטן אַז מיט מחשבה אַליין שטעלט זיך איבער אַ זאַך, און בית הלל האַלטן אַז מען דאַרף האָבן אַ פּעולה.

הגם אַז בית שמאי במקום בית הלל אינה משנה, אָבער לעתיד לבא וועט דאָך זיין הלכה כבית שמאי[28], און אַזוי ווי איצטער גייט דאָך שוין צו לעתיד לבא, פּרייטיק בייטאָג איז דאָך דער ענין פון טועמי׳, טועם זיין פון דעת בית שמאי — מיט מחשבה אַליין זאָל מען שוין איבערגעשטעלט ווערן.

אכל בי עשרה שכינתא שריא[29]. ובפרט אַז ס׳איז דאָ פאַראַן כמה פעמים עשרה, ובפרט אין בית הכנסת ובית המדרש, וואָרום ס׳איז דאָך פאַראַן אַ מעלה אין בית הכנסת לגבי בית המדרש און אין בית המדרש לגבי בית הכנסת, היינט איצטער אַז

---

27) יש עוד גירסא „משיחרחר", אמנם גירסת י״א בפירוש ר׳ האי גאון ועוד הוא — משיהרהר.

28) ראה מדרש שמואל לאבות פרק ה משנה יט. מקדש מלך לזהר חלק א יז, ב. לקוטי תורה ד״ה ויקח קורח סוף פרק ד.

29) סנהדרין לט, א.

מען געפינט זיך אין בית הכנסת און אין בית המדרש, און עס איז פאַראַן כמה פעמים עשרה, וביתר שאת ויתר עז אַז מען געפינט זיך אין רבי'נס ד' אמות וואָס דאָ האָט ער געלעבט כמה וכמה שנים און דאָ האָט ער געדאַוונט, מילא שטייט דאָך יעדער איינער אין אַ התעוררות אַז פון היינט אָן וועט ער זיין כדבעי למהוי, און אַזוי ווי עס גייט דאָך צו לעתיד, איז הלכה כבית שמאי אַז מחשבה אַליין שטעלט איבער, און עס וועט זיין די יציאה מן המיצר אל המרחב.

טו. צום סוף — במשניות — איז ער מסיים, לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום. אַזוי זאָגן מיר אויך, ברכנו אָבינו כולנו כאחד באור פניך. וואָס דורך שלום נעמט מען אַראָפּ אַלע העלמות, הסתרים והגבלות. מחשבה מועלת. איז, אַז מ'נעמט אויף זיך עס זאָל זיין דער כלי מחזיק ברכה זה השלום, דעמאָלט וועט זיין די יציאה מערבין, וואָס אויך דעמאָלט לייענט מען שמע, ווי ער זאָגט אין התחלת המשניות מאימתי קוראין את שמע בערבין, אויך אין ערבין מאָנט מען מען זאָל דערהערן הוי' אחד ושמו אחד. דורך שלום וועט מען לייענען שמע בקרוב ממש בשחר. וואָס הגם דער טייטש פון שחר איז שוואַרץ, פונדעסטוועגן וועט דאָס נהפך ווערן צום טייטש שחר טאָג, און לילה כיום יאיר, אַז ערבין גופא זאָל מאיר זיין[30]. וואָס דאָס וועט זיין בביאת משיח צדקנו, וואָס מען וועט זוכה זיין צו דעם בעגלא ובזמן קריב.

טז. (צוה לנגן ניגון של כ"ק אדמו"ר הזקן — בן ד' בבות — ואחרי הניגון אמר:) דער רבי האָט דערציילט אַז ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן איבערנעמען עניני נשיאות פון זיין פאָטער דער רבי נ"ע האָט ער געבעטן אַז עס זאָל זיין בחסד וברחמים. אויך האָט דער רבי געזאָגט, אַז בימיו יהי' הדבר הזה, וואָס ער האָט דאַן גערעדט וועגן ביאת המשיח. עס איז קיין קשיא ניט — ווי עס שטייט אין ירושלמי און ברענגט זיך אויך אין ילקוט שמעוני[31] אַז אויב עס פירט זיך ביראה מלפניו תחת ממשלתו והנהגתו איז אַפילו צוואַנציק יאָר שפּעטער הייסט דאָס אַז ער איז דאָ.

פאַרוואָס האָט עס זיך פאַרהאַלטן? איך האָב געהאַט אַ בריוו פון אַ אידן, שרייבט ער אַז בשנת תרפ"ג האָט ער געפרעגט דעם רבי'ן צי ער זאָל פאָרן אין איטאַליע, האָט אים דער רבי געענטפערט, לכל עת. און האָט אים געגעבן אָן עצה ער זאָל פאָרן אין תומכי תמימים, איצטער איז ער געקומען אין איטאַליע שרייבט ער מיר אַז איצטער האָט ער פאַרשטאַנען וואָס דער רבי האָט אים געזאָגט מיט זיבן און צוואַנציק יאָר צוריק.

ביי אונז וועט דאָס ניט געדויערן ח"ו יאָרן, ביי אונז וועט דאָס זיין שנעלער, מען דאַרף נאָר משלים זיין די עבודה מיט די פכים קטנים, מען דאַרף משנה זיין די רגילות והנחות,

30) במאמר אחרון של פסח (תיש"א) והמשכו נתבאר בארוכה.

31) שופטים רמז עא.

דעמאָלט וועט זיין אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין, און עס וועט זיך אויספירן די כוונה העליונה.

יז. (טרם צאתו אמר:) כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון[32], אַז עס וועט זיין שמחה וואָס דעמאָלט וועט ממילא זיין שלום, אַז די אַלע וואָס זיינען צוגעבונדן צום רבי'ן וועלן זיין באחדות, דעמאָלט איז אויך ההרים והגבעות, איז ניט נאָר וואָס זיי וועלן ניט מעכב זיין, נאָר זיי וועלן נאָך מסייע זיין. וכל עצי השדה וואָס זיי זיינען ניט עושה פירות, זיי זיינען אילני סרק, וועלן זיי עושה פירות זיין, כמאמר רז"ל עתידים אילני סרק שיעשו פירות[33]. נאָר בתנאי אַז עס זאָל זיין שלום, די אַלע וואָס האָבן אַ שייכות צום רבי'ן זאָלן זיין באחדות, דעמאָלט וועט דער אויבערשטער העלפן מען זאָל אויספירן די כוונה וואָס דער רבי האָט אויף אונז אַלעמען אַרויפגעלייגט און אונז איבערגעגעבן, וואָס דאָס איז דער תכלית הטוב וואָס עס קען זיין.

(משיחת יו"ד שבט, תשי"א)

יח. יעדער ענין איז דאָך בהשגחה פרטית. דערפאַר זעט מען אַז אין די ימי ההילולא פון צדיקים זיינען פאַראַן צוויי סוגים: פאַראַן הילולא'ס וועלכע זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אַז מען פראַוועט זיי אין אַן אָנגעשטרענגטן, מרירות'דיקן אופן, און פאַראַן הילולא'ס וואָס מען פראַוועט זיי אין אַ פריילעכן אופן.

וואָס דאָס איז מתאים לפי אופן עבודתם של הצדיקים.

יט. די הילולא פון רבי'ן כ"ק מו"ח אדמו"ר איז איינגעשטעלט געוואָרן בהשגחה פרטית אַז דאָס איז מתאים לפי אופן עבודתו. עצבות איז דאָך בכלל ניט שייך, נאָר מען רעדט אַפילו וועגן שלילת המרירות.

דער אופן ווי ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן די הילולא פון רבי'ן איז — בשמחה.

אַזוי אויך בנוגע זיין אוהל.

די וואָס זיינען געווען אויף אוהלים פון צדיקים ווייסן, אַז עס זיינען דאָ אוהלים וואָס פועל'ן אַ קו פון מרירות וכיווץ, און פאַראַן אוהלים וואָס פועל'ן אַ קו פון שמחה ועלי'. דעם רבי'נס אוהל איז פון דעם סוג. קומענדיק אויפן אוהל, נאָך איידער מען איז זיך מתבונן, פועל'ט עס אַן עלי' והגבהת הרוח, וואָס דאָס איז שייך צו שמחה.

ווייל עבודתו שעבד בה כל ימי חייו איז אויך געווען באופן כזה.

מקרב זיין און אויפהויבן אַלע אידן, אַפילו די בריות[34], מיט אַ וועג פון קירוב ונועם, מיט דער כוונה צו פועל'ן דעם ומקרבן לתורה.

פועל'ן ביי זיי דעם לחזות בנועם השם און מגלה זיין זייער חלק אין תורה און זייער חלק אין מצוות.

כ. יום ההילולא איז דאָך אַ יום העלי' פאַר דער נשמה[35], ובמילא אויך אַן עלי' להולכים בדרכיו, אַן עלי' בדרך מקיף על כל פנים, איז

32) ישעי' נה, יב.

33) בסוף כתובות: אילני סרק שבארץ ישראל, אבל בתו"כ ריש פרשת בחוקותי משמע דכל אילני סרק יעשו פירות. ועיין גם כן בראשית רבה פרשה ה, ט. וראה לקו"ש חכ"ז ע' 193 ואילך.

34) ראה תניא פרק לב.

35) ראה סידור שער הל"ג בעומר — להעיר מלקוטי הש"ס להאריז"ל מסכת ברכות.

די עלי' אויך אין אופן פון קירוב ושמחה, וואָס שמחה איז פורץ גדר, אַלע גדרים שמבחוץ ומכל שכן די גדרים שמבפנים.

אַז מען זאָל מעלה זיין בקודש, הן די ענינים שבין אדם למקום און הן די ענינים שבין אָדם לחבירו.

וואָס דורך דעם גופא איז מען גורם אַ נחת רוח נוספת צו דער נשמה פון בעל ההילולא, ובמילא פועל'ט מען דורך דעם אַ התעוררות ביי דעם בעל ההילולא, אַז ער איז עומד ומשמש במרום ומעורר רחמים רבים אויף די וואָס זיינען מקושר און שייך צו אים, און דורך זיי אויף כלל ישראל, להשפיע רוב טוב בגשמיות וברוחניות, ניט נאָר בחסד וברחמים, נאָר אויך מתוך שמחה.

(משיחת יו"ד שבט, תשט"ז)

כא. (בשבוע הראשון להסתלקות כ"ק אדמו"ר נ"ע, ביום הרביעי אחרי תפלת השחר, אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:)

דער דין איז דאָך שלשה לבכי שבעה להספד [36].

איך האָב געהאַט אַ בריוו פון אייגעם, שרייבט ער מיר, אַז ביי חסידים זאָגט מען דאָך ניט קיין הספדים, אָבער מען דערציילט וועגן אים, און דאָס איז אַ הספד. און שרייבט מיר צו דעם אַ סיפור:

דער רבי האָט אים געשריבן אין אַ בריוו: איך וואַרף זיך ניט מיט קיין טיטולן. אַז איך שרייב ידיד נפשי אָדער ידידי עוז, איז דאָס אַזוי.

(ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:) הגם אַז מצד המקבל קען זיין אַז דערווייל איז נאָך ניט אַזוי, אָבער סופו להיות כן.

ובהתאם צו דעם, וואָס מיר קוועטשט דער שבעה להספד, וועל איך דערציילן סיפורים פון רבי'ן.

(וכך הי' עושה גם בשאר ימי השבעה אחרי התפלה).

כב. (רשימת הסיפורים שזוכרים *[36]) סדר הסיפורים אין זוכרים).

ווען דער רבי איז אַלט געווען אַרום זעקס יאָר, האָט אים אַמאָל, זיין פאָטער דער רבי נ"ע, גערופן און געהייסן מאַכן אַ ברכה אויף די ציצית. האָט דער רבי געענטפערט, אַז ער האָט שוין געמאַכט היינט ברכת ציצית. האָט דער רבי נ"ע געזאָגט: פונדעסטוועגן. אָבער דער רבי האָט ניט געוואָלט.

האָט אים דער רבי נ"ע געגעבן אַ לייכטן פאַטש (דאָס איז געווען דער איינציקער מאָל, וואָס ער האָט אים געגעבן אַ פאַטש) און געזאָגט: אַז איך הייס דיר דאַרפסטו פאָלגן. האָט דער רבי זיך צעוויינט און געזאָגט: אויב מען דאַרף מאַכן די ברכה פאַר דעם אויבערשטן, האָב איך שוין געמאַכט, נאָר אויב מען דאַרף מאַכן ווייל דו הייסט...

---

36) מועד קטן כז, ב. שולחן ערוך יורה דעה סימן שצד, סעי' א.

*36) אייניקע סיפורים זיינען שוין געדרוקט אויבן (ערשטער באַנד) עמוד 138.

האָט אים דער רבי נ"ע געענט־פערט: אַ ברכה דאַרף מען מאַכן ווייל דער אויבערשטער הייסט, אָבער יעדער פאָטער איז אַ משגיח אויף זיינע קינדער, דאַרף מען אים פאָלגן.

כג. די ערשטע יאָרן ווען דער רבי (מהורש"ב) נ"ע פלעגט ערגעץ פאָרן, פלעגט ער ניט געבן דעם שליסל פון די שאַפעס כתבים דעם רבי'ן, אָבער די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ער לאָזן ביי אים דעם שליסל.

אַמאָל איז דער רבי אַריינגעגאַנגען אין דעם צימער פון די כתבים, און האָט דאָרט געזען ליגן דעם רבי'ן מוהר"ש'ס עטלעכע בויגן פּאַפּיר.

דער רבי האָט זיך נאָך מיט אַ צייט פריער אויסגעלערנט דעם רבי'ן מוהר"ש'ס האַנטשריפט. האָט ער גע־נומען אַ געגזענע פען (דער רבי מוהר"ש פלעגט זייער אָפט שרייבן מיט אַ גענזענע פען) און האָט אָנגע־שריבן אויף דעם רבי'ן מוהר"ש'ס פּאַפּיר אַ ביאור אויף אַן ענין בחסי־דות (אויף דעם מאמר וילך איש מבית לוי), מיט דעם רבי'ן מוהר"ש'ס האַנטשריפט.

דער רבי האָט זיך פאַרקוקט אין די כתבים, און טראַכטנדיק אין די ענינים, האָט ער אַוועקגייענדיק אי־בערגעלאָזן דעם כתב צווישן די כת־בים. ווען דער רבי נ"ע איז אַהיים געקומען פון אויסלאַנד, איז אַריין אין צימער פון די כתבים און האָט געפונען דעם כתב, האָט ער צום רבי'ן געזאָגט: איך האָב היינט אַ שמחה. איך האָב געפונען דעם טאַטנס אַ מאמר פון וועלכן איך האָב ניט געוואוסט.

דער רבי האָט אים גאָרנישט גע־ענטפערט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער רבי נ"ע נאָכאַמאָל איבער־געדעדט וועגן דעם. דאַן האָט זיך דער רבי באַטראַכט: וואָס האָט ער געטאָן, און ווי וועט ער דאָס מתקן זיין? האָט ער מחליט געווען אַריינ־גיין וועגן דעם אויף יחידות.

ווען ער איז אַריין אויף יחידות האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. עס האָט אים פאַרקלעמט די האַרץ און ער האָט גאָרניט געקענט ריידן.

ווען דער רבי נ"ע האָט אים גע־פרעגט, וואָס וויינט ער, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געטאָן אַ זאַך וואָס ער ווייס ניט ווי אַזוי ער קען האָבן אַ תיקון. און האָט אים דערציילט די מעשה.

האָט דער רבי נ"ע אים געזאָגט: ניט אַזוי געפערלעך.

כד. עס זיינען געווען זמנים וואָס דער רבי נ"ע האָט געהייסן דעם רבי'ן, ער זאָל אַריינגיין אין זיין צימער און צוקוקן זיך צו זיינע הנהגות.

כה. דער רבי נ"ע האָט אַמאָל געדאַרפט שרייבן לענגערע בריוו צו אַ סך רבנים, און צו אַלעמען מיט זיין האַנטשריפט, וואָס דאָס האָט ביי אים גענומען אַ סך צייט.

האָט ער געזאָגט דעם רבי'ן, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען זיין האַנט־שריפט און ער זאָל שרייבן די בריוו. און ער — דער רבי נ"ע — וועט חתמ'נען.

דער רבי האָט געזאָגט אַז ער איז מסכים אויף דעם, בתנאי אַז ער זאָל

מוסיף זיין אַ שיעור אין לערנען מיט אים חסידות.

דער רבי נ"ע האָט מסכים געווען אויף דעם תנאי, און דער רבי האָט זיך אויסגעלערנט דעם רבי'ן נ"ע'ס האַנטשריפט במשך פון אַ קורצער צייט און פלעגט דערנאָך שרייבן די בריוו כנ"ל.

כו. בשעת מען האָט מסדר געווען אַ טעלעפאָן צווישן די חדרים פון רבי'ן נ"ע מיטן רבי'נס, פלעגט אָפט טרעפן, אַז דער רבי נ"ע זאָל אָנקלינגען דעם רבי'ן און זאָגן: קאָנסט אַריינגיין, איך וועל פאַרזוי־כערן. דער רבי פלעגט אַריינגיין, אָנ־צינדן אַ שוועבעלע, אָנצינדן דעם פּאַפּיראָס, און דער רבי נ"ע פלעגט פאַרויכערן.

דער רבי נ"ע פלעגט מיט אים ריידן אין דעם ענין אין וועלכע ער — דער רבי נ"ע — האָט זיך עוסק געווען. אָדער פרעגן: וואָס האָסטו צו דערציילן? דעמאָלט פלעגט דער רבי מציע זיין עניניו.

אין אַ צייט אַרום איז דער רבי געפאַלן אויף אַ המצאה, און ערב שבת אָדער ערב יום טוב פלעגט ער אונטערלייגן אונטערן טרייבל אַ שוועבעלע, עס זאָל זיך ניט קענען גוט צומאַכן, כדי ער זאָל קענען הערן ווי זיין פאָטער דאַוונט ביי זיך אין צימער.

כז. אַמאָל איז דער רבי נ"ע מיט דעם רבי'ן געווען אין פּראַג. זיינען זיי געווען אין מהר"ל'ס שול. האָט דער רבי געוואָלט אַרויפגיין אויף דער עלי' וואו עס ליגט דער גולם. האָט ער אונטערגעקויפט דעם שמש און גענומען אַ לייטער און אַרויף.

— ווען דער רבי האָט דערציילט די מעשה, האָב איך אים געפרעגט וואָס האָט ער דאָרטן געזען, האָט מיר דער רבי ניט געענטפערט. —

ווען דער רבי נ"ע האָט זיך דער־פון דערוואוסט האָט ער שטאַרק אויסגערעדט דעם רבי'ן. אין אַ צייט אַרום האָט ער אים געזאָגט: איך האָב געהאַט חדשים וואָס צו טאָן (ווי עס ווייזט אויס לתקן — עס זאָל ניט שאַטן. המספר).

כח. אין דעם יאָר פון אבילות[37]) — ל"ע — איז ווען דער רבי פלעגט ענדיקן רבי חנני' בן עקשיא כו' פאַר קדיש דרבנן, פלעגט ער זיך אָנשפּאַרן אויף דער האַנט און פלעגט עפּעס זאָגן שטילערהייט.

נאָך דעם האָט דער רבי דער־ציילט אַז דאָס זאָגט ער אַ פּאָר שורות פון תניא.

כט. דער רבי האָט געזאָגט, אַז אין די תפלות וואָס מען זאָגט ניט אין זיי קיין תחנון, קלאַפּט מען ניט על החזה, ווען מען זאָגט סלח לנו.

ל. דער רבי נ"ע איז אַמאָל גע־ווען אין אויסלאַנד, געטראָפן זיך דאָרטן מיט אַ סך גוטע אידן. קומענ־דיק אַהיים האָט ער געבראַכט דעם רבי'ן אַ מתנה, אַ שטעקן, מיט אַ זילבערנער האַלקע. אויף דעם האָט ער אויסגעגעבן זיינע לעצטע געלט. האָט אים די רביצין געפרעגט, צי דען האָט ער געדאַרפט צוליב דעם אויסגעבן זיינע לעצטע געלט? האָט דער רבי נ"ע געענטפערט אַז ווען ער האָט געזען ביי אַנדערע, האָט

37) נאָך זיין מוטער הרבנית הצדקנית מרת שטערנא שרה נ"ע.

ער ערשט געזען וואָס ער (דער רבי) איז.

לא. אויף לייגן פיר פאָר תפלין[38], דאַרף מען האָבן אַ גוף נקי ביותר, וואָרום דאָס וואָס די תורה האָט מחייב געווען, ווי תפלין דרש״י און ר״ת[39], איז וויבאַלד לא ניתנה תורה למלאכי השרת, במילא נעמט דאָס תורה אויף זיך, מה שאין כן דאָס וואָס נאָר ווייניק מענטשן טוען און ניט וואָס תורה האָט אַלעמען מחייב געווען איז דאָך די אייגענע אחריות אַ גרעסערע. און נוסף אויף דעם איז מצד ענינם פון שימושא רבא וראב״ד תפלין — דאַרפן זיי האָבן אַ גוף נקי ביותר[40].

מצאתי נדפס[41]) אַז הרה״ח וכו׳ ר׳ הלל מפאַריטש[*41]) האָט געלייגט פיר פאָר תפלין און אַז מען האָט מעיד געווען פאַרן מחבר אַז בני הצמח צדק האָבן געלייגט פיר פאָר תפלין. עס זיינען געווען חסידים אויך בדורנו וואָס האָבן געלייגט פיר פאָר תפלין, אַזוי ווי הר׳ יצחק מתמיד, ר׳ צבי הירש גורארי׳ ועוד. איך — האָב מורא געהאַט. ביז דער רבי האָט מיר געזאָגט, איך זאָל לייגן פיר פאָר תפלין. האָב איך אָנגעהויבן צו לייגן. וואָרום עס איז דאָך אויף דעם רבי׳נס פלייצעס.

דער רבי האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז די תפלין וועט ער אַליין באַשטעלן, כדי עס זאָל זיין בחשאי.

בשעת מען האָט געדרוקט דעם „היום יום" האָט דער רבי מסכים געווען מען זאָל מגלה זיין דעם סדר פון לייגן פיר פאָר תפלין, האָט מען עס אָפּגעדרוקט אין „היום יום".

אין פסוק שמר תם וראה ישר

---

38) בארוכה ע״ד ד׳ זוגי תפלין ראה שאלות ותשובות רמ״ע מפאנו סימן קז (ושם גם כן ע״ד סדר הנחתן), מצת שמורים, חתן סופר (או״ח שער הטוטפות ס״ל), משמרת שלום ס״ד. אות חיים סל״ד סק״א.

39) ראה שער הכולל פרק יא סימן קטן לט. ובתקוני זהר חדש: ובגין דלא בקיאין אלין דדרא בתראה שווין תרי זוגין דתפלין. משמע דעתו, דבדרא בתראה ספק בדבר ומחוייבין (מפני הספק) להניח תרי זוגי דתפלין (ומש״כ ע״ז במור וקציעה — כבר סתרו דבריו בשאלות ותשובות חיים שאל בתחלתו, במחזיק ברכה (לשולחן ערוך אורח חיים סימן לד) ובספר אות חיים (שם). — ועיין גם כן זהר חלק ב סוף פרשת בא. שאלות ותשובות מן השמים). בבאר היטב הישנים הי׳ כתוב דמי שאין מניח תפלין דר״ת הוא קרקפתא דלא מנח תפלין (מהדורא בתרא למשמרת שלום סימן ד) אבל לשון אדמו״ר הזקן בסידורו הוא: כל אשר נגע יראת אלקים בלבו יניח תפלין דרבינו תם. משמע שאינו חיוב כמו תפלין דרש״י. ובכל אופן צע״ג מפני מה פשט המנהג, וגם בין אנ״ש, להתחיל בהנחת תפלין דר״ת משך זמן אחר הבר מצוה. ועל פי רוב אחרי הנישואין. והעיר ע״ז גם כן בספר פסקי הסידור להרה״ג וכו׳ הרא״ח ז״ל נאה. ובאות חיים סימן לד סימן קטן י חותר ליישב טעם המתחילים להניח תפלין דר״ת אחר הנישואין, אף שדעתו להתחיל בזה לבר מצוה.

40) ראה אגרות הרמ״ז ס״ה: תפלין דשמושא רבא . . צריכין גוף נקי ומחשבות טהורות ונקיות, ובשו״ת הרמ״ע שם כי מאד עמקו כו׳ ובקושי התירו להניחן. — וכבר האריך באות חיים סל״ד שם, שמפני זה לא נהגו רוב העולם להניחם. ובס׳ עמק המלך שער קרית ארבע פס״ח כתב: אין מי שיוכל להניח אותם התפלין של אריך סברת בעל שמש״ר כו׳ א״א לשום אדם להניחם; ועיין גם כן ספר עשר קדושות בתחלתו. ואכמ״ל.

41) במהדורא בתרא לספר משמרת שלום סימן ד שמצא כן „בספר הנדפס מחדש".

*41) הרב ר׳ הלל בר׳ מאיר הלוי מאליסאוו אב״ד באברויסק (תקנ״ה — י״א מנ״א תרכ״ד) ראה אודותו בספר פלח הרמון בראשית עמוד IV.

כי אחרית לאיש שלום, זיינען מרומז [42] די פיר פאַר תפלין. ר"ת'ס תפלין זיינען מרומז אין וואָרט תם. רש"י'ס תפלין — אין וואָרט ישר. שמושא רבא'ס תפלין — אין וואָרט שלום — רב שר שלום בעל שמושא רבא [43].

די תפלין דשמש"ר ובפרט דראב"ד זיינען העכער ווי רש"י'ס און ר"ת'ס. דערפאַר איז ניטאָ קיין שום דעה מען זאָל מאַכן אויף זיי אַ ברכה [44].

תפלין דרש"י זיינען מוחין דאימא — דר"ת זיינען מוחין דאבא. תפלין דשמש"ר און ראב"ד איז כתר [45], דערפאַר זיינען זיי העכער פון המש־כה, על ידי ברכה.

לב. אנ"ש, אין דייטשלאַנד זייענ־דיק, האָבן אָנגעפרעגט צי מען קען מאַכן ציצית מיט אַ מאַשין. איך האָב געפרעגט דעם רבי'ן — וואָ־רום דער צאַנזער איז דאָך מחמיר [46]. האָט מיר דער רבי דערציילט, אַז בשעת עס זיינען אָנגעקומען די פּלי־טים קיין רוסלאַנד, בשנת תרע"ה, האָבן זיי ניט געהאַט קיין טליתים וציצית. האָט מען געפרעגט דעם רבי'ן נ"ע, האָט דער רבי נ"ע גע־שיקט אַ שליח אין פאַבריק פון גנז־בורג'ן און מען האָט דאָרט געמאַכט ציצית במאַשין, און נאָך דעם האָט ער געזאָגט אַז מען קען מאַכן אַ ברכה.

לג. איך האָב ניט געהערט פון רבי'ן מדייק זיין זאָגן דעם תואר „הקדוש", אויף דעם אור החיים אָדער של"ה.

ווען דער רבי האָט דערציילט אַז דער אַלטער רבי איז געווען אַ של"ה איד, האָט געדאַווענט אין של"ה'ס סידור, מיט דעם של"ה'ס כוונות, האָט דער רבי ניט געזאָגט דעם וואָרט הקדוש.

לד. דער רבי האָט דערציילט אַז ווען דער רוזשינער איז געווען אַ קינד און געלערנט חומש מיט אַ מלמד, פלעגט ער פרעגן ביי דעם מלמד אַלע קושיות וואָס רש"י איז מדייק.

בשעת ער האָט געלערנט דעם פסוק, ויחלום והנה סולם מוצב ארצה גו' עולים ויורדים גו', האָט אים געזאָגט דער מלמד, נו, פאַרוואָס פרעגסטו ניט? און האָט אים גע־זאָגט רש"י'ס קושיא: עס האָט דאָך געדאַרפט שטיין יורדים ועולים. האָט אים דער רוזשינער געענטפערט: אויף אַ חלום איז קיין קושיא ניט.

(משיחת י"ד שבט, ה'שי"ת)

לה. מ'האָט ביי מיר געפרעגט, אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט די מעלה פון רבי'ן אויף אַנדערע גדולי ישר־אל? האָב איך געענטפערט: אַלע גדולים האָבן געהאַט אַן ענין מיוחד אין וואָס זיי האָבן געטאָן. דער רבי, אָבער, האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע עניינים, פון די העכסטע, אַזוי ווי גילוי רזין דרזין פון תורת החסי־

---

42) פרי עץ חיים שער התפלין פרק י.

43) בספר חתן סופר שם עמד על זה כי הלא הרב שר שלום אינו רב האי גאון שהביא הראב"ד.

44) בספר עצי עדן (למנחות פרק ד) כתב לברך על תפלין דר"ת כשמניחן בפ"ע ובמצת שמורים דגם על שמוש"ר יברך. — ועיין תורה אור שמות נב, ב.

45) עמק המלך שם. ואולי אפשר לומר: עתיק ואריך. ויש לעיין במצת שמורים בכוונות תפלין אלו (בכתבי האריז"ל לא נמצאו כוונות ע"ז).

46) שאלות ותשובות דברי חיים חלק אורח חיים חלק ב סעי' א.

דות, ביז גאָר פשוט'ע ענינים, אַזוי ווי הנחת תפלין, שבת וכו', און אַפילו אויך אין גשמיות'דיקע ענינים. און אין אַלץ איז ער געווען איבערגע־געבן בכל עצמותו.

(משיחת ב' אייר, השי"ת)

לו. מיט אַ יאָר בערך פאַר דער הסתלקות האָט דער רבי אָנגעהויבן חתמ'נען דעם יו"ד פון זיין נאָמען מיט אַ כתב אשורי (כתב קודש), און דאָס איז געווען אויף בריוו וואָס ער פלעגט שרייבן, צו יעדער אידן, יהי' מי שיהי'. די מעלה פון עשירי (יו"ד) איז והי' הוא ותמורתו יהי' קודש [46*]. דער רבי האָט געמאָנט אויך די תמורה פאַר קודש.

(משיחת ש"פ וארא, תשי"א)

לז. עס שטייט אין גמרא [47]) תנו רבנן בשעת פטירתו של רבי אמר לבני אני צריך כו' נר יהא דלוק במקומו שלחן יהא ערוך במקומו מטה תהא מוצעת במקומה.

דער ביאור הדברים איז: פטירה מיינט אויך העתקה ממקום למקום, פון איין ענין צום צווייטן, פון איין אַרט עבודה צו אַ צווייטער, אַזוי ווי דער ענין ההפטרה וואָס מען ווערט נפטר און נעתק פון תורה צו נביאים. צדיקים גייען דאָך — סיי בעולם הזה סיי בעולם הבא — מחיל אל חיל בעלי' אחר עלי' [48]), ווערט עס אָנגערופן ביי זיי בשם פטירה, ד. ה. די העלאה אין אַ העכערן אופן עבודה.

בשעת פטירתו של רבי האָט ער געזאָגט לבני אני צריך. לא זו בלבד אַז די בנים דאַרפן אים, נאָר נאָך מער — ער דאַרף די בנים.

מען קען דאָך מיינען אַז וויבאַלד עס האָט זיך אָנגעהויבן ביי אים אַ העכערער סאָרט עבודה, האָט ער ניט קיין שייכות צו אונז, פאַרוואָרנט רבי בשעת פטירתו און זאָגט, הגם איך בין איצטער עולה אין אַ הע־כערן סדר עבודה לגמרי, פונדעסט־וועגן וואו איך וועל ניט זיין, האָב איך אייך אין זינען און נאָך מער — אַז אויך מיר, אין די העכסטע עליות, איז נוגע אייער עבודה, לבני אני צריך.

לח. נר יהא דלוק במקומו שלחן יהא ערוך במקומו מטה תהא מוצעת במקומה. דער מיין אין דעם איז, אַז אין אַלע ענינים וואָס ביז איצ־טער פלעגט מען זיך ווענדן צום רבי'ן, איז דאָס אַלץ עומד במקומו.

בכלל פלעגט מען צום רבי'ן קו־מען וועגן צוויי סוגי ענינים: תקון ופרנסה רוחנית. תקון ופרנסה גשמית, אבל לא חומרית. און יעדער סוג טיילט זיך אין דריי ענינים.

גשמיות'דיקע יחידות טיילט זיך אין דריי זאַכן: בני חיי ומזוני, וואָס דאָס איז נר שלחן ומטה. חיי איז נר ווי עס שטייט [49]) נר הוי' נשמת אדם. מזוני איז שלחן. בני איז מטה. איז די אַלע זאַכן עומד במקומו און ער קען ענטפערן און ענטפערט אַזוי ווי פריער, און איז משפיע איצ־טער אַזוי ווי פריער.

לט. און אַזוי ווי אין גשמיות אַזוי איז אויך אין רוחניות. וואָס אין רוחניות איז דאָך אויך דאָ דער

---

46*) ויקרא כז, לב.
47) כתובות קג, א.
48) סוף ברכות.
49) משלי כ, כז.

ענין פון נר וואס דאָס איז מצוות בכלל, ווי עס שטייט[50]) כי נר מצוה. שלחן וואס דאָס איז תורה בפרט, ווארום תורה אויסער וואס זי איז אַ לבוש ווי אַלע מצוות איז זי אויך מזון[51]). דאָס אַלץ איז, בכל־לות, אין הנהגה כתיקונה. ומי שחטא ופגם ועבר את הדרך זאָל מען ניט מיינען אַז עס האָט אָפּגעריסן זיך — איז וואס קען ער האָבן פאַר אַ פאַר־בונד מיט רבי לאחר פטירתו, זאָגט ער, אַז ניין — ער ענטפערט אויך אויף שאלות בעניני תיקוני פגמים ונפילת האדם, וואס בכללות גייט עס אַריין אין מטה. ווען דער אדם איז נכנסה בו רוח שטות, ער איז במדריגת שוכב, ראש בהשוואה לרגל. ועוד — אַז כמה תיקונים זיינען בעניני שמירת הברית, אויך בשמי־רת הלשון, שקשורים זה בזה. און דאָס איז מטה שתהא מטתו שלימה. ובפרט ח"נ וואס דאָס איז אַ הבדלה כללית בינו ובין ה"א[52]) איז אויך אין דעם ענטפערט ער איצטער אַזוי ווי פריער.

מ. קען מען דאָך פרעגן: עס איז דאָך ידוע אַז אויף ענטפערן אויף יחידות דאַרף מען האָבן עפּעס אַ שייכות צו דעם, אין דקות שבדקות לכל הפחות, וכידוע הסיפור מכ"ק אדמו"ר האמצעי בזה[53]), איז בשלמא פריער ווען ער איז געווען אין אַ גוף גשמי בעלמא דין וויבאַלד ער איז דאָך פאַרט געווען מלובש אין אַ גוף איז שייכות על כל פנים בדקות שבדקות, וכמסופר ע"ד כ"ק אדמו"ר האמצעי. אָבער איצטער אַז ער האָט צו דעם קיין שייכות ניט, איז ווי קען ער ענטפערן אויף אַזוינע ענינים?

דער תירוץ אויף דעם איז — בהקדמה, דיש מקשין: וואס איז שייך בכלל בעטן ביי אַ רבי'ן, עס איז דאָך אַן ענין פון אַ ממוצע?

אַנדערע פרעגן דאָס זעלבע בנוגע לעניני יראת שמים. — איינער אַ משולח — פון די היינטיקע משול־חים — אַז מען פלעגט אים בעטן איבערגעבן אַ פדיון וועגן ענינים גשמיים פלעגט ער נעמען, אָבער אַ פדיון אויף ענינים רוחניים פלעגט ער ניט נעמען, טענה'דיק אַז דאָס קען אַפילו דער אויבערשטער אַליין אויך ניט, כמאמר[54]) הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. —

מא. דער אמת איז אָבער ניט אַזוי. כשם ווי ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד, ניט נאָר וואס ישראל מת־קשרין באורייתא ואורייתא בקוב"ה, נאָר טאַקע חד ממש, אַזוי איז אויך די התקשרות פון חסידים מיטן רבי'ן, ניט ווי צוויי זאַכן וואס פאַראייניקן זיך, נאָר עס ווערט כולא חד ממש. און דער רבי איז ניט קיין ממוצע המפסיק נאָר אַ ממוצע המחבר. במי־לא איז דאָך ביי אַ חסיד, ער מיט דעם רבי'ן מיט דעם אויבערשטן אין זאַך.

— איך האָב ניט געזען עס זאָל זיך אַזוי ריידן מפורש אין חסידות, נאָר עס איז אַ הרגש, במילא ווער

---

50) משלי ו, כג.

51) תניא סוף פרק ה.

52) ראה תניא פרק מב.

53) נדפס בקונטרס למ"ד (ספר המאמרים – קונטרסים — ח"ב עמוד 712). אג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' שעט ואילך.

54) ברכות לג, ב.

עס וויל מרגיש זיין זאל מרגיש זיין און ווער ניט, וויל איך זיך מיט אים ניט שפארן, יהי לו אשר לו. —

במילא איז דאך ניט שייך צו פרעגן א קושיא וועגן א ממוצע, וויבאלד אז דאס איז עצומ"ה אליין, ווי ער האט זיך אריינגעשטעלט אין א גוף.

ועל דרך מאמר הזהר [55]) מאן פני האדון דא רשב"י [56]) אדער ווי בעת השליחות איז אפילו מלאך נקרא בשם הוי' [57]) אדער ווי משה רבנו האט געזאגט ונתתי עשב [*57]).

און אזוי איז אויך ניט שייך צו פרעגן ווי ענטפערט ער אויף עניגים פון מטה וכדומה, ווארום עס איז דאך אן עצמיות'דיקער פארבונד פון רבי'ן מיט חסידים. וואס דערפאר האט ער דאך אויך געזאגט וואו איך וועל זיך ניט געפינען, לבני אני צריך.

מב. דער רבי געפינט זיך מיט אונז אזוי ווי פריער. ער געפינט זיך אין זיין חדר אזוי ווי פריער און הערט ווי מיר פארברענגען דא.

אי, ווי פארברענגט מען דא — איז דאס ווילע דאס איז זיין רצון מען זאל פארברענגען.

אמאל האט דער רבי אנגעשטעלט ביי זיך אין צימער דעם מיקראפאן און געהערט ווי מען פארברענגט דא.

איצטער איז אויך אזוי און נאך מער, כמובן.

מג. אין ספר חסידים [58]) ווערט גע־בראכט אז רבנו הקדוש פלעגט קומען פרייטיק בין השמשות אהיים אין די שבת'דיקע קליידער און מאכן קידוש ופטר את הרבים [59]).

איצטער איז דאך שוין בין השמ־שות נאך מנחה און רבנו הקדוש קומט מאכן קידוש, און בלייבט אויך ביינאכט.

מד. דעם ווינטער בין איך אמאל אריין אין רבי'נס צימער. ער איז געזעסן אנגעשפארט אויפן האנט, גע־ווען טיף פארטראכט און זאגט מיר אז ער וויל פארן קיין ארץ ישראל. האב איך דעם רבי'ן געזאגט: ווי קען מען פארן, עס איז דאך דא דא א סך ארבעט? האט ער אביסל געטראכט און זאגט: נו, א שיינע מחשבה.

אין מחשבה איז ער שוין געוועזן אין ארץ ישראל. עצמות פון יוסף האט מען געבראכט אין ארץ ישראל.

מה. אמאל איז געקומען איינער א חסיד ממקום רחוק און געבעטן דעם רבי'ן ער זאל זאגן חסידות. האט אים דער רבי געענטפערט אז ער זאגט חסידות שבת. זאגט דער חסיד אז ביי אים איז, ווען ער קומט צום רבי'ן איז ביי אים שבת. האט דער רבי געזאגט חסידות.

אויך איצטער, בהתקשרות כדבעי,

---

55) זהר חלק ב לח, א.

56) ראיתי בעלי נגלה מקשין ע"ז, וברעש גדול: היתכן וכו' וכו' אבל מפורש כעין זה גם בנגלה דאורייתא, והוא בירושלמי בכורים פ"ג ה"ג: והוי' בהיכל קדשו דא ר' יצחק בר' לעזר בכנישתא מדרשא דקיסרין.

57) אגרת הקודש סוף סימן כה.

*57) ראה לקוטי תורה ויקרא ג, א.

58) סי' תתשכט.

59) בענין היכולת לפטור את הרבים יש בזה כמה שקו"ט. ראה חיד"א בס"ת סי' הנ"ל ובשה"ג שלו ח"א אות א' מע' ראב"ן. גליוני הש"ס למהר"י ענגל לכתובות קג, א.

איז בכל יום ובכל עת קען ווערן ביי יעדערן שבת און רבי קומט, מאַכט קידוש ופוטר את הרבים, ד. ה. ער פועל'ט אין זיי ווי זיי וואָלטן אַליין מאַכן קידוש, נאָר — נאָך מער — קידוש מיט זיינע כוונות, ובמילא מיט זיין קדושה.

(משיחת אחש״פ, ה׳שי״ת)

מו. אין דעם לעצטן המשך [60]) וואָס דער רבי האָט געשריבן, האָט ער אַלץ באַוואָרנט און האָט דאָרטן אַלץ מרמז געווען.

אין דעם מאמר פון ב' ניסן [61]) רעדט דאָרטן דער רבי וועגן נצח און זאָגט אַז נצח איז מושרש אין עצם הנפש ממש, העכער פאַר אַלע כחות. דערפאַר זעט מען אַז צוליב ניצוח המלחמה, איז מען מבזבז די אוצרות הכמוסים וחתומים מדור דור, און דער מלך אַליין איז עומד בקשרי המלחמה, און ער איז משליך חיין מנגד, און דאָס אַלץ איז צוליב ניצוח המלחמה, וואָס דערפון איז דאָך מובן, אויף וויפל נצח דערלאַנגט אין נפש.

דער רבי רעדט דאָס וועגן איצטער־דיקער צייט, דער זמן האחרון קודם הגאולה, דער זמן פון גמר הבירורים, ווי דער רבי האָט געשריבן אין „הקריאה והקדושה" אַז איצטער איז דער זמן וואָס איז קודם הגאולה און די עבודה איצטער איז בדרך נצחון וקבלת עול דוקא.

צוליב מנצח זיין די מלחמה, האָט מען מבזבז געווען די אוצרות הכמו־סים וחתומים מדור דור — דאָס איז די אַלע ענינים וסיפורים וואָס דער רבי האָט מגלה געווען אין דער לעצטער צייט, וואָס זיי זיינען גע־ווען כמוס וחתום מדור דור, ביז דורו של הבעש״ט ומורו בעל ח״י [62]).

---

60) קונטרס עד — עו, ד״ה באתי לגני ה׳תש״י.

61) קונטרס עו (ספר המאמרים ה׳תש״י עמוד 154).

62) ר״ת חי׳ יחידה, געמיינט אחי׳ השילוני — זע שיחת שבת פרשת פנחס ה׳ש״ת (ספר השיחות עמוד 159).

והנה לע״ע, לא מצאתי בשום מקום ביאור שייכות דהבעש״ט ואחי׳ השילוני, שהוא דוקא הי׳ רבו.

ויש להעיר ממאמר רשב״י, בעל פנימיות התורה, שיפטר כל העולם מן הדין עד ימות המשיח אם יצטרף אחי׳ השילוני עמו (כן היא גי׳ הירושלמי ברכות פרק ט הלכה ב. ב״ר פרשה לה, ב. פסיקתא דר״כ פיסקא ויהי בשלח), ויש לבאר זה עפמ״ש בלקוטים שבסו״ס הגלגולים להאריז״ל כי רשב״י הי׳ גלגול אחי׳ השילוני, ועד ימות המשיח שאז יפקון ישראל מן גלותא ברחמי ע״י שיטעמו מספר הזהר שהוא חיבורא דילך — של רשב״י — כמ״ש בזהר חלק ג קכד, ב. וא״כ ה״ה להבעש״ט שכשיפוצו מעינותיו חוצה קאתי משיח וכמו שכתוב באגרת הבעש״ט הידועה.

והנה בתולדות יעקב יוסף פרשת בלק כתב: אחי׳ השילוני שקיבל ממשה רבינו ע״ה והי׳ מיוצאי מצרים, ואח״כ מב״ד של דוד המלך ע״ה והי׳ רבו של אליהו הנביא, ורבו של מורי זלה״ה עכ״ל. משמע קצת דזה שהי׳ רבו של הבעש״ט שייך למה שהי׳ רבו של אליהו הנביא.

וי״ל ע״פ הנ״ל, דאליהו הנביא ענינו הכנה לביאת המשיח, לקרב את הרחוקים וכו׳ וכמו שנאמר הנה אנכי שולח לכם את אלי׳ הנביא לפני גו׳ והשיב לב גו׳ (משנה סוף עדיות ובכמה מקומות). וזהו ג״כ מעניני הבעש״ט: אהבת ישראל, אַפילו אַזאַ וואָס געפינט זיך בקצוי תבל, וגם פשוטים ביותר. והפצת המעינות, שזהו הכנה וכלי לביאת המשיח (ראה שיחת שמח״ת תר״ץ).

ומה שרבן הוא דוקא אחי׳ השילוני — אולי אפ״ל מפני שהוא ניבא על הפירוד בישראל לשתי ממלכות וכו׳ והפירוד הזה גרם לעשיית העגלים והגלות וכו׳ אשר כ״ז יתוקן בביאת המשיח שלא „יחצו עוד לשתי ממלכות עוד ולא יטמאו עוד בגילוליהם

און דאָס וואָס דער רבי האָט איצטער מגלה געווען די אַלע ענינים איז דאָס אַן ענין פון בזבוז ממש, ווארום אין איש שם על לב כדבעי צו די אַלע ענינים, במילא איז דאָס אַ בזבוז ממש. והכל בשביל הניצוח.

אַז דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן, איז מוסיף דער רבי אין מאמר, המלך עצמו עומד בקשרי המלחמה, וואָס אַזוי האָט זיך געפּירט דער רבי אַז ער האָט זיך ניט עוסק געווען בענינים נעלים דוקא, נאָר ער אַליין האָט זיך עוסק געווען בכל הענינים ואפילו הפשוטים ביותר. ער אַליין איז געשטאַנען בקשרי המלחמה.

אילו זכינו — וואָלטן די אַלע ענינים מספיק זיין מנצח צו זיין די מלחמה און דער רבי וואָלט אונז שוין לאַנג פירן אַנטקעגן משיח'ן, וויבאַלד אָבער מען האָט זיך ניט איבערגעגעבן צו אים ווי מען דאַרף — האָט דאָס אויך ניט מספיק געווען, און דער רבי איז מוסיף אין מאמר אַז דער מלך איז משליך חייו מנגד.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א בכה הרבה ולבסוף סיים:) וויבאַלד אַז מער שרייבט דער רבי גאָרניט אין מאמר, און דער מאמר איז דאָך תורה, איז דער פסק התורה אַז איצטער איז שוין גענוג, מען דאַרף נאָר לאזור כוח וגבורה אויף מנצח זיין די מלחמה און דער רבי וועט אונז פירן אַנטקעגן משיח'ן.

(משיחת ש"פ ויק"פ, השי"ת)

---

גו' וטהרתי אותם גו' ועבדי דוד מלך עליהם" (יחזקאל לז).

השייכות דחי' (חי' יחידה) לפנימיות התורה ולמשיח מבוארת ע"פ הידוע דסוד

מז. ... וואָלט איך מציע זיין נאָך אַ הצעה, אַז מ'זאָל אויס'חזר'ן — איינגאַנצן אָדער אַ חלק, פון — דעם מאמר וואָס דער רבי האָט אַרויסגעגעבן צו זיין יום ההסתלקות [*62]) און מזמן לזמן, ווען מ'איז אין אַ מבוכה, אָדער ס'איז דאָ עפּעס ספיקות, אָדער פגע בך מנוול זה — זאָל מען דאָס איבערטראַכטן. עס איז ניט אַזוי נוגע די כמות, צי דעם גאַנצן מאמר, צי — אויב מ'קען ניט, מצד איזה סיבה שהיא, אויס'חזר'ן דעם גאַנצן מאמר — אַ האַלבן מאמר. דער עיקר איז נוגע די איכות, עס זאָל זיין זוחלין, מים חיים, און עס זאָל זיין מחובר מיטן מקור.

מח. אין דער שיחה פון י"ט כסלו [63]) דערציילט דער רבי אַז אין — שנת תר"ף — שנת הפרידה, וואָס ער האָט זיך געזעגנט מיט דעם רבי'ן נ"ע, האָט מיט אים דער רבי נ"ע אַ סך גערעדט וועגן דעם מאמר והדרת פני זקן אין לקוטי תורה [64]). אין מאמר רעדט זיך אַז ווען דברי תורה חקוקים במוחו איז אויך אין דער צייט וואָס ער לערנט ניט, איז הקב"ה שוכן עד בקרבו. און דערפאַר דאַרף מען זיך אויפשטעלן פאַר אַ תלמיד חכם אויך בעת ווען ער לערנט ניט, ווייל דברי תורה חקוקים במוחו. אַזוי איז אויך אַז מ'וועט קלאָר זיין דעם מאמר איז לבד זאת וואָס דאָס וועט העלפן צו התקשרות

---

דפרד"ס דתורה הוא באצי', חי'. ומשיח הוא חי' יחידה.

*62) ד"ה באתי לגני קונטרס עד (ספר המאמרים ה'תשי"י עמוד 111).

63) ספר המאמרים ה' תשי"א עמוד 149.

64) סוף פרשת קדושים.

בעת מ'וועט אים חזר'ן, איז אויך אין די איבעריקע זמנים איז מוחו אנגעפילט מיט דעם רבי'נס תורה, וואָס אין דער תורה האָט זיך דער רבי אָפּגעגעבן צו חסידים. במילא שטייט ער אין אַ התקשרות תמידית.

וכלשון הלקוטי תורה: בלי שום הפסק ופירוד לעולם אפילו רגע אחד. נאָר עס דאַרף זיין חקוקים במוחו. אותיות החקיקה[65], מים חיים, מי מעין, פון מקור, עצם הנפש...

(משיחת י"ט כסלו, תשי"א)

# י"ג שבט

## יאָרצייט של הרבנית הצדקנית מרת שטערנא שרה נ"ע זי"ע אם כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

א. היינט איז דער רביצי'נס יאָרצייט. דער רבי מהר"ש איז געווען זייער אַ מסודר, און מ'האָט געוואוסט גענוי זיין סדר היום. ובכלל זה אויך די זמנים ווען ער פאַרט שפּאַצירן. בעת ער פלעגט אַרויספאָרן שפּאַצירן פלעגט מען זיך אַריינ'גנב'נען און מעתיק זיין כתבי דא"ח. מ'פלעגט אוועקשטעלן אַ שומר ער זאָל באַצייטנס אָנזאָגן ווען דער רבי מהר"ש האַלט ביי קומען. אויף אַזאַ אופן האָט מען מעתיק געווען אַ סך כתבים.

איינער פון די מעתיקים איז געווען די רביצין, און ביי דעם רבי'ן (דעם שווער) זיינען אירע העתקות פון דעם רבי מהר"ש'ס כתבים, געלעגן אין איין תיק צוזאַמען מיט דעם רבי'נס נ"ע הנחות.

ב. דער רבי האָט דערציילט, אַז אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך געפירט אויך מיט זיין פאָטער דעם רבי'ן נ"ע. אַמאָל האָט דער רבי נ"ע אים געכאַפּט אַז ער איז מעתיק די כתבים, און האָט אים געזאָגט: ביי זיך אין שטוב בין איך שוין אויך אויס בעל־הבית?! דער רבי האָט פון דעם געקראָגן אַ שטאַרקן שבירת הלב, און האָט געבעטן אַ תיקון אויף דעם. אין אַ צייט אַרום האָט דער רבי נ"ע אים געגעבן אַ רשיון, אַ צוטריט צו די כתבים, און אַוועקפאַרנדיק — פלעגט ער אים לאָזן די שליסלעך פון די אַלמערס.

ג. לכאורה איז ניט מובן, דער רבי מהר"ש האָט דאָך מסתמא משער געווען, און אפשר אויך ברור געוואוסט אַז מ'איז מעתיק די כתבים ווען ער פאָרט אַוועק, וואָרום האָט דאָך גוט געקאָנט דעם רבי'ן נ"ע און זיין תשוקה צו חסידות. איז, ממה נפשך: האָט ער ניט געוואָלט מ'זאָל מעתיק זיין, האָט ער געקאָנט באַוואָרענען די כתבים אויף אַזאַ אופן מ'זאָל זיי ניט קענען מעתיק זיין, האָט אים ניט געאַרט אַז מ'איז מעתיק, האָט ער דאָך געקענט געבן אויף דעם אַ רשיון. צוליב וואָס האָט דאָס געדאַרפט זיין אויף אַזאַ אופן? די זעלבע זאַך איז ניט מובן אין דער העתקת הכתבים וואָס דער רבי פלעגט מעתיק זיין ביי דעם רבי'ן

65) כמשנ"ת בדא"ח בדרושי בחוקותי.

נ"ע. פארוואס האט דאס געדארפט זיין אויף אן אופן פון שלא ברשות.

נאר דער ביאור אין דעם איז, אז ס'זיינען דא ענינים וועלכע מען נעמט זיי דורך אן אופן פון מרמה דוקא (על דרך ווי ברכות יצחק ליעקב, שטות דקדושה) [3].

ד. אויף דער חתונה (חתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א) האט דער רבי גע־זאגט [2]), אז בעת שמחת נשואין קומען נשמות האבות פון עולם האמת, ביז ג' דורות למפרע איז בכל ישראל, און פאראן וואס מער און מער. און ער האט אויסגערעכנט אלע רביים ביז דעם אלטן רבי'ן.

וויבאלד דער רבי האט דעמאלט מער ניט גערעכנט, איז במאמר הנאמר יו"ד שבט האב איך דערמאנט בשם נאר ביז דעם אלטן רבי'ן. איך האב מורא, און, בכלל וואס דארפן דאס זיך מישן, וויבאלד אז דער רבי האט מער ניט גערעכנט. אבער עס האט מיר דאך "געשטערט".

היינט איז דאך נאך א המשך צו יו"ד שבט — דער מאמר היושבת בגנים (בקונטרס עד) איז דאך אויך א המשך צום יו"ד שבט מאמר — האב איך דערמאנט בשם ביז דעם בעש"ט. און דאס איז על דרך הי־דוע [1]) אז אויב מ'איז זיך מצטער באמת על מיעוט או העדר ההבנה בדברי רז"ל, און מ'איז מזכיר את שמותם ונפשו חשקה בהם וכו' — איז דאס א זאך ותועלת בכמה ענינים. — וגם על דרך וואס ביי דער עבודה פלעגט מען זאגן האיר פני כל המזרח עד שבחברון — דערמא־נען און ממשיך זיין זכות אבות [4]).

ה. דער בעש"ט האט געזאגט [5]) אז ער האט געקענט עולה זיין בסערה השמימה אזוי ווי אלי' הנביא, נאר ער האט געוואלט דורכגיין דעם ענין פון כי עפר אתה ואל עפר תשוב. ולכאורה, וויבאלד אז עס איז פאראן א מעלה אין דעם ענין פון ואל עפר תשוב, צי דען האט אלי' הנביא'ן געפעלט די שלימות?

נאר דער ענין איז, אז די שלימות אין יעדער זאך איז, ער זאל אויס־פירן זיין ענין, וואס ער דארף אויפ־טאן. במילא איז מובן, אז אויב אלי' הנביא מצד זיין ענין וואס ער האט געדארפט אויפטאן, האט ער געדארפט עולה זיין בסערה השמימה, איז דאס זיין שלימות. דער בעש"ט מצד זיין ענין וואס ער האט געדארפט אויפ־טאן, האט געדארפט דורכגיין דעם ענין פון ואל עפר תשוב, איז דאס זיין שלימות.

ו. ויש לפרש בדרך אפשר: דער ענין פון אלי' הנביא איז [6]), קומען אויף א ברית מילה, קומען פסח

---

1) זע אויבן, ערשטער באנד, זייט 55 און ווייטער, דעם המשך פון אס־דער שיחה.

2) קונטרס דרושי חתונה (קונטרס ב בסופו (ספר המאמרים — קונטרסים — ח"א ע' 76־א).

3) עיין של"ה בהקדמתו בית אחרון — יג א. — בהג"ה, ועיין גם כן ספר שפתי ישנים להר"ר שבתי משורר בס בהקדמה.

4) ירושלמי יומא פ"ג ה"א.

5) ודלא כמסופר בשבחי הבעש"ט (קרוב לסופו) שנצטער הבעש"ט ע"ז. בהמשך בשעה שהקדימו תער"ב (בחלק שלא נאמר — קרוב לתחלתו (ח"ג ע' א'רנז)) נתבאר מה שהי' יכול לעלות השמימה. בשיחת יט כסלו תרס"ד (בספר תורת שלום עמוד 46) נתבאר העילוי דעפר גו'. ענין ונחיצות הסערה — ראה זוהר חלק ב קצז, א.

6) ראה ד"ה או ישיר הי"ת. ד"ה זכרנו ה'תש"א.

ביי נאכט, מציל זיין רב המנונא סבא.

— די נפקא מינה בהנ"ל איז, אז צו א ברית מילה און פסח ביי נאכט, קומט ער אן א גוף, און אויף מציל זיין רב המנונא סבא, איז משום כבודו האט ער זיך אנגעטאן אין א גוף, דערמיט פארענטפערט מען דאך [7], וואס עס שטייט אז אלי' האט ניט געקענט קומען צו רשב"י לאידרא, ווייל ער איז געווען פארנומען בהצלת רב המנונא סבא. ולכאורה — ער איז דאך דא ביי כמה ברית מילה, כאטש זיי זיינען בזמן אחד, וכן בלילי פסח — ומאי שנא באידרא דרשב"י? נאר דער תירוץ איז — אז אויף א ברית קומט ער אן א גוף, דאס איז מער ניט ווי א ניצוץ פון אלי'. דערפאר קען ער זיין אין צוויי ערטער מיט אמאל. לכבודם של צדיקים אבער, קומט ער בגופו, דעמאלט קומט ער מיט זיין גאנצן עצם, דערפאר קען ער ניט זיין אין צוויי ערטער מיט אמאל. —

אויך איז ענינו איבערגעבן שליחות'ן לרבנן, ואחרון אחרון חביב: קודם ביאת המשיח — לקרב את הלבבות און אנזאגן אז משיח וועט קומען. און דאס איז אויך 'בגופו, ווי עס איז מוכרח פון דעם וואס בש"ס [8] איז מען מקשר ענין זה לדין פון איסור תחומין בשבת.

דערפאר האט אלי' געדארפט עולה זיין בגופו בסערה השמימה, דער גוף זאל בלייבן גאנץ, ער האט דעם גוף גאנצערהייט אין עולם היצירה [9] און ווען ער דארף, טוט ער זיך אן אין זיין גוף, און קומט למטה. און אט דאס איז זיין שלימות.

ז. דער ענין פון בעל שם טוב איז דאך ידוע [10] אז אין זמן לידת הבעש"ט, זיינען דעמאלט געווען אידן אין א מצב פון התעלפות, און מיט נשמת הבעש"ט שנקרא ישראל, האט מען זיי אפגעמינטערט. על דרך ווי אז איינער חלש'ט זאגט מען אים זיין נאמען באזנו און דערמיט מינטערט מען אים אפ.

מיט איניקע יאר צוריק איז געווען איינע א פרוי שטארק קראנק. זי איז געווען אין א באוואוסטלאזן צושטאנד א לענגערע צייט. אז מען איז געקומען צום רבי'ן, האט דער רבי געזאגט, מען זאל לוחש זיין באזנה, זיין (דעם רבי'נס) נאמען. מען האט עס געטאן, און זי איז געקומען צו זיך. ובמשך הזמן האט זי זיך פאפראוועט.

לכאורה, וואס פאר א שייכות האט דעם רבי'נס נאמען צו יענער פרוי, אז דורך דעם וואס מ'וועט לוחש זיין באזנה דעם רבי'נס נאמען, וועט דאס איר העלפן? נאר דער ענין אין דעם איז, אז כשם ווי אז מ'רופט איינעם ביים נאמען בעת ההתעלפות, מינטערט מען אים אפ, וואס דער טעם אין דעם איז, ווייל התעלפות איז, אז עס איז אוועק דער חיות פרטי, אבער דער חיות כללי

---

7) עיין מאמרים הנ"ל, והוא ע"פ המבואר במפרשי האידרא רבה (זהר חלק ג קמד, ב).

8) עירובין מג, א. ושם. ועיין ג"כ זהר חדש תקונים קג, רע"א (בדפוס ורשא).

9) ראה פרדס שער כד פי"ד: ונשאר גופו בעולם הגלגלים או בעולם המלאכים. ועיין ג"כ זהר חלק א רט, א. זהר חלק ב קצו, א. שאלות ותשובות חתם סופר חלק ו סימן צח.

10) נמצא בכת"י דא"ח ישן (אינו ברור למי הוא) (נדפס בסה"מ תרס"ג ע' רנא).

איז פאראן, און וויבאלד אז שם דער־לאנגט אין חיות כללי — דערפאר איז דורך דעם וואס מ'רופט אים ביים נאמען, רופט דאס ארויס דעם חיות כללי, ער זאל קומען בגלוי. אזוי איז אויך, אויב עס פעלט אפילו אין זיין חיות כללי אויך, איז דורך דעם וואס מען איז לוחש באזנו דעם רבי'נס נאמען, וואס דער רבי איז די נשמה כללית, פון וועלכער זיין (דעם חולה'ס) נשמה מיט איר חיות כללי איז נאר א פרט, ווערט דורך דעם נמשך חיות אויך צו זיין חיות כללי.

און דאס איז אויך דער ענין, וואס ירידת נשמת הבעש"ט למטה בעולם הזה האט אפגעמינטערט די אידן פון התעלפות — ווייל דער בעש"ט איז געוועזן די נשמה כללית פון אידן. דער בעש"ט האט דאך אבער גע־דארפט אפמינטערן אלע אידן, גם הפחות שבפחותים והקל שבקלים פון זיי — במילא האט ער געדארפט צוקומען און דורכגיין גם מדריגות היותר תחתונות, עד למטה מטה ביו־תר, און אויך דאס אפמינטערן און פארבינדן מיט דעם אויבערשטן, מיט עצמות ומהות אין סוף ב"ה — דער־פאר האט ער געדארפט, און במילא האט ער דאס געוואלט, דורכגיין עפר אתה ואל עפר תשוב.

און וויבאלד אז דאס איז דעם בעש"ט'ס ענין, איז מובן אז דוקא דאס איז זיין שלימות.

ח. בנוגע צו עבודה און צו אונז בפרט, וואס מ'דארף ספעציעל נעמען פון המבואר בהנ"ל: אונזער ענין איז — ניט יאגן זיך דוקא נאך גדולות ונפלאות (אפילו אז עס איז שוין זיכער, אז ער ווייס וואס גדולות ונפלאות איז) — ווארום, אויב עס איז ניט מעניננו, מענין שליחות נשמ־תו בעלמא דין, איז, א חוץ דעם וואס עס איז בספק גדול צי וועט ער דאס דערגרייכן, איז וואס טויג אים גדולות ונפלאות — אויב ער איז ניט ממלא די שליחות, וואס די השגחה העליונה האט אויף אים ארויפגעלייגט?! פשוט'ער גערעדט: וואס טויג אים גדולות ונפלאות, און וואס איז דאס פאר א גדולות ונפלאות, אויב ער טוט ניט דאס וואס דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן דורך עבדיו הצדיקים, אז ער זאל טאן און אויפטאן.

והיוצא מזה בנוגע לפועל אלינו: אויב דער רבי האט אים געגעבן א שליחות, אן ארבעט — איז אויב אפילו עס ווייזט זיך אויס, אז לגדו־לות מזה נוצר, און והתברך בלבבו לאמר אז ער האט כחות אויף דער־גרייכן דערצו — דארף ער וויסן, אז ניט דאס איז זיין וועג, און ניט דורך דעם וועט ער קומען צו זיין שלימות. הלואי, זאל, חס ושלום, ניט זיין דער היפך דערפון. — זאל ער זיך האלטן ביי דער קליאמקע, און זאל ער גיין „בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו" — וועט אים זיין גוט בזה ובבא.

ט. מען האט ביי מיר געפרעגט: וואס זאג איך, אז עס וועט זיין בקרוב והקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתו־כם, און דער רבי וועט אונז ארויס־פירן פון גלות — דער סדר איז דאך: ביאת המשיח וימות המשיח, און ערשט אין א צייט ארום וועט זיין תחית המתים. אזוי ווערט דאך געברענגט אין חסידות אויך.

דער ענטפער אויף דעם: כאַטש בכלל איז דער סדר [11]: ביאת המשיח, בנין בית המקדש, קבוץ גליות, תחית המתים, אָבער תחית המתים פון יחי־דים איז געווען און וועט זיין פריער אויך. וכידוע כמה ספורים בש״ס ומדרשים ומצדיקים שהחיו מתים. וכמאמר רז״ל זוטי דאית בכו מחי׳ מתים [12].

י. דיבר *[12]) בענין שהתשובה אי־נה דוקא ענין של וידוים, ואדרבה, עיקרה הוא ביטול הנפש למקורה ושרשה, והרוח תשוב אל האלקים [13]) וזהו: בשעתא חדא, איין קער. ובמילא מותר זה, אפשר ומחויב בזה גם בשבת, אותיות תשב [14]). היציאה מעני־ניו למעלה, אין זה עובדין דחול, ובמילא אפשר בשבת.

יא. דיבר בענין שאף שהוא בשע־תא חדא, ונשאר רק פכים קטנים, מכל מקום צריך בזה זריזות, וידוע שזריזות היא היפך העצבות, ובאה על ידי שמחה. וצריך להיות בזריזות בכל הג׳ פירושים שבצבא המבוארים בהמאמר. וכיון שזה תובעים הנשיאים מאתנו — בודאי טוען זיי דאָס אַליין אויך, וגם בהנוגע אליהם בתור נשיאי־נו ומנהיגנו, כמבואר בענין מגיד דבריו ליעקב. וזהו גם כן העזר וה־סיוע שנותנים לנו בעבודתינו: שתהי׳ בדרך הישר — בנקל, ווייס איך ניט צי דאַרף מען זאָגן, וואָרום עבודה דאַרף דאָך זיין בדרך עבודה דוקא ניט דערלאַנגען פאַרטיקערהייט, אָבער וואָס יע — אָן העלמות והסת־רים און בהצלחה.

(משיחת י״ג שבט, תשי״א)

# ט״ו שבט

א. היינטיקן שבת איז חמשה עשר בשבט, וואָס דער טאָג ווערט אָנגע־רופן, כלשון המשנה [1]), ראש השנה לאילנות, אַזוי ווי אחד בתשרי איז ראש השנה צו מענטשן, וואָס אין דעם טאָג ווערט אָפּגע׳פסק׳נט אַלע פרטים פון דעם גאַנצן יאָר, וואָס עס זאָל זיין מיטן מענטשן, על דרך זה איז חמשה עשר בשבט ראש השנה לאילנות.

עס שטייט אין ספרים אויף דעם וואָס די תורה זאָגט כי האדם עץ השדה [2]): אַז אַ מענטש איז בכמה ענינים — גליך צו אַ בוים. איינער פון די ענינים איז: אַ בוים האַלט אין איין וואַקסן, דאָס איז אַן עיקר אין אַ בוים. דערפאַר ווערט ער אָנגערופן צומח, ווייל זיין ענין איז צו וואַקסן, פריער איז ער אַ קערנדל, דערנאָך — אַ קליינער בוים, דערנאָך

11) ראה זהר חלק א קלט, א. קלד, א. ברכות מט, א. תנחומא פרשת נח יא. רמב״ם הלכות מלכים פי״א. מכתב כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע בקובץ מכתבים א׳ ע׳ כג (אג״ק שלו ח״א ע׳ שט ואילך).

12) עבודה זרה י, ב.

*12) מסעיפי י־יא אין אצלנו אלא רשי־מת ראשי פרקים בלבד.

13) נתבאר בארוכה בלקוטי תורה ריש פרשת האזינו.

14) אגרת התשובה פרק י.

1) ראש השנה פרק א משנה א.

2) דברים כ, יט.

— אַ גרויסער בוים, און דערנאָך גיט ער אַרויס פּירות. דאָס איז איי־נע פון די זאַכן וואָס אַ מענטש בכלל און אַ איד בפרט דאַרף זיך לערנען פון בוימער, אַז ער דאַרף האַלטן אין איין וואַקסן.

ניט קוקנדיק ווי גוט דער היינט איז (אין לערנען תורה, אין קיום המצוות און בכלל אין הנהגה, אויפ־פירונג), דאַרף מען זיך אָנשטרענגען אַז דער מאָרגן זאָל זיין נאָך בעסער, און דער איבערמאָרגן נאָך בעסער. און אַז מען שטרענגט זיך אָן, האָט מען די הבטחה אַז — מסייעין אותו [3], מען העלפט אים — מלמעלה, אַז ער זאָל טאַקע שטייגן און ווערן העכער, ביז נאָך מערער וויפל ער האָט זיך אָנגעשטרענגט.

ב. ויהי רצון: אַזוי ווי איר לערנט דאָך אין אַ ישיבה וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן פון רבי'ן דעם בעל ההילולא, וואָס מען האָט ערשט גע־פּראַוועט, און פירט זיך אין דעם דרך פון זיינע תלמידים,

זאָל דער אויבערשטער העלפן, אַז איר זאָלט דערפילן זיינע הוראות, האַלטן אין איין וואַקסן אין תורה, מצוות און הנהגה טובה, און טאָן דאָס מיט אַ צופרידנקייט — בשמחה ובטוב לבב,

און מען זאָל האָבן נחת פון אייך, אמת'ן נחת, אידישן נחת און חסי־דישן נחת — אייערע עלטערן שיחי', אייערע ראשי ישיבות שיחי' ביז צום רבי'ן בעל ההילולא.

פאָרט געזונט און זייט געזונט און איר זאָלט מצליח זיין אין לימוד התורה און אין קיום המצוות.

(משיחת י"א שבט, תשכ"ב, לצעירי תלמידי תו"ת דמאנטרעאל)

3) יומא לח.

# בשלח

א. בשעת יציאת מצרים ביי קרי־עת ים סוף, זאָגט דער מדרש [1], הי' כל אחד ואחד מראה באצבעו ואומר זה א־לי ואנוהו. ד. ה. אַז דע־מאָלט איז געווען אלקות בגילוי, ביז אַז יעדער איינער האָט געקענט אָנ־ווייזן מיטן פינגער און זאָגן זה, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון נבואה כדאיתא באגרת הקדש [2], שה־נבואה היא ראי' בדומה לראי' מוחשית בעיני בשר.

עס שטייט אויך [3], אַז הם הכירוהו תחלה. די קינדער וועלכע זיינען גע־באָרן געוואָרן אין שיעבוד מצרים און האָבן ניט געוואוסט פון קיין אַנדער אופן, איז אויף זיי שטייט [4] ויניקהו דבש מסלע ושמן מחלמיש צור, מען האָט געמאַכט פאַר זיי מלמעלה צוויי עיגולים, איינער פון דבש און איינער פון שמן, און פון דעם האָבן זיי זיך געשפּייזט, און פון זיי איז אויסגעוואַקסן דער דור הגאולה, — און בשעת יציאת מצרים וקריעת

1) שמות רבה כג, טו.

2) סימן יט.

3) סוטה יא, ב. שמות רבה א, יב.

4) דברים לב, יג.

ים סוף ווען עס איז געווען גילוי אלקות במוחש וכל אחד ואחד מראה באצבעו ואומר זה, איז הם הכירוהו תחלה, אַט די קינדער וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן בקושי הגלות.

ב. אויף לעתיד לבוא שטייט[5], כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות. ד. ה. אַז אויך דעמאָלט וועלן זיין די גילוים פון יציאת מצרים, און נאָך העכער. וואָרום בשעת יציאת מצרים שטייט איין מאָל זה, זה א־לי ואנוהו, און אויף לעתיד שטייט[6] צוויי מאָל זה, הנה אלקינו זה, זה הוי' קוינו לו וגו'.

איז אַזוי ווי ביציאת מצרים שטייט הם הכירוהו תחלה, די קינדער וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן בשיעבוד מצרים, כמו כן אין דעם גילוי דלעתיד, איז די קינדער וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן בקושי הגלות המר, אין דער סאַמע פינסטערניש, ווי עס איז ידוע אַז פאַרטאָג ווערט די פינסטערניש שטאַרקער און עס ווילט זיך שטאַרקער שלאָפן, איז ביי זיי דוקא וועט זיין הכירוהו תחלה, כמו שכתוב[7] מפי עוללים ויונקים יסדת עוז.

ג. בשעת דער רבי, כ"ק מו"ח אדמו"ר, איז געווען אין רוסלאַנד בשנת תרפ"ז, דער יאָר פון זיין מאסר, האָט ער דעמאָלט גערעדט אין אַ מאמר[8] דעם תוכן ענין פון מפי עוללים ויונקים יסדת עוז — להשבית אויב ומתנקם, אַז דוקא מפי עוללים ויונקים וועלכע לערנען תורה אין דער צייט וואָס מען לאָזט ניט לערנען, פון זיי דוקא איז דער להשבית אויב ומתנקם, דעם אויב מבית, וואָס במילא וועט בטל ווערן אויך דער אויב שמבחוץ.

און דערפאַר איז הם הכירוהו תחלה. און ווי במצרים, איז אויך ביי די קינדער דאַרף זיין ויניקהו דבש מסלע ושמן מחלמיש צור. וואָס דבש ושמן איז רזין דאורייתא. לערנען זיי גליא דתורה צוזאַמען מיט פנימיות התורה. אין דער צייט וואָס איז פאַראַן אַ ריבוי העלמות והסתרים, ווערן זיי ניט נתפעל און לערנען נגלה מיט חסידות און מען בינדט עס צוזאַמען, אַט פון די קינדער וועט אויסוואַקסן דער דור הגאולה, והם הכירוהו תחלה.

ד. און אויף דעם שטייט אַז ישיר משה, שר לא נאמר אלא ישיר לשון עתיד, מכאן רמז לתחית המתים מן התורה[9], אַז משה גואל ראשון וגואל אחרון[10] וועט דעמאָלט אויך זינגען מיט אַלע אידן שירה.

משה וועט עס זינגען מיט אַלע אידן, אָבער ווער וועט זיין דער הם הכירוהו תחלה, — די קינדער וועלכע זיינען געווען אין חושך הגלות בעקבתא דמשיחא, און ניט נתפעל געוואָרן און געלערנט תורה תמימה, גליא דתורה ופנימיות התורה, מפי עוללים ויונקים — יסדת עוז.

(משיחת ש"פ בראשית, תשי"ז)

5) מיכה ז, טו.
6) ישעי' כה, ט.
7) תהלים ח, ג.
8) ד"ה וקבל היהודים תרפ"ז, נדפס גם ב"התמים" חוברת שביעית (וארשא תרצ"ז), ובספר המאמרים ה'תשי"א עמוד 180 ואילך.
9) סנהדרין צא, ב.
10) ראה שמות רבה פ"ב, ד. זהר ח"א רנג, א. שה"ש פרשת ויחי, תורה אור ר"פ משפטים.

ה. היינטיקע סדרה (בשלח) ווערט אַנגערופן אויפן נאָמען פון דער שירה. די שירה הויבט זיך אָן — אַז די אידן האָבן נאָכגעזונגען משה'ן, אָב־געוויזן (מיט די פינגער) און געזאָגט זה א־לי ואנוהו — דאָס איז מיין ג־ט און איך וועל זיך שיינען מיט אים.

שטייט אויף דעם אין גמרא, מדרש, און תרגום ירושלמי ברענגט דאָס אין חומש, אַז די ערשטע וואָס האָבן דערקענט דעם אויבערשטן זיינען דאָס געווען די קינדער. זיי האָבן דער־קענט דעם אויבערשטן נאָך פריער פון זייערע עלטערן, און פון די אַלע אידן וואָס זיינען געווען מיט זיי.

ו. דער לימוד און הוראה פון דעם — איז פאַר אַלע דורות, אויך פאַר אונזער דור. דורך דעם וואָס איר וועט נאָכגיין משה'ס אָנווייזונגען, איר וועט פאָלגן די עלטערן און די רבי'ס, טאָן אַלץ וואָס מען לערנט אייך אין די ישיבות און חדרים, וועט איר האָבן ליכטיקע אויגן צו זען ג־ט־לעכקייט, דערקענען דעם אויבערשטן אין אַלעם וואָס עס טוט זיך מיט אייך און מיט אייערע עלטערן און אין אַלץ וואָס עס פירט זיך אַרום אייך. דורך דעם לערנען און היטן די סדרים פון ישיבה מיט אַ פריי־לעכקייט און התמדה און שקידה, דורך מקיים זיין דעם אויבערשטנס מצוות, אין אַן אופן ווי דער אויבערשטער וויל אַז מען זאָל זיי מקיים זיין, וועט אייך זיין גוט זייענדיק אין ישיבה און אויך שפּעטער דעם גאַנצן לעבן, אַז איר וועט האָבן אַ גליק־לעכן לעבן, און די עלטערן וועלן האָבן פון אייך נחת. איר וועט אויס־וואַקסן גוטע מענטשן, גוטע אידן, יראי שמים און לומדים.

ז. פאַרט געזונטערהייט. גרעסט אייערע חברים אין די כיתות, און איר זאָלט שרייבן גוטע בשורות, אַז איר זייט מצליח אין לערנען און אין גוטער אויפירונג. אייערע עלטערן זאָלן מצליח זיין אין זייערע ענינים. יעדערער פון אייך און פון די על־טערן — בגשמיות וברוחניות.

(משיחת י"א שבט, תש"כ, לצעירי תלמידי תו"ת דמאנטרעאל)

ח. ס'איז איצטער מוצאי שבת קודש פרשת בשלח, שבת שירה. עס איז באַוואוסט די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל ההילולא, אין דעם ענין פון שבת שירה[11].

דער רבי בעל ההילולא דערציילט אַז דער מהר"ל מפּראַג[12] — וואָס פון אים שטאַמט דער אַלטער רבי (בעל התניא), דער רבי בעל ההילו־לא — האָט קובע געווען אַ מנהג אַז די וואָך פרשת בשלח פלעגט ער הייסן אַלע מלמדי דרדקי און עלטערן וואָס האָבן קליינע קינדער פאַרזאַמלען די קינדער שבת שירה אויפן שול־הויף, און פלעגט הייסן די מלמדים דערציילן די קינדער דעם ספּור פון קריעת ים סוף, ווי די פייגעלעך[13] האָבן געזונגען און געטאַנצט בשעת משה און אַלע אידן,

11) געדרוקט אין קונטרס ביקור שיקאגא עמוד 60 (סה"ש תש"ב ע' 73).

12) הי'רע"ב — ה' שסט. שלשלת היחס היום יום עמוד 4.

13) זע אויך אין ספר תוספת שבת (געבראַכט אין ספר אורחות חיים סימן שכד). ולפלא שבספרי טעמי המנהגים — לא הובא טעם זה.

מענער און פרויען, האָבן געזונגען די שירה אָז ישיר, און די קליינע קינדערלעך האָבן געריסן פירות פון די ים בוימער[14] און געשפייזט די זינגענדיקע און טאַנצנדיקע פייגעלעך.

דער מהר״ל פלעגט הייסן געבן די קליינע קינדער קאַשע זיי זאָלן וואַרפן פאַר די הינער און פייגעלעך[15], אַ זכרון צו די ים פירות מיט וואָס די קליינע קינדערלעך האָבן געשפייזט די פייגעלעך. נאָך דעם פלעגט דער מהר״ל בענטשן אַלע קינדערלעך, אויך די עלטערן אַז זיי זאָלן דערציען זייערע קינדער לתורה, חופה ומעשים טובים.

ט. ווי שוין גערעדט פיל מאָל — דערציילן סתם אַזוי אַ סיפור, אָן קיין שום לימוד, איז ניט קיין סדר פון אַ אידן. ביי אַ אידן דאַרף זיין בכל דרכיך דעהו, אין אַלע זיינע זאַכן דאַרף ער ממשיך זיין ג־טלעכ־קייט, טוב און קדושה[16]. במילא איז אויך אַ סיפור וואָס אַ איד דער־ציילט, דאַרף זיין איינגעשלאָסן אין דעם אַן ענין און כוונה פון טוב און קדושה.

אויב דאָס איז אַזוי ביי יעדער אידן, איז דאָך במכל שכן אַ סיפור וואָס עס דערציילט אַ נשיא בישראל, אַ פירער פון אידן. ובפרט נאָך אַז דעם סיפור האָט ער פאַרשריבן און געגעבן צום דרוקן, איז דאָך ידוע דער פתגם (וואָרט) פון אדמו״ר הצמח צדק, איבערגעגעבן דורך דעם רבי׳ן בעל ההילולא: מלה הבאה בדיבור היא לפני רבים, שבכתב — לפני העולם, שבדפוס — לדורי דורות (דיבור איז דאָס ניט נאָר פאַר די וועלכע זיינען דערביי, נאָר פאַר רבים. שרייבן — פאַר דער גאַנצער וועלט. דרוקן, איז דאָס פאַר דורי דורות).

וואָס פון דעם אַלץ איז דאָך פאַר־שטאַנדיק, אַז דעם אויבנדערמאָנטן סיפור פון דעם מהר״ל וואָס דער רבי האָט דערציילט, איז דאָס ניט סתם אַ דערציילונג ווי אַ גרויסער איד האָט זיך געפירט מיט פיר הונ־דערט יאָר צוריק, נאָר אין דעם סיפור איז דאָ אַ הוראה לכל הדורות. צוליב דעם האָט דער רבי געדרוקט דעם סיפור, בכדי אַז מיר זאָלן אים לייענען און לערנען פון אים.

י. די כללות ההוראה פון דעם סיפור איז:

ווי גרויס אַ איד זאָל ניט זיין, און ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די ענינים מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך,

און ווי דער רבי האָט דערציילט אין דער זעלבער שיחה וועגן דער גרויסקייט פון דעם מהר״ל, אַז דער רמ״א,

— וואָס כנראה איז ער אַ צייט געוועזן פון תלמידי המהר״ל[17], און האָט זוכה געוועזן צו זיין אַ פוסק פאַר אידן לדורי דורות, וכידוע דער צחות אויפן פסוק ובני ישראל יוצ־אים ביד רמה — ביד רמ״א, אַז

---

14) זע שמות רבה ספכ״ט.

15) זע שולחן ערוך אורח חיים סוף סימן שכד וסי׳ שמג ובנ״כ שם, ספר תוספת שבת שם.

16) זע שולחן ערוך או״ח סימן רלא. תניא פרק ז: והכל כאשר לכל נשפע ונמשך כו׳.

17) זע ספר הזכרונות פון בעל ההילולא חלק ב פרק פד.

אידן פירן זיך אזוי ווי דער רמ"א האט אנגעשריבן בידו אין מפת השלחן, —

האט געקושט דעם מהר"ל'ס פינ־גער, וואס האבן נאך אין דער יוגנט געשריבן די הייליקע ספרים, וועלכע האבן דערוועקט טויזנטער צו תשובה און געוויזן א דרך אין לימוד התורה ביראת שמים און עבודת השי"ת.

דאס האט אבער דער רבי דאן דערציילט דרך אגב. דער עיקר הסי־פור איז געווען, אז דער מהר"ל איז אוועק פון די טיפסטע עניני התורה וועלכע ער האט געשריבן, און אפגעגעבן זיך מיט אויפהאלטן א מנהג ישראל, מעורר זיין אידי־שע קינדער זיי זאלן טאן דעם מנהג, און דערקלערן זיי דעם טעם המנהג וועלכן זיי זאלן טאן מיט טויזנטער יארן שפעטער נאך קריעת ים סוף מיט די זעלבע שמחה און לעבעדי־קייט ווי ס'איז געווען דאן. און דער־מיט האט זיך דער מהר"ל ניט באנוגנט, נאר דערנאך איז ער נאך ארויס צו בענטשן די קינדער.

וואס די הוראה פון דעם איז: לכאורה זיינען דאך פאראן העכערע ענינים און טייערערע, דער תכלית הכל איז אבער — ושננתם (זאלסט עס לערנען) לבניך — כפשוטו, און לבניך אלו התלמידים ווי ער זאגט אין ספרי. און וואס דארף מען לער־נען מיט זיי — ניט נאר די ענינים עיקרים פון תורה און מצוות, ניט נאר דאס וואס עס שטייט בפירוש אין תורה שבכתב און אין תורה שבעל פה, נאר לערנען מיט זיי ביז אויך א מנהג, אויך אזא מנהג וואס איז גאר פארבונדן מיט א פייגעלע, ניט מיט נאך א אידן נאר מיט א בעל חי, און אפילו בשבת, וואס דעמאלט דארף מען דאך זיין כולו קודש, דארף מען זיך אפגעבן אויף דעם אז א קינד זאל געבן קאשע צו פייגעלעך, און קאכן זיך אין דעם מנהג, מנהג ישראל — תורה. ובשעת אז מען טוט אזוי, באקומט מען דורך דעם די ברכות מלמעלה, אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ווי אידישע קינדער דארפן אויסוואקסן.

יא. אזוי האט מען געזען אויך די הנהגה פון רבי'ן בעל ההילולא [18]. עניננו איז דאך געווען תורת החסי־דות — רזין און רזין דרזין. וואס לערנען דאס איז שייך נאר מיט אזוינע וואס האבן שוין געלערנט און האבן א דערוואקסענעם שכל, האט אבער דער רבי גענומען פון זיין צייט, פון זיין מרץ (ענערגיע) און פון זיינע יארן, און אפגעגעבן זיך אויף דעם ענין פון לערנען מיט קינדער, און לערנען מיט זיי באופן — אז ניט נאר זאלן זיי זיין שומרי שבת ואוכלי כשר, נאר זיי זאלן זיך אויך קאכן אין מנהגי ישראל תורה.

וואס דאס איז אויך איינער פון די טעמים וואס ער האט געדרוקט דעם סיפור הנ"ל, בכדי אז די אלע וועלכע ווילן זיין הולכים בעקבותיו, זאלן ארויסנעמען די אויבנדערמאנטע הוראה פון דעם סיפור, און פירן זיך אין דעם אויבנדערמאנטן וועג.

יב. וועגן די קינדער פון גלות מצרים, וועלכע זיינען געווען בשעת

18) זע „קורצע ביאגראפיע, דער ליובא־טשער רבי" (קהת ה'תשי"ג).

קריעת ים סוף, דערציילן די רז"ל, הם הכירוהו תחילה[19]). אין ים זיינען דאָך געגאַנגען משה רבינו, יהושע, און אַלע גדולי ונשיאי ישראל, ווער האָבן אָבער דערקענט דעם אויבערשטן די ערשטע — דוקא די אידישע קינדער וועלכע האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין קושי שעבוד הגלות פון מצרים, און נתחנך געוואָרן ווי עס דאַרף צו זיין. זיי זיינען געווען די ערשטע וועלכע האָבן געזען אלקות מיט די פליישיקע אויגן און אָנגעוויזן מיטן פינגער — זה א־לי ואנוהו.

און בשעת מען גייט מיט אַזעלכע קינדער — שפּאַלט זיך דער ים, ביז אַז דאָס פועל'ט אויך אויף דער וועלט אַרום אַז אַלע דערזעען ג־ט־לעכקייט. אויך די פייגעלעך וועלכע געפינען זיך דאָרטן, דערפילן אַז זיי דאַרפן זינגען שירה, אויך זיי דערפילן אַז אין וועלט איז געשען אַן ענין וואָס העכער פון טבע.

יג. בשעת אַז זייענדיק אין גלות מצרים, האָדעוועט מען אויף קינדער וואָס ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אַתם המעט מכל העמים, ניט אידישע קינדער זיינען דאָך דאָ אַ סך מערער, און זייער אויפפירונג איז דאָך אַנטקעגן דער אידישער אויפפירונג, און פונדעסטוועגן זיינען די קינדער גרייט אַרויסגיין פון מצרים, וואו טוב הארץ תאכלו, און אַוועקגיין אין אַ מדבר, און אַפילו צידה לא עשו להם, נאָר מען פאַרלאָזט זיך איינגאַנצן אויפן אויבערשטן, אַז ער וועט זיי דורכפירן דעם מדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים,

— וואָס דורך וואָס האָדעוועט מען אויף אַזעלכע קינדער — דורך דעם וואָס מען לערנט מיט זיי ניט נאָר תורה שבכתב און תורה שבעל פה, נאָר מען איז זיי מחנך אויך אין מנהגי ישראל, אַז זייער טאָג טעגלעכער לעבן זאָל זיין דורכגעדרונגען אויך מיט מנהגי ישראל —

דעמאָלט האָט מען ניט וואָס צו שרעקן זיך פון דעם וואָס מצרים מאַחוריהם, פון ביידע זייטן דער מדבר און פון פאָרנט דער ים, בשעת מען האָט מיט זיך די קינדער, קען מען גיין אין ים און דער ים שפּאַלט זיך.

און דאָס איז אַ הוראה לכל הדורות: בשעת מען דאַרף אָנקומען צו ענינים שלמעלה מהטבע,

וואָס צו דעם דאַרף מען דאָך אָנקומען שטענדיק, ווייל אידן זיינען דאָך כבשה אַחת בין ע' זאבים[20]), איז דאָך דער קיום פון אידן אין אַן אופן פון למעלה מהטבע, בדוגמת קריעת ים סוף, איז דורך וועמען באַקומט מען דעם נס, דורך די קינדער וועלכע שרייען אויס זה א־לי ואנוהו, נאָך איידער עס דערקענען עס זייערע טאַטעס און זייערע זיידעס.

יד. וועגן קריעת ים סוף, דערציילט אונז די תורה, אַז ניט נאָר איז דער ים — דער העלם והסתר — געשפּאָלטן געוואָרן, נאָר נאָך מערער — והמים להם חומה, פון דעם ים אַליין איז געוואָרן אַ חומה וועלכע האָט באַשיצט די אידן.

און די זעלבע זאַך איז בכל הדורות: בשעת מען האָדעוועט אויף

19) סוטה יא, ב.

20) מדרש אסתר רבה בסופו. זע אויך יומא סט, ב.

קינדער וועלכע שרייען אויס די ערשטע זה א־לי ואנוהו, דעמאָלט איז ניט נאָר וואָס דער ים (שטערונגען) שפּאַלט זיך, עס גייען אַראָפּ אַלע העלמות והסתרים, נאָר נאָך מערער, די שטערונגען אַליין ווערן אַ חומה אויף באַשיצן אידן.

טו. וועגן דער חומה וועלכע איז געוואָרן פון דעם ים אויף באַשיצן די אידן, זאָגט די תורה, אַז ס'איז געווען אַ חומה מימינם ומשמאלם. עס האָט באַשיצט אידן פון זייער רעכטער זייט און פון זייער לינקער זייט.

וואָס לערנט אונז מימינם ומשמאלם?

בשעת דער יצר הרע קומט צו אַ אידן איינ'טענה'ן מיט אים ער זאָל אָפּטרעטן חס־ושלום פון דרך התורה, טרעפט עס אויף צוויי וועגן: אַמאָל קומט ער צו אַ אידן פון זיין רעכטער זייט און אַמאָל פון זיין לינקער זייט[21].

נסיון פון דער רעכטער זייט: איינער האָט געלט, כבוד, און עשירות אין אַלץ. טענה'ט דער יצר הרע: כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה[22], זעסט דאָך אַז מצד דיין שכל האָסטו געלט, מצד דיין חכמה האָסטו כבוד, נאָך וואָס דאַרפסטו אָנקומען צום אויבערשטן? דאָס איז געווען נויטיק פאַר אידן אין מדבר וואו זיי האָבן גאַרנישט געהאַט, געמוזט אָנקומען צום מן, בארה של מרים א. אַ. וו.

נסיון פון דער לינקער זייט: דעם מענטשן פעלט אין כבוד אָדער אין עשירות א. אַ. וו. ער איז אַן אָרעמאַן אין דעם. טענה'ט דער יצר הרע, איצטער איז ניט די צייט אויף אָפּשוואַכן זיך — היטן שבת, זיין אָפּגעהיט פון גניבה וגזילה. די ערשטע זאַך וואָס דו דאַרפסט טאָן, איז אַרויפאַרבעטן זיך, באַקומען וואָס עס פעלט דיר: געלט, כבוד. דערנאָך, לכשירחיב, דאַן וועסטו האָבן צייט אויף אָפּגעבן זיך מיט דינען דעם אויבערשטן.

דורך דערציען די קינדער אַז זיי זאָלן פון זיך אַליין, די ערשטע שרייען זה א־לי ואנוהו, ווערט אַ חומה אויף באַשיצן אידן מימינם ומשמאלם — פון אַלע נסיונות פון דעם יצר הרע.

טז. די תורה דערציילט אונז ווייטער אַז גדולה ביזת הים מביזת מצרים[23].

דורך דער אויבנדערמאָנטער הנהגה, איז ניט נאָר וואָס מען האָט דעם שכר לעולם הבא, נאָך הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, בנוגע ענינים רוחניים, נאָר מען באַקומט אויך ביזה, ד. ה. מען איז גליקלעך אויך אין גשמיות, מען האָט ביזה גדולה און מען נוצט עס אויס נאָר אויף געזונטע זאַכן און אין אַ פריילעכן אופן.

דער יסוד און התחלה צו דעם אַלעם איז — דער דערציען די קינדער אין אַן אופן אַז זיי זיינען די ערשטע צו זאָגן זה א־לי ואנוהו, ביז אַז זיי רופן דאָס אַרויס אויך ביי

21) זע משלי ל, ח־ט.

22) דער סמ״ג רעכנט עס אין די מצוות לא תעשה מן התורה (סמ״ג מל״ת סד).

23) רש״י בשלח טו, כב (מבמדבר רבה ספי״ג, מכילתא בא יג. ועוד).

זייערע עלטערן. אלקי אבי — וארוממנהו [24].

יז. די הוראה — בקצרה — מכל הנ"ל איז:

אויב מען וויל זיין גליקלעך באמת סיי ברוחניות סיי בגשמיות, ולכל לראש — האָבן אמת'ן נחת פון קינ־דער, איז דער וועג צו דעם, דורך דערציען די קינדער אין אמת'ן תורה־חינוך ביז אַז זיי זאָלן לעבן און קאָכן זיך אויך אין אַ מנהג ישראל.

און דורך דעם באַקומט מען די ברכות פון מהר"ל, וואָס דברי צדי־קים קיימים לעד. עס ווערט אויפגע־שטעלט אַ דור וואָס כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך הוי'. און פון דעם בהוציאך את העם ממצרים — גייט מען בזכות פון די קינדער [25]) צו קבלת התורה, צום תעבדון את האלקים על ההר הזה, פון פרשת בשלח צו פרשת יתרו, און מען איז מקבל די תורה בשמחה ובפנימיות על כל השנה כולה.

(משיחת יו"ד שבט, תשכ"א)

יח. צו י' שבט (שבת שירה) האָט זיך אָפּגעדרוקט אַ שיחה [26]) פון רבי'ן דער בעל ההילולא, וואָס די שיחה איז פאַרבונדן מיט שבת שירה.

אין דער שיחה ווערט דערציילט אַ מעשה פון אַ אידישער פרוי און וואָס זי האָט אויפגעטאָן, און מיט דער מעשה האָט דער רבי דער צמח צדק פאַרענטפערט אין נאָמען פון דעם אַלטן רבי'ן, פאַרוואָס איז די הפטורה פון שבת שירה דוקא ותשר דבורה, אַ שירה פון אַ פרוי, און ניט די שירה פון דוד ווי דאָס איז אין דער הפטורה פון שביעי של פסח. אין פרשת בשלח איז דאָך דאָ די שירה פון מאַנסבילן אָז ישיר משה גו' און עס איז דאָ די שירה פון פרויען ותקח מרים הנביאה גו' ותצאן כל הנשים אחרי' בתופים ובמחולות, איז פאַרוואָס עפּעס די הפטורה איז דוקא די שירה פון אַ פרוי, ותשר דבורה?

האָט דער צמח צדק דערקלערט אין נאָמען פון דעם אַלטן רבי'ן נ"ע, ווייל די שירה פון די פרויען איז געווען מיט גרויס שמחה, „בתו־פים ובמחולות", דערפאַר איז דאָס מער נוגע, און אַלץ איז אָפּהענגיק אין זיי (וואָרום הכל הי' מן העפר, ספירת המלכות), און אַזוי אויך אין דער פירונג פון דער שטוב איז די גאַנצע פירונג פון דער הויז אָפּהענגיק אין דער אידישער פרוי, די עקרת הבית.

יט. מען האָט פריער גערעדט אין נאָמען פון רבי'ן מהר"ש נ"ע וועגן דעם ענין פון אולת אדם תסלף דרכו [27]) (די נאַרעשקייט פון אַ מענטש פאַרקרימט זיין וועג), בשעת דער מענטש גיט זיך אָפּ און זוכט לוקסוס — מותרות — זאַכן וואָס ער מוז דאָס ניט האָבן, דאַן ווערט ער אַן ביידע זאַכן, ווייל דורך דעם וואָס ער גיט זיך אָפּ צו זוכן לוקסוס ווערט ער צעמישט און ניט בלויז וואָס ער האָט ניט די לוקסוס נאָר ער פאַרלירט אויך די נויטווענדיקס־טע.

דאַקעגן בשעת ביי אים איז אָפּגע־לייגט אַז וברכך ה' אלקיך בכל

24) זע רש"י ענדע פון מלאכי.

25) שיר השירים רבה א, ג: בנינו ער־בים אותנו.

26) לקוט לח (לקו"ד ח"ד).

27) משלי יט, ג.

אשר תעשה[28]), און ער זוכט ניט קיין לוקסוס נאָר ער גיט זיך איי־בער אין לימוד התורה און קיום המצוות ווייל ער ווייס אַז דאָס איז דער עיקר, עס איז מער ניט נאָר וואָס ער מאַכט אַ כלי אויף פּרנסה בכדי צו פאַרדינען אויף וויפל ער מוז האָבן בכדי ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט תורה און מצוות.

דאַן איז אויסער דעם וואָס די פּרנסה וואָס דער אויבערשטער שיקט אים צו גייט עס אַוועק אויף געזונ־טע זאַכן און פריילעכע זאַכן, די געלט גייט ניט אַוועק רחמנא לצלן אויף רפואות און דאָקטוירים אָדער אויף אַראָפּנעמען אַנדערע שטערונגען, וואָרום ער האָט זיי לכתחילה ניט, כל המחלה גו׳ לא אָשים עליך כי אני ה׳ רופאך, דער אויבערשטער העלפט אויף אַזאַ אופן אַז מען איז לכתחלה ניט קראַנק, ובמילא האָט ער טאַקע ווינציקער מיט צען דאָלער וואָס מען דאַרף אויפן דאָקטאָר, פאַר־וואָס? — ווייל ער דאַרף דעם דאָק־טאָר ניט.

כ. אויסער דעם איז בשעת מען זוכט ניט קיין לוקסוס, מען ווייס אַז די ברכה קומט פון אויבערשטן און מען דאַרף בלויז מאַכן אַ כלי און פאַרלאָזן זיך אויפן אויבערשטן וואָס ער איז אַ כל יכול, דאַן איז אפילו מען מאַכט אַ קליינע כלי גיט דער אויבערשטער אין דעם אומגעהויערע הצלחה מיט אַ גרויסער עשירות, פּשוט רייכטום אין גשמיות.

מען דאַרף זיך ניט יאָגן נאָך עשירות און לוקסוס, אָבער בשעת מען יאָגט זיך ניט נאָך דעם ווייל מען ווייס אַז דער עיקר איז רוח־ניות, און מען דאַרף האָבן גשמיות מער ניט נאָר אויף אַזוי פיל מען זאָל קענען מקיים זיין תורה און מצוות, דאַן גיט דער אויבערשטער פון זיין פולער און ברייטער האַנט אומגעהויערן רייכטום אויך בגשמיות.

כא. און אויך דער ענין אַז מען זאָל זיך ניט יאָגן נאָך לוקסוס און מותרות, איז דאָס אָפּהענגיק אין דער עקרת הבית.

בשעת זי גיט צו פאַרשטיין דעם מאַן אַז דער עיקר איז די רוחניות פון דער שטוב, ניט די גשמיות, און ממילא דאַרף ער ניט זיין פאַריאָגט טאָג און נאַכט אין פּרנסה אין אַן אופן וואָס ער זאָל ניט האָבן קיין צייט אויף לערנען תורה און זיך אָפּגעבן מיט כלל זאַכן, און יאָגן זיך פאַרדינען נאָך אַ דאָלער און נאָך אַ דאָלער צוליב ענינים פון מותרות;

אויך איז זי אים מסביר אַז דער יאָגן זיך אין פּרנסה קאָן אים גאָר־ניט העלפן, ווייל מזונותיו של אָדם קצובין לו מראש השנה ועד יום הכפורים וכו׳[29]) (דעם מענטשנס פּרנ־סה איז אָפּגעשטעלט פון ראש הש־נה) און עס איז באַשטימט וויפל ער זאָל פאַרדינען, און מערער וויפל מען האָט אים באַשטימט וועט ער סיי ווי ניט האָבן, און אויף האָבן דאָס וואָס מען האָט אים יאָ באַ־שטימט, קען ער דאָס האָבן דורך מאַכן אַ קליינע כלי אָן פיל טרדות און תחבולות.

איז צוליב וואָס זיך יאָגן מיט פיל יגיעה נאָך פּרנסה, וואָס דאַן

28) דברים טו, יח.

29) ביצה טז, א.

דאַרף מען באַוואָרענען ניט נאָר דעם יברכך בממון נאָר אויך דעם וישמרך מן המזיקים[30], מען זאָל אויסגעהיט ווערן פון מזיקין, איז דאָך גלייכער פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטן, ברכת ה׳ היא תעשיר[31], וואָס דאָן איז מען באַוואָרנט אין אַלע ענינים;

איז בשעת דער מאַן הערט די דערמאָנטע טענות פון דער פרוי, איז אפילו אויב ביי אים פאַרנעמט לוקסוס אַן אָרט, דאָך ווירקט עס אויף אים אַז ער שעמט זיך פון דער פרוי, און ווערט ניט נתפעל פון דעם שכן און שכנ׳טע אויף מאַכן שיינע כלי בית — פוירגיטשור — און אַז דער פאַרהאַנג (מסך מעלים וַמסתיר) אויפן פענסטער זאָל זיין ביי אים אַ שענערער ווי ביי דער שכנ׳טע,

און ער הערט אויף פטר׳ן כחות און געלט אַבי אויספירן ער זאָל ווערן מרבה נכסים מרבה דאגה[32], נאָר ער הויבט אָן צו זאָגן יש לי כל (כל בשמים ובארץ, דאחיד בשמיא וארעא), ער פאַראייניציקט גשמיות מיט רוחניות, ער מאַכט פון זיין הויז אַ מקדש פאַר דעם אויבערשטן, ער הערט אויף יאָגן זיך טאָג און נאַכט נאָך פרנסה נאָר ער מאַכט אַ כלי צו דעם אויבערשטנס ברכה און באַשטימט צייטן אויף לערנען תורה און פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטן,

און דאַן איז ברכת ה׳ היא תעשיר די ג־טלעכע ברכה מאַכט אים רייך, און ניט נאָר וואָס די געלט גייט ניט אַוועק אויף רפואות וכו׳ נאָר ער האָט פרנסה בהרחבה, און די געלט איז אים געגונג פאַר פרנסה בהרחבה און אויף געבן צדקה מיט אַן אָפענער האַנט און מיט אַ פריילעכער האַרץ, און ער מיט זיין פרוי און קינדער זיינען גליקלעך.

כב. און די זעלבע זאַך איז אויך וואָס אַנבאַלאַנגט דעם חינוך פון קינדער, זין און טעכטער, אַז דער עיקר אויף וואָס מען דאַרף זיך אָפּגעבן איז מחנך צו זיין די קינדער אין וועג פון תורה און מצוות, זען אַז די קינדער זאָלן אויסוואַקסן חסידים יראי שמים און לומדים, וואָס דורך דעם ברענגט מען אַן אייביקן גליק צו די קינדער, ווי אויך צו די עלטערן.

אָבער בשעת מען גיט זיך אָפּ צו פאַרפוצן דעם קינד מיט טייערע מלבושים, בכדי אַז זיין קינד זאָל גיין מיט שענערע קליידער ווי דער קינד פון די שכנים, איז דער גליק קאָן אָנהאַלטן אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר און דערנאָך בשעת דער קינד ווערט דערוואַקסן כאַפּט מען זיך אַז מען האָט פאַרפעלט צו געבן אים דעם אמת׳ן גליק דורך וועלכן ער וואָלט געווען גליקלעך דעם גאַנצן לעבן.

און אויך דאָס איז אָפּהענגיק אין דער אידישער פרוי, ווייל זי איז די עקרת הבית, במילא איז זי דוקא קאָן אַוועקשטעלן די פירונג פון חינוך הבנים ווי אויך די פירונג פון דער גאַנצער הויז, עס זאָל זיין אַ גליקלעכע ברוחניות און במילא אַ גליקלעכע אין גשמיות.

30) רש״י במדבר ו, כד.

31) משלי י, כב.

32) אבות פרק ב משנה ז.

כג. און דאס איז וואס מען לייענט אין דער סדרה וואס מען גייט איצ־טער אריין, פרשת יתרו: בשעת דער אויבערשטער האט געגעבן אידן די תורה, האט ער געזאגט צו משה רבנו, כה תאמר לבית יעקב, אלו הנשים [33], אז די ערשטע זאך זאל ער גיין צו אידישע פרויען און ריידן מיט זיי ווי א אידישע פרוי דארף זיך פירן על פי תורה, און דורך דעם וועט מען זיין פארווארנט און געזיכערט אויך מיט דער אויפפירונג פון די מענער.

און אזוי איז יעדער יאר און אין יעדער צייט און ארט, אז „בית יעקב", וואס דאס זיינען פרויען, נעמען זיך מיט דער גאנצער שטארקייט אויף איינשטעלן זייער הויז צו מאכן פון דעם א מקדש פאר דעם אויבערשטן, ווי עס שטייט [34], ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, דאן גיט דער אויבערשטער א גליק אין הויז, א גליק אין גשמיות און א גליק אין רוחניות, און מען איז מחנך די קינדער לתורה, חופה ומעשים טובים מתוך הרחבה, סיי הרחבה אין גשמיות און סיי הרחבה אין רוחניות.

(משיחת יו"ד שבט, תשי"ז)

# משפטים

א. אין היינטיקער סדרה שטייט ורפא ירפא. זאגן אויף דעם רז"ל [1], מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות. מען זאל ניט זאגן, רחמנא מחי ואנא מסי? [2]) איז אויף דעם לערנט מען אפ פון דעם פסוק, אז ניתן רשות לרופא לרפאות.

נאך א לימוד איז פאראן, אז ניט נאר וואס עס איז א רשות לרפאות, נאר עס איז אויך א חובה. מען לערנט עס אפ פון פסוק והשבותו לו [3], וואס עס שטייט בהשבת אבידה.

ב. ווי דאס איז אין עבודה רוח־נית, זיינען אויך פאראן אין דעם צוויי ענינים: ורפא ירפא שניתן רשות און והשבותו לו אז עס איז א חובה.

אין רוחניות איז דאך אויך פא־ראן דער ענין החולי. און אין דעם זיינען פאראן כמה סוגים: חולה שיש בו סכנה, חולה שאין בו סכנה, ביז עס איז פאראן א מדריגה פון חולה בגימטריא מ"ט, וואס דאס מיינט, אז ער האט שוין דערגרייכט צו אלע מ"ט שערי בינה, נאר ער איז א חולה, ווארום עס פעלט אים דער שער הנו"ן.

איז דאך מובן דער ריחוק וואס עס איז צווישן די סוגי חולים.

והביאור בקצרה:

עס איז פאראן אזא חולה וואס זיין חולי איז נוגע אין קיום המצ־וות, וואס רמ"ח מצוות עשה זיינען די רמ"ח אברים און שס"ה ל"ת

---

33) מכילתא געבראכט אין רש"י (שמות יט, ג). זע אויך שמות רבה פכ"ח, ב.

1) ברכות ס, סע"א. ב"ק פה, א.

2) רש"י בבא קמא דארט.

3) סנהדרין עג, א. ועפמש"כ בפיה"מ להרמב"ם נדרים פרק ד משנה ד.

34) שמות כה, ח.

זיינען די שס״ה גידים. א חולה אין קיום המצוות רחמנא לצלן — איז דאך זיין חולאת אן ענין וואס איז זייער נוגע.

און עס איז פאראן א חולה, וואס עס פעלט אים דער שער הנו״ן, על דרך מדריגת משה רבינו, וואס עס שטייט אויף אים, ותחסרהו מעט מאלקים, ווייל ער האט ניט געהאט דעם שער הנו״ן [4]), און האט דערצו זוכה געווען בשעת הסתלקותו בהר נבו, נו״ן בו.

לויט דעם חילוק אין די סוגי החולים, איז אויך דער חילוק אין דעם אופן הכרח הרפואה.

בשעת עס רעדט זיך וועגן א חולה אין קיום המצוות, דעמאלט איז די רפואה א חובה, אבער בשעת עס האנדלט זיך וועגן א חולה בגימטריא מ״ט, וואס עס פעלט אים נאר דער שער הנו״ן, אויף דעם שטייט ורפא ירפא, שניתן רשות לרופא לרפאות, ניט אלעמאל און צו אלעמען איז דאס שייך.

ג. די הוראה פון דעם איז אויך:

בשעת מען מאנט ביי א אידן, ער זאל טאן אין הפצת היהדות, פועל׳ן אויף א אידן בנוגע לקיום המצוות בפועל און ער ענטפערט אז ער זשאלעוועט די צייט, ער וויל בעסער אויסניצן די צייט צו טאן מיט זיך, עולה זיין בשער הנו״ן,

דארף ער וויסן אז דאס וואס מען מאנט ביי אים צו היילן יענעם, רעדט זיך דאס וועגן א חולאת וואס מען איז מחויב צו היילן, מה שאין כן וואס ער וויל טאן מיט זיך — א גלייכע זאך, אבער דאס איז א רשות לגבי דעם חוב וואס ער האט פארן צווייטן. ועל דרך לשון הגמרא [5]), אז לגבי חובה איז דאס רשות און לגבי רשות איז דאס א מצוה.

ד. אין מצוות מעשיות זיינען אלע אידן גלייך, דאס איז שייך צו יעדן איינעם. מצוות התורה, דקדוק קל של דברי סופרים אויך פון די שפעטערדיקע, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, דאס איז שייך צו אלע אידן. אבער בעניני הידורים, זיינען פאראן ענינים וואס ניט אלע האלטן דערביי.

און אויב מען כאפט זיך אן אין דעם, קען דאס אמאל קומען פון צד פון יצר הרע, וואס עס לוינט זיך אים ער זאל טאן אן ענין פון הידור אויב דורך דעם וועט ער ממעט זיין אין דעם וואס ער איז מחויב צו טאן [6]).

ובהנוגע לפועל, דארף מען טאן אין דעם וואס מען איז מחויב בהשבת אבדה, און דאן וועט דער אויבערשטער געבן הצלחה אויך בעבודה הפרטית בהנוגע צו זיך ביז צו שער הנו״ן.

(משיחת ש״פ משפטים, תשט״ז)

ה. עס איז ידוע די תורה פון בעל שם טוב, וואס דער רבי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט עס געשריבן און איבערגעזאגט עטלעכע מאל [7]), אויפן פסוק כי תראה חמור שנאך גו׳ עזב תעזב עמו, וואס דער תמצית פון דעם ענין איז, אז מען זאל ניט פייניקן דעם גוף מיט תעניתים וסיגופים, נאר אדרבא, עזב תעזב עמו,

---

4) ראש השנה כא, ב.

5) חולין קה, א.

6) ראה בארוכה קונטרס העבודה פ״ז.

7) היום יום כח שבט. וראה ד״ה כי תראה חמור תש״ד (ספר המאמרים תש״ד ע׳ 145). וראה ג״כ לקו״ש ח״א ע׳ 32 בארוכה.

און מיט אים דינגען דעם אויבערשטן.

אַזוי איז אויך פאַראַן אַ הוראה[8] פון מעזריטשער מגיד צו זיין זון דער מלאך, ער זאָל זיין אָפּגעהיט בבריאות גופו, וואָרום בשעת עס ווערט אַ קליין לעכעלע אין גוף ווערט אַ גרויסע לאָך אין דער נשמה.

ולכאורה איז ניט מובן, וואָס איז דער אויפטו אין דעם ענין פון שמי־רת בריאות הגוף. עס איז דאָך אַ הלכה פסוקה און דער אַלטער רבי ברענגט דאָס אין שולחן ערוך חושן משפט הלכות נזקי הגוף[9], כי אין לאדם רשות על גופו כלל, אַז אַ מענטש איז ניט קיין בעל־הבית אויף זיין גוף, און דערפאַר איז אָסור לצער את הגוף אַפילו במניעת איזה מאכל או משתה[10] וכו'.

ו. נאָך מערער איז מבואר אין רמב"ם הלכות דעות[11]: היות הגוף בריא ושלם מדרכי השם[12] הוא. איז וויבאַלד אַז מען טאָר ניט לצער את הגוף, און בריאות הגוף איז גאָר מדרכי השם, הייסט וואָס איז דער אויפטו פון פירוש אויפן פסוק עזב תעזב עמו, און דעם ציווי הנ"ל אויף דעם ענין, וואָס פון דעם איז משמע, אַז דאָס איז עפּעס אַ נייער אויפטו?

נאָר מען וועט עס פאַרשטיין פון דעם וואָס דער אַלטער רבי זאָגט דאָרטן גופא אין שולחן ערוך, אַז בדרך תשובה מעג מען לצער את הגוף ולהתענות און איז מבאר, ווייל טובה היא לו.

— און מען מוז זאָגן, אַז דאָס איז לטובת הגוף, וואָרום אויב דאָס איז אַ טובה פאַר עמעצן אַנדערש, בלייבט ווייטער די שאלה, וואָס פאַר אַ רשות האָט ער אויפן גוף צו מצער זיין אים, נאָר דער טעם איז, ווייל עס איז אַ טובה פאַרן גוף גופא. אַז ער זאָל תשובה טאָן, וועט ער — דער גוף — אויספּירן זיין שלי־חות.

ז. וואָס מצד דעם טעם איז מותר להתענות אַפילו מי שאינו יכול להת־ענות. וואָרום אַזוי איז דאָך דאָ אַ חילוק פון מי שיכול להתענות ביז מי שאינו יכול להתענות, ווי ער ברענגט אין אגרת התשובה פון תניא[13], אַז מי שאינו יכול להתע־נות ומתענה נקרא חוטא.

ומי שיכול להתענות — זאָגט ער ווייטער אין שולחן ערוך — מעג ער פאַסטן אַפילו שלא בדרך תשובה, נאָר כדי למרק נפשו לה', וואָס דער ענין המירוק איז ניט דער ענין פון תשובה נאָר בכדי שיהי' רצוי לה' כמו קודם החטא.

ח. ועל פי זה וועט מען פאַר־שטיין דעם אויפטו פון בעש"ט אין דעם פירוש פון עזב תעזב עמו, אַז מען קען טאָן אַ טובה דעם גוף אַפילו בשעת מען דאַרף אָנקומען צו מירוק און אַפילו צו תשובה, ניט

---

8) נדפס ב„התמים" חוברת ז עמוד כח.

9) סעיף ד.

10) לשון המשנה יומא פ"א מ"ד.

11) ריש פרק ד.

12) כן הוא בנדפס, ולכאו' צ"ל: מדרכי עבודת השם. ובהמשך להלכה שלפני' (ראה לקו"ש ח"ג ע' 806 בהערה). ודוחק גדול לומר שהוא ע"ד מש"כ בהל' דעות ספ"א: נקראת דרך זו דרך ה' — כי שם המדובר ע"ד הנהגה בינונית (או רחום, חנון כו') — משא"כ כאן ע"ד בריאות. וע"ד משנ"ת במו"נ ח"א פמ"ז ש„לא הושאלו לו (להקב"ה) הטעם והמישוש".

13) פרק ג.

דורך תעניתים, נאר מען קען למרק את הגוף און אפילו תשובה טאן דורך דעם וועג פון עזב תעזב עמו.

וועט מען עס פארשטיין על פי הידוע, אז די ענינים פון חסידות זיינען שייך און א מעין פון לעתיד לבוא, וואס לעתיד וועט די נשמה מקבל זיין אירע ענינים דורכן גוף, איז אזוי אויך במעשינו ועבודתינו עתה במשך זמן הגלות, לערנט חסידות, אז מען קען אויספירן כמה ענינים דורך דעם עזב תעזב עמו.

און דאס איז אויך דער טעם, וואס בדורות האחרונים האט מען געלייגט א משקל מיוחד אויף דעם ענין פון בריאות הגוף.

ט. לבד זאת, וואס עס איז מבואר בכמה מקומות[14], די מעלה פון א אידישן גוף וואס אויף אים שטייט ובנו בחרת מכל עם ולשון, וואס אין דעם ענין הבחירה איז מבואר אין לקוטי תורה[15], אז בחירה איז נאר אין עצמות אין סוף, ווארום גילויים, איז וואו נאר גילוי איז דאס בהגבלה, במילא קען שוין דארטן ניט זיין קיין בחירה אמתית — חפשית לגמרי, נאר בחירה איז נאר אין עצמות, און אויך ביי אידן, ווארום הן האדם הי' כאחד ממנו.

נוסף על זה, האט תורת החסידות געוויזן א נייעם דרך, אז אויך בש־ביל למרק נפשו און אפילו צוליב תשובה, קען מען עס אויספירן צוזא־מען מיט שמירת בריאות הגוף.

(משיחות ט"ו תמוז, תשט"ז)

# ויקהל־פקודי

א. אין תורה בכלל, און אין תורה שבכתב בפרט, איז יעדער ווארט און אפילו יעדער אות, אן אויסגערעכנ־טער. דערפאר געפינען מיר אז א סך הלכות ווערן אפגעלערנט פון איינצלנע ווערטער אדער אפילו איינצלנע אותיות. פונדעסטוועגן גע־פינען מיר, אז אין די פרשיות ויקהל פקודי, ווערט איבערגע'חזר'ט די גאנצע אריכות'דיקע באשרייבונג פון די כלי המשכן און לבושי כהונה, וועלכע זיינען שוין איינמאל באשריבן געווארן בפרטי פרטיות אין די פר־שיות תרומה און תצוה.

אין פלוג האט מען דאך געקענט שרייבן בקיצור, אז די אידן האבן געמאכט די כלי המשכן און בגדי כהונה ווי ג־ט האט געהייסן משה'ן, און אזוי ארום פארשפארן צענדליקער פסוקים אין דער תורה.

ב. דער תירוץ אויף דערויף איז על דרך ווי דער תירוץ וואס ווערט געגעבן אויף אן ענלעכער קשיא: פארוואס זיינען איבערגע'חזר'ט גע־ווארן די קרבנות פון די נשיאים אין פרשה נשא, צוועלף מאל, וואס

14) תניא פרק מט. און זע ספר השיחות — תורת שלום עמוד 120 און ווייטער.

15) זע לקוטי תורה ויקרא לח, ב. ספר המאמרים ה'תש"ג עמוד 24.

דער תירוץ אויף דערויף איז, אַז ביי די קרבנות פון די נשיאים האָט יעדער נשיא אויפגעטאָן אַנדערע זאַכן, לויט ווי דאָס ווערט מרומז אין מדרש פרשת נשא[1].

ג. על דרך זה קען מען פאַרענטפערן די קשיא בנוגע די סדרות ויקהל פקודי:

ווען די כלי המשכן און לבושי כהונה זיינען צוערשט געגעבן געוואָרן (תרומה תצוה) איז דאָס געווען: א) פון אויבערשטן אַליין. ב) צו משה רבינו, וואָס לא קם כמוהו. ג) ווען משה רבינו איז געווען אויפן באַרג סיני, ווען ער איז געשטאַנען אויף אַ מדרגה שלא בערך העכער ווי ווען ער איז געווען למטה, וויל דאָרטן איז דאָך לחם לא אכל ומים לא שתה, מה שאין כן די כלי המקדש און לבושי כהונה ווי זיי ווערן באַשריבן אין ויקהל פקודי, זיינען זיי ווי זיי זיינען געמאַכט געוואָרן: א) דורך אידן. ב) דאָ למטה. ג) פון זהב וכסף ונחשת וכו׳ גשמיים.

פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אויף דעם גרויסן אונטערשייד פון דעם „בכוח" און דעם „בפועל", איז ווען האָט זיך אויסגעפירט דער תכלית הרצון פון אויבערשטן און ווען איז מקוים געוואָרן זיין הבטחה פון ושכנתי בתוכם — דוקא אין גשמיות׳דיקן משכן פון ויקהל פקודי, און ניט אין רוחניות׳דיקן משכן פון דעם „הראת בהר".

ד. דער מוסר השכל פאַר אונז איז, אַז מ׳זאָל ביי זיך ניט זיין אַראָפּגעפאַלן, טראַכטנדיק, ווי קומען מיר צו טאָן אַ זאַך פון רצון העליון און מכוון זיין די כוונה עליונה, בשעת יעדער פון אונז ווייס אין וואָס פאַר אַ מצב ומעמד ער שטייט, און בכללות געפינען מיר זיך אין דעם חושך כפול ומכופל פון דעם גלות המר, אָבער, אף על פי כן איז דער אויבערשטער מבטיח, אַז אויב מ׳איז נאָר אַ נדיב לב, דאָס הייסט, אַז מ׳טוט אַ זאַך מיט אַ אידישער און חסידישער וואַרעמקייט און האַרציקייט, איז דאָן דאָ דער ושכנתי בתוכם, און דער אויבערשטער העלפט אויספירן און מכוון זיין צו דער כוונה עליונה.

(משיחות ש״פ ויקהל, תשי״א)

# פורים

א. אויף פורים שטייט בתורה — לשון הוראה[1] — וימי הפורים האלו לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם*[1].

דאָס הייסט, אַז די ענינים פון פורים זיינען אַ הוראה אויף כל הדורות, אויך אויף אַזאַ דור ווען ס׳זיינען ניטאָ קיין גזירות חס ושלום אַזוי ווי ס׳איז געווען דאַן, אָבער די ענינים ברוחניות פאַרלאַנגען אַזאַ הנהגה ווי די אידן האָבן זיך געפירט דעמאָלט, בימים ההם בזמן

1) מדרש רבה פ״ג-י״ד און ווייטער. זע תורה אור סוף פ׳ בראשית ח, ב. לקו״ת פ׳ ברכה צח, ג.

1) זהר חלק ג נג, ב.

*1) אסתר ט, כח.

הזה, אויף מבטל זיין גזירת המן.

דעמאָלט איז געווען אַ גזירה להש־מיד להרוג ולאבד את כל היהודים, רחמנא לצלן, און די גזירה איז געווען פון שושן הבירה, די הויפּט־שטאָט פון יענע צייטן, און אידן האָבן געטאָן כל מה שביכולתם אויף מבטל זיין די גזירה, ביז עס איז געוואָרן דער ונהפוך הוא.

און פון דעם אופן ההנהגה ווי די אידן האָבן זיך דעמאָלט געפירט, ווייס מען ווי צו פירן זיך בשעת עס זיינען פאַראַן די זעלבע ענינים אין רוחניות.

ב. בימים ההם איז אסתר געווען די מלכה, אחות יש לנו בבית המל־כות, און מרדכי איז געווען אַ יושב בשער המלך, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ משנה למלך. פונדעסט־וועגן בשעת עס איז געווען די גזירה און מ'האָט זיך זיכער געפּרוואווט אויף פאַרשידענע וועגן, איז פון דעם ניט אַרויס קיין תועלת און עס איז אַרויס דער פתשגן כתב הדת, דאַן האָט מען זיך גענומען צו גאָר אַן אַנדער עצה.

אַז מען האָט געהאַט אַ קרוב אין דער בירה ובית המלכות אַליין, מען האָט געהאַט די ענגסטע פאַרבינדונג אין בית המלך וואָס עס קאָן נאָר זיין, וואָרום אשתו כגופו דמיא [2], איז וואָס האָט מען געדאַרפט זוכן אַנדערע וועגן?

שטייט אָבער אין מדרש [3], אַז מרדכי האָט אָפּגעלייגט אַלע ענינים אויף אַ זייט, ער האָט צונויפגעע־קליבן צוויי און צוואַנציק טויזנט אידישע קינדער און זיך געזעצט מיט זיי לערנען תורה.

און געלערנט האָט ער מיט זיי אַן ענין וואָס האָט, על פי פשט הענין, ניט געהאַט כלל קיין שייכות מיט דעם מצב אין וועלכן די אידן האָבן זיך דאַן געפונען, און עס האָט ניט געקענט צוגרייטן צו קיין תכלית גשמית, ווי פרנסה וכדומה.

ג. אין אַ צייט וואָס עס איז גע־האַנגען אַ גזירה פון להשמיד להרוג ולאבד ח"ו, און דער בנין בית המק־דש איז דאַן געווען אָפּגעשטעלט, מען האָט ניט געוואוסט ווען מען וועט אים אָנהויבן צוריק בויען, און אחשורוש האָט גע'טענה'ט [4], אַז ס'זיי־נען שוין דורכגעגאַנגען די שבעים שנה פון גלות בבל און אלקיהם ישן הוא.

— אין משנת חסידים, וואָס ער איז מיוסד אויף כתבי האריז"ל, שטייט אַז המן וזרש ויועציו האָבן אויך געמאַכט דעם זעלבן חשבון וואָס אחשורוש —

אין יענער צייט האָט מרדכי גע־לערנט מיט די קינדער הלכות עומר, וואָס פון דעם קען מען ניט זיין קיין רב, קיין שוחט, קיין מלמד, קיין משגיח, אַפילו אויף פסק'נען הלכה למעשה איז דאָס אויך ניט געווען נוגע, וואָרום דער בית המקדש איז ניט געווען בבנינו, דער בית המקדש איז געבויט געוואָרן, לאחרי ההפסק, פיר יאָר נאָך גזירת המן, און דאָס איז ניט געווען נוגע צו הלכה למעשה, נאָר מען האָט גע־לערנט תורה לשמה.

2) ברכות כד, א. בכורות לה, ב.

3) אסתר רבה פ"ט, ד.

4) מגילה יא, ב.

ד. מרדכי האָט ניט געזוכט אויפצושטעלן דוקא גאונים און רשכבה״ג׳ן, נאָר ער האָט געלערנט מיט אידישע קינדער פשוט׳ע דינים פון הקרבת העומר.

און די תורה האָט מבטל געווען גזירת המן. ווי די גמרא זאָגט[5], אַז המן איז דורכגעגאַנגען און געזען ווי מרדכי דער ראש פון סנהדרין זיצט און לערנט מיט קליינע קינדער תורה לשמה, ער איז דאָס ניט מבטל און ווערט אינגאַנצן ניט נתפעל פון דער גזירה להשמיד להרוג ולאבד ח״ו, נאָר אים איז נוגע די צוויי און צוואַנציק טויזנט אידישע קינדער, האָט המן דעמאָלט געוואוסט אַז דאָס איז זיין מפלה, אַז מען האָט אים מנצח געווען.

דאָס האָט מבטל געווען די גזירה.

דערנאָך, בכדי אָנצוטאָן דאָס בדרכי הטבע, האָט אסתר גערעדט מיט אחשורוש׳ן, און אויך בכדי עס זאָל זיין דער הפה שגזר הוא הפה שהתיר עס זאָל זיין דער ענין פון ונהפוך הוא און דער ורבים מעמי הארץ מתיהדים.

ה. די הוראה פון דעם על כל בני ישראל ועל כל הזמנים איז:

אַל תבטחו בנדיבים בבן אָדם שאין לו תשועה[6], וואָס ער אַליין דאַרף האָבן אַ תשועה און האָט איר ניט. בשעת מען וויל מבטל זיין אַ גזירה שבגלוי, על אחת כמה וכמה אַ גזירה שבהעלם והסתר, איז דער וועג וואָס מען דאַרף טאָן איז דאָס דער וועג אַזוי ווי מרדכי האָט געטאָן בימים ההם, און דערנאָך קען מען צושטעלן אויך ענינים בדרכי הטבע, בכדי צו געבן דעם יצר הרע אַ מקום לטעות, ער זאָל קענען פּרוּוון איינריידן אַז עס איז ניט קיין נס נאָר טבע.

דאָס איז אָבער מער ניט ווי אַ שפּעטערדיקער ענין, בכדי צו מכסה זיין דאָס בדרכי הטבע. די ערשטע זאַך אָבער איז צונויפקלייבן אידישע קינדערלעך און לערנען מיט זיי תורה און דאָס זאָלן טאָן אפילו די וואָס זיצן ראשונה בסנהדרין. דאָס איז די ערשטע זאַך און דאַן קען העלפן ריידן און משתדל זיין זיך בשושן הבירה.

ו. ועל דרך המבואר בענין וברכך הוי׳ אלקיך בכל אשר תעשה, בענין הפרנסה. דער עיקר איז וברכך הוי׳ אלקיך, נאָר בכדי אָנצוטאָן אין דרכי הטבע דאַרף מען האָבן דעם בכל אשר תעשה. הגם אַז מען דאַרף טאַקע מאַכן כלים בכדי אָנצוטאָן אין טבע, איז ווען קען דאָס העלפן, דוקא ווען עס איז דאָ די ברכה מלמעלה.

בשעת מען טוט גאָרניט, אַז די ברכה זאָל זיין בשרשה ומקורה, במילא פעלט אין דעם וברכך הוי׳ אלקיך — ניט צו קיינעם גערעדט — איז וואָס איז די תועלת וואָס ער וועט עפענען אַ קאָנטאָ אין באַנק און אָנשטעלן אַ גרויסע קעשענע, מען דאַרף דאָך פריער האָבן וואָס צו אַריינלייגן, — די ברכה מלמעלה.

וכמו כן וכל שכן בנידון דידן. מען דאַרף האָבן עס זאָל זיין דער וברכך הוי׳ אלקיך אויף מבטל זיין די גזירה, וואָס דאָס איז דורך חינוך פון אידישע קינדער, מען זאָל אויפ־

5) זע מגילה טז, א.
6) תהלים קמו, ג.

שטעלן אַ דור ישרים יבורך דורך דעם אופן החינוך ווי מען דאַרף — און דאַן קען העלפן דער אשר תעשה, אַז דאָס וועט זיין כלים ראוים לברכת הוי׳ אויף מבטל זיין די גזירה.

ז. און דאָס איז די הוראה פון ימי הפורים אויך בזמן הזה, בכל יום ויום. צו יעדן אידן בנוגע זיינע קינדער, ועל אחת כמה וכמה צו די וואָס די השגחה העליונה האָט זיי געגעבן דעם כוח ההשפעה אויף משפיע זיין אויף כמה וכמה אידן וואָס זיי זיינען בנים להוי׳ אלקינו, דאַרפן זיי אויסנוצן זייער השפעה אַז דער לימוד זאָל זיין ביראת שמים, וואָס דורך דעם וועט זיין אַ דור ישרים.

און אַז עס וועט זיין אַ דור ישרים, דעמאָלט וועט זיין יבורך, אַז זיי וועלן געבענטשט ווערן מיט אַלץ וואָס זיי דאַרפן.

און דורך זיי ווערן אויך געבענטשט זייערע עלטערן און קרובים, און דורך דעם אויך כלל ישראל בכל מקום שהם.

ח. און אַזוי ווי דעמאָלט איז דורך דעם וואָס מרדכי איז געזעסן במקום אחד און געלערנט מיט אידישע קינדער הלכות פסוקות פון תורה, האָט עס מבטל געווען גזירת המן אין אַלע מאה ועשרים ושבע מדינות וואָס איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט.

אַזוי אויך איצטער, בשעת מען וועט לערנען מיט קינדער תורה ביראת שמים, וועט דאָס מבטל זיין אַלע גזירות, און ברענגען צום ונהפוך הוא, אַז ישלטו היהודים המה בשונאיהם,

וואָס דער הויפּט־שונא איז דער יצר הרע, וועט מען אים מנצח זיין כל אחד לפי ערכו.

און דאָס וועט אַראָפּברענגען די גאולה השלימה והאמיתית, וואָס דעמאָלט וועט זיין ולא ילמדו עוד איש את רעהו, כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם [7].

(משיחת פורים, תשט״ז)

ט. די מצוות פון משלוח מנות און מתנות לאביונים אין פורים, זיינען אַזעלכע ענינים וואָס שטעלן זיך אויס נאָר דורך דער התאחדות און פאַראייניקונג [8] פון איין אידן מיט אַ צווייטן, וואָס דאָס איז אַ תיקון אויף דעם קטרוג וואָס עס איז דאַן געווען אויף אידן, אַז ישנו עם אחד מפוזר ומפורד, אידן וואָס זיינען אַן עם אחד זיינען ח״ו מפורד און צעטיילט איינער פון דעם צווייטן, אויף דעם זיינען די מצוות פון משלוח מנות און מתנות לאביונים צו באַווייזן און פאַרשטאַרקן די פאַראייניקונג פון אידן.

גאָר באַזונדערס דריקט זיך אויס די התאחדות פון אידן דורך דער מצוה פון מתנות לאביונים, ווייל משלוח מנות איז נאָר לרעהו, צו זיין חבר וואָס איז גלייך מיט אים, אָבער מתנות לאביונים איז דאָך צו אַן אביון אין אַלעמען אין גשמיות און אין רוחניות, וואָס דאָס איז דאָך דער טייטש פון אביון — תאב לכל דבר [9], אַז אים פעלט אין יעדער

---

7) ירמי׳ לא, לג.

8) ראה מנות הלוי על מגילת אסתר — להר״ש אלקבץ — ט, טז. כ (ואילך).

9) ויקרא רבה פל״ד, ו. מדרש משלי כב. רש״י דברים טו, ד.

ענין, און דאך פאראייניקט מען זיך מיט אים און מען גיט אים מתנות.

דערפאר זאגט דער רמב״ם[10] אז עס איז א מצוה להרבות אין מת־נות לאביונים, ווייל אויב עס גע־פינט זיך א איד וואס אים פעלט וואס ער ווייס פון אים און דאך פארבינדט ער זיך ניט מיט אים פעלט דאך ח״ו אין דער התאחדות פון אידן.

און ווייל די צוויי ענינים משלוח מנות און מתנות לאביונים זיינען אזוי שטארק נוגע פורים, דערפאר זיינען זיי לייכטער אויסצופירן ווי די אנדע־רע ענינים, ווי דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט אין דער בריאה בכלל, אז די ענינים וואס זיינען מער לעבנס־נויטיק זיינען לייכטער צו באקומען[11], ווי צ. ב. קליידער איז טייערער ווי שפייז, און לופט וואס אן דעם קען מען אינגאנצן ניט עקזעסטירן געפינט זיך דאס אומעטום און געגעב־לעך פריי.

י. מישט זיך אבער אריין דער יצר הרע און מאכט אז דוקא די צוויי ענינים וואס זיינען אזוי שטארק נוגע פורים, זאלן זיי זיין מער פארנאכלעסיקט, און ספעציעל ביי יוגנטלעכע און קינדער וואס באמת מצד חובת החינוך האט מען דאך געדארפט אויף די קינדער וואס זיי־נען נאר בלויז אין עלטער פון חי־נוך, מחנך זיין אויף מקיים צו זיין משלוח מנות און מתנות לאביונים און מכל שכן די וואס זיינען שוין בני מצוה און בנות מצוה.

דעריבער דארפן די אלע וואס האבן א השפעה, און בפרט די וואס פאר־נעמען זיך מיט חינוך, מעורר זיין די יוגנטלעכע בני און בנות מצוה און אפילו די וואס זיינען נאר בלויז אין עלטער פון חינוך, אז זיי זאלן זיך ניט פארלאזן אויף די דעות אז מען קען אין געוויסע פאלן יוצא זיין די אויבנדערמאנטע מצוות מיט דעם פאטערס געבן א. א. וו. נאר זיי זאלן אליין מקיים זיין משלוח מנות און מתנות לאביונים, און זיי אנווייזן ווי לייכט דאס איז מקיים צו זיין ווייל מיט א שטיקל קעיק און סאדע־וואסער איז מען מקיים משלוח מנות און מיט געבן צוויי פעניס צו צוויי ארעמעלייט, צו יעדער איינעם א פעני, איז מען מקיים מתנות לאביונים.

און בזכות זה וועט דער אויבערש־טער געבן מנות לרעהו צו די וואס ווערן אנגערופן אחים ורעים להקב״ה, און אויך אפילו צו די וואס זיינען אביונים אין רוחניות[12] וועט השי״ת געבן מתנות.

(משיחות ש״פ ויקהל, תשכ״ב)

יא. ...מ׳זוכט צו אנהאלטן און צו אויפשטעלן די אלטע מנהגים.

אויב מ׳וואלט געהאט ברייטע פליי־צעס, עינים לראות ואזנים לשמוע, לב להבין ומוח להשכיל — דאן וואלט מען ניט זיין מוכרח נוצן דוקא די דרך סלולה, מ׳וואלט קענען גיין אויך אויף נייע וועגן און צוקומען צו דער מטרה, לעלות בית א־ל. אויב אבער די זאכן פעלן, מוז מען גיין אויף די וועגן וואס מ׳האט אויסגעטראטן פאר אונז. דעמאלט

10) סוף הלכות מגילה.

11) ראה מים רבים תרל״ו בתחלתו.

12) ראה פרי עץ חיים שער פורים פ״ו. ויקרא רבה פ״ל, יב.

גייט מען אויף דער אחריות פון די וואָס האָבן אָנגעוויזן און אויסגע־טראַכטן די וועגן און אויף זייערע פּלייצעס, און דערפאַר זוכט מען אויפ־שטעלן די הנהגות, אויב אַפילו, מצד כמה טעמים, זיינען זיי נפסק גע־וואָרן לזמן מה.

דער רבי (מהורש״ב) נ״ע פלעגט קלייבן געלט (אָדער הייסן זיך מתנ־דב זיין) — בעת אַ פאַרברענגען — דריי מאָל אַ יאָר: שמחת תורה, י״ט כסלו און פורים. שמחת תורה פלעגט ער קלייבן פאַר תומכי תמימים, פו־רים — פאַר זיינע ענינים (מוסדות, תמיכה לאנשים פרטים וכיוצא בזה), און י״ט כסלו פאַר ביידע זאַכן[13].

אַזוי ווי דאָס אַלץ איז פאַראַן אויך איצטער און די הצטרכות איז נאָך גרעסער, זאָל זיך יעדער איינער יעצט משתתף זיין אין דעם. דורך דעם, איז לבד מעלת הצדקה בכלל, וואָס עס ברענגט הצלחה אין גש־מיות, ווי עס שטייט עשר בשביל שתתעשר, און אין רוחניות, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין תורה אור[13*], אַז דורך מצות הצדקה איז נעשים מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה. — און פון דעם צמח צדק'ס הגהה[14] איז מובן, אַז דער לשון אלף איז ניט על דרך רגילות וגוזמא, נאָר טאַקע אלף ממש —

לבד זאת איז אַז מען גיט דאָס אויף די ענינים וואָס דער רבי נ״ע פלעגט קלייבן און אין דעם זמן וואָס ער פלעגט דאָס קלייבן, וואָס דאַן איז אַן עת רצון וסגולה אין דעם, ברענגט דאָס תוספת ברכה און הצלחה, און מען קען קומען צום רבי'ן נ״ע און מאָנען, ער זאָל ממשיך זיין אַלע הבטחות בפועל.

אין חדשים איז פאַראַן אַ חילוק פון דעם ערשטן האַלבן חודש מיטן צווייטן[15], אָבער די ענינים פון פו־רים, שטייט דאָך והחדש אשר נהפך להם גו׳, ד. ה. אַז דער ענין פון ונהפוך הוא גו׳ מיט אַלע ענינים וואָס אין פורים, מיגון לשמחה ומאבל ליו״ט, איז פאַראַן דעם גאַנצן חודש אדר[16]. ובמילא איז די אַלע וואָס זיינען דאָ, זאָלן שרייבן צו זייערע קרובים, פריינט און באַקאַנטע, אַז במשך פון דעם חודש קענען זיי זיך משתתף זיין, און דאָס וואָס מען גיט דעם חודש — גייט דאָס אַריין אין דער קופּה פון פורים.

כל המשתתפים, סיי על אתר סיי די וואָס וועלן זיך משתתף זיין שפּעטער, קענען זיי אָנשרייבן אויף אַ צעטל שמם[17] ושם אמם[18] וה־סכום שמנדבים, וועט מען דאָס לייע־

---

13) זע שיחת יט כסלו שנת פר״ת (תורת שלום עמוד 243).

13*) בראשית בתחלתו.

14) געדרוקט אין לקוטי תורה לג׳ פרשיות דף ג ע״א (אוה״ת בראשית כרך ו׳ תתרכו, ב).

15) שו״ת המיוחסות לרמב״ן סרפ״ג. שו״ע יורה דעה סקע״ט ס״ב. רמ״א אהע״ז ססי״ד ס״ג.

16) זע תענית כט, א: משנכנס אדר כו׳ ולמצי׳ נפשי׳ באדר — אַראָפּגעבראַכט אין מגן אברהם סימן תרפו סק״ה (יעויין שו״ת חתם סופר או״ח סימן קס. ונימוקי אורח חיים לסימן תרפו שהקשה עליו). שדי חמד אס״ד מערכת חתן וכלה ס״ק כא ד״ה ולפני איזה (וכן ראיתי נוהגין).

17) זע שולחן ערוך רבינו הזקן סימן קיט סעיף ג.

18) זע זוהר חלק א פד, א. שבת סו, ב. פנים יפות סוף פרשת בהעלותך. דברי תורה (להמנח״א) מהד״ת ס״ה.

נען על ציון הקדוש פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס דאס וועט מעורר וממ־שיך זיין תוספות ברכה והצלחה לכל אחד ואחת בכל המצטרך להם ולבני ביתם בגשמיות וברוחניות.

(משיחת פורים, תשי"ג)

# חג הפסח

**א. קדש ורחץ.**

עס זיינען פאראן די סימנים פון קדש ורחץ, וואס כפשוטו איז דאס צו פארלייכטערן מען זאל געדענקען וואס מען דארף טאן. אבער פונדעסט־וועגן זעט מען דאך אז ס'איז דא עפעס אן ענין אין דעם, ווארום אין די סימנים איז פאראן כמה נוסחאות, און דער אלטער רבי אין סדור איז מעתיק דעם נוסח דוקא ווי עס שטייט בפרי עץ חיים [1] ובס־דור האריז"ל, ווארום דער נוסח איז מתאים לפי אמיתת הענין.

אין דעם סימן (לפי נוסח רבנו הזקן) זיינען פאראן פופצן ווערטער, אויסער דעם ווארט נרצה.

— דער ווארט נרצה רעכנט זיך ניט, ווייל דאס איז דאך ניט קיין ענין פון עבודה, נאר דאס איז א הבטחה, אז בשעת ער טוט אפ די אלע פופצן ענינים, איז ער מובטח מלמעלה למטה אז — נרצה. וואס דערפאר איז דאך דער ווארט נרצה וויזט ניט אן א געוויסן ענין וואס דער אדם דארף טאן, אזוי ווי די פריערדיקע סימנים. נמצא אז אין דעם ענין העבודה זיינען פאראן פופצן ווערטער —

וואס דאס איז בגימטריא י"ה שבשם הוי', די"ה הוא בחינת חכמה ובינה, וואס דאס איז מוחין. און אזוי ווי אין די ספירות העליונות איז דאס בחינת מוחין, אזוי איז אויך בעבו־דת האדם, מיינט דאס עבודת המוחין.

וואס כאטש אז פסח איז דער ענין פון אמונה וקבלת עול, אבער פונ־דעסטוועגן מאנט דאך תורת החסי־דות, אז אלצדינג זאל זיין בהבנה והשגה דוקא, און אפילו די ענינים שלמעלה מן הדעת וואס מען קען זיי ניט נעמען מיט טעם ודעת נאר מיט קבלת עול דוקא, אויך דאס מאנט חסידות זאל מען פארשטיין מיט שכל, ווי מיט שכל קען מען עס ניט נעמען, און מען מוז דאס נעמען למעלה מטעם ודעת.

דאס הייסט אז הגם טאקע עס איז קבלת עול, אבער דאס גופא דארף זיך דערהערן דורך השגה, י"ה, וואס יו"ד איז חכמה און אין אים איז פאראן אויך דער קוצו של יו"ד, ווי דער רבי זאגט אין די מאמרים [2], אז אין קטנות אבא שטייט גדלות אבא.

**ב. מעשה בר"א כו'.**

מען האט פריער גערעדט אז דאס וואס ביי איינעם הייסט עשירות קען ביי א צווייטן הייסן עניות, וואס דאס איז דער ענין פון בכל מאדך, מאד שלך. דערמיט וועט מען פאר־

1) שער חהמ"צ פ"ז.

2) דחג הפסח ה'תש"ז (סה"מ תש"ז).

שטיין די מעשה ברבי אליעזר כו׳ עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם, רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית.

וואס דא איז מוקשה, די אלע וואס ער רעכנט דא זיי אויס, פון רבי אליעזר ביז רבי טרפון זיינען זיי אלע געווען נשמות גבוהות און געפירט זיך דא למטה אזוי ווי למעלה, איז בשעת אז הגיע זמן ק"ש של שחרית, האט זיך געדארפט פילן ביי זיי אז ס׳איז די צייט פון ק"ש, איז צוליב וואס האט געדארפט זיין עד שבאו תלמידיהם?

וביותר יוקשה, ווי ס׳איז פאראן דער פירוש אין חסידות, אז מספרים איז מלשון אבן ספיר, אז דורך זייער סיפור ביציאת מצרים האבן זיי ליכטיק געמאכט, וואס מצד דעם, האבן תלמידיהם דערפילט אז ס׳איז שוין שחרית, היינט לפי זה יוקשה ביותר, אויב דאס האט גע׳פועל׳ט אויף תלמידיהם, איז ביי זיי אליין האט אודאי געדארפט ווערן ליכטיק?

ג. ועל פי דנ"ל יובן. ווארום זייערע כלים זיינען געווען א סך גרעסערע פון די כלים פון זייערע תלמידים, און דער אור וואס זיי האבן ממשיך געווען דורכן סיפור ביציאת מצרים, איז לגבי תלמידיהם, האט עס שוין געהייסן שחרית, ליכטיק, ווילע זייערע כלים זיינען געווען פול מיט אור. מה שאין כן לגבי זייערע כלים, איז נאך ניט געווען גענוג אור, זיי האבן ערשט געהאלטן ביי יציאת מצרים, ארויסגיין פון מצרים וגבולים.

אבער פונדעסטוועגן, וויבאלד אז זיי האבן גע׳פועל׳ט אין זייערע תלמידים אז ס׳איז געווארן ביי זיי ליכטיק, איז בשעת מען פועל׳ט אור אין א צווייטן אידן, פועל׳ט דאס אויף זיך, וואס דאס איז באו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית, איר זאלט וויסן אז ביי אונז איז געווארן ליכטיק, ובמילא, אפילו אויב מצד אייערע מדריגות האלט איר ערשט ביי יציאת מצרים, אבער דורך דעם וואס איר האט גע׳פועל׳ט אור אין אונז, קענט איר אויך לייענען קריאת שמע של שחרית.

און דאס איז א הוראה פאר יעדן איינעם אז מען דארף טאן מיטן זולת, ארויסנעמען יענעם פון זיינע מצרים. הגם אז ידע בנפשי׳ אז ער אליין שטייט אין מצרים, קומט צוגיין דער „קלוגינקער" און זאגט דו האסט גענוג דיינע אייגענע מצרים, דארף מען וויסן אז דער אמת איז ניט אזוי, דורך דעם וואס מען העלפט א צווייטן אידן, גייט מען ארויס אויך פון די אייגענע מצרים.

(משיחות ליל ב׳ דחגה"פ, תשט"ו)

ד. וירד מצרימה אנוס על פי הדבור.

אויף דעם ויגר שם מלמד שלא ירד כו׳ אלא לגור, ברענגט דער בעל הגדה א ראי׳ שנאמר וכו׳, אבער אויף דעם וואס ער זאגט פריער וירד מצרימה אנוס על פי הדיבור ברענגט ער ניט קיין ראיות.

משמע דערפון, אז דאס איז א דבר פשוט ביותר, אז מען דארף גאר אויף דעם קיין ראיות ניט.

בכדי דאס צו פארשטיין, דארף מען מקדים זיין: וואס איז די כוונה פון דעם סיפור, אז ירידת יעקב

למצרים איז געווען באונס על פי הדיבור. אין פלוג מאי דהוה הוה, צוליב וואָס דערציילט מען דאָס אונז און וואָס איז די הוראה פון דעם לעבודתינו עתה?

ה. דער פשט אין דעם איז:

אַז מען טראַכט זיך אַריין אין דעם איצטיקן מעמד ומצב, אַז מען געפינט זיך אין אַ חושך כפול ומכופל, קען מען דאָך אַריינפאַלן אין אַ יאוש און טראַכטן, ווי ווערט מען גאָר קומען צו דער גאולה, ובפרט ווי חסידות איז מבאר דעם עילוי פון ימות המשיח והגאולה — איז ווי ווערט מען קומען דערצו פון איצטיקן חושך הגלות.

אָבער דער אמת איז, אַז טיפער אַריינטראַכטנדיק אין דעם ענין, דאַרף גאָר ווערן די קשיא, ניט ווי ווערט מען קומען צו דער גאולה, נאָר אדרבה, ווי אַזוי קען גאָר זיין אַ גלות.

ו. עס איז דאָך בנים אתם להוי׳ אלקיכם[3], און ווי עס איז מבואר אין תניא[4] באריכות, כמשל הבן הנמשך ממוח האב.

און באמת איז דאָך אין המשל דומה לנמשל, וואָרום דער בן הגם ער איז נמשך ממוח האב, אָבער שפּעטער ווערט ער אַ מציאות לעצמו. עס איז דאָך בלויז ברא כרעא דאבוה[5], און ער איז ניט מחוייב למסור נפשו בעד אביו, חייך קודמין, ווייל ער איז אַ מציאות לעצמו, מה שאין כן אין נמשל, זיינען דאָך נשמות ישראל אַלעמאָל מיוחד מיטן אויבערשטן, אַז זיי זיינען איין זאַך[6].

במילא אַז אידן געפינען זיך אין גלות, איז דאָך דער אויבערשטער כביכול אויך אין גלות, כמאמר גלו לבבל שכינה עמהם[7].

איז דאָך באמת ניט פאַרשטאַנדיק, ווי איז דאָס מעגלעך אַז די אידן צוזאַמען מיט דעם אויבערשטן זאָלן זיך געפינען אין גלות, און אויב זיי געפינען זיך יאָ אין גלות — האָט דאָך דער גלות געדאַרפט נתבטל ווערן, דורך דעם וואָס דאָרטן געפינען זיך די אידן מיטן אויבערשטן?

ז. די קשיא איז מצד צוויי ענינים:

א) אויף דעם אויבערשטן, און אויך אויף אידן, — ווי איז שייך אויף זיי גלות?

ב) מצד דעם גלות. דער גלות איז דאָך הגבלה, וואָס דערפאַר ווערט דאָס אָנגערופן מצרים[8], מצרים וגבולים, דער אויבערשטער מיט אידן זיינען דאָך בלי גבול, היינט ווי קען גבול מקבל זיין אין זיך אַן ענין פון בלי גבול?

מען קען ניט אַריינשטעלן פּילא בקופא דמחטא אפילו בחלום[9], הגם ביידע זיינען מוגבלים, פונדעסטוועגן קען דער גבול פון קופא דמחטא ניט אַריינעמען אַ גרעסערן גבול פון דעם פּילא, מכל שכן אַז דער גבול פון גלות דאַרף אין זיך ניט קענען

---

3) דברים יד, א.

4) פרק ב.

5) יונת אלם רפ"ב ב: אמרו חכמים ברא כו׳. וראה תוס׳ ד"ה מקמי, יבמות ג, א.

6) ראה לקוטי תורה, דברים סב, א.

7) מגילה כט, א.

8) ראה בראשית רבה ספט"ז.

9) ברכות נה, סע"ב. ראה תורה אור כה, ג.

אַריינעמען דעם בלי גבול פון אויבערשטן און אידן.

וממה נפשך, אויב דער אויבערשטער כביכול און אידן געפינען זיך יאָ אין גלות, האָט געדאַרפט נתבטל ווערן מציאות הגלות.

ומה דאָך בשעת מחנה סנחרב האָט געהערט שירת המלאכים, וואָס מלאכים זיינען נידעריקער פון נשמות כידוע [10], זיינען זיי נתבטל געוואָרן ממציאותם [11], מכל שכן בשעת עס געפינען זיך נשמות ישראל וואָס זיינען איין זאַך מיטן אויבערשטן, האָבן דאָך געדאַרפט נתבטל ווערן אַלע הגבלות פון גלות.

ח. דער איינציקער תירוץ אויף דעם: דער אויבערשטער איז אַ כל יכול, און פאַר אים איז ניטאָ קיינע הגבלות און קיינע קשיות. ברצונו האָט ער אויפגעמאַכט דעם גלות און אַריינגעשטעלט זיך אַליין כביכול אין אים, און באופן אַז דער גלות, הגם ער איז ניט קיין כלי צו דעם וואָס עס געפינט זיך אין אים, בלייבט דאָך במציאותו.

אַז מען טראַכט זיך אַריין אין דעם, איז דאָך ניטאָ קיין קלער ווי וועט מען קומען צו דער גאולה. וואָרום באמת איז דאָך אדרבה דער גאַנצער ענין הגלות האָט ניט קיין אָרט אין שכל והשגה. עס איז מער ניט וויל כך עלה ברצונו יתברך, מצד אַ געוויסער כוונה, איז בשעת אַז די כוונה וועט זיך אויספירן און נשלם ווערן, וועט דאָך קומען די גאולה בדרך מאליו וממילא.

ט. און דאָס זאָגט דער בעל הגדה: וירד מצרימה אָנוס על פי הדיבור. דאָס וואָס יעקב אָבינו ירד אין גלות מצרים, האָט דאָס גאָר קיין אָרט ניט אין שכל, עס איז גאָר אָנוס על פי הדיבור, און פאַר דעם דיבור שלמעלה איז ניטאָ קיינע הגבלות, וואָרום ער איז אַ כל יכול.

און דאָס איז אַזאַ דבר פשוט, אַז ווען ניט על פי הדיבור האָט דער גאַנצער ענין הגלות קיין אָרט ניט, אַז מען דאַרף גאָר קיין ראיות ניט ברענגען אויף דעם.

און דאָס איז אַ הוראה אויך צו אונז בימינו אלה, אַז מען האָט ניט וואָס אַריינצופאַלן אין יאוש ח"ו, וויל באמת מצד מהות מעלת נשמות ישראל קענען זיי אויך איצטער ניט זיין אין גלות, וכנ"ל, מער ניט וואָס בכדי להשלים כוונת עבודת הבירורים איז וירד יעקב מצרימה, אָנוס על פי הדיבור.

י. פסח מצה ומרור.

מצד דעם אַריכות הענינים אין דער הגדה קען זיך דאָך פאַרלירן די נקודה, דערפאַר, בשעת מען האַלט שוין ביים סיום פון מגיד, זאָגט מען, וואָס איז די נקודה פון דער גאַנצער הגדה: פסח מצה ומרור.

די ענינים פון פסח מצה ומרור טיילן זיך פאַנאַנדער: מצה איז מדאורייתא [12], מרור — בזמן הזה — איז מדרבנן [13], און פסח איז דאָ מער ניט ווי אַ זכר, אַ זכר אויפן זמן הבית און אַ הכנה צו דער גאולה העתידה.

---

10) זע לקוטי תורה ריש פרשת בחוקותי ובכמה מקומות.

11) סנהדרין צה, ב.

12) שולחן ערוך אורח חיים לרבינו הזקן סימן תעה סעיף טו.

יא. דער ענין פון די דריי נקודות אין עבודה איז:

מצה וואָס איז מדאורייתא, מיינט דעם קיום פון דברים המחויבים, ד. ה. אַלע ענינים וועלכע שטייען אין שולחן ערוך: דאורייתא ודרבנן, אַלץ וואָס מען האָט מתקן געווען ביז די אחרונים. בקצרה, אַלע זאַכן וואָס מען איז מחוייב צו טאָן, וואָס דאָס אַלץ גייט אַריין אין ציווי מן התורה לא תסור[13].

מרור וואָס איז מדרבנן, מיינט דעם ענין פון אייגענע חומרות, גדרים וסייגים, וואָס ידע אינש בנפשי' אַז ער דאַרף טאָן די חומרות והידורים, בכדי ער זאָל ניט צוקומען, ח"ו, צו אַן איסור שמדאורייתא ודרבנן — עשו משמרת למשמרתי[14].

זכר לפסח, מיינט אַז ניט נאָר וואָס מען מוז מקיים זיין וואָס עס שטייט אין שולחן ערוך, און ניט נאָר וואָס מען דאַרף מהדר זיין אין דעם ולעשות סייג, נאָר אויך אַפילו עניני ודברי רשות לגמרי, דאַרף מען אויך דערפון מאַכן כלים צו אלקות.

יב. עס איז דאָך פאַראַן דער וואָרט[15]) פון רבי'ן, כ"ק מו"ח אדמו"ר נ"ע, אַז דערפאַר זאָגן מיר ניט — לפי נוסח חב"ד — חסל סידור פסח, ווייל חג הפסח ווערט נמשך שטענדיק.

דערפאַר איז בסיום ההגדה, זאָגט מען דעם סך הכל פון דער גאַנצער הגדה, די נקודות העיקריות פון דער עבודה וואָס מען דאַרף מיטנעמען אויפן גאַנצן יאָר, און דאָס זיינען:

מצה — טאָן וואָס מען איז מחוייב צו טאָן, מרור — באַוואָרענען דאָס און מהדר זיין אין דעם, פסח — מאַכן אויך פון דברי הרשות כלים צו אלקות, בכל דרכיך דעהו[16]).

וואָס דאָס איז די הכנה צו דער גאולה העתידה, אַז אויך אין גשמיות וועט זיך הערן ג-טלעכקייט, כמו שכתוב[17]) וראו כל בשר, אַז אויך דער בשר הגשמי וועט זען, כי פי הוי' דיבר.

(משיחות ליל ב' דחגה"פ, תשט"ז)

יג. לשנה הבאה בירושלים.

אַמאָל בעת אָפּריכטן דעם סדר האָט כ"ק מו"ח אדמו"ר דערציילט[18]), אַז זיין פאָטער, דער רבי נ"ע, האָט אין אָנהויב הגדה, אין דער פיסקא הא לחמא עניא, דעם ערשטן לשנה הבאה (באַרעא דישראל) געזאָגט דעם וואָרט הבאה, מלעיל, און דעם צווייטן לשנה הבאה (בני חורין) מלרע, אָבער אין דעם לשנה הבאה בירושלים איז ניטאָ קיין דיוקים פון מלעיל מיט מלרע, וואָרום דאָ איז דער עיקר אַז לשנה הבאה בירושלים. דאָס הייסט אַז עס דאַרף זיך ניט אָנהויבן לשנה הבאה, עס דאַרף זיך אָנהויבן איצטער, ובמילא וועט זיין לשנה הבאה בירושלים. און דער אויבערשטער זאָל געבן אַז דאָס זאָל זיין בקרוב בעגלא דידן, ולמטה מעשרה טפחים, זאָל מען פראַוועןפסח אין ירושלים צוזאַמען מיט משיח צדקנו.

(משיחות ליל ב' דחגה"פ, תשט"ו)

13) ראה רמב"ם הלכות ממרים בתחלתו.
14) יבמות כא, א.
15) לקוטי דיבורים ח"ג עמוד תכד.
16) משלי ג, ו.
17) ישעי' מ, ה.
18) זע ספר המאמרים ה'תש"י עמוד 185.

יד. צו דעם ענין וואס רעדט זיך אין מכתב כללי*) אז יעדן „טאג דארף א איד איבערלעבן און דורכ־מאכן יציאת מצרים (ווייל די „יציאת מצרים" פון נעכטן איז ניט גענוג פאר זיין מצב און דרגה (שטופע) היינט, און די „יציאת מצרים" פון היינט וועט ניט זיין גענוג פאר מארגן) — איז פאראן א הוספה:

מצוות ווערן אנגערופן לבושים, וכמאמר רז"ל[19]) על פסוק וידעו כי ערומים הם, מצוה אחת שהיתה בידן נתערטלו הימנה.

א משל פון תורה איז מתאים בכל הפרטים[20]).

אין לבושים זעען מיר, אז ווען א מענטש ווערט דערוואקסן, ווערט גרעסער, דארף ער זיי בייטן. אויב ער פארבלייבט אין די לבושים וועל־כע ער האט געטראגן פריער, איז ניט קוקענדיק אויף דעם וואס פרי־ער האבן זיי אים צוגעגעבן כבוד, כמאמר רז"ל[21]) ר' יוחנן קרי למאני' מכבדותי, איז היינט אבער, ניט נאר וואס זיי זיינען אים ניט מכבד נאר אדרבה, מען וועט נאך פון אים לאכן וואס א דערוואקסענער מענטש טוט זיך אן אין קינדערשע לבושים.

דאס זעלבע איז אויך בנמשל — בנוגע מצוות, וואס זיינען לבושים רוחניים. וואס דער מענטש וואקסט און ווערט גייסטיק גרעסער, דארף ער פארגרעסערן זיינע לבושים — מצוות. די „מאס" מצוות וועלכע ער האט מקיים געווען פריער, איז ניט גענוג צוגעפאסט צו זיין איצטיקן מצב.

טו. א איד האלט אין איין וואקסן, ווארום יעדן טאג איז ער דאך מקיים מצוות, וואס דורך יעדער מצוה ווערט ער העכער, הייליקער. און, באמת, איז דאס אן אומבאגרענעצטע עלי', ווייל א מצוה (לשון צוותא[22])) פארבינדט דאך דעם אידן מיט דעם אויבערשטן, וואס ער יתברך איז דאך בלי גבול.

און דערפאר קען ער זיך ניט באנוגענען מיט דער מאס מצוות וועלכע ער האט געטאן נעכטן, ווא־רום אפילו אויב נעכטן איז דאס געווען פאר אים גענוג און עס האט געהייסן יציאת מצרים, איז עס אבער פאר זיין היינטיקן מצב נאך אלץ — מצרים.

והדברים קל וחומר: מה דאך אין לבושים גשמיים, וואס דער גאנצער אונטערשייד פון א קינד צו א דער־וואקסענעם, און אפילו פון א תינוק בן יומו צו א זקן בן שבעים שנה, איז דאך א באגרענעצטער, פונדעסט־וועגן דארף מען די לבושים בייטן, היינט ברוחניות, וואס דורך א מצוה קען ווערן א שינוי ממהות למהות — מרשע גמור לבינוני, לצדיק וכו', אן אומבאגרענעצטע עלי', על אחת כמה וכמה.

(משיחת אחש"פ, תשח"י)

טז. אויף חודש ניסן שטייט[23]), החודש הזה לכם ראש חדשים, וואס דער עיקר פון ניסן איז חג הפסח, דאס הייסט אז פסח איז דער ראש

*) שיצא לאור לחג הפסח שנת ה'תשח"י. נדפס בהגש"פ עם לקוטי טעמים מנהגים וביאורים (בהוצאות תשמ"ו ושלאח"ז) ח"ב ע' תקפב.

19) בראשית רבה יט, ו. וראה תניא פרק ה. אגרת הקדש סימן ג ובכמה מקומות.

20) זע לקו"ש ח"א ע' 83.

21) שבת קיג, ב.

22) לקוטי תורה ריש פרשת בחוקותי ד"ה אם בחוקותי הא'.

23) שמות יב, ב.

השנה וואס פון אים ווערט נמשך על כל השנה, אויך אויף ראש השנה שבתשרי.

און דאס איז דער טעם וואס דעם ערשטן טאג פסח בענטשט מען טל. הגם אז בקשה אויף טל איז גאר שייך צו ווינטער, וואס דעמאלט זאגט מען ותן טל ומטר לברכה, פונדעסטוועגן בענטשט מען טל בפסח, ווייל פסח איז דער ראש השנה אויך אויף ראש השנה שבתשרי, ובמילא אויפן גאנצן ווינטער.

די נפקא מינה פון ר"ה שבתשרי ביז ר"ה שבניסן איז[24], אז דער ר"ה שבתשרי איז די המשכה כללית על כל השנה אויף די ענינים פון טבע, המשכה וגילוי אלקות וואס איז שייך צו עולם, ד. ה. וואס ס'איז בהגבלה לפי אופן העולם, ובמילא ווערט עס נתעורר דורך אתערותא דלתתא, און דער ר"ה שבניסן איז די המשכה כללית על כל השנה אויף די ענינים פון נסים, המשכת וגילוי אלקות וואס ס'איז העכער פון עולם, ענינים פון בלי גבול, ובמילא קען דאס ניט מכריח זיין קיין אתערותא דלתתא, נאר ס'איז אן אתערותא דלעילא מצד עצמו.

ועל פי זה יבואר פארוואס דוקא פסח בענטשט מען טל, ווי עס איז ידוע דער חילוק פון טל און מטר, אז מטר איז אן ענין וואס עס ווערט נמשך דורך עבודת הנבראים, מה שאין כן טל איז באתערותא דלעילא מצד עצמו, וואס דערפאר איז טל לא מיעצר[25], דערפאר איז בתשרי בענטשט מען גשם, ווארום דעמאלט איז די המשכה אויף ענינים וואס זיינען שייך צו עולם, און בניסן בענטשט מען טל, וואס טל לא מיעצר.

יז. מען האט געפרעגט ביי כ"ק אדמו"ר הצמח צדק, וועגן דעם יום טוב שביעי ואחרון של פסח, וואס מען זעט אין דעם צווי ענינים הפכיים: פון איין זייט איז דאס דער איינציקער יום טוב וואס מען מאכט ניט קיין שהחיינו, ולאידך גיסא איז די שמחה בשביעי של פסח ואחרון של פסח גרעסער פון א גאנץ פסח. האט כ"ק אדמו"ר הצ"צ גע־ענטפערט: דאס וואס אידן פראוועו די ערשטע טעג יום טוב פסח איז דאס צוליב דעם וואס דער אויבערש־טער האט גואל געווען אידן פון מצרים, און דאס וואס אידן פראוועו די לעצטע טעג פסח איז דאס מצד דער גאולה העתידה לבוא, ווארום אחרון של פסח איז פארבונדן מיט דער גאולה העתידה.

דערמיט וועט מען אויך פארשטיין וואס דער בעל שם טוב פלעגט עסן באחרון של פסח א סעודה שלישית און פלעגט עס רופן סעודת משיח[*25].

ווארום אויב מצד דעם וואס די הפטורה רעדט עס וועגן משיח'ן, איז ניט קיין טעם אויף קובע זיין א סעודה נוספת צוליב דעם, ובפרט אז די הפטורה איז דאך אינדערפרי, פאר סעודת יום טוב, נאר מען דארף זאגן, אז ביידע ענינים, סיי וואס מען איז מפטיר וועגן משיח'ן און סיי די סעודה המיוחדת קומען פון איין סיבה וענין.

24) זע אויך לקו"ש ח"א ע' 233 און ווייטער.

25) תענית ג, א.

*25) זע היום יום, כב ניסן.

ווייל אין פנימיות הענין איז אחרון של פסח פאַרבונדן מיט משיח'ן, און דערפאַר איז דער בעש"ט, וואָס ער האָט מגלה געווען רזי דאורייתא ורזין דרזין, האָט ער קובע געווען באחרון של פסח, משיח'ס סעודה.

מצד דעם וואָס אחש"פ איז פאַר־בונדן מיט משיח'ן, איז דערפאַר רוב מאמרי חסידות וואָס די רביים האָבן געזאָגט אחש"פ, ריידן זיך וועגן משיח'ן.

יח. און דאָס האָט געענטפערט כ"ק אדמו"ר הצ"צ, אַז שביעי של פסח ואחש"פ איז אַ שמחה גדולה, נאָר קיין שהחיינו מאַכט מען ניט, ווייל שהחיינו קען מען נאָר מאַכן אויף אַ שמחה נרגשת בבשר הלב, וואָס דאָס קען זיין נאָר בשעת מען זעט עס בעיני בשר, און וויבאַלד אַז די שמחה איז אויף גאולה העתידה, וואָס דערווייל איז זי נאָך ניט נראה, קען מען ניט מאַכן קיין שהחיינו, אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס אַ שמ־חה גדולה ביותר, מצד דעם גודל מעלה פון גאולה דלעתיד, וואָס זי איז אַ גאולה שלימה ואמיתית.

יט. פסח איז דאָך אַ הכנה צו שבועות, ווי עס שטייט[26]) בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, אַז יציאת מצרים איז אַ הכנה צו מתן תורה, און דער־פאַר איז פאַראַן כמה ענינים וואָס פסח און שבועות זיינען בדומה זה לזה.

איינע פון די ענינים איז, וואָס סיי ביי פסח און סיי ביי שבועות, ווערט אונטערגעשטראָכן די מעלה פון נשי ישראל. אויף פסח שטייט[27]) בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים, און ביי מתן תורה שטייט[28]), כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים, און ערשט שפּעטער ותגד לבני ישר־אל.

תאמר מיינט בלשון רכה און תגד מיינט דברים קשים כגידין. ווען קען מען ריידן מיט אנשים דברים קשים כגידין, בשעת מען איז פריער באַ־וואָרנט מיט די נשים, דורך דעם וואָס מען האָט גערעדט צו זיי בלשון רכה און ביי זיי האָט זיך דער ענין צוגענומען, דעמאָלט קען מען ריידן מיט די אַנשים דברים הקשים כגידין.

כ. אַ אידישע פרוי דאַרף וויסן אַז זי איז די עקרת הבית און די אויפפירונג פון הויז ווענדט זיך אין איר. ניט נאָר די אויפפירונג פון די קינדער, וואָס דאָס איז אַודאי אָפּהענ־גיק פון איר, וואָרום ביי איר ליגט דער הויז חינוך אין די הענט, נאָר אויך די אויפפירונג פון מאַן און פון דער הויז בכלל ווענדט זיך אין איר.

ובמילא, אויב זי וויל האָבן דעם תואר וואָס תורה גיט איר, עקרת הבית, און ניט פאַרקערט חס ושלום, דאַרף זי טאָן אין דעם אַז די הויז זאָל זיין אַ אידישע הויז. מען רעדט ניט נאָר וועגן ענינים פון שבת, כשרות, טהרה והדומה, וועגן דעם איז אָפּגערעדט, נאָר מען מיינט אַז אויך אין וואָכעדיקע טעג, אין טאָג טעגלעכן לעבן, דאַרף די הויז זיין

26) שמות ג, יב.

27) סוטה יא, ב.

28) מכילתא געבראַכט אין רש"י (שמות יט, ג). זע אויך שמות רבה פרשה כח, ב.

אַ אידישע הויז און אַ חסידישע הויז.

בשעת מען קומט אַריין אין שטוב דאַרף מען פילן אַז מען איז אַריינגע־קומען אין אַ חסידישער שטוב, און בשעת מענטשן גייען אַרויס פון הויז דאַרפן זיי פילן אַז זיי זיינען אַרויס פון אַ חסידישער הויז, און דאָס איז תלוי אין די נשי ובנות ישראל.

און בשעת די פרוי טוט דאָס, דעמאָלט איז זי די אמת'ע עקרת הבית, וואָס מצד דעם ווערט נמשך די השפעה בגשמיות, בבני חיי ומזוני רויחא.

(משיחת אחש״פ, תשמ״ו)

כא. עס שטייט אין חסידות, אַז בחדשי הקיץ איז גרינגער צו די־נען דעם אויבערשטן מער ווי בחדשי החורף.

דער טעם כפשוטו אויף דעם איז: יעדער יום טוב טוט דאָך עפּעס אויף, ווי מען האָט דאָס געזען בזמן הבית, וואָס שלש פעמים בשנה יראה, וכשם שבא ליראות כך בא לראות [29], אַז מען האָט געזען גילוי אלקות, וואָס דערמיט האָט מען געלעבט ביז דעם צווייטן יו״ט, און על דרך זה איז אויך דער ענין בזמן הגלות.

איז וויבאַלד אַז זומער זיינען די ימים טובים נענטער איינער צום צווייטן, ובמילא איז דאָך די הארה אַ שטאַרקערע, במילא איז דעמאָלט גרינגער צו דינען דעם אויבערשטן.

כב. דער פנימיות הטעם איז:

חדשי הקיץ גייען לויטן סדר פון חודש ניסן, המשכה מלמעלה למטה, וואָס דאָס איז דער חילוק פון תשרי מיט ניסן, וואָס תשרי איז חודש התשובה, חודש השופר ווי דער מדרש זאָגט [30] שפרו מעשיכם און דורך דעם איז תשרי ותשבוק לכל חוביהון, און ניסן איז נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב״ה, מלמעלה למטה.

איז הגם אַז ס'איז פאַראַן אַ מעלה אין סדר פון מלמטה למעלה, וואָס דורך דעם איז ער מער כלי צום אור און ס'איז מער בהתיישבות, אָבער פונדעסטוועגן איז בדרך מלמע־לה למטה פאַרט אַ גרעסערער אור, איז דער גילוי אור פועל'ט אַז דע־מאָלט איז גרינגער, וואָרום די שוועריקייטן קומען דאָך פון העלמות והסתרים, און בשעת עס לייכט דער אמת הוי' לעולם, פאַלן אָפּ אַלע העלמות והסתרים.

(משיחת ש״מ אייר, תשמ״ו)

# בהר

א. מלוה־מלכה איז דער פאַרבונד און דער איבערגאַנג פון שבת צו די ימי החול. דער טייטש פון מלוה מלכה איז דאָך — באַגלייטן (שבת, וואָס שבת הייסט מיטן נאָמען) מל־כה [1], איז דאָך דאָס — שייך צו שבת, און די מלוה־מלכה מאַכט

29) חגיגה ב, א.

30) ויקרא רבה פרשה כט. שוחר טוב פא, ה.

1) שבת קיט, א. ושם.

מען נאָך הבדלה[2]), אין דער וואָך וואָס נאָך שבת.

דעם שבת האָט מען געליינט פרשת בהר, וועלכע די תורה הויבט אָן און זאָגט אונז אָן וועגן מצות שמיטה: דעם זיבעטן יאָר זאָל די ערד רוען שבת לה׳. ד. ה. אַז דער זיבעטער יאָר איז אַזוי ווי שבת, און ווי רש״י שטרייכט אונטער „שבת לה׳ כשם שנאמר בשבת בראשית״, אַזוי ווי אין .טעג איז דעם זיבעטן טאָג דאַרף מען האַלטן הייליקער פון די פריערדיקע זעקס טעג, אַזוי אויך אין יאָרן, איז דעם זיבעטן יאָר דאַרף מען האַלטן הייליקער פון די פריערדיקע זעקס יאָר.

ביי אידן, איז אויך די זעקס וואָכעדיקע טעג און יאָרן, זיינען הייליק. אַלע טאָג, אויך אין וואָכן טאָג, דאַוונט מען, נאָכן דאַוונען לערנט מען, צי גמרא צי משניות, עין יעקב, חומש, עפּעס אַ שיעור תורה[3]), און אַפילו נאָכן דאַוונען און לערנען, בשעת מען גייט אַרויס אין וועלט, אין מסחר אָדער אויף אַ דזשאָב, איז אין מסחר דאַרף מען זיך אויסהיטן פון השגת גבול וכו׳, אויפן דזשאָב דאַרף מען זען אַרבעטן באמונה, און אַזוי אויך אַלע אַנדערע זאַכן פון טאָג טעגלעכן לעבן זיינען זיי ביי אידן דורכגעדרונגען מיט מצוות, מיט הייליקייט. בכל דרכיך דעהו[4]).

אָבער ביי אידן מאָנט מען אַז זיי זאָלן שטייגן, זיין נאָך העכער, דערפאַר איז בשעת עס קומט דער זיבעטער טאָג דאַרף אַ איד האַלטן אים הייליק, נאָך מערער ווי די הייליקייט בששת ימי החול, און אַזוי אויך בשעת עס קומט דער זיבעטער יאָר, איז ושבתה הארץ שבת לה׳, מען דאַרף דעמאָלט ניט האָבן צו טאָן מיט ערדישע זאַכן, אַגריקולטור, מ׳דאַרף אָפּגעבן די פּרייגעוואָרענע צייט[5]), אָפּגעבן זיך אויף ג־טלעכע זאַכן, הייליקע זאַכן.

און כאָטש די מצוה פון רוען פון ערד אַרבעט איז נאָר אין ארץ ישראל, איז אָבער דער אינהאַלט און מיין פון מצות שמיטה, אַז אין זיבעטן יאָר דאַרף מען זיך אָפּגעבן מערער מיט עניני קדושה, איז דאָ אויך אין חוץ לארץ. וואָרום די ערד פון חוץ לארץ איז ניט הייליק ווי די ערד פון ארץ ישראל, אָבער אַ איד וואו ער געפינט זיך, צי בארץ צי אין חוץ לארץ, איז ער הייליק. ובמילא — בשעת עס קומט שנת השמיטה, ווי הייַ יאָר וואָס איז שנת השמיטה, דאַרף מען זיך מערער שטאַרקן אין אידישן וועג און אָפּגעבן זיך מערער מיט ענינים פון קדושה.

ב. פאַראַן אַזעלכע וואָס ווילן ניט צוגעבן אַז תורה איז העכער פון שכל און ווילן דערקלערן די ענינים פון תורה נאָר לויט דעם מענטשלעכן שכל. זיינען זיי מסביר דעם טעם פון מצות שמיטה, ווייל דורך דעם וואָס מען באַאַרבעט כסדר די ערד ווערן אָפּגעשוואַכט אירע עלעמענטן, און דערפאַר האָט די תורה געהייסן אַז די ערד זאָל רוען איין מאָל אין זיבן יאָר, בכדי זי זאָל

---

2) זע ט״ז לשולחן ערוך אורח חיים סימן ש. געבראַכט אין שו״ע פון רבנו הזקן.

3) שו״ע או״ח סימן קנה.

4) שו״ע או״ח סימן רלא.

5) זע ספורנו (בהר כה, ב).

צוריק געשטאַרקט ווערן און אַרויס־געבן אַ סך פּרוכט. ובמילא, זאָגן זיי, היינטיקע צייטן דאַרף מען ניט „אָנקומען" צו שמיטה, ווייל ס'איז דאָ אַן אַנדער עצה, מאַכן פעט די ערד דורך גוטע פערטילאַייזערס.

האָט דאָס אָבער דער אויבערש־טער באַוואָרנט און געזאָגט, וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית ועשת את התבואה לשלש השנים. דער אויבערשטער גיט אַריין ברכה אין דער ערד אין דעם זעקסטן יאָר, אַז אין דעם יאָר זאָל די ערד אַרויס־געבן פּרוכט אויף דריי יאָר — אויפן זעקסטן, זיבעטן און אַכטן.

אויב דער טעם פון שמיטה וואָלט געווען אַ טבע'דיקער, בכדי די ערד זאָל ניט ווערן אָפּגעשוואַכט דורך באַאַרבעטן, דאַן האָט דאָך די ברכה געדאַרפט זיין ניט אין דעם זעקסטן יאָר, ווען די ערד איז אָפּגעשוואַכט ביותר — נאָר אין די פריערדיקע יאָרן [6].

דאָס איז אַ קלאָרע ראַי', אַז אויב אַ איד האָט בטחון אין אויבערשטן, און ער זאָגט לא נזרע, ער פאָלגט אויס וואָס דער אויבערשטער הייסט, דאַן גיט דער אויבערשטער אַריין זיין ברכה, אַז אין דער צייט ווען די ערד איז אַמשוואַכסטן, זאָל זי אַרויסגעבן פּרוכט דריי מאָל אַזוי־פיל, ווי אין דעם בעסטן יאָר, ווי אין דעם ערשטן יאָר אַפילו.

און ווי געזאָגט פריער, אַז דער אינהאַלט פון מצות שמיטה איז דאָ אויך אין חוץ לארץ, איז אויך דער וצויתי את ברכתי פאַראַן אין דעם.

בשעת אַ איד מאַכט אַ חשבון, איך דאַרף דאַווגען, לערנען, געבן צדקה, אויסהאַלטן ישיבות און בתי מדרשים א. אַ. וו. היינט ווי אַזוי קען איך גיין אין קאָמפּעטישן מיט אַ ניט־אידן וואָס דאַוונט ניט, לערנט ניט, גיט ניט קיין צדקה, און מנצח זיין.

אויף דעם איז דער אַנזאָג פון שמיטה: טוט מען וואָס דער אויבערש־טער פאַרלאַנגט, האָט מען זיין ברכה, אַ ברכה ניט נאָר אין עולם הבא, נאָר אויך אין עולם הזה.

ג. ענלעך צו דעם איז אויך דער ענין פון מלוה מלכה.

בשעת עס קומט נאָך שבת, עס זיינען אַדורך פיר־און־צוואַנציק שעה אין וועלכע מען האָט ניט געטאָן קיין ביזנעס, און מען דאַרף גיין אין קאָמפּעטישן מיט אַזאַ וואָס היט ניט קיין שבת, וואָס, על פי טבע, איז אַ טאָג מער געאַרבעט — אַ וועג אויף האָבן מערער דאָלאַרס אויפן קאָנטאָ אין באַנק.

זאָגט דער אויבערשטער: אל תירא עבדי יעקב. אויב דו ביזט עבדי, האָסטו ניט וואָס צו מורא האָבן, איך וועל דיר אַלץ פאַרזאָרגן.

בשעת איינער האָט אַן עבד איז דער דין (אויך אַ מצוה אין דער זעלבער פרשה — פרשת בהר) אַז דער בעל־הבית דאַרף אים פאַרזאָרגן, אים און זיין פאַמיליע. דער עבד דאַרף טאָן זיין אַרבעט וואָס דער בעל־הבית הייסט אים, און מיט פּרנ־סה וועט אים שוין דער בעל־הבית פאַרזאָרגן. אַזוי אויך אידן, בשעת ס'איז עבדי יעקב, מען טוט וואָס דער אויבערשטער וויל, פאַרזאָרגט

---

6) זע כלי יקר דאָרט.

ער מיט אַלץ וואָס מען דאַרף, סיי אין רוחניות, סיי אין גשמיות.

דאָס אַלץ ווערט אונטערגעשטראָכן ווען אידן קלייבן זיך צונויף פראַווען מלוה־מלכה בשמחה. ס'איז דורך אַ טאָג אין וועלכן מען האָט קיין הכנ־סה ניט געהאַט, אדרבה, ס'זיינען נאָך געווען פאַרשידענע הוצאות שבת, אויף אַ מי שברך ביי אַן עלי׳, אַן אורח צום קידוש וסעודה, א. א. וו.

קומט מוצאי שבת, מאַכט אַ איד בורא מאורי האש, ער ווייס אַז פּאַטש אין גאַס איז פינסטער האָט ער בכוח צו מאַכן ליכטיק,

— עס ווערט דערציילט אין מד־רש [7], אַז דעם ערשטן מאָל ווען אָדם הראשון האָט געזען אַז ס'איז געוואָרן פינסטער, האָט אים דער אויבערשטער אַריינגעגעבן אַ געדאַנק ער זאָל רייבן צוויי שטיינער באַנאַנד און מאַכן ליכטיק, האָט ער דאַן געזען אַז אַ מענטש האָט בכוח צו מאַכן ליכטיק אויך ווען אין וועלט איז פינסטער. —

און פראַוועט מלוה מלכה בשמחה, זאַגנדיק, טראַכטנדיק דערביי — אַל תירא עבדי יעקב [8], גלויבנדיק (און דערנאָך — במשך דער וואָך — זעענדיק) אַז דער אויבערשטער פאַר־זאָרגט אים מיט פרנסה, געלט כפשו־טו, און דער עיקר, אַז די געלט גייט אַוועק אויף פריילעכע זאַכן און גוטע זאַכן.

ד. דער אויבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט פאַרגרעסערן די אַקטיווי־טיס פון מלוה־מלכה בשמחה ובטוב לבב, און ער זאָל געבן הצלחה אין אייער אַרבעט בכלל, און יעדער איי־נעם בפרט.

איר זאָלט שטאַרקן און פאַרגרע־סערן אַלע גוטע ענינים פון ניו־היזוען, ניט פאַרגעסן דערביי אויף די מוסדות ליובאַוויטש דאָרט, און אַז גאָר אין גיכן זאָל משיח [9] פירן אונז אין ארץ הקדושה, געזונטער־הייט און פריילעכערהייט, במהרה בימינו.

גיט איבער אַ גערוס צו אַלע אידן פון ניו היזוען, און זעט אַז וואָס מערער אידן זאָלן נעמען אַן אַנטייל אין די מלוה־מלכה'ס, און אַז אויך ביי זיי זאָל זיין דער „אל תירא עבדי יעקב", דער אויבערשטער זאָל זיי געבן אַ סך פרנסה אין רוחניות און אין גשמיות.

(שיחת ט"ז אייר, תשי"ט לחברי מלוה־מלכה דניו היזוען)

ה. מען האָט שוין גערעדט פיל מאָל, אַז דאָס וואָס תורה ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען „תורה", איז צו באַווייזן אויף איר אינהאַלט, אַז זי איז אַ הוראה [10], אַן אָנווייזונג צו אידן ווי צו פירן זיך אין טאָג טעגלעכן לעבן.

אין דער פרשה פון תורה וואָס מען האָט אָנגעהויבן היינט לייענען, איז די ערשטע מצוה: דער אויבערש־טער זאָגט אַז אידן ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים, אַז בשעת מען וועט אַריינגיין אין ארץ ישראל און באַאַרבעטן די הייליקע לאַנד, איז

7) פסחים נד, א. מדרש תהלים צב.

8) זע לקוטי תורה בלק עב, ב.

9) זע פרי עץ חיים סוף שער השבת דסעודת מוצאי שבת היא סעודת דוד מלכא. ובאליהו רבה סי' ש ובס' ערכי הכינוים (לבעל המחבר ספר סדר הדורות, מערכת לוז) דמסעודה זו נהגה עצם לוז שבאדם, עצם שממנו יתחדש האדם לעת התחי'.

10) זוהר חלק ג נג, א.

זעקס יאָר זאָל מען איר בעאַרבעטן, און דעם זיבעטן יאָר דאַרף די ערד רוען — ושבתה הארץ שבת לה׳ (די ערד זאָל האָבן אַ רו יאָר, אַ שבת צוליב׳ן אויבערשטן).

דער סדר אין פסוק איז אָבער — פאַרקערט. די ערשטע זאַך וואָס דער פסוק זאָגט אָן איז — ושבתה הארץ שבת לה׳, און ערשט דערנאָך זאָגט ער: שש שנים תזרע שדך גו׳ (זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין פעלד א. אַ. וו.).

דער סדר אין תורה איז אויך תורה[11]) — אַ הוראה.

די הוראה פון דעם איז[12]): דער שבת לה׳, שמיטה דער זיבעטער יאָר, אַזוי אויך שבת דער זיבעטער טאָג, ווירקט און גיט כוח אין די פריערדיקע זעקס אַרבעטס יאָר, אין די פריערדיקע זעקס אַרבעטס טעג.

דאָס איז אויך אַן ענטפער אויף דעם וואָס אַנדערע — ניט אידן און אויך מאַנכע אידן[13]) — פרעגן: ווי קען מען אַרבעטן זעקס יאָר און זעקס טעג און פירן זיך על פי תורה, בשעת אַז די אַרומיקע סביבה פון ניט אידן איז פיל שטאַרקער און מערער, ובפרט אַז אידן זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן צו פירן זיך אין אַלע ענינים לויט די אָנווייזונגען און באַגרענעצונגען פון תורה, וואָס ניט־אידן האָבן זיי ניט, איז ווי קען מען זיך פאַרמעסטן מיט דער אַרומי־קער וועלט?

11) זע פסחים ו, ב. של״ה חלק תורה שבעל פה, כלל לשונות בתחלתו.

12) זע לקוטי תורה ריש פרשת בהר, ספורנו שם.

13) ראה מפרשים על הכתוב וכי תאמרו מה נאכל (בהר כה, כ).

אויף דעם גיט אונזער פרשה דעם ענטפער: די זעקס טעג און די זעקס יאָר הויבן זיך אָן מיטן געדאַנק פון שבת לה׳ — פון שבת׳דיקן טאָג און שבת׳דיקן יאָר, פון אַ הייליקן טאָג און פון אַ הייליקן יאָר — און די קדושה גיט כח און עס ווירקט אויף די אַרבעטס טעג און אַרבעטס יאָרן, אַז מען זאָל קענען אויפפירן זיך אין זיי ווי תורה מאָנט און דוקא דורך דעם מצליח זיין.

ו. אַ טיפערער מיין אין דעם איז:

תורה זאָגט אַז ביי אידן איז ני־טאָ קיין וואָכעדיקייט. מען נעמט פון דער שבת׳דיקייט פון שבת — אין די זעקס טעג און זעקס יאָרן. דער חילוק איז נאָר אין דער מאָס פון דער שבת׳דיקייט — צי דאָס איז אין אַ קלענערער מאָס אָדער אין אַ גרעסערער און פולסטער מאָס, ביז — אַז דער אונטערשייד פון אַ אידן ביז אַ ניט־אידן, איז ניט נאָר בשעת ער דאַוונט, לערנט תורה און איז מקיים מצוות, נאָר בכל דרכיך[14]) — אין אַלע זאַכן וואָס אַ איד טוט — דאַרף זיין אין דעם הייליקייט. כל מעשיך לשם שמים — אַלץ וואָס דו טוסט — דאַרפסטו עס פאַרבינדן מיטן אויבערשטן.

און דאָס איז די צוויפאַכע ווירקונג פון דעם שבת טאָג —

וואָס ער איז אינגאַנצן הייליקייט (שבת־קודש)[15]) און איז פאַרבונדן מיטן אויבערשטן (שבת־לה׳) —

אויף די זעקס אַרבעטס טעג, אַז מען זאָל אין די טעג קענען זיך פאַרמעסטן מיט דער אַרומיקער וועלט

14) ראה טור ושו״ע או״ח סימן רלא.

15) ראה תורה אור ריש פרשת חיי שרה.

און מצליח זיין אויך בגשמיות; אַז מען זאָל אויפהויבן די אַרבעטס טעג, אַז זיי זאָלן אויך זיין הייליק.

ז. די ערשטע זאַך און מצוה וועלכע ברענגט אַריין דעם שבת אין הויז איז — ליכט צינדן. דאָס קומט נאָך פאַר קבלת שבת, פאַר קידוש. די ערשטע זאַך מיט וואָס עס פאַנגט זיך אָן דער שבת איז — ליכטיק מאַכן אין דער אידישער הויז.

און די מצוה איז איינע פון די מצוות וואָס דער אויבערשטער זאָגט, אַז ער גיט זיי צו אַלעם ערשטן — צו פרויען. זיי זאָלן ליכטיק מאַכן די אידישע הויז, און דורך זיי קומט די ליכטיקייט צו דער גאַנצער פאַמיליע, צום מאַן, קינדער און ברידער.

דער טעם אויף דעם וואָס די מצוה האָט מען געגעבן צו פרויען, זאָגט דער אַלטער רבי[16], איז ווייל די פרוי איז מערסטנס צייט אין הויז און זי פאַרנעמט זיך מיט באַזאָרגן צרכי הבית (אין וואָס די הויז נויטיקט זיך).

לויט ווי גערעדט פריער, אַז שבת מוז ווירקן און ווירקט אויף די טעג פון דער גאַנצער וואָך, איז אַזוי אויך בפרט בנוגע צום אָנהויבס פון שבת — צום ליכט צינדן. אידישע פרויען האָבן דעם כוח און די מצוה שבת צו באַלייכטן די הויז מיט אידישע ליכט און פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, און פון שבת — נעמען און ממשיך זיין די ליכטיקייט אין דער גאַנצער וואָך.

אין זוהר שטייט[17] אַז ליכט צינדן דאַרף די פרוי מיט האַרציקער שמחה און געפיל, אַזוי אויך בנוגע דעם אינערן אינהאַלט פון דער מצוה, ליכטיק מאַכן די הויז, דאַרף עס געטאָן ווערן מיט — און די ליכטיקייט איז — אַ האַרציק־פריילעכע און פול מיט געפיל.

ח. אַלע זאַכן וואָס די רביים — אָנהויבנדיק פון בעש״ט אָן, דעם אַלטן רבי׳ן ביז צו כ״ק מו״ח אדמו״ר — האָבן געמאָנט, האָבן זיי געוואָלט, אַז חסידים, סיי מענער סיי פרויען, זאָלן ווייזן דעם וועג אין דעם פאַר אַלע אידן.

זאָל דער אויבערשטער בענטשן אייך אַלעמען און יעדערע פון אייך באַזונדער — איר זאָלט ווייזן דעם וועג פאַר אַלע אידישע פרויען, ווי צו באַלייכטן די אידישע הויז, מיט האַרציקער שמחה און געפיל, באַלייכטן דעם שבת׳דיקן טאָג, און מיטנעמען פון דעם אויך אויף די וואָכעדיקע טעג, אַז מען זאָל מאַכן אויך זיי הייליק און — בשמחה ובטוב לבב.

און דער אויבערשטער זאָל געבן אַז גאָר אין גיכן זאָל קומען משיח, און באַאַרבעטנדיק אונזער אידישע ערד אין הייליקן לאַנד וועט מען מקיים זיין אין דער פולסטער מאָס[18] — מצות שבת און אויך מצות שבת אין יאָרן — שמיטה.

(משיחת כ״א אייר, תשכ״א)

16) שולחן ערוך סימן רסג ס״ה.

17) בראשית מח, ב.

18) ראה ירושלמי תענית פ״א סוף ה״א: היום אם בקולי תשמעו כו׳ משמרין שבת אחת כתיקונה מיד הי׳ בן דוד בא (ואינו סותר להבבלי — עיין לקוטי תורה בהר רד״ה את שבתותי). ובמדרש תהלים ר״ס פה: אז תרצה הארץ את שבתותי׳ ומפני כן ישראל נגאלין מיד (כן הוא בכמה כתבי יד).

# ל״ג בעומר *)

א. איצטער זיינען די ספירה טעג, און דער טאָג ל״ג בעומר טיילט זיי פאַנאַנדער: די טעג וואָס פאַר ל״ג בעומר און די טעג וואָס נאָך ל״ג בעומר. ל״ג בעומר אַליין איז אַ יום־טוב.

ב. די טעג פון ספירה בכלל און ל״ג בעומר בפרט, זיינען פאַרבונדן מיט רבי עקיבא און זיינע תלמידים.

וואָס האָט פאַסירט מיט רבי עקיבאַ'ן? דערציילט אונז די גמרא[1], אַז בשעת רבי עקיבא האָט אָנגעהויבן לערנען, האָט ער ניט געוואוסט צי וועט ער מצליח זיין אין לערנען צי ניט. נאָך מערער — עס איז אים בכלל געווען שווער דאָס לעבן, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט זיך אָבער אָפּגעלערנט פון טראָפּנס וואַסער און אַ שטיין: ניט קוקנדיק וואָס דער שטיין איז אַ האַרטער און די טראָפּנס וואַסער זיינען ווייכע, האָט ער געזען, אַז ווען די וואַסער־טראָפּנס פאַלן כסדר אויף דעם האַרטן שטיין, טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך און חודש נאָך חודש, צערייבן די טראָפּנס וואַסער דעם האַרטן שטיין. אַזוי אויך און נאָך זיכערער, ניט קוקנדיק וואָס עס ווייזן זיך אַרויס גרויסע שוועריקייטן צו ווערן אַ תלמיד־חכם, פונדעסטוועגן, אויב ער וועט אָנהויבן לערנען מיט אַ שטאַרקן ווילן און אָן אויפהער, טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן, וועט ער סוף כל סוף אויספירן און ער וועט ווערן אַ מענטש וואָס קען לערנען. אַזוי איז עס טאַקע געווען, און רבי עקיבא איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע תנאים.

און נאָך מער, דערציילט די גמרא[2]: פריער איז רבי עקיבא געווען אַן אָרעמאַן, אָבער שפּעטער ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן נאָר אויף לערנען און ניט געטראַכט וועגן קיין זאַך, האָט אים דער אויבערשטער מצליח געווען און ער איז געוואָרן אַ גביר.

דאָס איז אַ מוסר השכל פאַר אַלע תלמידים וואָס גייען צו צום לערנען און עס דאַכט זיך זיי אויס, אַז עס איז זייער שווער, אָדער אַז עס איז אַ זאַך וואָס עס נעמט זיי ניט, און ווער ווייס צי זיי וועלן מצליח זיין אין לערנען, אָדער ווער ווייס צי עס וועט זיי אַרויסהעלפן אין לעבן:

לערנען און דערמאָנען אונז די ספירה טעג, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רבי עקיבאַ'ן, אַז אויב מ'וויל נאָר באמת לערנען, און מען טוט אין דעם מיט אַ פעסטן ווילן, איז מען זיכער, אַז מען וועט מצליח זיין אין לערנען, און נאָך דעם איז

---

*) צ״ע מה שבכמה מקומות — וגם בדא״ח — מובא ל״ג בעומר אף שהנוסח של רבנו הזקן בסידורו — וכן מנהגנו — לומר לעומר. וכן הוא בסידור שהתפלל בו הבעש״ט (והוא ע״פ האריז״ל. וכן הוא בר״ן סוף פסחים. שו״ת הרשב״א מקכ״ו. תניא ס״נ. כל בו סנ״ה. של״ה. שע״ת. חק יעקב ועוד).

1) ראה אבות דר׳ נתן פרק ו.

2) דאָרט. נדרים נ, א.

מען מצליח אויך אין אַלע אַנדערע זאַכן, ווי ער זאָגט אין הייַנטיקער סדרה: אם בחוקותי תלכו, טייטשט רש"י, אַז איר וועט האָרעווען אין תורה, וועלן מקויים ווערן אין אייך אַלע ברכות, ווי ער רעכנט זיי אויס אין דער סדרה.

ג. דער לימוד פון רבי עקיבאַ'ס תלמידים איז:

אין רבי עקיבאַ'ס תלמידים זיינען געווען צווייערליי סוגי תלמידים, די תלמידים וואָס ביז ל"ג בעומר און די תלמידים פון ל"ג בעומר און ווייטער. ביידע האָבן געהאַט דעם זעלבן רבי'ן — רבי עקיבאַ'ן; ביידע האָבן געלעבט אין דער זעלבער צייט און אין די זעלבע אומשטענדן. פונדעסטוועגן, איז פון דעם ערשטן סוג תלמידים גאָרנישט געבליבן, מיר ווייסן אַפילו ניט זייערע נעמען. דער צווייטער סוג תלמידים — די תלמידים פון נאָך ל"ג בעומר — הגם זיי זיינען געווען פיל ווייניקער אין צאָל, האָבן זיי אויסערגעוויינלעך מצליח געווען, און זייער תורה און נאָמען שיינט און לייכט ביז הייַנטיקן טאָג און איז פאַראייביקט אויף אַלעמאָל *2).

וואָס האָט מיטגעבראַכט דעם אונטערשייד? דער צווייטער סוג תלמידים האָבן זיך משתדל געווען, געלייגט כחות און אַכט, אַז זיי זאָלן לערנען, און לערנען מיט אהבת ישראל, עס זאָל זיין שלום צווישן זיי, כבוד פון איינעם צום צווייטן. דאַקעגן די תלמידים פון ערשטן סוג האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, דערפאַר האָבן זיי אין לערנען אויך ניט מצליח געווען.

עס מאָנט זיך ביי תלמידים בכלל און בפרט ביי תלמידים וואָס לערנען תורה ביראת שמים, אין אַ חסידישער ישיבה, אַז זיי זאָלן וויסן און געדענקען, אַז עס ווענדט זיך אָן זיי אַליין: אויב זיי וועלן זיך משתדל זיין אויף לערנען תורה באהבת ישראל, לעבן בשלום וכבוד מיט אַ חבר און לערנען מיט אַ חבר, וועט זייער נאָמען זיין לכבוד ולתפארת פאַר דער ישיבה, און זיי וועלן אויסוואַקסן גוטע אידן און גרויסע אידן און זיין לכבוד ולתפארת פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

ד. דער אויבערשטער זאָל אייך העלפן, איר זאָלט האָבן דעם פעסטן ווילן אויף לערנען תורה, און לערנען לויט דעם רצון פון דעם מייסד ומנהל הישיבה כ"ק מו"ח אדמו"ר זכר צדיק לברכה, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, און וואָס אויף דעם האָט ער געגעבן כוחות, דאַן קען מען זיין זיכער, אַז איר וועט מצליח זיין אין לערנען און מצליח זיין אין לעבן, און מען וועט זיך קענען באַרימען און זאָגן „ראו גידולים שגדלתי" — דאָס זיינען די פירות פון אַזאַ חינוך און אַזאַ לערנען: זיי האָבן געלערנט ווי מען דאַרף, האָבן זיי מצליח געווען בכל.

דעם כח אויף דעם, און דעם וועג דערצו, ווייזט ל"ג בעומר, וואָס דאַן — ל"ג בעומר — הויבט זיך אָן אַ נייער סדר פון שטאַרקן ווילן צום לערנען, און לערנען מיט אהבת ישראל, וואָס דאָס איז פאַרבונדן און איז אַ כלי צו אהבת הקב"ה און אהבת התורה, און דאַן וועט

*2) יבמות סב, ב.

דער אויבערשטער, מידו המלאה והרחבה, געבן ברכה והצלחה, יעדערן פון איך, אייערע עלטערן, און די ארומיקע.

דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין בהצלחה מרובה.

(שיחת ל"ג בעומר, תשי"ג, להתלמידים הצעירים מישיבות תו"ת ואחי תמימים)

ה. מיר געפינען זיך איצט אין די טעג פון ספירה. די ספירה טעג פארבינדן פסח — ווען אידן זיינען ארויס פון גלות מצרים, און דערפירן צו שבועות, זמן מתן תורתנו, די צייט ווען אידן האבן באקומען די תורה פון אויבערשטן דורך משה רבנו.

אין דיביידע פאסירונגען — אין גלות מצרים און יציאת מצרים, ווי אויך אין קבלת התורה — דערציילן אונז אונזערע חכמים, אז די קינדער האבן געהאט א ספעציעלן זכות, און דורך זייער אויפפירונג האבן זיי מיטגעבראכט דעם זכות פארן גאנצן אידישן פאלק.

די דערציילונגען פון תורה זיינען ניט נאר א דערציילונג אליין, נאר דאס איז אויך אן אנווייזונג, אז אזוי דארף מען זיך אויפפירן אין די קומענדיקע יארן און דורות, וואס דורך דער אויפפירונג וועלן די קינדער ברענגען גליק אויך פאר זייערע עלטערן, משפחות און פארן גאנצן אידישן פאלק.

ו. גלות מצרים איז געווען איינער פון די שווערסטע גלות'ן, און אין אים — גלות מצרים — זיינען געווען ספעציעלע גזירות אויף אידישע קינדער, ביז עס זיינען געווען צייטן וואס מען האט גע'הרג'ט, ר"ל, אידישע קינדער. פונדעסטוועגן האבן אידן זיך ניט אפגעשראקן, ניט די קינדער און ניט די עלטערן, און זיי האבן פארגעזעצט דעם לערנען תורה ביי שבט לוי — די ראשי ישיבות און מלמדים (טיטשערס) — אין יענעם דור.

און דערנאך זיינען אט די קינדער געווען די ערשטע וואס האבן דערקענט דעם אויבערשטן[3], בשעת מען איז ארויס פון מצרים און געקומען צום ים סוף, וואס דערמיט האט זיך פארענדיקט יציאת מצרים.

און אפילו זייענדיק אין גלות, איז אויך דעמאלט — האבן די קינדער ניט פארגעסן אויפן „פקד פקדתי", אז אין גיכן וועט קומען די צייט אז דער אויבערשטער וועט זיי ארויסנעמען פון גלות. און דערפאר דארף מען זיך גרייטן דערצו, דורך לערנען דעם אויבערשטנס תורה און אויפפירן זיך לויט די מצוות וואס ער האט אנגעזאגט.

ז. אויך שבועות, זמן מתן תורתנו, אויך אין דעם האבן די קינדער געהאט א גרויסן זכות און מיטגעבראכט דעם זכות צום גאנצן אידישן פאלק.

ווען אידן האבן געדארפט מקבל זיין די תורה, האט דער אויבערשטער געפרעגט מיט וואס קען מען זיין זיכער אז מען וועט שעצן און היטן די תורה אזוי ווי דער אויבערשטער וויל?

האבן אידן געענטפערט, אונזערע קינדער וועלן זיין אונזער ערבות, זיי וועלן פאר אונז גאראנטירן אז

3) סוטה יא, ב.

זיי און מיר וועלן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

און דורך דער ערבות האָט דער אויבערשטער מסכים געווען צו געבן די תורה פאַר אַלע אידן [4].

ח. און דאָס איז אויך די אָפּלער־נונג פון דעם אויף אונזערע צייטן:

בחסד ה׳ געפינען מיר זיך דאָ אין אַ סך אַ לייכטערן גלות ווי ס׳איז געווען דעמאָלט. ס׳זיינען ניטאָ אַזוינע מורא׳דיקע גזירות פון הרג׳ע־נען, ר״ל, אידישע קינדער. אָבער פונדעסטוועגן געפינען מיר זיך דאָך אין גלות, און דערפאַר זיינען דאָ די שוועריקייטן וואָס אידן האָבן אויף אויפפירן זיך ווי אַ איד דאַרף זיך אויפפירן.

דאַרפן קינדער ניט פאַרגעסן אַז מיר האָפן טאָג־טעגלעך אויף דער אמת׳ער גאולה, און דערפאַר דאַרף מען זיך גרייטן צו איר דורך לער־נען תורה מיט התמדה און שקידה און דורך היטן די מצוות וועלכע זיינען אונז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער תורה.

ט. אין ספירה אַליין, געפינען מיר זיך איצטער אין דעם דריי און דרייי־סיקסטן טאָג — ל״ג בעומר.

דער טאָג פון ל״ג בעומר איז פאַרבונדן מיט ר׳ שמעון בן יוחאי, איינער פון די גרעסטע תנאים וואָס זיינען געווען ביי אידן. און אין דעם טאָג — ל״ג בעומר — האָט ער געלערנט און אַנטפלעקט פון די טיפסטע ענינים פון תורה, און האָט עס איבערגעגעבן צו זיינע תלמי־דים, און דורך זיינע תלמידים צו אַלע אידן.

און ר׳ שמעון בן יוחאי האָט גע־זאָגט [5], אַז אַזוי וועט אויך זיין אין דעם דור וואָס עס וועט זיך ענדיקן דער גלות און עס וועט קומען משיח, אַז אין דעם דור וועלן ניט נאָר דערוואַקסענע נאָר אויך קינדער לער־נען די טיפסטע ענינים אין תורה, און דורך דעם וועלן זיי ברענגען די גאולה האמתית.

י. און דאָס איז די אָנווייזונג פון ספירה בכלל און פון ל״ג בעומר בפרט, ספּעציעל פאַר קינדער:

קינדער דאַרפן וויסן אַז אין זיי הענגט אָפּ דער גליק און די גאולה פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. ווען קינדער וועלן זיך אויפפירן אַזוי ווי אידישע קינדער דאַרפן זיך פירן, אין לימוד התורה וקיום המצוות, פאָלגן עלטערן, מלמדים און ראשי ישיבות, און באַווייזן אַביישפּיל פאַר אַלע חברים וואָס אַרום זיך,

אָט די אויפפירונג וועט ברענגען די גאולה פאַר זיי און פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק,

אַז גאָר אין גיכן וועט קומען משיח צדקנו, און וועט אונז אַלע־מען, בתוך כלל ישראל, אַרויסנעמען פון גלות און פירן לארצנו הקדושה במהרה בימינו אמן.

(שיחת ל״ג בעומר, תשי״ז)

---

4) שיר השירים רבה פ״א ד, א.

5) זע זוהר חלק ב קמז, א. חלק ג קנט, א.

# במדבר

א. אין דער סדרה וועלכע מען האט אנגעהויבן לייענען, ווערט דער־ציילט, אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו, נאך דעם ווי ער האט געציילט די אידן — הקרב את מטה לוי, ער זאל דער־נעענטערן פון צווישן אלע אידן דעם שבט לוי, זיי זאלן טאן די עבודה אין משכן און דערנאך אין מקדש. אין דעם איז באשטאנען די פליכט פון שבט לוי, וואס זיי זיינען גע־ווען די פארשטייער פון אלע אידן אויף טאן די עבודה אין משכן ומק־דש, און דורך דעם אויך ממשיך צו זיין אלע ברכות פון אויבערשטן צו אידן, וועלכע זיינען געקומען דורך דער עבודה.

ב. אין מדרש ברענגט ער אויף דעם דעם פסוק [1] צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה. טייטשט דער בעש"ט [2] —

וואס היינטיקן ערשטן טאג שבועות ווערט צוויי הונדערט יאר פון זיין הילולא, וואס דאס איז אויך דער טאג [3] אין וועלכן ס'איז געגעבן גע־ווארן די תורה, וועלכע איז א הוראה צו אלע אידן עד סוף כל הדורות —

אז עס זיינען פאראן צווייערליי מינים צדיקים. פאראן א צדיק וועל־כער איז געגליכן צו א תמר — טייטלבוים, און פאראן א צדיק וועל־כער איז געגליכן צו אן ארז — צעדערבוים.

א צעדערבוים האט אין זיך א סך מעלות — ישגה, ער איז שטארק, הויך און שיין [4]. ער האט אבער ניט קיין פירות. דאקעגן א טייטל־בוים האט ניט אין זיך אט־די מעלות, ער האט אבער אין זיך אן אנדער מעלה און אן עיקרית'דיקע — כתמר יפרח, ער מאכט בליען שיינע און זיסע פירות וועלכע גיבן צו כוח און געזונט צו דעם וואס עסט זיי [5].

די זעלבע זאך ביי צדיקים, וואס אלע אידן זיינען צדיקים כמ"ש [*5] ועמך כולם צדיקים, זיינען פאראן צוויי וועגן ווי צו דינען דעם אוי־בערשטן:

פאראן א צדיק — דערקלערט דער בעל שם טוב — וואס איז געגליכן צו א צעדערבוים. אבער ער האט ניט קיין פירות. ער לערנט תורה, ער איז מקיים מצוות, אבער אלץ פאר זיך אליין. ער איז ניט משפיע אויף אנדערע. איז — א צדיק איז ער און ער באקומט שכר פון דעם אויבערשטן, כארז ישגה — שטארק הויך און שיין — אבער ניט דאס איז דער תכלית וואס דער אויבערש־טער וויל.

1) תהלים צב, יג.
2) צוואת הריב"ש סקב"ה (בהוצאת קה"ת). ונשנה גם מהה"מ (אור תורה בסופו על תהלים — עו, ג בהוצאת קה"ת).
3) ראה שו"ע אדמו"ר הזקן ריש סימן תצד.
4) יחזקאל לא.
5) ילקוט במקומו. כתובות י, ב.
*5) ישעי' ס, כא.

דער תכלית וואָס דער אויבערשטער וויל איז — מען זאָל זיין כתמר יפרח — ברענגען גוטע און זיסע פירות. ד. ה. דער אויבערשטער פאַרלאַנגט, מען זאָל אַוועקגעבן פון די אייגענע צייט, כוח און ענערגיע, וועלכע מען קען אפשר זיי אויסנוצן פאַר זיך, און מען זאָל זיי אויסנוצן צו ווירקן אויף אַ צווייטן אידן, אַז דער צווייטער איד זאָל ווערן אַזאַ — אויף וועלכן דער אויבערשטער זאָגט אַז ער איז אַ גוטע און אַ זיסע פרי. און בשעת ער ווירקט אויפן צווייטן, דאַן הייסט ער תמר, אויף וועלכן עס שטייט די מעלה — כתמר יפרח.

ג. די אויבנדערמאָנטע אויסטייטשונג פון דעם פסוק, האָט דער בעש"ט איבערגעגעבן צו זיינע תלמידים און תלמידי תלמידיו, בתוכם צום אַלטן רבי'ן און ווייטער ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר, אַז כאָטש מען קען דינען דעם אויבערשטן אויך מיטן ערשטן וועג, און אויך דעמאָלט הייסט מען אַ צדיק, און מען האָט מעלות פון הויכקייט, שטאַרקייט און שיינקייט, איז אָבער ניט דאָס איז דער תכלית און עיקר וועג וועלכע דער אויבערשטער פאַרלאַנגט. דאָס וואָס דער אויבערשטער פאַרלאַנגט איז, מען זאָל ניט זשאַלעווען קיין צייט און קיין כחות, און אָפּגעבן פון זיי און ביז צו די טיפסטע כחות פון דער נשמה, אויף צו ווירקן אויפן צווייטן, אויף דער גאַנצער אומגעבונג.

אין דעם וועג איז דער בעש"ט אַליין געגאַנגען, און ער האָט דאָס אויך איבערגעגעבן צו די נשיאי חסידות הכללית, צו די נשיאי חב"ד און צו אַלע חסידים, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל גיין אויף דעם וועג, וואָס דאָס איז דער ליכטיקער וועג, דער וועג וואָס קערט איבער פינסטערניש צו ליכט.

ד. דאָס אויבנדערמאָנטע איז אויך דער וועג און פליכט פון שבט לוי[6], ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך אַלס פאָרשטייער און וועג־ווייזער פון אַלע אידן.

און כאָטש ס'זיינען פאַראַן אפשר „שבטים", אידן וועלכע זיינען נאָך ניט געקומען צו דעם געדאַנק און איבערצייגונג, דאַרפן מיר אָבער פירן זיך אין דעם וועג וואָס דער בעל שם טוב האָט אונז געוויזן, צו טאָן מיט זיך און מיט יענעם, מאַכן זיך און יענעם כתמר יפרח מיט גוטע זיסע פירות, און דאָס דאַרף מען טאָן מיט נשמה און חיות, אַרויסרופן ביי זיך די טיפסטע כחות, אויף צו ווירקן אויפן גאַנצן אַרום, טאָן זיין חלק אויף צו מאַכן די וועלט[7] זי זאָל זיין אַלץ ריינער, העכער, ליכטיקער און הייליקער.

(משיחת כ"ו אייר, תש"כ)

ה. מען גייט באַלד לייענען פרשת במדבר, וואָס אין דער פרשה רעדט זיך וועגן דעם ווי מען האָט געציילט אידן, וואָס אין דעם מנין, זיינען דאָך געווען אַלע גלייך, פון גדול שבגדולים ביז פשוט שבפשוטים. דער גדול שבגדולים האָט זיך ניט געציילט מערער ווי איינס, און

---

6) דברים לג, י. רמב"ם סוף הלכות שמיטה ויובל.

7) תניא פרק לז.

דער פשוט שבפשוטים ניט וויניקער ווי איינס.

וואָס דאָס איז אויך געווען אַ הכנה צו מתן תורה, און כמאמר רז״ל[8] אויב עס וואָלטן געווען ששים רבוא פחות אחד, וואָלט מען ניט געגעבן די תורה ח״ו, אַפילו צו משה רבינו אויך ניט.

וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט פשיטות הנשמה, וואָס אין דעם זיינען אַלע גלייך. וכמאמר הבעש״ט, דער אַלטער רבי און אַלע רביים ביז כ״ק מו״ח אדמו״ר, וואָס זיי האָבן אַלע געזאָגט[9], אַז פשיטות העצמות פאַרבינדט זיך מיט פשיטות פון אַ אידן, וואָס אין דעם זיינען אַלע גלייך.

אַף על פי כן, איז כאַטש טאַקע מען האָט געציילט אַלעמען גלייך, דאָך זיינען אין דעם מנין בלויז אַריין מער ניט ווי פון בן עשרים. דאָס איז בנוגע אַלע אידן. אָבער בנוגע שבט לוי, איז דאָך געווען דער מנין מבן חודש, אַז אויך אַ קינד מבן חודש האָט מען אים געציילט גלייך מיטן גדול שבגדולים, ווי ס'איז דאָ די דיעה אַז אויך אהרן איז אַריין אין דעם מנין (משה איז ניט אַריין אין מנין, אָבער וועגן אהרן'ען זיינען פאַראַן צוויי דיעות) — האָט אַ קינד מבן חודש געהאַט די זעלבע גלייכקייט אין צאָל ווי אהרן.

דער ענין פון שבט לוי איז דאָך כמבואר בכתוב אַז ענינם איז לשרת את הוי׳, און אַזוי זאָגט דאָך דער רמב״ם[10] אַז כל מי שנדבו לבו לשרת את הוי׳ איז ער ווי שבט לוי, ובמילא איז אין אידן וועלכע גיבן זיך אָפּ אויף דינען דעם אויבערשטן, — וואָס דער פשט פון דינען דעם אויבערשטן איז ווי גערעדט פריער (אין די פריערדיקע שיחות) ניט נאָר בשעת התורה והתפלה, נאָר בכל דרכיך דעהו, — איז אין זיי ניטאָ קיינע חילוקים, און אויך אַ קינד מבן חודש האָט דעם זעלבן מנין ווי גדול שבגדולים.

וואָס דערפאַר איז תלמידים וועלכע מען איז מחנך על טהרת הקודש, מען איז זיי מחנך אַז עס זאָל זיין ביי זיי די עבודה פון בכל דרכיך דעהו, זיינען זיי ווי פון שבט לוי, אין וועמען ס'איז ניטאָ קיין התחלקות, כבי״ל פון בן חודש אָן.

אויף שבט לוי שטייט נתונים נתונים המה לי מתוך בני ישראל, שבט לוי איז אַ שליח און פועל'ט פאַר כל ישראל, און דאָס וואָס עס שטייט ויבדל את שבט לוי, איז ניט דער פשט אַז זיי זיינען אָפּגעזונדערט און ניט שייך צו אַלע אידן, נאָר זייער עבודה, באופן ויבדל, טוען זיי דאָס און פועל'ן דאָס אין אַלע אידן, דער העדר ההתחלקות, מצד גילוי פשיטות הנשמה, וועלכע איז ביי אַלעמען גלייך.

ו. ובנוגע למתן תורה בפרט שטייט דאָך בנינו ערבים בעדינו, אַז זיי, די קינדער האָבן געבראַכט דעם גילוי מתן תורה צו אַלע אידן.

וואָס דאָס איז דאָך אויך פון די טעמים וואָס די רביים האָבן גע־לייגט אַזוי פיל השתדלות אויף חינוך הכשר על טהרת הקודש, מען זאָל לערנען מיט קינדער קמץ אַל״ף אָ דוקא, מסביר זיין קדושת האותיות

8) מכילתא פ״ג. ילקוט שמעוני רמז רפ.

9) זע לקוטי דיבורים ח״ג עמוד 982.

10) רמב״ם דארט.

וקדושת הנקודות *[10]), ווארום דער חינוך פון קינדער איז נוגע לכלל ישראל.

און דאס איז א הוראה צו יעדערן פון אונז, אז בשעת עס דערנענטערן זיך די טעג פון מתן תורה, וואס פון שבת מברכים סיון הויבט זיך שוין אן די הכנה צו דעם, ובפרט פון ראש חודש סיון, ווי עס שטייט [11]) ביום הזה באו מדבר סיני, זאגט די גמרא [12]) הזה הזה גזירה שוה, אז דאס איז געווען בראש חודש, ובפרט שלשת ימי הגבלה, וביחוד בחג השבועות.

איז מעורר זיין דעם תלמיד וואס ביי זיך אליין, און אויך ושננתם לבניך אלו התלמידים [13]) כפשוטו, מעורר זיין און מגלה זיין פשיטות הנשמה שבהם, און דאס פועל'ט אויך גילוי פשיטות הנשמה בכל ישראל כנ"ל, וואס אין דעם איז ניטא קיין התחלקות כנ"ל, און דאס איז א הכנה למתן תורה, וואס ביי מתן תורה שטייט [14]) ויחן לשון יחיד, אז אלע זיינען געשטאנען צוזאמען לתכלית אחת וכוונה אחת אויף מקבל זיין תורה אחת מהוי' אחד.

און דורך דעם וועט מען זוכה זיין — כלשון ברכת כ"ק מו"ח אדמו"ר — לקבלת התורה בשמחה ובפנימיות.

(משיחת ש"פ בהר בחוקותי, תשכ"א)

# חג השבועות

א. דער ענין פון מתן תורה איז דער חיבור פון מעלה מיט מטה, אז אלע עניני העולם אן אונטערשייד, זאלן באלויכטן ווערן, און אין זיי זאל דורכדרינגען דער אור התורה.

דערמיט וועט מען פארשטיין וואס די גמרא זאגט [1]) הכל מודים בעצרת דבעינן לכם. ביי פסח און סוכות איז געגוג גשמיות אליין אדער רוחניות אליין, אבער ביי עצרת איז הכל מודים דבעינן לכם, אז עס דארף זיין אין א פנימיות, דורכדרינגען אלע זיינע ענינים, עס זאל ניט פארבלייבן נאר אויף שבועות אליין, נאר עס זאל פועל'ן אויף א גאנץ יאר, און ניט נאר שבת ויום טוב נאר אויך אין טאג טעגלעכן לעבן.

ב. דער רבי, כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, האט אמאל געזאגט אין א פארברענגען, אז די שעה חסידות וואס מען לערנט דארף מען איר פאנאנדערטיילן אויף די גאנצע פיר און צוואנציק שעה, אז אין אלע פיר און צוואנציק שעה

*10) זע פרדס ריש שער כח: המפורסם בכל חכמי ישראל קבלה מפה אל פה מעזרא הסופר והוא קיבל מפה אל פה עד משה רבנו ע"ה מסיני מפי הגבורה שהנקודות למיניהם הם כו' עיי"ש.

11) שמות יט, א.

12) שבת פו, ב.

13) ספרי דברים ו, ז.

14) שמות יט, ב. וברש"י שם (והוא מהמכילתא).

1) פסחים סח, ב.

זאל זיין קענטיק אז דאס איז א איד וואס לערנט חסידות.

און אזוי ווי דאס איז אין תורת החסידות בפרט, אזוי איז אויך בכל־לות התורה, אז תורה דארף דורכ־נעמען אין אלע ענינים במשך דעם גאנצן מעת לעת, ווי דער רמב"ם זאגט [2], החכם צריך שיהא ניכר במעשיו כו׳, און רעכנט דארטן אויס צען זאכן, וואס די צען זאכן נעמען ארום דעם גאנצן לעבן פון א מענטשן.

וואס דאס איז דער סדר פון מתן תורה, אז תורה האט זיך אנגעטאן אין גשמיות, און מען האט עס גע־געבן צו נשמות בגופים דוקא, דא למטה דוקא, ווייל תורה מאנט, מען זאל מברר זיין אלע ענינים הגש־מיים, וואס פריער איז ער מברר זיין גוף מיטן נפש הבהמית און דערנאך חלקו בעולם, וואס דער סדר אין דעם איז ניט בדרך דחי׳ ושבי־רה, נאר בדרך בירור דוקא, כמאמר הבעש"ט על פסוק עזב תעזב עמו [3].

ג. עס שטייט, יש חכמה בגוים תאמין, יש תורה בגוים אל תא־מין [4], וואס פון דעם מאמר רז"ל גופא וואס ער זאגט אז חכמה איז פאראן ביי גוים און תורה ניט, ווערט מען פארשטיין דעם חילוק פון חכמה מיט תורה.

אויף צו פארשטיין א שכל מוז מען האבן צו ערשט מושכלות ראשו־נות און כללי החכמה, בלשון החוקרים כללי ההגיון, וואס לויט די כללי ההגיון מיט די מושכלות ראשונות, איז ער מכריח די מסקנת השכל.

במילא קומט אויס אז די מסקנת השכל איז טאקע מוכרח, מצד די מושכלות ראשונות וכללי ההגיון, אבער די מושכלות ראשונות וכללי ההגיון אליין, זיי האבן ניט קיין יסוד מצד אן ענין שקדמם, וואס זאל זיי מכריח זיין, נאר דאס איז תלוי ברצונו הטוב, אויב עס געפעלט אים און ער וויל אננעמען די מושכלות ראשו־נות, דעמאלט נעמט ער אן די מסקנת השכל, אבער אויב ער וויל ניט אננעמען די מושכלות ראשונות, האט ער א ברירה ניט דאס צו אננעמען, ובמילא נעמט ער אויך ניט אן דעם שכל.

און דאס איז איינער פון די ביאו־רים דורך וועלכע שכל אליין איז מכריח אז מען מוז אנקומען צו העכער פון שכל, ווארום אין שכל אליין איז נרגש אז דער שרש פון וואנען ער קומט, איז ניט שכל, ווארום די ערשטע נקודה פון וואַ־נען עס שטאמט דער גאנצער שכל, וואס דאס זיינען די מושכלות ראשו־נות, זיינען זיי ניט מוכרח מצד שכל, נאר דאס קומט ווייל אזוי געפעלט אים, וואס דאס איז אן ענין פון אמונה והנחה בנפש.

און דאס איז דער אונטערשייד פון חכמה און תורה, אננעמען א חכמה איז תלוי ברצונו הטוב, אויב עס געפעלן אים די כללי השכל נעמט ער דערפון ארויס א געוויסע מסק־נא, אבער ניט אז די חכמה אליין איז אים מכריח. מה שאין כן תורה איז ווי עס שטייט אין זוהר [5] אז

2) הלכות דיעות ריש פרק ה.

3) היום יום, כח שבט.

4) איכה רבה ב, יג.

5) חלק ג נג, ב.

תורה איז מלשון הוראה, תורה לערנט א מענטשן וואס מען דארף, וואס מען מעג, און וואס מען טאר ניט, ד. ה. די ג' פלוגות פון איסור, רשות און מצוה, און תורה מאנט מען זאל מאכן פון רשות — מצוה.

און דער אופן ווי תורה לערנט דאס איז ניט תלוי אין זיין הסכמה, אז אויב ביי אים וועט זיך אפלייגן דער ענין, דעמאלט וועט ער עס מקבל זיין, נאר תורה לערנט און מאנט ארויס אז אזוי זאל ער זיך פירן, ניט אפהענגענדיק אין זיין רצון.

און דאס איז דער פשט פון יש חכמה בגוים תאמין יש תורה בגוים אל תאמין. חכמה וואס זי ווערט נתקבל דורך זיין רצון און געפעלנקייט, דאס איז פאראן אויך ביי גוים, אויב עס געפעלן אים די יסודות וכללי ההגיון פון דעם שכל, נעמט ער אויך אן דעם שכל, אבער תורה וואס זי דארף נתקבל ווערן אן זיין צושטימונג, ד.ה. עס זאל זיך ביי אים אפלייגן אן ענין ניט מצד זיין געפעלנקייט, דאס איז ביי גוים ניטא.

ד. עס זאל זיך אפלייגן דער ענין פון תורה, ניט מצד זיין געפעלנקייט, דאס איז פאראן ביי אידן דוקא, ווארום יעדער איד האט א נשמה וואס זי איז פארבונדן מיטן אויבערשטן, ווי מיר זאגן[6]) נשמה שנתת בי, און אלע אידן זיינען געשטאנען אויפן בארג סיני צו מתן תורה, אויך די נשמות וואס וועלן זיין און אפילו די נשמות וואס זיינען געוועזן פריער[7]).

במילא האט יעדער איד געהערט ווי דער אויבערשטער זאגט אים, לכל אחד ואחד ביחוד, אנכי הוי' אלקיך, אז אנכי דלא אתרמיז בשום אות ובשום קוץ[8]) איז כחך וחיותך, און וויבאלד אז דיבורו של הקב"ה חשיב מעשה[9]), איז דאס געווארן אזוי, אז זיין כח וחיות איז דער אנכי, וואס ער האט זיך אריינגעשריבן אין דער תורה, דאנכ"י ראשי תיבות, אנא נפשי כתבית יהבית[10]).

ובמילא איז ביי יעדער אידן פאראן בנפשו פנימה בתכלית ההנחה ותכלית הקליטה די אמונה אין דעם אויבערשטן — און נאך מערער ווי אמונה, ער דארף גארניט אנקומען צו אמונה ווארום דאס איז דאך זיין גאנצער מהות, זיין כח וחיות.

עס איז מער ניט וואס עס קען זיין אז ביי אים זיינען אנגעוואקסן דברים המעלימים ומסתירים אויף דער הנחה וקליטה, אבער בנפשו פנימה איז ביי יעדער אידן פאראן תורה, הוראה, ביי אים איז פאראן די גאנצע תורה — ניט מצד זיין געפעלנקייט און פארשטאנד, וואס דאס דערלאנגט נאר אין א באשטימטן ארט ובהגבלה, נאר ביי אים איז פאראן תורה מלשון הוראה — דאס איז זיין וועגווייזער, אפילו אויב ער פארשטייט ניט, און כאטש אז דאס איז ניט מצד זיין פארשטאנד, איז דאס ביי אים דורכגעדרונגען אין א פני־

---

6) נוסח ברכות השחר.

7) פרקי דר' אליעזר פרק מא. ועיין גם כן זח"א צא, א.

8) ראה לקוטי תורה פנחס פ, ב. ועיין גם כן זוהר חלק ג יא, א.

9) ראה שבת קיט, ב. בראשית רבה פ"ג, ב.

10) שבת קה, א (ע"פ גירסת הע"י).

מיות בכל עניניו, ווייל זיין גאַנ־צער מהות איז דער אָנכי הוי'.

ה. די הוראה פון דעם:

בשעת מען גייט מקרב זיין אידן צו אידישקייט און מען באַגעגנט זיך מיט אַ אידן וואָס דערווייליע איז ער נאָך ווייט פון דעם, דאַרף מען זיך ניט איבערשרעקן און מייאש זיין, וואָרום מען דאַרף וויסן אַז בנפשו פנימה איז ביי אים בתכלית הקליטה ותכלית ההנחה אַלע ענינים וואָס אַ איד דאַרף אין דעם גלויבן, וואָס די הנחה איז אָן אַ הגבלה, ווייל דאָס איז זיין גאַנצער מהות. מען דאַרף נאָר אָראָפּנעמען די דברים המעלימים, וועט דעמאָלט נתגלה זיי־נע פנימיות.

וואָרום בשעת אַז זיינע פנימיות אָרבעט מבפנים און צו דעם קומט איינער און איז אים מעורר מבחוץ, איז ביידע זאַכן צוזאַמען זיינען פועל אויף דעם מיטן (צווישן זיינע פנימיות והתעוררות הזולת) אַז דאָס זאָל אויך דורכגענומען ווערן פון די פנימיות.

און דאָס איז אַ חוב אויף יעדער אידן אַז מען דאַרף גיין צו אידן און אָראָפּנעמען פון זיי די דברים המעלימים אויף דער נקודה הפנימית, ווי עס איז ידוע דער וואָרט פון אַלטן רבי'ן, אַז דער סדר פון תורה איז אויך תורה, די ערשטע מצוה אין תורה איז פרו ורבו, דאָס מיינט אַז די ערשטע מצוה איז אַז אַ איד דאַרף מאַכן נאָך אַ אידן[11].

ו. עס איז פאַראַן אַ תורה פון אַלטן רבי'ן אויפן פסוק ועשית חג שבועות: שבועות איז וואַכן און וואַ־כעדיקייט, דאַרף מען פון דערפון מאַכן חג.

דער ענין פון דעם איז:

דער חילוק פון שבת און יום טוב איז, אַז שבת איז אסור בעשיית מלאכה, און ניט נאָר אין אַן ענין פון מלאכה, נאָר אַפילו אין עובדין דחול, וואָס ס'איז ניט קיין מלאכה, אָבער וויבאַלד אַז דאָס איז עובדין דחול, איז דאָס אָסור בשבת.

ווייל שבת איז העכער פון וואָכע־דיקייט, וואָרום אַזוי ווי דער אויבערשטער רוט שבת פון מעשה בראשית, אַזוי דאַרף זיין אויך אַ איד, וואָס ער איז אָדם, — אדמה לעליון[12], און דערפאַר דאַרף זיין די שביתה אויך פון דבור, שלא יהא דבורך בשבת כדבורך בחול[13], ווייל למעלה איז די התהוות געוואָרן פון דבור, ודבורו של הקב"ה חשיב מעשה.

דאָס איז מצד הדין, און אין ספרי חסידות — איך מיין ניט דעם ענין פון תורת חסידות, נאָר דעם ענין פון לפנים משורת הדין — שטייט אַז אַפילו הרהור איז אויך אָסור[14], וואָרום למעלה איז געווען די שביתה אויך פון הרהור, וואָרום אויך מחשבה למעלה איז פועל, עס איז נאָר אַ חילוק אַז פון דבור ווערט עלמא דאתגליא און פון מחשבה עלמא דאתכסיא.

---

11) זע שיחת י"ג תמוז תרצ"א (לקוטי דיבורים ח"ד תשמו, א).

12) של"ה חלק תושב"כ וישב סוף הדרוש צאן יוסף ובכ"מ. גם בספר עש"מ מאמר אם כל חי ח"ב פל"ג ועוד.

13) שבת קיג, ב.

14) זע שו"ע רבנו הזקן אורח חיים סימן שו סעיף כא.

דאָס אַלץ איז בשבת, מה שאין כן יום טוב איז טאַקע אָסור בעשיית מלאכה, אָבער מלאכה שלצורך אוכל נפש איז מותר ביום טוב, ווייל דער ענין פון יום טוב איז אַז עס זאָלן יאָ זיין ענינים גשמיים, און ממשיך זיין דעם קודש בצרכיו הגשמיים, אין אוכל נפש, אין עובדין דחול.

אויף שבת שטייט והכינו ביום הששי, וואָרום שבת אַליין איז העכער פון וואָכעדיקייט, מה שאין כן יום טוב ווערט אָנגערופן מקרא קודש, דמקרא איז מלשון הזמנה, כדאיתא בזהר אַז מען איז מזמין דעם קודש אין חול, און מען איז מעלה דעם חול אין קודש. וואָס דערפאַר איז אין שמחה אלא בבשר ואין שמחה אלא ביין[15], און דער אַלטער רבי פסק'נט אין שולחן ערוך[16] אַז אויך איצטער איז דאָס מדאורייתא, ווײַלע דער גאַנצער ענין פון יום טוב איז מקרא קודש, מקדש זיין דעם חול, דערפאַר איז דאָס פאַרבונדן מיט ענינים גשמיים, בשר ויין.

און דאָס איז אויך דער טעם דפרש חגיכם כתיב ולא פרש שבתכם[17], ווייל שבת איז העכער לגמרי פון גשמיות ד. ה. אַז די גשמיות וואָס ס'איז פאַראַן שבת ווערט עס נתעלה, און דאָס איז גאָר קיין גשמיות ניט, דערפאַר איז אין דעם ניטאָ קיין פרש, מה שאין כן יום טוב וואָס די עבודה איז מאַכן פון דעם חול קודש, איז אויב עס פעלט די עבודה, איז דאָס דעמאָלט פרש חגיכם.

און דאָס איז וואָס דער אַלטער רבי זאָגט ועשית חג שבועות, מען זאָל מאַכן פון די וואָכעדיקייט יום טוב, וואָרום דאָס איז דאָך דער גאַנצער ענין פון מתן תורה, מען זאָל מקדש זיין דעם חול.

ז. די ערשטע מצוה וואָס נאָך מתן תורה איז לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב וגו' מזבח אדמה תעשה לי וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך[18]). איז פאַראַן אויף דעם דעם אַלטן רבי'נס אַ תורה: דאָס וואָס ער הויבט אָן מיט שלילה, לא תעשון אתי, איז ווייל העדר קודם למציאות. און דערנאָך (אין דעם חיוב) זאָגט ער, מזבח אדמה תעשה לי, ד. ה. אַ מזבח פון ביטול, אַזוי ווי אדמה שהכל דשין עלי', וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך, דיינע עליות און דיינע שלימות'ן.

איז דער פירוש פנימי אין עולותיך ושלמיך מיינט מען ניט ענינים פון ישות, נאָר אמת'ע עליות און אמת'ע שלימות, וואָס תורה רופט אָן עולותיך ושלמיך, און פונדעסטוועגן איז חבחת עליו, וואָרום מתן תורה מאָנט אַז מען זאָל זיך ניט רעכענען מיט קיין ענין, אַפילו מיט זהב וכסף וואָס דאָס איז אהבה ויראה.

אַזוי ווי מען האָט גערעדט פריער (באַרוכה בענין מה שהנשמות הם פנימיים) אַז תורה מאָנט מען זאָל צוקומען צו לקיים רצונו זיין, און מער ניט טראַכטן וועגן קיין ענין, וואָרום במתן תורה ווען דער

15) זע פסחים קט, א.

16) אורח חיים סימן תקכט סעיף ז.

17) זוהר חלק ב פח, ב. זע קונטרס ח"י אלול תש"ג ע' 10 (סה"ש תש"ג ע' 142).

18) שמות כ, כ-כא.

אויבערשטער האט געזאגט אנכי הוי׳ אלקיך, אז אנכי הוי׳ איז געווארן כחך וחיותך, איז מצד דעם האט קיין זאך קיין שום ארט ניט.

ווי דער פירוש הבעש"ט [19]) אויפן פסוק שויתי הוי׳ לנגדי תמיד [20]), אז מצד דעם וואס הוי׳ לנגדי שטייען אלע ענינים בהשתוות. וואס דאס מיינט מען דאך אפילו ענינים רוחניים עד רום המעלה, מען דארף וועלן מער ניט ווי לקיים רצונו.

און דערפאר איז די ערשטע מצוה וואס נאך מתן תורה, זאגט מען באלד לא תעשון אתי וגו׳, וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך, ווארום דאס איז דער ענין פון מתן תורה כנ"ל באריכות.

ח. אין מקרא יוצא מידי פשוטו [21]), און אזוי איז אויך אין מאמר רז"ל יוצא מידי פשוטו. איז בשעת מען זאגט מתן תורה, וואס דאס מיינט אז עס ווערט נמשך שטענדיק ווי דער לשון יעדער טאג בברכת השחר איז: נותן התורה, לשון הוה, דארף פשוט זיין דער לימוד התורה בכל יום. מען מוז האבן אלע טאג א קביעות צו לערנען תורה.

די קביעות מוז זיין אלע טאג ממש, ווארום אויף תורה שטייט כי הם חיינו, וואס אין חיות טאר קיין הפסק ניט זיין. אין בריאות קען זיין אמאל שטארקער און אמאל שוואכער, אבער די נקודת החיות אויב זי ווערט נפסק חס ושלום אויף איין ווילע איז דאס שוין נפסק אויך אויף ווייטער. און אזוי איז אויך אין תורה, אז מען מוז לערנען בכל יום ויום.

נאר אזוי ווי די גמרא זאגט כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו, ווייל צו תורה מוז מען האבן אויך גמילות חסדים [22]), במילא דארף זיין אויך עבודת התפלה, וואס עבודת התפלה בכלל גמילת חסדים כדפירש"י [23]), ווי עס שטייט גומל נפשו איש חסד, און פאר תפלה דארף אויך זיין דער ענין פון גמילות חסדים בפשטות, ווי ער זאגט [24]) יהיב פרוטה לעני והדר מצלי, איז די עבודת התפלה וועט געבן אז דער לימוד התורה זאל זיין כדבעי.

און בשעת מען וועט האבן א קביעות עתים לתורה בכל יום, האט מען די הבטחה, אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה [25]), ונתתי גשמיכם בעתם, וואס דאס איז די טבעת קידושין פון מתן תורה, און דער אויבערשטער איז דאך מובטח לקיים הבטחתו.

אויב אין א פרט איז אזוי, איז אין א כלל אודאי אזוי, ד. ה. אז בשעת עס האנדלט זיך וועגן מוסדות חינוך, דארפן אויף זיך נעמען די מלמדים אז פון שבועות אן זאלן

---

19) צוואת הריב"ש בתחילתה. ונתבאר באריכות בשיחת ש"פ חיי שרה ה׳תש"כ.

20) תהלים טז, ח.

21) שבת סג, א.

22) יבמות קט, ב. הנה סיום מאמר רז"ל זה „אלא תורה וגמ"ח" אינו בש"ס שם. ויש לומר על פי מה שכתוב בלקוטי תורה ד"ה כי תשמע בקול ס"ג וז"ל: אמרז"ל כל האומר כו׳ שהפירוש הפשוט הוא שצריך שיעסוק בתורה ובגמ"ח כו׳ כללות המצות. — ולהעיר מיבמות קה, א. אגרת הקדש סימן ה.

23) שבת קכז, ב.

24) בבא בתרא י, ב.

25) רש"י ריש פרשת בחקותי והוא מתורת כהנים שם.

זיי לייגן די גרעסטע השתדלות אַז אויף לימודי קודש זאָל אַוועקגיין אַ גרעסערער טייל פון די שעות הלימוד, מען דאַרף האַלטן דעם לימוד התורה אַלץ אין איין מרחיב זיין, ואתהלכה ברחבה, מען דאַרף האָבן בטחון אין אויבערשטן און מען דאַרף נאָר ניט מעכב זיין ומעקם זיין די צנורות, און מען דאַרף גיין מיט אַ ברייטקייט סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, סיי אין כמות און סיי אין איכות, יגדיל תורה ויאדיר, יגדיל בכמות ויאדיר באיכות.

דעמאָלט וועט זיין ווי דער רבי האָט געזאָגט מיט צען יאָר צוריק, אַז האחד יהי' לרבבה, וואָס דאָס מיינט סיי כפשוטו, אַז פון יעדן איינעם וועט זיין צען טויזנט, און סיי אין איכות, אַז יעדער איינער פון די צען טויזנט תלמידים וועט זיין בבחינת רבבה, וואָס רבבה איז בכתר [26]).

(משיחת חגה"ש, תשט"ו)

ט. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט כ"ק מו"ח אדמו"ר בעת דעם פאַרברענגען שבועות געזאָגט, אַז יעדער איינער זאָל האָבן אַ שיעור גמרא בעיון. און וויבאַלד ער האָט עס געזאָגט שבועות, איז דערפון אַ ראי' אַז דער ענין פון לימוד בעיון האָט אַ שייכות צו מתן תורה.

באמת איז דער ענין פון לימוד בעיון אַ פסק פון אַ משנה מפורשת: עשיר שהביא קרבן עני לא יצא [27]), עס איז דאָך — אין עני אלא בדעת ואין עשיר אלא בדעת [28]).

דער וואָס איז אַן עשיר בדעת, אַז ער איז שייך צו לערנען בעיון, והביא קרבן עני, אַז ער לערנט נאָר דעם שטחיות הענין, לא יצא. ובמילא איז ער מעכב די ענינים וואָס דער קרבן דאַרף אויפטאָן. עס איז דאָך פאַראַן דער ענין וואָס עס דאַרף זיך אויפטאָן דורך לימוד התורה אַזוי ווי דורך הקרבת הקרבן, בשעת אָבער אַז לא יצא, טוט זיך ניט אָפּ דער ענין.

און ניט נאָר דער שלימות הענין וואָס תורה דאַרף אויפטאָן האָט זיך ניט אָפּגעטאָן, נאָר עס פעלט אים אין דעם עצם ענין פון זיין לימוד התורה.

דער דין אין לימוד התורה איז, אַז אויב איין ווילע האָט ער געקענט לערנען תורה און ער האָט ניט געלערנט איז, כי דבר ה' בזה וגו', ווי עס שטייט אין גמרא [29]) און דער אַלטער רבי ברענגט עס אין ערשטן פרק תניא. עס העלפט ניט וואָס ער זיצט און לערנט די גאַנצע צייט, וויבאַלד ער האָט איין ווילע ווען ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט לערנען תורה פאַרפעלט, הייסט ער שוין אַ בוזה דבר השם.

אַזוי ווי דאָס איז אין זמן איז דאָס אַזוי אויך אין כחות הנפש.

אויב ער נוצט ניט אויס אַלע כחות וואָס ער האָט אין תורה, מעג ער אַפילו לערנען די גאַנצע צייט וואָס ער האָט, נאָר ס'איז פאַראַן איין כוח וואָס ער האָט אים ניט אויסגענוצט אין תורה, איז מצד דעם וואָס ער נוצט ניט אויס דעם כוח, איז דאָס בדקות דער ענין פון ביטול

26) תורת חיים בראשית קכו, ד.
27) סוף נגעים.
28) נדרים מא, א.
29) סנהדרין צט, א.

תורה, און בדקות איז אויף דעם פאַראַן דער סיום הפסוק הנ״ל, ר״ל.

אַז מען לערנט תורה לגירסא, נוצט מען אויס דעם כוח הדיבור, למוציאי־הם בפה, די חיצוניות המחשבה וחיצוניות השכל, אָבער דעם כוח ההסברה, כוח ההעמקה וכוח ההמצ־אה, וואָס דאָס איז דער חב״ד שבנ־פש, האָט ער ניט אויסגענוצט, ובמי־לא איז דאָס אַן ענין פון ביטול תורה בדקות.

וואָרום ווער האָט דאָ געלערנט, מער ניט ווי האַלבער מענטש, דער צווייטער האַלבער מענטש האָט גאָר ניט געלערנט, נאָך מערער, וועל־כער האַלבער מענטש האָט געלערנט, דער חיצוניות׳דיקער, אָבער דער עיקריות׳דיקער האַלבער האָט גאָר־ניט געלערנט.

און דאָס מאָנט מען ביי יעדן איי־נעם, אַז ער דאַרף אָפּשאַצן וויפל ער קען זיך אַריינטאָן אין תורה, און אויף אַזויפיל דאַרף ער האָרע־ווען, און אויב ער האָרעוועט ניט מיט אַלע זיינע כוחות, הגם ער האָ־רעוועט טאַקע, אָבער וויבאַלד אַז עס זיינען ביי אים געבליבן כוחות, ובפרט אויב עיקריות׳דיקע כוחות, וואָס זיי האָט ער ניט אויסגענוצט, גייט עס אַריין אין גדר פון לא יגעת, ולא יגעת ומצאת אל תאמין[30].

ער קען אַפילו האָבן גוטע חושים, און וואָס ביי אַן אַנדערן דאַרף נע־מען אַ ריבוי זמן וביגיעה רבה, נעמט ער דאָס אין ווייניק צייט ובנקל, אָבער אויב ער האָרעוועט ניט אין דעם מיט אַלע זינע כוחות, איז דאָס לא יגעת, ובמילא קען ניט זיין דער ומצאת.

ולאו דוקא אין תורה, נאָר אַזוי אין אַלע ענינים וואָס מען דאַרף אויף זיי האָרעווען, ווי אויף יראת שמים ואהבתו, וואָס עס שטייט אויף דעם דער לשון יגעת[31], אַזוי אויך אין קיום המצוות וואָס מען דאַרף אויף דעם האָרעווען[32], — קליפה וסטרא אחרא גיט אומזיסט, ווי עס שטייט הדגה אשר נאכל במצרים חנם, אָבער אין קדושה דאַרף מען האָרעווען, — איז אין די אַלע עני־נים, דאַרף מען האָרעווען בכל כוחות נפשו, און אויב ניט גייט עס אַריין בכלל לא יגעת ומצאת אל תאמין.

ולאידך גיסא, אויב מען האָרעוועט כדבעי, איז אַפילו דער וואָס האָט פשוט׳ע חושים, אָבער וויבאַלד ער האָרעוועט אויף דעם, האָט ער די הבטחה אַז יגעת — ומצאת.

י. דאָס איז אויך אַן ענטפער צו די וואָס טענה׳ן, וואָס וויל מען פון זיי אַז זיי זאָלן לערנען חסי־דות, בשעת ער האָט נאָך ניט ממלא כריסו געווען אין ש״ס ופוסקים, און הלואי זאָל ער ווערן פאַרטיק מיט נגלה, ואין לנו עסק בנסתרות!

— באמת איז דאָך נגלה דתורה ופנימיות התורה זיינען ביידע צוזאַ־מען תורה אחת וואָס איז געגעבן געוואָרן צו יעדער אידן בשעת מתן תורה, ווי עס שטייט אָנכי הוי׳ אלקיך, לשון יחיד, אַז אַלצדינג איז געגעבן געוואָרן צו יעדער אידן בפרט, אַלע חלקי התורה, פשט, רמז, דרוש און סוד. דערפאַר פסק׳נט זיך

---

30) מגילה ו, ב.

31) בביאור קונטרס העבודה פרק ג.

32) זוהר חלק ב קכח, א.

אַפּ אין הלכות תלמוד תורה[33]), אַז יעדער איד איז מחויב צו לערנען כל חלקי התורה.

און די טענה, אַז ער קען ניט פאַרשטיין קיין נסתר, דאַרף דאָך ביי אים זיין נאָך אַ גרעסערע קשיא, ווי איז ער בכלל שייך צו תורה. תורה איז דאָך חכמתו של הקב״ה, וואָס עס איז בלי גבול, היינט ווי קען ער, אַ מוגבל, תופס זיין דאָס. נאָר דער תירוץ איז, אַז דער אויבערשטער האָט די תורה אָפּגעגעבן צו אידן, אין אַן אופן מען זאָל דאָס קענען נעמען. במילא איז ער דאָך שייך צו נעמען אויך סתים דאורייתא, וואָרום אויך דאָס האָט דער אויבערשטער געגעבן צו יעדער אידן. —

אָבער דער אמת איז, אַז גליא איז כלשון רז״ל: גופי תורה, דער גוף פון תורה, און דאָס פאַרבינדט די גליא פון נשמה מיטן גליא פון קוב״ה, אָבער דער סתים דאורייתא פנימיות התורה וואָס איז, כלשון רז״ל — נשמתא דאורייתא — ווי דערקלערט בזוהר[34]), פאַרבינדט דעם סתים דנשמה מיטן סתים דקוב״ה.

במילא אויב ער לערנט נאָר נגלה אָן חסידות האָט ער דאָך ניט אויסגענוצט דעם סתים דנשמה, וואָס איז ניט געוואָרן מחובר מיט תורה, איז דאָס על דרך הנ״ל, ווי איינער לערנט נאָר לגירסא און ניט בעיון.

ווען איז פאַראַן דער אמת'ער לימוד התורה, אַז דער גאַנצער מענטש, זיינע חיצוניות מיט זיינע פנימיות, איז פאַרנומען און פאַרבונדן מיט דער גאַנצער תורה, — חיצוניות וגליא מיט פנימיות וחסידות.

מען דאַרף אָנהויבן לערנען חסידות, אויב אַפילו אַז אין אָנהויב האָט ער נאָך ניט קיין געשמאַק אין דעם, און ער טענה'ט אין לנו עסק בנסתרות. און דורך דעם לערנען וועט אים אויך צוקומען אין גליא דתורה, ער וועט אין זיין לערנען ממשיך זיין אור אין סוף סתים דהקב״ה, קורא ושונה כנגדו.

און מה להלן, אַזוי ווי בשעת מתן תורה האָט מען געזען עצמות א״ס ב״ה אין תורה, אף כאן אַזוי וועט ער ממשיך זיין עצמות א״ס ב״ה בתורתו בכל מקום ובכל זמן.

* * *

יא. עס שטייט אין גמרא[35]) אַז דוד מת בעצרת, ד. ה. אַז שבועות איז דער יום ההילולא פון דוד המלך. אין ספר תבואות שור און בנין אריאל שטייט אַז אַזוי ווי הקב״ה איז ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום, איז דערפון אַ ראי' אַז דוד נולד בעצרת. ד. ה. אַז שבועות איז דער יום ההילולא און דער יום הולדת פון דודן.

אויפן פסוק בני אתה אני היום ילדתיך, שטייט אין זוהר[36]) אַז דעם פסוק האָט דוד געזאָגט בשעת ער איז געוואָרן בר מצוה און איז אַריין אין דעם פערצנטן יאָר. האָט דוד דאַן געזאָגט, אַז הקב״ה אמר אלי, בני אתה אני היום ילדתיך, ד. ה. פון דער מדריגה אני תפלה, איז אין

33) לאדמו״ר הזקן פרק א, ד.
34) חלק ג קנב, א.

35) ראה ירושלמי הובא בתוספות ד״ה אף עצרת, חגיגה יז, א.
36) ח״ב צח, א. זע אור החמה פירוש הרח״ו שם. רשימות הצמח צדק על תהלים ב, ז.

אים נמשך געווארן אַ נשמה קדושה. — נוסף אויף דעם וואָס בעת הברית מילה איז נכנס דער נפש האלקית, ווי דער אַלטער רבי ברענגט אין אָנהויב שולחן ערוך [37], דאָס איז אָבער מער ניט ווי די מדריגה פון נפש רוח ונשמה. נאָך דעם אַז מען איז עובד עבודתו כדבעי למהוי, דע־מאָלט איז זכה יתיר און בשעת הבר מצוה ווערט אויך נמשך די מדרי־גות פון אצילות.

דערפאַר האָט ר׳ שמעון געמאַכט אַ גרויסע סעודה ושמחה בשעת ר׳ אלעזר ברי׳ איז געוואָרן בר מצוה, אַ שמחה ווי צו אַ חתונה. און בשעת מען האָט אים געפרעגט דעם טעם השמחה, האָט ער געענטפערט, ווייל ר"א ברי׳ ווערט בר מצוה, ווי עס שטייט אין זוהר חדש [37*].

ועל פי הנ"ל, אַז שבועות איז דער יום הולדת פון דוד׳ן, קומט דאָך אויס אַז דעם פסוק האָט דוד המלך געזאָגט שבועות.

יב. וויבאַלד אַז דעם פסוק בני אתה אַני היום ילדתיך וגו׳ האָט דוד אַריינגעשטעלט אין תהלים, וואָס תהלים זאָגן דאָך אַלע אידן, יעדער איינער כפי מעמדו ומצבו,

ובפרט לויט דער תקנה וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט מתקן געווען, אַז יעדער איינער זאָל זאָגן אַלע טאָג דעם יום תהלים כפי שנחלק לימי החודש, וואָס די תקנה איז אַ דבר השוה לכל נפש, אַז אַפילו אויב מען זאָגט אויך אַנדערע שיעורי תה־לים, דאַרף מען אָבער אויך זאָגן דעם יום תהלים כפי שנחלק לימי החודש, און וואָס ווייטער און ווי־טער ווערט די תקנה נתפשט אַלץ מערער און מערער,

במילא איז אַלע ענינים וואָס דוד האָט געזאָגט אין תהלים עבור כנסת ישראל, קומען זיי אַראָפּ בגילוי צו יעדער אידן כפי מעמדו ומצבו, ובכלל זה אויך דער ענין ותוכן הפסוק: בני אתה אני היום ילדתיך, שאל ממני ואתנה גוים נחלתך ואחוזתך אַפסי אָרץ.

דער תוכן הפסוק איז, אַז וואָס נאָר מען וועט דעם אויבערשטן בעטן, וועט ער ממלא זיין יעדער אידן כל משאלות לבבו.

יג. אויף דוד׳ן שטייט, דוד מלך ישראל חי וקים [38], און — ועבדי דוד נשיא עליהם [39] וואָס דאָס גייט אויף ימות המשיח. במילא האָט דער פסוק שייכות צו ביידן, סיי צו דוד׳ן און סיי צו משיח׳ן, וואָס דער ענין פון ביאת המשיח איז דאָך משאלות לבבו פון יעדער אידן, במילא האָט עס יעדער איד בכוח אויסצופירן.

און אויספירן מילוי הבקשה קען מען דורך לימוד התורה וקיום המצ־וות, ובכלל זה דורך שמירת תקנת אמירת תהלים, זאָגן אַלע טאָג נאָכן דאַווענען דעם יום תהלים כפי שנח־לק לימי החודש.

— אין לבוש [39*] שטייט צו זאָגן תה־לים פאַרן דאַווענען, אָבער דאָס איז נאָך אַן ענין, ניט די תקנה וואָס יעדער איד דאַרף זאָגן נאָכן דאַווי־

37) סוף מהדורא בתרא.

37*) בראשית על פסוק תוצא הארץ נפש חי׳.

38) ראש השנה כה, א. זח"א קצב, ב.

39) יחזקאל לז, כה (בשינוי קצת).

39*) לבוש התכלת סימן א סעיף ט.

נען דעם יום תהלים כפי שנחלק לימי החודש, —

יד. אין זוהר[40] שטייט, אַז דוד ווערט אַנגערופן בדיחא דמלכא, ווייל ער פועל'ט שמחה למעלה, וואָס דאָס איז אַלעמאָל, און בפרט אין זיין יום הולדת ויום ההילולא, איז ער ממשיך שמחה על כל השנה.

זאָל מען איצט מתוך שמחה מקבל זיין אויף זיך להתחזק באמירת תהלים אַלע טאָג כפי שנחלק לימי החודש, און מען זאָל אויך מודיע זיין וועגן דעם צו די אַלע וואָס וויסן נאָך ניט דערפון, וועט זיין זכות הרבים תלוי בו.

און דעמאָלט וועט אויך מקויים ווערן דער סיפור וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דערציילט שבועות מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אַז צו אייגעם פון די רביים האָט מען באַוויזן בחזיון, ויהי חתת אלקים על הערים, — חת"ת איז ראשי תיבות, חומש, תהלים, תניא.

בשעת מען וועט לערנען אַלע טאָג אַ פרשה חומש מיט רש"י, זונטיק ביז שני, מאָנטיק ביז שלישי א. א. וו. מען וועט לערנען אַלע טאָג דעם שיעור תניא ווי ער איז איינגעטיילט געוואָרן לימות השנה על ידי כ"ק מו"ח אדמו"ר און מען וועט זאָגן אַלע טאָג נאָכן דאַווענען דעם יום תהלים כפי שנחלק לימי החודש,

וועט מקוים ווערן דער ויהי חתת אלקים על הערים, און עס וועט זיין דער ויסעו, אַז מען וועט פאָרן מתוך מנוחה אין ארץ ישראל בגאולה השלימה ואמיתית, ווי מען האָט געזאָגט יעקב אבינו נסעה ונלכה, וואָס דאָס וועט דאָך טאַקע זיין אַזוי לעתיד, אַז ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו.

דורך לימוד התורה וקיום המצוות, ובכלל זה שמירת התקנות הנ"ל, וועט מען ממשיך זיין משיח צדקנו למטה מעשרה טפחים במהרה בימינו.

* * *

טו. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט אַמאָל געזאָגט[41], אַז דער יום טוב שבועות איז אויסער דעם וואָס ער איז אַזוי ווי יעדער יום טוב, מועדים לשמחה, איז פאַראַן אין חג השבועות אויך אַ שמחה נוספת, שמחת מצוה, מצד דעם וואָס אידן האָבן מקבל געווען די תורה.

און אַזוי ווי בשעת מען ברענגט אַריין אַ קינד אין חדר צו לערנען תורה מאַכט מען דאָך אַ שמחה, אַזוי אויך שבועות ווען אידן זיינען אַריין אין „חדר" מקבל זיין די תורה, איז דאָס אַ שמחה, נוסף אויף שמחת המועדים.

און בפרט מצד דעם ענין פון שבועות מלשון שבועה, — וואָס דער נאָמען שבועות האָט אַ שייכות צו מתן תורה — און שבועות לשון רבים, ווייל עס זיינען פאַראַן צוויי שבועות: א) די שבועה פון אויבערשטן צו אידן, אַז לא יחליפם ח"ו באומה אחרת[41*], ב) די שבועה פון משביעין אותו תהי צדיק וכו'[42] און וואָס אַ איד איז מושבע ועומד מהר סיני, אַז ער וועט בלייבן אַ איד. עס איז פאַרפאַלן, אין יעדער

40) חלק ב קז, א.

41) זע קונטרס ח"י אלול ה'תש"ג שיחה ב' (סה"ש תש"ג ע' 142 ואילך).

*41) זע קידושין לו, א. (שו"ת הרשב"א סי' קצד). רות רבה פתיחתא ג. פסחים פז, א.

42) נדה ל, ב.

מעמד ומצב וואס א איד זאל נאר זיין, איז אף על פי שחטא ישראל הוא[43]), ניט נאר וואס ער הייסט מיטן נאמען יעקב, נאר ער האט אויך דעם שם המעלה ישראל, אין יעדער מעמד ומצב וואס ער געפינט זיך.

און דאס האט אויפגעטאן מתן תורה, וואס דעמאלט זיינען נתחדש געווארן בידע שבועות, דער פארבונד פון אויבערשטן צו אידן און דער פארבונד פון אידן צום אויבערשטן, אין אן אופן פון התקשרות עצמית, וואס איז ניט תלוי אין דעם מעמד ומצב אין וועלכן דער איד געפינט זיך.

און מצד דעם דארף זיין די שמחה ביתר שאת. ווארום די שמחה וואס קומט מצד מתן תורה האט דאס א שייכות צו יעדן אידן, אין יעדער צייט און אין יעדער ארט. און די שמחה וועט אויפטאן אז ער וועט מיטנעמען מיט זיך די התעוררות פון שבועות אויפן גאנצן יאר, ווייל שמחה פורץ גדר, דעם גדר הזמן וגדר המקום, אז אין יעדער צייט און אין יעדער ארט וועט ער מקבל זיין די תורה.

טז. עס שטייט אין מדרש[44]), אז בשעת דער אויבערשטער האט געגעבן אידן די תורה, האט ער פארלאנגט אן ערבות, האבן די אידן געזאגט, אבותינו ערבים בעדינו, נביאינו ערבים בעדינו, אבער דאס האט מען ניט אנגענומען, ביז די אידן האבן געזאגט: בנינו ערבים בעדינו, דאס האט געהאלפן און צוליב די קינדער האט דער אויבערשטער געגעבן די תורה אלע אידן למקטנם ועד גדולם.

עס שטייט דאך נותן התורה לשון הוה, ווייל מתן תורה איז פאראן בכל יום ויום, במילא דארף מען יעדן טאג געבן די קינדער לערנען תורה און פירן זיי על פי תורה.

און אזוי ווי מען גיט אריין דעם ערשטן מאל א קינד אין חדר טוט מען דאס בשמחה, ווי מען האט פריער גערעדט, אזוי אויך יעדער טאג ווען מען שיקט דעם קינד אין חדר לערנען דארף מען עס טאן בשמחה.

עס איז ניטא וואס איבערצוטראכטן וואס וועט זיין דער „תכלית" און פון וואס וועט דער קינד, ווען ער וועט אויסוואקסן, האבן פרנסה.

מען דארף וויסן אז מען שיקט דעם קינד לערנען תורה, פארבינדט מען אים מיט דעם חי העולמים און מאן דיהיב חיי יהיב מזוני, אז ער וועט האבן אויך די גשמיות'דיקע הוצאה, ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה, אלע ברכות וואס עלטערן ווינטשן קינדער.

און דאס קומט דורך לימוד התורה דוקא, אז בשעת עס איז פאראן דער אם בחקותי תלכו, און עס וועט זיין דער ראשית „עריסותיכם" — מלשון עריסה[45]) — תרימו תרומה להוי', אז באלד ווי מען שטייט אויף זאגט ער מודה אני וכו', דעמאלט וועט דער קינד האבן הצלחה אויך אין גשמיות.

---

43) סנהדרין מד, רע"א.

44) שיר השירים רבה על הפסוק (א, ד) משכני אחריך נרוצה. מדרש תהלים עה"פ (ח, ג) מפי עוללים ויונקים יסדת עוז (בשינוי לשון).

45) ספר המאמרים — קונטרסים — ח"א קכח, א. קסה, א.

און דערפאַר ווען מען שיקט דעם קינד לערנען דאַרף מען עס טאָן מיט דער גרעסטער שמחה, וויסנדיק אַז דאָס איז דער איינציקער וועג צו ברענגען אים גליק, ניט נאָר גליק אין רוחניות, נאָר אויך גליק אין גשמיות.

(משיחת חגה"ש, תשט"ז)

יז. עס שטייט אין מדרש אַז בשעת דער אויבערשטער האָט גע־געבן אידן די תורה, האָט ער גע־זאָגט אַז ער וויל זיי זאָלן געבן ערבים אַז זיי וועלן מקיים זיין די תורה. האָבן די אידן געזאָגט אָבותינו ערבים בעדנו, האָט דער אויבערש־טער די ערבות ניט אָנגענומען. נאָך דעם האָבן די אידן געזאָגט נביאינו ערבים בעדנו, האָט ער די ערבות אויך ניט אָנגענומען, דערנאָך האָבן די אידן געזאָגט בנינו ערבים בע־דינו, איז די ערבות האָט דער אוי־בערשטער אָנגענומען, און האָט גע־געבן די תורה.

דאָ אין אַמעריקע איז זייער אָנגע־נומען דער ענין פון דרוש, אַלע פון קליין ביז גרויס זאָגן דרוש — און אַזוי ווי אזלת לקרתא עבד כנימו־סא[46]), וועל איך מבאר זיין דעם מדרש על פי נוסח המדינה, דרוש.

יח. אידן זיינען דאָך דער עם הנבחר, און זיי האָבן ליב לערנען תורה, וואָס אויף תורה שטייט[47]), כי היא חכמתכם ובינתכם — אויך — לעיני העמים, פונדעסטוועגן אָבער מצד פאַרשידענע סיבות און טרדות, קען דאָך זיין אַז ניט קוקנדיק אויף די גוטסקייט און דעם געשמאַק פון תורה ומצוות, זאָל מען ניט לער־נען קיין תורה און ניט מקיים זיין קיין מצוות.

דערפאַר, בשעת דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה, האָט ער צו ערשט געוואָלט זיין זיכער אַז אידן וועלן לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות, האָט ער פאַרלאַנגט ערבים.

די אידן האָבן געענטפערט, אבותינו ערבים בעדנו. אונזערע עלטערן וועלן זיין ערב פאַר אונז, זיי וועלן לער־נען תורה. ער האָט אַ אַלטן טאַטן וואָס ער זיצט אין מושב זקנים, קיין דאגות האָט ער ניט, איז זיין טאַטע וועט לערנען תורה.

ער וועט אויסהאַלטן זיין פאָטער און זיין פאָטער וועט זיך פאַרשרייבן אין אַ חברה משניות, חברה ש"ס א. ד. ג. און וועט לערנען תורה. וואָרום קיין אַנדערע געשעפטן האָט ער סיי ווי ניט, במילא וועט ער האָבן צייט צו לערנען.

ואדרבה, עס וועט אים — דעם פאָטער — זיין פריילעכער, דורך דעם וואָס ער וועט זיך פאַרשרייבן אין אַ געוויסע חברה צו לערנען, וואָ־רום אַמאָל אין יאָר, צי צוויי מאָל אין יאָר, וועט פאָרקומען אַ מסיבה צווישן די חברים במילא וועט אים זיין פריילעכער.

יט. די אידן האָבן אויך געענט־פערט, נביאינו ערבים בעדנו. אונזע־רע נביאים וועלן זיין ערב פאַר אונז. נביאינו מיינט אונזערע רעדנערס — נביא איז פון דעם וואָרט ניב שפ־תים — אונזערע רעדנערס, ד. ה.

46) זע ב"ר פמ"ח יד.
47) דברים ד, ו.

אונזערע רבנים, זיי וועלן זיין אונזע־רע ערבים, זיי וועלן לערנען תורה.

ער וועט דינגען אַ רב, און וועט אים אויסהאַלטן אויף זיין חשבון, און ער — דער רב — וועט לערנען תורה, און ער אַליין וועט טאָן ביז־נעס.

אָבער אויך אויף דער ערבות האָט דער אויבערשטער ניט מסכים געווען, אים איז ווייניק אַז רבנים וועלן לערנען תורה, ער וויל אַז אַלע אידן זאָלן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

במילא האָט ער פאַרלאַנגט אַנדע־רע ערבים.

כ. האָבן די אידן געזאָגט, בנינו ערבים בעדנו. אונזערע קינדער וועלן זיין ערב פאַר אונז, זיי וועלן לער־נען תורה.

די קינדער, כל זמן זיי זיינען קליין, און זיי טויגן זיך ניט אויס צו ביזנעס, וועט ער זיי שיקן אין אַ תלמוד־תורה דערנאָך אין אַ ישי־בה, און נאָך דעם אַז די קינדער וועלן ווערן עלטער, וועט ער זיי אַרויסנעמען פון דאָרט און אַריינגע־מען זיי אין געשעפט.

אויף דער ערבות האָט דער אוי־בערשטער מסכים געווען, וואָרום אַז די קינדער וועלן קליינערהייט גיין אין אַ ישיבה, איז אויך אַז זיי וועלן ווערן עלטער, וועלן זיי ניט וועלן אַרויסגיין פון ישיבה, און זיי וועלן בלייבן לערנען.

נאָך מערער, די קינדער וועלן אַזוי־פיל ריידן און אַריינריידן אין די עלטערן, ביז זיי וועלן פועל'ן אויך אויף די עלטערן, אַז אויך זיי — די עלטערן — וועלן אָנהויבן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

כא. דאָס איז דאָך אַלץ אַן ענין פון דרוש, וואָס דרוש דערלאַנגט אין עולם היצירה אָדער אין עולם הברי־אה, אָבער בהנוגע לפועל דאָ אין עולם הזה איז, אַז מען דאַרף זען אַוועקלייגן אַלע כחות אויף אַריינ־ברענגען קינדער אין די תלמוד תו־רה'ס און ישיבות, וואָס דורך דעם וועלן די קינדער פועל'ן אויך אויף זייערע עלטערן, און דורך דעם זיינען אַלע אידן זוכה צו קבלת התורה.

(משיחת חגה"ש, תשי"ב)

כב. ביי מתן תורה און אין צוגריי־טונג צו קבלת התורה שטייט, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישר־אל. זאָגן די רז"ל[48]) בית יעקב אלו הנשים, פריער זאָל משה רבינו אי־בערגעבן וועגן דעם צו די פרויען און דערנאָך צו די מענער, ווייל פון די אידישע פרויען הענגט אָפּ דער קיום התורה: אַן די אידישע פרויען ווענדט זיך דער חינוך, דאָס איז ביי זיי אין די הענט. די ערשטע יאָרן ווען דאָס קינד איז נאָך גאָר קליין איז ער דאָך דעם גאַנצן טאָג אין שטוב, אויך דערנאָך ווען דאָס קינד ווערט עלטער און גייט אין חדר, איז ער דאָך אויך דאָס רוב צייט אין דער היים מיט דער מוטער.

אויך דער גאַנצער שטעל פון הויז, און במילא, אין אַ גרויסער מאָס, דער אויסזען און אויפפירונג פון מאַן, איז אין די הענט פון דער פרוי, די עקרת הבית.

זאָגט מען צו די אידישע פרוי־ען, תאמר לבית יעקב, תאמר —

---

48) מכילתא געבראַכט אין רש"י (שמות יט, ג). זע אויך שמות רבה פכ"ח, ב.

בלשון רכה"). עס איז אָבער מער ניט ווי לשון — אויסדרוק — רכה, ניט אַז מען דאַרף זיי זאָגן אַן אַנ־דער אינהאַלט. מען דאַרף זאָגן דעם זעלבן אינהאַלט וואָס צו די מע־נער, נאָר בלשון רכה, אין אַ ווייכער שפּראַך. לויט אַן אויסדרוק פון כ"ק מו"ח אדמו"ר: מען דאַרף ניט ריידן אין דער ניט גוטער זייט (אויב מען וועט ניט גיין אין תורה־וועג ח"ו), נאָר אין דער גוטער זייט.

מען דאַרף זיי מסביר זיין, אַז אויב זיי ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן זיין געזונט אין גשמיות — וואָס געזונט אין גשמיות ווילן דאָך זיכער אַלע — און גליקלעך בגשמיות וברוחניות, קען דאָס קומען נאָר דורך דעם געזונט פון דער נשמה, וואָס דאַן איז געזונט אויך דער גוף.

אַפילו חכמים פון ניט אידן, להבדיל, זאָגן אַז דער געזונט פון דעם גוף קען קומען נאָר דורכן געזונט פון נשמה, וואָס בשעת די נשמה איז געזונט, זיינען די נערוון געזונ־טע, ובמילא איז דער גוף אַ געזונ־טער. און ביי אידן קען דאָס זיין נאָר דורך דערציאונג און לעבן על פי תורה.

עס קומט אַ מוטער און פרעגט אַ קשיא: וואָס האָט צו טאָן תורה מיטן געזונט פון גוף? דאָס ווענדט זיך אין עסן און שלאָפן והדומה, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט כשרות, קריאת שמע, ברכות, ציצית, טראָגן פיאות, לערנען אלף בית, א. אַ. וו.?

דאַרף מען וויסן, אַז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, איז ער דער בעל הבית אויף דער וועלט, סיי פון דער נשמה סיי פון דעם גוף, און אַזוי ווי ער האָט איינגעשטעלט, אַזוי מוז מען טאָן.

מיר זעען אַז דער וואָס האָט צוזאַ־מענגעשטעלט די פּלענער פון אַ פעק־טאָרי (פאַבריק) וויס ער דוקא ווי צו פירן די פעקטאָרי. דאָס וואָס ביי אַן אַנדער מענטשן קומט אויס אַז עס איז אַ קלייניקייט און עס איז ניט נוגע, וויס ער אַז דאָס איז נוגע צו דער גאַנצער פעקטאָרי. מיר זעען אַז אַ בעל־הבית׳טע אין אַ שטוב פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיי־נעם, זי וויל אַז אַלץ זאָל גיין ווי ביי איר קומט אויס, ווייל זי וויס גענוי וואָס דער מאַן דאַרף, וואָס די קינדער דאַרפן, וואָס די שטוב דאַרף.

היינט אויב אין אַ פּרטיות׳דיקער בעל־הבית׳שקייט איז אַזוי, מכל שכן און זיכער — אַז בשעת עס האַנדלט זיך וועגן אַ קינד, וואָס ס׳איז נוגע ניט נאָר צו דעם קינד אַליין נאָר צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער, לדורי דורות, איז דאָך אַוודאי אַז קיינער קען זיך ניט מישן אין בעל־הבית׳שקייט, און ווי דער אויבערש־טער, דער בעל־הבית פון דער וועלט, האָט איינגעשטעלט, אַזוי מוז מען זיך פירן, און דאָס איז נוגע דעם קינד און אויך לדורי דורות.

מען דאַרף וויסן אַז דער אויבערש־טער וואָס ער איז אַ בעל־הבית אויפן הימל, איז ער דער זעלבער בעל־הבית אויך אין יונייטעד סטייטס, אָדער אין וועלכער אַנדער מדינה, און אויב מען וויל אַז דער קינד זאָל זיין געזונט הונדערט פּראָצענט, דאַרף די דערציאונג זיינע אויך זיין אַ

49) ספרי בהעלותך יב, א.

הונדערט פראַצענטיקע — הונדערט פראַצענט על פי תורה.

קיינע עלטערן וועלן ניט איינגיין אויף אַ פיפטי־פיפטי (האַלב אויף האַלב) קינד, חס ושלום, אַ האַלבן טאָג געזונט און אַ האַלבן טאָג, חס ושלום, ניט אַזוי. עלטערן לייגן אין דעם לעבן אַז די קינדער זאָלן זיין אינגאַנצן, אָן קיינע פשרות, געזונט אין גוף. דאָס איז אָבער פאַרבונדן, לויט ווי דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט, אַז די דערציאונג זייערע זאָל זיין אַ גאַנצע, אָן פשרות, ניט קיין פיפטי־פיפטי, אַ העלפט צום אויבערשטן און אַ העלפט „צו לייטן", נאָר אַלע הונדערט פראַצענט צום אויבערשטן.

אויך דאַרף מען אומבאַדינגט זען, אַז ביי אַ קינד זאָלן זיין דברי תורה חקוקים במוחו, איינגעקריצט אין זכרון, לויט דעם עלטער זיינעם: שמע ישראל, מודה אני, ברכות, תפלות, פסוקי חומש, עטלעכע משנות. וואָס דאָס איז נוגע אויך אויף דער צייט וואָס ער לערנט ניט, און חזר'ט עס ניט — דעמאָלט ווירקט עס אויך, ווי עס איז דערקלערט אין חסידות[50], און די לעצטע יאָרן האָבן שוין די דאָקטוירים אויך מודה געווען אויף דעם.

כג. דער סך־הכל פון דאָס אויבנדערמאָנטע, בקיצור:

מיר געפינען אין תורה, און עס איז אויך פאַרשטאַנדיק אין געזונטן שכל, אַז פירן זיך ווי דער בעל־הבית פון דער וועלט האָט אָנגעוויזן — איז דער איינציקער וועג ווי צו מצליח זיין אין דער וועלט. און אַז מען וויל הצלחה אָן פשרות — דאַרף זיין די אויפפירונג אָן פשרות.

ובפרט בנוגע קינדער:

קינדער דאַרפן זיין געזונט אַלע הונדערט פראַצענט, דאַרף מען זיי דערציען און אָפּגעבן זיי צום אויבערשטן אויף אַלע הונדערט פראַצענט, און דאַן גיט דער אויבערשטער די קינדער — און די עלטערן — סיי רוחניות סיי גשמיות הונדערט פראַצענט, ווי ער זאָגט אין פסוק: אם בחוקותי תלכו — ונתנה הארץ יבולה . . והרבתי אתכם והקימותי את בריתי אתכם.

(משיחת חגה"ש, תשי"ד)

כד. ווי געזאָגט שוין, אַז ביי מתן תורה ווערן צום ערשטן דערמאָנט בית יעקב אלו הנשים און דערנאָך בני ישראל אלו האנשים. בכדי פועל'ן ביי די אנשים, איז דאָס אָפּהענגיק אין די נשים, וואָרום די אידישע פרוי איז די עקרת הבית.

אַ אידישע טאָכטער און פרוי דאַרף וויסן אַז אין איר איז אָפּהענגיק די הנהגה פון דער שטוב, און זי דאַרף זען פועל'ן אויך אויפן מאַן. און הגם אַז אשה מצווה בכבוד בעלה, פונדעסטוועגן איז אויב ס'איז נאָר דאָ דער תוקף הדרוש איז בדרכי נועם ודרכי שלום קען מען אַלץ אויספירן.

ומובן בדרך ממילא, אַז איר אייגענע הנהגה וואָס ס'איז שייך צו איר דאַרף זיין כדבעי למהוי, וואָס דאָס דאַרפן שוין זען די טאַטעס מיט די מענער צו מסביר זיין בלשון רכה, את המעשה אשר יעשון ואת המעשה

50) זע לקו"ת סוף פרשת קדושים.

אשר לא יעשון, אז אלע הנהגות זאלן זיין על פי תורה.

און אפילו אן ענין פון א הידור ולפנים משורת הדין, דארף וויסן א אידישע טאכטער וואס האט זיך געהאדעוועט אין א חסידישער שטוב, אז א לפנים משורת הדין ומדת חסידות דארף מען אויך טאן, ווארום דער רבי האט דאך געוואלט אז אויך מיט פרויען זאל מען לערנען ענינים פון חסידות, וואס איבער דעם האט ער געשריבן ענינים פון חסידות אויך אויף אידיש. זיינען דאך די ענינים פון חסידות שייך אויך צו זיי.

ובפרט, אז מען וויל ביי דעם אויבערשטן, ער זאל געבן לפנים משורת הדין, דארף מען אליין אויך זיך פירן אזוי, וואס דעמאלט וועט געבן דער אויבערשטער מידו הרחבה והמלאה בבני חיי ומזוני רויחי, אויף אלע הונדערט פראצענט, ווי מען זאגט אין אמעריקע, אז עס וועט זיין „אלרייט".

כה. (אחרי תפילת ערבית והבדלה — שהבדיל בעצמו על הכוס — נתן כ"ק אדמו"ר שליט"א בידו הקדושה לכל אחד מהנאספים מהכוס של ברכה, שבירך עליו ברכת המזון, וטרם צאתו אמר:)

אסרו חג איז דאך ברי' דמועדא, און עס שטייט דאך יפה כח הבן מכח האב[*50]), זאל מען ממשיך זיין דעם יום טוב אין אסרו חג, און פון אסרו חג על כל השנה, אז עס זאל זיין א שנה מבורכת בלימוד התורה.

(משיחת חגה"ש, תשט"ו)

*50) שבועות מח, א.

כו. *) איר ווייסט געוויס אז מיר געפינען זיך איצטער אין חודש סיון. וואס כאטש אפילו די תורה איז געגעבן געווארן אין א באשטימטן טאג פון דעם חודש, אין זעקסטן טאג פון חודש סיון, דערמאנט אבער די גמרא אין שבת[51]) דעם גאנצן חודש אין צוזאמענהאנג מיט מתן תורה, זאגנדיק אז ער איז ירחא תליתאי (דער דריטער חודש ציילנדיק פון ניסן ראש חדשים), און דערפאר איז דעמאלט געגעבן געווארן אוריין תליתאי, א תורה וואס זי איז אויך א דרייענדיקע (פאנאנדערגעטיילט אויף תורה נביאים וכתובים), געגעבן געווארן לעמא תליתאי, צו א פאלק וועלכער טיילט זיך אויך אין דרייען (כהנים לוים וישראלים). דערמיט אונטערשטרייכט די גמרא אז ניט נאר דער זעקסטער טאג אין חודש איז פארבונדן מיטן געבן די תורה פון דעם אויבערשטן און מיט דעם וואס אידן האבן גענומען די תורה — נאר דער גאנצער חודש, יעדער טאג אין אים — איז פארבונדן מיט מתן תורתנו וואס איז געווען בששי בחודש אין די טעג פון שבועות. דערפאר, געפינענדיק זיך אין חודש סיון, דארף יעדער טאג דערמאנען אז דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה

*) אין צוזאמענהאנג מיט דער אויפגאבע פון נשי ובנות ישראל וואס אין זיי הענגט אפ דער גאנצער ענין פון קבלת התורה, גיבן מיר צו אייניקע שיחות וואס דער רבי שליט"א האט גערעדט צו תלמידות פון בית רבקה און נשי ובנות חב"ד, וועגן דער אויפפירונג פון אידישע פרויען.

51) פח, א.

און האט אונז אויך געגעבן כוח אז מען זאל זי קענען אויפנעמען, מקבל זיין די תורה און דערנאך אויפפירן זיך א גאנצן יאר לויט די אנווייזונגען פון דער תורה — ביז אין אלע פרטים פון טאג טעגלעכן לעבן.

כז. אין מכילתא און מדרשים דערציילט מען דעם סדר ווי אזוי מען האט געגעבן די תורה: דער אויבערשטער האט געהייסן משה רבי־נו אז ער זאל פריער אנפרעגן ביי אידן, זאגן זיי אז ער גייט זיי געבן די תורה, כדי זיי זאלן צוגרייטן זיך איר אויפנעמען, און האט אים אויך אנגעוויזן אז פריער זאל ער ריידן מיט די נשים — מיט די פרוי־ען און מיט די מיידלעך — און דער־נאך זאל ער ריידן מיט די מענער. און דער אויבערשטער האט אויך דערקלערט משה רבינו אז ער זאל דאס טאן אין דעם סדר ווייל דע־מאלט וועט זיין זיכערער אז ניט קוקנדיק אויף פארשידענע איינריי־דענישן און נסיונות וואס דער יצר הרע שטעלט צו — אז א אידן זאל זיך אויסוויזן אז לערנען תורה און מקיים זיין מצוות איז פארבונדן מיט שוועריקייטן — זאל מען פונדעסט־וועגן מקבל זיין די תורה, און מקיים זיין די אלע זאכן וואס שטייען אין דער תורה.

כח. דאס איז אויך די אפלער־נונג ביז אין אונזער דור, ביז אין יונייטעד סטייטס, אין ניו יארק, אז מען דארף וויסן און געדענקען אז אזוי ווי ביי מתן תורה האט דער אויבערשטער ניט נאר געגעבן די תו־רה נאר פריער אויך געגעבן דעם כוח אז מען זאל קענען אויפנעמען און מקיים זיין די תורה, דערפילן דאס אין טאג טעגלעכן לעבן און האט געזאגט אז די התחלה, דער אנהויב פון דעם דארף זיין פון די אידי־שע טעכטער, אזוי איז אויך איצ־טער יעדן יאר און בפרט אין דעם חודש סיון — דארף אויפגענומען ווערן די תורה פון די פרויען און פון די מיידלעך, און דאס שטארקט אויך די מאנסביל אז מען זאל די תורה מקבל זיין אין דעם אופן פון דערפילן וואס עס שטייט אין דער תורה דעם גאנצן יאר.

כט. איר גייט איצטער גראדואירן (ענדיקן די כתה). עס איז זיכער איבעריק צו אונטערשטרייכן אז ביי אידן גראדואירן פון א בית ספר בלימודי קודש — הייסט דאס ניט חס ושלום אפלאזן וואס מען האט געלערנט, אדער טראכטן אז מען האט עפעס פארענדיקט. דאס איז נאר א צוגרייטונג און אן אנהויב אויף קע־נען פארשטיין תורה און מקיים זיין וואס עס שטייט אין דער תורה מיט העכערע און טיפערע כוחות, מיט מער פארשטאנד און מיט מער חיות. און אזוי ווי עס איז דעמאלט גע־ווען די אנווייזונג אין דעם אז די התחלה, אז עס הויבט זיך אן פון בנות ישראל, פון אידישע טעכטער, אזוי איז אויך איצט האפט דער אויבערשטער פון יעדערער פון אייך — אז איר וועט ניט נאר פארזעצן טאן אין וויסן וואס עס שטייט אין דער תורה און דערפילן דאס וואס די תורה הייסט טאן, נאר איר וועט דאס טאן נאך מיט טיפערע כוחות און מיט גרעסערע כוחות און מיט

מערער לעבעדיקייט, און איר וועט אויך באַוויזן אין דעם, דעם וועג פאַר אייערע חבר'טעס און פאַר אייערע קרובים און פאַר דעם גאַנצן אַרום־איך.

און דער אויבערשטער זאָל אייך העלפן איר זאָלט דאָס טאָן אין גוטן געזונט מיט התלהבות און מיט לעבע־דיקייט און מיט חיות און מיט פריי־שע, באַנייטע כוחות, וואָס דאָס וועט אויך ברענגען דעם אויבערשטנס בר־כות אין אַלע אייערע ענינים, סיי וואָס זיינען פאַרבונדן מיט גשמיות און סיי וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רוחניות.

ל. האָט אַ געזונטן זומער און הצלחה אין אַלע אייערע זאַכן, און איר זאָלט שטייגן אין אידישקייט און אין תורה און מצוות אין אַן אופן אויף צו זיין אַן אמת'ע פרייד און נחת צו אייערע עלטערן, פאַר אייע־רע מורים, פאַר אייערע טיטשערס און טיטשערינס.

און די הנהלה פון בית־רבקה זאָל זיך קענען באַרימען מיט אייך און זאָגן: ראו גדולים שגדלנו — זעט וואָס פאַר אַ תלמידות מיר האָבן אויסגעשטעלט דעם יאָר.

און דאָס זאָל זיי — דער הנהלה — אויך געבן באַנייטע כוחות אַז פון יאָר צו יאָר זאָל אויך שטייגן דער סטאַנדאַרט פון דעם לערנען און חינוך פון די תלמידות אין אַן אופן פון מוסיף והולך מוסיף ואור.

זייט געזונט און זייט מצליח סיי בגשמיות סיי ברוחניות.

(שיחת י"ט סיון, תשכ"ב, לתלמידות המסיימות של בית רבקה)

לא. איצט *), קען מען זאָגן, שטיי־ען מיר אויפן שוועל פון דעם נייעם יאָר בהנוגע לפועל ממש אין טאָג־טעגלעכן לעבן. כמעט דעם גאַנצן חודש תשרי איז מען דאָך פאַרנור־מען מיט הכנות צו יום־טוב און מיט די ימים־טובים אַליין. אָבער איצט אַז עס האָבן זיך געענדיקט די יום־טוב'דיקע טעג פון חודש תשרי, גייט מען אַריין אין די וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. עס הויבט זיך אָן דער סדר, לויט דעם אויסדרוק פון די רביים, נשיאינו הקדושים זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, פון ויעקב (געמיינט יעדער איד, מאַן אָדער פרוי) הלך לדרכו, גייט אַוועק אין זיין וועג — אויספירן די שליחות פון דעם אויבערשטן, וואָס יעדער האָט, אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין דער צייט דאַרפן אידישע פרוי־ען בכלל, און בפרט נשי ובנות חב"ד וואָס דאָס איז דאָך ראשי תיבות: ח'כמה ב'ינה ד'עת — אַריינטראַכטן זיך אין דער אחריות וואָס עס ליגט אויף זיי בנוגע זייער הויז.

זיי דאַרפן וויסן, אַז אויף זיי ליגט די פליכט אַריינצוברענגען וואַרעמ־קייט, ליכטיקייט און שמחה — אמת'ע וואַרעמקייט, ליכטיקייט און שמחה — אין זייער הויז.

אַז די הויז זאָל זיין אַן אמת אידישע הויז, וואָס דאַן וועט עס זיין אַ וואַרעמע, ליכטיקע און פריי־לעכע הויז — הענגט דאָס אָפּ אין גאָר אַ גרויסער מאָס פון דער פרוי, מער נאָך ווי פון דעם מאַן; דער

*) די שיחה איז געזאָגט געוואָרן שבת בראשית.

מאן איז דאך פארנומען א גרויסן טייל פון טאג, אין עניני פרנסה, אויסערהאלב דער הויז, איז די פרוי די עקרת הבית, דער הויפט פונדא־מענט פון דער הויז. די הנהגה פון דער הויז און דער חינוך פון די קינדער זיינען הויפטזעכלעך דער פרוי׳ס פאראנטווארטלעכקייט.

לב. אט די פליכטן פון דער אידי־שער פרוי און איר אחריות — ווערן אויך אנגעדייטעט און אונטערגע־שטראכן אין די דריי מצוות וואס זיינען געגעבן געווארן ספעציעל צו אידישע פרויען:

א) צינדן ליכט ערב שבת און ערב יום טוב;

ב) אפשיידן חלה;

ג) טהרת המשפחה.

אייניקע פון די רמזים פון די דריי מצוות זיינען:

א) ליכט צינדן. הדלקת נר שבת און נר יום טוב. וואס פון שבת און יום טוב[53] נעמט מען כוחות אויף די וואכעדיקע טעג, ברענגט אריין שלום בית[53], און מאכט די אידישע היים ליכטיק אויך בגשמיות מיט נר מצוה ליכטיקייט. דאס וויזט אויף דער פרוי׳ס פליכט אריינצו־ברענגען שלום און ליכטיקייט פון נר מצוה ותורה אור אין דער הויז, וואס דאן רוט דעם אויבערשטנס ליכטיקייט[54]) דארט.

ב) „נעמען" — אפשיידן חלה. מ־ראשית עריסותיכם — דער אנפאנג פון אייערע טייג — תתנו להוי׳, דאס איז א הייליקע תרומה וואס א איד שיידט אפ פון זיין טייג און ברויט, דער הויפט מאכל[55]) פון מענטשן, און — איידער ער באנוצט זיך מיט דעם. די מצוה פון חלה וואס די פרוי האט דערצו זוכה געווען, וויזט אויף איר פליכט אפצושיידן אויף צדקה בפרט און תורה ומצוות הוי׳ בכלל, א טייל און דעם ערשטן — אין חשיבות און אין גרויס — פון דער פרנסה. דורך דעם טוט מען אויף, אז דער עסן, און אין אלגע־מיין, דער פארדינסט, זאל אויסגע־ניצט ווערן ווי עס באדארף צו זיין, צו געזונט און ברכה[56]). די גאנ־צע פרנסה זאל גיין נאר אויף גוטע זאכן און געזונטע זאכן, און ניט חלילה אויף דאקטוירים, רפואות און ענינים פון עגמת נפש.

ג) טהרת המשפחה. דורך דער מצוה פון נדה, טהרה און טבילה וואס איז געגעבן געווארן צו דער אידישער פרוי, ברענגט זי אריין טהרה און קדושה — ריינקייט און הייליקייט — אין דעם פאמיליע לעבן. דורך דער מצוה איז מען זוכה צו האבן געזונטע גוטע קינדער[57]), גאנץ אין גוף און גאנץ אין נשמה, קינ־דער וועלכע גייען דערנאך אין דעם וועג פון תורה און מצוות און ברענ־גען אמת׳ן נחת און פרייד צו זייע־רע עלטערן, דורך דעם וואס די פרוי דערפילט איר פליכט, די פליכט

52) זוהר חלק ב סג, ב. לקוטי תורה ברכה צח, ב.

53) שבת כג, ב.

54) תנחומא (הוצאת בובער) ריש פרשת נח.

55) ספר החינוך מצוה שפה.

56) יחזקאל מד, ל.

57) תנחומא ריש פרשת מצורע: שימש אדם עם אשתו נדה בניו לוקין כו׳ לעשר שנה כו׳ לעשרים שנה וכו׳. מסכת כלה: עז פנים כו׳.

פון דער אידישער מאַמען צו זאָרגן פאַר דער ריינער אמת'ער אידישער דערציאונג פון די קינדער, זין און טעכטער, עס זאָל זיין אַ חינוך כשר על טהרת הקדש, די גאַנצע משפחה זאָל זיין אַ משפחה טהורה וקדושה.

לג. נשי ובנות חב"ד און אידישע פרויען בכלל:

עס גייט אַ נייער יאָר, געדענקט די גרויסע און געשמאַקע פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועלכע ליגט אויף אייך פאַר דער אויפירונג פון דער הויז.

איך קענט מאַכן, אַז די הויז זאָל זיין אַ אידישע הויז, אַ וואַרעמע הויז, אַ ליכטיקע הויז.

איך קענט אַריינברענגען די ג־ט־לעכע ברכה אין אייער הויז, אַז איר מיט אַלע אייערע בני בית, זאָלט האָבן אַ געזונטן יאָר, אַ פריילעכן יאָר און אַ גליקלעכן יאָר, בגשמיות וברוחניות.

לד. דער רבי דער שווער פלעגט ווינטשן עס זאָל זיין אַ „געזונטער ווינטער". ווינטש איך אייך בלשון הרב — אייך, אייערע מענער און קינדער — אַ געזונטן פריילעכן און גליקלעכן ווינטער, אַ גוטן תמיד [58].

(שיחת מוצאי שבת בראשית, תשי"ד, לנשי ובנות חב"ד)

לה. די גמרא דערציילט [59], אַז אבא חלקי' און זיין ווייב האָבן ביידע געגעבן צדקה. דאָך בשעת מען האָט געדאַרפט האָבן גשמים, רעגן, און ביידע האָבן מתפלל געווען, איז איר תפלה נתקבל געוואָרן פריער ווי איר מאַנ'ס תפלה.

זאָגט מען דאָרט דעם טעם, ווייל די צדקה וואָס אבא חלקי' האָט געגעבן צו אָרעמעלייט, האָט ער זיי געגעבן געלט, פאַר וועלכע זיי האָבן דערנאָך געקענט קויפן עסן ושאר הצטרכותם, אָבער זיין פרוי, בשעת עס איז געקומען אַן אָרעמאַן האָט זי אים געגעבן דעם עסן אַליין, ניט נאָר אַ הכנה צום עסן, דערפאַר איז איר תפלה פריער נתקבל געוואָרן ווי זיינע.

די גמרא [60] זאָגט, הזן ומפרנס בניו ובנותיו הקטנים אויף אים שטייט עושה צדקה בכל עת. ד. ה. אַז דער ענין הצדקה איז ניט נאָר אויף פרעמדע, נאָר אויך אויף אייגענע קינדער. און מען מיינט ניט דוקא צדקה בגשמיות, נאָר אויך צדקה ברוחניות, וואָס מען איז מחנך די קינדער, אויך דאָס גייט אַריין אין כלל פון צדקה.

אַזוי ווי אין צדקה בכלל — איז דער מאַן גיט דעם אָרעמאַן די הכנה צו דעם וואָס ער דאַרף און די פרוי גיט אים דעם מזון אַליין, אַזוי איז אויך אין דער צדקה רוחנית צו די אייגענע קינדער־חינוך — איז דער מאַן, דער טאַטע גיט דעם קינד די הכנות, אָבער די מאַמע גיט דעם קינד דעם מזון (הרוחני) אַליין.

וואָרום די מצוה וואָס איז פאַראַן אויפן טאַטן, ושננתם לבניך, איז על פי רוב לערנט ער ניט אַליין מיטן קינד, נאָר דינגט פאַר אים אַ מלמד.

---

58) וטוב לב משתה תמיד (רמ"א סוף אורח חיים ובסנהדרין ק סוף ע"ב: זה שיש לו אשה טובה) — על ידי (ראה אגרת הקדש סימן יא: שישמח כו' בכל עת ושעה) — שויתי הוי' לנגדי תמיד.

59) תענית כג, ב.

60) כתובות נ, א.

וכידוע הסיפור [61] פון אַלטן רבי'ן, אַז ער האָט אַריינגערופן אַ חסיד און האָט אים געזאָגט: איך האָב אַ מצוה פון ושננתם לבניך און דו האָסט אַ מצוה פון זן ומפרנס בני ביתו, מיר'ן זיך בייטן, איך וועל דיר געבן אויף דער הוצאה און דו לערן מיט מיך בערל. און האָט אים גענומען פאַר אַ מלמד פאַר זיין זון, דעם מיטעלן רבי'ן.

נמצא אַז די צדקה וואָס דער טאַטע גיט דעם קינד, גיט ער אים ניט דעם מזון הרוחני אַליין, נאָר די הכנה צו דעם, ער גיט געלט דעם מלמד און דער מלמד לערנט מיטן קינד.

אָבער דאָס וואָס די מאַמע גיט דעם קינד, איז דאָס דער מזון — רוחני — אַליין, זי דאַרף זען אַז דער קינד זאָל גיין אַ טלית קטן, אָפּגיסן נעגעל־וואַסער, מאַכן ברכות וכו'. וואָרום הגם דער קינד לערנט אין אַ ישיבה אָדער אַ חדר, קען אָבער זיין אַז אין דער צייט וואָס ער איז אין שטוב זאָל ער פּטר'ן אַלץ וואָס ער האָט אין זיך אַנגע־זאַפּט זייענדיק אין ישיבה אָדער חדר, און דערפאַר דאַרף די מוטער אַכ־טונג געבן און מדריך זיין אים בהנה־גות טובות.

און די גשמי ברכה — פאַרן גאַנצן הויז — קומען שנעלער בזכותה.

און דערפאַר רופט אָן די תורה אַ אידישע מוטער מיטן נאָמען עקרת הבית, ווייל זי איז דער יסוד פון בית ישראל.

(משיחת ש״פ בראשית, תשי״ז)

# שלח

א. צווישן די רייד וואָס אידן האָבן גע'טענה'ט דורך דיבת המרגלים, איז געווען די טענה: נשינו וטפינו יהיו לבז. אַזוי אויך אין דעם ענטפער וואָס דער אויבערשטער האָט געענט־פערט אויף זייערע טענות איז גע־ווען: וטפכם אשר אמרתם לבז יהי' גו' (ומוסיף) והם יירשוה [1].

איז ניט מובן: די מרגלים האָבן דאָך ניט געמיינט דוקא די טף אַליין, נאָר סיי די בנים גדולים סיי די קטנים, אַז אַלע וועלן זיין לבז, איז פאַרוואָס האָט מען אַנגעכאַפּט טף דוקא, און ניט „בנים" וכיוצא בזה, וואָס איז כולל קליינע און גרויסע?

אין פּשטות קען מען מסביר זיין: אַזוי ווי זיי האָבן דאָך געמיינט צו אַנשרעקן די אידן אַמשטאַרקסטן, האָבן זיי אַזוי גערעדט ביז זיי האָבן דער־מאָנט טף, וואָס צו קליינע קינדער איז די אהבה מערער בגילוי, און דער רחמנות איז אויף זיי מערער. — דערפאַר זעט מען דאָך אויך, אַז די אהבה פון אויבערשטן צו אידן איז אויך געקומען מצד דעם וואָס כי נער ישראל, וואָס דערפאַר איז, ואוהבהו —

דאָס איז דאָך אָבער אַ ביאור מער ניט ווי אויף דער טענה. פאַרוואָס

---

61) זע היום יום, ח אדר א.

1) דברים א, לט.

אבער געפינט מען אויך אין דעם איבערשטנס ענטפער, אז ער האט אויך דערמאנט ביחוד טף, און ער זאגט אויף זיי (אויף די טף) דוקא, והבאתי אותם, והם ירשוה, איז דאך א ראי׳ אז זיי — טף — זיינען שייך מערער צו דער ירושה און כניסה לארץ.

ב. ווערט מען עס פארשטיין, על פי מה שאמרו רז״ל [2] אז א תינוק איז מפרר יותר ממה שאוכל. וואס דערפאר שטייט די מעלה פון יוסף׳ן אז ער האט געגעבן לחם לפי הטף, ווייל טף דארף מען געבן מערער, אויך אויף צו מפרר זיין.

לחם — ברוחניות — גייט בכלל אויף תורה, וואס תורה ומצוות זיינען מאכל ומשתה [3]. און אין דעם איז דא א נפקא מינה צווישן גדולים בדעת און טף, קטנים בדעת. ביי גדולים בדעת גייט אוועק רוב זמנם ורוב כחותיהם, אויף תורה ומצוות, און די תורה ומצוות אליין זיינען כדבעי, מה שאין כן ביי קטנים בדעת, איז לבד זאת, אז רוב הזמן ורוב הכוחות גייען אוועק אויף אנדערע ענינים, לבד זאת, איז אפילו די תורה ומצוות אליין אויך מיט פניות.

מפרר יותר ממה שאוכל. די תורה ומצוות וואס זיי טוען, צעברעקלט זיך דאס ביי זיי, מערער וויפל עס גייט אריין בפנימיותם. ווארום דאס וואס עס גייט אריין אין א פנימיות, ונעשה מזון ולבוש להנשמה האלקית, איז דאס בשעת קיום התורה ומצוות איז לשמה [4]. און ביי טף (בדעת) איז דאס א חלק מועט, רוב התורה ומצוות זייערע זיינען מיט פניות.

ג. און דאס איז געווען די טענה בעצת המרגלים, מען זאל ניט אריינגיין קיין ארץ ישראל, נאר בלייבן בעסער אין מדבר, ווייל אין מדבר איז אלץ געווען ענינים אין אידלקייט ורוחניות כנ״ל בארוכה, בארץ ישראל אבער וואס מען האט צו טאן מיט דברים גשמיים, וועט דאך אוועקגיין רוב הזמן אויף גשמיות, און אפילו די ביסל צייט וואס מען וועט זיך עוסק זיין בתורה ומצוות, וועט אויך א חלק גדול, זיין מיט פניות — עס וועט זיך צעברעקלען.

אויף דעם האט דער אויבערשטער געענטפערט, וטפכם אשר אמרתם לבז יהי׳, זיי דוקא והבאתי והם ירשוה, ניט דער דור המדבר, דור דיעה, נאר דוקא די טף, די וואס האבן צו טאן מיט ענינים גשמיים, ואף על פי כן זיינען זיי זיך כופה און זיינען מקיים תורה ומצוות, איז מצד מעלת הכפי׳, איז די ביסעלע וואס זיי ועלן טאן, איז טייערער פון דער עבודה פון דור המדבר, וויבאלד עס פעלט דארטן מעלת האתכפיא, ועל דרך שנתבאר לעיל בענין מעלת עבודת הבירורים.

ד. ס׳איז דאך אין מקרא יוצא מידי פשוטו — ווייל די אלע פירושים פון סוד דרוש ורמז, קומען שפעטער בהשתלשלות און ווערן פשט — איז דאך פירוש הפשוט, אז טף גייט דאס אויף קינדער.

2) לק״ט ויגש מז, יב. וראה פסחים י, ב.

3) קהלת רבה ב, כד.

4) זע תניא סוף פרק לט וריש פרק מ.

און אין דעם לימוד התורה פון קינדער, תינוקות של בית רבן, איז אויך די מעלה לגבי דעם לימוד פון גרויסע, על דרך הנ״ל בענין טף ברוחניות, אַז ניט קוקנדיק אַז זייער לימוד בגלוי איז דאָך אין אַ נידעריקערן אופן, פונדעסטוועגן איז דאָס בכמה ענינים טייערער ביי דעם אויבערשטן ווי דער לימוד פון גרויסע.

ביז אַז ער זאָגט אין מדרש[5] על פסוק ודגלו עלי אהבה, ודילוגו עלי אהבה תינוק שמדלג על גבי האזכרה, איז ניט קוקנדיק וואָס מדלג על גבי האזכרה, פונדעסטוועגן רופט דאָס אַרויס אַהבה ביי דעם אויבערשטן, ווײַלע דאָס קומט מצד אהבה, היינו מצד זייער אהבה צום אויבערשטן, וואָס דערפאַר איז אויך למעלה רופט דאָס אַרויס אהבה.

ומצד דער אהבה שלמעלה צו תינוקות של בית רבן, זאָגט דאָך דער אויבערשטער, אַז דער גאַנצער ענין פון מתן תורה וואָס ער האָט געגעבן צו כלל ישראל, איז דאָס צוליב די תינוקות, בנינו ערבים בעדינו.

און דערפאַר איז אויך דער דין[6]: אין מבטלין תינוקות של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש. ניט קוקנדיק אויף גודל הענין שבבנין בית המקדש, וואָס דאָס דערלאַנגט אין עצם התענוג, פונדעסטוועגן איז לימוד תשב״ר נאָך העכער.

ה. און דאָס איז אויך איינער פון די ענינים עיקריים וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט י״ב תמוז, יום הגאולה של כ״ק מו״ח אדמו״ר

— היינט איז דאָך שבת מברכים תמוז, וואָס פון דעם טאָג ווערן געבענטשט אַלע ענינים שבחודש זה, ובפרט די ענינים המבורכים שבהחודש —

וואָס ער האָט זיך מוסר נפש געווען צוליב חיזוק והפצת היהדות, און געשטאַנען בכל תוקף כנגד הלוחמים על ה׳ ועל משיחו, איז דאָך איינע פון די עיקר זאַכן אויף וועלכע דער רבי האָט זיך משתדל געווען ביחוד איז געווען — לימוד תשב״ר. און ווי דער רבי האָט גערעדט[7] אין יענע זמנים כמה פעמים דעם ביאור הפסוק מפי עוללים ויונקים יסדת עוז גו׳ להשבית אויב ומתנקם, אַז מפי עוללים ויונקים דוקא, פון תינוקות של בית רבן, פון זיי דוקא קומט דער כח אויף צעשטערן און צו־ניט־מאַכן אַלע אויבים וואָס שטערן אידן און אידישקייט. פון תינוקות של בית רבן דוקא קומט די הצלה לכללות ישראל.

און אַזוי ווי ס׳איז געווען בימי מרדכי ואסתר, אַז בשעת דער אויבערשטער האָט געהערט דעם קול גדיא, דעם קול פון די תינוקות של בית רבן, דאָס האָט אויפגעטאָן די התעוררות רחמים רבים שלמעלה, און געבראַכט די ישועה וגאולה לכל ישראל[*7].

(משיחות ש״פ שלח, תשכ״א)

---

5) שיר השירים רבה ב, ד.

6) שבת קיט, ב. שולחן ערוך יורה דעה סימן רמה סי״ג. הלכות ת״ת לאדמו״ר הזקן פרק א, י.

7) זע ד״ה וקבל היהודים תרפ״ז. נדפס גם בקונטרס פט (ספר המאמרים ה׳תש״א ע׳ 180).

*7) מדויק בכהנ״ל ועיקר — הכתוב „ירושה״ — שאפילו מי שהוא טף בעת

ו. די *) מצוה פון חלה איז — מען זאָל נעמען אַ שטיקל טייג, אָפּשיידן אים און אַוועקגעבן צום כהן. די גאַנצע טייג בלייבט חולין און די שטיקל טייג ווערט קודש. מען דאַרף דאָס עסן בטהרה ולכהנים דוקא.

אין פלוג דאַרף מען פאַרשטיין, אויף תורה שטייט דאָך דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום [8]. נאָך מערער ברענגט דער רמב"ם [9], אַז דער גאַנצער ענין שניתנה תורה איז צוליב מאַכן שלום אין וועלט, היינט ווי קומט עס אַז תורה זאָל מאַכן אַ פירוד, נעמען אַ שטיקל טייג און אָפּשיידן עס פון די איבעריקע, אַז די גאַנצע טייג בלייבט חולין און דער שטיקל טייג ווערט קודש?

נאָר דער ענין איז:

עס שטייט אין מדרש [10], אַז מצות חלה ניתנה לנשים בכדי מתקן זיין דעם חטא עץ הדעת וואָס איז געקומען דורך חוה'ן, היא קלקלה חלתו של עולם — אדם הראשון ווערט אָנגערופן חלתו של עולם — איז דורך מצות חלה איז זי מתקן דעם חטא.

ז. חטא עץ הדעת איז געקומען דורכן נחש שקינא בכבודו של אדם. ווי אַזוי איז געקומען דער חטא, דורך דעם וואָס מען האָט צוגעלייגט און ענין וואָס דער אויבערשטער האָט ניט געהייסן [11]. דער אויבערשטער האָט געזאָגט מען זאָל ניט עסן פון עץ הדעת און דורך דעם וואָס מען האָט צוגעלייגט, מען זאָל אים אויך ניט אָנרירן, איז אַרויסגעקומען דער חטא.

ולכאורה איז ניט מובן, תורה אַליין זאָגט דאָך עשו משמרת למשמרתי [12], עשו סיג לתורה [12*], וואָס דאָס זיינען דאָך די אַלע גדרים וסייגים וואָס די רבנן האָבן געמאַכט, און כמבואר אין רמב"ם [13] איז דאָס מן התורה, ווייל אין תורה שטייט לא תסור וגו'.

— און די חילוקי דינים וואָס זיינען פאַראַן צווישן דאורייתא און דרבנן, איז דאָס ווייל די תורה האָט אַזוי געוואָלט, אַז אַ דאורייתא ספיקו לחומרא, און דאָס זאָל זיין מדרבנן וספיקו לקולא, —

און עס ברענגט זיך בשם ספרי מוסר, אַז מען דאַרף זיך אָפּהיטן אין מאה שערים פון היתר, בכדי ניט צוקומען צו איין שער פון איסור.

איז אין פלוג פאַרוואָס האָט ניט געטויגט דאָס וואָס מען האָט צוגעלייגט דעם „ולא תגעו בו", אַזוי דאַרף דאָך זיין דער סדר?

ח. נאָר דער ענין איז, עס איז דאָ אַ נפקא מינה, ווער עס מאַכט די גזירה און וואו מען מאַכט זי:

ווען אדם הראשון איז געווען אין גן עדן, וואָס גן עדן איז ניט סובל קיין רע,

הכניסה לארץ ולאחרי כיבוש וחלוקה וכל ימי חייו (לא רק בעת עצת המרגלים) — יורש הוא בשלימות משא"כ בענין הכתוב וידעו את הארץ.

*) קטע משיחה זו נדפסה לעיל (כרך א') ע' 253 אך לשלימות הענין אנו מדפיסים כאן השיחה במילואה.

8) משלי ג, יז.

9) סוף הלכות חנוכה.

10) ילקוט שמעוני בראשית רמז לב.

11) זע סנהדרין כט, א.

12) יבמות כא, א.

12*) אבות פרק א משנה א.

13) ראה רמב"ם הלכות ממרים בתחילתו.

דערפאַר איז דאָך לאחר החטא האָט מען אדם הראשון'ען אַרויסגעטריבן פון גן עדן, ווייל אין גן עדן קען קיין רע ניט זיין.

אָדם הראשון ווען ער איז געווען אין גן עדן האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו רע און איז געווען אַ מרכבה צו אלקות, על דרך ווי עס שטייט אויף די אָבות[14], אַז זיי זיי־נען געווען אַ מרכבה, שכל עניניהם זיינען געווען קדושה.

אַ מרכבה — אַלץ וואָס זי טוט איז דאָס נאָר כפי רצון הרוכב.

במילא דאַרף מען דאָרט ניט מאַכן קיין גדרים וסיגים, ווארום עס איז ניטאָ קיין חשש מען זאָל נכשל ווערן.

ואדרבא, ניט נאָר וואָס די גדרים וסיגים זיינען איבעריק, נאָר דאָס איז גאָר אַ חסרון.

ווארום דער וואָס איז אַ מרכבה צו אלקות, אַז כל עשיותיו זיינען קדושה און בשעת ער טוט אַן ענין איז ער דאָס מעלה, איז דורך דעם וואָס מען איז מונע אַן ענין, איז מען מונע די עלי' פון דעם ענין.

ועל דרך ווי עס שטייט אין ירו־שלמי[15]) אַז אַן אמורא האָט געזאָגט אַז מען וועט אָפּגעבן אַ דין וחשבון אויף אַ זאַך וואָס ער האָט געקענט עסן און ער האָט עס ניט געטאָן.

דער וואָס איז אַ מרכבה צו אלקות וכל עשיותיו זיינען קדושה, איז יע־דער ענין וואָס ער טוט פועל'ט ער אין דעם אַן עלי'.

ובמילא איז קיין סתירה ניט דער ענין פון עשו משמרת למשמרתי צו דעם ענין פון ולא תגעו בו ביי עץ הדעת וואָס האָט ניט געטויגט.

דאָרטן וואו מען דאַרף האָבן גדרים וסיגים איז דאָס אַ מעלה,

דאָרטן וואו מען דאַרף עס ניט — קען דאָס זיין אַמאָל אַ חסרון.

וכלשון רז"ל אין דעם ולא תגעו בו — שכל המוסיף גורע.

ט. אויף מתקן זיין דעם חטא עץ הדעת וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דורך נוצן אַן ענין שלא במקומו, איז גע־געבן געוואָרן מצות חלה.

דער ענין פון חלה איז וואָס מען איז מפריד איין שטיקל טייג פון דער צווייטער, אַז די גאַנצע טייג איז חולין און דער שטיקל טייג איז קדש און נאכל לכהנים ובטהרה דוקא.

הגם תורה איז דאָך שלום ואחדות, — דער אַלטער רבי אין תניא פרק ל"ב איז שטאַרק מאריך וועגן דעם ענין פון אהבת ישראל, און איז מבאר באריכות ווי דאָס איז דער יסוד כל התורה כולה, אויך אין מאמר ד"ה החלצו איז מען שטאַרק מאריך וועגן דעם חסרון פון פירוד און ווי דאָס איז אַ מקור אויף אַלע מדות רעות. —

פונדעסטוועגן אַז איינער קומט צו־גיין און שרייט: וואָס מיר שולחן ערוך, עס דאַרף זיין אַחדות — איז אַל תאמרו קשר גו'.

עס זיינען פאַראַן ענינים וואָס דער אמיתית האחדות איז דורך פירוד דוקא. די חילוקים ביי אידן פון כה־נים לוים וישראלים, איז דאָס ניט קיין ענין פון פירוד חס ושלום, אדרבה — דאָס איז די אמת'ע אַח־דות. די התחלקות פון עשר קדו־

14) בראשית רבה פרשה מז, ו. וראה תורה אור סוף פרשת ויצא.

15) סוף קידושין.

שות *15), איז דאָס אַן ענין פון אחדות. און על דרך זה איז אויך במצות חלה.

און דאָס איז די שייכות, וואָס מצות חלה איז אַ תיקון אויף חטא עץ הדעת. חטא עץ הדעת האָט זיך אָנגעהויבן דורך דעם וואָס מען האָט גענוצט אַן ענין שלא במקומו הראוי, איז דער תיקון אויף דעם — מצות חלה. אַמאָל איז פירוד — אַ מצוה, און אַ מצוה וואָס דוקא זי איז מתקן אַ חטא כללי.

י. כהנים זיינען חלוק פון סתם אידן און צווישן כהנים גופא איז דער כהן גדול חלוק פון אַלע כהנים.

יום כיפור פלעגט דער כהן גדול אַריינגיין אין קדשי קדשים און אַלע כהנים זיינען געבליבן מבחוץ און סתם אידן פלעגן אַפילו אין עזרת כהנים אויך ניט אַריינגיין.

אויף כהנים און שבט לוי בכלל, שטייט 16) יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל, וואָס בזמננו זה זיינען דאָס רבנים און מורי הוראה *16).

דאַרף מען וויסן אַז רבנים זיינען אָפּגעטיילט. ניט יעדער איינער קען זיין אַ רב, אויף דעם פאָדערן זיך כמה תנאים.

יא. בשעת עס רעדט זיך וועגן אידן אַלס אידן — דאַרף מען אַלעמען מקרב זיין. בעת עס רעדט זיך אָבער וועגן רבנות, דעם כוח און טיטל רב, קען דאָך ניט יעדער איינער זיין אַ רב.

*15) כלים פרק א משנה ו.

16) דברים לג, י.

*16) זע רמב"ם סוף הלכות שמיטה ויובל.

מען דאַרף אים גוט פאַרהערן, און דער עיקר וואָס טוט זיך מיט יראתו. אויב לא זכה — איז דאָך תורתו נעשית לו כו' 17).

אויב ער איז ניט מודה בכל התורה כולה, איז אַפילו אין די דינים וואָס ער האַלט פון זיי און איז זיי מקיים, איז אַפילו אויף די דינים קען ער אויך קיין דיין ניט זיין, און טאָר קיין דיין ניט זיין.

אין הלכות דיינים אין חושן משפט איז פאַראַן אַ דין ווער עס איז כשר צו זיין אַ דיין. און אויב ער איז אַזאַ וואָס זאָגט, שמועה זו נאה ושמועה זו אינה נאה, איז אַפילו אויף דער שמועה וואָס ער איז אין איר מודה, טאָר ער אויך ניט פּסקענען. און ער האָט דעם דין וואָס עס שטייט אין די לעצטע סימנים פון חושן משפט, און ווי דער פסק הרמב"ם 18), אַז דער וואָס איז ניט מודה אַפילו מער ניט ווי אין איין וואָרט פון תורה איז ער אַ כופר בתורה.

און דער וואָס גיט סמיכה צו אַזעלכע רבנים זיי זאָלן ווערן מורי הוראה בישראל, איז הקולר תלוי בצוארו.

און די וואָס שטעלן זיי אַרויס פאַר רבנים בישראל ונציגי דת ישראל, בה בשעה אַז זיי זיינען כופרים בתורה, כפסק הרמב"ם, עושין התורה פלסתר, ח"ו.

יב. אַי — טענה'ט מען — אהבת ישראל איז אַ יסוד פון גאַנץ תורה, גאַנץ תורה איז אַן ענין פון שלום ואחדות, און דער אַלטער רבי איז שטאַרק מאריך אין דער מעלה פון

17) יומא עב, ב.

18) הלכות תשובה פרק ג הלכה ח.

אחדות, היינט וואס גייט מען דא מאכן א מחלוקת ופירוד?

אבער דארט אין פרק ל"ב פון תניא ברענגט ער דעם לשון המשנה *[18]) אוהב את הבריות ומקרבן לתורה. דער דיוק הלשון איז — ומקרבן לתורה, ער איז מקרב די בריות צו תורה.

אבער ניט חס ושלום ארויסנעמען די תורה פון שולחן ערוך, צושניידן איר צו דער מאס פון די בריות, און זיי זאלן פראווען בעל־הבית'שקייט און זאגן שמועה זו נאה ושמועה זו אינה נאה.

און דער וואס נעמט זיך אן פאר דער טענה ואהבת לרעך כמוך, פארקערט ווי דער אויבערשטער האט געהייסן, און ער איז מקנא לכבודו של פלוני בן פלוני.

איז דאס ניט קיין ענין פון שלום ואחדות, נאר אדרבה, ער פועל'ט דערמיט א הירוס, ר"ל.

יג. דורך דער טענה פון אחדות, אז עס דארף ניט זיין קיין רבנישע מחיצה צווישן רבנים שומרי כל התורה ביז ראביים וועלכע פסק'נען שמועה זו נאה וכו' שאקלען זיי פאנאנדער אלע מחיצות וואס זיינען דא ביי אידן שומרי תורה ומצוה: די מחיצה אין שול פון עזרת אנשים ביז עזרת נשים, וכו' וכו' ביז דער מחיצה צווישן כשר פלייש מיט ניט כשר'ע, דעם להבדיל בין הטהור והטמא, ביז מען נעמט אראפ די מחיצה, ר"ל, צווישן אידן און גוים, ביז, ח"ו, בניך ובנותיך נתונים לעם אחר.

לא תאמרון קשר לכל אשר יאמר העם הזה קשר [19]), כאטש אפילו שבנא איז אויך מיט זיי.

מען דארף שטארקן די מחיצות פון ירושלים, יראה־שלם [20]), פארקערט פון דעת שבנא ומתיבתא דילי', און נאר דאס איז מציל די תינוקות וואס חזקי' האט מחנך געווען — פון סנחריב מלך אשור. דעמאלט איז אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה ברחובותינו, ניטא קיין תלמידים שהקדיחו תבשילם ברבים.

נאר — אשרי העם שככה לו אשרי העם שהוי' אלקיו, וואס דאס גייט אויף דער גאולה העתידה, וכדרשת רז"ל אז אויפן גלות שטייט צוואנציק מאל הוי און קעגן דעם איז פאראן צוואנציק מאל אשרי, וואס דאס גייט אויף דער גאולה העתידה [21]).

יד. און דאס איז דער תוכן ענין חלה: עס איז פאראן אמאל אז מען מוז מאכן א הבדל, א מחיצה, און ניט טענה'ן די טענה פון אחדות. די אחדות פון אידן איז דוקא דורך דעם וואס עס זיינען דא מחיצות פון כהנים מיט לויים וישראלים, פון רבנים מיט סתם אידן וכו'.

דאס איז ניט קיין ענין פון פירוד, אדרבה, דאס איז די אמת'ע אחדות.

ער זאגט אין יחזקאל [22]) אויף דער מצוה פון חלה, אז דורך דעם דוקא וועט זיך להניח ברכה אל ביתך.

---

*18) אבות פרק א משנה יב.

19) ישעי' ח, יב.

20) נתבאר בלקוטי תורה ד"ה אלה פקודי פ"ד. פ' ראה ד"ה וכל בניך פ"ב. ובכמה מקומות. להעיר מתוספות ד"ה הר (תענית טז, א) והוא על פי בראשית רבה פרשה נו.

21) מדרש תהלים ונתבאר ברשימות הצמח צדק על התהלים (נדפס בקונטרס הוספה לתהלים אוהל יוסף יצחק – השלם ע' 4 (אוה"ת נ"ך כרך ב' ע' תתקיא-ב)).

22) מד, ל.

הגם עס שטייט דאָך לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה אלא השלום[23], נאָר עס זיינען פאַראַן ענינים וואָס דורך דער התחלקות מחיצות דוקא, דורך דעם איז דער אמת'ער אחדות און שלום.

און דורך דעם איז דער להניח ברכה אל ביתך, ברכה אַן תוארים המגבילים, סיי אין רוחניות, סיי אין גשמיות.

(משיחות ש"פ שלח, תשט"ז)

# בלק

א. אין דער היינטיקער סדרה שטייט, הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא, וואָס דאָס גייט אויפן זמן הגאולה דלעתיד.

פאַר דעם פסוק זאָגט ער, כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א־ל. דאָס הייסט, אַז פאַר דער גאולה דלעתיד — תחזור הנבואה בישראל.

עס שטייט אין ירושלמי[1] אויפן פסוק כעת יאמר ליעקב וגו', אַז בלעם האָט עס געזאָגט בחצי ימיו של עולם.

דער רמב"ם אין איינער פון זיינע אגרות — אגרת תימן — שרייבט, אַז בלעם האָט עס געזאָגט בשנת ב' אלפים תפ"ח, און דאָס מיינט ער כעת, אַז אין אַזאַ צייט אַרום, בשעת עס וועלן דורכגיין נאָך אַזוי־פיל יאָרן, ד. ה. בשנת ד' אלפים תתקע"ו[2], תחזור הנבואה בישראל.

אין און אַרום יענער צייט — ד' אלפים תתקע"ו — זיינען געווען: ר' שמואל הנביא דער פאָטער פון ר' יהודה החסיד, ר' אלעזור בעל הרוקח[3], דער רמב"ן, וועלכער האָט געמאַכט כמה ספרי קבלה, ואיתא בכתבי האריז"ל, אַז ער איז פון די איינציקע מקובלים וואָס מען פאַרלאָזט זיך אויף זיי, דער ראב"ד, שהופיע רוח הקודש בבית מדרשו, ר' עזרא הנביא און ר' יהודה החסיד, וואָס אויף אים שטייט, אַז אויב ער וואָלט געווען בימי האמוראים וואָלט ער געווען אַן אַמורא, אויב ער וואָלט געווען בימי התנאים וואָלט ער געווען אַ תנא און אויב ער וואָלט געווען בימי הנביאים וואָלט ער געווען אַ נביא.

איז געווען דער ענין פון תחזור

---

23) סוף עוקצים.

1) שבת ספ"ו.

2) כן הוא בשלשלת הקבלה (אף שאינו מתאים לחשבונו שם) ובקובץ תשובות הרמב"ם (ליפסיא, תרי"ט). אבל בסדר הדורות מגי' — בשה"ק — שצ"ל תתקע"ב. וכן הוא גם בפי' של ר' יהודה אלברצלוני על ספר יצירה וקה"ע בירושלמי שם — תתקע"ב. וי"א אשר בכתב יד אגרת זו נמצא תתק"ע. וצע"ג הגהת הסה"ד, וכן, בכלל, דעת המסופקים בגירסא הנכונה באגרת הרמב"ם, בה בשעה דמוכחי קראי דנבואות בלעם היתה בשנת הארבעים — (ולא ל"ח) — ליציאת מצרים, ז. א. בשנת ב' אלפים תפ"ח, ועל פי זה "כעת" — הוא ד' אלפים תתקע"ו. ובמקום הכתוב אחרת עכצ"ל שהוא טעות המעתיק.

3) ידוע מהרוקח ור"י חסיד וסייעתם שהיו אנשי מופת מאד (כ"ק אדמו"ר הצ"צ מצות עדות (בס' החקירה) ספ"ח).

הנבואה בישראל. במילא האָט שוין געקענט זיין דאָס וואָס עס שטייט נאָך דעם פסוק פון כעת יאמר ליעקב: הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא. וואָס דאָס מיינט די גאולה העתידה, נאָר אַזוי ווי לא אכשור דרא האָלט מען זיך נאָך אַלץ אין מאַטערן זיך.

ב. דורות שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן נאָך נענטער צו משיח'ן, איז נאָכאַמאָל געוואָרן דער ענין פון תחזור הנבואה בישראל, דורך דער התגלות פון מורנו הבעש"ט ותלמידיו ביז דעם אַלטן רבי'ן[4] וואָס אויף אים שטייט דער לשון הנ"ל וואָס אויף ר' יהודה החסיד, און נאָך ביתר שאת.

און דערנאָך דורך די רביים ממלאי מקומו, ביז אין אונזער דור — נשיאנו כ"ק מו"ח אדמו"ר, הבקר אור דאָ צפרא דיוסף, כדאיתא בזהר[5], וואָס אויף בקר צפרא דיוסף שטייט בקר אערך לך, וואָס דער פּירוש פון אערך לך איז כמ"ש ערכתי נר למשיחי, ווי ער זאָגט אין זהר, די גאולה שלימה במהרה בימינו על ידי משיח צדקנו.

(משיחת ש"פ בלק, תשמ"ז)

# י"ב וי"ג תמוז

א. בכלל איז דאָך ביי אַ נשיא אַ נשמה כללית, וואָס במילא איז רוב זיינע ענינים, איז דאָס ניט בלויז פאַר זיך, נאָר האָט אויך אַ שייכות צו אַלע זיינע מקושרים.

דער רבי — כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע — דער בעל שמחה, בשעת עס האָט זיך גערעדט וועגן דער כתיבת ספר תורה לקבלת פּני משיח, האָט דער רבי געזאָגט, אַז באמת האָט ער אַליין געקענט געבן די גאַנצע הוצאות אויפן קלף, די טינט און דעם שרייבן, נאָר ער וויל אַז אַלע אידן זאָלן זיך קענען אין דעם משתתף זיין.

דאָס הייסט אַז ניט בלויז וואָס ער האָט ניט געוואָלט אַז נאָר ער אַליין זאָל האָבן דעם זכות, נאָך מער, ער האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט וואָס ער וועט מוציא זיין אַלעמען אַזוי ווי אַ נשמה כללית און אַ נשיא קען מוציא זיין אַלעמען, — עס שטייט[1] אַז יעדער איד

---

4) „הבעש"ט ז"ל אשר כמוהו לא הי' מימות הראשונים פלאי פלאות נסים היוצאים מהטבע היו נראים על ידו כאשר שמעתי מאאזמו"ר נ"ע שהוא ותלמידו הה"מ נ"ע היו רואים מסוף העולם ועד סופו ממש בעין ראי' והיו אומרים מה שהיו רואים כאשר הי' נראה בעליל לתלמידיהם, והיינו ע"י שהי' גלוי לפניהם אור שנברא ביום ראשון שהשי"ת גנזו בתורה, הנה כל אלה המופתים האמיתים מגלים גילוי א"ס ב"ה הבבע"ג. גם מזקני נ"ע שמענו עתידות קולע אל השערה" (מצות עדות שם). וראה לקו"ש ח"ד ע' 1137 ואילך.

5) חלק ג רד סע"א ובביאורי הזהר שם. ומשם מובן גם כן דלא קשי מזהר חלק א רג, ב.

1) זע אגרת הקדש סימן כט.

דאַרף מקיים זיין אַלע תרי״ג מצות התורה, און אויב ער איז ניט מקיים, קומט אַראָפּ די נשמה נאָך אַמאָל אויף דער וועלט בגלגול, ביז זי וועט מקיים זיין אַלע תרי״ג מצות. אויסער מצות התלויות במלך, וואָס דער מלך איז מוציא דערמיט אַלע אידן. זעט מען דאָך דערפון צוויי ענינים: א) אויך מצות המלך האָבן אַ שייכות צו אַלע אידן, וואָס אַלע אידן זיינען מחויב אין דעם. דערפאַר זאָגט די גמרא חכם שמת מי יתן לנו תמורתו, מה שאין כן צו מלכות האָבן אַ שייכות אַלע אידן[2]. ב) ווי אַזוי איז דער אופן הקיום וואָס אַלע אידן זיינען מקיים מצות המלך איז דאָס דורכן מלך וואָס דער מלך בעשייתו איז מוציא אַלע אידן. זעט מען דאָך דערפון אַז ס׳זיינען פאַראַן ענינים וואָס אַ נשמה כללית דערמיט וואָס זי טוט זיי, איז זי מוציא אַלעמען. —

נאָר ער האָט געוואָלט אַז אַלע זאָלן זיך משתתף זיין אין דעם מיט זייער אייגענער עשי׳. וואָרום עס זיינען דאָך פאַראַן ענינים וואָס אין זיי איז מצוה בו יותר מבשלוחו[3], הגם אַז דורך אַ שליח האָט ער עס טאַקע מקיים געווען, אָבער עס פעלט דאָך דער הידור וואָס אין דעם. האָט דער רבי געוואָלט אַז דער הי־דור זאָל אויך זיין ביי יעדער אידן, ובחרת בחיים, זיך משתתף זיין און האָבן אַן אות אין דער ספר־תורה לקבלת פני משיח.

ב. אין דער גאולה פון י״ב וי״ג תמוז וואָס דאָס איז געקומען דורכן מאסר, וואָס דורך אַ מאסר דוקא קען דאָך זיין אַ גאולה, אויך אין דעם האָט זיך דער רבי געפירט בטובת עין.

דעם מאסר האָט ער גענומען פאַר זיך אַליין, און האָט מוציא געווען דערמיט אַלעמען, וואָרום דער מאסר איז דאָך ניט געווען צוליב אַן ענין פרטי, נאָר צוליב הפצת התורה והחז־קת המצות, וואָס אין דעם זיינען געווען מחויב אַלע אידן וואָס זיי־נען געווען אין יענעם זמן און אין יענעם מקום, און דער רבי איז געשטאַנען בראש און אָנגעפירט מיט דעם, במילא איז להשקפתם — פון דער יעווסעקציע — אַז דערפאַר האָט געקומט מאסר, האָבן זיי דאָך גע־דאַרפט אַרעסטירן אַלע וואָס זיינען געווען מחויב אין דעם, ובפרט די וואָס האָבן געטאָן אין דעם תחת הנהלתו פון רבי׳ן. האָט אָבער דער רבי דאָס גענומען אויף זיך אַליין, און מוציא געווען אַלעמען מיטן מאַ־סר, און אויך מיט די יסורים וואָס זיינען געווען פאַר און נאָך דעם מאסר, אויסער יחידי סגולה וואָס זיי האָבן אויך זוכה געווען צו דעם.

מה שאין כן אין דער גאולה און אין דעם יום טוב, וואָס בשעת אַז אידן זיינען קובע אַ יום טוב למטה איז קיימו בבית דין שלמעלה מה שקבלו למטה, אַז מען האָט אָפּגעפ־פסק׳נט למעלה אַז דער טאָג זאָל זיין אַ יום טוב און ער זאָל זיין אַ יום סגולה אויף ממשיך זיין אַלע הארות והשפעות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט תורה ומצות,

---

2) זע הוריות יג, א און ירושלמי פרק ג הלכה ח.

3) קידושין מא, א. שלחן ערוך אורח חיים סימן רנ.

איז דעם יום טוב האָט ער ניט גענומען פאַר זיך אַליין און מוציא זיין דערמיט אַלעמען, נאָר ער האָט עס געמאַכט אין אַזאַ אופן אַז יעדער איד זאָל זיך משתתף זיין אין דעם, און מעורר זיין זיינע בני בית מיט זיין סביבה אויף פרשת החג, מסביר זיין זיי דברי הצומות וזעקתם און די גאולה וואָס ס'איז געווען, און אַז יעדער איינער זאָל זיך קענען משתתף זיין אין דעם בממונו, בגופו ובנשמתו.

ג. עס שטייט דאָך נותן בעין יפה נותן [4], אַז ער גיט אַוועק אַלץ וואָס ס'איז דאָ אין דעם. עס זיינען פאַראַן כמה חילוקים אין דעם, אָבער אַן אמת'ער נותן איז דאָך בעין יפה נותן, אַז ער גיט דעם בור ועלי', דעם מטה מיטן מעלה, דאַרף דער מקבל זען מקבל זיין אויך מיט אַן עין יפה, ניט ווייניקער פון דעם וואָס דער נותן גיט אים, און אויס־נוצן אַלע ענינים וואָס מען גיט אים.

און ווי דער רבי שרייבט אין זיין בריוו [5], ווי מען זאָל אויסנוצן דעם יום טוב אַז מען זאָל מאַכן אַ התוע־דות, ניט פאַרשפּאַרן זיך אין די אייגענע ד' אַמות און מתבונן זיין זיך אין אַלץ וואָס ס'איז דעמאָלט געווען, נאָר מאַכן אַ התועדות און מעורר זיין זיך מיט דער סביבה, ווי ער שרייבט אין בריוו באַרוכה.

און ווי געזאָגט פריער איז דאָס אַ יום סגולה אַז אַלע החלטות וואָס מען וועט אָננעמען בחיזוק התורה ומצוות, וועט עס אַראָפּקומען בפועל און עס וועט זיין בהצלחה מופלגה, אַז דאָס וועט ממשיך זיין על כל השנה כולה במעשה בדיבור און אַפילו במחשבה...

(משיחת י"ג תמוז, תשט"ו)

ד. ויהי בשלשים שנה [6] —

עס האָט זיך גערעדט מערערע מאָל, אַז יעדער חודש האָט זיך זיינע עני־נים, צווישן זיי ענינים עיקריים פון גאַנצן חודש, און אין מערערע חד־שים — עיקריים לכל השנה.

חדשים איז דאָך ענינם זמן, איז יעדער ענין פון חודש האָט זיך זיין זמן ווען ער איז נתגלה געוואָרן.

בנוגע חודש תמוז איז ביז דריי־סיק יאָר צוריק געווען בגלוי נאָר די מאורעות לא טובים פון דעם חודש. מיט דרייסיק יאָר צוריק (תרפ"ז) איז געקומען בגילוי דער ענין טוב, דער ענין פון ימי הגאולה י"ב וי"ג תמוז און די התחזקות פון תורה ומצוות וואָס איז פאַרבונדן מיט זיי, וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין עיקרי.

וואָרום די גאולה פון י"ב וי"ג תמוז, ווי דער רבי שרייבט אין בריוו [5] (לחגיגת י"ב תמוז), איז דאָס ניט געווען אַ גאולה פאַר אַן איש פרטי, נאָר אויך פאַר אַלע מחבבי תורתנו הקדושה שומרי מצוה, ביז אויך פאַר דעם וואָס בשם ישראל יכונה [7].

---

4) בבא בתרא נג, א. ושם נסמן.

5) געדרוקט בקונטרס חג הגאולה יב־יג תמוז ה'תש"ח (בסה"מ תש"ח ע' 263). אג"ק שלו ח"ב ע' פ.

6) יחזקאל א, א.

7) זע הקדמה צו קונטרס יב־יג תמוז תרצ"ג (ספר המאמרים ה'תשי"א עמוד רפז): ווי אין דעם זיינען נכלל „כל סוגי בני ובנות ישראל" עיין שם.

דער ענין פון תורה ומצוות איז דער תכלית פון דער גאנצער בריאה, איז פארשטאנדיק דערפון, אז די גאולה פון י״ב וי״ג תמוז איז דאס א גאולה צו אלע ענינים פון השתלשלות, די העכסטע גילויים ביז עצמות. דער תכלית פון זיי אלעמען איז דאך תורה ומצוות, איז אין די טעג פון י״ב וי״ג תמוז נמשך געווארן א גאולה צו די אלע ענינים הנ״ל ביז עצמות.

ה. די התחלת ההמשכה פון קומענדיקן חודש איז בשבת מברכים, ועוד על פי מאמר רז״ל [8]) שבת מיני׳ מתברכין כולהו יומין [9]) וואס אין די טעג גייט דאך אריין אויך ראש חודש וואס ער איז כולל כל ימי החודש, קומט דאך אויס אז היינט שבת מברכים הויבט זיך שוין אן די גאולה פון י״ב וי״ג תמוז.

ובאמת איז דאס נאך פריער, אבער מער בכוח, ווי עס איז מובן מצד דעם כלל שאמרו רז״ל [*9]) הקב״ה מקדים רפואה למכה, די רפואה ווערט אנגעגרייט פריער. דער מאסר איז געווען אין מיטן חודש סיון, מוז מען דאך זאגן אז דער ענין הגאולה איז שוין געווען פריער.

ו. דאס איז בכל שנה ושנה. יעדער יאר ווערט דער ענין נתחדש נאך אמאל. וכמ״ש בכתבי האריז״ל [10]) על פסוק והימים האלה נזכרים ונעשים: בשעת ס׳איז פאראן דער „נזכרים״ אז מען דערמאנט די טעג ווי עס דארף צו זיין, דאן איז „ונעשים״ טוען זיך אויף נאך אמאל די המשכות והשפעות פון די טעג [11]).

פונדעסטוועגן איז דאס ווי חידוש הישנות בלבד, און דאס קומט ניט צום ערשטן מאל, וואס דעמאלט איז געווען א דבר חדש ממש.

הגם ער זאגט אין אגרת הקדש [12]) אז בכל שנה ושנה ווערט נמשך אן אור חדש ממש שלא הי׳ מעולם, קומט דאך אויס אז יעדער יאר קומען צו נייע ענינים, אבער דאס איז אלץ בנוגע צו די ישנות, אז אין דעם ענין פון הישנות ווערט טאקע יעדער מאל נמשך אן אור חדש, אבער פונדעסטוועגן איז דאך דאס מער ניט ווי חידוש הישנות.

ז. אין חידוש הישנות גופא זיינען אויך פאראן חילוקי מדריגות. בשעת עס גייט דורך א מספר מסוים פון שנים, עשר, עשרים א. א. וו. יאר פון דעם מאורע, דעמאלט, איז דא א גרעסערע המשכה און שינוי, ניט בדומה צו די המשכה והתחדשות פון יעדער יאר.

---

8) זע זוהר חלק ב סג, ב. פח, א.

9) אין דעם אויך כמה ענינים פון דעם קומענדיקן שבת; ובפרט די וועלכע ווערן צוגעגרייט פרייטיק, ווי פארשטאנדיק אויך פון דעם ביישפיל אין זהר — מן. ובלשון הקבלה: שבת (בינה) דמיני׳ מתברכין כולהו יומין — שש מדות — ויומא שתיתאה אשתכח בי׳ יתירה, חלקו וחלק השבת (שלאחריו, מלכות).

*9) זע מגילה יג, ב.

10) הרמ״ז אין ספר תיקון שובבים, געבראכט און דערקלערט אויך בספר לב דוד — להחיד״א — פרק כט.

11) ניט נאר ברוחניות, און אפילו אויך אין דעם וואס געהערט צו טבע וגשם פון זאכן. וכידוע די ראי׳ מוכחת פון דער משנה (גיטין סוף פרק ג): בודקין את היין . . ובהוצאת סמדר כו׳.

12) סי״ד.

ועל דרך דאיתא במשנה[13] בן עש־רים שנה בן שלשים שנה בן ארב־עים וכו׳, אין יעדערע צען יאָר טוט זיך אויף אַ נייעס. ואפשר לומר הטעם על פי המבואר בפרדס[14] אַז אַלץ איז איינגעשטעלט געוואָרן אין אַ סדר פון צען, כנגד עשר ספירות. און אַזוי אויך אין דעם ענין.

ובפרט אַז אין די מספרים פון עשר גופא איז דאָס שלשים שנה, ועל דרך ביאור הצמח צדק[15] אויפן פסוק ויהי בשלשים שנה, אַז דאָס איז כנגד עשר כלים, עשר אורות פנימיים און עשר אורות מקיפים — וואָס דאָס איז דאָך כללות הכל.

פון דעם איז מובן אַז בשעת עס ווערט שלשים שנה פון דער גאולה, ווערט נמשך אַ המשכה חדשה אין דעם ענין הגאולה, אַ העכערע און אַ כללות׳דיקערע פון פריער.

ח. ובמילא אין די אַלע ענינים וואָס מען האָט געטאָן ביז איצטער אין תורה ומצוות מיט דעם כוח וואָס די גאולה האָט געגעבן, איז פון היינט אָן און ווייטער דאָס ניט מספיק, וויבאַלד אַז עס ווערט נמשך און נתגלה מער אין דער גאולה, דאַרף מען אויך מוסיף זיין, ממשיך זיין און מגלה זיין מער און מער אין תורה ומצוות.

די ענינים פון תורה ומצוות שטעלן זיך איין אין די דריי קוין תורה עבודה וגמילות חסדים, מיינט דאָס אין פשטות — אַז מען דאַרף מו־סיף זיין סיי אין קו התורה סיי אין קו העבודה סיי אין קו הגמילות חס־דים.

און דעם כוח אויף דעם באַקומט מען פון שבת מברכים אָן. וואָרום בשבת מברכים בענטשט מען כל ימי החודש זיי זאָלן זיין לחיים כו׳ לויט די אַלע לשונות וענינים וואָס מען רעכנט אויס בברכת החודש.

באַקומט מען דעמאָלט אויך די ברכה וכוח אויף להוסיף בתורה ומצ־וות.

וואָס דורך דער עבודה בתורה ומצ־וות וועט נתגלה ווערן בקרוב ממש די גאולה השלימה על ידי משיח צדקנו.

(משיחת ש״פ קרח, תשי״ז)

ט. מיר געפינען זיך איצטער אין די טעג[16] פון י״ב־י״ג תמוז. דאָס זיינען די טעג אין וועלכע דער רבי[17] איז באַפרייט געוואָרן פון פריזאָן (אַרעסט), אין וועלכן ער איז געווען אַרעסטירט איבער דעם וואָס ער האָט פאַרשפרייט תורה ומצוות.

וואָס ניט קוקענדיק אויף אַלע שוועריקייטן און שטערונגען איז ער אַנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, און, סוף סוף, האָט ער דאָך מנצח גע־ווען און ער איז באַפרייט געוואָרן.

דאָס איז אַ לערנונג צו יעדער

---

13) ווי געהערט אַמאָל פון כ״ק מו״ח אדמו״ר אַלס דערקלערונג אויף דער קביעות זמן פון הולדת בנים עשר שנים (יבמות סד, א): מען קען זאָגן אַז דאָס איז על דרך די חילוקי זמנים במשנה אבות בן עשרים שלשים כו׳.

14) זע פרדס שער שני.

15) זע קיצורים והערות לתניא עמוד עו. אויך זוהר חלק ג רמו, ב. עבודת הקודש חלק ד פרק יט.

16) זע שלחן ערוך אורח חיים סימן רצט סעיף ו. משנה אַנהויב עבודה זרה. ועוד.

17) דער שווער כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע.

איינעם פון אונז, אז מיר דארפן שטיין שטארק אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות. אפילו אויב עס מאכן זיך אויף דעם פארשידענע שטערונגען, דארף דאס אונז ניט אפ־שטעלן און סוף סוף וועלן מיר מנצח זיין.

י. צווישן די ענינים וואס דער רבי האט דערציילט ביי פארשידע־נע געלעגנהייטן, זיינען פאראן א סך זאכן וואס זיינען פארבונדן מיט קינ־דער, און אייניקע פון זיי וויל איך איצט דערמאנען.

דער קעמפ הייסט מיטן נאמען — גן ישראל. ישראל איז דער נאמען פון אלע אידן. אלע אידן הייסן מיטן נאמען ישראל. אזוי האט אויך בפרט געהייסן דער ערשטער וואס האט אנטפלעקט חסידות אויף דער וועלט. ער האט געהייסן ישראל, און איז דערנאך באריגמט געווארן אונטערן צו־נאמען — בעל שם טוב.

האט דער רבי דערציילט[18]: בשעת דער בעש"ט איז געוועון א קינד פון פינף יאר, האט אים זיין טאטע אנגע־זאגט: מיין קינד, זאלסט ניט מורא האבן פאר קיינעם מער ניט פאר ג־ט ב"ה אליין. זאלסט ליב האבן מיט דעם גאנצן פלאם פון דיין נשמה יעדן אידן, ווער ער זאל ניט זיין, און ווי ער זאל ניט זיין.

און דער בעש"ט — האט דער רבי געזאגט — איז מיט די צוויי זאכן, יראת השם און אהבת ישראל, דורכגעגאנגען זיין גאנצן לעבן אין זיין הייליקער ארבעט.

וויבאלד אז דער רבי האט דאס אונז דערציילט, איז דאס א הוראה צו אונז אלעמען, זעלבסטפארשטענד־לעך אויך צו קינדער, אז אט די צוויי זאכן דארפן זיין די ליכט וואס זאל אונז ווייזן די וועג אין אונזער גאנצן לעבן.

יא. עס איז פאראן אבער וואס פרעגן, אויך קינדער פרעגן דאס: בשעת מען איז אזוי קליין, ווי אזוי קען מען ביי זיך פועל'ן

אויף ניט מורא האבן פאר קיין זאך (נאר פאר דעם אויבערשטן אליין)?

אויף דעם איז פאראן[19]) א ווארט פון דעם בעש"ט'ס תלמיד (דער מעזריטשער מגיד): בשעת א פא־טער האט ליב א קינד, איז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס דער טא־טע איז פיל קליגער און געלערנטער פאר דעם קינד, פונדעסטוועגן טוט ער זיך אן און ער איז זיך מצמצם (באשרענקט) לויטן קינד, אין קלייני־קייטן, בכדי צו אויסדריקן זיין אהבה אזוי אז אויך דער קינד זאל קענען באגרייפן די אהבה אין זיינע קליי־נע ענינים.

די זעלבע זאך איז מיט אידן — וואס זיי זיינען דעם אויבערשטנס קינדער.

דער אויבערשטער לאזט זיך צו זיי אראפ און גיט זיי אלץ וואס זיי דארפן, אויך אין גשמיות'דיקע און קליינע ענינים, און ער בא־שיצט זיי פון אלץ. ובמילא איז דאך ניטא וואס צו שרעקן זיך פאר קיין זאך אין דער וועלט.

18) זע די רייד פון ח"י אלול תש"א, לקוטי דבורים ח"ג עמוד 770.

19) זע אור תורה אנפאנג פרשה בראשית.

יב. אַז אידן זיינען דעם אויבערשטנס קינדער, קען מען דאָך האַלטן זיך גרויס ביי זיך זאָגנדיק: וויבאַלד אַז איך בין אַ קינד פון אַזאַ גרויסן ג־ט — קען איך טאָן אַלץ וואָס ביי מיר קומט אויס, און פונדעסטוועגן וועט דער אויבערשטער מיר מוחל זיין?

אויף דעם האָט דער רבי דערציילט[20]) פון דעם אַלטן רבי'ן — דער ערשטער וואָס האָט אַנטפּלעקט חסידות חב"ד אויף דער וועלט — אַז זיין (דעם אַלטן רבי'נס) אייניקל בשעת ער איז אַלט געווען דריי יאָר האָט אים געפרעגט: פאַרוואָס שטייט ויקרא מיט אַ קליינעם אל"ף? — (ווי עס פירט זיך אַז מען הויבט אָן לערנען מיט קינדער חומש ויקרא — אַזוי איז אויך געווען דעמאָלט מיט דעם אַלטן רבי'נס אייניקל) —

האָט אים דער אַלטער רבי געענטפערט: אידן האָבן אין זיך פאַרשיידענע געבורטלעכע מעלות. ובפרט — משה רבינו. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געהאַלטן קליין ביי זיך, אַ קליינער אַלף (ניט ווי אָדם הראשון — וואָס ביי אים שטייט אַ גרויסער אַלף) — און טאַקע דערפאַר האָט ער — משה רבינו — זוכה געווען צו די העכסטע דרגות.

ער האָט דאָך מקבל געווען די תורה, האָט אויסגעלייזט די אידן פון מצרים, און וועט אויך אַרויספירן זיי פון דעם לעצטן גלות, וואָס דאָס איז דער איצטערדיקער גלות, אין דער גאולה האמיתית והשלימה.

20) זע ספר השיחות קיץ ה'ש"ת, עמוד סח.

און דאָס איז אויך אַן אָפּלערנונג פאַר אַלע אידן, אַז מען דאַרף זיך האַלטן קליין, טאָן אַלץ וואָס דער אויבערשטער הייסט און ניט רעכענען זיך צי מען האָט אין דעם אַ געשמאַק צי ניט. און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט עס געהייסן טאָן — איז דאָס זיכער גוט.

יג. עס איז דאָך אָבער פאַראַן דער יצר הרע, וואָס ער שטערט דעם מענטשן, אויף דעם האָט דער רבי דערציילט פון דעם אַלטן רבי'נס זון, וואָס ער האָט געגעבן[21]) אַן עצה ווי לייכטער צו מנצח זיין דעם יצר הרע.

די עצה איז: דורכריידן זיך מיט נאָך אַ אידן, צי מיט אַ חבר, צי מיטן קאָונסילער, צי מיטן רבי'ן וועלכער לערנט תורה מיט אייך, וועגן דער מלחמה וואָס מען האָט מיטן יצר הרע, און דאַן איז דאָס צוויי יצר טוב'ס — צוויי נפש האלקית'ן — אויף איין יצר הרע — איין נפש הטבעית[22]). און איר ווייסט דאָך אַז בשעת מען פייט (שלאָגט) זיך צוויי אַנטקעגן איינעם — זיינען די צוויי מנצח.

יד. (ציוה לנגן הניגון אני מאמין. ואחר כך המשיך לומר:)

בכדי מען זאָל ווערט זיין און באַקומען די אַלע אויבנדערמאָנטע זאַכן, האָט מען אונז געגעבן די מצוה פון תפלה — דאַווענען.

וואָס אין דאַווענען בעט אַ איד און בעט אויס ביי דעם אויבערשטן

21) זע „היום יום" כ' טבת תש"ג.
22) זע תורה אור לח, ב. קיצורים לתניא עמוד פו ואילך. ועוד.

ער זאָל אים געבן אַלץ וואָס ער דאַרף.

און דערפאַר דאַרף מען זען וויסן דעם טייטש פון די ווערטער פון דאַווענען, אָדער — ווען מען איז נאָך גאָר קליין — וויסן וויניקסטנס דעם אינהאַלט פון דאַווענען.

און ווי דער רבי האָט דערציילט[23]) אַז זיין עלטער זיידע האָט אָנגעזאָגט די מלמדים אַז זיי זאָלן לערנען מיט זיינע קליינע אייניקלעך אויך דעם פירוש המלות פון דאַווענען. און ווי פאַרנומען ער איז ניט געווען פלעגן די אייניקלעך אַריינגיין צו אים איינמאָל אַ חודש און ער פלעגט זיי פאַרהערן צי זיי וויסן און צי זיי פאַרשטייען דאָס וואָס זיי זאָגן אין דאַווענען.

טו. אין שמונה עשרה, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר פון דאַווענען זאָגן מיר די ערשטע בקשה: חננו מאתך חכמה בינה ודעת. מיר בעטן ביי דעם אויבערשטן ער זאָל אונז געבן קלוגשאַפט. האָבנדיק שכל — ווייס מען אויך דעם עיקר: וואָס איז דער תכלית אין לעבן.

טז. און ווי דער רבי האָט דערציילט[24]) אַז זיין זיידע האָט דערקלערט זיינע קינדער (ווען זיי זיינען געווען נאָך גאָר קליין), אַז יעדער איד דאַרף פאַר זיך שטעלן אַ תכלית אין לעבן, אַ תכלית וואָס איז העכער פון עסן, טרינקען, שלאָפן און שפּילן זיך. אַ תכלית וואָס באַשטייט אין אויספירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל.

יז. אין דעם אַלץ איז נאָך דאָ אַ כלל, וואָס מען דאַרף אים שטענדיק געדענקען — און דאָס איז וואָס דעם רבי'נס טאַטע האָט אַמאָל געזאָגט[25]) צום רבי'ן, ווען ער איז געווען אַ קינד, פיר יאָר אַלט, אַז דער אויבערשטער האָט געגעבן אַ מענטשן צוויי אויגן, בכדי אַז אויף זיינע צאַצקעס, צוקערקעס זאָל ער קוקן מיט דער לינקער אויג, און אויף אַ אידן — קוקן מיט דער רעכטער אויג, זען אין אים די מעלות.

— וואָס דאָס אַלץ גיט דעם כוח אויף אַ גוטער אויפפירונג, אַז איר זאָלט אַלץ גיין העכער און העכער, אַזוי אַז אַלע זאָלן האָבן נחת פון אייך, און צו ערשט — אייערע עלטערן און די טיטשערס (מלמדים).

יח. עס שטייט אין תורה[26]) אַז אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בוים.

מען זעט ביי אַ בוים אַז יעדע ענדערונג — אַפילו אַ גאָר קליינע — צו גוטן וואָס קומט פאַר אין דעם קערנדל, רופט זיך דאָס שפּעטער אָפּ אין דעם בוים — ער זאָל אויסוואַקסן פיל בעסער — אַ גרויסער, גוטער בוים מיט פיל גוטע פרוכט.

אַזוי אויך ביי אַ מענטשן: יעדע — אַפילו אַ קליינע — בעסערונג ביי אַ קינד, רופט זיך דאָס אָפּ אין אַ פיל גרעסערער בעסערונג בשעת מען ווערט עלטער. ובפרט אַ גרויסע בעסערונג ווען מען איז נאָך יונג.

---

23) זע „היום יום", ח' טבת תש"ג.

24) זע שיחות חג הפסח בסה"ש תש"ג אות לט (לקוטי דבורים ח"ג עמוד 841).

25) זע שיחת שמח"ת תרצ"א (לקוטי דבורים ח"ד עמוד 1412).

26) דברים כ, יט.

דער אויבערשטער זאָל אייך מצליח זיין, איר זאָלט גיין אין די אויבנדערמאָנטע וועגן, איר זאָלט האַלטן אין וואַקסן העכער און העכער, ביז אַז גאָר אין גיכן זאָל מען קענען אַרויסגיין מיט אייך אַנטקעגן משיח'ן און זאָגן „ראו גדולים שגדלתי" — דאָס זיינען די קינדער וועלכע מיר האָבן געהאָדעוועט, און זיי זיינען ווערט צו זיין זיינע — משיח'ס — סאָלדזשערס (זעלנער).

וואָס ער וועט קומען גאָר אין גיכן, אין אונזערע צייטן, און אַרויסנעמען אונז פון גלות בגאולה האמיתית, די אמת'ע גאולה, אמן.

(שיחת ט"ו תמוז, תשי"ז, פאַר די קינדער אין מחנה „גן ישראל")

יט. י"ב תמוז, דער חסידישער יום טוב פון איצטיקן חודש, חודש תמוז, איז דער טאָג פון רבי'נס באַפרייאונג פון דעם מאסר אין וועלכן ער איז געזעסן צוליב הפצת היהדות.

בשעת[27]) דער רבי איז געוואָרן בר מצוה, וואָס דאַן ווערט דאָך אַ איד אַ גדול, פול אַנטוויקלט אין זיינע ענינים, האָט זיין פאָטער, דער רבי נשמתו עדן וועלכער איז געווען אויך זיין דערציער, געזאָגט אים, ער זאָל עפּעס פרעגן (לויטן מנהג הנשיאים פון אַלטן רבי'ן אָן).

האָט דער רבי געפרעגט, וועגן דעם וואָס עס שטייט אין אַלטן רבי'נס סידור, אַז פאַרן דאַווענען דאַרף מען זאָגן, אַז מען איז גרייט און מען איז מקבל אויף זיך די מצוה ואהבת לרעך כמוך. וואָס איז דער פאַרבונד פון דער מצוה מיטן דאַווענען?

אויב ווייל דער אָנהויבס פון טאָג דאַרף באַשטיין אין דעם וואָס אַ איד פאַרבינדט זיך מיט נאָך אידן, האָט מען דאָס געדאַרפט זאָגן צוזאַמען מיט ברכות השחר, און ניט וואַרטן ביזן דאַווענען?

האָט אים זיין פאָטער דער רבי נ"ע דערקלערט אַז אין דאַווענען בעט אַ איד ביי דעם אויבערשטן אַלע זיינע באַדערפענישן, וואָס דער אויבערשטער איז אָבינו שבשמים פון יעדער אידן, סיי אַלט סיי יונג, סיי מאַן סיי פרוי.

בשעת מען בעט אַ בקשה ביים פאָטער, דאַרף מען אים פריער טאָן אַ נחת רוח. דער גרעסטער נחת רוח און פאַרגעניגן פון אַ טאַטן איז[28]) בשעת אַז זיינע קינדער, וואָס זיי זיינען פיל און פאַרשידנאַרטיק, איז יעדער איינער פון זיי לעבט מיט אַלעמען באהבת אחים, ער האָט ליב דעם צווייטן אַזוי ווי זיך — ואהבת לרעך כמוך.

דערפאַר דאַרף מען אָננעמען אויף זיך די מצוה — פאַרן דאַווענען.

דאָס איז געווען דער אָנהויבס ווי אַזוי דער רבי איז אַריין אין זיין לעבן אַלס פולשטענדיקער איד, און אויך אַ צוגרייטונג צו זיין צוקונפטיקער בשיאות.

דאָס וואָס דער רבי האָט עס דערציילט אונז, איז דאָס זיכער אויך אַן אָנווייזונג צו יעדערן פון אונז, אַז דער אָנהויבס טאָן מיט זיך און דער אַריינפיר צו זיין „נשיאות",

---

27) ספר השיחות קיץ הש"ת שיחת י"ב תמוז (עמוד 156).

28) ראה דברי רבנו הזקן בזה (במכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר לקהלת אנ"ש — נדפס בקובץ מכתבים — אמירת תהלים. אג"ק שלו ח"ג ע' תיג). שיחת ב' אדר ה'תש"ה (לקוטי דבורים ח"ג תקסה, א).

יעדערער האָט דאָך אַ ווירקונג און געוועלטיקט אויף אַ געוויסן קרייז, אויף זיין משפחה, אָדער וויניקסטנס אויף זיך אַליין.

איז אײדער ער הויבט אָן צו טאָן אין דעם און בעטן דעם אויבערשטן ער זאָל אים געבן הצלחה אין זיין אַרבעט, איז דער ערשטער הכנה און אַריינפיר — צו פאַראייניקן זיך באַהבה מיט יעדער אידן.

דאָס איז די צוגרייטונג און כלי אַז דער אויבערשטער זאָל ממלא זיין זיינע בקשות. און ווי געזאָגט פריער, אַז שלום איז די כלי המחזיק ברכה, סיי בגשמיות סיי ברוחניות.

כ. אַ ספּעציעלע שייכות און פאַרבונד פון דעם אויבנדערמאָנטן ענין צו די איצטיקע טעג, איז:

מיר געפינען זיך איצטער אין די דריי וואָכן, אין וועלכע מיר זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן צו דערמאָנען דעם חורבן וואָס עס האָט פּאַסירט בין המצרים.

זיכער אַז דאָס וואָס מיר זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן צו דערמאָנען דאָס, איז עס ניט סתם מען זאָל האָבן אַ גוטן זכרון און בלייבן דערביי — נאָר בכדי מיר זאָלן אָפּלערנען דערפון ווי צו פירן זיך און וואָס צו טאָן.

וואָס דאַרפן מיר אָפּלערנען פון זכרון החורבן און קלאָגן אויף אים?

צו אַלעם ערשטן — מבטל זיין דאָס וואָס עס האָט געבראַכט צום חורבן.

חז״ל דערציילן אונז[29] אַז די סיבה פון חורבן איז געווען — שנאת חנם. מיר דאַרפן מבטל זיין די סיבה. ביטול שנאת חנם איז דורך אהבת חנם.

ד. ה. ליב האָבן יעדער אידן חנם. אַפילו אַ איד וואָס האָט אים קיינמאָל קיין טובה ניט געטאָן, אַפילו אַז ער וועט קיינמאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו אים און באַקומען פון אים אַ טובה, אַפילו אַ איד וואָס ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען, אַפילו חנם[30] ער זעט ניט קיין טעם, ד. ה. ער זעט ניט אין יענעם קיין מעלה פאַרוואָס מען זאָל אים ליב האָבן, פונדעסטוועגן דאַרף ער אים ליב האָבן.

און די אהבה און דער שלום ואחדות איז די כלי המחזיק ברכה — ביז צו דער גרעסטער ברכה, וואָס דאָס וועט זיין, אַז דער אויבערשטער וועט אונז שיקן בקרוב משיח צדקנו, וועלכער וועט אונז אויסליזן בגאולה השלימה והאמיתית.

כא. דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז יעדער איינער זאָל טאָן אין דער ריכטונג, וואָס דאָס וועט ברענגען דעם פנחס זה אליהו[31], אלי׳ הנביא, וועלכער וועט מבשר זיין די גאולה, וואָס אויף פנחס׳ן שטייט דאָך אויך (אין היינטיקער סדרה) הנני נותן לו את בריתי שלום.

וואָס דאָס איז אויך אין דעם געדאַנק פון פנחס זה אליהו:

פנחס וואָס ענינו איז בריתי שלום, שלום ואחדות פון אין אידן מיטן צווייטן — זה אלי׳, דאָס וועט ברענ־

---

29) יומא ט, ב.

30) חנם — מן המצוות (ספרי בהעלתך יא, ה).

31) תרגום יונתן וארא ו, יח. רלב״ג למלכים א יז, א.

געגן בקרוב ממש דעם מבשר אלי׳ הנביא וועלכער וועט קומען אנזאגן אז אט מארגן [32] קומט משיח, אויס־ לייזן אונז בגאולה השלימה.

(משיחת ד׳ פ׳ פנחס, כא תמוז, תשכ״א)

כב. אויפן פסוק דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל, איז אף על פי אז אין תרגום ומדרשים שטייט אז דאס גייט אויף משיח׳ן, איז אבער אין ירושלמי [33] טייטשט ער דאס אויף יעדער אידן. און ווי מ׳האט שוין אמאל גערעדט אין דעם, אז ס׳איז קיין סתירה ניט — על פי מה שכתוב בספר מאור עינים [34] בשם הבעש״ט, אז ביי יעדער אידן איז פאראן א חלק אין דער נשמה פון משיח׳ן. וואס דערמיט זיינען מתאים ביידע פירושים, און באמת איז דאס איין ענין.

און עס איז ניט דער פשט אז דער ניצוץ של משיח שבכל אחד מישראל איז דאס אן ענין וואס פארבלייבט בהעלם — ווארום ווי־ באלד אז דער ירושלמי זאגט עס אויפן פסוק דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל, זאגט ער דאך „דרך״ „וקם״, איז דאך דאס אן ענין וואס עס קומט ארויס בגילוי: יעדער איד האט בכוח לגלות דעם ניצוץ משיח שבו.

אין פשוט׳ע אותיות הייסט עס, אז יעדער איד האט בכוח (דורך תורה ומצוות) — מקרב זיין און ברענ־ געגן דעם גילוי המשיח בפועל. ווא־ רום דורך תורה ומצוות טוט ער אויף דעם זיכוך אין וועלט, ער איז

32) עירובין מג, ב.

33) מעשר שני פרק ד הלכה ו.

34) סוף פרשת פנחס.

ממעט דעם רוח הטומאה, מעט מעט אגרשנו, ביז אז עס וועט זיין דער ואת רוח הטומאה אעביר (אינגאנצן) מן הארץ [35] בביאת המשיח, און ער איז מגלה טוב וקדושה בעולם ביז עס וועט זיין דער ומלאה הארץ דיעה את הוי׳ כמים לים מכסים [36] (אינגאנצן פול).

וואס אזוי זאגט דאך די גמרא בנוגע דער ערשטער מצוה שבתורה, מצות פרו ורבו, אז אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שבגוף [37]. ד. ה. אז אלע נשמות שבאוצר העליון הנק־ רא גוף וועלן נמשך ווערן און נתל־ בש ווערן בגופים דא למטה. איז פונקט ווי די גמרא זאגט עס בנוגע דער ערשטער מצוה, פרו ורבו, אזוי איז די זעלבע זאך בנוגע כל המצות שבתורה. וואס כל המצוות איז ענינם מצות פרו ורבו. מצות פרי׳ ורבי׳ איז דאך ענינה אז מ׳איז ממשיך די נשמה און מ׳איז איר מגלה דא למטה, די נשמה איז דאך געווען אויך פריער, נאר וואדען זי איז געווען אין אוצר הנשמות, און דורך קיום מצות פרי׳ ורבי׳ איז מען איר ממשיך דא למטה ומגלה, די זעלבע זאך איז ענין כל המצוות, מען איז מגלה דעם ניצוץ אלקי וואס געפינט זיך בהדבר הגשמי שבו נעשית המצוה, דורכן קיום המצוות קומט ארויס דער ניצוץ בגלוי כקטן שנולד [38].

וזהו וואס יעדער איד האט בכוח

35) זכרי׳ יג, ב.

36) ישעי׳ יא, ט.

37) יבמות סב, א.

38) כמבואר על מאמר רז״ל כדי שיתוספו עליהם גרים — לקוטי תורה ואתחנן ט, ד.

צו מקרב זיין די גאולה על ידי קיום כל מצוה. עס דאַרף נאָר זיין אין דעם די באַוואָרעניש, וואָס מ׳האָט גערעדט פאַריקן שבת[39], אַז די מצוות דאַרפן זיין מעשים טובים ומאירים. ווייל עס קען דאָך זיין אַ מציאות וואָס דורך די מצוות איז ניט נאָר וואָס ער פועל׳ט ניט קיין זיכוך בעולם, נאָר אדרבה ער איז גאָר מוסיף חיות בקליפות לפי שעה כמבואר בהלכות תלמוד תורה לרבינו הזקן[40], איז ער דאָך גאָר מוסיף אין דעם חושך, כפשוטו הייסט עס, אַז בשעת עס קומט אים צו ישות וגאוה דורך זיין לימוד התורה וקיום המצוות, איז דאָך דורך דער מצוה איז ער מוסיף אין דעם א־ל זר אשר בקרבך, מוסיף חיות בקליפות, וואָס אין אַני והוא יכולים לדור. וואָס אויף דעם דאַרף מען האָבן די הקדמה פון עבודת התפלה, וואָס דאָס באַוואָרנט אַז דער לימוד התורה וקיום המצוות שלאחרי זה, איז ניט נאָר וואָס זיי וועלן ניט מוסיף זיין אין אים קיין ישות ער זאָל ווערן פאַרגרעבט דורך די תורה ומצוות, נאָר אדרבה, עס וועט אין אים פועל׳ן זיכוך וביטול, אַז ער וועט ווערן אויסגעאיידלט דורך די תורה ומצ־וות, וכמו שנתבאר בארוכה בשיחת שבת פרשת קרח.

און בשעת ס׳איז דאָ די הקדמה פון עבודת התפלה, וואָס דעמאָלט זיינען דאָס מעשים טובים ומאירים, איז דורך יעדער מצוה טרייבט ער אַרויס ביסלעכוויז דעם חושך און ער איז מוסיף אור בעולם, וואָס דאָס וועט ברענגען דעם ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ מיטן ומל־אה הארץ דיעה את הוי׳ כמים לים מכסים.

כג. נאָר דאָ פאָדערט זיך נאָך ביאור: ווי אַזוי האָט אַ איד בכוח דורך קיום המצוות אויסאיידלען די וועלט, בשעת אַז די וועלט איז אקדי־מא טעניתא, זי איז דאָך באַשאַפן געוואָרן קודם בריאת האדם שנברא ביום הששי, און אַפילו ביום הששי גופא איז דאָך אויך געווען די וועלט כמה שעות קודם שנברא האדם?

אויף דעם זאָגט ער פריער איי־דער ער זאָגט דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל: כי מראש צו־רים אראנו ומגבעות אשורנו. ווייל די נשמה פון יעדער אידן, אַפילו פון אַנשים כערכנו, איז שרשה מראש צורים, זי איז פאַרבונדן מיט הוי׳ צורי וגואלי, וכמבואר בחסידות אַז שרש הנשמות איז פון פנימיות המח־שבה, וואָס דערפאַר איז יעדער איד אַ בעל הבית אויף דער גאַנצער וועלט, ווייל בריאת העולם איז דאָך מבחינת הדיבור, בדבר הוי׳ שמים נעשו וגו׳[41], און אַפילו ווי מ׳רעדט אַז דאָס איז מבחינת מחשבה איז דאָס אויך נאָר מחיצוניות המחשבה, און שרש נשמות ישראל איז פון פני־מיות המחשבה. דערפאַר האָט ער בכוח לשנות את כל העולם.

וואָס דאָס איז אויך מתאים מיטן פירוש המדרש על פסוק זה, וואָס דער מדרש זאָגט אַז צורים אלו האבות וגבעות אלו האמהות, ווייל דאָס וואָס נשמת כל אחד מישראל

39) ש״פ קרח ה׳תשכ״ב (לקו״ש ח״ד ע׳ 1052 ואילך).

40) פרק ד, ג.

41) תהלים לג, ו.

איז פארבונדן מיטן הוי׳ צורי וגוא־לי, דאס ווערט על ידי האבות ואמ־הות, פון זיי האט מען עס בירושה, מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו, זיי האבן אונז מוריש געווען דעם ענין פון צורי וגואלי, בחינת פנימיות המחשבה, וואס דורך דעם איז יעדער איד א בעל הבית אויף דער גאנצער וועלט.

און אף על פי אז דאס איז דאך מצד הנשמה שבבחינת פנימיות המח־שבה, וואס דאס איז דאך די נשמה אפילו טרם שירדה למטה, איז אבער דורך וואס קומט ארויס דער דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל, גילוי גאולה העתידה, איז דאס ניט בשעת די נשמה איז למעלה נאר דווקא בשעת די נשמה קומט אראפ למטה. ווארום די כוונה איז דאך דירה בתחתונים דווקא. בשעת די נשמה איז למעלה איז אמת טאקע אז אויך דארטן איז דא מעלת הנשמה וואס זי נעמט זיך פון בחינת צור, זי איז דאך אבער דעמאלט ניט פאר־בונדן מיט די תחתונים, בשעת די נשמה קומט אראפ למטה ועובדת עבודתה, דעמאלט דווקא פירט זי דורך בפועל די כוונה פון דירה בתחתונים די כוונה פון בחינת צור, און ברענגט די גאולה העתידה. און ווי דער אויבנגעבראכטער מאמר: אין בן דוד בא עד שיכלו כל נש־מות שבגוף. ס׳איז ניט מספיק די נשמה ווי זי געפינט זיך באוצר הנשמות שנקרא גוף, אדער ווי זי געפינט זיך תחת כסא הכבוד וכו׳, נאר זי דארף אראפקומען למטה, און דאס דווקא ברענגט ביאת בן דוד.

כד. על פי זה וועט מען אויך פארשטיין דעם גודל השמחה וואס איז דא פון הולדת. דלכאורה: בשעת מען רעדט וועגן כלל ישראל איז מובן אז ביי זיי איז דאס א גרוי־סע שמחה — מצד דעם וואס עס קומט צו נאך א איד אויף דער וועלט, בשעת מ׳רעדט אבער בנוגע דעם נולד עצמו, איז דאך לכאורה אדרבה, איפכא מסתברא, פאר אים איז דאך דאס א גרויסע ירידה, וכדאיתא בגמרא[42]) אז בשעת דער עובר איז במעי אמו איז נר דלוק על ראשו ומלמדין אותו כל התורה כולה, ובפרט נאך ווי קבלה און חסידות זיינען מבאר הפלאת מעלת מצב הנשמה כמו שהיא למעלה, וואס אין דעם ווערט נכלל בכללות אויך דער זמן פון דער נשמה ווי זי איז בעיבור במעי אמו, איז דאך לגבי דער נשמה של הנולד איז דאס גאר א ירידה, סיי אין דעם קו פון סור מרע סיי אין דעם קו פון ועשה טוב, בנוגע סור מרע זאגט מען דאך[43]) אז אן עובר האט קיין יצר הרע ניט און ווי די גמרא ברענגט א ראי׳ אויף דעם ווארום אויב ניט וואלט ער בועט געווען ויוצא לחוץ, און בנוגע ועשה טוב איז דאך דארטן ביי איר גילויים נעלים ביותר שמלמדין אותו כל התורה כולה — איז וואס איז די שמחה ביי דעם נולד עצמו? ובאמת מוז מען דאך זאגן, אז וויבאלד ס׳איז א שמחה על פי תורה איז דאס א שמחה ניט נאר פאר כלל ישראל און ניט נאר פאר די הורים, נאר דאס איז א שמחה פאר יעדער איי־נעם, אויך פאר דעם נולד עצמו.

---

42) נדה ל, ב.

43) סנהדרין צא, ב.

וועט מען עס פאַרשטיין פון דעם וואָס מיר געפינען בגמרא סנהדרין צווי מאמרים בנוגע דעם חילוק פון עובר ביז נולד. אין איין אָרט[44] זאָגט די גמרא, אַז אַ בן נח איז נהרג על העובר, און דער טעם איז, ווייל אויך אַן עובר הייסט אָדם. אין נאָך אַן אָרט[45] טייטשט דאָרטן אָפּ רש"י אַז ישראל אינו נהרג על העובר ווייל עובר הייסט ניט נפש. ד. ה. אַז דער חילוק פון עובר און נולד איז, אַז עובר האָט טאַקע אויך די מעלה פון אָדם, אָבער ניט נפש.

צווישן די תוארים וואָס אַ מענטש האָט: אדם איש גבר אנוש, שטייט אין זוהר[45*] ומבואר בחסידות, אַז אָדם איז די העכסטע דרגא, זאָגט מען אַז אַן עובר האָט אויך די מעלה פון אָדם. און וואָס באַשטייט די מעלה פון אָדם, שטייט אין זוהר[45**] און אין חסידות — מיוסד על הפסוק זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם, אַז אָדם איז בחיבור ב' הפכים (דכר ונוקבא, נשמה וגוף). און דער ענין איז שוין דאָ אויך ביי אַן עובר. וואָרום ער האָט דאָך אַ גוף, ובפרט בסוף העיבור וואָס ווי די גמרא זאָגט ראשו בין ברכיו כו' איז דאָך שוין פאַראַן אַ ראש מיט ברכים וציור כל רמ"ח אברים, און האָט דאָך אויך אַ נשמה וועלכע איז פאַרבונדן מיטן גוף, איז ער דאָך שוין אַן אָדם, חיבור ב' הפכים דנשמה וגוף.

איז אָדם הייסט ער טאַקע, אָבער ניט נפש. ולכאורה, נפש איז דאָך דער ענין פון חיות, און אַן עובר האָט דאָך אויך חיות, וכדאיתא בגמרא[46] אוכל ממה שאמו אוכלת ושותה ממה שאמו שותה, און אַזוי איז דאָך אויך בנוגע לחיים רוחניים וכדמוכח פון דעם מאמר מלמדין אותו כל התורה כולה, היינט פאַרוואָס הייסט ער ניט נפש?

נאָר דער חילוק פון עובר מיט נולד איז, אַז עובר איז אוכל ממה שאמו אוכלת ושותה ממה שאמו שותה. ער איז טאַקע אוכל ושותה, אָבער ניט קיין אייגענע בירורים, נאָר וואָס מ'האָט פאַר אים צוגעגרייט[47]. בשעת ער ווערט אַ נולד, דאַ הויבט זיך אָן דער ענין פון עבודה, בירור ויגיעה בכוח עצמו, וואָס דאָס איז דאָך אַ מעלה נפלאה ביותר, דערפאַר איז דאָך געווען דער גאַנצער ענין פון ירידת הנשמה למטה, אַז עס זאָל זיין עבודה בכוח עצמו. דער אויבערשטער איז דאָך עצם הטוב וטבע הטוב להטיב, האָט ער דאָך לכאורה געדאַרפט געבן אַלע גילויים ניט פאַרלאַנגענדיק עבודה? נאָר דער טעם איז — אדרבה, מצד דעם וואָס ער איז דער עצם הטוב, און תכלית הטוב איז דאָך עס זאָל ניט זיין קיין נהמא דכיסופא, דערפאַר גיט ער אַלע ענינים דורך עבודה דווקא.

און דאָס איז דער אויפטו פון אַ נולד אויף אַן עובר — אויסגעהאַרעוועטער, אייגענער חיות וחיים — וואָס דעמאָלט דווקא איז ער אַליין — נפש. ביי אַן עובר איז ניטאָ דער גאַנצער ענין פון עבודה,

---

44) נז, ב.

45) שם עב, ב.

45*) חלק ג מח. א.

45**) חלק א נה, ב.

46) נדה דאָרט.

47) עיין הוספות לתורה אור בסופו.

דאס טוט זיך ערשט אויף ביי א נולד.

און דאס איז אויך דער גודל השמ־חה בעת ההולדת, אז דאס איז א שמחה ניט נאר פאר די הורים, נאר אויך פארן נולד עצמו, וואס אף על פי אז בהיותו בעיבור האט ער דאך געהאט אלע העכסטע גילויים כנ״ל, איז אבער ניט געווען דער ענין פון עבודה, נאר אוכל ושותה ממה שאמו אוכלת ושותה, ס׳איז ניט קיין אייגענע, און ארויסגייענדיק לאויר העולם הויבט זיך ביי אים אן דער ענין העבודה. אף על פי אז דער חיוב המצוות הויבט זיך דאך ערשט אן שפעטער, משעה שהגיע לחינוך על כל פנים, און ניט ברגע שנולד, איז אבער מיטן עצם היציאה לאויר העולם איז ער שוין אוכל ושותה ומברר בעצמו, וואס אזוי איז אויך ברוחניות הענינים, אז עס הויבט זיך שוין אן בכות דער ענין פון עבודה ויגיעה בכות עצמו און די הכנה לזה אויך בפועל.

(קיום מ״ע דת״ת לכשיגדל — ע״י שמשידע לדבר אביו מלמדו תורה וכיו״ב. ומקודם לזה — יונק ומברר זה, ועי״ז גדל גופו — בו מקיים אח״כ תומ״צ).

כה. דערמיט וועט מען אויך פאר־שטיין דעם דין וואס די גמרא זאגט, אז בן נח איז נהרג על העובר, ואפילו על עובר של בן נח, און ישראל איז פטור על העובר, אפילו על עובר של ישראל. און ווי מ׳לערנט עס אפ אויך פון דעם פסוק[48]) ולא יהי׳ אסון גו׳.

דער חילוק פון א אידן מיט א בן נח איז דאך, כלשון המורגל, אז מ׳זאגט אויף דעם להבדיל, ד. ה. אז ס׳איז ניט נאר א חילוק בהדרגה, אז א איד שטייט העכער במדריגה, נאר ס׳איז אן ענין פון „להבדיל״, אז ס׳זיינען גאר צוויי באזונדערע סו־גים. וואס דאס רעדט מען מצד הגוף, אז דער גוף של איש הישראלי איז גאר אן אנדער סוג ווי זייערע גו־פים, און ווי די גמרא זאגט במסכת שבת אז וויבאלד זיי עסן כו׳ זיינען זייערע גופים אויך באופן כזה. ואף על פי אז דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא[49]) אז ובנו בחרת זאגט מען על הגוף דווקא, ווייל בחירה איז שייך דווקא צווישן זאכן וואס האבן א התדמות, און דאס איז שייך על הגוף ווייל ער איז נדמה בחומריותו לגופי אומות העו־לם — איז דער פשט אין תניא, אז בחומריותו, בחיצוניות ובגלוי איז דאס נדמה, אבער בפנימיות איז אודאי דא א גרויסער חילוק, ביז ס׳זיינען גאר צוויי באזונדערע סוגים כנ״ל, און ווי די גמרא זאגט במסכת שבת[50]), אז ס׳איז דא א חילוק בדין בנוגע לגוף אומות העולם, דחביל גופי׳ כו׳.

וואס דאס איז מצד הגוף, ומכל שכן מצד הנשמה, זיינען דאך דאס גאר הפכים, וואס זייער נפש נעמט זיך פון ג׳ קליפות הטמאות און א אידישע נשמה נעמט זיך פון קדושה.

אן עובר איז ווי געזאגט פריער אז ער הייסט אדם ווייל אין אים

---

48) שמות כא, כב.

49) פרק מט.

50) פו, ב.

איז שוין דא גוף ונפש, איז דאך מובן דער חילוק פון עובר של בן נח ביז עובר של ישראל, און דער חילוק איז, סיי מצד הגוף, שגופו של עובר ישראל איז „להבדיל" פון גופו של בן נח, אז ס'איז א סוג אחר לגמרי, סיי מצד הנשמה, שנשמת עובר ישראל איז גאר בסוג הפכי מנשמת עובר בן נח.

היינט ווי קומט עס אז א בן נח איז מחוייב אפילו אויף עובר של בן נח און א איד איז ניט מחוייב אפילו אויף עובר של ישראל?

וועט מען עס פארשטיין בהקדים דעם כללות החילוק פון ישראל ביז אומות העולם: א איד איז ניט קיין אמצעי צוליב עפעס, נאר אין אים אליין איז דער תכלית. און אלע ענינים שבכל ההשתלשלות זיינען באשאפן געווארן צוליב א אידן: בראשית ברא גו' את השמים ואת הארץ, בשביל ישראל שנקראים ראשית.

דאס הייסט אז אלע ענינים זיינען דברים טפלים. אלע ענינים וואס זיינען דא למטה און אלע ענינים שבכללות ההשתלשלות מיט אלע גילויים, מיטן גאנצן פאראד — שכל זה נכלל באת השמים ואת הארץ, כדאיתא בזוהר — איז דאס אלץ א טפל, צוליב אידן. און וואס איז דער עיקר — אידן, וואס זיי זיינען ניט צוליב עפעס, נאר דער תכלית איז אין זיי אליין.

ואף על פי אז ס'איז דאך נבראתי לשמש את קוני[50*], איז אבער ניט דער פשט, אז א איד איז א דבר טפל חס ושלום, ווילע דאס וואס תכליתו איז לשמש את קונו, איז דאס ניט קיין אנדער ענין פון אים. דאס איז ער אליין. דורך אורייתא — איז ישראל וקודשא בריך הוא (קונו) כולא חד, ער איז ניט קיין דבר טפל צו א צווייטן דבר, דאס איז זיין מציאות.

וואס דאס איז דאך אויך דער דיוק הלשון לשמש את קוני. ער זאגט ניט לשמש את בוראי, יוצרי, עושי, נאר את קוני דווקא. וכמבואר בתורה אור[51]) בענין ההפרש שבין בורא יוצר עושה לקונה, אז בורא יוצר ועושה איז דער נברא א מהות אחר, מה שאין כן קונה איז דאס ניט קיין נייע זאך, ובעולמות איז דאס — אצילות, עולם האחדות. דער ענין פון קנין איז דאס וואס ער איז נקנה להקונה אותו, און האט ניט קיין מציאות לעצמו.

ועל פי זה יובן הטעם מה שבן נח נהרג על העובר און א ישראל ניט. דער חילוק פון עובר ביז נולד איז דאך, ווי געזאגט פריער, אז עובר איז ניט קיין מציאות לעצמו, ער איז א דבר טפל, אדער טפל לאמו (רק אמו), אדער טפל צו דער מציאות וואס וועט שפעטער נולד ווערן, וואס דעמאלט פירט זיך אויס זיין כוונה, אבער זייענדיק אן עובר, איז אין דעם נאך ניט די כוונה. און וויבאלד אז זיין גאנצע מציאות איז טפל: ועמדו זרים ורעו צאנכם, דכל הבריאה הוא בשביל ישראל, דערפאר איז ביי א בן נח נוגע אויך דברים טפלים, ונהרג על העובר, מה שאין כן ישראל וואס זיין מציאות

---

[50*]) קידושין פב, א.

[51]) ריש פרשת משפטים.

איז אַן עיקר, איז ניט שייך ער זאָל נהרג ווערן צוליב אַן עובר, וואָרום ס'איז דאָך ניט שייך מען זאָל מבטל זיין אַן עיקר צוליב אַ טפל.

אַן איסור איז טאַקע דאָ אויך אויף אַן עובר, ווילע דאָס איז דאָך אַ הכנה אַז דערפון זאָל אַרויסקו־מען אַ גולד, איז שוין בהעלם דאָ דער ענין, אָבער אַן עונש מיתה — איז דאָך ווי אַלע עונשים שבתורה — נאָר אויף אַן ענין שבגילוי דווקא, ובגילוי איז ער נאָר אַ טפל, כנ״ל.

כו. און דאָס איז די מעלה פון הולדת, וואָס דאָס איז אַ שמחה גדולה כנ״ל, וואָרום מיט דער הולדה הויבט זיך אָן דער ענין פון עבודה בכוח עצמו, וואָס די עבודה ברענגט דאָך דעם זיכוך העולם און מקרב די גאולה העתידה כנ״ל. איז כאָטש טאַקע אַז דער כוח אויף מזכך זיין דעם עולם, איז מצד הנשמה, בחינת מראש צורים כנ״ל וואָס דאָס איז דאָך פאַראַן אין דער נשמה ווען זי איז נאָך למעלה, — ווען אָבער הויבט זי אָן דורכפירן איר תפקיד פון מאַכן אַ דירה בתחתונים בפועל, דאָס איז משעת הלידה, וואָס דע־מאָלט ווערט זי נתגלה אין וועלט. מה שאין כן בשעת העיבור איז דאָס נאָך ניטאָ, און ניט קוקנדיק על גודל מעלת הנשמה, אפילו אַ נש־מה גבוהה ביותר, איז אָבער אין דער וועלט איז נאָך חושך, וברגע הלידה — דאַן הויבט זיך אָן דער גילוי בעולם.

דערפאַר שטייט דאָך אויף משה רבינו, בשעה שנולד נתמלא הבית כולו אור [52]. כאָטש אויך קודם הלי־דה האָט זיך דאָך דער עובר געפו־נען אין דעם בית, איז אָבער אין בית געוועזן חושך, נאָר מיט דער לידה דווקא, איז נתמלא הבית כולו אור, ווייל מיט דער לידה הויבט זיך אָן דער ענין העבודה, וואָס די נשמה דאַרף אויפטאָן אין עולם.

וואָס דערפאַר זאָגט ער אויך אין זוהר (פרשת בלק) [52*] על פסוק אספרה אל חוק גו' אני היום ילידתיך, אַז דאָס גייט אויף לידת המשיח, און ניט משיח בן יוסף נאָר משיח בן דוד. וואָס לכאורה וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות מיט אני היום ילד־תיך לפי פשטות הכתוב? ועל פי הנ״ל יובן, ווייל מיט לידת הנשמה, בשעת אַז דער מראש צורים אראנו קומט אַראָפּ למטה, און ניט בעיבור נאָר לידה דווקא, דאָ הויבט זיך אָן דער דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל, ביז וישראל עושה חיל, וואָס דאָס גייט אויף די גאולה העתי־דה כמבואר בכמה מקומות.

כז. און דאָס איז אויך וואָס עס שטייט [53]) טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו. ולכאורה, וואָס פאַר אַ שייכות איז צווישן די ביי־דע ענינים?

נאָר [54]) שמן גייט אויף מעשה המצ־וות, וכמו שכתוב בזוהר והובא בתני־יא [55]) על פסוק ושמן על ראשך אל

---

52) סוטה יב, א.

52*) רג, ב.

53) קהלת ז, א.

54) ראה רשימת הצמח צדק על הפסוק – אור התורה שמות ע' כט ואילך.

55) פרק לה.

יחסר, „שם" איז כמאמר רז"ל[56] הלך הקב"ה מהלך ת"ק שנה לקנות לו שם, איז טוב שם משמן טוב, אז די עבודת האדם איז ניט צוליב זיך, נאר אויף אויפמאכן ולהקנות שמו של הקב"ה. און פון וואס קומט ארויס דער טוב שם — משמן טוב, פון דעם שמן טוב, קיום המצוות, מעשים טובים.

און די זעלבע זאך איז בנוגע דעם (צווייטן האלבן פסוק) ויום המות מיום הולדו. ביום ההולדת ווייס מען דאך נאך ניט וואס עס וועט זיך, בשעת עס קומט אבער דער יום המות און מען זעט אז ס'איז ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך, אז יציאתו מהעולם איז כביאתו לעולם[57]) און נאך מער — דעמאלט ווערט נגמר דער ענין; אבער פון וואנען קומט עס — מיום הולדו, וואס ביום ההולדת שטייט שוין בכוח און עס ווערן נכלל אלע עניני עבודתו שיעבוד בעלמא דין, און ווי געזאגט פריער, אז אין דעם היום ילדתיך שטייט שוין אלץ — ביז אויך גילוי המשיח. און ווי גערעדט פריער בנוגע משה רבינו אז משנולד איז נתמלא הבית כולו אור, איז על דרך זה אויך באתפשטותי' דמשה שבכל דרא ודרא ווי עס שטייט אין תיקוני זוהר[58]), ביז ווי ער זאגט דעם לשון במקום אחר[59]), אז דאס איז שהשמש מאיר מתחת לארץ לששים רבוא כוכבים:

בי"ב תמוז דער יום הולדת פון רבי'ן, איז כל זמן העיבור, איז ניט קוקנדיק על מעלת הנשמה מצד עצמה און ביי וועלכע עלטערן ער איז געבארן געווארן, וואס ס'איז דאך מובן אז בשעת העיבור איז געווען דער מלמדין אותו כל התורה כולה במדריגה נעלית ביותר, איז אבער צום בית ועולם האט עס נאך ניט געהאט קיין שייכות, וביום ההולדת איז די התחלה וכללות עבודתו פון מאיר לששים רבוא כוכבים, וואס דאס איז כללות ישראל, אז ער גיט כוח ביז „לכל אשר בשם ישראל יכונה", כהלשון שבמכתבו לי"ב תמוז, ומכל שכן צו חסידים ומקושרים, אז ביי זיי זאל קענען זיין תורה ומעשים טובים, און מאכן פון דער גאנצער וועלט א דירה לו יתברך, נתמלא הבית (דירת ה') — כולו אור.

און דאס איז דער גודל השמחה שביום הולדת פון רבי'ן, וואס הימים האלה נזכרים ונעשים בכל שנה. דאס איז א שמחה ניט נאר פאר די שזכו ונהנו מתורתו, נאר ביז לכל „אשר בשם ישראל יכונה"[60]), ווארום מיט זיין לידה האט ער אנגעהויבן מאיר זיין לכל העולם.

און א שמחה וואס קומט על ידי העבודה פון א אידן איז דאך דאס בכמה ענינים א גרעסערע שמחה ווי די שמחה פון בריאת העולם, און גרעסער ווי די שמחה פון מ"ת, ווארום דעמאלט זיינען די ענינים געווען נאר בכוח ובהעלם, און דא איז ארויסגעקומען דער נתינת כוח אויף ארויסטראגן די אלע ענינים בפועל, באופן

56) קהלת רבה פ"ז על הפסוק טוב שם. ילקוט שמעוני רמז תתקעג.

57) בבא מציעא קז, א.

58) תיקון סט.

59) ראה אגרת הקדש הביאור על סימן כז.

60) ראה אגרת הקדש בקונטרס נט (סה"מ ה'תשי"ח ע' 263). אג"ק שלו ח"ב ע' פ.

של לידה וגילוי, אני היום ילדתיך, וואס כאמור לעיל, גייט עס ביז אויף גילוי המשיח בקרוב ממש.

כח. מ'האט דאך גערעדט בנוגע דעם יום הולדת פון רבי'ן, וואס דאס איז דאך בזמן. זמן איז דאך פארבונדן מיט מקום, דער מקום ההו־לדת פון רבי'ן איז געווען במדינתנו לפנים. און אזוי איז אויך בנוגע דער גאולה פון י"ב וי"ג תמוז, אז דער מקום הגאולה איז געווען במדינ־תנו לפנים.

איך האב שוין אמאל דערציילט, אז ס'איז פאראן א רשימה פון רבי'ן בעל הגאולה והשמחה, אין וועלכער ער פארציכנט א חזיון וואס ער האט געהאט ביום הולדת פון זיין פאטער דער רבי נ"ע, און שרייבט אז דער רבי נ"ע האט דאן געזאגט א מאמר אויף קאפיטל שמונים שבתהלים. וואס דאס איז געווען צוואנציק יאר נאך דער הסתלקות. וואס פון דעם איז מובן, אז אויך לאחר ההסתלקות זיינען פאראן ביום ההולדת די עליות שבכל שנה ושנה, אז בכל שנה גייט מען איבער אין א העכערן קאפיטל.

איז אין דעם קאפיטל פג, וואס דאס איז דאך דער קאפיטל פון רבי'ן הנשיא וואס הויבט זיך אן פון היינטיקן י"ב תמוז; זאגט ער: אלקים אל דמי לך אל תחרש ואל תשקוט גו' על עמך יערימו סוד ויתייעצו על צפוניך, און ער איז מסיים: וידעו כי אתה שמך הוי' לבדך עליון על כל הארץ.

זאגט ער אויף אל דמי גו' אין מדרש תהלים, אז דאס איז דער ענין וואס צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

אויף אלע אידן שטייט דאך ועמך כולם צדיקים[61], איז בשעת זיי זיי־נען גוזר איז דער אויבערשטער מקיים. און וואס זיינען אידן גוזר, אז אל דמי לך אל תחרש און אל תשקוט. אז כאטש מצד כמה ענינים קען דאך זיין עס זאל זיין דמי תחרש און תשקוט, זיינען אידן אבער גוזר עס זאל זיין אל דמי אל תחרש און אל תשקוט, און אז צדיק גוזר איז הקב"ה מקיים.

און ווייטער זאגט ער אין פסוק, אז וועגן וואס רעדט זיך דא — וועגן על עמך יערימו סוד ויתייעצו על צפוניך. זאגט ער אין מדרש: על עמך יערימו, אז די ערמומיות וואס זיי מאכן רחמנא לצלן אויף אידן, איז דאס מצד סוד, מצד דעם וואס אידן לערנען תורה, סוד הוי' ליר־איו. ויתייעצו על צפוניך, זאגן די מפרשים[62] — אידן וואס זיי זיי־נען צפוניך של הקב"ה.

איז דאך ניט פארשטאנדיק: דאס וואס על עמך יערימו איז דאך ניט נאר מצד עסק בסוד שבתורה נאר מצד כללות הענין וואס אידן לער־נען תורה, אויך נגלה דתורה, ביז אז אפילו אף כל אשר בשם ישראל (ר"ת יש ששים רבוא אותיות לתו־רה) יכונה, און ווי מ'האט געזען במוחש, איז וואס זאגט ער סוד דווקא, אויך — וואס קלייבט מען אויס דא די מעלת ישראל — פון צפוניך דווקא?

אויך איז ניט מובן דער סיום המזמור, וידעו כי אתה שמך הוי' לבדך עליון על כל הארץ. וואס שמך

---

61) ישעי' ס, כא.

62) ראב"ע, רד"ק, בחיי ס"פ האזינו.

הוי׳ לבדך איז אַן ענין וואָס איז העכער אויך פון סובב, שאינו שייך לגמרי לבחינת השתלשלות, וכמו שיתבאר לקמן[63] בארוכה, און עליון על כל הארץ איז דאָך אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט ארץ, נאָר אין ארץ גופא איז דאָס עליון, היינט ווי אַזוי פּאַרט ער צונויף די ביי־דע ענינים צוזאַמען?

איז דער ביאור אין דעם: דער ענין המסירת נפש וואָס אידן זיינען זיך מוסר נפש על התורה ומצוות, אויך אויף גליא דתורה, קומט עס מצד בחינת סתים שבנשמה[64] וואָס זי איז פאַרבונדן מיט סתים דקוב״ה דורך סתים דאורייתא. און דאָס קען עשו ניט לידן. מצד דעם ענין פון גליא אַליין, קען ער דאָס נאָך סובל זיין. וואָרום דאָס וואָס עס שטייט הלכה היא בידוע שעשיו שונא ליע־קב איז דאָס ניט מצד נגלה עצמה, וואָרום אין דעם האָט עשו אויך אַ חלק (דינים פון ז׳ מצוות דבני נח). נאָר דאָס איז מצד סתים דתורה וסתים דנשמה, וואָס דאָס איז מאיר און נעמט דורך אויך הנגלה, ועל דרך שנתבאר[65] בענין מעשים טו־בים, וואָס אין דעם האָט עשו קיין חלק ניט, און דאָס קען ער ניט סובל זיין. דערפאַר זאָגט ער על עמך יערימו סוד, אַז דער עיקר וואָס על עמך יערימו, איז דאָס מצד סוד.

וואָס אַזוי איז אויך בנוגע דעם מאסר והגאולה די״ב י״ג תמוז, אַז באַטש דער רבי האָט זיך מוסר נפש געווען על כל הענינים, ביז הענין פון לערנען אַלף בית כפשוטו, איז אָבער דאָס אַלץ געווען דורכגענו־מען מיטן ענין הפנימיות, הסתים והסוד.

און אַזוי ווי דער אויבערשטער גיט דאָך מדה כנגד מדה, איז מצד דעם וואָס אידן זיינען מעורר בחינת סתים דנשמה על ידי סתים דתורה, ווערן זיי פאַרבונדן מיט סתים דקוב״ה, וואָס דערפאַר הייסן זיי צפוניך, צפו־ניו של הקב״ה.

וכאמור לעיל, אַז דאָס קען עשו ניט לידן, ומצד דעם קומט אַרויס דער על עמך יערימו ויתייעצו מצד דעם סוד און צפוניך. און אויף דעם זיינען אידן גוזר, אַז אַל דמי לך און אַל תחרש און אַל תשקוט, און אַז אידן זיינען גוזר איז הקב״ה מקיים, אַז עס ווערט דער וידעו כי אתה גו׳ לבדך, וידעו מלשון ידיעה ומלשון שבירה כמו שכתוב[66] ויודע בהם אנשי סוכות, אַז עס ווערט די שבירת הקליפות און גילוי אלקות בעולם.

און דער אופן הגילוי איז וידעו כי אתה שמך הוי׳ לבדך עליון על כל הארץ. וואָרום דער אויבערשטער גיט מדה כנגד מדה, איז פונקט ווי אידן זיינען מחבר בעבודתם דעם סתים מיטן גליא, וכנ״ל אַז אויך אין גליא זיינען זיי ממשיך די פני־מיות, גיט אויך דער אויבערשטער, אַז אין ארץ איז מאיר דער אתה שמך הוי׳ לבדך, דאָס קומט אַראָפּ אין וועלט גופא.

וואָס אַזוי איז אויך געווען באופן הגאולה די״ב י״ג תמוז, אַז ס׳איז

63) בהמאמר ד״ה כי מראש צורים.

64) כמבואר בתניא פרק יח.

65) בשיחת ש״פ קרח.

66) שופטים ח, טז.

געוועז אין אַן אופן פון הגדיל והפ־ליא הוי׳ לעשות בארץ, אַז אין ארץ גופא איז געוועז דער הגדיל והפליא הוי׳. און דאָס איז אַ הכנה צו דער גאולה העתידה ווען עס וועט זיין ולא יכנף עוד מוריך גו׳ [67]) וראו כל בשר, אַז דער בשר וועט זען אלקות באופן פון לא יכנף.

וכאמור לעיל, אַז די גאולה די״ב תמוז איז געוועז במדינתנו לפנים, איז אויך איצטער דאַרף זיך דאָס אָנהויבן אין דער מדינה, וואָס זיי געפינען זיך במיצר היותר גדול, איז אין דעם מטה מטה ביותר, פון דעם הויבט זיך אַן דער ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה, און פון דאַרטן זאָל נמשך ווערן בכל העולם כולו, אַז וידעו כי אתה שמך הוי׳ לבדך עליון על כל הארץ, אַז אין דעם מטה וועט זיך זען אלקות, בגאולה העתידה על ידי משיח צדקנו בקרוב ממש.

(משיחת ש״פ חו״ב, י״ב תמוז, ה׳תשכ״ב)

# פינחס

א. אין דעם וואָרט פנחס [1]) זיינען פאַראַן דיעות ווי צו שרייבן, חסר אָדער מלא. דער ענין פון מלא איז על דרך ווי עס שטייט [2]) אלה תולדות פרץ, תולדות מלא, וואָס דאָס האָט אַ שייכות צו משיח׳ן, וואָס דעמאָלט וועט זיין באופן ווי עולם על מלואו נברא [3]).

די שייכות פון פנחס׳ן צו דער גאולה העתידה איז:

אויף פנחס׳ן שטייט, אַז ער האָט מקנא געוועז קנאת ה׳ במעשה זימרי. אויך שפּעטער, וואָס פנחס זה אלי׳ [4]), שטייט ביי אלי׳ [5]), קנא קנאתי להוי׳ אלקי צבאות. מצד דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט, הנני נותן לו את בריתי שלום, ער זאָל זיין אויף אַלע אידישע ברית׳ן, ואשה כמאן דמהילא דמיא [6]), און זען אַז אידן זיינען גאַרניט אַזוי ווי ער מיינט.

דאָס הייסט, אַז פון דעם קנא קנא־תי להוי׳ איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ תנועה פון אַהבת ישראל, אַז ער קוקט זיך צו צו די אידישע מעלות און דערפאַר וועט ער אויך מבשר זיין די גאולה.

אלי׳ איז דאָך געוועז אַ תלמיד פון אחי׳ השלוני [7]), רבו של הבעל שם טוב, וואָס דער בעש״ט האָט זיך דאָך געפירט אין דער תנועה פון אַהבת ישראל, און אַזוי אויך שפּע־טער דער אַלטער רבי, וואָס ער איז געוועז אַ נשמה חדשה, און אַזוי אויך די רביים הבאים אַחריו, וואָס דורך זייער אַהבת ישראל וואָס זיי אַליין האָבן זיך געפירט, און אויך געמאָנט די זעלבע זאַך ביי זייערע

67) ישעי׳ ל, כ.

1) להעיר מזהר חלק ג נז, ב.

2) רות ד, יח.

3) זע בראשית רבה פרשה יב, וא״ו.

4) תרגום יונתן וארא ו, יח ובכ״מ. רלב״ג למלכים א יז, א.

5) מלכים א יט, י.

6) עבודה זרה כז, א.

7) זע הקדמת הרמב״ם לספר היד החזקה.

מקושרים, איז דורך דעם וועט מען זוכה זיין צו אלי׳ מבשר הגאולה.

ב. און דאָס דאַרף מען וויסן, אַז דער רבי כ״ק מו״ח אדמו״ר מאָנט ביי יעדן איינעם דעם ענין פון אַהבת ישראל, מקרב זיין אַלע אידן, אַפילו הפשוטים ביותר, וואָרום לבד זאת וואָס אויך די פשוטים זיינען טייער ביי דעם אויבערשטן, אַזוי ווי אַ קינד ביים פאָטער, לבד זאת איז דאָ די מעלה עצמית פון פשיטות.

ובנוגע צו די תלמידים וועלכע פאָרן בשליחות מרכז לעניני חינוך *7) — זיי דאַרפן וויסן, אַז די תנועה פון קנא קנאתי דאַרף זיין בנוגע צו זיך, אָבער בנוגע צו יענעם דאַרף זיין אַהבת ישראל, וואָס דורך דעם וועט מען זוכה זיין צו דעם הנה אָנכי שולח לכם את אלי׳ הנביא 8) אויף מבשר זיין די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

(משיחת ש״פ בלק, י״ד תמוז, תשט״ז)

ג. ...פנחס — זה אלי׳, וואָס ער וועט קומען מבשר זיין די גאולה העתידה בקרוב ממש. די שייכות פון אלי׳ הנביא צו בשורת הגאולה איז מובן אויך על פי מה שנתבאר לעיל 9) דעם חילוק פון משה ואלי׳, אַז משה רבינו איז אַף על פי וואָס כשנולד נתמלא הבית כולו אור, האָט עס אָבער ניט דורכגענומען דעם גשמי אַליין, וואָס דערפאַר גופו טעון קבורה, מה שאין כן אלי׳ בחינת (ובגימטריא) ב״ן, האָט ער גע׳פועל׳ט דעם זיכוך בגופו הגשמי, ביז אַז עלה בסערה השמימה. און דאָס איז פאַרבונדן מיט דער גאולה העתידה, וואָס ענינה איז וראו כל בשר, אַז דער בשר הגשמי וועט נזדכך ווערן אויף אַזוי פיל ביז ער וועט זען אלקות.

און דער ענין האָט זיך אָנגעהויבן מזמן פון דעם זאָגן הנני נותן לו את בריתי שלום. על דרך המבואר במקום אחר אַז באַלד נאָך מתן תורה האָט געקענט זיין די כניסה לארץ (על ידי משה ולתמיד) ווען ניט די ענינים שבינתיים, ועל דרך זה איז בשעת דער אויבערשטער האָט געגעבן פנחס׳ן כהונת עולם, נותן לו את בריתי שלום, האָט שוין געקענט זיין די כניסה לארץ על ידי יהושע ולתמיד, גאולה שלימה 10) — וואָס פאַר דעם איז דער ענין פון פנחס זה אלי׳ מבשר הגאולה. נאָר לא זכו — איז געוועזן וואָס ס׳איז געוועזן ביז אַז כלו כל הקצין, ובמהרה בימינו יבוא אלי׳ הנביא מבשר טוב ביאת משיח צדקנו ויגאלנו בגאולה האמתית והשלימה.

(משיחת ש״פ חו״ב, י״ב תמוז, תשכ״ב)

ד. אין זוהר פרשת פנחס 11) שטייט אַז פנחס האָט געזען ווי אַ מ״ם פתוח שט באויר, האָט ער מורא געהאַט אַז דער מ״ם פתוח זאָל נתחבר ווערן מיט אותיות וא״ו און תי״ו, ותקח, ותאכל, ותתן, ותפקחנה, וואָס פון דערפון איז אַרויסגעקומען דער ענין פון היפך החיים מכל הצדדין. דערפאַר האָט פנחס באַלד צו זיך גענומען דעם מ״ם, איז עס רמ״ח, און דאָס איז ווי ס׳שטייט, יצחק איז בגימטריא ר״ח, און בצירוף מיטן מ״ם

---

*7) זע אויבן עמוד 368 הערה 21.

8) מלאכי ג, כג.

9) ד״ה כי מראש צורים אראנו — תשכ״ב, ובהמאמרים הקודמים.

10) ראה ס״פ עקב.

11) רלז, א.

איז עס רמ״ח. און דאָס איז וואָס ס׳שטייט ויקח רמח בידו. און מיט דעם רמח האָט פנחס אָפּגעהאַלטן די מגפה, און די כ״ד אלף וואָס זיינען געשטאָרבן אין דער מגפה זיינען זיי געווען מילדי ערב רב.

ה. די גמרא זאָגט אין מסכת שבת[12]: מ״ם פתוח מאמר פתוח מ״ם סתום מאמר סתום. טייטשן די מפרשים אַז מאמר פתוח מיינט גליא דתורה און מאמר סתום מיינט נסתר דתורה. דערפאַר שטייט[13]) למרבה המשרה מיט אַ מ״ם סתום אויפן אָרט וואו עס דאַרף שטיין אַ מ״ם פתוח, ווייל דער פסוק רעדט זיך וועגן לעתיד, וואָס דאַן וועט מען הערן אויך אין נגלה — די פני־מיות שבה, דערפאַר איז אויפן אָרט פון אַ מ״ם פתוח — שטייט דאָרטן גופא אַ מ״ם סתום, ווילע אויך אין נגלה — וועט מען הערן די פנימיות וואָס איז דאָ אין איר.

דער מ״ם פתוח וועלכער ווייזט אויף גליא דתורה, איז ניט קוקנ־דיק וואָס דאָס איז דאָך חכמתו ורצו־נו של הקב״ה, און דברי תורה אינם מקבלים טומאה[14]), וואָס דאָס איז דאָך דער פירוש הפסוק הלא כה דברי כאש, מה אש אינו מקבל טומאה כך דברי תורה — אויך גליא דתורה — אינם מקבלים טומאה, פונדעסט־וועגן איז דער מענטש וואָס ער איז איר לומד, אויב לימודו איז שלא כדבעי, קען דאָס אים שאַטן, דער תורה אַליין שאַט טאָקע ניט, דברי תורה אינם מקבלים טומאה, דאָס

איז אָבער דער תורה אַליין, מה שאין כן דעם וואָס לערנט עס באופן פון לא זכה, לשמה ולקיימה, וכמאמר רז״ל[15]).

און דאָס מיינט אַז מען האָט מורא אַז דער מ״ם פתוח וואָס ס׳איז שט באויר זאָל ניט נתחבר ווערן מיטן וא״ו און תי״ו. בשעת אַז דער מ״ם איז שט באויר, ער איז נאָך ניט פאַרבונדן מיט קיין המשכה, תורה ווי זי איז פאַר זיך מאַכט ניט אויס, דברי תורה אינם מקבלים טומאה. בשעת אָבער עס פאַרבינדט זיך מיט אַ וא״ו וואָס דאָס מיינט המשכה מלמעלה למטה, — תמונת אות וא״ו איז אַ פאַסיקל וואָס גייט פון אויבן אַראָפּ. און ווי ס׳איז מבואר בספרי הקבלה און אין חסידות אַז דאָס מיינט כתמונתו המשכה מלמעלה למטה — ביז ס׳קומט אַראָפּ אין אות תי״ו, וואָס אין תי״ו ווי די גמרא[*15]) זאָגט זיינען פאַראַן צוויי ענינים: א) תחי׳, ב) דער היפך פון דעם. איז בשעת אַז די תורה ווערט מחובר מיטן תי״ו איז דאָס אילנא דטוב ורע ווי ער זאָגט בזוהר נשא ומבואר באגרת הקדש סימן כו.

קלערער גערעדט: מצד דעם ענין פון ירידת הנשמה בגוף ונפש הבה־מית, ווי דער רשב״ץ האָט געזאָגט, חכמה עילאה אין אַ טאָפּ מיט זודי־קע פלייש און ביינער, איז מצד מצבו החומרי וואָס דער נפש הבה־מית ויצר הרע איז אקדימא טענתי׳ און דרך ארץ (פון וועלט) קדמה לתורה, איז בשעת מען גייט צו צום לימוד התורה אין דעם מצב אין

12) קה, א.

13) ישעי׳ ט, ו.

14) ברכות כב, א.

15) יומא עב, ב.

*15) שבת נה, א.

וועלכן ער געפינט זיך, און ער איידלט זיך ניט אויס — לא זכה, ער איז זיך ניט מזכך צום לימוד התורה, דעמאָלט איז נעשה לו היפך פון סם חיים, בלשון רז״ל.

ג. און דער סדר אין דעם איז, פריער פאַר אַלץ איז ותרא, מען קוקט אין אַן אָרט וואָס מען דאַרף ניט, און ער שרייט — אַ קוק איז דאָך גאָרנישט, ובפרט אים — וועט ניט שאַטן. אָבער גלייך קומט ותקח ותאכל, מען מאַכט זיך קאַליע, דאַן איז ותתן, מען מאַכט קאַליע אויך דעם צווייטן, ביז אַז ותפקחנה, מען כאַפּט זיך אַז די איינציקע מצוה וואָס מען האָט געהאַט האָט מען די איין מצוה אויך פאַרלאָרן, און מען איז געבליבן ערומים אַן מצוות.

פיל פון די תרי״ג מצוות זיינען פאַרבונדן מיט ענינים פון בית המקדש, די מצוות וואָס מיר קענען זיי אויך איצט מקיים זיין זיינען זיי אַ מיעוט, דאַרף מען דאָך לכל הפחות אין די מצוות זיין זהיר טפי, ניט צו פאַרלירן זיי חס ושלום.

איז אויב מען וויל ס׳זאָל ניט זיין דער כי ערומים הם בלי מצוות, איז וויניק מען זאָל זיך אָנהויבן היטן בלויז פון דעם ותתן, אָדער פון דעם ותאכל, נאָר מען טאָר ניט צולאָזן דעם ותרא, ווייל דער ותרא איז דער ערשטער טראָט אויף גיין חס ושלום אַלץ נידעריקער.

אַי, טענה׳ט ער, איך בין דאָך אַ למדן, איך האָב דאָך געלערנט אַ סך תורה, איז וויבאַלד אַז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, מעג איך קוקן וואוהין איך וויל און מיר וועט עס ניט שאַטן. זאָגט מען אים אַז אָדם הראשון איז געווען יציר כפיו של הקב״ה, און חוה איז געווען מצלעותיו של אָדם הראשון, און פונדעסטוועגן בשעת ס׳איז געווען דער ותרא איז דאָס געגאַנגען ווייטער און ווייטער.

די וועג אויף אויסהיטן זיך פון דעם רשע וואָס ער איז צופה לצדיק ומבקש להמיתו; די וועג אויף אויסהיטן זיך פון דעם יצר הרע וואָס ער האַלט אין איין זוכן עצות עס זאָל זיין דער ותפקחנה גו׳ ערומים הם, איז צו אַרומנעמען דעם מ״ם פּתוחה, נגלה דתורה, מיט יצחק׳ן ווי ער זאָגט אין זוהר — אַז מדריגתו איז מ״ם סתומה[16]) מאמר סתום — פּנימיות התורה.

(משיחת י״ג תמוז, תשט״ו)

# מטות

א. היינטיקן שבת זיינען מטות ומסעי מחוברים. אין פּרשת מטות רעדט זיך וועגן נדרים און וועגן עוקר זיין אַ נדר, וואָס אין דעם זיינען פאַראַן דריי אופנים: דורך אַ חכם שעוקר את הנדר למפרע, דורך אַן אָב און דורך אַ בעל, וועלכע זיינען מפיר את הנדר מכאן ולהבא.

אין אַ בעל גופא זיינען פאַראַן צוויי

---

16) לקו״ת להאריז״ל ר״פ תולדות, ועי״ח שער טו פרק ד ואילך.

זמנים. קודם הנישואין און לאחרי הנישואין: אָרוס און בעל. ביידע האָבן דעם זכות פון הפרת נדרים, נאָר עס זיינען דאָ חילוקי דינים צווישן אַן אָרוס און אַ בעל.

לכאורה האָט געדאַרפט אויסקומען אַז אַ בעל האָט מער כוח און זכות ווי אַן אָרוס, פונדעסטוועגן געפינען מיר אין דין הפרת נדרים, אַז עס איז דאָ אַ מעלה אין אַן אָרוס אויף אַ בעל.

דער דין איז אַז אין הבעל מיפר בקודמין[1], די נדרים וואָס זי האָט נודר געווען קודם הנישואין האָבן צום בעל קיין שייכות ניט. דאַקעגן ביי אַן אָרוס איז דער דין, אַז הארוס מיפר בקודמין[2].

לכאורה ווי קען דאָס זיין אַז דער אָרוס זאָל האָבן מער כוח פון דעם בעל?

איינער פון די הסברים אין דעם איז, ווייל אַן אָרוס איז דאָך ניט מיפר בפני עצמו נאָר צוזאַמען מיט דעם אָב, דנערה המאורסה אבי' ובעלה מפירין נדרי'[3], און ביי דעם אָב איז דאָך ניט שייך די הגבלה פון קודמין, במילא שלעפט ער מיט אויך דעם אָרוס, אַז אויך ביי אים איז ניטאָ קיין הגבלה ומיפר בקודמין.

מה שאין כן דער בעל וואָס איז מיפר בפני עצמו, וואָרום עס איז דאָך נתרוקן רשות אבי', און ער איז פאַר זיך אַ מציאות, במילא האָט ער זיינע הגבלות.

ב. דער ענין פון דעם אין עבודה איז:

אין עבודת השם זיינען פאַראַן צוויי אופני עבודה: די עבודה פון אירוסין און די עבודה פון נישואין. הגם אַז דער כללות זמן הגלות איז נמשל לאירוסין און לעתיד לבוא דווקא וועט זיין דער ענין הנישואין, אָבער בפרטיות איז אין זמן הגלות גופא אויך פאַראַן די מדריגה פון אירוסין און די מדריגה פון נישואין.

די עבודה פון אירוסין איז דאסר לה אכולי עלמא. ער ווערט אָפּגעריסן פון וועלט. זיין עבודה האָט אויף אים ניט גע׳פועל׳ט אַזוי פיל, אַז ער זאָל ווערן אין דער מדריגה פון ודבק גו׳ והיו לבשר אחד *[3]), ער זאָל ווערן מיוחד מיט אלקות, ער איז נאָך ניט געוואָרן פאַראייניציקט מיט אלקות, אָבער פון ענינים פון וועלט איז ער אָרוס.

די עבודה פון נישואין איז והיו לבשר אחד. ער איז געוואָרן פאַראייניציקט מיט אלקות, ביז אַז ער איז מוליד בדומה לו וואָס דאָס איז דער תכלית הנישואין, וכמאמר רז״ל[4]) מאי תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים. דאָס הייסט, אַז ער מיט כל עשיותיו זיינען אַ כלי צו אלקות, אַ כלי וואָס איז בטל און מתאחד צו דעם ענין וואָס אין כלי.

ג. הגם אַז מעלת העבודה דנישואין איז אַ סך העכער ווי די עבודה פון אירוסין, פונדעסטוועגן איז דאָ אַ מעלה אין דער עבודה דאירוסין אויף דער עבודה פון נישואין.

---

1) נדרים סז, א. שו״ע יו״ד סימן רלד סעיף לה.

2) שם סז, ב. שו״ע יו״ד שם סעיף ה.

3) נדרים סו, ב.

*3) בראשית ב, כד.

4) רש״י ר״פ נח. בראשית רבה פרשה ל, ו.

ער קען דאך מיינען, אז וויבאלד ער איז שוין צוגעקומען צו דער עבודה פון נישואין איז ער שוין א צדיק גמור און דארף מער ניט אנקומען צום עזר הקב״ה, ער איז שוין א בעל המיפר בפני עצמו און דארף ניט אנקומען צום אב.

אבער דער אמת איז, אז בשעת איינער האט אזוי געזאגט [5]), האט מען באלד געוואוסט, אז דאס איז ניט בר כוכבא, ודרך כוכב מיעקב, נאר בר כוזיבא. וואס דאס האט זיך גע־האנדלט וועגן א מלחמה בגשמיות, ומכל שכן וועגן א מלחמה ברוחניות.

און דאס איז די מעלה פון אן ארוס, עבודה דאירוסין, אויף דער עבודה דנישואין, הגם מצד עצמו איז ער נידעריקער, אבער די מעלה אין דעם איז, וואס ער איז מיפר בשותפ־תי׳ דאב. ער גייט מיטן אויבערשטנס כוח, און בשעת ער גייט מיטן אויבערשטנס כוח גייען אראפ אלע זיינע הגבלות און ער קען צוקו־מען צו אן ארט, וואס מצד עצמו וואלט ער אהין ניט געקענט דערלאנ־גען.

תהו איז דאך קדם לתיקון, וואס פון תהו נעמען זיך די דברים הגש־מיים מיטן יצר הרע דאקדימי טעני־תי׳, איז מצד זיין אייגענעם כוח אינו מיפר בקודמין, ער דערלאנגט ניט אין תהו, ובמילא האט ער אויך ניט דעם כוח אויף מברר זיין די זאכן וועלכע נעמען זיך פון תהו.

אבער דורך דעם וואס ער איז מיפר בשותפתי׳ דאב, וואס ביי דעם אויבערשטן איז דאך ניטא די הגבלה פון קודמין, פון תהו שקדם לתיקון, גיט ער כוח אויך דעם ארוס, ער זאל דערלאנגען אין תהו, און מנצח זיין דעם יצר הרע דאקדימי טעניתי׳, דורך דעם וואס הקב״ה עוזרו — יכול לו. דאס גיט אים כוח אויף מברר זיין די ניצוצות דתהו וואס זיינען פאראן אין די דברים הגש־מיים. וואס דאס איז דאך דער ענין פון הפרת הנדר, א היתר ונתינת כוח אין עבודת הבירורים בדברים הגשמיים.

ד. די נקודת הענין איז, אז ווי הויך מען זאל ניט זיין, מען זאל אפילו האלטן ביי די עבודה פון נישואין, דארף מען וויסן, אז מיטן אייגענעם כוח קען מען ניט גיין, און מען דארף זיך פארבינדן אלע־מאל מיט העכער פון זיך, וויסנדיק אז עס איז פאראן נאך העכערע ענינים, העכער און העכער, וואס צו דעם איז ער נאך ניט צוגעקומען, און אין דעם איז ביי אים נאך די התחלת העבודה, און דורך דעם וואס ער פארבינדט זיך מיט העכער, וויסנ־דיק אז ער איז נאך ניט פארטיק, ווארום עס איז דא העכער און נאך העכער, דורך דעם איז דער אב גורר מיט זיך אויך דעם ארוס, אז עס פאלן ביי אים אפ אלע הגבלות, ומיפר בקודמין.

(משיחות ש״פ מטו״מ, תשמ״ז)

5) זע ירושלמי תענית פרק ד הלכה ח. ובבלי גיטין נז, א. סנהדרין צג, ב.

# מסעי

מען האָט שוין אַמאָל גערעדט באריכה וועגן דעם ענין פון די מסעות, וואָס ער רעכנט אויס אין דער סדרה, פון יציאת מצרים ביז ירדן ירחו, אַז דאָס גייט אויף אַלע ענינים וואָס אידן דאַרפן דורכגיין ביז ביאת המשיח.

כדאיתא בספרי קבלה וכמאמר הבעל שם טוב [1], אַז דער וואָס ווייס דעם ענין המסעות, וויס ער ביי וועלכן מסע ער האַלט, און וואָס מען דאַרף נאָך דורכגיין, וויפל און וועלכע מסעות, ביז ביאת המשיח.

בכלל זיינען די מסעות אַלץ אַ סדר פון עליות. אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים. זאָגט ער מסעי לשון רבים — דלכאורה איז דאָך געווען נאָר איין מסע פון מצרים, — ווייל די אַלע מסעות זיינען אַ יציאה פון מצרים שבאותה שעה אין דעם מרחב שבאותה שעה.

וואָרום עס זיינען פאַראַן כמה וכמה מדריגות. דאָס וואָס לגבי נידעריקער הייסט דאָס ארץ טובה ורחבה איז לגבי העכער איז דאָס ערשט מצרים. און אין דעם באַשטייט דער ענין המסעות, ער זאָל האַלטן אין איין גיין און גיין שלא לפי ערך, פון מצרים אין ארץ טובה ורחבה לויט זיין איצטיקן מצב על כל פנים, וואָס דאָס איז אַן עלי' שלא בהדרגה.

וואָרום מלאכים ווערן אָנגערופן עומדים, ווייל זייער עלי' איז בהדרגה. מה שאין כן נשמות ווי זיי קומען אַראָפּ למטה זיינען זיי מהלכים [2], זיי קענען גיין שלא בהדרגה כלל, אַז מיט איין מסע קען מען באַלד אַרויסגיין פון מצרים, מצרים וגבולים, אין ארץ טובה ורחבה, אַן עלי' פון גבול אין בלי גבול.

און אַף על פי כן דאַרף מען זיך דערמיט ניט מסתפק זיין און מען דאַרף גיין ווייטער, וויסנדיק אַז באמת איז דאָס אויך מערניט ווי מצרים, הגבלה, און מען דאַרף דערפון אַרויסגיין אל ארץ טובה ורחבה אין אַ העכערער מדריגה, און אַזוי גייט מען און גייט ביז מען וועט צוקומען צו ירדן ירחו, צו ביאת המשיח דמורח ודאין [3] במהרה בימינו אמן.

(משיחת ש״פ מטו״מ, תשט״ז)

# ואתחנן

א. אין דער התועדות פון י״ג תמוז תרצ״ב האָט דער רבי בעל ההילולא גערעדט וועגן דעם אַלטן רבי'ן, כ״ק אדמו״ר הזקן, אַז זיין הנהגה דאָ למטה איז געווען ווי די הנהגה למעלה ביי דעם אָדם העליון, און ניט אַז ער האָט דאָס געדאַרפט נאָכטאָן, נאָר דאָס איז ביי

---

1) ראה דגל מחנה אפרים פ׳ מסעי.

2) לקוטי תורה ויקרא מה, א.

3) סנהדרין צג, ב. לקוטי תורה במדבר פח, ג.

אים געווען בפשיטות ובדרך ממילא.

און דער רבי האָט דעמאָלט דער־ציילט אַ מעשה:

בשעת דער אַלטער רבי האָט גע־דאַרפט האָבן אַ מלמד פאַר זיין זון, דער מיטעלער רבי, האָט ער אַריינגע־רופן אַ יונגערמאַן און האָט אים געזאָגט:

— (כידוע פלעגט דער אַלטער רבי אַלץ זאָגן מיט אַ ניגון, און דער רבי, דערציילנדיק די מעשה, האָט דאָס אויך געזאָגט בניגון הידוע) —

דו האָסט אַ מצוה פון זן ומפרנס בני ביתו, איך האָב אַ מצוה פון ושננתם לבניך, לאָמיר זיך בייטן.

דער יונגערמאַן איז וויזט אויס געווען אַ קלוגער, האָט ער פאַרשטאַ־נען אַז ער דאַרף פאַר דעם האָבן נאָך עפּעס, אויסער דעם זן ומפר־נס, —

האָט ער געזאָגט צום אַלטן רבי'ן: מילא אַז איר דאַרפט מיר געבן איך זאָל זיין אַ זן ומפרנס, ווייסט איר וואָס צו געבן, אָבער אַז איך דאַרף געבן דעם ושננתם, דאַרף איך וויסן ווי צו לערנען מיט אייער זון.

האָט אים דער אַלטער רבי געענט־פערט:

אַנהויבן הויבט מען אָן לערנען מיט אַ קינד אַלף בית. וואָס איז אַן אַלף? אַ פינטעלע אויבן, אַ פינטע־לע אונטן, דאָס איז אַן אַלף. אַ יו״ד פון אויבן אַ יו״ד פון אונטן, אַ קו של יראת שמים באמצע, דאָס איז אַן אַלף.

און האָט מבאר געווען, אַז דער יוד שלמעלה, דאָס איז די נשמה, דער יוד שלמטה דאָס איז דער גוף און דורך דעם קו פון יראת שמים באמצע ווערן זיי נתחבר אַז זיי ווערן איין זאַך.

ב. דער ענין פון אַלף איז מבואר בכמה מקומות אין חסידות בארוכה.

איינער פון די רמזים אין דעם איז, אַז דער יוד שלמעלה גייט דאָס אויף הקב״ה, וואָס ער איז למעלה מכל מדידה והגבלה, במילא איז יע־דע השגה וואָס מען קען האָבן אין אים, איז דאָס ניט מער ווי אַ יוד, אַ נקודה בעלמא.

בכדי אַז דער איד דאָ למטה, וואָס איז מרומז אין דעם יוד שלמטה, זאָל קענען נתחבר ווערן מיט דעם יוד שלמעלה, איז דאָס דורך דעם העדר תפיסת מקום וביטול, וואָס אויף דעם איז אויך מורה דער יוד שלמטה.

און דאָס ווערט דורך דעם קו המחבר פון יראת שמים, דער קיום התורה ומצוות, וואָס דאָס איז מחבר אידן מיט הקב״ה, כמאמר, ישראל וקוב״ה כולא חד דורך אורייתא.

דאָס איז אויך דער אַלף פון מתן תורה, וואָס דער ערשטער אות איז אַן אַלף. און דאָס איז אויך די התח־לת הלימוד מיט אַ אידישן קינד,

וואָס ער דאַרף דערנאָך אַרויסגיין אין וועלט און מאַכן אין וועלט אַ דירה לו יתברך, איז די התחלת הלימוד מיט אים אַן אַלף,

וואָס דעמאָלט איז ניט נאָר וואָס ער אַליין וועט זיין גאַנץ, נאָר ער וועט מאַכן אויך די וועלט פאַר אַ כלי צו אלקות.

אַזוי ווי בשעת מתן תורה, שניתנה באלף, שטייט אַז היו שומעין את

הדיבור אנכי הוי' אלקיך, מכל הרו־חות [1].

אזוי אויך בשעת דער יסוד והתחלת הלימוד איז אלף האט מען דעם כוח, אז אומעטום, מיט אלץ וואס ער האט צו טאן, זאל זיך דארט הערן אנכי הוי' אלקיך.

און ווי דער רבי האט געוואלט, אז מען זאל באלייכטן אלע אידן, דורך דעם וועג פון אוהב את הבריות און מקרב זיין זיי לתורה.

ניט ווי די שיטה אז מען דארף צופאסן די תורה לפי רוח הזמן, נאר פארקערט, ומקרבן לתורה, מקרב זיין אויך די בריות [2], וואס האבן אין זיך ניט קיין מעלה, מקרב זיין זיי צו דער תורה אזוי ווי זי איז, אן קיינע פשרות, תורה מיט דברי סופרים און מיט חסידות לפנים משורת הדין.

און בשעת מען גייט יענעם די תורה תמימה, די תורה אן פשרות, איז דורך דעם בחוקתי תלכו, האט ער אויך דעם ונתתי גשמיכם בעתם מיט די אלע ברכות, חיים מאושרים ניט נאר אין עולם הבא נאר אויך אין עולם הזה.

(משיחות יו"ד שבט, תשט"ז)

# ראה

א. אין היינטיקער פרשה שטייט, והי' המקום אשר יבחר ה' אלקיכם בו לשכן שמו שם שמה תביאו וגו', זאגט רש"י אז דאס גייט אויף ירושלים.

פרעגט דער ספר החיים — פון א ברודער פון מהר"ל מפראג — אין חלק גאולה וישועה, פארוואס שטייט אין ערגעץ ניט בתורה בפירוש ירושלים, נאר סתם: המקום אשר יבחר ה'?

און ער ענטפערט, אז — בכל מקום מוקטר ומוגש לשמי, אז לאו דווקא אין ירושלים, נאר אומעטום וואו א איד דאוונט צום אויבערשטן, איז דאס דער מקום וואס דער אויבערשטער איז בוחר. וואס דערפאר דאוונט מען לצד ארץ ישראל, לצד ירושלים, לצד המקדש, לצד קדשי קדשים ולצד הארון [1]. ווייל אומעטום אפילו אין חוץ לארץ בגשמיות איז אויך פאראן דער ענין פון ירושלים.

און דאס וואס עס שטייט, כל הדר בחוץ לארץ כאלו אין לו כו' [2] — דאס אלץ פון ספר החיים — מיינט מען דאס הדר דווקא, וואס דר מיינט מיט א קביעות, ד. ה. אז ער זיצט אין חוץ לארץ בקביעות און טראכט גאר אינגאנצן ניט וועגן דער גאולה, אבער בשעת אז אויך זיצנדיק אין חוץ לארץ טראכט מען וועגן משיח'ן און ארץ ישראל, וואס בשעת התפלה איז מען פונה לצד ארץ ישראל, דעמאלט איז וואו מען געפינט זיך איז דאס דער מקום

---

2) זע תניא פרק לב.

1) רש"י יתרו כ, ב. שמות רבה פרשה ה, ט. תניא פרק לו.

1) שו"ע או"ח סימן צד סעיפים א־ב.

2) כתובות קי, ב.

וואָס דער אויבערשטער איז אים בוחר.

ב. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס מען איז זיי מטעה און זיי טייטשן דעם ענין פון דר בארץ ישראל כפשוטו, און נאָך דערצו אין אַ גסות׳דיקן און חומריות׳דיקן אופן, ביז ביי זיי ווערט דער היפך פון פסק התורה.

דער רמב״ם אין הלכות דיעות [3] פסק׳נט, אַז בשעת עס זיינען פאַראַן פאַר אַ מענטשן צוויי ערטער, איין אָרט אַ מקום ישוב, אָבער דאָרט האָט ער מורא אַז ער וועט אַראָפּגעפירט ווערן פון אידישן וועג, און דער צווייטער אָרט איז אַ מדבר, איז ניט נאָר וואָס לכתחלה דאַרף ער אויסקלייבן דעם מקום מדבר, נאָר אַפילו אויב ער געפינט זיך שוין במקום ישוב, זאָל ער אַנטלויפן פון דאָרט אין אַ מדבר.

דאָס רעדט זיך וועגן אַנטלויפן אין אַ מדבר, מכל שכן בנידון דידן אַז לכתחלה טאָר מען ניט אויסקלייבן אַזאַ אָרט, וואו מען קען ח״ו אַראָפּגעפירט ווערן פון דרך הישר.

אַי — טענה׳ט מען — די גמרא זאָגט דאָך כל הדר בחוץ לארץ כו׳, איז מיינט מען דאָס דווקא אַ דירת קבע, אָבער בשעת מען וואַרט אויף משיח׳ן און באַלד ווי ער וועט קומען איז מען גרייט צו פאַרלאָזן די גאַנצע זבת חלב ודבש וואָס אין חוץ לארץ — די וואָס מיינען אַז זיי האָבן דאָס — ווייל ער וויל האָבן דעם ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים, דעמאָלט איז אויך זייענדיק אין חוץ לארץ איז דאָס דער מקום אשר יבחר ה״א בו און אויך דאָ קען זיין עבודת הקרבנות ברוחניות, מקריב זיין עולותיך ושלמיך, דיינע עליות און דיינע שלימות׳ן אויפן מזבח.

און דאָס איז די הוראה וואָס מען דאַרף אַרויסנעמען פון היינטיקער טאָג־פרשה, אַז בכל מקום אשר אזכיר את שמי איז אומעטום ארץ ישראל, וואָס דאָס האָט בכוח יעדער איד צו אויפטאָן אַז דאָס זאָל זיין בגלוי, און דאָס איז דער ענין פון משיח הפרטי [4], וואָס דאָס וועט אויך ברענגען ביאת משיח הכללי, אַז אַלע אידן וועלן גיין אין ארץ ישראל הגשמית צוזאַמען מיט משיח צדקנו.

ג. ווען מען רעדט וועגן ענינים פון משיח׳ן, זיינען דאָ אַזעלכע וועלכע מיינען, אַז דאָס איז ווי דער לשון הגמרא, הילכתא למשיחא [5], דאַרף מען וויסן אַז די מעשה איז ניט אַזוי, און עס איז דאָ אויף דעם אַ ראי׳ מוכחת אויך פון נגלה דתורה.

עס איז פאַראַן אַ דיעה [6], אַז אַ כהן טאָר ניט טרינקען אַ רביעית יין בזמן הזה, ווייל במהרה יבנה בית המקדש און אַ שיכור איז אָסור בעבודה. מפיג זיין שכרות פון יין קען מען דורך צוויי אופנים [7]: א) שינה, ב) שהי׳ כדי מיל.

דער שיעור פון אַ מיל איז אַכצן מינוט. דער גרעסטער שיעור וואָס

---

3) פרק ו הלכה א.

4) זע אגרת הקדש סימן ד.

5) סנהדרין נא, ב. זבחים מה, א.

6) זע תענית יז, א. וברמב״ם הלכות ביאת מקדש פרק א הלכה ז.

7) עירובין סד, ב. שו״ע או״ח סימן צט סעיף ב. שו״ע רבנו הזקן שם סעיף ג.

איז דאָ אויף אַ מיל איז פיר און צוואַנציק מינוט[8]). איז דאָך אַ ראי' על פי נגלה, אַז במשך אַ קליינער וויילע, נאָך ווייניקער ווי אַ שיעור מיל, וואָס דאָס איז, לכל היותר, דריי און צוואַנציק מינוט מיט ניין און פופציק סעקונדעס, קען קומען משיח מיט אַ פאַרטיקן בית המקדש, אַז מען זאָל דאַרפן גיין גלייך צו דער עבודה.

(משיחת כ' מנ"א *). תשמ"ו)

ד. ...די זעלבע זאַך איז אויך בשעת איינער קומט און טענה'ט אַז ער וויל פאָרן אין דעם אָרט וואָס עיני הוי' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה. צוליב וואָס זאָל ער זיין אין גלות און מוטשען זיך, בשעת ער קען אַנטלויפן פון דאַנען קיין ארץ ישראל.

זאָגט מען אים, אַז ניט מיט דיין ווילן ביסטו אין גלות און ניט מיט דיין ווילן וועסטו אַרויסגיין פון גלות, דאָס איז דעם אויבערשטנס אַן ענין, איז במילא וויבאַלד עס איז על פי השם, דאַרפסטו דאָך ניט לויפן פון דאַנען, וואָרום וואו דו ביסט ביסטו דאָך בי גזא דרחמנא.

נאָר אַזוי ווי מען האָט אים געגעבן בחירה חפשית, קען ער דאָך בוחר זיין אין דעם וואָס ער וויל, האָט ער די בחירה אויף קויפן אַ טיקעט און פאָרן קיין ארץ ישראל.

דאָס האָט מען ביי אים ניט צוגענומען. מען איז ניט משנה סדרי בראשית מפני כו'[9]). אָבער וואָס טוט זיך מיט אים — ניט ער איז אַנטלאָפן פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, נאָר ער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם אַויר חוץ לארץ קיין ארץ ישראל און איז דאָרט באויר חוץ לארץ.

עס ווערט געבראַכט אין חסידות[10]) בשם ספר עשרה מאמרות, אַז ביי יעדער אידן איז מתפשט סביבו דער אַויר גן עדן און דער אַויר גיהנם, איז בשעת אַז איבער דעם מפני חטאינו וואָס ער האָט נאָך ניט מתקן געווען, דאַרף ער נאָך זיין אין דעם מצב פון גלינו מארצנו אויך כפשוטו, און ער נעמט אַליין און פאָרט קיין ארץ ישראל, דעמאָלט נעמט ער מיט אין דעם ארץ אשר עיני ה"א בה, דעם אַויר גיהנם. וואָרום ער איז דאָך אַנטלאָפן פון דעם אָרט וואו ער דאַרף נאָך זיין כדי מתקן זיין חלקו אין דער סיבת החורבן והגלות, און דורך דעם פאַרציט זיך דער תיקון וכו'.

מילא בשעת ער געפינט זיך אין חוץ לארץ, איז דאָך גזרו על גושה ועל אַוירה[11]), אָבער אין ארץ ישראל איז אַויר טהור, און ער נעמט מיט דעם אַויר גיהנם אין פלטין של מלך.

ה. מען טענה'ט אַז ישוב ארץ ישראל איז אַ מצוה, און אויב עס איז ניט קיין מצוה איז עס אַ הידור

8) שו"ע או"ח סימן תנט סעיף ב. ושו"ע אדה"ז שם סעיף י.

*) כ' מנחם אב איז דער יאָרצייט פונעם פאָטער פון כ"ק אדמו"ר שליט"א, הרב הגאון והרב החסיד וכו' מוהר"ר לוי יצחק שניאורסאהן נ"ע. זע וועגן אים אין קובץ ליובאַוויטש שנה ראשונה חוברת רביעית זייט 62. (לקוטי לוי"צ הערות לספר התניא וזח"א בהוספות).

9) זע ע"ז נד, ב.

10) זע אגרת הקדש סימן כז.

11) גיטין ח, ב.

מצוה, זיינען פאַראַן אויף דעם כמה תשובות.

א) עס שטייט אין תשב״ץ (קטן) — דער תשב״ץ איז אויך געווען אַ פרומער איד, — אַז בשעת מען וויל פאָרן קיין ארץ ישראל, דאַרף מען זען אַז מען זאָל זיך קענען גוט אויסהיטן במצוות און אויך מה־דר זיין אין מצוות מער ווי אין חוץ לארץ, דעמאָלט קען ער פאָרן קיין ארץ ישראל, און אויב ניט, מאַכט ניט אויס אַז ער וועט ניט פאָרן.

אַזוי אויך איז פאַראַן בכמה ספ־רים אַז מצות ישוב ארץ ישראל איז דאָס ניט קיין מצוה חיובית פאַר יעדער אידן אַז ער זאָל זיך נאָך איר נאָכיאָגן צו מקיים זיין די מצוה. אויב עס איז דאָ אַ סכנה אין דעם, סכנת הגוף ועל אחת כמה וכמה סכנת הנפש, דאַרף מען ניט פאָרן, וואָס דערמיט פאַרענטפערט מען די ראשונים וואָס זיינען ניט געפאָרן קיין ארץ ישראל [12].

ב) ואיבעית אימא: מען האָט גע־פרעגט דעם רבי׳ן בשעת ער איז געווען אין ווין, פאַרוואָס ער איז מקרב אפילו אַזוינע אידן וואָס עס שטייט אויף זיי מורידין ולא מע־לין, האָט דער רבי געענטפערט:

אין שלחן ערוך זיינען פאַראַן פיר חלקים, אורח חיים, יורה דעה, אבן העזר און חשן משפט. לויט דעם סדר איז חושן משפט דער לעצ־טער חלק פון שלחן ערוך. אין חושן משפט גופא זיינען פאַראַן פיר הונ־דערט מיט עטלעכע און צוואַנציק סימנים [13]. פרטי דינים פון מורי־דין ולא מעלין, זיינען צום סוף חושן משפט, אין די לעצטע סימנים, איז פאַרוואָס זאָל מען אָנהויבן לערנען מיט אַ פאַרקערטן סדר, פון לינקס אויף רעכטס? זאָל מען לערנען פון רעכטס אויף לינקס ווי דער סדר ביי אידן, איז בשעת מען וועט אָפּלערנען אַלע דינים פון שולחן ערוך און מקיים זיין זיי, און עס וועלן איבערבלייבן בלויז די דינים, דעמאָלט וועט מען זיך אַרומקוקן פסק׳נען אָט די דינים.

די זעלבע זאַך איז מיט מצות ישוב ארץ ישראל. עס זיינען פאַראַן מצוות וואָס זיינען מצוות לכל הד־עות, אין זיי גופא זיינען פאַראַן קלות שבקלות, קלות, חמורות, און חמו־רות שבחמורות. איז בשעת אַז די אַלע מצוות לייגט מען אַוועק אַן אַ זייט, און מען כאַפּט זיך אָן אין מצות ישוב ארץ ישראל, וואָס ערשטנס איז אַ פלוגתא צי עס איז במנין המצוות בכלל, צווייטנס איז אַ פלוג־תא צי דאָס איז אַ מצוה פאַר אַלע־מען אַז אַלע מוזן דאָס מקיים זיין, כנ״ל, איז בשעת אַז אַלץ לייגט מען אַוועק אַן אַ זייט און מען כאַפּט זיך אָן אין דעם, איז אַ סימן אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק.

ובפרט אַז מען זעט, אַז דאָס איז גאָר ביי אַנדערע מחליש קיום המצ־וות, איז דאָס אַ סימן אַז עס קומט פון דער אַנדער זייט.

ו. דער רבי (מהורש״ב) נ״ע האָט געזאָגט אַז דער יצר הרע טוט זיך אַמאָל אָן אין אַ זיידענער זשופּי־צע, ביז אַז מען קען ניט דערקע־

12) זע תוספות ד״ה הוא, כתובות קי, ב.

13) דייק בלשונו — מפני החילוק שבין הטור והשו״ע.

נען צי דאָס איז אַן אַלטער ירא שמים אָדער דער אַלטער יצר הרע. און די איינציקע וועג צו דערקע־נען איז דורך די תוצאות אין פועל ממש, וואָס אין דעם — פועל ממש — קען מען זיך ניט נאַרן.

אויב מען זעט אַז דורך צוהערן זיך צו זיינע טענות ווערט מען פריי־מער אין פועל ממש, מען דאַוונט מער, מען לערנט מער, מען ליגט אַלץ וויניקער אין עניני עולם הזה און מ׳טראַכט אַלץ מער און מער וועגן דעם אויבערשטן, דאַן איז עס אַ ראי׳ אַז דאָס רעדט דער אַלטער חסיד, אָבער אַז מען זעט אַז דורך צוהערן זיך צו זיינע טענות, איז אין פועל ממש ווערט אַ חלישות אין תורה ומצוות, איז עס אַ ראי׳ אַז ס׳רעדט דער יצר הרע, אַי, וואָס ער גייט אַנגעטאָן אין אַ זיידענער זשופּיצע — איז די זשופּיצע ביי אים אַ גע׳גזל׳טע, ד. ה. אַז חוץ אַלע ענינים איז ער אויך עובר אויף נאָך אַן עבירה, ער נוצט אויס אַן ענין פון קדושה, און דערמיט גופא וויל ער מנגד זיין חס ושלום.

ז. ס׳איז פאַראַן אַ וואָרט פון ר׳ הלל פאַריטשער[14]) בלשון הכתוב[15]) העם ההולכים בחשך ראו אור גדול, בשעת מען געפינט זיך אַ משך זמן אין חשך, מיינט מען אַז דער חשך איז אור. איז עס נאָך וויניק — גייט מען נאָך נידעריקער, אַז שמים אור לחשך, מען נעמט אַן ענין פון תורה אור און דערמיט גופא וויל מען פאַרשטאַרקן חס ושלום דעם חשך כפול ומכופל פון גלות.

אויב מען וויל יאָ פאָרן קיין ארץ ישראל, איז די איינציקע וועג — מתקן זיין דעם „מפני חטאינו". דער גלות איז דאָך ניט קיין ענין פון עונש צוליב עונש חס ושלום, נאָר ס׳איז כמשל [*15]) אב הרחמן וואָס ביי אים איז זייער טייער בנו יחידו, איז בשעת דער בן יחיד זיינער שמירט זיך אויס, וואַשט ער אים אָפּ מיט מים פושרין, אָדער אויך ברותחים, ווען די שמוץ האָט זיך שטאַרק צוגעקלעפּט. און מיטן אַראָפּ־נעמען די שמוץ דערמיט איז מען מקרב די גאולה כללית, ובמילא אויך דעם אייגענעם פאָרן קיין ארץ ישראל.

ווי ס׳איז ידוע דער ענטפער פון דעם צמח צדק, וואָס ער האָט גע־זאָגט אַ אידן אויף יחידות, „ווילסט פאָרן קיין ארץ ישראל? — מאַך דאָ ארץ ישראל!" ער זאָל דאָ אין חוץ לארץ מאַכן אַ דירה לו יתברך, און בשעת עס קלייבן זיך צונויף איין ליכטעלע און נאָך אַ ליכטעלע דעמאָלט איז ראו — באמת — אור גדול, אַז מען וועט צוקומען צום לילה כיום יאיר אין דער גאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו אמן.

(משיחת י״ג תמוז, תשט״ו)

14) זע אויבן ע׳ 507 הערה *41.
15) ישעי׳ ט, א.

*15) אגרת הקדש סימן כב.

# אלול

א. אין לקוטי תורה[1]) איז ער מבאר דעם ענין פון חודש אלול, אז הגם אין אלול זיינען מאיר די י"ג מדות הרחמים, פונדעסטוועגן זיי־נען די טעג פון אלול ימות החול, ניט ווי ראש השנה, יום כיפור, ווייל אלול איז כמשל המלך וואס מ'איז מקבל פניו בשדה.

אידער דער מלך קומט אריין צו זיך אין שטאט, בעיר מלכותו והיכ־לו, גייט ער פריער דורך א שדה, און בשעת ער געפינט זיך אין שדה גייען ארויס אנשי העיר לקבל פני המלך, און דער מלך איז זיי מקבל בסבר פנים יפות ומראה פנים שוח־קות לכולם. און אלע קענען צו אים צוקומען און דערלאנגען זייער בקשה.

ווען דער מלך געפינט זיך בהיכל מלכותו קענען ניט אלע צוקומען צו אים, מער ניט ווי יחידי סגולה. מען קען אויך ניט גליך אריינגיין צום מלך, נאר מען דארף דורכגיין פאר־שידענע טירן און במילא אויך די שומרי הפתח. און ביי יעדן פתח איז מען בודק נאך אמאל, צי ער איז ראוי אריינגיין צום מלך. מה שאין כן בשעת דער מלך געפינט זיך אין שדה, קען יעדער איינער צוקומען צו אים און דערלאנגן זיין בקשה.

ועל דרך זה איז אויך דער חודש אלול, דעמאלט איז כמלך הנמצא בשדה. דערפאר זיינען ימי חודש אלול — ימות החול, מען מעג טאן אין זיי ל"ט מלאכות עובדין דחול. און יעדער איינער כמו שהוא מיט זיינע עובדין דחול, קען צוקומען צום מלך אפגעבן זיין בקשה.

דערפאר זאגט מען אין אלול, הוי' אורי וישעי, און מען בלאזט שופר, א קול פשוט, וואס דאס פארבינדט פשיטות הנפש מיט פשיטות העצמות ב"ה, ביי יעדן אידן ווי ער שטייט אין זיינע עובדין דחול.

די זאך וואס פאדערט זיך יא אין אלול איז, ארויסגיין פון זיין ארט לקבל פני המלך. אין עבודה מיינט עס, אז יעדער איינער זאל ארויס־גיין פון זיינע ענינים, פון זיינע רגילות'ן, אויף לקבל פני המלך, וואס דאס איז די תנועה פון א הכנה כללית, א קבלת עול מלכות שמים בכללות.

און בשעת עס איז פאראן די תנועה כללית — דאס אליין איז מספיק מען זאל קענען צוקומען צום מלך און אויסבעטן אלע בקשות, עס זאל זיין א שנה טובה ומתוקה.

עס איז פאראן דעם רבי'נס, כ"ק מו"ח אדמו"ר, א בריוו וועגן חודש אלול, ברענגט ער דארט בשם פון אלטן רבי'ן א תורה פון בעש"ט.

— דער בריוו איז שוין געדרוקט *[1]), איך זאג דא איבער נאר די נקודת הענין —

כי לולא התמהמנו כי עתה שבנו זה פעמים. לולא איז אותיות אלול, שבנו זה פעמים, ב' אופני תשובה, תשובה כללית ותשובה פרטית.

זאל דער אויבערשטער געבן, עס

---

1) ראה לב, א.

*1) בקובץ אמירת תהלים (נדפס בסוף התהלים „אוהל יוסף יצחק" עמוד 204). אג"ק שלו ח"ד ע' הלא.

זאל זיין דער שבנו זה פעמים, די צווי אופנים אין תשובה, און עס זאל זיין די הכנה כללית וקבלת עול כללי, וואס דאס איז די עבודה פון אלול, און דורך דעם זאל מען אויס־בעטן אלע בקשות, א שנה טובה ומתוקה אין אלע ענינים, בבני חיי ומזוני רוויחא.

(משיחת ש״פ ראה, תשט״ז)

ב. איך וויל זאגן א פאר ווער־טער, און בעט, אז יעדער איינער זאל דאס מפרסם זייך, ווי נאר ער קען.

נאך שבת זאל מען דאס מפרסם זיין אויך דורך ענינים וואס שבת קען מען זיי ניט טאן;

זאגן בשמי אדער ניט בשמי[2] ווי עס איז מער תועלת פארן פרסום און דער עיקר — פאר דעם אז די רייד זאלן אנגענומען ווערן;

ג. אויף אלול שטייט[3] אז עס איז א ראשי תיבות פון די ווער־טער: אנה לידו ושמתי לך[3*].

אין דער פרשה רעדט די תורה וועגן א מענטשן וואס האט דער׳־הרג׳ט א צוויטן ניט ווילנדיקער־הייט, און די תורה, תורת חיים, זאגט אז מ׳וועט באשטימען אן ארט, ערי מקלט, וואוהין ער זאל אנט־לויפן, און אזוי ארום וועט ער ניט מורא האבן, אז דער גואל הדם, דער וואס וועט וועלן נקמה נעמען פאר די פארגאסענע בלוט, זאל אים דער׳הרג׳נען — ווי עס ווערט דער־קלערט בארוכה אין סדרה מסעי[3**].

די ראשי תיבות זיינען ניט פון די פריערדיקע ווערטער אין פסוק וואו ער רעדט וועגן דעם וואס ער האט אפגעטאן, נאר די ראשי תי־בות אלול איז פון די ווערטער אין פסוק וועלכע רידן וועגן זיין זכות (אנה לידו) און זיין תיקון דורך ערי מקלט (ושמתי לך).

ערי מקלט זיינען געווען אומעטום וואו עס זיינען געווען אידן, סיי ווען די אידן זיינען געווען אין מדבר[4], סיי אין ארץ ישראל, סיי אין עבר הירדן, וואס דאס איז געווען חוץ לארץ ישראל[5].

ד. דאס איז וואס ערי מקלט טור־ען אויף — מציל זיין דעם גוף פון דעם הורג נפש בשגגה.

וואס איז אבער מיט דעם תיקון הנשמה? ער האט דאך געטאן א געוואלדיק גרויסע עברה. אמת טאַ־קע, ער האט עס געטאן בשוגג — אבער שוגגין קומט דאך אויך אן עונש, און זיי דארפן האבן כפרה[6].

פארוואס טאקע קומט א שוגג אן עונש?

דער טעם אויף דעם: באמת ווי קומט א איד טאן אן עברה בשו־גג? ניט נאר די נשמה, נאר אפילו דער גוף פון א אידן דארף דאך

2) ראה פסחים קיב סע״א: אם בקשת כו׳. מגן אברהם או״ח סוף סימן קנו, ובספרים שהובאו בארחות חיים שם.

3) פרי עץ חיים שער ראש השנה פרק א. שער הפסוקים להאריז״ל שמות כא, יג.

3*) שמות כא, יג.

3**) במדבר לה, ט ואילך.

4) מכות יב, ב. הובא בפירש״י עה״ת.

5) ראה סהמ״צ להרמב״ם עשין קפו בסופה. ספרי למסעי לה, יג (הובא בנ״כ הרמב״ם הלכות רוצח פ״ח ה״א). ירושלמי מכות פ״ב ה״ו ותוספתא שם. ביאור הרי״ף פערלא לסהמ״צ לרס״ג פרשה נט בסופה. ואב״מ.

6) רש״י ד״ה תולה (שבועות ב, א).

דערפון אַנטלויפן מצד זיין טבֿעיות. פונקט ווי עס איז ניט שייך צו זאָגן, אַז ער זאָל בשוגג שפּרינגען אין פייער [7]. — און דערפאַר איז דאָך טאַקע לא יאונה לצדיק כל און.

נאָר וואָס דען — ווייל דער נפש הבהמית שמנוגה איז ביי אים בהתגברות [8], די בהמה וואָס אין אים איז בהתגברות אויף זיין אָדם, פאַרדעקט זי אויפן אָדם ונפש האלקית אויף זייער דערהער און געפיל, און שלעפּט דעם אידן אַריין צו טאָן אַ זאַך וואָס די בהמה ציט זיך דערצו.

און דערפאַר וואָס ער האָט צוגעלאָזן די התגברות דנפש הבהמית און על פי רוב נאָך צוגעהאָלפן דערצו דורך הנהגות לא טובות [9] — קומט אים אַן עונש און ער דאַרף האָבן אַ כפרה.

און אויך דאָס זיינען מתקן די ערי מקלט.

דער ענין פון ערי מקלט איז דאָך גלות [10], וואָס גלות מכפרת.

ה. נאָך אַ זאַך איז דאָ ביי ערי מקלט, אַז אַפילו אַ הורג נפש במזיד העלפן זיי, כמאמר רז"ל [*10] אחד שוגג ואחד מזיד מקדימין לערי מקלט. דאָרטן איז ער דערווייל זיכער פון דעם גואל הדם.

דערנאָך ערשט איז בית דין שולחין ומביאין אותו משם לבית דין, און מען משפּט אים. און אַז ושפטו העדה — איז דאַן והצילו העדה, וואָרום אויב מען פאַר'משפט למיתה אַפילו איין מאָל אין זיבן יאָר — ווערט שוין די סנהדרין אָנגערופן חובלנית [11].

און ביז דעם משפט איז ער דאָך, בכל אופן, זיכער און קען אויך תשובה טאָן.

ו. אין דעם ענין — איז פאַראַן אַ מעלה אין זמן הגלות לגבי זמן הבית. בזמן הבית איז אויף עונש הורג נפש בשגגה או במזיד פלעגט ניט העלפן קיין תשובה. מען פלעגט אים סיי־ווי געבן דעם עונש.

עס איז פאַראַן אַ לאַנגע תשובה אין נודע ביהודה [12] וואָס ער איז מבאר דאָרטן פאַרוואָס פלעגט ניט העלפן קיין תשובה אויף עונשי בית דין שלמטה. תשובה איז דאָך אַ דבר שבלב, און אַזוי ווי אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות, קען ניט תשובה שבלב מבטל זיין דעם פסק הבית דין (פון מענטשן). במילא איז מען אים מעניש.

מה שאין כן פון נאָך דעם חורבן — און נאָך מיט פערציק יאָר פריער — וואָס עס איז בטלו דיני נפשות [13] און עס איז געבליבן נאָר דין ד' מיתות וואָס מען איז מעניש מלמעלה, איז דאַן העלפט תשובה, וכמאמר רז"ל: אדם עבר עבירה ונת־

---

7) להעיר משו"ע חו"מ ר"ס שסג.

8) אגרת הקדש סוף סימן כח מלקוטי תורה להאריז"ל פ' ויקרא.

9) ראה תניא פרק יג: הרע הוא בתקפו ובגבורתו . . ואדרבה נתחזק יותר בהמשך הזמן שנשתמש בו הרבה באכילה ושתי' ושאר עניני עולם הזה.

10) ראה תוד"ה מידי (מכות יא סע"ב). ספר החינוך מצוה תי.

*10) מכות ט, ב.

11) שם סוף פ"א.

12) נודע ביהודה אורח חיים מהדורא קמא סימן לה.

13) סנהדרין מא, א. ועיין תוד"ה מיום (כתובות ל, א).

חייב מיתה למקום מה יעשה ויחי׳ אם הי׳ רגיל לקרות דף אחד יקרא ב׳ דפים וכו׳ [14]).

ז. וככל הדברים האלו איז דער ענין פון חודש אלול:

אלול איז ראשי תיבות פון אנה לידו ושמתי לך, אלול איז אן עיר מקלט אויף די מעשים פון א גאנץ יאר.

דאס מיינט, אז בחודש אלול דארף מען מאכן א חשבון וואס ער האט געטאן דעם גאנצן יאר, במעשים לא טובים, חס ושלום. ווארום אויב, חס ושלום, חטא ופגם ועבר את הדרך, דרך הוי׳ — איז מיט יע־דער עבירה איז ער א רוצח נפש, שופך דם האדם באדם *[14]), ער איז א שופך דם האדם, אדם דקדושה, ער נעמט ארויס דעם דם וחיות פון זיין נפש האלקית, און גיט עס איבער באדם — אדם בליעל הוא היצר הרע [15]) — ער איז שופך דם האדם בשוגג או במזיד.

און חודש אלול איז ערי מקלט. אויב ער וועט גולה זיין לחודש אלול — זיך אפרייסן פון זיין יש ומצי־אות [16]), מארצך ממולדתך ומבית אביך — פון זיינע רצונות, רגילות׳ן און פון די מסקנות פון זיין שכל טעם ודעת [17]) — און עס וועט זיין ונס [18]) שמה, שם תהא דירתו — ער איז מחליט ביי זיך צו „באזעצן זיך דארט״, איינארדענען זיין לעבן לויט דעם נייעם סדר פון חשבון הנפש ותשובה — איז גלות מכפרת.

און ניט נאר די ענינים וואס ער האט געטאן בשוגג, וועלן נתכפר ווערן, נאר אויך די ענינים וואס ער האט געטאן במזיד וועלן נתכפר ווערן, ווארום איצטער העלפט דאך תשובה אויף שופך דם האדם, וכנ״ל.

אויב אפילו ער קען נאך ניט צוקו־מען צו תשובה מאהבה, וואס דער־מאלט זדונות נעשו לו כזכיות, אבער, על כל פנים, — תשובה מיראה טוט ער, צי מיראת העונש, צי מיראת הדין, צי פון דער יראה פון ימים נוראים, פון אני לדודי ודודי לי — ראשי תיבות אלול [19]) — פון דעם וואס תלת קשרין [20]) מתקשראין דא בדא ישראל באורייתא ואורייתא בקוב״ה, און ער איז, דורך דער עבירה, וואס עוונותיכם מבדילים ביניכם ובין ה׳ אלקיכם, אפגעריסן פון עצמות ומהות אין סוף ב״ה — און אז ער באטראכט זיך אין דעם, ווערט ביי אים תשובה מיראה, איז זדונות נעשו לו כשגגות, וגלות מכפ־רת.

ח. מען מיינט אבער ניט דעם ענין פון סיגופים ותעניות, פונקט אזוי ווי ביי ערי מקלט איז ניט די כוונה אז ער דארף זיך מאטערן.

---

14) ראה ויקרא רבה רפכ״ה והובא באגרת התשובה פרק ט (מתנדב״א) בביאור. עיין שם ועייג״כ תוד״ה דין (כתובות ל, ב).

*14) בראשית ט, ו.

15) לקוטי תורה במדבר יג, ג.

16) ראה בס׳ חינוך שם: צער גלות ששקול כמעט כצער מיתה, שנפרד האדם מאוהביו ומארץ מולדתו ושוכן כל ימיו עם זרים.

17) ראה סוד״ה לך לך תרס״ו.

18) ראה תניא פרק לא: כי ברזה כו׳ לעתיד כו׳ ובמנוסה לא תלכון. ועייג״כ וככה הגדול בתחלתו.

19) פע״ח שם. שער הפסוקים שה״ש ו, ג. — ראה גם כן קונטרס ח״י אלול ה׳תש״ג — לכ״ק מו״ח אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע — עמוד מב ואילך (סה״ש תש״ג ע׳ 177 ואילך).

20) ראה זהר חלק ג עג, א.

דער ענין פון ערי מקלט איז גלות, וואס דער עצם ענין פון גלות איז מכפר. אבער מען גיט אים אין ערי מקלט די ענינים וואס ער איז געווען צו זיי צוגעוואוינט בביתו. אין ערי מקלט איז געווען וחי — עביד לי׳ מידי דתיהווי לי׳ חיותא. דערפאר איז דאך אויך דער דין אז תלמיד שגלה מגלין רבו עמו, הגם אז דער תלמיד איז נאר א טפל צום רב, פונדעסטוועגן איז מגלין רבו עמו[21], און אז רבו וועט זיין מיט אים, ניט קוקנדיק אויף ריחוק הערך וואס איז צווישן זיי, וועט זיין עביד לי׳ חיותא, ער וועט אים מיטברענגען צו תשובה, צו ואתם הדבקים בהוי׳ אלקיכם חיים כולכם היום — היום אם בקולי תשמעו.

ט. אויך דאס וואס עס וועט זיין ונס שמה אין חודש אלול אריין, אין אלול׳דיקן סדר, דאס וועט אים ראטעווען פון דעם גואל הדם, דעם שטן, הוא היצר הרע וואס הוא המסית אויף זינדיקן, הוא המקטרג והוא המלאך המות[21*]), — דער גואל הדם וואס וויל זיך אפרעכענען מיט דעם מענטשן.

דער שטן איז דער גואל הדם וואס טענה׳ט: פלוני איז געווען א הורג נפש, ער האט גע׳הרג׳ט זיין נפש האלקית, שופך דם האדם דקדושה אין אדם דבליעל. איז די עצה אויף דעם והיו לכם הערים למקלט מגואל, ולא ימות הרוצח עד עמדו לפני העדה למשפט. און אויב אפילו עס זיינען געווען ענינים וואס ער האט געטאן במזיד — איז ביז דעם דין ומשפט פון ראש השנה קען מען פטור ווערן אויך דערפון דורך תשובה, וכנ״ל.

י. און דאס איז דער ענין וואס מען דארף מפרסם זיין:

דער אויבערשטער זאגט צו אידן:

„איך גיב אייך ניין און צוואנציק, דרייסיק טעג[22]), וואס במשך פון די טעג אז איר וועט זיך אפרייסן פון די ניט גוטע רגילות׳ן והנהגות פון ביז איצטער — ונס שמה, איר וועט אנטלויפן אין דעם אלול׳דיקן סדר והנהגה אויף צו „באזעצן" זיך דארט — איז דעמאלט וועט איר קענען פאררכטן אלץ וואס עס איז געווען ביז איצט ניט ווי עס דארף צו זיין. און במילא וועט דאס זיין למקלט מגואל הדם, פון אלערליי קטרוגים.

און על ידי תשובה,

— פריער תשובה מיראה, וואס נעשו לו כשגגות, און דערנאך תשובה מאהבה וואס נעשו לו כזכיות —

וועט איר פארשריבן ווערן און אויך גע׳חתמ׳ט ווערן — לאלתר בספרן של צדיקים לשנה טובה ומתוקה".

(משיחת ש״פ עקב, תשי״א)

**יא. די סדרה, פרשת השבוע, וואס מ׳לייענט, האט א שייכות צו דעם זמן ווען מען לייענט איר[23]), ווי**

---

21) מכות י, א.

21*) בבא בתרא טז, א.

22) ראה מג״א סי׳ תקפא סק״ב. — להעיר מר״ה (יט, ב) דעיבור רצו כט רצו למ״ד, וכן פסק הרמב״ם. ובשנת עיבור מוסיפים ולכפרת פשע (א״ר ופמ״ג לא״ח סי׳ תכג). ראה של״ה חלק תושב״כ פ׳ שמות.

23) זע אויך של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב, וז״ל: המועדים של כל השנה . . בכולן יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן כי הכל מיד ה׳ השכיל.

עס איז ידוע[24]) אז דער רבי האט איבערגעגעבן אין נאמען פון אלטן רבי'ן (בעל התניא והשלחן ערוך), אז מען דארף לעבן מיט דער צייט, ד. ה. מיט דער פרשת השבוע.

הגם אז אין פשטות האט די קרי־אה פון שבת א שייכות צו די פריער־דיקע טעג, מען הויבט דאך אן לייע־נען די פרשה נאך צו מנחה פון דעם פאריקן שבת, אבער באמת האט די קריאה א שייכות אויך צו די שפעטערדיקע טעג, ווארום שבת האט א שייכות אויך צו די טעג פון דער קומענדיקער וואך.

די שייכות פון שבת צו די שפע־טערדיקע טעג, בפרטיות, איז דאס צו די דריי טעג נאך שבת, ד. ה. ביז מיטוואך. דערפאר קען מען מאכן הבדלה ביז מיטוואך*[24]), אויב מען האט פארגעסן מאכן הבדלה פריער, ובכללות איז דאס צו די טעג פון דער גאנצער וואך.

נוסף על זה היינטיקער שבת, שבת מברכים החודש, איז דאס א ברכה והמשכה אויף דעם גאנצן חודש. אזוי איז אויך די קריאה פון דעם שבת, היינטיקע קריאה, האט א שייכות אויך צו ווייטער און צום גאנצן חודש.

יב. אין שייכות, איז פאראן[25]) א שייכות במקצת, מער שייכות און א שייכות לגמרי. אין היינטיקער קריאה גופא פון דעם יאר, האט די פרשה וועגן שמיטה א שייכות ביותר. אלע יאר לייענט מען שבת מברכים אלול (אדער[26]) ראש חודש אלול) די סדרה ראה, ובמילא אויך די פרשה וועגן שמיטה וואס אין פרשה ראה. אבער היי יאר איז די שייכות פון דער פרשה א גרעסערע, ווילע היי יאר איז שנת השמיטה, לויט ווי מיר פסק'נען.

יג. מ'האט גערעדט[27]) וועגן דעם וואס עס שטייט אין של"ה, אז התו־רה מדברת בעליונים ורומזת בתחתו־נים, ד. ה. אז יעדער זאך וואס אין תורה, איז דאס ווי עס איז אין רוחניות ובעניינים רוחנים, ובדרך השתלשלות איז דער ענין נשתלשל געווארן אויך אין גשמיות, אין נגלה שבתורה כפשוטה.

אזוי ווי עס איז אין יעדער ענין, אזוי איז אויך בנוגע די דינים פון שמיטה. עס זיינען פאראן די דינים ווי זיי זיינען אין רוחניות, ד. ה. אין עולמות עליונים און אויך למטה אין עבודה בנפש האדם, ובדרך השתלשלות זיינען נשתלשל געווארן די דינים פון שמיטה אין גשמיות.

בכדי מ'זאל פארשטיין די דינים פון שמיטה ווי זיי זיינען אין רוח־ניות, ובעיקר אין דעם וואס איז אונז ביחוד נוגע, אין עבודה בנפש האדם, איז אילו זכינו, וואלט מען קענען נעמען דעם ענין גלייך ווי ער איז אין רוחניות, און פון דעם פארשטיין ווי עס איז אין גשמיות[28]).

---

24) זע קונטרס ביקור שיקאגא עמוד ז (סה"ש תש"ב ע' 29).

*24) שו"ע או"ח סימן רצט סעיף ו. שו"ע רבנו הזקן שם סעיף ח.

25) מתאים צו דעם וואס יעדע זאך האט א ראש, תוך, סוף — סת"ר. זע פרדס ש"ב פ"א.

26) אין יארן וואס דער ערשטער טאג פסח איז שבת.

27) ש"ק מברכים החודש מנחם אב (לעיל ע' 363 ואילך). זע של"ה בהקדמה סוף בית אחרון.

28) זע אגרת הקדש לרבנו הזקן סימן כו בסופו. ביאורי הזהר פ' וישלח.

אָבער וויבאַלד אַז מ'איז ניט זוכה, דאַרף מען לערנען דעם ענין ווי — ער איז אין גשמיות, און פון דעם פאַרשטיין ווי עס איז אין רוחניות.

יד. די דינים פון שמיטה — דער כללות ענין השמיטה איז, אַז שנת השמיטה איז משמט, ווישט אָפּ אַלע חובות. אין דעם גופא, זיי־נען פאַראַן צוויי עיקר'דיקע די־נים[29]: א) זמן השמיטה — שמיטה איז משמט לבסוף. די לעצטע רגע פון יאָר. ובמילא איז אויך אויב מ'האָט געליען אין יאָר פון שמיטה גופא, איז דאָס משמט. ב) המוסר שטרותיו לבית דין איז ניט משמט. דאָס איז דאָך אויך דער טעם פון אַ פּרוזבול. ווען די חכמים האָבן געזען אַז מ'אַנטלייט ניט קיין געלט ווייל מ'האָט מורא אַז שמיטה וועט משמט זיין, האָט מען מתקן געווען אַ פּרוזבול, כדי עס זאָל ניט משמט זיין, וואָרום אַ פּרוזבול איז ענינו אַז ער איז מוסר שטרותיו לבית דין.

און אַזוי ווי דער ענין איז אין גשמיות, אַז שנת השמיטה איז מש־מט די חובות, און די אויבנדערמאַנ־טע צוויי פּרטים אין שמיטה, אַזוי זיינען אויך פאַראַן די אַלע ענינים אין רוחניות און עבודת האדם, כדלהלן.

טו. די משנה אין אבות זאָגט[29*], החנות פתוחה והחנוני מקיף והפנקס פתוח והיד כותבת וכל הרוצה ללוות יבוא וילוה. דער אויבערשטער גיט אַלע אידן בהלוואה כוחות און מעגלעכ־קייטן אויף בני חיי ומזוני רויחי — כל הרוצה ללות יבוא וילוה.

און די הלואה וועט ער אויפמאָ־נען, ווי רז"ל זאָגן[30] גבי דילי', ער וועט זיינס אויפמאָנען, וואָרום הפנקס פתוח און חנוני נאמן על פנקסו.

— עס איז פאַראַן אַמאָל, וואָס על פי היתר עיסקא, מאָנט מען אויף נאָך מערער וויפל מ'האָט אַנט־ליען, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר איז מבאר אין מאמר טעמה כי טוב סחרה, ה'תש"ט —

דאָס הייסט אַז דער אויבערשטער איז משפיע אידן, בני חיי ומזוני רויחי מידו הרחבה, און די השפעה ווערט אָנגערופן בשם הלואה, וואָס דאָס באַדייט צוויי ענינים: א) מלוה להוצאה ניתנה, ניט ווי שאלה, שאַ־לה — געהערט די זאַך צום בעל־הבית און מ'טאָר דאָס ניט אויס־נוצן און אָפּגעבן דעם ווערט דער־פון, אָבער מלוה להוצאה ניתנה, ד. ה. אַז די ענינים וואָס דער אויבערשטער איז משפיע נוצט מען דאָס אויס. ב) אַ מלוה דאַרף מען באַצאָלן, ניט ווי מתנה, מצד דעם וואָס אידן זיינען דעם אויבערשטנס בנים יחידים, וויל ער ניט אַז די השפעה זייערע זאָל זיין נהמא דכסו־פא, נאָר בתורת הלואה.

דעם פּרעון וואָס מען דאַרף צאָלן, איז אין יעדער השפעה — לויט איר ענין, אַז דער אויבערשטער איז משפיע בנים, דאַרף מען מחנך זיין די קינדער לויט דעם אויבערשטנס רצון, בדרך התורה והמצוות. ווען דער אויבערשטער איז משפיע חיים

29) ערכין כח, ב. שביעית פ"י מ"ב.

29*) פרק ג משנה טז.

30) זע ירושלמי תענית פ"ב סוף ה"א. ד"ה כל המרחם ה'תש"ט פ"ד.

אַרוכים און חיים בריאים ושלמים, דאַרף מען געדענקען אַז ימים יוצרו ולא[31]) אחד בהם, קיין איין טאָג דאַרף ניט פעלן, זיין פוסט, יעדער טאָג דאַרף זיין אָנגעפילט מיט אַן אינהאַלט וואָס איז צוגעפּאַסט צו אים על פי שלחן ערוך. ווען דער אויבערשטער איז משפיע מזוני רויחי, דאַרף מען געבן מעשר אָדער אַ חומש אויף צדקה. מלוה ה' חונן דל. און דערפאַר גיט דער אויבערשטער די איבעריקע פיר חלקים גרעסערע, כדי אַז דער פינפטער חלק זאָל זיין אַ גרויסער.

טז. אַזוי ווי אָבער — דער אויבערשטער האָט פאַראויס געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, ער האָט געוואוסט אַז מען וועט לייען און לייען, און צום סוף וועט מען ניט אַלעמאָל האָבן מיט וואָס צו אָפּצאָלן,

האָט ער (דער אויבערשטער) געגעבן — שנת השמיטה וואָס זאָל משמט זיין אַלע חובות.

שמיטה איז אַ צייט וואָס ושבתה הארץ שבת להוי', מען איז מפסיק פון ארציות וחומריות, און מען שטייגט אין דביקות בהוי', בדוגמא ווי עס וועט זיין לעתיד לבוא — יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים[32]). די הפסקה פון פריערדיקן מהות און ווערן ווי אַ נייער מענטש — ווישט אָפּ אַלע אַלטע חובות.

יז. אַ סוחר האָט אַ באַשטימטע צייט אויף מאַכן אַ חשבון ווי האַלט דאָס אין זיין מסחר. אויב ער וועט האַלטן נאָכאַנאַנד אין איין מאַכן חשבונות, וועט ער קיינמאָל ניט קומען צום האַנדלען. אַלע טאָג שליסט ער אָפּ דעם בוך פון דעם טאָג. יעדער וואָך, חודש — דעם חשבון פון דער צייט. און צום סוף יאָר מאַכט ער אַ חשבון כללי פון זיין מסחר. אַזוי איז אויך אין רוחניות. אַלע טאָג[33]) דאַרף מען מאַכן אַ חשבון, אין קריאת שמע שעל המטה — פון דעם טאָג. ערב שבת[34]) — פון דער וואָך. ערב ראש חודש — פון דעם חודש. וואָס דאָס אַלץ איז אַ חשבון פרטי. חודש אלול מאַכט מען אַ חשבון כללי, מכללות מעמדו ומצבו פאַר דעם גאַנצן יאָר.

— דער חשבון אויף חודש אלול גופא, איז ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געזאָגט[35]), אַז די צוועלף טעג פון ח"י אלול ביז ראש השנה, דאַרף מען מאַכן אַ חשבון יום לחודש יום לחודש, און ערב ראש השנה איז דער חשבון פון חודש אלול —

אַז מען מאַכט דעם חשבון כללי און מען זעט אַז געליען האָט מען, אויך אין שנת השמיטה, און ניט נאָר אַז ער האָט ניט באַצאָלט די חובות פון די פריערדיקע יאָרן נאָר ער האָט זיך נאָך מער אָנגעליען אין דעם יאָר אַליין — פאַלט מען דאָך אַראָפּ ביי זיך און מען ווערט ווי, חס ושלום, מיואש'דיק.

זאָגט די תורה און פסק'נט אָפּ, שביעית משמטת בסופה, די לעצטע רגע, און ער האָט נאָך צייט צו זען עס זאָלן נשמט ווערן אַלע זיי־

---

31) זע זהר ח"א רכא, ב.

32) זע רבינו בחיי פ' בהר בתחלתה. ספר המצות להצמח צדק מצות קדושת שנת השביעית.

33) זע קונטרס התפלה פרק יא.

34) זע תניא אגרת התשובה פרק י.

35) קונטרס ח"י אלול ה'תש"ג עמוד מב (סה"ש תש"ג ע' 177).

נע חובות, פון די פריערדיקע יאָרן און פון שנת השמיטה גופא.

חכמים ווילן און אַלע דאַרפן אַזוי טאָן — זיך משתדל צו זיין אָפּצוצאָלן די חובות. ניט פאַרלאָזן זיך אויף דעם וואָס שמיטה איז משמט. וכמאמר המשנה *[35]: המחזיר חוב בשביעית רוח חכמים נוחה הימנו. אָבער לכל הפחות, דאַרף מען זען, אַז שביעית זאָל משמט זיין זיינע חובות.

יח. בכדי אַז שביעית זאָל משמט זיין זיינע חובות, דאַרף ער אַרויסנעמען די חובות פון דעם בית דין שלמעלה, וואָרום המוסר שטרותיו לבית דין איז שביעית ניט משמט. ער דאַרף האָבן צו טאָן מיטן יחיד, מיט דעם אויבערשטן אַליין, וואָס ער איז יחידו של עולם.

ער דאַרף זען אַז מען זאָל זיך ניט פירן מיט אים מלמעלה על פי דין, נאָר העכער פון די הגבלות פון מדת הדין, וואָס דאָן האָט ער ניט צו טאָן מיטן בית דין שלמעלה נאָר מיט דעם אויבערשטן אַליין, ובמילא וועלן נשמט ווערן אַלע זיינע חובות.

און דאָס איז אויך דער רמז אין דעם וואָס מען זאָגט אין אַנהויב פון סליחות: לך ה' הצדקה ולנו בשת הפנים גו' לא במעשים באנו לפניך — דאָס וואָס ולנו בשת הפנים, איז מצד דעם מוז זיין לך ה' הצדקה — מען זאָל זיך ניט פירן מיט אונז על פי דין פון בית דין שלמעלה, נאָר דער אויבערשטער זאָל נוצן זיין צדקה, מען זאָל האָבן צו טאָן מיט דעם אויבערשטן, יחידו של עולם.

יט. אויף צו פועל'ן מ'זאָל זיך ניט פירן מיט אים על פי דין, דאַרף ער אַליין אויך אַרויסגיין פון די ענינים פון דין און סדר השתלשלות און פאַרבינדן זיך מיט יחידו של עולם. זיינע ענינים זאָלן זיך ניט געפינען בבית דין של מעלה, נאָר די הנהגה מיט אים זאָל זיין לפנים משורת הדין, און ער זאָל האָבן צו טאָן מיט יחידו של עולם, מלפניך [36], דוקא, משפטי יצא, דאַרף ער אַליין אויך אַרויסגיין פון די ענינים פון דין און סדר השתלשלות און פאַרבינדן זיך מיט יחידו של עולם.

עס זיינען דאָך פאַראַן דריי עמודים וואָס אויף זיי שטייט די וועלט, על שלשה דברים העולם — דער עולם גדול און דער עולם קטן זה האדם — עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים, דאַרף מען זען אין די אַלע דריי ענינים פאַרבינדן זיך גלייך מיט יחידו של עולם.

צדקה — דער קו פון גמילות חסדים — דאַרף מען געבן לפנים משורת הדין, ניט רעכענדיק זיך מיט די חשבונות פון מעשר און חומש וואָס דאָס פאָדערט זיך על פי דין, נאָר העלפן אַ צווייטן אידן אָן הגבלות, ובפרט מצד דעם פאַרבונד פון זיין יחידה שבנפש מיט יענעמס יחידה שבנפש [37].

תפלה — וואָס דאָס איז דער קו פון עבודה — וועט ער מתפלל זיין ניט מ'זאָל ממלא זיין דאָס וואָס אים פעלט בצרכיו הגשמיים מצד עצמם, נאָר [38] מען זאָל אים געבן מנוחה מדאגות וטרדות, ער זאָל קענען אויספירן דעם אויבערשטנס רצון

---

*35) שביעית פ"י משנה ט.

36) זע בד קודש פרק ז.

37) זע תניא פרק לב בתחלתו.

38) זע רמב"ם הלכות תשובה פרק ט. טור ושו"ע או"ח סימן רלא.

ושליחות וואָס צוליב דעם איז ירדה נשמתו למטה.

תורה — וועט ער לערנען ניט אויף צו וויזן אַז ער קען בעסער פון זיין חבר, אַפילו ניט דערפאַר וואָס ער האָט אַ תשוקה צו שכל וחכמה, וואָס תורה איז חכמתכם ובינתכם (אַפילו) לעיני כל העמים, נאָך מער, זיין לערנען וועט ניט זיין צוליב לידע את המעשה אשר יעשה, וואָרום דאָס אַלץ איז עולם און סדר השתלשלות, געלערנט מיט אַן אויסרעכענונג צוליב אַ תכלית, ווי הויך דער תכלית זאָל ניט זיין, נאָר ער וועט לערנען ווייל אַזוי האָט געהייסן דער אויבערשטער.

אַז ער וועט אַזוי טאָן, גייט ער אַרויס פון עולם און סדר השתלשלות, און האָט ניט צו טאָן מיט בית דין שלמעלה, נאָר חבוקה ודבוקה בך כו׳ יחידה ליחדך, מיט דעם אויבערשטן אַליין, יחידו של עולם. ובמילא ווערן נשמט אַלע זיינע חובות.

און וויבאַלד אַז ער האָט ניט קיין חובות אויף זיך, איז ער אַ נאמן, און מען וועט אים געבן ווייטער בהקפה.

כ. די בחורים וואָס זאָגן אין די שולן, אַזוי אויך די רבנים, שוחטים און בעלי בתים, זאָלן איבערגעבן די אידן אין די שולן דעם אויבנדערמאָנטן ענין.

פאַראַיאָרן האָט מען איבערגעגעבן וועגן דעם ענין פון ערי מקלט[39] און תקותי אַז עס איז געוואָרן אַ תועלת פון דעם. און היי יאָר זאָל מען איבערגעבן וועגן שמיטה ומסתמא וועט זיין אויך פון דעם אַ תועלת.

מען דאַרף ניט ריידן מיט קיין אַריכות, מען זאָל איבערגעבן בקיצור:

א) דער אויבערשטער איז משפיע יעדער אידן מידו הרחבה בני חיי ומזוני רויחי, און די השפעה איז בתורת הלואה, ד. ה. אַז מען דאַרף צאָלן פאַר דער השפעה דורך דער פולער תורה דערציאונג פון די קינדער, פירן אַ שטרענג תורה ומצוות לעבן, געבן צדקה פון דער הכנסה ווי דער אויבערשטער וויל.

ב) פאַר די וואָס האָבן ניט געצאָלט דעם חוב, גיט דער אויבערשטער שנת השמיטה וואָס דאָס איז משמט, ווישט אָפּ, אַלע חובות פון די פריערדיקע יאָרן און פון דעם יאָר גופא.

ג) כדי אַז שביעית זאָל משמט זיין, דאַרף מען אָבער באַוואָרענען, אַז מען זאָל ניט האָבן צו טאָן מיטן בית דין שלמעלה, נאָר איבערגעבן אַלע חובות צום אויבערשטן אַליין, יחידו של עולם.

ד) דאָס פועל׳ט מען דורך דעם, וואָס אַליין פירט מען זיך אויך לפנים משורת הדין אין אַלע דריי קוין פון תורה, עבודה וגמילות חסדים. מען טוט זיי אָן הגבלות פון דין, נאָר מיט דער כוונה צו זוכה זיין אויספירן דעם אויבערשטנס רצון.

ה) די וואָס האָבן נאָך דערוויל ניט דערגרייכט דערצו, טאָרן זיך, חס ושלום, ניט מיאש זיין, וואָרום די לעצטע רגע פון שמיטה איז

---

39) ש״פ עקב מבה״ח אלול ה׳תשי״א. בעדרוקט פריער עמוד 623.

משמט. בשעתא חדא וברגעא חדא[40]) קען מען תשובה טאָן, ושבת עד ה' אלקיך[41]) ווֶעלכער איז משמט אַלע חובות, און ער, דוקא[42]), גיט לשנה הבאה, בני חיי ומזוני רויחי, אַ כתיבה וחתימה טובה בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ש"פ ראה, תשי"ב)

כא. אַזוי ווי עס גייט צו אלול, דער זמן פון תשובה וקול השופר, דאַרפן די תלמידים לערנען אין דעם זמן די ענינים השייכים לאלול, אַזוי ווי דרך חיים, שער התשובה ושער התפלה, לקוטי תורה — פון פרשה דברים אַן רעדט זיך שוין אין לקוטי תורה ווענן תשובה — עטרת ראש.

וואָרום אַלע ענינים וואָס קומען פאָר אין בריאה, דאַרפן זיי זיך אָפּשפּיגלען ביי די תלמידי הישיבה, אין זייער ענין, וואָס דאָס איז — תורה.

ובמילא אַזוי ווי עס גייט אלול, דער זמן פון אורי וישעי, דער זמן פון תשובה אין וועלט, דאַרף זיך דאָס אָפּשפּיגלען ביי אַ תלמיד, אין לערנען די ענינים הנ"ל.

און אויך די תלמידים וואָס געפינען זיך ניט איצטער אין דער ישיבה, זיי זיינען אין קעמפּ צי אין אַן אַנדער אָרט, דאַרפן זיי אויך זען לערנען די ענינים המתאימים לזמנים אלו.

וואָרום דער פאָרן אין קעמפּ וכדומה, איז דאָך דאָס ניט קיין הפסק בענינים, ניט סתם אָפּרוען זיך, נאָר דאָס איז דאָך צוליב אַ תועלת, במילא איז דאָס געזאָגטע שייך אויך צו זיי.

(מדברי כ"ק אדמו"ר שליט"א להנהלת ישיבת תו"ת בברוקלין, שנת תשט"ז)

# תצא

א. אין היינטיקן (מאָנטיק) שיעור חומש זאָגט ער: לא תראה חמור אחיך או שורו נופלים בדרך והתעלמת מהם הקם תקים עמו.

דרך איז אַ ממוצע צווישן רשות היחיד און רשות הרבים.

— דערפאַר איז אין חסידות[1]) בשעת מען איז מבאר ענין הקו, גיט מען אויף דעם דעם משל פון אַ דרך, וואָס איז מחבר עיר הגדולה והיכל המלכות מיט עיירות קטנות ביז צו אַ פינה נדחת;

אויך דעם משל פון אַ צינור, אַז בשעת מען דאַרף אַנגיסן מים מן

---

40) זע זהר ח"א קכט א־ב. קדושין מט, ב. ע"ז י, ב.

41) זע רמב"ם הל' תשובה פ"ז הלכה ו־ז. לקוטי תורה דברים כז, א. ד"ה אמר רשב"ג ה'תר"ך (ספר המאמרים — קונטרסים — ח"א קיח, א). ובכ"מ.

42) וואָרום בני חיי ומזוני לאו בזכותא (פון בית דין שלמעלה) תליא אלא במזלא תליא (וואָס הענגט אָפּ נאָר פון אויבערשטן אַליין) (מו"ק כח, א. זהר ח"א מג, ב. שם רנז, ב. ובכ"מ)) — דערפאַר איז מען מתפלל אויף בני חיי ומזוני, כאָטש — לאו בזכותא תליא, ווייל דורך תפלה צום אויבערשטן אַליין, דורך תשובה וטל תורה, קען מען משנה מזל זיין (תוספות שבת קנו, א. זע אויך תענית כה, א. ביאורי הזהר פ' וירא. המשך מים רבים תרל"ו פרק קעד. חנוך לנער בסופו. עי"ש).

1) ביאורי הזהר ר"פ וישלח. ועוד.

הנהר הגדול, וואָס זיי גייען בתוקף גדול, אין כלים קטנים, מוז מען האָבן אַ צינור, וואָס טיילט זיך דער־נאָך אויף צינורות קטנים, וואָס דורך זיי קען אָנקומען די וואַסער ביז אין כלים היותר קטנים שבריחוק מקום ביותר. —

בשעת אַז מען וויל מוסיף זיין נאָך אַן ענין אויסער דרך, קען דאָס זיין אויף צוויי אופנים: מוסיף זיין שור וחמור הנופלים ברפת, רשות היחיד, אָדער מוסיף זיין הנופלים ברשות הרבים. זאָגט ער אין ספרי [2] אַז מען איז מוסיף רשות הרבים, אָבער אין רפת איז ניטאָ קיין חיוב הקמה.

ב. דער ענין מכל הנ"ל אין חי־נוך: קודם החינוך איז דאָך עיר פרא אָדם יולד [3]. עס זיינען דאָ אַזוי־נע וואָס זיי זיינען כבהמה, ובכל־לות [4]) צי שור — בהמה דקדושה, צי חמור — בהמה דלעומת זה, אויף וויפל עס איז שייך לעומת זה ביי אַ אידן.

איז בשעת מען זעט דעם חמור אָדער דעם שור נופלים (ממדריג־תם, אַראָפּגעפאַלן אויף די משא וואָס זיי דאַרפן טראָגן) בדרך, איז הקם תקים עמו.

דאָס גופא וואָס תראה — מען ווייזט אים — איז אַ ראי' אַז דאָס האָט אַ שייכות צו אים. וכמאמר הבעש"ט [5]) אַז אַלץ וואָס אַ איד זעט און הערט איז דאָס בהשגחה פרטית, אויף אויסנוצן דאָס אין עבודת הא־דם לקונו.

הגם ער מיינט אַז ער שטייט אין אַ העכערער מדריגה, און אפשר שטייט ער טאַקע אין אַ גאָר גרוי־סער מדריגה, מכל מקום האָט עס אַ שייכות צו אים. ווי דער פסוק זאָגט אָחיך, בתוספות לאַנגער כ"ף, דאָס איז דיין ברודער.

זעענדיק ווי יענער געפינט זיך בדרך, ניט אין רשות היחיד, נאָך מערער — אַפילו אויב יענער גע־פינט זיך אין רשות הרבים, היפך רשות היחיד יחידו של עולם, קען ער דאָך טענה'ן מה לי ולצרה הזאת. זאָגט מען אים, ניין, עס ליגט אויף אים אַ חוב אַפּלייגן זיינע ענינים און מקיים זיין מצות הקם תקים.

ואדרבה, דער חיוב איז דוקא בד־רך ורשות הרבים. אויב נופלים בר־פת, וויבאַלד זיי זיינען ברשות היחיד — איז ניטאָ חובת הקמה, זיי וועלן אַליין אויפשטיין, דער חיוב איז בדרך, און נאָך מערער ברשות הרבים — וואָרום ס'איז דאָך חומר בדברי סופ־רים מבדברי תורה [6]).

מצות הקמה בדרך — דאַרף מען טאָן בזריזות ובשמחה כנ"ל. אָבער ברשות הרבים — דאַרף מען טאָן מיט נאָך אַ גרעסערן געשמאַק, וואָ־רום — ערבים עלי דברי סופרים יותר מדברי תורה [7]).

ג. ובנוגע לעניננו: דאָס וואָס מען האָט גערעדט בענין הנסיעות אויף טאָן במוסדות חינוך, קען מען דאָך וועלן שטעלן אַ תנאי און אויס־קלייבן בדוקא ערטער וואָס זיינען

---

2) דברים כב, ד.

3) איוב יא, יב.

4) זע בבא קמא נד, ב.

5) זע ספר השיחות — קיץ הש"ת עמוד יא.

6) זע עירובין כא, ב.

7) עבודה זרה לה, א.

נענטער צו אים, ערטער וואס דארטן איז דא מערער יראת שמים;

זאגט מען אויף דעם, אז בשעת מען קען אויפטאן אין א מקום רחוק ופינה נדחת, נדחת בגשמיות וברוח־ניות, איז ניט נאר בפשיטות אז — הקם תקים, ניט נאר בפשיטות אז דאס טאר ניט מחסר זיין אין דער זריזות ושמחה, נאר נאך מער — עס דארף נאך פארשטארקן דעם חיות, די זריזות ושמחה.

ד. דער ענין פון שור וחמור נופלים בדרך — איז אויך שייך אין די מוסדות חינוך וישיבות עצמם. בשעת מען זעט אין דעם תלמיד אן ענין פון שור וחמור נופלים, און נאך מערער אז זיי געפינען זיך אין רשות הרבים, איז ניט שייך קיין תירוץ — ניט מצד דעם מש־פיע, ניט מצד דעם ראש ישיבה וראש מתיבתא, ניט מצד דער הנה־לה — אז ס'איז ניט לפי כבודם, מען האט קיין צייט ניט וכו'. ועל דרך זה — אז פון די אויסגערעכנ־טע זען דאס אין זיך אליין, איז ניטא קיין ארט אויף והתעלמת אדער טע־נה המדומה — אז עס איז ניט לפי כוחם, עס מוז זיין דער הקם תקים.

ווארום דער ציווי מיט אלע פר־טים וענינים הנ"ל איז געזאגט גע־ווארן לכל אחד ואחד מהתלמידים, מהמשפיעים, מהראשי־ישיבות ומחברי ההנהלה, אלס יחידים און אלס א כלל (התלמידים בכללם — ביז צו כללות ההנהלה).

און וויבאלד אז מען מאנט עס — איז ברור הדבר אז מען גיט כחות אויף דעם. און אז ער וועט באמת וועלן ממלא זיין דעם ציווי — וועט ער קענען.

ווארום אזוי ווי אלע מצוות שבתור־רה זיינען געזאגט בלשון וואס האט צוויי פירושים: ציווי און הבטחה, אזוי אויך דער הקם תקים. בשעת עס דערהערט זיך דער ציווי: דו זאלסט אויפשטעלן, דאן קומט דער פירוש הפנימי: מען איז מבטיח, דו וועסט אויפשטעלן.

ה. א חיזוק אין דעם איז אויך דאס, וואס במדינה זו איז דער סדר, אז די התחלת זמן הלימוד איז בחו־דש אלול. די צייט וואס המלך בש־דה [8], די י"ג מדות הרחמים זיינען בהתגלות, באופן אז יעדן איינעם איז המלך מקבל בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם כנ"ל — וואס דאס גיט כוח יעדערן אויף אויספירן וואס עס מאנט זיך פון אים.

דאס אלץ איז שייך לתלמידי ישי־בות בכלל ולתלמידי תומכי תמימים ביחוד, ווארום דער ענין פון תורה בכלל און אופן לימודה אין תומכי תמימים בפרט — איז דאך מאחד ומחבר זיין גליא מיט סתים דתורה און דורך דעם אויך גליא וסתים דנשמה מיטן גליא וסתים דקוב"ה — ביז מען קומט צו צום מילוי הבקשות: בקשו פני את פניך ה' אבקש.

און באור פני מלך חיים — דאס איז ממשיך פון פנימיות ועצם הטוב א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, למטה מעשרה טפחים, בטוב הנראה והנגלה.

---

8) לקוטי תורה ראה לב, א.

ו. ועל דרך זה איז אויך מרמזי הסדרה: כי תצא למלחמה על אוי־ביך, די מלחמה מיטן אייגענעם נפש הבהמית, די מלחמה מיט דער סבי־בה, מיטן גוף ונפש הבהמית פון זולת, איז דער סדר אין דעם כי תצא, ניט ווארטן ביז יענער וועט קומען מלחמה האבן צו דיר, נאר ארויסגיין צו יענעם. ווי מען האט שוין אמאל גערעדט[9]) אז אויב דער אויב קומט אין זיין שטח, איז אפילו ווען ער איז מנצח די מלחמה איז לא ימלט עס זאל ניט זיין עפעס א הירוס וחורבן שנגרם מצד המלח־מה, מה שאין כן — כי תצא — בשעת מען גייט מיט א מלחמת תנו־פה לשטח האויב.

און דעמאלט איז ושבית שביו. די שבי וואס ס'איז געווען געפאנ־גען ביי אויביך, ביי דיין אויב, — א שבי וואס איז פארבונדן מיט דיר.

ער זאל ניט מיינען אז ער טוט יענעם א טובה, ובמילא איז וויפל ער וועט ניט טאן — איז מספיק. זאגט מען אים, ער זאל וויסן אז דאס איז שביו פון אויביך — דאס איז נוגע אים, און נאך מערער ווי צום צווייטן. דאס זיינען דיינע ניצוצות וואס געפינען זיך אין לעומת זה און ער דארף זיי פון דארטן ארויס־נעמען. וכנ"ל בענין כי תראה, ווי־באלד ער זעט עס און וויס פון דעם — האט עס א שייכות צו אים.

און אזוי ווי געזאגט פריער — די פרשה איז בלשון ציווי ובלשון הבטחה. בשעת ער דערהערט דעם ציווי, טוט ער דאס בשמחה ובטוב לבב, ומובטח לו אז ושבית שביו.

ז. עס איז דאך לפום צערא אג־רא [10]). וויבאלד אז דאס איז פאר־בונדן מיט צער פון א מלחמה, מצד דעם העלם והסתר אויף מילוי שליחו־תו, האט ער לפום זה די אגרא, ער נעמט עצמות, וכמבואר [11]) על פסוק יעשה למחכה לו אינון דדחקין למילה דחוכמתא, אז דורכן ברעכן ההעלם והסתר נעמט ער עצמות.

וואס דורך דעם קומט מען צו לקיום היעוד [12]) לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, בביאת המשיח שנקרא שלום [13]), וכמו שכ־תוב [14]) שר שלום — למרבה המשרה ולשלום אין קץ.

ווי ער זאגט אין אגרת הקדש [15]) אז איצטער דארף זיין בירור הניצו־צות. לעתיד וועט נשלם ווערן בירור הניצוצות ויופרד הרע מהטוב וכו' וועט מען דעמאלט ניט דארפן מברר זיין בירורין נאר די עבודה וועט זיין ליחד יחודים עליונים יותר להמשיך אורות עליונים יותר מהאצילות. וואס דאס איז דער ענין פון שלום, שלום אין קץ. אבער דאס גופא האט מען דוקא דורך דער עבודת הבירורים איצטער, דעם תצא למלחמה.

(משיחת ט' אלול, תשח"י)

---

9) שמחת ביה"ש ה'תשי"ז (לקו"ש ח"ו ע' 255).

10) אבות פרק ה' משנה כא.
11) ד"ה ואברהם זקן תרס"ו ואילך.
12) ישעי' ב, ד.
13) מדרש מעשי תורה.
14) ישעי' ט, ה־ו.
15) סימן כו.

# ח״י אלול

א. ח״י אלול איז דער יום הולדת פון בעל שם טוב און פון אַלטן רבי׳ן.

בנוגע דעם יום הולדת פון בעש״ט, וואָס איז געווען בח״י אלול, האָט דער רבי, כ״ק מו״ח אדמו״ר, איבער־געגעבן [1], אַז דאָס איז דער יום הולדת שלו בגופו, בנפשו און אויך אין דעם וואָס ער — הבעש״ט — איז נתגלה געוואָרן. דאָס אַלץ איז געווען בח״י אלול.

אַזוי אויך בנוגע דעם אַלטן רבי׳ן, איז חוץ זיין יום הולדת בגופו, זיי־נען געווען נאָך כמה ענינים עיק־ריים, וואָס זיינען געווען ביי אים בח״י אלול.

ב. אין כתבי האריז״ל שטייט אויפן פסוק, והימים האלה נזכרים ונעשים, אַז טעג וועלכע האָבן אין זיך אַ געוויסן ענין, איז בכל שנה ושנה, בשעת מען דערמאָנט דאָס — נזכרים — ווי על פי תורה הייסט דערמאָ־נען — איז ונעשים, טוט זיך אויף נאָכאַמאָל די המשכה: בט״ו ניסן — יציאת מצרים, וכו׳.

אַזוי איז דאָס אויך בנוגע ח״י אלול בכל שנה ושנה. דורך דעם וואָס מען דערמאָנט דאָס כנ״ל, חזר׳ן זיך איבער נאָכאַמאָל אַלע ענינים הנ״ל פון בעש״ט און פון אַלטן רבי׳ן, בכל שנה ושנה אין דעם זמן.

מיט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס דער רבי, כ״ק מו״ח אדמו״ר, האָט געזאָגט [2], אַז ח״י אלול ברענגט אַריין אַ חיות אין אלול. אַ צווייטן מאָל האָט ער דאָס געזאָגט אין דעם נוסח: ח״י אלול ברענגט אַריין אַ חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי (ראשי תיבות אלול).

אין אגרת הקדש [3] פון תניא ברענגט ער, אַז בכל ראש השנה ווערט נמשך אַן אור חדש שלא הי׳ מעולם. פון דעם איז אויך מובן בנוגע ח״י אלול, אַז בכל שנה ווערן די ענינים ניתוסף. הגם בגלוי זעט מען עס ניט, און נאָך מער — עס דוכט זיך אַז די ענינים ווערן מזמן לזמן נתמעט, אָבער דער אמת איז, אַז בפנימיות, וואָס די פנימיות מוז סוף כל סוף אַרויס בגילוי, ווערן די ענינים ניתוסף.

ג. עס איז ידוע דער משל וואָס ברענגט זיך אין חסידות, פון איי־נעם וואָס האָט אַ פאַרשלאָסענעם אוצר און האָט עס ניט געזען, אָבער וויבאַלד אַז ער ווייס אַז דער אוצר געהערט צו אים, און דער שליסל איז ביי אים אין האַנט און ווען ער וויל קען ער עס אויפזוכן, איז הגם דערווייל זעט ער ניט דעם אוצר, פונדעסטוועגן איז ער בשמחה גדולה [4].

כמו כן בנידון דידן, וויבאַלד אַז דער שליסל איז ביי אונז אין די הענט, ווען מען וויל קען מען דאָס

---

1) שיחת כ׳ כסלו תרצ״ג (לקו״ד ח״א ע׳ 64).

2) שיחת ח״י אלול תש״ה (נדפס גם בלקו״ד ח״ג ע׳ 946).

3) סימן יד.

4) ראה תורה אור ס״פ בראשית.

עפּענען, אויך היום אם בקולו תשמעו, בשעתא חדא וברגעא חדא, איז אַפילו אַז ער האָט עס ניט בהרגש, איז די ידיעה אַליין און וואָס ער איז זיכער אַז בפנימיות האָט ער דאָס, דאַרף פועל'ן אַן עילוי.

ד. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דערציילט, אַז אַמאָל איז ח"י אלול געווען פון די מועדים הנסתרים; דער רבי דער צמח צדק האָט עס מגלה געווען לבניו הקדושים. דער רבי מהר"ש פלעגט ח"י אלול כשחל בשבת אָדער דעם שבת וואָס פאַר ח"י אלול — זאָגן אַ מאמר חסידות פון אַלטן רבי'ן. שפּעטער איז ח"י אלול געוואָרן אַ מועד גלוי.

דאַרף דאָס געבן אַ כוח צו יעדן איינעם, אַז די ענינים שבפנימיות זאָל מען קענען אַרויסנעמען בגילוי, און ווי געזאָגט פריער, אַז ח"י אלול גיט אַ חיות אין אלול און אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי, נעמט מען דערפון חיות על כל השנה בענינים הרוחניים, און במילא קומט עס אַרויס על כל השנה אויך בענינים הגשמיים, בבני חיי ומזוני רויחא.

(משיחת ש"פ תבוא, ח"י אלול, תשט"ז)

ה. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געזאָגט [5], אַז די צוועלף טעג פון ח"י אלול ביז ראש השנה איז דער זמן פון דעם חשבון פונעם גאַנצן יאָר, יום לחודש, און ח"י אלול — איז דער זמן החשבון פון חודש תשרי העבר.

וויבאַלד אַז ח"י אלול איז דער זמן וואָס מען דאַרף מאַכן אַ חשבון הנפש פון דעם פאַריקן חודש תשרי, וואָס בכלל זה איז, כמובן, אַז מען דאַרף זען אַז די ענינים, וואָס מ'האָט ניט געטאָן בחודש תשרי העבר, זאָלן זיין ווי עס דאַרף זיין בחודש תשרי הבא, במילא איז קיין פלא ניט, אַז ח"י אלול זאָל מען רײדן וועגן דעם סדר ההנהגה פון חודש תשרי.

נאָך אַ טעם איז אין דעם, אַז לטובת הדבר איז בעסער אַז דער רײדן זאָל זיין ברוב עם, כדי אַז די וואָס געפינען זיך דערביי, זאָלן דאָס מפרסם זיין, און עס זאָל אָנקומען צו אַלעמען. דערפאַר זאָג איך דעם ענין איצטער, אין דער התועדות פון ח"י אלול.

ו. עשרת ימי תשובה איז דאָך דער זמן וואָס דעמאָלט [6] איז קירוב המאור אל הניצוץ, דער אויבערשטער איז דאַן נאָענט צו אַלעמען, ווי עס שטייט אויף עשרת ימי תשובה [7], דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב. אויף חודש אלול, דער זמן ההכנה אויף עשרת ימי תשובה, זאָגט ער אין לקוטי תורה [8] דעם משל אויף דעם זמן, ווי אַ מלך וואָס געפינט זיך בשדה, וואָס דאַן האָבן אַלע צו אים אַ צוטריט. בשעת דער מלך געפינט זיך בהיכלו, אין נמשל איז דאָס אַ גאַנץ יאָר, דאַן

5) קונטרס ח"י אלול ה'תש"ג ע' מב (סה"ש תש"ב ע' 177).

6) זע קונטרס העבודה פ"ה בסופו. ד"ה שיר המעלות ממעמקים תש"ג.

7) ראש השנה יח, א. רמב"ם הלכות תשובה פ"ב ה"ו. וברשימת הצ"צ עה"פ דרשו הוי' (אוה"ת ש"ש ע' א'תסג ואילך) — אשר אז מקור ההמשכה מלמעלה ביותר — כתר הכללי דאצילות, וההמשכה — באופן נעלה, דרך י"ג מדות דא"א, ומדות דז"א הם רק בדרך מעבר.

8) פ' ראה לב, ב. וראה ג"כ שלה"ה סוף מס' ר"ה.

קענען ניט אַלע צו אים אַריינגיין, און די וואָס גייען אַריין, דאַרפן דורכ־גיין די שרים. דאַקעגן ווען דער מלך גייט אַרויס אין שדה, אין נמשל — חודש אלול, דאַן האָבן אַלע אַ צוטריט גלייך צום מלך.

לפי זה איז דאָך מובן אַז דער זמן פון חודש תשרי בכלל[9] און עשרת ימי תשובה בפרט, אויך דער זמן ההכנה אויף חודש תשרי, וואָס דאָס איז חודש אלול בכלל, פון ח"י אלול אָן בפרט און די ימי הסליחות בפרטי פרטיות, איז אין די זמנים דאַרף מען זיך מערער אויסטאָן פון עניני עולם, און איבערגעבן זיך מע־רער צו ענינים רוחניים.

דאָס הייסט, אַז אַפילו די וואָס דעם גאַנצן יאָר זיינען זיי זיך עוסק אין ענינים גשמיים, עובדין דחול, דאַרפן זיי דעם זמן פון חדשי אלול און תשרי, ממעט זיין אין דער התעס־קות און מוסיף זיין אין תורה ועבודה. ומכל שכן אַז די וואָס אַ גאַנץ יאָר געפינען זיי זיך באהלה של תורה ותפלה, זיי זיינען ניט פאַרנומען מיט עובדין דחול, כל השנה זיינען זיי שבת[10], דאַרף ביי זיי דער זמן פון חדשי אלול ותשרי זיין: שבת שבתון, ד. ה. אַז אין דעם זמן דאַרפן זיי נאָך וויניקער פאַרנעמען זיך מיט עובדין דחול, אַפילו מיט זייערע עובדין דחול, און מוסיף זיין אין די ענינים פון תורה ועבודה.

דאָס דאַרף זיין בפרט — דער סדר פון יושבי אוהל, תלמידי חכמים איק־רן שבת. תלמידי הישיבות האָבן, דאַרפן האָבן, גאָר וויניק צו טאָן מיט עובדין דחול, אַפילו כל השנה כולה.

ז. אַזוי האָט געדאַרפט זיין. וואָס איז בפועל?

דער סדר אין די ישיבות איז, אַז אין דער צייט פון אלול און תשרי ומכל שכן ראש השנה ועשרת ימי תשובה, פאָרן זיך פאַנאַנדער דער גרעסטער טייל תלמידים, אָדער גאָר אַלע תלמידים, אַהיים, סיי די עלטע־רע סיי די אינגערע. און דער סדר אין דער היים איז, אַז דאָרטן שלאָפט מען מיט אַ שעה מער, מען עסט בעסער, ובכלל זעט צו די מוטער, אַז ער זאָל זיך אָפּרוען פון די חדשים וואָס מען האָט אים נעבעך געמאַ־טערט אין דער ישיבה. ער זאָל זיך ערהאָלן און זיין שטאַרק אין די רמ"ח אברים ושס"ה גידים. מען נוצט אויס די צייט אויף תוקפא דגופא[11].

די צייט וואָס ער געפינט זיך אין ישיבה, דאַן איז דער תלמיד רוב היום, אָדער דעם גאַנצן טאָג, אין די ד' אַמות של תורה און ד' אַמות של תפלה. ער דאַוונט אין ישיבה (על פי רוב) און לערנט אין ישיבה, אויך עסט ער און שלאָפט אין ישיבה ובאוירה. דער וואָס שלאָפט אין דער היים, שלאָפן איז דאָך ראש ורגל בהשואה, במילא פאַרשטייט ער ניט די טיפקייט פון מאמר רז"ל [*11] והוי גולה למקום תורה. אויך שלאָפן דאַרף מען אין די ד' אַמות של תורה וד' אַמות של תפלה. אָבער בכל אופן איז אינעם רוב היום אין כמות ופשיטא אין איכות, געפינט

9) זע ויקרא רבה פכ"ט ח: חודש תשרי, תשרי ותשבוק ותכפר על כל חובי עמך.

10) זע זהר חלק ב צד, ב. שבת קיט, א.

11) זע זהר ח"א קפ, ב.

*11) אבות פרק רביעי משנה יד.

ער זיך בד' אַמות של תורה וד' אַמות של תפלה.

קומט צו גיין חודש אלול, ובפרט נענטער צום סוף חודש אלול, פאַרט מען זיך פאַנאַנדער אַהיים, און מען גיט זיך אָפּ מער אויף ענינים גשמיים — עס איז אַפילו אַלץ עניני היתר, אָבער פונדעסטוועגן גיט ער זיך אַוועק אויף ענינים גופניים, ניט אויף ענינים רוחניים —

איז דער סך־הכל פון דעם, אַז אַנשטאָט דעם וואָס אין דער צייט דאַרף מען ממעט זיין אין עובדין דחול און אָפּגעבן זיך מערער אין תורה ועבודה, טוט מען דעם היפך פון דעם. מען איז ממעט אין תורה ועבודה און מען גיט זיך אַוועק מע־רער אויף ענינים גשמיים.

ח. יעדער ענין האָט דאָך אַ מקור אין תורה, איז אויך דער ענין — די אויבנדערמאָנטע הנהגה — האָט אַ מקור אין תורה און אַ התחלה פון אַ דבר טוב.

דער ברכי יוסף שרייבט[12]) אַז די רבנים וואָס תמיד עוסקים בגופי הל־כות ובחיבורים, איז בחודש אלול היו מניחים מקצת לימודם אויף מו־סיף זיין בתפלות ובתחנונים.

במילא איז געוואָרן, אַז מען איז ממעט בהלכות ובחיבורים, נאָר ניט אַלע קומען צו דער צווייטער העלפט — מוסיף זיין בתפלות ובתחנונים. אויפן וועג, רוט מען זיך אָפּ, ווערט מען איינגעשלאָפן.

ט. עס שטייט אַפילו ואשימם בראשיכם, ואשימם חסר יו"ד, אַז די אשמה איז אויף די ראשים[13]). ד. ה. אַז שולדיק איז די הנהלה אין דעם וואָס דער סדר אין דער צייט פון חדשי אלול ותשרי איז ניט כדבעי. דאָס איז אַ טעם אויף צו מאָנען ביי דער הנהלה. עס איז אָבער ניט קיין תירוץ און קיין התנצלות פאַר די תלמידים. די תלמידים דאַרפן זיך ניט רעכענען, צי די הנהלה מאָנט ביי זיי צי ניט, זיי מוזן זען אויסנוצן די צייט פון אלול און תשרי אויף מוסיף זיין בתורה ועבו־דה. ממעט זיין אין ענינים גשמיים און מוסיף זיין אין ענינים רוחניים. אויך להניח מקצת לימודם בהלכות ובחיבורים, און מוסיף זיין בתפלות ובתחנונים.

אויף עשרת ימי תשובה שטייט דאָך דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיו־תו קרוב, כאן ליחיד, דער אַלטער רבי האָט געטייטשט[14]), כאן ליחיד, די תשובה פון יחידה (שבנפש) צו יחידו של עולם.

דערפאַר איז עשרת ימי תשובה, און חודש אלול אַלס הכנה צו די עשרת ימי תשובה, דאַרף זיין די עבודה פון קבלת עול, וואָס דורך קבלת עול קומט מען צו, צו יחידה לייחדך, ווי מיר זאָגן, חבוקה ודבו־קה בך טוענת עולך יחידה לייחדך.

און דער קבלת עול דאַרף זיין אַ קבלת עול כללי (ועצמי, ווי דער הפרש פון קבלת עול שבכל השנה צו דעם קבלת עול פון ראש השנה. בכל השנה איז אַ קבלת עול הכרחי וחיצוני, און ראש השנה איז אַ קבלת

---

12) סימן תקפא. געבראַכט אין אלף למטה סקט"ו.

13) ספרי דברים א, יג. פירש"י שם.

14) כנראה אויף דעם מאמר רז"ל כאן ליחיד – בר"ה (יז, ב). וראה לקו"ש חי"ד ע' 145 הערה 16.

עול בדרך ממילא ועצמי[15]). בשעת עס איז א קבלת עול פרטי, איז הגם ער איז פארקוועטשט אין איין פרט אדער אפילו אין א סך פרטים, קען זיין ישות ומציאות דורכשפארן אין אנדערע פרטים, און אין זיי וועט ער זיין בהתפשטות ובהתרח־בות. בשעת עס איז אבער א קבלת עול כללי, דאן איז ער פארקוועטשט אינגאנצן און בהשוואה אין זיין גאנ־צער קומה, דעמאלט איז יחידה לייח־דך. און מצד יחידה שבנפש איז ניט קיין אונטערשייד פון א גדול שבגדולים און א פחות שבפחותים. ביי דעם גרעסטן בר דעת איז זיין שכל והשגה ניט מעלים אויף יחידה שבנפש ווען זי איז פועלת פעולתה, און ביי א פחות שבפחותים זיינען די מחשבות דבורים ומעשים, וואס זיינען געווען ניט כדבעי, ניט מפסיק ומונע דעם ריין מאכן אפילו די מחשבה דבור ומעשה[16]) בעת פעולת היחידה.

די צייט פון אלול ותשרי איז די צייט פון יחידה לייחדך, וואס די הקדמה והכנה צו דעם איז טוענת עולך, און א קבלת עול כללי דוקא. מען דארף ניט אוועקפארן און באפריי־ען זיך פון עול, ניט האבן אויף זיך קיין קבלת עול, נאר, אדרבה, מען דארף זיך געפינען אין די כות־לי הישיבה, די ד' אמות של תורה וד' אמות של תפלה, שטיין מיט א תוספות קבלת עול, און זען מוסיף זיין בתפלות ובתחנונים, וואס דורך דעם קומט מען צו, צו יחידה לייח־דך.

15) זע בארוכה ד"ה שופר של ר"ה תרצ"ט ומשנת תש"ב.

16) זע תניא סוף פרק יט.

י. מען וועט דאך טענה'ן, אז מען קען פארן אהיים און דארטן טאן די אלע ענינים, שטיין מיט א קבלת עול כללי, מוסיף זיין בתפלות ובתחנו־נים א. א. וו.

דערציילט די גמרא[17]) אז רב אמי ורב אסי הוו מצלי ביני עמודי, זיי פלעגן דאווענען אין דעם ארט וואו זיי האבן געלערנט, און געלערנט אין דעם ארט וואו זיי האבן גע־דאוונט. זיי האבן מחבר געווען תורה ותפלה.

דאס שטייט אויף רב אמי ורב אסי, אבער מען לערנט עס אפ פון א פסוק. ופשיטא אז פאר אנדערע איז דאס אודאי א הוראה אז מען דארף אויספירן די ענינים פון תפ־לות ותחנונים, אין די כותלי הישי־בה, ד' אמות של תורה מיט ד' אמות של תפלה.

יא. ווי אויבן געזאגט, אז שול־דיק איז אויך די הנהלה, במילא מאנט מען ביי בידן. ביי דער הנה־לה און ביי די תלמידים.

ביי דער הנהלה מאנט מען, אז מען זאל ניט לאזן די תלמידים פריי, אז אין דער צייט זאלן די תלמידים קענען פארן אהיים, און פארלאזן זיך אויף זייער יושר.

ביי די תלמידים מאנט מען, אז מען זאל זיך ניט פארלאזן אויף דער הנהלה: אויב די הנהלה וועט זיי הייסן בלייבן אין ישיבה, וועלן זיי בלייבן, און אויב ניט, פארן זיי אהיים, און ער האט א היתר אויף דעם, ווארום עס איז שוין עבר ושנה, ער האט אזוי געטאן פארא־יארן, פאר צוויי יארן, ובמילא היתר

17) ברכות ח, א.

נעשה לו, און אַ כ״ף הדמיון. נאָר זיי זאָלן זיין אין ישיבה, און מוסיף זיין בתפלות ובתחנונים.

עס איז כלל ניט קיין סתירה צו דעם, וואָס עס מאָנט זיך, ביי אידן בכלל און בני תורה ובני הישיבה בפרט, גיין מעורר זיין אויך אַנדערע ליראת שמים לתורה ולמצוות וכו׳ — וואָרום עס איז דאָ צייט אויף ביידע זאַכן. אויב ניט — וואָלט מען פון זיי ניט געמאָנט הא והא.

יב. איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז דער טעם וואָס איך רייד כל הנ״ל איצטער, איז, אויסער דעם וואָס ח״י אלול האָט אַ שייכות צו תשרי, איז דאָס אויך בכוונה — כדי מען זאָל דאָס מפרסם זיין.

מובן ופשוט אַז דער גאַנצער ענין וואָס מען האָט גערעדט, איז ניט דוקא אין חסידישע ישיבות, נאָר שייך צו אַלע ישיבות.

ובמילא איז די וואָס זיינען דאָ און דער ענין האָט זיך ביי זיי צוגעענומען, זאָלן זיי דאָס מפרסם זיין אויך אין אַנדערע ישיבות. גיין איבער די ישיבות און ריידן מיט די הנהלות הישיבות, זיי זאָלן זען אַז די תלמידים זאָלן זיין די צייט פון אלול ותשרי אין די ישיבות ובהשגחה. אויך ריידן מיט די תלמידים, אַז אַפילו אויב די הנהלה וועט זיי נישט הייסן בתור פקודה וועגן דעם, זאָלן זיי אַליין וועלן בקבלת עול עצמי און פאַרלאַנגען בלייבן אין ישיבה.

מען זאָל איבערגעבן דעם ענין, און דער עיקר זאָל מען זען — אַז דאָס זאָל אַרויסקומען בפועל.

און די התחזקות ותוספות בקבלת עול, און בקבלת עול כללי ועצמי דוקא [18], פועל׳ט אַז דער אויבערשטער נעמט אָן אונזער הכתרה, שתמליכוני עליכם [19], און ווי מיר בעטן מלוך על העולם כולו בכבודך כו׳.

(משיחת ח״י אלול, תשי״ב)

# נצבים

א. ... עס שטייט אין מדרש [1] אויף אידן אַז זיי זיינען געגליכן צו קנים (שטעקנס). אין קנים זעען מיר אַז בשעת יעדער קנה איז באַזונדער איז אים גרינג צו צעברעכן, בשעת אָבער די קנים זיינען געבונדן צוזאַמען, דעמאָלט קען מען זיי ניט צעברעכן. די זעלבע זאַך איז ביי אידן. בשעת אידן זיינען צוזאַמען, אתם נצבים כולכם, פון ראשיכם שבטיכם ביז חוטב עציך ושואב מימיך, דעמאָלט זיינען זיי נצבים.

דאָס איז אויך דער יסוד פון דעם מאמר החלצו [2] וואָס מען רעדט דאָרטן וועגן דעם ענין האחדות. בשעת מען איז אין אַחדות, איז מען שטאַרק אַז קיינער האָט קיין שליטה ניט. נאָך מערער — דעמאָלט איז מען

---

1) תנחומא נצבים.

18) זע מכילתא יתרו כ, ג פ״ו בתחלתה.

19) ראש השנה טז, א.

2) מכ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע.

א כלי לברכתו של הקב״ה. א כלי צום אויבערשטנס ברכה איז שלום ואחדות, וכדבר משנה (סוף עוקצין) וכמו שכתוב ברכנו אבינו כולנו כאחד באור פניך.

ווארום באמת איז קיין דבר שמב־חוץ קען אויף א אידן, חלק הוי׳ עמו, קיין שליטה ניט האבן. פון וואס הויבט זיך אן אז א דבר שמב־חוץ זאל קענען האבן א צוטריט, איז דאס דורך דעם וואס דער איד אליין מאכט א קליין שפעלטעלע ביי זיך אינעווייניק. און אויב ס׳איז פאַראן ביי אים א קליין שפעלטעלע, אפילו כקרני חגבים, דעמאלט קען שוין האבן אן אחיזה א דבר שמב־חוץ.

און בכדי עס זאל ניט זיין די קליין שפעלטעלע, דאס איז דורך אח־דות. ווארום יעדער איינער פאר זיך אליין איז ניט אלעמאל מרגיש א חסרון וואס געפינט זיך ביי אים, ווארום על כל פשעים תכסה אהבה. מצד אהבת עצמו זעט ער ניט אפילו א גרויסן שפאלט ומכל שכן א קליין שפעלטעלע. אבער בשעת מען איז צוזאמען, איז דער צווייטער דער־זעט. ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער קיום פון ואהבת לרעך כמוך — איז די אהבה ברובא דרובא ניט אויף אזוי פיל ער זאל כלל ניט באמערקן דעם צווייטנס חסרונות. און אז דער צווייטער מערקט אן דעם חסרון, און זאגט עס אים באופן המתאים, דעמאלט וועט ער דאס זען צו מתקן זיין.

וכידוע [3]) וואס דער מיטעלער רבי האט געמאגט אז יעדער איינער זאל האבן א חבר, אויף צונויפרידן זיך צוזאמען בנוגע צו ענינים פון תורה ומצוות, וואס דעמאלט איז דאס צווי נפש האלקית׳ן אויף איין נפש הבה־מית.

און אויב אין מיטעלן רבי׳נס צייטן האט מען עס געדארפט האבן, איז מכל שכן איצטער וואס דער חושך איז א גרעסערער, א חושך כפול ומכו־פל. מען זאל זיין צוזאמען, וואס דורך דעם וועט מען אראפנעמען אפילו קלייניקע שפעלטעלעך, וועט קיין דבר שמבחוץ קיין אחיזה ניט האבן, וועט מען זיין גאנץ, נצבים וקיימים.

ב. וואס מיינט מען עס די קליינע שפעלטעלע וואס צו אראפנעמען דאס דארף מען זיין צוזאמען?

עס איז ידוע אז נסיונות טיילן זיך בכלל פאנאנדער אויף צווי סו־גים: א) דער נסיון פון עוני, ארעמ־קייט. ב) דער נסיון פון עושר, רייכ־קייט. ובדרך כלל איז דער נסיון פון עושר גרעסער, אים איז שווע־רער בייצושטיין, ווי דעם נסיון פון עוני.

דערפאר איז בשעת דער נביא רעדט וועגן דער גאולה העתידה בביאת המשיח, זאגט ער [*3]), ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים. וואס די ווערטער פון אשור און מצרים, באצייכענען די צוויערליי נסיונות פון עוני און עושר [4]).

מצרים באצייכנט דעם נסיון פון עוני, פארקוועטשטקייט, מצרים מל־שון מצרים וגבולים. אזוי איז דאך

---

3) זע היום יום, כ טבת.

*3) ישעי׳ כז, יג.

4) לקוטי תורה (דברים נח, א) ד״ה והי׳ ביום ההוא יתקע.

געוועז גלות ושעבוד מצרים — עבודות און עבודה קשה המפרכת את הגוף ומשברתו.

דאַקעגן אַשור באַצייכנט דעם נסיון פון עושר, אין אַשור איז קיין שעבוד ניט געווען, עס האָט ניט געפעלט אין גשמיות, אדרבה, גלות אַשור איז געווען ווי ער זאָגט ארץ כארצכם. אַפילו אויף ענינים רוחניים פון תורה ומצוות געפינען מיר ניט קיין גזירות און שטערונגען. אין וואָס באַשטייט דער גלות פון אַשור, אַרויסגיין פון ארץ קודש און דאַן דער נסיון פון עושר. אשור מלשון באשרי, תענוג, דער פאַרגעניגן און די ברייטקייט אין ענינים גשמיים.

סנחרב האָט די אידן קיין שלעכטס ניט געטאָן, ער האָט זיי ניט געטשעפעט ניט אין גשמיות ניט אין רוחניות. די איינציקע זאַך וואָס סנחרב האָט געוואָלט איז, אַז די אידן זאָלן אַרויסגיין פון הר הקודש ירושלים און ארץ ישראל הרוחני — ובמילא איז דאָס אַרויסגעקומען אַזוי אויך אין גשמיות. — ירושלים ברוחניות איז כשמה יראה שלם[5]) שלימות היראה.

— און בשעת מען גייט אַרויס מענין היראה, פעלט דאַך שוין במילא אין כללות התורה ומצוות, וואָרום יראה איז דער ראשית העבודה ועיקרה ושרשה, כדאיתא בתניא[6]). אַזוי איז דאַך אויך פסק המשנה לעולם יקבל עליו עול מלכות שמים תחלה ואחר כך יקבל עליו עול מצוות, דער יסוד העבודה איז קבלת עול.

און אויף אַ פסק המשנה שטייט[7]) טעה בדבר משנה חוזר, טועה זיין בדבר משנה איז דאָס גאָר ניט בגדר שכל אנושי, און די הוראה פון טועה איז גאָר קיין הוראה ניט —

ארץ ישראל איז ארץ אשר עיני ה״א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה[7*]), אַז אין אַלערליי זמנים זעט מען ג־טלעכקייט, האָט סנחרב געוואָלט, מען זאָל דערפון אַרויסגיין. און אַריינקלייבן זיך אין מלכות אַשור אַן אָרט פון פאַרגעניגן און ברייטקייט אין גשמיות, וואָס במילא קען מען פאַרגעסן אויפן אויבערשטן און מיינען אַז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, ביז אַז אַני ואפסי עוד.

ובשעת ער מיינט אַז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, איז דאָך דאָס אַ העלם והסתר ביותר. אַפילו ביי גוים איז אויך דער חושך ניט אויף אַזוי פיל, וכידוע אַז אומות העולם דקרו לי׳ אלקא דאלקיא יודעים ומשיגים דמה הנשמה ממלאה את הגוף כך הקב״ה ממלא את העולם, מער ניט וואָס פון סובב כל עלמין ווייסן זיי ניט, לא ידעתי את הוי׳. — אָבער ער פאַרגעסט אינגאַנצן אויף אלקות און מיינט אַז אַני ואפסי עוד.

און דערפאַר איז בנוגע דעם נסיון פון מצרים זאָגט דער נביא דעם לשון נדחים און בנוגע דעם נסיון פון אַשור זאָגט ער דעם לשון אובדים. נדחים מיינט אַז ער איז פאַרשטויסן געוואָרן, ער האָט אַ שייכות צו אלקות, נאָר מצד דעם שעבוד

5) תוד״ה הר תענית טז, א.
6) פרק מא.

7) סנהדרין ו, א. לג, א.
*7) דברים יא, יב.

הגלות בגשמיות וברוחניות איז ער פאַרשטויסן געוואָרן. מה שאין כן אובדים מיינט אַז ער איז אינגאַנצן פאַרלאָרן געוואָרן רחמנא לצלן. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אויף אלקות.

ג. און דאָס מיינט די קליין שפּעל־טעלע, אַ סדק כקרני חגבים.

אין פריערדיקע דורות זיינען די גזירות באַשטאַנען אין דעם וואָס מען האָט געקוועטשט אידן, צי אין גש־מיות, אַז מען האָט זיי ניט געגעבן דעם רעכט וואָס צו אומות העולם להבדיל, צי אין רוחניות, אַז ס'איז געווען גזירות אויף לימוד התורה וקיום המצוות.

בדורות האחרונים ובפרט אין דער מדינה זיינען תהלה לא־ל ניטאָ קיין גזירות אויף לימוד התורה וקיום המצוות. אָבער עס איז געוואָרן דער נסיון פון עשירות, סכנת האובדים בארץ אַשור.

מצד די התרחבות און פאַרקאָכט־קייט אין גשמיות, קען מען מיינען אַז כוחי ועוצם ידי עשה לי ביז צום טראַכטן אַני ואפסי עוד.

ביז אַז ס'זיינען פאַראַן כמה וכמה ענינים במצוות בכלל ובפרט בחינוך הבנים ובהידורי מצוה, וואָס אַמאָל זייענדיק אין אַ שטעטל מעבר לים האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען ווי איז שייך ער זאָל ניט טאָן דעם הידור, און ווי איז שייך אַז אַזאַ און אַזאַ הנהגה וענין זאָל זיך ביי אים אין הויז געפינען, און זייענ־דיק איצטער אין אַמעריקע, פאַר־שטייט ער גאָרניט, ווי איז שייך ער זאָל טאָן דעם און דעם הידור, און ווי איז שייך אַז די הנהגה וענין זאָלן זיך ביי אים אין הויז ניט געפינען.

און אַפילו אויב דאָס זיינען נאָך ניט קיין ענינים פון היפך השולחן ערוך, איז דאָס אָבער אַ קליין שפּעל־טעלע, וואָס דאָס גיט אַן אַחיזה לדבר שמבחוץ. וכמאמר רז"ל וועגן דעם יצר הרע[8]) אַז פריער איז ער אַ הלך, דערנאָך אַן אורח, ביז ער ווערט אַ בעל הבית.

און בכדי ניט צולאָזן אַז דער יצר הרע זאָל ביי אים ווערן אַ בעל הבית, דאַרף ער זען ניט צו־לאָזן באַלד די קליין שפּעלטעלע. ובכדי אויף מבטל זיין די שפּעלטעלע, איז דאָס, כנ"ל, שווער זייענדיק אַליין, וואָרום אין אָדם רואה חובה לעצמו. און אויף דעם דאַרף מען האָבן אַן איגוד, מען זאָל זיך פאַראייניקן אַלע צוזאַמען, וואָס דאַן איז איינער העלפט אַרויס דעם צווייטן.

(משיחת ש"פ בראשית, תשי"ז)

# עשי"ת

א. דער שווער כ"ק מו"ח אדמו"ר נ"ע האָט אַמאָל אָנגעהויבן אַ פאַר־ברענגען מיט דעם ענין פון אכל בי עשרה שכינתא שריא[1]). הגם עס שטייט דאָך לית אתר פנוי מיני'[2]), אַז דער אויבערשטער איז פאַראַן

1) סנהדרין לט, א.

8) סוכה נב, ב.

2) תקוני זהר תיקון נז. געבראַכט אין שער היחוד והאמונה פרק ז.

אומעטום, איז וואס טוט אויף דער בי עשרה?

נאר דער ענין איז, אז בעת עס זיינען פאראן צען אידן צוזאמען, דעמאלט איז שכינה שרוי׳ מער בגילוי, אז א אידישע הארץ קומט דעמאלט לייכטער להתעוררות [3]).

דאס וואס לית אתר פנוי מיני׳, דארף מען האבן אויף דעם התבוננות, מען דארף זיך מתבונן זיין אין דעם, ווי דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט און ער פירט אן מיט דער וועלט, וואס במילא איז ער פאראן אומעטום, אין יעדער זמן און אין יעדן מקום. דארף מען זיך דאך אריינטראכטן אין דעם.

אבער בשעת עס געפינען זיך צען אידן צוזאמען, איז אפילו ניט אריינטראכטנדיק זיך אין דעם, ווערט מען נתעורר צו לימוד התורה וקיום המצוות, ווייל דעמאלט איז ג-טלעכקייט בגילוי, ובמילא איז די נשמה פון א אידן בהתעוררות.

ב. עס זיינען דא עולם, שנה ונפש.

אזוי ווי עס זיינען דא חילוקים אין נפש, דאס הייסט אז עס איז דא א מעלה יתירה ווען עס זיינען דא צען אידישע נפשות צוזאמען, אזוי זיינען אויך דא חילוקים אין זמן ומקום, וואס דאס איז דער ענין פון שנה און עולם.

בשעת מען געפינט זיך אין א בית הכנסת, בית המדרש אדער אין א ישיבה, איז דאס אינגאנצן אנדערש ווי בשעת מען געפינט זיך אין גאס א. ד. ג., ווארום מצד דעם מקום הקודש שטייט מען אין א התעוררות.

און אזוי איז אויך א חילוק אין זמן, אז בשבת ויום טוב אדער עשרת ימי תשובה שטייט מען דאן אין א טיפערער התעוררות ווי א גאנץ יאר.

היינט בשעת עס טרעפן זיך אלע דריי זאכן צוזאמען. דא איז פאראן צען אידן, און נאך עטלעכע מאל צען, מען געפינט זיך אין דער צייט פון עשרת ימי תשובה, וואס אויף דער צייט שטייט [4]) דרשו ה׳ בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב, דער אויבערשטער איז נאענט צו יעדער אידן ווער ער איז און וואו ער איז, און מען געפינט זיך אין דער הויז וואו דער שווער כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געדאווענט און געלערנט צען יאר, איז מצד די אלע דריי זאכן צוזאמען אודאי א שעת רצון ושעת הכושר אויף נתעורר ווערן אין אלע ענינים פון תורה ומצוות בהנוגע דעם טאג-טעגלעכן לעבן.

וואס דאס איז דאך דער תכלית פון תורה, אז מען זאל זיין כדבעי ניט נאר זייענדיק בעשרה אין בית הכנסת אדער ישיבה: און אין דער צייט פון עשרת ימי תשובה, נאר אויך אין יעדער צייט און אין יעדער ארט זאל מען זיך אויפפירן לויט דער התעוררות אין וועלכער מען איז געשטאנען זייענדיק בצבור בעשרת ימי תשובה אין שול.

און בכדי מען זאל זיך אויפפירן א גאנץ יאר כדבעי, אויף דעם נעמט מען כוח און שטארקייט אין דער

---

3) זע אגרת הקדש סימן כג. תניא פרק ו. וצע"ק מתניא ספי"א, תו"א נה, ג. ווי"ל עפמ"ש בלקו"ת דברים סט, ב. ואכ"מ.

4) ראש השנה יח, א. רמב"ם הלכות תשובה פ"ב ה"ו.

צייט פון עשרת ימי תשובה, אַז אויך אַ גאַנץ יאָר זאָל מען זיך אויפפירן ווי מען דאַרף און זיין נאָענט צום אויבערשטן.

וואָס דער אויבערשטער איז דער איינציקער בעל הבית און דער אמת׳־ער בעל הבית אויף דער גאַנצער וועלט. און דורך דעם וואָס עשה רצונך כרצונו יעשה רצונו כרצונך [5], אַז דער אויבערשטער וועט געבן אַלץ וואָס מען דאַרף, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות.

ג. דערמיט וועט מען פאַרשטיין דעם קישור העינינים פון יום כפור מיט דער תפלת כהן גדול וואָס ער פלעגט זאָגן באַלד נאָך דער עבודה.

יום כפור איז דער הייליקסטער טאָג פון גאַנץ יאָר (שנה), וואָס דעמאָלט איז די התעוררות הנשמה אַ סך מער ווי אין די איבעריקע טעג פון יאָר (נפש), און דעם רוב טאָג איז מען אין שול במקום קדוש (עולם), און בפרט בזמן שבית המק־דש הי׳ קיים איז דער כהן גדול געווען אין קדשי קדשים, איז באַלד נאָך דער עבודה פלעגט ער מתפלל זיין אַ תפלה קצרה צום אויבערשטן אויף פרנסה פאַר אַלע אידן. ווייל דורך דעם וואָס אידן זיינען פאַר־בונדן און נאָענט צום אויבערשטן, קען מען דעמאָלט פועל׳ן ביים אויבערשטן אַלץ וואָס מען דאַרף, אָן איבעריקע בקשות, עס איז מספיק אַ תפלה קצרה, עס זאָל זיין פרנסה און פרנסה בכבוד, און קינדער, אויך אין גשמיות, אַזוי ווי עס ווערט אויסגערעכנט אין דער תפלה קצרה פון דעם כהן גדול.

ד. איך ווינטש אייך אַלעמען אַ סך הצלחה אין אַלע אייערע ענינים פר־טים, ווי אויך אַ סך הצלחה אין אייער אַרבעט לטובת דער ישיבה, אַז די ישיבה תומכי תמימים זאָל קע־נען עפענען די טירן און אַרייננע־מען אַ סך מער תלמידים, וואָס זיי וועלן שפּעטער זיין פירערס ביי אידן, און פאַרשפּרייטן ג־טלעכקייט אין וועלט.

און דורך דעם וועט מען זוכה זיין צו אַ חתימה און גמר חתימה טובה בתוך כלל ישראל.

(משיחה לעסקני ישיבת תו״ת, ו׳ תשרי, תשמ״ז)

# שמע״צ ושמח״ת

א. די קביעות פון שמיני עצרת און שמחת תורה איז די זעלבע קבי־עות ווי ראש השנה.

ראש השנה איז דאָך צוויי טעג [1]. מדאורייתא איז ראש השנה אַזוי ווי יעדער יום טוב, בלויז איין טאָג, נאָר מצד סבות שונות איז אין

---

5) אבות פרק ב משנה ד.

1) „כי ר״ה לעולם ב׳ ימים אפילו בזמן שהיו מקדשין ע״פ הראי׳" (לקו״ת דרושי ר״ה ד״ה יחיינו (דברים סג, ב)) — ואין הכוונה שבכל שנה ושנה ר״ה הוא ב׳ ימים אלא שלעולם גם בזמן שמקדשין ע״פ הראי׳ אירע אשר ר״ה הי׳ ב׳ ימים. — וראה ירושלמי עירובין פ״ג ה״ט: בשני יו״ט של ר״ה שהן מתקנת נביאים הראשו־נים. ובסוטה מח, ב: מאן נביאים הראשונים כו׳.

גלות פאַראַן צוויי טעג יום טוב, וואָס דאָס איז דער יום טוב שני של גליות. אָבער בראש השנה איז מצד סבות אויך אין ארץ ישראל פאַראַן צוויי טעג, און די קביעות פון שמיני עצרת ושמחת תורה איז די זעלבע ווי פון בײדע טעג ראש השנה.

ב. פון ראש השנה ביז שמיני עצרת איז איין און צוואַנציק טעג, וואָס דאָס איז דער זמן פון צמיחת שקדים, כידוע אַז דער קלענסטער זמן הצמיחה אין פירות איז ביי שקדים, וואָס זייער זמן הצמיחה איז כ"א יום [2].

אין שקדים זיינען פאַראַן שקדים מרים און שקדים מתוקים, און דער זמן פון כ"א יום, וואָס דאָס איז דער זמן היותר מועט בצמיחה, ווייזט דאָס אויף מהירות ההמשכה, כמבואר בלקוטי תורה [2*], אַז דאָס איז דער ענין פון עד מהרה ירוץ דברו.

און דאָס זיינען די איין און צוואַנציק טעג פון ערשטן טאָג ר"ה ביז שמע"צ, דאָס ווייזט אויף דער מהירות ההמשכה, אַז די המשכה וואָס איז נמשך געוואָרן בראש השנה גייט זי במהירות אָן קיינע עיכובים און זי קומט אַראָפּ אין קליטה בשמע"צ.

ג. אַזוי ווי שמיני עצרת איז די זעלבע קביעות ווי דער ערשטער טאָג ר"ה וביניהם כ"א יום, אַזוי איז שמחת תורה די זעלבע קביעות ווי דער צווייטער טאָג ר"ה און עס איז דאָ איין און צוואַנציק טעג צווישן זיי.

דער ביאור הענין איז:

אין ערשטן טאָג ר"ה, דעמאָלט איז דאָך די כתיבה טובה, ד. ה. דעמאָלט איז די תחילת ההמשכה, און דאָס ווערט נמשך אין די כ"א יום ביז שמיני עצרת, וואָס איז די קליטה פון דער המשכה.

דעם צווייטן טאָג ר"ה איז שוין דעמאָלט די המשכה במוכן, פון דער כתיבה טובה פון ערשטן טאָג, און עס הויבט זיך אָן די קבלה. בכדי צו מקבל זיין דאַרף מען דאָך אָנקומען צו תורה, וואָס תורה איז דער כוס ישועות, די כלי לקבלה, דערפאַר איז דער סיום פון די כ"א יום פון צווייטן טאָג ר"ה פאַרבונדן מיט שמחת תורה.

ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געזאָגט כמה פעמים, אַז שמיני עצרת און שמחת תורה איז דער זעלבער ענין פון ראש השנה. נאָר דאָס וואָס ראש השנה נעמט מען בקו המרירות, נעמט מען בשמע"צ ושמח"ת בקו השמחה [**2].

ד. היינטיקע נאַכט (ליל שמחת תורה) איז אַ ממוצע המחבר ביידע טעג — שמיני עצרת און שמחת תורה.

עס איז ידוע דער כלל, אַז היום הולך אחר הלילה [3] ובקדשים הלילה הולך אחר היום [4]. במילא האָט היינטיקע נאַכט אַ שייכות צו שמיני עצרת און שמחת תורה. צו שמיני עצרת מצד דעם ענין הקדשים דהלילה הולך אחר היום, און צו שמחת

---

2) קהלת רבה פי"ב עה"פ וישב העפר.

*2) במדבר נח, ג.

**2) הועתק בהיום יום, כב תשרי.

3) חולין פג, א.

4) דאָרט, און תמורה יד, א.

תורה מצד דעם סדר הבריאה דהיום הולך אַחר הלילה.

דער חילוק פון שמיני עצרת און שמחת תורה איז, וואָס שמיני עצרת איז מדאורייתא און ס'איז אויך פאַראַן אין ארץ ישראל, און שמחת תורה בפני עצמו איז מדרבנן, און איז נוהג נאָר אין חוץ לארץ.

ולכאורה איז ניט מובן:

ווי קומט עס אַז אין חוץ לארץ זאָל זיין נאָך אַ טאָג יום טוב וואָס אין ארץ ישראל איז ניטאָ. ארץ ישראל איז דאָך ארץ אשר עיני ה"א בה וגו' און עס איז דער פּלטין של מלך.

— וואָס דערפאַר דאַרף מען דאָך האָבן אַ זהירות יתירה צו זיין אין ארץ ישראל, און די וואָס קענען דאָס ניט אויספירן דאַרפן זיך מונע זיין פון צו פאָרן אין ארץ ישראל[5]. וואָרום וויבאַלד אַז ער געפינט זיך בהיכלו של מלך איז דאָרט יעדער ענין האַרבער ווי אין חוץ לארץ:

א) פאַראַן כמה ענינים וואָס אין חוץ לארץ זיינען זיי ניט קיין חטא און אין ארץ ישראל איז דאָס יאָ אַ חטא.

ב) אין ארץ ישראל איז דער חטא מער נוגע, וואָרום ער איז מורד חס ושלום בפני המלך —

האָט דאָך ארץ ישראל מער שייכות צו קדושה, היינט ווי קומט עס, אַז דווקא אין חוץ לארץ איז פאַראַן נאָך אַ יום טוב, מקרא קודש, וואָס אין ארץ ישראל איז דאָס ניטאָ.

הגם עס שטייט אין מדרש, אַז דורך דעם וואָס מען היט אָפּ איין טאָג יום טוב אין ארץ ישראל האָט מען דעם זעלבן שכר ווי אין חוץ לארץ צוויי טעג, דאָס איז אָבער בנוגע קבלת שכר, אָבער ניט דאָס איז דאָך דער עיקר המצוות והימים טובים בשביל קבלת שכר, דער עיקר המצוה איז דאָך וואָס מצוה איז מלשון צוותא וחיבור, אַז ער ווערט מחובר מיטן אויבערשטן, איז אין דעם קומט דאָך צו אַן ענין אין חוץ לארץ וואָס אין ארץ ישראל איז דאָס ניטאָ, וואָס אין חוץ לארץ קומט צו דער גילוי פון יום טוב שני של גליות.

נאָר דער ענין איז, אַז היא הנותנת, ווייל אין חוץ לארץ גייט דורך די השפעה דורך די ע' שרים כידוע, איז דער חושך דאָ אַ גרעסערער, איז וואָס דער חושך איז גרעסער דאַרף מען האָבן מערער און אַ גרעסערן אור בכדי צו באַלייכטן דעם חושך.

דערפאַר האָט מען געגעבן אין חוץ לארץ אויך דעם גילוי פון יום טוב שני של גליות, וואָס דורך דעם קען מען באַלייכטן אויך דעם חושך פון חוץ לארץ, און מאַכן אויך פון חוץ לארץ ארץ ישראל.

ה. מען גייט באַלד צו הקפות, וואָס דער ערשטער פסוק איז: אַתה הראת לדעת כי הוי' הוא האלקים אין עוד מלבדו. ופירש כ"ק מו"ח אדמו"ר בשם אדמו"ר הזקן[6]: אַתה, דו, עצמות אין סוף ב"ה, הראת, האָסט זיך באַוויזן, לדעת, אַז מען זאָל דיך קענען וויסן, אַז הוי' הוא האלקים ואין עוד מלבדו, אַז די גאַנצע וועלט איז מער ניט ווי אלקות.

---

5) זע תשב"ץ (קטן) סימן תקנט.

6) געבראַכט אין ספר המאמרים קיץ הש"ת עמוד 146.

און דאָס מאָנט מען ביי יעדן אידן, ער זאָל וויסן אַז די גאַנצע וועלט איז קיין שום מציאות ניט, זי איז אַין ואפס, און דאָס וואָס זי איז פאַראַן, איז דאָס נאָר וואָס דער אויבערשטער איז זי שטענדיק מהוה מאין ליש, ובמילא איז כל מציאותה מער ניט ווי אלקות.

וואָס דערפאַר איז אויך בשעת מען געפינט זיך אין עניני עולם, דאַרף מען בשעת מעשה זיין משועבד צו אלקות, און אויך די ענינים גופא משעבד זיין צום אויבערשטן.

ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט דערציילט, אַז איינער אַ חסיד — ער איז געווען אַ גרויסער סוחר — האָט געמאַכט אַ חשבון אין מסחר, און נאָך דעם גאַנצן חשבון האָט זיך ביי אים אונטערגעשריבן אין סך־הכל: אין עוד מלבדו.

צי מען פאַרשטייט יאָ אָדער מען פאַרשטייט ניט, אָבער בנוגע לפועל דאַרף מען זיך פירן אַזוי. בכל דרכיך דעהו, מאַכן וועלט פאַר אַ כלי צו אלקות. אַ כלי צו פרנסה דאַרף זיין אַ כלי טהורה, על פי תורה. בנתינת צדקה דאַרף מען געבן כפי יכולתו ויותר מכפי יכולתו, וויסנדיק זיכער אַז די וועלט פירט דער אויבערשטער, און וויבאַלד אַז ער האָט געשריבן אין דער תורה, אַז לצדקה דאַרף מען געבן אַ חומש וארבע הידות יהיו לכם, איז בשעת אַ איד גיט צדקה, גיט אים דער אויבערשטער די ארבע הידות.

דאָס הייסט כפשוטו: בשעת אַ איד איז מנדב אַ געוויסן סכום אויף צדקה וואָס ער זעט נאָך ניט דערווייל קיינע צנורות פון וואַנען ער זאָל נעמען דעם סכום, מאַכט שוין אויף דער אויבערשטער צנורות, ניט נאָר ער זאָל קענען קריגן דעם סכום שנדב, נאָר ער זאָל אויך האָבן די אַרבע הידות שיהיו לכם. איז אַ סוחר, וואָס קען אַביסל חשבון, וועט פאַרשטיין אַז עס לוינט זיך צו געבן וואָס אַ גרעסערן חומש, בכדי צו האָבן גרעסערע אַרבע הידות.

וואָס דאָס אַלץ קומט מצד דער ידיעה, אַז אין עוד מלבדו און הוי׳ הוא האלקים, טבע איז למעלה מהטבע, וועלט איז אַ כלי צו אלקות.

(משיחות ליל שמח״ת — קודם הקפות — תשט״ז)

ו. כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט געזאָגט, אַז שמיני עצרת ושמחת תורה איז דער זעלבער ענין ווי ראש השנה, נאָר בראש השנה איז דאָס בקו המרירות און בשמע״צ ושמח״ת איז דאָס בקו השמחה.

ראש השנה איז דאָך מצות היום בשופר. זאָגט אויף דעם דער רמב״ם [7], רמז יש בו, עורו ישנים משינתכם ונרדמים הקיצו מתרדמתכם.

מיינט מען ניט דוקא שינה רוחנית כפשוטה. מען מיינט אַפילו שינה בבחינה נעלית ביותר. ווי עס איז ידוע אַז בעת השינה איז די נשמה עולה למעלה ושואבת לה חיים [8], וואָס דאָס איז אַ מדריגה נעלית ביותר. דוקא ווען די נשמה איז בבחינת עלי׳ פון גוף, בעת השינה, דעמאָלט דוקא קען זי שואב זיין די חיים רוחניים. און ווי עס שטייט דער לשון אויף דעם, אַז בעת השינה ווען די נשמה איז עולה

---

7) הלכות תשובה פ״ג ה״ד.

8) ב״ר ס״פ יד. וראה סדר״א פי״ב.

למעלה, טוט זיך דעמאָלט די נשמה אָפּלעבן.

איז הגם דאָס איז אַ מדריגה נע־לית ביותר, פונדעסטוועגן זאָגט מען דערויף עורו ישנים משינתכם.

ווייל ניט דאָס איז די כוונה עליו־נה. די כוונה איז קיום התורה ומצוות למטה דווקא.

ז. וואָס דאָס איז על דרך ווי חז"ל זאָגן אויף אהרן הכהן, על פסוק ויעש כן אַהרן, להגיד שבחו של אַהרן שלא שינה [9]. פרעגט מען די קשיא, וואָס איז דאָס פאַר אַ שבח און מעלה אויף אַהרן'ען, שלא שינה?

נאָר דער ענין איז, אַהרן האָט גע־וואוסט די כוונות פון הדלקת הנרות, אַז עס זיינען פאַראַן ז' נרות כנגד ז' מדות וואָס זיינען פאַראַן ביי בני ישראל, פאַראַן אַזעלכע וועלכע זיי־נען בבחינת חסד און פאַראַן אַזעל־כע וועלכע זיינען בבחינת גבורה וכו' און דורך דעם וואָס אַהרן האָט אָנגעצונדן די נרות פון מנורה האָט ער אָנגעצונדן אַלע נשמות ישראל, נר הוי' נשמת אדם, און ער האָט זיי מעלה געווען זיי זאָלן האָבן אהבה צו אלקות ביז אַז תהא שלהבת עולה מאלי'. מצד דעם וואָס אַהרן האָט געוואוסט און מכוון געווען אַלע כוו־נות און איז געווען אַריינגעטאָן אין זיי, האָט דאָך געקענט זיין די עשי' בפועל דאָ למטה ניט מסודר;

פונדעסטוועגן איז אַלץ געווען כר־אוי. ער האָט אָנגעצונדן די מנורה, געוואָרט ביז די שלהבת עולה מאלי', און דאַן אַראָפּ פון די טרעפּ, אַלץ בסדר.

און דאָס איז שבחו של אַהרן — שלא שינה. זייענדיק אין די העכסטע מדריגות האָט ער געטאָן דעם בפועל ממש למטה ריכטיק, אַקוראַט ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן.

און דאָס איז אויך דער אָנזאָג, עורו ישנים משינתכם ונרדמים הקי־צו מתרדמתכם. עס זיינען פאַראַן מדריגות בשינה: שינה, תרדמה, וואָס דאָס מיינט מען אויך אין מדריגות נעלות, מכל מקום זאָגט ער עורו והקיצו, וואָרום ניט דאָס איז דער תכלית הכוונה, ווי ער זאָגט דאָרטן אין רמב"ם, אֲשר לא יועיל ולא יציל, נאָר זכרו בוראכם, ווי דער אויבערש־טער האָט געהייסן — קיום המצוה בפועל.

ח. דאָס איז אויך דער ענין וואָס ביום הכפורים האָט מען געדאַרפט היטן דעם כהן גדול ער זאָל ניט אַנטשלאָפן ווערן [10]. שינה איז דער ענין פון הנשמה עולה למעלה ושוא־בת לה חיים, דערפאַר איז שייך אַז ביי דעם כהן גדול כשר זאָל זיין שינה. פונדעסטוועגן האָט מען אים געהיט עס זאָל ניט זיין אַזוי, ווייל ניט דאָס איז תכלית הכוונה.

שמיני עצרת ושמחת תורה איז דער זעלבער ענין ווי ראש השנה, נאָר בקו השמחה, כנ"ל. דאַרף מען בשמחת תורה אויך זאָגן עורו יש־נים משינתכם וכו', ואפילו ניט סתם שינה נאָר שינה במדריגה נעלית ביותר, איז אָבער ניט דאָס די כוונה, נאָר — מצות היום בשמחה, — פשוט מען זאָל זיין פריילעך. שישו ושמחו בשמחת תורה.

---

9) רש"י בשם הספרי, במדבר ח, ג.

10) יומא פרק א משנה ו־ז.

ט. בכלל זיינען אלע ענינים פון ר־אש השנה ויום הכפורים בבחינת עצרת וקליטה אין שמיני עצרת, און בשמיני עצרת איז דאס בקו השמחה.

עס איז דאך ידוע, אז בראש הש־נה איז פאראן דער ענין הדורמיטא. ערב ראש השנה ובליל ראש השנה איז עליית העולמות, און שפעטער דורך די תפלות ראש השנה ותקי־עת שופר איז פאראן די הכתרה און די המשכה, ביז אז דער גמר ההמשכה והקליטה איז בשמיני עצרת.

אזוי ווי דאס איז בכללות, במשך ימי השנה, אזוי איז דאס אויך בפר־טיות במשך ימי השבוע. יעדן ערב שבת וליל שבת מעלי שבתא איז פאראן די עליית העולמות, שהוא ענין דורמיטא און בשבת איז די המשכה [11]).

וואס אזוי אויך בבריאת אדם הרא־שון ביום הששי, איז געווען דער ויפל תרדמה על האדם, און דערנאך איז געווען די נסירה און דערנאך דער יחוד, וההמשכה בשבת קודש.

דער רבי נ"ע האט דערציילט [12]), אז דער אלטער רבי פלעגט אנט־שלאפן ווערן פרייטיק פארנאכט, ווייל למעלה איז דעמאלט זמן שינה. ויש לומר שזהו ענין עליית העולמות בערב שבת.

י. אזוי ווי עס איז דא דער ענין הדורמיטא בימי השבוע וימי השנה, אזוי איז דאס אויך בכללות אין די שית אלפי שנין דקיימא עלמא, אז בסוף שית אלפי שנין, פרייטיק פארנאכט דכללות, איז פאראן די עלי' וסילוק, וואס דערפון נעמען זיך די חבלי משיח, מיט די אלע גזי־רות רחמנא לצלן, און דערנאך איז די המשכה בביאת המשיח.

בנוגע לענינינו:

אזוי ווי היינט זיינען צוזאמענגעקו־מען אלע דריי ענינים ביחד: עס איז פרייטיק פארנאכט, די התחלה פון שבת, עס איז שמיני עצרת און עס איז שוין בסיום שית אלפי שנין, פאר משיח'ן, דארף זיך שוין אנ־הויבן דער סדר פון המשכות, אז באלד פון שמיני עצרת ושמחת תורה זאל מען גיין אנטקעגן דער גאולה האמיתית והשלימה וואס וועט זיין בקרוב ממש, ניט בעגלא דידי' נאר בעגלא דידן, למטה מעשרה טפחים, במהרה בימינו אמן.

(משיחת יום שמח"ת, תשי"ז)

יא. בכדי אז די המשכות פון חו־דש תשרי, חודש הכללי, זאלן אראפ־קומען אין דער עבודה פון ויעקב הלך לדרכו ללמוד ולעשות בכל הש־נה, איז דאך ידוע אז אלע המשכות ווערן נמשך למטה מטה — דורך צדקה, ווי עס שטייט אין אגרת הק־דש [13]) אז דורך צדקה און גמילות חסד, חס דלי"ת, דלית לי' מגרמי' כלום, דורך דעם וואס ער איז מחי' רוח שפלים ומשפיע רב חסד, ווערט נמשך אויך צו אים מלמעלה דאס וואס ער דארף. ווארום, בכלל זיי־נען אלע המשכות מלמעלה נאר א זאך פון צדקה [14]) וואס דער אויבערש־טער טוט. אפילו דאס וואס באתערו־

11) ראה שער הכוונות סוכות ד"ג. פע"ח שער ראש השנה סוף פרק ב. עץ חיים שער מיעוט הירח פרק ב, ג.

12) תורת שלום — ספר השיחות ע' 13.

13) זע דארט סימן ו, י. ועוד.

14) זע אגרת הקדש סימן יז.

תא דלתתא אתערותא דלעילא איז דאָס ניט קיין דבר המוכרח, נאָר אַזוי האָט דער אויבערשטער גע־וואָלט [15]), וואָס דאָס איז צדקה.

אַזוי ווי היי־יאָר איז אַן עיבור יאָר, און דער יאָר האָט דריי הונ־דערט דריי און אַכציק טעג, וואָלט איך מציע געווען אַז יעדער איי־נער זאָל געבן אויף צדקה אַ צאָל פון דריי הונדערט דריי און אַכציק: האַלבע סענטן, סענטן, ניקלס, דיימס, דאָלערס, הונדערט דאָלערס, ח״י הונ־דערטער, וואָס דורך דעם וועלן נמשך ווערן צו אים אַלע המשכות בגש־מיות וברוחניות.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַנדערע מדינות דאַרף מען געבן די צאָל אין דער מטבע פון יענער מדינה.

ומובן אַז דאָס דאַרף ניט ממעט זיין די צדקות הקבועות, אָדער דאָס וואָס מען האָט געגעבן דריי מאָל און ניט געזאָגט דערביי בלי נדר [16]). דאָס איז אַ צדקה נוספת אויף די צדקות הקבועות.

אויך איז מובן, אַז יעדער איינער דאַרף געבן כפי יכלתו, מען קען ניט יוצא זיין מיט אַ מנחת עני, וואָרום עשיר שהביא קרבן עני לא יצא [17]).

15) זע לקו״ת שה״ש ד״ה להבין כו׳ למה שהאתדל״ע. ד״ה לרוקע תקס״ב (געדרוקט בס׳ תקס״ב (ע׳ קצד) ובספר דרך מצותיך בסופו). המשך ר״ה ה׳תש״ג בארוכה. — ומה שארז״ל (ברכות יז, ב) הרחוקים מצדקה כו׳ ניזונים בזרוע, היינו לאחר שכבר הוחלט ברצון העליון אשר באתעדל״ת יהי׳ אתעדל״ע. וק״ל.

16) זע שער הכולל פרק מא.

17) משנה סוף נגעים.

יב. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יע־דערער קען פאַרטיילן די געלט אויף צדקה ווי ער וויל. אָבער מצד בלבו־לים ופיזור הנפש, איז קרוב הדבר, אַז מען זאָל פאַרגעסן געבן יעדן טאָג. אויך איז דאָך אַ שאלה צי מען וועט טרעפן און געבן אין דעם אָרט וואו מען דאַרף, למקום הראוי.

איז די וואָס ווילן זיך פאַרלאָזן אויף מיר, קענען דאָס געבן על דעתי, אין דער קופה הכללית, וואָס דאָ איז פאַראַן, וואָס פון דער קופה כללית גייט אַרויס געלט יעדער טאָג. וועט יעדער זאַך, סוף סוף, אָנקו־מען למקומה הראוי.

— כ״ק מו״ח אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע האָט אַמאָל געזאָגט, אַנט־קעגן דעם וואָס מצד העניינים דשמחת תורה טרעפט אַמאָל אַן עירבוב ובל־בול אין די תפלות, אַז די מלאכים זיינען דערנאָך מסדר אַז יעדער וואָרט זאָל אָנקומען למקומו הראוי, אַזוי ווי אַ סטרעלעטשניק שיקט און פירט פאַנאַנדער די באַנען, יעדער וואַ־גאָן אין דעם אָרט וואו ער געהערט.

יג. עס איז דאָ נאָך אַ מעלה אין אַ נתינה לקופה כללית און אין דעם פאַנאַנדערטיילן די צדקה דורך אַזאַ קופה דוקא:

אין צדקה זיינען דאָך דאָ צוויי חל־קים: א) וואָס ער גיט אָוועק, עס גייט אַרויס [18]) פון זיין רשות געלט, און עס ווערט צדקה געלט. דאָס ווערט אָפּגעטאָן גלייך ווי ער גיט עס אָפּ לגבאי צדקה.

ב) דורך זיין געלט ווערט אָפּגע־טאָן פדיון שבוי פלוני, הכנסת כלה

18) זע ספרי און רש״י דברים כד, יט.

פלונית, מחי׳ נפש עני פלוני, א. אַ. וו. אָדער ער האָט, על כל פנים, אַ טייל אין דעם.

דערגרייכן דעם צווייטן חלק, און אין דעם גרעסט־מעגלעכן פאַרנעם — קען מען דורכן אַריינגעבן די געלט בקופה כללית. דעמאָלט ווערט עס ווי תערובות לח בלח, אַז אין יעדער סכום וואָס עס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער קופה האָט ער געהאַט אַנטייל.

על דרך ווי מיר ווייסן אין דעם דין פון מחצית השקל וואָס מען האָט געגעבן ללשכה — אַז יעדער נותן האָט געהאַט אַ חלק[19] אין יעדער קרבן תמיד, און אין קרבנות הצבור בכלל;

און אַפילו אַז זיין באַטייליקונג איז געוועזן פחות משוה פרוטה[20].

יד. נאָך אַ מעלה גדולה איז דאָ אין דער נתינה לקופה הכללית הנ״ל דוקא.

מיר האַלטן דאָך איצטער שוין עטלעכע וואָכן נאָכן אָנהויבס יאָר. וואָס וועט זיין מיט די טעג וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען, און די המשכות וואָס זיינען שייכות צו די פאַרגאַנגענע טעג, וואָכן, שבתות ומועדים? ובפרט — אַז דאָס זיינען דאָך ימים כללים, שבת כללי, און ימים טובים כללים אויפן גאַנץ יאָר?

אָן עצה לזה קען מען אויך אָפּלערנען פון נתינת מחצית השקל ללשכה. אַף על פי אַז במחצית השקל איז געוועזן אַ זריזות מצוה זיך משתדל זיין אַז זיין מחצית השקל זאָל קומען וואָס פריער, בתחלה, פונדעסטוועגן איז אויך די וואָס האָבן זיך, על פי סבות שונות, פאַרשפּעטיקט מיט זייער נתינה — האָבן זיי פונדעסטוועגן געהאַט זייער חלק אויך אין די געלט וואָס מ׳האָט אויסגעגעבן פון לשכה נאָך איידער זייער מחצית השקל איז אָנגעקומען[21].

דאָס איז בכוח פון אַ גבאי דקופה כללית צו תורם זיין היינט על הגבוי ועל העתיד לגבות, אויך אויף געלט וואָס וועט אַריינקומען לאחר זמן.

אַזוי אויך בנידון דידן: די תרומות מקופה הכללית איז הותנה עליהם, אַז אויך די וואָס וועלן אַריינגעבן זייערע סכומים לאחר זמן, זאָלן האָבן אַ חלק אין די דאָזיקע תרומות.

טו. בכל זה נכון במאד מאד, אַז די נתינות הנ״ל זאָל מען געבן בהקדם, באַלד מאָרגן. לבד די מעלה פון זריזות, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר ענין פון דער עקידה, וואָרום די עקידה אַליין איז ניט אַזאַ נסיון גדול, ווי דער אַלטער רבי איז מבאר[22] אַז אַ סך אידן האָבן זיך מוסר נפש געוועזן על קידוש השם, נאָר דער עיקר איז די זריזות נפלאה וואָס עס איז געוועזן דערביי, וישכם אברהם בבקר וגו׳, און דעם זכות הזריזות פון אברהם׳ן האָבן מיר לדורות לנו ולבננו עד עולם; איז לבד

19) במדבר רבה פי״ח, י: יש לאלו חלק באותה מנחה. ברש״י ערכין ד, א סד״ה שלנו: זיל בתר רובא. וראה זבחים ד, סע״א. רמב״ם תמורה א, א.

20) להעיר מפרש״י סוכה (כז, ב) ד״ה כל. מנחת חינוך מצוה שכה ובהגהות שם. שע״ת לאו״ח סתפ״ב סק״א. ואכ״מ.

21) זע שקלים פ״ג ה״ג. כתובות קח, א.

22) אגרת הקדש סימן כא.

מעלת הזריזות, וויבאַלד אַז דאָס דאַרף דאָך אַוועקגיין יעדער טאָג, זאָל מען דאָס געבן באַלד מאָרגן — מכיון אַז עס הענגט אָפּ אין אים, און ער איז ניט קיין אָנוס. און אַז עס וועט זיין דורך דעם מער הרחבה בקופת הצדקה, וועט אויך זיין מער הרחבה אין די ענינים אויף וועלכע מ'נעמט פון איר, און דאָס וועט אויך ברענגען אַ תוספת אין די אַלע המשכות וואָס קומען דורך דעם מלמעלה סיי בגשמיות סיי ברוחניות.

(משיחת ש"פ בראשית
(המשך דשמח"ת), תשי"ד)

# מכתבים

# ב ר א ש י ת

ב״ה א׳ דר״ח מ״ח, ה׳תשי״ג
ברוקלין, נ. י.

ברכה ושלום!

...תורתנו הקדושה איז אַ נצחית, פון איר קען מען ארויסלערנען און ארויסנעמען הוראות און אָנווייזונגען אין אַלע ענינים, פאַר אַלערליי צייטען און מדינות וואו מען געפינט זיך.

די תורה הויבט זיך אָהן מיט דער פרשה בראשית, וואו עס ווערט דערציילט דער סדר פון בריאת העולם. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די תורה איז ניט סתם אַ סיפורים־בוך, נאָר, ווי דער פירוש פון וואָרט תורה, הוראה, אַ וועג ווייזערין אין דעם טאָג טעגליכען לעבען, ווי אויפצופירען זיך ריכטיג בגשמיות וברוחניות.

אין דער דערציילונג פון דער תורה, ווי די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען איז צווישען אַלע טיפע רמזים, אויך דאָ די אָנדייטונג ווי עס שאַפען זיך פאַרשידענע ענינים אין דער פּרטיות׳דיקער וועלט.

יעדע אַרבעט און יעדע באַוועגונג וואָס ווערט געשאַפען, סיי אַ רוחניות׳דיקע סיי אַ גשמיות׳דיקע, איז: בראשית, די התחלה און דער עיקר דערביי, צו וויסען און געדיינקען, אַז אלקים ברא את השמים „רוחניות״ ואת הארץ „גשמיות״, השם יתברך שאַפט דאָס, נאָר ער וויל, אַז דאָס זאָל דורכגיין דורך באַשטימטע מענטשען, וועלכע דאַרפען זיך באַטראַכטען אַלס זיינע שלוחים אויף דורכפירען זיין רצון.

אין התחלת הבריאה, איז והארץ היתה תהו ובהו וחשך גו׳: — אין דעם אָנהייב פון יעדער גוטע קדושה׳דיקער אַרבעט אָדער באַוועגונג, דאַכט זיך אויס, אַז עס איז פוסט, וויסט און פינסטער פון אַרום, עס וועט זיין שווער צו אויפבויען ריכטיג אַז עס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דער מטרה, — דערציילט די תורה הקדושה, אַז גלייך אין אָנהויב בריאה, איז: ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור, — השי״ת מאַכט אַז דאָרט וואו עס איז געוועזן פינסטער, ווערט פלוצלונג ליכטיג, און נאָכדעם איז געשאַפען געוואָרען סדר, באַשאַפען געוואָרען צומח, „פלאַנצונגען״, נאָכדעם חי, „לעבעדיגע ברואים״ וואָס זיינען העכער פון צומח, און דאַן אדם הראשון — וואָס ער איז מבחר הבריאה, דער העכסטער פון בריאה.

אַזוי אויך אין יעדער אַרבעט און באַוועגונג פון קדושה (זע ויקרא רבה פכ״ח, ג׳), מען דאַרף זיין שטאַרק אין דעם באַשלוס אַז עס מוז געשאַפען

ווערען, און דאָן איז אפילו אין דעם אָרט, וואו עס איז פריער באמת געווען פינסטער ווערט אין איין רגע ליכטיג, און דאָס איז די התחלה פון דער שאפונג און וואַקסען אַלץ בעסער און העכער, וכמאמר רז״ל מעלין בקדש, אַז אין יעדע זאַך וואָס עס איז פאַרבונדען מיט תורה און מצות, גייט מען און מען שטייגט מחיל אל חיל.

בברכה

***

ב״ה, ר״ח מ״ח, ה׳תשכ״ב
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

מאשר הנני קבלת מכתבו.

ובבואינו זה עתה משבת בראשית, וע״פ

מאמר רבנו הזקן אשר הארת שבת בראשית מאירה בכל שבתות השנה; ובתורתו בשם הבעש״ט שקיבל ממורו הבעל ח״י (הוא אחי׳ השילוני) אשר כל ימות השנה מקבלים משבת בראשית,

יהי רצון שכתחלת ופתח פרשת בראשית של התורה ושל העולם — יהי אור, גם בתחלת עניני העולם קטן זה האדם, הן עניניו שהם בבחי׳ שמים וצבאי׳ (ענינים רוחנים), הן עניניו שהם בבחי׳ ארץ וצבאי׳ (ענינים גשמיים),

אור לכל פירושיו, אור נראה ונגלה.

והדרך להמשיך את כל האמור עתה ולמטה מעשרה טפחים ובגלוי, מובן מתורת הבעש״ט, אשר אור האמור (אור שנברא ביום ראשון) גנוז בתורה,

והרי תכונת אור זה שאדם צופה ומביט בו — מסוף העולם ועד סופו,

הנהגה ע״פ הוראות תורתנו תורת חיים — מסוף העולם (קטן — האדם) ועד סופו, בכל דרכיך דעהו.

בברכה לבשו״ט

---

מאמר רבנו הזקן: שיחת שבת בראשית תש״ה (ס׳ המאמרים תש״ט ע׳ פב).

ובתורתו בשם: שיחת יד׳ תשרי השי״ת (ס׳ המאמרים תשי״א ע׳ נט).

ופתח.. העולם: ראה ב״ר רפ״ג: האורה נבראת תחלה. וראה ס׳ הבהיר טז.

מתורת הבעש״ט: ראה כתר ש״ט (ו, ד*): הקשה הה״מ בשם הבעש״ט וכו׳. וראה זח״ג רסד, א. ז״ח רות פה, ב.

צופה ומביט: חגיגה יב, א.

דעהו: ראה ב״ר פ״ג, ו: הבדילו לו.

---

*) בהוצאת קה״ת: יא, א ואילך. המו״ל.

***

# לך לך

ב״ה, ה׳ מ״ח ה׳תשכ״ב
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

מכ׳ נתקבל.

ויהי רצון אשר בכל עניניו יבשר טוב בטוב האמתי,
וע״פ מה שנתבאר בתחלת וראש פרשת שבוע זה:

לך לך: ההוראה כללית היא ללכת לך — לאמיתית מציאותך ועצמותך — העצם של כאו״א מזרע אברהם אבינו,
וזהו ע״י עזיבה והליכה
מארצך: ענינים הארציים והחומריים, גסות נהי״ם דנה״ב,
וממולדתך: מה שבא מצד הרגילות, מדות דנה״ב,
ומבית אביך: מוחין דנה״ב,
וזוהי הדרך שבאים
אל הארץ — העליונה — אשר אראך.

וכידוע מהבעש״ט בשם הרס״ג כי עיקר בריאת האדם בעוה״ז לשבר מדות כו׳ שלו כו׳ וז״ש לך לך גו׳,

ובדרגא נעלית יותר — מענה אדה״ז להצ״צ: כל ענין החסידות לשנות טבעי מדותיו.

וציווי ה׳ ע״י עבדיו רבותינו נשיאינו ה״ז גם נתינת כח,

אלא שצ״ל: דוקא — אתה בבחירתך.

המצפה לבשו״ט בכהנ״ל

---

לך — לאמיתית: ראה בכ״ז סד״ה לך (הא׳ והב׳) בהמשך רס״ו. זח״א ר״פ לך.
וכידוע מהבעש״ט: כתר שם טוב ג, ג.*
מענה אדה״ז: לקו״ד שמח״ת תרצ״ד ס״ו.

⁂

---

*) בהוצאת קה״ת: ד, ד — ה, א. המו״ל.

# ו י ר א

**ב״ה, י״ז מ״ח תשי״ט**
**ברוקלין, נ. י.**

. . . בענינא דיומא דפרשת השבוע: ויטע אשל בבאר שבע, ויקרא שם בשם ה׳ א־ל עולם, ויגר אברהם בארץ פלשתים ימים רבים ואח״כ נסיון העקידה וכו׳.

שע״י ענין הצדקה דבכל מאדך (שזהו ענין אש״ל, שלא לבד שנתן להם כדי צרכם של העוברים ושבים, אלא גם נטע פרדס, בכדי שיהיו גם פירות, שזהו ענין של תענוג, ועוד יותר נטע פונדק, בכדי שיהי׳ להם אש״ל בכל הפרטים, ועוד נטע סנהדרין, שזהו תכלית העלי׳ גם בענינים הרוחניים, ומר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי).

הנה מלא התפקיד לגור בארץ פלשתים — עוה״ז הגשמי — ימים רבים, שזהו אורך הגלות, שכל רגע בו ה״ז כימים רבים (היפך מענין הטוב שאַז ויהיו בעיניו כימים אחדים), והגיע לתכליתו, העקידה נסיון מס״נ בפועל, וק״ל.

בברכה לבשו״ט

⁂

# ת ו ל ד ו ת

**ב״ה, כ׳ מרחשון ה׳תשכ״א**
**ברוקלין, נ. י.**

**שלום וברכה!**

**צו דער דערפרייענדער געלעגנהייט פון דער „דרייצן־יאָר״ פייערונג פון אייער רבנות שטעלע אין דער קהלת קודש בית הכנסת ובית המדרש... — מוצאי שבת קדש הבע״ל,**

**שיק איך אייך, דעם חשוב׳ען פרעזידענט, גבאים און אַלע מעמבערס שי׳, מיין באַגריסונג און ברכה.**

**די געשעעניש פון דער וואָך האָבן, ווי באַוואוסט, אַ שייכות צו דער**

ווי באַוואוסט: זע של״ה אָנהייבס פ׳ וישב. קונטרס ביקור שיקאגא ע׳ ז*.

*) סה״ש תש״ב ע׳ 29. המו״ל.

סדרה פון דער וואָך. אַזוי ווי די פייערונג קומט פאַר אָנהויב וואָך פון פרשת תולדות, קען מען געפינען אַ הוראה (אָנווייזונג) באַלד אין דעם ערשטן פסוק פון דער סדרה — יצחק בן אברהם, אברהם הוליד את יצחק.

די ווידערהאָלונג „יצחק דער זון פון אברהם, אברהם האָט געבוירן יצחק" אין דער תורה הק' — וואָס תורה איז דאָך פון לשון הוראה, אַן אָנווייזונג און לערע ביז אין טאָג־טעגלעכן לעבן — אונטערשטרייכט דעם פאָלקאָמענעם צוזאַמענבונד פון אידישע דורות, עלטערן און קינדער.

גאָר אָפט הערן מיר, אַז קינדער נעמען זיך איבער מיט זייער שיינעם טאַטען און זיידען; דאָס איז אָבער בלויז דער ענין פון „יצחק בן אברהם". עס דאַרף אויך זיין „אברהם הוליד את יצחק", אַז דער טאַטע און זיידע זאָלן קענען האָבן אמת־אידישע שטאָלץ און נחת פון זייערע קינדער און אייניקלעך. ניט נאָר די קינדער זאָלן האָבן „זכות אבות", נאָר אויך די עלטערן זאָלן האָבן „זכות בנים".

דאָס איז אייגנטלעך דער איגערלעכער צוועק פון אַ בית הכנסת־בית המדרש: עס זאָל דינען ניט נאָר אַלס מקום קדוש צו דאַוונען און לערנען, נאָר אַז די קדושה זאָל אריבערגעטראָגן ווערן און פאַרבינדען די שול מיט די הייזער פון די מעמבערס, פון גאָר יונג ביז גאָר אַלט. און דאָס איז אויך די אויפגאַבע פון דעם רב און גייסטיגן פירער פון אַ קהלה, אַז די גאַנצע קהלה — מנער ועד זקן טף ונשים, סיי אין שול און סיי אין דער היים — זאָל זיין דורכגעדרונגען און פאַראייניקט דורך דער ליכטיקייט פון תורה און מצות און זאָל וואַקסן אַלס גאַנצע קהלה, אין פולן זין פון „יצחק בן אברהם", אברהם הוליד את יצחק". און דאָס ווערט פאַרווירקלעכט דורך דער פולער צוזאַמענאַרבעט פון דעם רב די פירער און מעמבערס פון דער קהלה.

השם יתברך זאָל אייך אַלעמען בענטשן, אַז די הצלחה פון די פריערדיקע יאָרן זאָל וואַקסן און שטייגן לאורך ימים ושנים טובות, בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בכבוד ובברכה

---

אונטערשטרייכט: זע בראשית רבה אויף דעם פסוק.

* * *

# מקץ

ב"ה, יום ג' ב' אדר שני תשג"ה
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

במענה על מכתבו משבוע העבר, ע"ד שמפרש בלימוד התלמידים בבראשית (מא, מ) ועל פיך ישק, מלשון נשיקה, ומסתייע בזה בפי' בראשית רבה, ראב"ע, בעה"ט וטעמו: שאין לבלבל מוח תלמיד מתחיל בפי' חדש, בתיבה שאפשר לפרשה כפי מושכל ראשון של התלמיד. ויש מערערים בזה כיון שרש"י פי' ישק יתפרנס מל' ובן משק ביתי. ולא ביאר במכתבו טעם המערערים וכנראה הוא מפני שרש"י מפרש באופן אחר.

והנה ברור לפי דעתי, שאין זה טעם מספיק כלל כיון שאינו נוגע אלא בפשוטו של מקרא ואין זה ענין של הלכה. ורש"י עצמו בפירושו כתב השקפתו בזה. ולדוגמא בבראשית (לג, כ): ודברי תורה כפטיש יפוצץ סלע מתחלקים לכמה טעמים, והעיד עליו נכדו הרשב"ם בפי' בראשית (לז, א): וגם רבינו שלמה אבי אמי... והודה לי שאילו הי' לו פנאי הי' צריך לעשות פירושים אחרים לפי הפשטות המתחדשות בכל יום. ואין להאריך בדבר הפשוט. כל זה בנוגע להשאלה אם אפשר לבחור בפי' ראב"ע וכיו"ב במקום שרש"י מפרש באופן אחר.

אבל בנוגע לפי' פשט הפסוק ועל פיך ישק כל עמי יש לעיין בו.

דהנה תרגום אונקלוס, תרגום ירושלמי, ורש"י פירשו ישק — יתפרנס.

התרגום — כפי שהבין בו הערוך מע' נשק — ראב"ע (ופי' נשיקה אמר הראב"ע שהוא בדרך רחוקה, אף שהביא (תהלים ב, יב) המנהג לנשק את המלך ועיין ב"ר פ"ע נשיקה של גדולה) רשב"ם ושרשים לרד"ק פירשוה מל' נשק — אשר כל אלה הם ראשי הפשטנים במקרא — ובלשון נשיקה לא מצאתי לע"ע אלא בב"ר וזהר (ח"א קצו, א) ומובן אשר הן מ"ר הן הזהר מפרשים גם בדרך רמז ודרוש, כן מה שכתב בעה"ט הוא לפרש רמז המסורה אשר תיבת ישק נמצא ב"פ בתנ"ך, ואין זה הכרת שיהי' פירושם שוה בשני המקומות. ודוגמא בסדרה זו: לקמן (מג. לד) בתיבת משאת, שהביא בעה"ט את המסורת: ב' במסורה וישא משאת, משאת שוא ומדוחים, אף שבכאן פי' משאת הוא מנה או מתנה ובאיכה נבואה.

והנה מה שמאנו כהנ"ל בפי' ישק ל' נשיקה, נראה לי שהוא מפני כי אז יש לבאר הכתוב בשני אופנים א) על פיך — ע"פ ציוויך — ישק — לי, לפרעה — כל עמי, וכמ"ש במתנות כהונה בפי' הב"ר פצ"א, ולפי זה הוא מקרא חסר תיבת „לי". ב) על פיך — אותך — ישק כל עמי, אבל לא נמצא בכתוב

הביטוי נשיקה „על" כי אם „וישק לו" — ובאיוב (לא, כז) ותשק ידי לפי —, אף שנמצא בלשון חכמים במשנה ר"ה פ"ב מ"ט ונשקו על ראשו ובברייתא נושקין על גבי היד (ברכות ח, ב).

ולכן לפי דעתי, יש לפרש ע"פ ישק כל עמי, אם מלשון משק כפרש"י או עכ"פ מלשון נשק, אף שלא נמצא במקום אחר בלא נו"ן. ולבאר לתלמידים אשר רק שריד מעט נשאר מלשוננו בספרי התנ"ך — ובלשון הרמב"ם בהקדמתו לספר המצות „לשון ספרי הנבואה... קצר בידינו" — ולכן כמה תיבות וביטוים לא נמצאו בהם אלא פעם אחת . .

בברכה לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה

...בפשיטתא תרגם הפסוק „ועל מלת פומך נסב דינא כולא עמא". וכן בתרגום השבעים והוולגאטא תרגמו „ישמע".

וא"כ פי' כוונת הענין ולא תרגום התיבה בדיוק אבל ג"ז קרוב לפי' מל' משק או נשק ולא נשיקה, כי לפי' האחרון הוא ענין של כבוד ולא שמיעה לפקודתו.

⁂

# ו י ח י

ב"ה, כ"ד טבת, ה'תשכ"א
יארצייט פון דעם אלטן רבי'ן
בעל התניא והשולחן ערוך,
זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע.
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

דער פאלגענדער סיפור־תורה (דערציילונג וואס דינט אלס לערע) פון דעם אלטן רבי'ן (וועמענס יארצייט איז היינט, ווען דער דאזיקער בריף ווערט געשריבן), וואס מיר האבן געהערט פון דעם רבי'ן דעם שווער...

ווען דער צמח צדק איז געווען א קינד און האט געלערענט דעם פסוק ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה. האט אים זיין מלמד פארטייטשט דעם פסוק, אז יעקב אבינו האט געלעבט די זיבעצן בעסטע יארן פון זיין לעבן

---

סיפור־תורה: זע „היום יום" יח טבת.
פארטייטשט: לויט בעל הטורים. זע אויך זהר חלק א' רטז, ב.

אבות, איז זיינע בעסטע יארן זיינען גערעכנט די יארן וואס ער האט געלעבט אין גלות אין מצרים, די אומרייניסטע פון אלע לענדער?

האט אים דער אלטער רבי געענטפערט: עס שטייט ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות לפניו גשנה, דערקלערט דער מדרש (ווי רש״י ברענגט אראפ), אז יעקב אבינו האט פאר זיין פארן אין מצרים געשיקט אהין יהודה׳ן צו גרינדן פאר אים דארט א ישיבה וואו די שבטים זאלן לערנען תורה. אז מען לערנט תורה ווערט מען נעענטער צום אויבערשטען ברוך הוא, און אויך אין מצרים איז געווען ויחי — געלעבט.

* * *

די לערע דערפון איז: ווען אידן גייען זיך באַזעצן אין אַן ארט, ווען דאָס זאָל ניט זיין און וואו דאָס זאָל ניט זיין, איז די ערשטע זאַך דאַרף זיין — גרינדן דאָרט אַן אָרט צום לערנען תורה, און ניט נאָר פאַר דעם אַלטן דור (יעקב, דער פאטער) נאר, ווי אויבן געזאגט, אז די שבטים, די קינדער און יונגער דור, זאלן לערנען תורה. און בשעת מען אנערקענט אז דאס איז דער אָנהייב און יסוד פון אידישן לעבן און אַן אידישן ישוב, פאַרפעסטיקט מען און מען ברייטערט אויס דעם תורה־מוסד און עס ווערט געשאפן א מרכז פאר תורה. און דאס פארזיכערט אז די יארן זאלן זיין די בעסטע יארן, כאטש אויסערלעך איז מען אין גלות.

אויך, ווי געזאגט — דורך דעם ווערט מען דערנעענטערט צום אויבערשטן, דער בעל־הבית פון דער וועלט. און מען באקומט אין א פאַרגרעסערטער מאָס דעם אויבערשטנ׳ס ברכות פאַר אַלע באַדערפענישן, ניט נאר די לערנער אליין, נאר אויך די שטיצער און עסקנים וועלכע דערמעגלעכן דאס לערנען און פארשפרייטן תורה און מצות...

---

סיפור־תורה: זע „היום יום״ יח טבת.

פארטייטשט: לויט בעל הטורים. זע אויך זהר חלק א׳ רטז, ב.

מען לערנט תורה כו׳: זע מדרש, געבראכט אין רד״ק יהושע יא, טז. פרקי דר״א פל״ט.

נעענטער: זע זהר חלק א׳ ריא, א.

***

# שמות

ב"ה, ז' טבת, ה'תשי"ז
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

...פאררופנדיק זיך אויף דעם באקאנטן ווארט פון דעם אלטן רבי'ן בעל התניא והשלחן־ערוך, דער באגרינדער פון תורת חסידות חב"ד, אז „א איד דארף לעבן מיט דער צייט" — מיט דער צייט און מיט דעם גייסט פון דער סדרה פון דער וואָך, ווייל איך אין קורצן זיך אָפּשטעלן אויף דער ערשטער פרשה: ואלה שמות בני ישראל, וואָס דאָס איז די תורה־צייט ווען די חגיגה קומט פאָר.

אין דער דאזיקער ערשטער גלות־פרשה ווערט דערציילט ווי אזוי א הייפעלע אידן, זיבעציג נפשות, אין א פרעמד לאנד, צווישן א גרויסן און מעכטיקן פרעמדן פאלק אין מצרים, האט זיך גאר ניט פארלארן, גאר ניט נתפעל געווארן; די ערשטע אידן אין דעם ערשטן גלות האבן פארשטאנען, אז דער סוד פון זייער עקזיסטענץ איז אין זייער אנדערשקייט, אידענטיטעט און זעלבסטשטענדיקייט, וואס זיי האבן אפגעהיט שטרענג און אן־פשרות'דיק, און ווי חכמינו זכרונם לברכה דערקלערן, אַז אין זכות פון דעם וואָס זיי האָבן ניט געענדערט זייערע נעמען און זייערע מנהגים (שלא שינו את שמם כו') זיינען זיי אויסגעלייזט געווארן פון גלות. ניט נאר האט דער דאזיקער אידישער באוואוסטזיין פארהיט זיי פון פרעה און די מצריים, נאר עס איז געווען כן ירבה וכן יפרוץ, זיי האבן זיך פארמערט אין צאל און זיינען געווארן שטארקער אין גייסט, ביז זיי האבן זוכה געווען צו דער גאולה און צו קבלת התורה, וואס האט ליכטיק געמאכט די גאנצע וועלט און פארפאלקאמט דעם תכלית פון וועלט־באשאף.

אין דער דאזיקער פרשה פון תורתנו הקדושה, תורת חיים, געפינט זיך די פונדאמענטאלע לערע פאר אלע אידן אין אלע צייטן און אין אלע דורות פון גלות, בפרט פאר אונזער דור, ווען דער גלות האט אנגענומען די שארפסטע פאָרמען פון ליידן און פאַרניכטונג ח"ו, פיזישע און גייסטיקע. אומעטום זיינען אידן א קליינע מינאריטעט ארומגערינגלט פון א פרעמדער און פיינטלעכער וועלט, א וועלט וואו די עלעמענטארסטע מענטשלעכע רעכט און מאראל איז פולשטענדיק אונטערגראבן, וואו ליכטיקייט איז פארטוישט מיט פינסטערניש און פינסטערניש מיט ליכטיקייט, א וועלט וואס לעבט אין שרעק פון אטאמישער זעלבסטפארניכטונג ר"ל.

אין דער דאזיקער צייט פון פינסטערן גלות מוזן מיר אידן געדיינקען די אנווייזונגען פון דער ג־טלעכער תורה, תורת חיים, אז בלויז דורך אונזער אנדערשקייט און גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט וואס שטיצט זיך אויף דער תורה און מצות, בלויז דורך אן אומפשרות׳דיקן תורה־טרייען חינוך, קענען מיר פארזיכערן דעם קיום פון אונזער פאלק, סיי גייסטיק סיי פיזיש...

בכבוד ובברכת כל טוב

***

ב״ה, ח״י טבת תשכ״א
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

מאשר הנני קבלת מכתבו.

ועפ״פ פרשת שבוע זה, כתורת רבנו הזקן (תורת מורנו הבעש״ט) בהענין של: א) וירא (ואתגלי) מלאך ה׳. ב) בלבת אש. ג) מתוך הסנה —

יהי רצון שיבשר טוב בהפעולות אודותם כותב, אשר נקודתם הפנימית היא, התאחדות שני הענינים, לבת אש, רשפי׳ רשפי אש שלהבת י״ה (תפלה וכיו״ב — שתוכנה עלי׳ מלמטה למעלה, כענין האש), וירא התגלות למטה (תורה ומצותי׳ — שתוכנה, בכללות מלמעלה למטה).

ויהי׳ זה מתוך הסנה, עולם הזה, מקום צר, צרה — לעשות מצרה צהר ע״י אור התורה והמצות.

בברכה לבשו״ט בכל האמור

---

כתורת רבנו: קונטרס ביקור שיקאגא שיחה ג׳*. עיין שם.
רשפי׳ רשפי: עיין המשך מים רבים תרל״ו פס״ב ואילך.
הסנה, עולם הזה: להעיר ממכילתא שם: הסנה שפל מכל אילנות שבעולם. ובתניא רפל״ו: עוה״ז אין תחתון למטה ממנו.

---

*) סה״ש תש״ב ע׳ 46. המו״ל.

***

# ב א

ב״ה ר״ח ניסן חודש הגאולה ה׳תשי״ט.

...וכמו שבאמירת משה לכל זקני ישראל, לכל ישראל — לאחרי ששמעו דבר ה׳, החודש הזה לכם גו׳ — הקדים והתחיל:

משכו וקחו — ופירשו חכמינו ז״ל: משכו ידכם מעבודה זרה, וקחו

---

זקני ישראל, לכל ישראל: ראה מכילתא כאן.

לכם צאן ושחטו — לאלהיהם של מצרים, ועשו הפסח שבכך הקב"ה פוסח עליכם.

כן גם אתם תתעוררו מראש חדש זה ולכל הימים ולחדשי השנה הבאים אחריו למשוך ידיכם, מעבודה שהיא זרה לכם, זרה לכל אחד מבני ישראל, כי עבודתו היא אך ורק, בלשון המשנה, אני נבראתי לשמש את קוני.

וקחו כו' ושחטו לאלהיהם של מצרים של כל הסביבה אשר מוגבלת היא ומדודה במצרים וגבולים של החומר והגשם.

ועשו הפסח, דילוג ולא עלי' מדרגא לדרגא כי אם לאהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למתקא שתהפכו כל עניני הגוף והנה"ב, לאור וקדושה, ובכך הקדב"ה פוסח עליכם, יחוס עליכם ויגן מכל דבר בלתי רצוי, ולראש ולראשונה — מכל הענינים המבלבלים את האדם מהליכה בדרך תורתנו תורת חיים, חיים בעולם הזה וחיים בעולם הבא.

---

שהיא זרה: ראה שבת קה, ב.
מדרגא לדרגא: לקו"ת חוקת סא, ג.
לאהפכא: זח"א ד, א. תניא ספ"י.
יחוס . . ויגן: ת"א ות"י לשמות יב, כג.

***

# ב ש ל ח

ב"ה, פורים ה'תש"ד
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

... מענה בקצרה על השאלות דשאילנא קדמיכון:

א) בדעת זקנים מבעלי התוספות שמות (יד.ב) עה"פ לפני בעל צפון נבחו תחנו, דהקשה ר"י והא אסור לומר המתן לי בצד ע"ז (סנה' סג.ב) ומתורץ שם א) דדוקא לאדם אסור ולא להקב"ה ב) דעדיין לא ניתנה התורה, ולכן אין לחוש, ע"כ התוכן. ומקשה א) הרי ע"ז שנזכר בתורה מותר להזכיר (סנה' שם) וא"כ גם בעל צפון בכלל, ב) הרי גם אחרי מ"ת מוזכר כמה שמות ע"ז בתורה*.

מענה לפענ"ד (ובהקדם דאין להקשות מדעת בעה"ת משאר מפרשי הש"ס והפוסקים — דגברא אגברא קרמית): שני אופנים יש בהזכרת שם ע"ז א) הזכרה גרידא ב) הזכרה לצורך דאז נוסף בזה גם הענין דנותן בה ממשות (ועיין הקס"ד דהרא"ש, ל' הטור יו"ד סקמ"ז וכפי' הדרישה ובט"ז שם שכתב: ורבותא זו יותר פשיטא), וס"ל לבעה"ת דבהזכרה גרידא, — אם הוזכר כבר בתורה אין איסור, אבל באופן השני אין נפקא מינה, והאם בשביל שהוזכר שם ע"ז בתורה מותר ליתן בה ממשות? אתמהה!

(ובאמת היא סברא אלימתא, וצ״ע שלא נמצא חילוק זה בפוסקים).

ואין להקשות דא״כ מה מתרץ בסנה׳ שם אמתני׳ (זבים א׳ ה׳) כמגדיון כו׳ דמותר להזכירו כיון דכתיבי בקרא, והרי לפי סברא זו גם אז אסור ליתן ממשות.

ואינה קושיא — דהנ״מ דנותן ממשות, כשאומר המתן לי בצד ע״ז, אבל כשמשערין כמגדיון כו׳ אין זה הע״ז עצמה, אלא שם המקום (וכפיה״מ) שעמדה שם הע״ז מלפנים (קודם נצחון החשמונאים — ע״פ פי׳ הר״ש) ומודדין ממקום זה ולא מפסל הע״ז, וא״כ תו ליכא אלא איסור הזכרה גרידא שנק׳ המקום ע״ש הע״ז, ופשוט.

ב) הספורנו (שמות טז, כז — כח) כתב שבלקיטת המן יש חילול שבת דתולש דבר ממקום גידולו. ומקשה דהלא המן הי׳ לחם מן השמים וא״כ אין שייך בו תלישה מן הקרקע, ובפרט שהי׳ מונח על הטל — כמרז״ל (יומא עה.ב) — ולא על הקרקע.

מענה (בהקדם, כנ״ל, שאין להקשות על הספורנו מפירש״י הראב״ע וכה״ג – דגברא אגברא קרמית), מוקשה לו – להספורנו – דמלשון הכתוב: יצאו מן העם ללקוט גו׳ עד מתי מאנתם לשמור מצותי ותורתי ראו כי ד׳ נתן לכם השבת גו׳ משמע דבהלקיטה לחוד הי׳ ענין של עבירה דחילול שבת, ולכן מפרש — דכמו דמצינו בשבת (קז, ב. — ולא בפ׳ כלל גדול) איסור תולש בעוקר כשותא מהיזמי (וכן בעוקר פוטרא מאונא דחצבא, שם) אף שבין לילה הי׳ והוא עוקרו מן העצים ומן האבנים — ולא מן הקרקע, ומפרש הטעם בש״ס משום דהיינו רביתי׳ כמו״כ הוא גם במן, אף שהי׳ מתחדש בכל לילה והוא לוקטו מעל הטל ולא מע״ג הקרקע, וי״ל בשני אופנים א) דבירידתו למטה נתגשם ע״י לחלוחית הקרקע ב) דבירידתו למטה גדל מלחלוחית הקרקע — (ותלוי בב׳ הפי׳ ברמב״ן שם טז, ו) . . .

***

# יתרו

ב״ה, כ״ד טבת הלולא של כ״ק רבינו הזקן תשג״ה.

...במכילתא — הובא בפירש״י עה״ת שמות (יט, ג) — שהקדים הקב״ה בית יעקב אלו הנשים לבנ״י זכרים. ובשמ״ר רפכ״ח הטעם שהן מזדרזות במצות, ד״א כדי שיהו מנהיגות את בניהן לתורה. ועי׳ שיחת כ״ק מו״ח אדמו״ר שליט״א, ריגא תרצ״ד*, בזה.

וכן לענין השכר ארז״ל ברכות (יז, א) גדולה הבטחה שהבטיחן הקב״ה לנשים יותר מן האנשים.

---

ובפרט בזמננו עקבתא דמשיחא הנה עיקר העבודה הוא עבודת הצדקה וכמ"ש באגה"ק ס"ט ואין ישראל נגאלין אלא בצדקה, ואמרז"ל (תענית כג. ב) דבזה יתרון לנשים דיהבי רפתא על האנשים דיהבי זוזא.

וביאור מארז"ל בתענית בעבודה י"ל בדא"פ, דהנה אופן הפעולה עם זולתו — וגם עם נה"ב שלו עצמו — יכול להיות בשנים:

א) קודם כל מחפש תחבולות שיעשה חברו כל המוטל עליו בירידתו בשליחותא דמלכא בעלמא דין, ולו שיהי' בקב"ע מצד חברו, דהיינו אף שעדין אינו מבין הכרח הדבר, ואין לו אהוי"ר (עיין רמב"ם הל' תשובה פ"י סוף ה"א: שמחנכין אותן לעבוד מיראה עד שתרבה דעתן ויעבדו מאהבה). ומובן שמי שהוא בעצמו בעל קב"ע האָט ער אַ חוש והמשכה לאופן כזה, ובנקל ימצא ה„אותיות" בדבור ובמעשה שיכולות להשפיע על חברו. ועוד אופן

ב) שמתחיל בהשתדלות להסביר לחברו גדולת הבורא ואהבתו ויראתו וכו', עד שעי"ז יבוא חברו מעצמו להכרה הישרה ולקיום התומ"צ. ומובן שאופן זה חביב על אלו שהם בעלי מוחין, משכילים, שהנהגתם היא ע"פ הטו"ד בדעת חזק בל ישונה.

וזהו מרז"ל בתענית: דכשבא עני, אין עני אלא בדעת, וצ"ל כמאמר הנביא הלוא פרוס לרעב לחמך גו' כי תראה ערום וכסיתו, ופי' כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א — שיחת פורים תרצ"אי, קונטרס י"ג[2] — אז מ'זעט אַ אידן אַ נאַקעטען אָהן ציצית און אָהן תפלין וכסיתו. והוא ע"פ תדבא"ר פכ"ז וז"ל כי תראה ערום וכסיתו כיצד אלא אם ראית אדם שאין בו ד"ת הכניסהו לביתך ולמדהו ק"ש ותפלה ולמדהו פסוק א' בכ"י או הלכה א' וזרזהו במצות לפי שאין לך ערום בישראל אלא מי שאין בו תומ"צ והוא דומה למי שהוא ערום. הנה אם העני פוגש באיש, שאיש דרכו וטבעו לילך בחוץ ובמרחקים ולסחור בכסף וזהב שלו, וכמבואר הענין בעבודה בדרושי פ' וישב, הנה גם להעני נותן זוזא, אהוי"ר. וכיון שזהו גדפין — וכמש"פ בסש"ב ספ"מ — והתכלית היא העבודה מאהבה, עדיין יש להעני טורח עד שיקנה סעודתו.

אבל אם פוגש באשה, דכל מה שקנתה אשה קנה בעלה, בועליך עושיך ה' צבאות שמו — וכמש"פ בתו"א ד"ה לא תהי' דהאהוי"ר הם מתת אלקים כו' — וכמו עבד דכל מה שקנה כו', ועבודתה אינה אלא שעושה רצון בעלה, קב"ע, שגם האהוי"ר הם עד"ז, הנה נותנת להעני ג"כ ריפתא המוכן לסעודה, דמצד קב"ע יכול להיות גם בהעני שלא בהדרגה כלל. — ולהעיר מלקו"ת ס"פ וזאת הברכה, גם מסד"ה וד' אמר המכסה — דהמשך רס"ו — בפי' בינה יתרה ניתנה באשה יותר מבאיש.

ומס"נ קב"ע וקיום המצות בפו"מ זהו ג"כ ממעלת הרגל ודור דעקבתא

1) לקו"ד ח"ד תשכט, א. המו"ל.

2) בהוצאה ראשונה נדפסה שם שיחת פורים הנ"ל, ובסה"מ קונטרסים ח"א נשמט. המו"ל.

דמשיחא — עיין שיחת כ' כסלו צ"ד אות ט'3.

**ויה"ר שנזכה כלנו ב"ב להיעוד הנה אני לוקח את בנ"י מבין הגוים גו' ועבדי דוד מלך עליהם, מעשה גדול (תו"א דרושי ויגש. ועבדי דוד תרצ"ט), אשת חיל עטרת בעלה.**

**בברכת לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה**

---

3) לקו"ד ח"א קי, א. המו"ל.

***

**ב"ה, פורים ה'תשי"ד**
**ברוקלין, נ. י.**

**שלום וברכה!**

...ג) הבעה"ט (שמות כ, יג) כתב דתר"ך אותיות דעשה"ד הם לנגד תרי"ג מצות וז' מצות ב"נ, ומקשה דהא ז' מצות ב"נ ע"ז ג"ע כו' כבר נכללו בתרי"ג מצות.

מענה: אפשר הי' לומר כמה סברות בזה, אבל באמת קושיא מעיקרה ליכא דגם במספר תרי"ג מצות אין הכוונה תרי"ג ענינים כללים שונים, כי גם פרטי הענינים נחשבים כאו"א בפ"ע אם יש בהם ציווי מיוחד, ולדוגמא הל' ע"ז שיש בה כמה מ"ע ומל"ת וכאו"א מהם נחשב במנין תרי"ג (הגדרים בזה מבוארים בסהמ"צ להרמב"ם — שרש ט' — ונ"כ שם). ועאכו"כ בז' מצות ב"נ, שיש עליהם ציווים מיוחדים וחלוקים הם בדברים עיקריים ממצות אלו עצמם שבתרי"ג מצות של בנ"י — שנמנים בפ"ע.

***

**ב"ה, ערב שבת־קודש פ' יתרו, ה'תשכ"ב**
**ברוקלין, נ. י.**

**שלום וברכה!**

...די עשרת הדברות פאראייניקן אין זיך צווי, אויפן ערשטן אויגנבליק, העכסט פערשידענע גרונט־געזעצן: די ערשטע געבאטן, אנוכי, לא יהי' לך, א. ז. וו. דריקן אויס און אנטפלעקן די טיפסטע געדאנקען פון אחדות השם; די אנדערע אבער — אנטהאלטן אזעלכע פשוטע געבאטן ווי לא תרצח און לא תגנוב, וואס זיינען אייגנטלעך זעלבסטפארשטענדלעך אפילו פארן דורכשניטלעכן מענטשלעכן פארשטאנד.

אבער דער אמת איז, אז אויב מען זאל איבערלאזן די מאראלישע געזעצן, אפילו די „זעלבסטפארשטענדלעכע", צום מענטשלעכן פארשטאנד,

אַז זייער ג־טלעכן יסוד און קראַפט, קען דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד, מצד אייגן־ליבע, זיי אַזוי צעדרייען, ביז אַז אַן עבירה ווערט אויסגעטייטשט גאָר אַלס אַ „מצוה״. אויסטייטשנדיק די געבאָטן פון „לא תרצח״ און „לא תגנוב״ פון שטאַנדפונקט פון אייגענער גונסט, האָבן פיל פעלקער פון דער וועלט און פיל יחידים גע׳כשר׳ט זייערע אַבשויליכע צוועקן, שוין אָפגערעדט פון בערעכטיגן די מיטלען, ווי צו צוקומען צו דעם צוועק — ווי ס׳איז, צו אונזער באַדויערן, קלאָר באַוויזן געוואָרען — און ספּעציעל אין די גאָר לעצטע יאָרן.

אויב אָפּוואָרפנדיק, אָדער אפילו אָפּטיילנדיק, דעם „אנוכי״ און „לא יהי׳ לך״ פון „לא תרצח״ און „לא תגנוב״, האָט מען ניט געקענט אויסהיטן די מענטשהייט פון רציחה און גניבה אויפן ברוטאַלסטן אופן, איז דאָך געוויס אַז מען קען ניט אויסהיטן פון „לא תרצח״ און „לא תגנוב״ אין אַן „איידעלערן״ אופן, ווי שפיכת־דמים דורך המלבין פני חברו, און גניבת־דעת אד״ג.

די עשרת הדברות אונטערשטרייכן, און די דערפאַרונג האָט עס מערמאָלט באַשטעטיקט, אַז אפילו די איינפאַכסטע געזעצן פון מאָראַל און עטיק מחן האָבן דעם ג־טלעכן יסוד פון אנוכי און לא יהי׳ לך — און נאָר דאַן האָבן זיי אַ קיום.

דאָס אויבנדערמאַנטע איז אויך דער הויפּט צוועק און די אויפגאַבע פון חינוך על טהרת הקודש: איינצופלאַנצן אין אונזערע קינדער זייער דרך חיים לויט דער תורת חיים — אַ לעבנס־וועג, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אויפן פעסטן באָדן פון תורה און מצוות, וועלכע גיבן דעם אמת׳ן אינהאַלט אין לעבן און זיינען צוגלייך דער לעבנסקוואַל פון יעדער אידן און פון אַלע אידן...

בכבוד ובברכה

⁂

# משפטים

ב״ה, כ״ה שבט ה׳תשט״ו
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

...עס איז אַ מנהג ישראל צו פאַרבינדן די געשעענישן פון דער וואָך מיט די ענייני דיומא פון דער סדרה פון דער וואָך, לויט דעם באַרימטן וואָרט פון דעם אַלטן רבי׳ן בעל התניא והשלחן־ערוך, וואָס מיר האָבן מערערע מאָל געהערט פון כ״ק מו״ח אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע, אַז מ׳דאַרף לעבן מיט דער פרשה פון דער וואָך. איז דאָס פיל־באַדייטנד וואָס די פרשה ואלה

המשפטים פון דער וואָך ענטהאַלט אייגנטלעך ס׳רוב אַזעלכע מצוות, וואָס לכאורה דאַרף מען גאָר ניט אָנקומען דוקא צו מתן תורה, וואָרום דער נאָרמאַלער שכל פון אַ נאָרמאַלן מענטשן פאָדערט און באַרעכטיקט זיי. נאָר דאָס איז אַן אָפּלערע און אָנווייזונג אויף אַלע צייטן און אַלע ערטער, אַז אפילו די איינפאַכסטע זאַכן וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט יושר און שכל האָבן בלויז דאַן אַ ווירקונג אויף דעם מענטשן און פאַרהיטן אים פון יצר לב האדם רע מנעוריו — אויב זיי זיינען באַזירט אויף „נעשה ונשמע״ פון קבלת התורה, דאָס הייסט, אויף דעם געפיל פון אמונה און קבלת עול פון דעם אויבערשטן, רבון כל העולמים, אַז דאָס זיינען זיינע געבאָטן און דעריבער מוז מען זיי פאָלגן; אָן דעם קען מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם מענטשלעכן שכל און יושר. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז וואו עס פעלט דער יסוד פון אמונה און רעליגיעזע דערציאונג, גייט דער מענטש ר״ל גאָר אָפּט אַראָפּ פון דרך הישר און טוט זאַכן וואָס זיינען דער היפך פון יושר און אפילו דער היפך פון שכל...

דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז אייער שול זאָל אויך ווייטער, לאורך ימים ושנים, געניסן פון דער אָנפירערשאַפט פון אייער חשוב׳ן רב און מנהיג דער פאַרברענגער פון אמונה און תורה־געזעצן צווישן אייערע מתפללים און חברים, וכמו שנאמר, המשפטים אשר תשים לפניהם, פאַר זייער גייסטיקער און מאַטריעלער טובה, ווי אויך פאַר זייערע בני בית שיחיו.

בכבוד וברכה

***

ב״ה, כ׳ שבט תשכ״א
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

...והרי האמור הוא גם מענינא דיומא, פרשת השבוע וראשיתה, ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, להראות פנים וכו׳ ובלשון רבנו הזקן (הלכות ת״ת סוף פרק ג׳) עד שיבינו (התלמידים) עומק ההלכה בטעמה היטב לשום לפניהם טעם המיישב תלמודם ומשימו בלבם וכו׳.

ויהי רצון שיקוים בהתלמידים והמשימים לפניהם, גם פירוש רבנו הזקן, בספרו תורה אור על הכתוב האמור, לפניהם — לפנימיותם.

אשר בהאמור מתורץ ג״כ — התמי׳ לכאורה, דהרי בודאי חיוב השימה לפניהם הוא בכל לימודי תורתנו, ובעיקר זקוקים לציווי האמור דוקא בחלק החוקים ולא בהמשפטים כלשון הכתוב, שהרי מצות השכליות בנקל יותר להבינם בטעם המיישב תלמודם, ולא בהענינים עליהם נאמר, חקה חקקתי גזירה גזרתי ואין לך רשות להרהר אחריהם.

וע״פ פירוש הפנימי, בפנימיות התורה, שבדורנו נתגלתה בתורת החסידות, שימה בפנימיות הנפש, מתורץ בפשטות, כי מצות השכליות המובנות ומושגות בטוב טעם ודעת, אין מעוררות כ״כ פנימיות הנפש ומתקשרות עמה, משא״כ חוקים וגזירות, ולכן צריך לכתוב שגם בהמשפטים צריכה להיות השימה בפנימיות.

ועפ״ז מתורצת עוד פליאה, על שתחלת המשפטים הוא בדין קניית עבד עברי הנמכר בבית דין בגנבתו, שלכאורה גם זה אינו מובן כלל וכלל, כי למה להתחיל בגנות שעבר על מצות ה׳ ועד כדי כך שאין לו לשלם הגניבה וטרם למדנו כמה על הגנב לשלם. ואינו נוהג אלא בזמן שהיובל נוהג וכו׳.

וע״פ האמור מובן גם זה, כי ההשתדלות שתהי׳ השימה דתומ״צ לפנימיות הנפש, ה״ז השתדלות הקשורה ביגיעת נפש ויגיעת בשר, כי אף שמורא בו״ד על כל אחד לא כן הוא במורא שמים וכדברי ר״י בן זכאי, לואי שיהא מורא שמים וכו׳ (עיין תניא קדישא פרק מא׳) — שלכן הרוח שטות הנכנסת באדם לפעמים, — פועלת וגונב דעת של מעלה, אף שמורא בו״ד עליו, שבזה גרעון הגנב לגבי הגזלן כדברי ריב״ז בזה (ב״ק עט, ב).

וזוהי ההתחלה תיכף לאחרי זמן מתן תורה וכסדר הכתוב, סור מרע, שהבי״ד ראשי אלפי ישראל (עיין תניא רפמ״ב) יסייע לזה שגנב, אשר שש שנים יעבוד, ששת ימי החול, שית אלפי שנין דהוא עלמא, וביום השביעי יצא לחפשי, שבת, מנוחה לחיי העולמים, (עיין שם בתו״א).

בברכה

⁂

# תרומה

ב״ה, עשירי באדר ראשון, ה׳תשכ״ב
ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

מאשר הנני קבלת מכתבו.

ובעמדנו בפרשת השבועיות בהם מסופר ע״ד הציווי על בנין המקדש, ולאחרי זה ע״ד הקמתו בפועל.

והתחלת הציווי בזה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, שבזה גם מבוארת התכלית, ושכנתי בתוכם, וכביאור חכמנו ז״ל, ושכנתי בתוכו לא נאמר, אלא ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל.

ואופן וקיום הציווי הוא דוקא ע״י לקיחת דברים גשמים זהב וכסף וגו׳ הי״ג או ט״ו דברים האמורים בפרשה, אלא שצריך להרימם ויקחו לי תרומה, והתרמה זו באופן, אשר ידבנו לבו, ולי־לשמי.

ועוד ענין המודגש תיכף בתחלה, שההתחלה היא בציווי עשיית הארון, בו מונחים הלוחות וכמאמר רז״ל גם ספר תורה,

וגם במשכן עצמו ועד״ז במקדש נמצא הארון לפני ולפנים ומגיעים אליו רק לאחרי שעברו החצר (עזרות ואולם) והיכל.

שהביאור ע״ז הוא ההדגשה, שהתורה היא העיקר בעולם, עולם כפשוטו, ועולם קטן זה האדם ועניניו.

ובודאי לדכותי׳ למותר להאריך בלימוד מכל הענינים ומפרטיהם בנוגע לפעולות כאו״א מאתנו בתב״י במקומו ובזמנו, שהרי התורה והוראותי׳ הם נצחיים. וק״ל.

ויהי רצון אשר כמו במעשה המשכן אז, שעשה כאו״א הענינים בזריזות נפלאה המראה על השמחה והחפץ למלאות רצון קונו ולעשות נחת רוח ליוצרו, ועשו זה בטהרה וקדושה, שהרי הי׳ זה למחרת יום הכפורים שאמר הקב״ה, סלחתי כדברך.

עד״ז יהי׳ גם עתה בהנוגע לכל אחד ואחת בכל הפרטים האמורים,

ומתוך אור וחיות והתלהבות מתאימים וכפתגם הוראת כ״ק אדמו״ר הזקן, מ׳דארף לעבען מיט דער צייט, הם הוראת פרשת השבוע.

בברכה לבשו״ט בכל האמור

⁂

# ת צ ו ה

ב״ה, יום ב׳ ר״ח אדר שני תשג״ה
ברוקלין, נ. י.

**שלום וברכה!**

**בתשובה על מכ׳ ... במש״כ בענין דלא נזכר שם מרע״ה בפ׳ תצוה —** ובהוספה למענה הנדפס — הנני בזה להציע כללות הדבר, ובמילא יתורץ מה שהקשו בספרים על בעה״ט וגם מה שהעיר כת״ר במכתבו*.

